UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 15 20 15 10 001 3

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

DC 148 K8198 v.2
Kropotkin, Petr Alekseevich, kniaz
Di groyse frantsoyzishe revolutsion

Digitized by the Internet Archive
in 2011 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/digroysefrantsoy02krop

# די גרויסע
# פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן
## 1789–1793

פון

## פעטער קראָפּאָטקין

אידיש פון

## ש. יאַנאָווסקי

ארויסגעגעבען פון דער
„פרייע ארבייטער שטימע"
.1912

# די גרויסע
# פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן
## 1789–1793

---

### צווייטער באַנד

---

די פּאַסירונגען פון סעפּטעמבער 1792 ביז צו דער רעאַקציע
פון דעם 9טען טהערמידאָר (1794).

LIBRARY
SEP 7 1972
UNIVERSITY OF TORONTO

DC
148
K8198
v. 2

# אינהאַלטס־פערצייאַניס

## צווייטער באַנד


| קאַפּיטעל | | זייטע |
|---|---|---|
| .35 | די סעפּטעמבער טעג | 3 |
| .36 | די קאָנווענשען.—די קאָמונע.—די יאקאָבינער | 22 |
| .37 | די רעגיערונג.—צוזאמענשטויסע מיט דער קאָנווענשען —די מלחמה | 36 |
| .38 | דער משפּט פון קעניג | 54 |
| .39 | דער באַרג און די זשיראָנדיסטען | 70 |
| .40 | די בעמיהונגען פון די זשיראָנדיסטען אָבצושטעלען די רעוואָלוציאָן | 82 |
| .41 | די אַנאַרכיסטען | 89 |
| .42 | די אורזאכען פון אויפשטאַנד פון דעם 31סטען מאַי | 100 |
| .43 | סאָציאלע פאָרדערונגען. — ווי פּאריז האָט געפּיהלט. — ליאָן | 113 |
| .44 | דער קריעג.—דער אויפשטאַנד אין וואַנדיי.—דער פעררעטה פון דומאָריעץ | 127 |
| .45 | די אורזאכען פון דעם נייעם אויפשטאַנד | 144 |
| .46 | דער אויפשטאַנד פון מאַי דעם 31סטען און יוני דעם צווייטען | 155 |
| .47 | די פאָלקס־רעוואָלוציאָן.—די צוואַנג־שטייער | 165 |
| .48 | די געמיינדע לאַנד.—וואָס די געזעצגעבענדע פערזאמ־לונג האָט דערמיט געמאַכט | 173 |
| .49 | דאָס לאַנד ווערט צוריקגעגעבען צו די קאָמונען | 184 |
| .50 | די ענדליכע אָבשאפונג פון פעאָדאַלע רעכטע | 193 |
| .51 | די נאַציאָנאַלע גיטער | 200 |

קאפיטעל | זייטע

52. דער קאמפף געגען הונגער.—דער מאקסימום.—פאפיר־געלד 207

53. די געגען־רעוואלוציע אין ברעטאן.—די ערמארדונג פון מאראט........................... 219

54. די וואנדיי.—ליאן.—די אויפשטענדע אין זיד־פאנקרייך 230

55. די מלחמה.—דער שונא צוריקגעטריבען............ 244

56. די קאנסטיטוציע.—די רעוואלוציאנערע בעוועגונג...... 256

57. דער רעוואלוציאנערער גייסט ווערט אויסגעוועפט...... 267

58. די קאמוניסטישע בעוועגונג.......................... 276

59. פלענער פאר די סאציאליזירונג פון לאנד־אינדוסט־ריען, לעבענס־מיטעל און אויסטויש.................. 288

60. דער סוף פון דער קאמוניסטישער בעוועגונג.......... 298

61. די גרינדונג פון דער צענטראלער רעגיערונג.—אונ־טערדריקונגען.................................. 310

62. ערציהונג.—די מעטרישע סיסטעם.—דער נייער קא־לענדאר. אנטי־רעליגיעזע בעוועגונג................ 325

63. די סעקציאנען אונטערדריקט......................... 340

64. דער קאמפף געגען די העבערטיסטען.................. 347

65. די העבערטיסטען געשטירצט.—דאנטאן הינגעריכטעט.... 360

66. ראבעספיער און זיין גרופע............................ 371

67. דער טעררא‌ר........................................ 378

68. דער נייגטער טהערמידאר.—דער טריאומף פון דער רעאקציע........................................ 388

שלוס קאפיטעל: וואס די פראנצויזישע רעוואלוציאן האט אויפגעטהאן.......................................... 404

## פינף־און־דרייסיגסטער קאפיטעל.

# די סעפטעמבער טעג.

דעם פאָלקס'ס מורא'דיגער צאָרן. — די הריגות אין אַבבעי־געפענגניס. — די קאָמונע פּראָבירט מאַכען א סוף צו די הריגות. — זיי ווערען פאַרטגעזעצט. — די שטעלונג פון די זשיראָנדיסטען. — די ערקלערונג פאר דיזע הריגות. — דער אויפרוף פון דער פער־זאַמלונג צום פאָלק. — דער סוף פון די הריגות.

---

דער גלאָק, קלינגענדיג איבער גאנץ פאריז; די פויקען, קלאפּענדיג אין די גאסען; די אלארם־ביקסען, וועמעס שיסע־רייען האָבען זיך געהערט יעדע פיערטעל־שטונדע; די ליעדער פון די פרייוויליגע סאָלדאטען, וועלכע האָבען זיך געלאָזען צום גרענעץ — דאָס אלעס האָט בייגעשטייערט יענעם זונטאג, דעם 2טען סעפּטעמבער, אויפצובלאָזען ביז צו דער העכסטער מדרגה דעם צאָרן פון די פאריזער.

באלד נאָך מיטאג האָבען אָנגעהויבען מאסען מענשען פער־זאַמלען זיך ארום די געפענגניסע. מאנכע פּריעסטער, (ארום 25) וועלכע זיינען אריבערגענומען געוואָרען נאָך דעם אבבעי־געפענגניס אין פערמאכטע קאַטשען, זיינען אַטאַקירט געוואָרען אין גאס פון די פעדערירטע פון מארסעל אָדער אַוויניאָן. פיער פריעסטער זיינען געטויטעט געוואָרען, נאָך איידער זיי האָבען דערגרייכט דאָס געפענגניס. צוויי זיינען געטויטעט געוואָרען אָנקומענדיג אהין, ביים טויער. די אנדערע זיינען אריינגענומען געוואָרען אין געפענגניס; אבער גראדע, ווען מען האָט מיט זיי דורכגעמאכט די איינפאכע צערעמאָניע פון שטעלען זיי

געוויסע פראגען, האט א מאסע מענשען, בעוואפענט מיט פיקעס, שווערדען און סאבליעס, זיך ארייגעבראכען אין געפענגנים און געטוידטעט אלע פריעסטער, מיט דער אויסנאהמע פון דעם פריעסטער פיקאר, דעם הויפט פון דעם אינסטיטוט פון די טויבע און די שטומע, און זיין אסיסטענט.

אזוי האט זיך עס אנגעפאנגען די הריגה אין דיזען געפענגניס, וועלכער האט געהאט זעהר א שלעכטע רעפוטאציע אין דעם קווארטאל, וואו ער איז געשטאנען. די מאסע, וועלכע האט זיך ארומגעקליבען ארום דעם געפענגניס, איז בעשטאנען מייסטענס פון קליינע געשעפטסלייט, וועלכע האבען געלעבט אין דיזען טייל פון שטאדט, און דיזע האבען עס געפאדערט, אז אלע ראיאליסטען, וועלכע זיינען ארעסטירט געווארען זייט דעם 10טען אויגוסט, זאלען געטויטעט ווערען. עס איז געוועזן בעקאנט אין יענער געגענד, דאס די ארעסטירטע האבען געלד ביי זיך, און דאס זיי האבען אין געפענגניס פון אלערליי וואוילטאגען, דאס עס קומען צו זיי זייערע פרויען און פריינד גאנץ פריי. די ארעסטירטע האבען פעראנשטאלט אן אילומינאציע, ווען די פראנצויזישע ארמיי איז בעזיעגט געווארען ביי מאנס, און האבען געזונגען זיעגעס־ליעדער, ווען לאנגווי האט זיך אונטערגעגעבען. זיי האבען בעליידיגט די פארבייגעהער פון הינטער זייערע גראטעס און האבען געסטראשעט מיט דעם באלדיגען אנקומען פון די פרייסען און מיט דער אויסשלאכטונג פון אלע רעוואלוציאנערען. גאנץ פאריז האט גערעדט פון די פערשווערונגען, וועלכע זיינען געשפונען געווארען אין די געפענגניסע, פון וואפען, וועלכע זיינען אהין אריינגעשמוגעלט געווארען; און עס איז געוועזן ווייט און ברייט בעקאנט, דאס די געפענגניסע זיינען פראקטיש געווארען די פאבריקען פון פאלשע פאפיער־געלד, דורך וואס מען האט פרובירט צו רואינירען דעם עפענטליכען קרעדיט.

וועגען דעם אלעם האבען גערעדט די יעניגע, וועלכע האבען זיך פערזאמעלט ארום די געפענגניסע אבבעי, לא פארס און די קאנסערזשיערי. באלד האבען די פערזאמעלטע אויפגעבראכען

די טהירען און אַנגעהויבען הרג'ענען די אָפּיצערען פון די שווייצאַרישע רעגימענטען, די קעניגליכע גוואַרדיע, די פּריעסטער, וועלכע האָבען געזאָלט פערשיקט ווערען, ווייל זיי האָבען זיך ענטזאַגט צו געבען זייער שבועה פון טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציע, און די ראָיאַליסטישע פערשווערער, וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרען נאָך דעם 10טען אויגוסט.

די פּלוצלינגקייט און די שנעלקייט פון דיזער אַטאַקע איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען פאַר אַלעמען די גרעסטע איבעראַשונג. ניט נור זיינען דיזע הריגות ניט געפּלאַנעוועט געוואָרען פון דער קאָמונע און דאַנטאָן, ווי די ראָיאַליסטישע געשיכטסשרייבער ווילען עס האָבען *), נור די הריגות זיינען אויך אַזוי ווייט ניט פאָראויסגעזעהן געוואָרען, דאָס די קאָמונע האָט געמוזט אָננעהמען אין איילעניש אַלערליי מיטלען, אום צו בעשיצען דעם טעמפּעל, און צו רעטען די יעניגע, וועלכע זיינען געווען אַרעסטירט פאַר חובות אָדער פאַר הינטערשטעליגע אָבצאָהלונגען, ווי אויך די דאַמען, וועלכע האָבען בעדיענט מאַריע אַנטואַנעט. דיזע דאַמען האָבען נור געקענט געראַטעוועט ווערען אונטער דעם שוץ פון דער נאַכט דורך די שלוחים פון דער קאָמונע, וועלכע האָבען אויסגעפיהרט זייער אויפגאַבע מיט

---

*) אום דאָס צו בעווייזען, דערצעהלען זיי, דאָס פּערזאָנען זיינען בעפרייט געוואָרען צווישען דעם 30טען אויגוסט און דעם 2טען סעפּטעמבער, אויף דעם פערלאַנג פון דאַנטאָן און אַנדערע רעוואָלוציאָנערען, און זיי זאָגען: „איהר זעהט אַלזאָ זעהר גוט, ווי זיי האָבען אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט זייערע פריינד!“ זיי פערגעסען אָבער צו דערצעהלען, דאָס פון די דריי־טויזענד, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרען דעם 30טען, זיינען מעהר ווי 2־טויזענד גלייך בעפרייט געוואָרען. עס איז געווען גענוג, אַז אירגענד וועלכער פּאַטריאָט פון די סעקציאָנען פון די אַרעסטירטע זאָל פאָרדערען זייער בעפרייאונג. וועגען די ראָלע פון דאַנטאָן אין די סעפּטעמבער־טעג, לייענט די פאָרזיכטיגע פאָרשונג פון אַ. ראָלאַן אין זיינע „עטיודען און לעהרען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע“.

גרזיסע שווערינקייטען און ריזיקירענדיג דערביי אליין צו ווערען געטויטעט פון די מאסען, וועלכע זיינען געווען פערזאמעלט ארום די געפענגניסע, אדער געשטאנען אין די גאסען דערביי *).

*) מאדאם דע טורזעל, די גאווערנאנטקע פון דעם יורש פון לואי דעם 16טען, און איהר יונגע טאכטער פאולין, דריי פרויען פון דער קעניגינ'ס בעגלייטונג, מאדאם לאמבאל, און די פרוי, וועלכע איז געווען איהר בעדיענערין, זיינען אלע אריבערגענומען געווארען פון דעם טעמפעל נאך דעם לאפארס געפענגניס, און פון דיזען געפענגניס זיינען זיי אלע געראטעוועט געווארען, אויסער מאדאם לאמבאל, דורך די קאמיסיאנערען פון דער קאמונע. האלב דריי ביינאכט פון דעם 2טען סעפטעמבער זיינען דיזע קאמיסיאנערען טרושא, טאיען און גאראב געקומען צו דער פערזאמלונג צו מעלדען וועגען דעם, וואס זיי האבען געטהאן. אין דעם געפענגניס לא פארס און סט. פעלאגיע האבען זיי ארויסגענומען אלע די, וועלכע זיינען געווען ארעסטירט פאר חובות. נאך דעם ווי טרושא האט געמאכט זיין רעפארט פאר דער קאמונע, ארום מיטען דער נאכט, האט ער זיך צוריקגעקעהרט צו דעם געפענגניס לאפארס, ארויסנעהמענדיג פון דארט אלע פרויען. „איך בין געווען אימשטאנד ארויסצונעהמען פון דארט 24, האט ער דערצעהלט, מיר האבען בעזאנדערס גענומען אונטער אונזער שוץ די מיידעל דע טורזעל און מאדאם סענט־בריוס... צוליעב אונזער אייגענע זיכערהייט האבען מיר זיך צוריקגעצויגען, ווייל זיי האבען אויך אונז געסטראשעט. מיר האבען גענומען דיעזע דאמען נאך דער סעקציאן „די מענשענרעכטע", אום צו לאזען זיי דארט, ביז מען וועט זיי פראצעסירען". דיעזע ווערטער פון טרושא מעג מען זיכער גלויבען, ווייל מיר ווייסען פון דער ערצעהלונג פון פאולין טורזעל, מיט וועלכע מיה דעם קאמיסיאנער פון דער קאמונע (זי האט ניט געוואוסט, ווער ער איז געווען, און זי האט פון איהם גערעדט, ווי פון א פרעמדען) עס איז געלונגען איהר דורכצופיהרען דורך די גאסען, נאהענט פון געפענגניס, וועלכע האבען געהיט, אז קיינער כון די ארעסטירטע זאל ניט ארויסגענומען ווערען פון געפענגניס. מאדאם לאמבאל איז שוין אויך געווען באלד

אזוי שנעל, ווי עס האָבען זיך אָנגעהויבען די הריגות אין דער אבבעי־געפענגנים (און עס איז בעקאַנט, אז זיי האָבען זיך אָנגעפאַנגען האלב־דריי פאַרטאָג), האָט די קאָמונע גלייך אָנ־געגומען מיטלען געגען זיי. זי האָט גלייך געלאָזט וויסען וועגען זיי די פערזאמלונג, וועלכע האָט בעשטימט קאָמיסיאָנערען צו רעדען צום פאָלק; און ביי דער זיצונג פון דעם אלגעמיינעם ראַטה פון דער קאָמונע, וועלכע האָט זיך געעפענט נאָכמיטאָג, האָט מאַנועל, דער אדוואָקאַט, שוין ארום זעקס אַ זייגער, געגעבען אַ רעפּאָרט פון זיינע פרוכטלאָזע אנשטרענגונגען אָבצושטעלען דיזע בלוטיגע הריגות. „ער האָט דערצעהלט, דאָס די אנשטרענ־גונגען פון די 12 קאָמיסיאָנערען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג, זיינע אייגענע, און די אנשטרענגונגען פון זיינע חברים פון דער מוניציפּאַליטעט זיינען געבליבען אָהן די מינדעסטע ווירקונג, אום צו קענען רעטען די פערברעכער פון טוידט.“ אין דער אבענד־זיצונג האָט די קאָמונע ערהאַלטען דעם רעפּאָרט פון איהרע קאָמיסיאָנערען, וועלכע זי האָט געשיקט נאָך דער לאַ־פאָרס געפענגנים, און זי האָט בעשלאָסען ווידער צו שיקען אהין איהרע קאָמיסיאָנערען, אום צו בערוהיגען דאָס פאָלק.*)

---

געדעטעט פון פעטיאָן, דעם מעיאר, אָבער געוויסע אונבעקאַנטע קרעפ־טען זיינען געוועזען געגען דעם. מען רעדט פון געוויסע שלוחים פון דעם דיוק פון אָרלעאַנס, וועלכע האָבען געוואָלט זעהען איהר געטויטעט, און עס ווערען זאָגאר אָנגעגעבען די נעמען. ווי עס איז, איין זאַך איז זיכער: עס זיינען געוועזען אזוי פיעל איינפלוסרייכע פערזאָנען, וועלכע, זייט דער דימענטענעם האַלז־באַנד־אנגעלעגענהייט זיינען געוועזען פעראינטערעסירט אין דעם שטילמאַכען פון דיזער פערטרויטער פון דער קעניגין, אז די אונמעגליכקייט צו ראַטעווען איהר פון טויט דאַרף אונז ע״ם שטאַרק וואונדערען.

*) זעהט דעם פּראָטאָקאָל פון דער קאָמונע, ציטירט פון בוּשע און ראו. טאַלליען, אין זיין רעפּאָרט צו דער פערזאַמלונג, וועלבער איז אַרויסגעגעבען געוואָרען שפּעטער אין דערזעלבער נאַכט, בעשטע־טיגט די ווערטער פון מאַנועל. „דער פּראָקוראַטאָר פון דער קאָמונע,“

װעהרענד דער נאַכט פון דעם צװײטען און דריטען סעפטעמבער האָט די קאָמונע זאָגאַר בעפוילען דעם קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַל־גװאַרדיע, סאַנטעי, צו שיקען סאָלדאַטען, אום צו מאַכען אַ סוף צו די הריגות. אָבער די נאַציאָנאַל־גװאַרדיע האָט ניט געװאָלט זיך אַרײנמישען און שטערען; זאָנסט איז עס זיכער, דאָס די באַטאַליאָנען פון די געמעסיגטע סעקציאָנען װאָלטען יאַ געגאַנגען. װי עס שײנט, האָט אין פּאַריז זיך געבילדעט אַ מײנונג, דאָס װען די נאַציאָנאַל־גװאַרדיע װאָלט אַרױסגעטרעטען געגען די מאַסען, װאָלט עס אַרױסגערופען אַ בירגער־קריעג גראַדע דאַן, װען דער שונא איז אַזױ נאָהענט, און װען אײניגקײט איז געװען נױטװענדיג. „זײ צוטהײלען אײך, זײ פערזעען האַס, זײ װילען אָנצינדען אַ בירגער־קריעג", האָט ערקלערט די פערזאַמלונג דורך איהר פּראָקלאַמאַציע פון דעם 3טען סעפּטעמבער, אין װעלכער זי האָט צוגערופען צום פאָלק צו שטעהען פעראײניגט. אונטער דיזע אומשטענדען איז ניט געװען קײן אנדער װאָפע, װי צו רעדען צום פאָלק מיט גוטען, װי צו איבערצײגען איהם. אָבער אויף די רײד פון די שלוחים פון דער קאָמונע, װעלכע האָבען זיך געגעבען די מיה אָבצושטעלען די הריגות,

---

דערצעהלט ער, „איז אַװעק צוערשט צום אבבעי־געפענגניס און האָט אָנגעװענדעט אַלע מיטלען, װאָס זײַן איבערגעבענהײט און מענשליכקײט האָבען איהם דיקטירט. ער האָט אָבער ניט געקענט מאַכען קײן אײנדרוק, און ער האָט געזעהען פיעלע געטױדטעט בײ זײנע פיס. ער אַלײן איז געשטאַנען אין געפאַהר פון זײן לעבען, און זײ זײנען געװען געצװאונגען איהם אָבצורײסען פון דאָרט, אויס מורא, ער זאָל ניט פאַלען אַלס קרבן פון זײן טרײהײט." אין מיטען נאַכט, װען די מענשען זײנען אַװעק צום לאַ־פאָרס געפענגניס, „האָבען אונזערע קאַמעראַדען," דערצעהלט טאַלליען, „זײ נאָכגעפאָלגט, אָבער זײ האָבען גאָר ניט געקענט אויספיהרען. מאַנכע דעפּוטאַציעס זײנען געקומען נאָך זײ, און װען מיר האָבען פערלאָזען זײ, אום צו קומען אַהער, איז אַנאַנדער דעפּוטאַציע אַװעק צו זײ."

האָט אַ מענש גאַנץ ריכטיג געענטפערט ביי דעם אבבעי־געפענגניס, פרעגענדיג ביי מאַנועל: „ווען דיזע לומפען, די פּרייסישע און עסטרייכישע, וואָלטען אריין אין פּאַריז, וואָלטען זיי דען גענומען זיך די מיה צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען די שולדיגע און אונשולדיגע? *) און אַ צווייטער, אָדער אפשר דערזעלבער האָט צוגעלעגט: „דאָס איז מאָנטמאָרינס בלוט און די פון זיינע חברים. מיר זיינען אויף אונזער פּאָסטען. געה דו צוריק צו דיינעם. ווען אלע די, וועלכע מיר האָבען בעשטימט צו טהאָן גערעכטיגקייט, וואָלטען געטהאָן זייער פליכט, וואָלטען מיר דאָ ניט געווען **) דאָס איז, וואָס דאָס פאָלק פון פּאַריז און די רעוואָלוציאָנערען פון יענער צייט האָבען גרינדליך בעגריפען דאַן.

יעדענפאַלס, די איבערוואַכונגס־קאָמיטע פון דער קאָ־

---

*) זאָגט מיר, הערר בירגער, ווען דיזע פּרייסישע און עסטרייכישע לומפען וואָלטען געקומען נאָך פּאַריז, וואָלטען אויך זיי אויסגעזוכט די שולדיגע? וואָלטען זיי ניט געשלאָגען רעכטס און לינקס, ווי די שווייצאָרען האָבען עס געטהאָן דעם 10טען אויגוסט? וואָס מיר אנבעטרעפט, איך בין קיין רעדנער ניט, און שלעפער קיינעם ניט איין, און איך זאָג אייך, אַז איך בין אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע. איך האָב אַ ווייב און פינף קינדער, וועלכע איך וויל דאָ איבערלאָזען אין דעם בעזיץ פון דער סעקציאָן, אַזוי, אַז איך זאָל קענען געהן און קעמפּפען געגען שונא. אבער איך האָב ניט בדעה, אַז דיזע לומפען, וועלכע זיינען אין געפענגניס, צוליעב וועמען די אנדערע לומפען קומען צו עפענען פאַר זיי די טהירען, זאָלען קענען געהן און אויסשלאַכטען מיין פרוי און קינדער.“ (איך ציטיר פון פעלהעמעזי).

**) פּרודאָן אין זיין זשורנאַל גיט איבער אין דיזע ווערטער דעם ענטפער, וואָס אַ מענש פון פאָלק האָט געגעבען, ווען א דעפּוטאַציע פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג און פון דער מוניציפּאַליטעט איז געקומען מיט איהר ערשטען בעזוך צו דעם אבבעי־געפענגניס.

מונע*) אזוי שנעל ווי זי האָט זיך דערוואוסט פון דעם רעזולטאַט פון מאַגועל'ס שליחות פון דעם צווייטען סעפּטעמ־בער, האָט זי פּערעפּענטליכט פאָלגענדען אויפרוף:

„אין דעם נאָמען פון פאָלק. קאַמעראַדען, — איהר ווערט אויפגעפאָרדערט צו פּראָצעסירען אַלע געפאַנגענע אין דעם אבבעי־געפענגניס, אָהן אונטערשיעד, מיט דער אויסנאַהמע פון דעם פּריעסטער סענפאָן, וועמען איהר זאָלט ברענגען אין אַ זיכערען פּלאַץ. אין האָטעל דע־וויל. סעפּטעמבער 2. (אונ־טערשריעבען: פּאַניס, סערזשאַן, אדמיניסטראַטאָרס).“

אַ פּראָוויזאָרישער טריבונאַל, בעשטעהענדיג פון צוועלף ריכטער, אויסגעקליבען פון פאָלק, איז גלייך געבילדעט געוואָ־רען, און מאַיאַר, וועלכער איז געווען אזוי גוט בעקאַנט, זייט

---

*) די איבערוואַכונגס־קאָמיטע פון דער קאָמונע, וועלכע האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון דער פריהעריגער אַדמיניסטראַציע, און איז צוערשט געווען צוזאַמענגעשטעלט פון 15 מיטגל. פון דער מוניצי־פּאַלער פּאָליציי, איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען לויט אַ דעקרעט פון דעם גענעראַל־ראַטה פון דער קאָמונע דעם 30טען אויגוסט. זי איז דאַן בעשטאַנען פון 4 מיטגליעדער: פּאַניס, סערזשאַן, דופּלען און סודעלי, וועלכע, מיט דער צושטימונג פון ראַטה און, זעהענדיג דעם קריטישען צושטאַנד פון די פערהעלטניסע אין די פערשיעדענע און וויכטיגע טהעטיגקייטען, וואָס דאַרפען אויסגעפיהרט ווערען, האָבען צו זיך צוגענומען זיעבען אַנדערע מיטגליעדער: מאַראַט, דעפּארג, לענפאַן, לעקלערק, דורפאָר, קאַולי און גערמעי. מישלע, וועלכער האָט געזעהן דעם אָריגינעלען דאָקומענט, רעדט נור פון זעקס, דורפאָר דערמאָנט ער ניט. ראָבעספּיער איז געזעסען אין גענעראַל־ראַטה; מאַראַט האָט דאָרט אַנטהייל גענומען „אַלס אַ זשורנאַליסט“. — ווייל די קאָמונע האָט בעשלאָסען, אַז אין דעם ראַטה־קאַמער זאָל אויפגעבויט ווערען אַ געללערי פאַר אַ זשורנאַליסט. דאַנטאָן האָט פּרובירט צו מאַכען פריעדען צווישען דער קאָמונע און דער עקזעקוטיווע פון דער פערזאַמלונג, ד. ה., מיט דעם מיניסטעריום פון וועלכען ער איז געווען אַ מיטגליעד.

דעם 14טען יולי און אָקטאָבער דעם 5טען 1789, איז בעשטימט געוואָרען אַלס זיין פּרעזידענט. אַן עהנליכער טריבונאַל איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אין דעם לע־פּאָרס געפענגניס פון צוויי אָדער דריי מיטגליעדער פון דער קאָמונע, און דיזע צוויי טריבונאַלען האָבען זיך געמאַכט אַלס זייער אויפגאַבע צו רעטען די לעבענס פון די געפאַנגענע אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז נור מעגליך געווען. אַזוי האָט מאַיאַר געהאַט ערפאָלג אין דער רעטונג פון דעם לעבען פון גאַזאָט, וועלכער איז געווען שטאַרק קאָמפּראָמעטירט, און סאָמברעיל, וועלכער איז געווען בעקאַנט אַלס אַן אויסגעשפּראָכענער שונא פון דער רעוואָלוציע. בענוצענדיג זיך מיט דער אַנוועזענהייט פון זייערע טעכטער, מאַדעמואַזעל גאַזאָט און מאַדעמואַזעל סאָמברעיל, וועלכע האָבען געקראָגען די ערלויבניס צו זיין מיט זייערע פאַטערס אין געפענגניס, ווי אויך מיט דעם גרויסען עלטער פון סאָמברעיל, האָט ער אויסגעפיהרט צו רעטען זיי פון טויט און צו לאָזען זיי פריי. אויף אַזאַ אופן האָט מאַיאַר שפּעטער־צו געקענט זאָגען ווירקליך מיט שטאָלץ, אַז ער האָט געראַטעט די לעבענס פון 43 מענשען. עס איז איבריג צו זאָגען, דאָס „די גלאָז בלוט“, וואָס מאַדעמואַזעל סאָמברעיל זאָל כלומרשט האָבען אויסגעטרונקען, אום צו רעטען איהר פאַטער, איז איינע פון די געמיינע ערפינדונגען פון די ראָיאַליסטישע שריפטשטעלער.

אויך אין דעם לאַ־פּאָרס געפענגניס זיינען פיעלע פריי־געשפּראָכען געוואָרען, און לויט טאַלליען, איז דאָרט געווען בלויז איין פרוי, וועלכע האָט בעצאָהלט מיט איהר לעבען, מאַדאַם דע־לאַמבאַל. יעדע פריישפּרעכונג איז אויפגענומען געוואָרען מיט די געשרייען: „עס לעבע די נאַציאָן“, און דער פרייגעשפּראָ־כענער איז בעגלייט געוואָרען צו זיין וואוינונג פון די מענשען פון דער מאַסע מיט אַלע סמנים פון סימפּאַטהיע, אָבער די בעגלייטער האָבען אַבסאָלוט זיך ענטזאַגט אָנצונעהמען איר־גענד וועלכעס געלד ניט פון דעם, וועלכער איז פרייגעשפּראָכען געוואָ־רען, און ניט פון זיין פאַמיליע. אַזוי האָבען זיי פרייגעשפּראָכען פיעלע ראָיאַליסטען, געגען וועמען עס זיינען ניט געווען קיין

בעשטימטע בעווייזע, ווי, צום ביישפּיעל, דעם ברודער פּון דעם מיניסטער בערטראַן דעמאָלוויל; און זאָגאַר אַזאַ ביטערער שונא פון דער רעוואָלוציע, ווי וועבער, דער עסטרייכער, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען צוזאַמען מיט דער קעניגין, אַלס ברודער און שוועסטער; און זיי האָבען זיי געפּיהרט מיט טריאומף אין דער העכסטער ענטציקונג צו די וואוינונגען פון זייערע קרובים און פריינד.

אין דעם קאַרמעליטען־מאָנאַסטיר, האָבען פּריעסטער אָנגעהויבען אַרעסטירט צו ווערען פון דעם 11טען אויגוסט אָן — צווישען זיי איז געווען דער בעריהמטער אַרטשבישאָפּ פון אַרל, וועלכער איז געווען בעשולדיגט צו זיין די אורזאַכע פון דער אויסשלאַכטונג פון די פּאַטריאָטען אין יענער שטאָדט. זיי אַלע וואָלטען פערשיקט געוואָרען, ווען ניט דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט דעם 2טען סעפּטעמבער. אַ געוויסע צאָהל מענשען, בעוואַפּענט מיט סאַבליעס, האָבען זיך אַריינגעבראָכען אין מאָנאַסטיר יענעם טאָג, און נאָך אַ שנעלען פּראָצעס האָבען זיי געטוידטעט דעם אַרטשבישאָפּ, ווי אויך פיעלע פון די פּריעסטער, וועלכע האָבען זיך ענטזאגט אָנצונעהמען די בירגערשבועה. עטליכע פון זיי האָבען זיך גערעטעט, אַריבערקלעטערנדיג איבער אַ וואַנד; אַנדערע זיינען גערעטעט געוואָרען, ווי מען קען עס זעהען אין דער ערצעהלונג פון דעם פּריעסטער בערטעלע דע באַרבאָ, דורך די מיטגליעדער פון לוקסעמבורגער סעקציאָן און פון מאַנכע פּיקע־מענשען, וועלכע זיינען געווען אויף זייער פּאָסטען אין געפענגנים. דיזע מענשען־אויסשלאַכטונג האָט אויך אָנגעהאַלטען דעם גאַנצען טאָג, דעם 3טען סעפּטעמבער, און אין אָוועגד האָט די איבערוואַכונגס־קאָמיטע פון דער קאָמונע אַרויסגעשיקט צו די דעפּאַרטמענטס און קאָנווענטען פון דעם מיניסטעריום פון יוסטיץ אַ צירקולאַר, געשריעבען פון מאַראַט, אין וועלכען די פערזאַמלונג איז אַטאַקירט געוואָרען, און די דעפּאַרטמענטס זיינען רעקאָמענדירט געוואָרען צו טהאָן דאָס זעלבע, וואָס פּאַריז.

אָבער דער טומעל צווישען פאָלק איז ביסלעכווייז שטילער

געוואָרען, דערצעהלט סאַנט מיר, און דעם 3טען סעפּטעמבער, אַרום אַכט אַ זייגער, האָט ער געהערט שטימען אויסרופענדיג: „גנאַדע, גנאַדע פאַר די, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבען.“ און נאָך מעהר דערפאַר, ווייל גאַנץ ווענינגע זיינען פערבליבען אין די געפענגניסע. אָבער דאַן האָט פּאַסירט אַזעלכעס, וואָס מוז פּאַסירען. מיט די יעניגע, וועלכע האָבען אַטאַקירט די געפענג־ניסע אויס פּרינציפּ, האָבען זיך אָנגעהויבען פערמישען אַנדערע עלעמענטען, פערדעכטיגע עלעמענטען, און ענדליך איז ערשיענען דאָס, וואָס מישלע רופט אָן זעהר טרעפענד „דער ווילדער צאָרן פון רייניגונג“ — דער וואונש צו בעפרייען פּאַריז ניט נור פון די ראָיאַליסטישע פערשווערער, נור אויך פון די פאַלשע געלד־מאַכער, פון די שווינדלער, פון די פּראָסטיטוטקעס, וועלכע זיינען געווען — אַזוי האָבען זיי גזאָגט — אַלע ראָיאַליסטיש. דעם דריטען סעפּטעמבער זיינען געטויטעט געוואָרען די גנבים און די אַרעסטאַנטען אין גראַנד שאַטעלע און אין בערנאַרדין, און דעם 4טען סעפּט. איז אַוועק די מאַסע טוידטען די אַרעסטירטע אין סאַלפּעטריער און אין ביסעטר, און זאָגאַר אין די „קאָרעק־ציאָנס־הייזער“, וועלכע די מענשען האָבען בעדאַרפט רעספּעקטי־רען, אַלס אַ פּלאַץ פון ליידענדע און אָרימע, ווי זיי אַליין זיינען, בעזאָנדערס די קינדער. ענדליך האָט די קאָמונע אויסגעפיהרט צו מאַכען אַ סוף צו דיזע הריגות דעם 4טען סעפּטעמבער, לויט דער פעסטשטעלונג פון מאַטאָן דע לאַ וואַרען. בלויז אייניגע איינצעלנע מענשען־טוידטונגען זיינען פאָרגעקומען דעם 5טען.

מעהר ווי אַ טויזענד מענשען זיינען אומגעקומען אין דיזע טעג. צוויי הונדערט און צוויי פון זיי זיינען געווען פּריעסטער; זעקס און צוואַנציג זיינען געווען פון דער קעניגליכער גוואַרדיע; אַרום דרייסיג פון די שווייצאַרען, וואָס האָבען געהערט צום שטאַב, און מעהר ווי דריי הונדערט זיינען געטוידטעט געוואָרען אויף דעם גרונד פון דעם געוועהנליכען געזעץ, מאַנכע פון וועלכע, פערהאַפטעט אין די קאָנסיערזשעריע, האָבען פאַבריצירט אין דער צייט פון זייער פערהאַפטונג פאַלשע פּאַפּיער־געלד. מאַטאָן דע לאַ וואַרען, וועלכער האָט אויסגעשטעלט אַן אַלפאַ־

בעטישען ליסט פון די פערזאָנען, וואָס זיינען געטוידטעט געוואָ־רען וועהרענד יענע סעפּטעמבער־טעג, גיט אָן אַ סך־הכל פון 1086 און נאָך דריי פּערזאָנען אונבעקאַנטע, וועלכע זיינען צופעליג געטוידטעט געוואָרען. אויף דעם האָבען עס די ראַיאַליסטישע געשיכט־שרייבער אויסגעשפּונען זייערע ראָמאַנטישע געשיכטען און האָבען אָנגעגעבען די צאָהל פון די געטוידטעטע אַלס 8,000, און זאָגאר 12,852 *).

אַלע געשיכט־שרייבער פון דער גרויסער רעוואָלוציע, אָנפאַנ־גענדיג מיט בושע און ראו, האָבען געגעבען די מיינונגען פון פער־שיעדענע גוט־בעקאַנטע רעוואָלוציאָנערען וועגען דיעזע הריגות, און איין בעמערקענסווערטהער שטריך ציהט זיך דורך דורך דיזע אַלע מיינונגען, וואָס זיי האָבען פּערעפּענטליכט. און דאָס איז, אַז די זשיראָנדיסטען, וועלכע האָבען שפּעטער־צו געברויכט דיזע סעפּטעמבער־טעג, אום צו אַטאַקירען דעם ראַדיקאַלסטען פליגעל פון דער רעוואָלוציע, דעם „בארג“, זיינען אַליין אין יענע טעג מיט קיין זאך ניט אָבגעשטאַנען פון דער פּאָליטיק פון „לאָז געהען, ווי עס געהט“, וועלכע זיי האָבען נאכהער פאָרגעוואָרפען דאַנ־טאָנען, ראָבעספּיערען און דער קאָמונע. די קאָמונע איז געווען די איינציגע, דורך איהר גענעראַל־ראַטה און אויפּפּאַסונגס־קאָמיטע, אום צו מאַכען אַ סוף צו דיעזע הריגות, אָדער צו מאַכען זיי געזעצליך און אויף אַזאַ אופן צו בעגרענצען זיי, וויפיעל עס

*) פּעלטיע, דער אַרטש־ראָיאַליסטישער שרייבער און ליגנער, אָנגעבענדיג יעדע איינצעלהייט, האָט אויסגערעכענט, אַז די צאָהל פון די געטויטעטע איז געווען 1005, אָבער ער האָט צוגעלעגט, אַז עס זיינען געווען מאַנכע, וואָס זיינען געטוידטעט געוואָרען אין ביסעטער אזן אין די גאַסען, און דערפאַר האָט ער אָנגעגעבען די צאָהל פון אַלע געטוידטעטע ביז 8,000 ! אויף דאָס האָבען די היסטאָריקער בושע און רו גאַנץ ריכטיג בעמערקט, דאָס „פּעלטיע איז דער איינציגער, וואָס ערקלערט, אַז עס זיינען געטוידטעט געוואָרען אין יענע טעג אויך מענשען אויסערען געפענגניס“, אין ווידערשפּרוך צו אַלע אַנדערע שריפטשטעלער פון יענער צייט.

איז, ווען זיי האָבען געזעהען אַז עס איז ניט מעגליך אין גאַנצען זיי אָבצוהאַלטען. די אַנדערע זיינען געווען זעהר שרעקע־דיג, אָדער זיי האָבען געטראַכט, אַז זיי דאַרפען זיך גאָר ניט אריינמישען אין דעם, און די מאַיאָריטעט האָט עס גוטגעהייסען נאָכדעם, ווי די זאַך איז שוין געטהאָן געוואָרען. דאָס בעווייזט ביז צו וועלכען פונקט, ניט קוקענדיג אויף דעם געוואַלט־געשריי, וואָס איז נויטווענדיגערווייזע ארויסגערופען געוואָרען דורך דיזע הריגות, איז עס אַלגעמיין פערשטאַנען געוואָרען, דאָס דיזע הריגות זיינען געווען די נויטווענדיגע פאָלגען פון דעם 10טען אויגוסט און פון די פּאָליטישע אינטריגען און אונצווייפעלהאַפ־טער שטעלונג פון די הערשענדע קלאַסען גופא אין דעם משך פון די צוואַנציג טעג, וועלכע האָבען געפאָלגט נאָך דעם איינגעהמען פון דער טיולערי.

ראָלאַן, אין זיין בריעף פון 3טען סעפּטעמבער, וועלכער ווערט אַזוי אָפט ציטירט, האָט גערעדט וועגען די הריגות אין אַזעלכע אויסדריקע, וועלכע האָבען אַנערקענט זייער נויטווענדיגקייט. *)

---

*) „איך ווייס, אַז רעוואָלוציאָנערען טאָרען ניט געאורטהיילט ווערען לויט די געוועהנליכע כללים; אָבער איך ווייס אויך, אַז די מאַכט, וועלכע מאַכט דיזע רעוואָלוציעס, מוז באַלד נעהמען איהר פּלאַץ אונטער דעם שוץ פון געזעץ, אויב מען וויל ניט קיין געזעצליכע פערניכטונג. דעם כעס פון פאָלק אין דעם אָנפאַנג פון אַן אויפ־שטאַנד קען מען פערגלייכען מיט דער טהעטיגקייט פון אַ רייסענדען שטראָם, וועלכער וואַרפט אום די שטערונגען, וועלכע קיין אַנדער מאַכט וואָלט ניט גע־קענט פערניכטען... נעכטען איז געווען אַ טאָג פון פאַסו־רונגען, איבער וועלכע מיר דאַרפען אפשר אַראָבלאָזען דעם פאָרהאַנג. איך ווייס, אַז דאָס פאָלק, שרעקליך אין זיין ראַכע, האָט אין זיך אַ געוויסען סאָרט גערעכטיגקייט. ער האָט ניט גענומען יעדען איינעם אַלס זיין אָפּפער, וואָס איז געקומען איהם אין וועג. ער האָט זיין כעס אויסגעלאָזען אויף די, וועגען וועמען ער האָט געגלויבט, אַז זיי זיינען שוין צו לאַנג געשײַנט געוואָרען פון דעם שווערד

דער עיקר וואָס ער האָט געוואָלט איז געווען צו ענטוויקלען די טהעאָריע, וועלכע איז נאכהער געוואָרען די ליעבלינגס־טהעאָריע פון די זשיראָנדיסטען — נעמליך, דאָס אויב אונאָרדנונג איז נויטיג געווען פאַר דעם 10טען אויגוסט, מוזען איצט אַלע זיך צוריקקעהרען צו דער אָרדנונג. אין אַלעגמיין, ווי בושע און ראָו *) האָבען זעהר גוט געזאָגט, זיינען די זשיראָנדיסטישע מיניסטאָרען געווען פערנומען הויפּטזעכליך מיט זיך אַליין... זיי האָבען געזעהען מיט פעררדרוס, ווי די מאַכט גליטשט זיך ארויס פון זייערע הענד און געהט איבער צו זייערע געגנער... אבער זיי האָבען ניט געפונען קיין מאָטיוו צו פערדאַמען די בעוועגונג, וועלכע איז אָנגעגאַנגען... זיי האָבען ניט געקענט פערלייקענען, דאָס נור דיזע בעוועגונג קען רעטען די נאַציאָנאַלע אונאבהענגיגקייט, און זיך בעשיצען פון דער ראַכע פון דער אַרמיי, וועלכע ווערט געפיהרט פון דער אַרמיי פון די עמיגראַנטען."

די הויפּט־צייטונגען, אַזעלכע ווי דער „מאָניטעיר" און פּרו־

---

פון גערעכטיגקייט, און וועלכע, ווי די געפאַהר פון די אומשטענדען האָט זיי דיקטירט, זיי האָבען געמיינט, מוזען גלייך פערניכטעט ווערען. אָבער די זיכערהייט פון פּאַריז פאָדערט עס, אַז אַלע כתות זאָלען גלייך זיך צוריקקעהרען אין זייערע בעשטימטע גרענעצען."

*) עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס די זשיראָנדיסטישע מיני־סטאָרען האָבען זעהר גוט געוואוסט, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין די טורמעס. מיר ווייסען, אַז סערוואַן, דער קריעגס־מיניסטער איז אַוועק דעם צווייטען סעפּטעמבער, נאכמיטאג, צו דער קאָמונע, וואו ער האָט אָבגעמאַכט זיך צו טרעפען 8 א זייגער מיט סאַנטער, פּעטיאָן העבערט, בילא־וואַרען און אַנדערע, אום צו דיסקוטירען מיט זיי איבער מיליטערישע מיטלען. עס איז זיכער, אַז די הריגות האָבען געמוזט דערמאָנט ווערען אין דער קאָמונע, און דאָס ראַלאַן איז אינפאָרמירט געוואָרען וועגען זיי, נור דאָס סערוואַן, אַזוי גוט ווי די אַנדערע, האָבען געגלויבט, דאָס זיי מוזען זיך פערנעהמען מיט מעהר־וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען — מיט דער מלחמה ביים גרענעץ — און פאַר קיין אופן ניט אַרויסרופען קיין בירגער־קריעג אין פּאַריז.

דאַנ'ס „רעוואָלוציאָנען פון פאריז" האָבען איינגעשטימט מיט דיזע הריגות, וועהרענד די אנדערע צייטונגען און זאָגאר בריסאָ אין זיין „פּאַטריאָט פראנסעי" האָבען זיך בענוגענט מיט אייניגע קאלטע און גלייכגילטיגע ווערטער וועגען יענע טעג. וואָס אנ־בעטרעפט די ראָיאַליסטישע פרעסע, איז עס קלאָר, אַז זי האָט זיך אָנגעכאפּט אָן דיזע פאקטען, אום צו פערברייטען פאר א גאנצען לאנגען יאהרהונדערט די העכסט־פאנטאסטישע מעשיות. מיר וועלען עס ניט אונטערנעהמען איצט צו ווידערלעגען זיי. אָבער צווישען די רעפּובליקאנישע שריפטשטעלער ווערט גע־מאכט א פעהלער, אויף וועלכען עס דארף אָנגעוויזען ווערען.

עס איז אמת, אז די צאָהל פון די יעניגע, וועלכע האָבען אויסגעפיהרט דיזע הריגות אין די געפענגניסע איז ניט געווען מעהר, ווי 300 מענשען, און דערפאר זיינען די רעפּובליקאנער פון פיעלע שרייבער בעשולדיגט געוואָרען אין פייגהייט, ווארום זיי האָבען ניט געמאכט א סוף צו דיזע הריגות. קיין זאך איז אָבער ניט מעהר פאלש, ווי דיזער חשבון. די צאָהל פון דריי־פיער־הונדערט איז ווירקליך ריכטיג. אָבער עס איז גענוג צו לעזען די ערצעהלונגען פון וועבער, מאַדעמואזעל דע טורזעל, מאַטאָ דע לא ווארען און אנדערע, אום צו זעהען, אז אויב די מאָרדען זיינען געווען די ארבייט פון א בעגרענצטער צאָהל מענשען, זיינען אבער געווען ארום יעדע פּעריזאָן, אין די גאסען ארום, מאסען מענשען, וועלכע האָבען צוגעשטימט צו דיזע הריגות, און וועלכע וואָלטען אויפגענומען וואפען געגען די יעניגע, וועלכע וואָלטען פּרובירט צו שטערען זיי. א חוץ דעם, די בולעטינען פון די סעקציאָנען, די שטעלונג פון דער נאציאָ־נאלער גווארדיע און די שטעלונג זאָגאר פון די בעסט־בעקאנטע רעוואָלוציאָנערען האָט בעוויזען, דאָס יעדער האָט פערשטאנען, דאָס א מיליטערישער אריינמישען־זיך וואָלט געגעבען דעם סיגנאל פאר א בירגער־קריעג, און וועלכע זייט עס וואָלט דאן געוואונען, וואָלט עס אָבער געפיהרט צו נאָך פיעל גרעסערע און פיעל שרעקליכערע הריגות, ווי די, וועלכע זיינען אָנגעגאנגען אין די געפענגניסע.

פון דער אנדערער זייט, האָט מישלע געזאָגט, און זיינע ווער־טער זיינען זייט דאַן ווידערהאָלט געוואָרען, אַז עס איז געווען די מורא, און אַ גאַנץ גרונדלאָזע מורא, וועלכע איז אימער שרעקליך ברוטאַל, וועלכע איז עס געווען שולדיג אין דיזע הריגות. איינינגע הונדערט ראָיאַליסטען, מעהר אָדער וועניגער, אין פּאַריז האָבען ניט געקענט זיין קיין געפאַהר פאַר די רעוואָ־לוציע. אבער אזוי צו דענקען, שיינט מיר, מיינט צו אונטער־שעצען די קראַפט פון דער רעאַקציע. דיזע איינינגע הונדערט ראָיאַליסטען האָבען געהאַט אויף זייער זייט די מאַיאָריטעט, די גרויסע מאַיאָריטעט פון די גאַנץ פערמעגליכע מיטעלקלאַסען, פון דער גאַנצער אַריסטאָקראַטיע, פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג, פון דעם דירעקטאָריום פון דעם דעפּאַרטמענט, פון דער גרעסטער צאָהל פריעדענסריכטער און פון דער גרויסער מאַיאָריטעט פון בעאַמטע. עס איז געווען די קאָמפּאַקטע מאַסע פון עלעמענטען, וועלכע זיינען געווען געגען דער רעוואָלוציע, און וועלכע האָט נור געוואַרט אויף דאָס אָנקומען פון די דייטשע סאָלדאַטען, אום זיי אויפצונעהמען מיט אָפענע אָרעמס, און אָנצוהייבען מיט זייער הילפע דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען טעררֹאָר, די „שוואַרצע“ מענשען־שלאַכטונג. מיר דאַרפען נור נערענקען דעם ווייסען טעררֹאָר אונטער די בורבאָנען, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען אין 1814 אונטער דעם מעכטיגען שוּץ פון די בעוואַפענטע פרעמדע.

אַ חוץ דעם איז דאָ איין פאַקט, וועלכער ווערט ניט גענוג געווירדיגט פון די היסטאָריקער, אָבער וועלכער ערקלערט די גאַנצע לאַגע און גיט דעם ריכטיגען גרונד פאַר די בעוועגונג פון דעם 2טען סעפּטעמבער.

עס איז געווען אין דעם פריהמאָרגען פון דעם 4טען סעפּ־טעמבער, וועהרענד די הריגות זיינען נאָך אָנגעגאַנגען, ווען די פערזאַמלונג האָט בעשלאָסען ענדליך, אויף דעם פאָרשלאַג פון שאַבאָ, אַרויסצורעדען דאָס וואָרט, אויף וועלכען דאָס פאָלק האָט אזוי לאַנג געוואַרט פון די געזעצגעבער. אין אַן אויפרוף צו דעם פראַנצויזישען פאָלק האָט זי ערקלערט, דאָס די אכטונג

פאר די בעשליסע פון דער קומענדער קאָנוועגשאָן האָט גע־שטערט איהרע מיטגליעדער צו טהאָן דורך זייער רעזאָלוציאָן דאָס, וואָס זיי מוזען ערוואַרטען פון דער פראַנצויזישער נאַציאָן, אָבער דאָס זיי האָבען איצט, אַלס איינצעלנע געטהאָן אַ שבועה, וואָס זיי וואָלטען ניט געקענט טהאָן, אַלס די רעפּרעזענטאַנטען פון פאָלק: „צו בעקעמפּפען מיט זייער גאַנצער מאַכטביידע: קעניג און קעניגטהום! — קיין קעניג; אונטערגעבען זיך קיינמאָל ניט; אַ פרעמדער קעניג, קיינמאָל ניט!“ האָבען געשריעבען די מיטגליעדער. אזוי באַלד, ווי דיזער אויפרוף איז אָבגעשטימט געוואָרען, ניט קוקענדיג אויף די בעשרענקונגען, וועלכע זיינען נור־וואָס דערמאָנט געוואָרען, זיינען געוויסע שלוחים פון דער פערזאַמלונג אַוועק צו די סעקציאָנען, וואו דיזע שלוחים זיינען גלייך זעהר הערצליך אויפגענומען געוואָרען, און די סעקציאָנען האָבען עס גענומען אויף זיך צו מאַכען גלייך אַ סוף צו די הריגות.

אָבער דיזער אויפרוף איז ניט אָנגענומען געוואָרען אין דער פערזאַמלונג, איידער מאַראַט האָט געראַטהען דעם פאָלק צו טויטען די ראָיאַליסטישע לומפּען פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג; דאָס איז ניט געטהאָן געוואָרען איידער ראָבעס־פּיער האָט דענונצירט קאַררא און די זשיראָנדיסטען אין אַלגע־מיין אין דעם, אַז זיי זיינען פערטיג צו אַקצעפּטירען אַן אויס־לענדישען קעניג, און איידער די קאָמונע האָט בעפוילען אַ הויז־זוכונג אין די וואוינונגען פון בריססאָ און ראָלאַן. עס איז געווען דעם 4טען סעפּטעמבער — און נור ערשט דעם 4טען, — ווען דער זשיראָנדיסט גאָדע האָט איינגעלאַדען די רעפּרעזענ־טאַנטען צו שווערע; צו בעקעמפּפען מיט זייער גאַנצער מאַכט ביידע: קעניג און קעניגטהום. ווען אַן אָפּענע ערקלערונג פון דיזען סאָרט וואָלט אָבגעשטימט געוואָרען גלייך נאָך דעם 10טען אויגוסט, און ווען לואי דער זעכצעהנטער וואָלט דאַן גלייך געשטעלט געוואָרען צום פּראָצעס, וואָלטען דיזע מענשען־הריגות

קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. דאָס פאָלק וואָלט דאַן בעגריפען די מאַכטלאָזיגקייט פון דער ראָיאַליסטישער קאָנספיראַציע פון דעם מאָמענט אָן, ווען די פערזאַמלונג און די רעגיערונג וואָלטען ערקלערט זייער וואונש צו בעקעמפּפען די אונטערשטיצער פון טהראָן. נאָך מעהר, ראָבעספּיער׳ס פערדעכטיגונגען זיינען ניט געוועזען בלויז פאַנטאַזיעס. קאָנדאָרסע, דער אַלטער רעפּובליקאַנער, דער איינציגער רעפּרעזענטאַנט אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג, וועלכער האָט זיך אָפען ערקלערט פאַר די רעפּובליק, ווערהענד ער האָט זיך אָבגעטרייסעלט פאַר זיך — אָבער טאַקי נור פאַר זיך — פון יעדער אידעע פון צו ווינשען אויפ׳ן טהראָן דעם הערצאָג פון ברוינשוויינג, האָט פון דעסטוועגען צוגעגעבען אין דעם „כראָניק דע פּאַריז“, דאָס מען האָט צו איהם יע גערעדט מאַנכעס מאָל וועגען דעם הערצאָג פון ברוינשווייג.*) דער פאַקט איז, דאָס אין יענע איבערגאַנגס־טעג זיינען דיסקורירט געוואָרען גאָר פיעלע קאַנדידאַטען פאַר דעם פראַנצויזישען טהראָן, ווי דער דיוק אָוו יאָרק, דער דיוק פון אָרלעאַן, דער דיוק פון טשאַרטר (וועלכער איז געוועזען דער קאַנדידאַט פון דומאָריע) און דער הערצאָג פון ברוינשווייג, און ניט פון אַזעלכע פּאָליטישענס, וועלכע האָבען ניט געוואָלט קיין רעפּובליק, נור אויך פון די זשיראָנדיסטען, וועלכע האָבען ניט געגלויבט אין די מעגליכקייטען פון אַ זיעג פאַר פראַנקרייך.

אין דיזען קווינקלען־זיך, אין דיזען מאַנגעל פון עהרליכ־

---

*) קאַראַ, דער רעדאַקטאָר פון די „פּאַטריאָטישע אַנאַלען“, איינער פון די הויפּט־אָרגאַנען פון דער זשיראָנדיסטישער פּאַרטיי, האָט געריהמט ברוינשווייגען אין די פאָלגענדע ווערטער אין דעם נומער דאַטירט פון דעם 19טען יולי, 1792 : ער איז דער גרעסטער בעל־מלחמה און דער קליגסטער שטאַאַטסמאַן אין אייראָפּאַ; ער איז זעהר געלעהרענט, זעהר אויפגעקלערט און זעהר ליעבענסווירדיג. ער דאַרף נור איין זאַך, אפשר, אַ קרוין, אום צו זיין, איך זאָג ניט דער גרעסטער קעניג אויף דער ערד, נור דער אמת׳ער צוריקברענגער פון פרייהייט אין אייראָפּאַ.

קיט צווישען די שטאאטס־לייט ליעגט די ריכטיגע אורזאכע
פון דער פערצווייפלונג, וועלכע האָט בעהערשט דאָס פאָלק פון
פאריז דעם 22טען סעפטעמבער.

## זעקס־און־דרייסיגסטער קאפיטעל.

# די קאָנווענשאָן. — די קאָמונע. — די יאַקאָבינער.

די זשיראָנדיסטען. — „דער באַרג“. — „דער פעלד“. — די טהעטיג־קייט פון די סעקציאָנען זייט זייער פאָרמירונג. — די רעוואָלו־ציאָנערע קאָמונע. — דער יאַקאָבינישער קלוב און „דער באַרג“. — די יאַקאָבינער אונטערשטיצען דעם באַרג און זיינען געגען די זשיראָנדיסטען.

---

דעם 21טען סעפטעמבער 1792, האָט זיך ענדליך געעפענט די קאָנווענשאָן, יענע פערזאמלונג, וועלכע איז אזוי אָפט פאָר־געשטעלט געוואָרען, אלס דער אמת׳ער טיפּ, אלס דער אידעאַל פון אַ רעוואָלוציאָנערער פערזאמלונג. אין די וואהלען האָבען זיך בעטהייליגט אַלע בירגער, די אַקטיווע און פאסיווע, אָבער נאָך אימער אין צוויי גראַדען, וואָס דאָס מיינט, אַז אַלע בירגער האָבען צוערשט אויסערוועהלט די וואהל־פערזאמלונגען, און דיזע האָבען נאָמינירט די דעפּוטאַטען פאַר די קאָנווענשאָן. אַזאַ פאָרמע פון וואהלען איז געווען גאַנץ בעשטימט צו גונסטען פון די רייכע; אָבער אזוי ווי די וואהלען האָבען שטאַטגעפונען אין סעפטעמבער, אין סאַמע מיטען פון דער אַלגעמיינער אויפ־רעגונג, וועלכע איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם טריאומף פון פאָלק דעם 10טען אויגוסט, און ווען פיעלע, וועלכע זיינען געווען געגען דער רעוואָלוציע, און זיינען טעררָאריזירט געוואָרען פון די פאַסירונגען פון דעם 2טען סעפטעמבער, האָבען עס געהאַלטען פאַר גלייכער ניט צו ווייזען זיך גאָר אין גאַנצען אין דער צייט פון די וואהלען — איז זייער רעזולטאַט ניט געווען אזוי שלעכט,

ווי מען האָט עס געקענט ערוואַרטען. אין פּאַריז איז מאַראַט'ס ליסטע, וועלכע האָט ענטהאַלטען די אַלע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען געווען בעקאַנט אין די קלובען פון די קאָרדעליערען און די יאַקאָבינער, אַקצעפּטירט געוואָרען אַזוי, ווי ער האָט איהר צוזאַמענגעשטעלט. די פינף־הונדערט און פינף־און־צוואַנציג וואהל־מענער אין פּאַריז, וועלכע האָבען זיך געטראָפען דעם 2טען סעפּטעמבער אין דעם קלוב פון די יאַקאָבינער, האָבען אויסערוועהלט קאָלאָ ד'הערבואַ און ראָבעספּיער, אַלס פּרעזי־דענט און וויים־פּרעזידענט, האָבען אויסגעשלאָסען פון די ליסטען אַלע די, וועלכע האָבען זיך אונטערשריעבען אונטער די צוויי ראָיאַליסטישע פּעטיציעס, וועלכע זיינען בעקאַנט, אַלס די פּעטיציעס פון די „אַכט טויזענד“ און פון „די צוואַנציג טויזענד“, און האָבען געשטימט פאַר מאַראַט'ס ליסטע.

דער געמעסיגטער עלעמענט איז פון דעסטוועגען געווען דער פאָרהערשענדער אין דער נייער פערזאַמלונג און נאָך דער ערשטער זיצונג, זעהענדיג דעם כאַראַקטער פון דער מאַיאָריטעט פון די דעלעגאַטען, האָט מאַראַט געשריעבען, אַז ער איז פער־צווייפעלט איבער פראַנקרייך'ס ישועה. ער האָט פאָראויס־געזעהען דאָס זייער ווידערשטאַנד געגען דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט מוז איינשלעפען דאָס לאַנד אין ענדלאָזע קעמפפע: „זיי וועלען ענדיגען דערמיט, וואָס זיי וועלען אַלעס צושטערען — האָט ער געזאָגט — אויב די קליינע צאָהל פון די פערטהיידי־גער פון פאָלק, וועלכע וועלען האָבען צו קעמפּפען מיט זיי, וועלען ניט קריגען די אויבערהאַנד און זיי פערניכטען“. מיר וועלען באַלד זעהען, ווי ריכטיג ער האָט אַלעס פאָראויסגעזעהען.

אָבער די פּאַסירונגען האָבען געטריעבען פראַנקרייך אין דער ריכטונג פון דער רעפּובליק, און די נייגונגען פון פאָלק זיינען געווען אַזעלכע, אַז דער געמעסיגטער עלעמענט אין דער קאָנ־ווענשאַן האָט ניט געהאַט דעם מוטה צו וועהרען זיך געגען דעם שטראָם, וועלכער האָט געהאַלטען אין פערניכטען דעם קעניגטהום. שוין ביי איהר ערשטער זיצונג האָט די קאָנווענ־שאַן ערקלערט איינשטימיג, אַז דער קעניגטהום איז אָבגעשאַפט

אין פראנקרייך. מארסעל, ווי מיר האָבען געזעהען, און אייניגע אנדערע פּראָווינציעלע שטעדט, האָבען שוין פאר דעם 10טען אויגוסט געפאָרדערט אַ רעפּובליק; און פאריז האָט עס געטהאָן מיט דער גאנצער ערנסטקייט זייט דעם ערשטען טאָג פון די וואהלען. דער יאַקאָבינער קלוב האָט אויך בעשלאָסען, אין זיין זיצונג פון דעם 27טען אויגוסט, צו ערקלערען זיך רעפּובליקאניש נאָך דעם, ווי עס זיינען פערעפּענטליכט געוואָרען די פּאַפּיערען, וועלכע זיינען געפונען געוואָרען אין די טיוליערי. די קאָנווענ־שאָן האָט נאָכגעפאָלגט פאריז. זי האָט אָבגעשאפט דאָס קעניג־טהום אין איהר ערשטער זיצונג דעם 21טען סעפּטעמבער 1792. דעם קומענדען טאָג, דורך אַ צווייטען דעקרעט, האָט זי בעשלאָ־סען, דאָס פון דיזען טאָג אָן זאָלען אלע עפענטליכע אקטען דאַטירט ווערען פון דעם ערשטען יאהר פון דער רעפּובליק.

דריי גאַנץ בעזונדערע פּאַרטייען האָבען זיך געטראָפען אין דער קאָנווענשאָן: „דער בארג", „די זשיראָנדיסטען" און „דאָס פעלד". די זשיראָנדיסטען, כאָטש ווייניגער ווי צוויי־הונדערט, זיינען געווען די שטאַרקסטע פּאַרטיי. זיי האָבען שוין אין דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג געגעבען דעם קעניג זייער ראָלאָן־מיניסטעריום, און זיי האָבען עס געגליכען צו שפּיעלען די ראָלע פון „שטאאטס־לייט". צוזאמענגעשטעלט פון געבילדעטע, גוט־ערצויגענע און שארפע פּאָליטיקער, האָט די זשיראָנדיסטישע פּאַרטיי מיט זיך רעפּרעזענטירט די אינטערעסען פון די קאָמער־ציעלע, אייגענטהום־בעזיצענדע מיטעלקלאסען, וועלכע זיינען שנעל געקומען צום פראָנט אונטער דעם נייעם רעזשים. מיט דער אונטערשטיצונג פון די געמעסיגטע פון „פעלד", זיינען די זשיראָנדיסטען געווען צוערשט די שטאַרקסטע, און פון צווישען זיי איז אויסגעקליבען געוואָרען דער ערשטער רעפּובליקאנישער מיניסטעריום. דאַנטאָן איז געווען דער איינציגער פון דעם מיניסטעריום, וואָס איז געקומען אין מאכט דעם 10טען אוי־גוסט, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די פאָלקס־רעוואָלוציע; אבער ער האָט אריינגעשיקט זיין רעזיגנאציאָן דעם 21טען סעפּטעמ־

בער, ווען די קאָנווענשאַן איז צוזאַמענגעקומען, און די מאַכט איז געבליעבען אין די הענד פון די זשיראָנדיסטען.

דער „בארג“, וועלכער איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון יאַקאָבינער, ווי ראָבעספּיער, סאַנט־דזשוסט, קאָטהאָן, פון קאָרדעליערס, ווי דאַנטאָן און מאַראַט און אונטערשטיצט פון בעקאַנטע רעוואָלוציאָנערען, ווי העבערט און שאָמעט, האָט זיך דאַן נאָך ניט פעסט־געגרינדעט, אַלס אַ פּאָליטישע פּאַרטיי; דאָס האָט ערשט שפּעטער פּאַסירט אין דעם משך פון די פּאַסירונגען. דערווייל האָבען זיך צוזאַמענגעשאַרט ארום זיי אַלע די יעניגע, וועלכע האָבען געוואָלט טרייבען די רעוואָלוציע אַלץ ווייטער און מאַכען איהר ענדיגען זיך מיט עטוואָס ממשות׳דיגעס — דאָס הייסט, צו פערניכטען דעם קעניגטהום אין דעם סאַמע פּרינציפּ זיינעם, צו צוברעכען די מאַכט פון דער אַריסטאָקראַטיע און די גייסטליכע, אָבצושאַפען דעם פעאָדאַליזם און אויפבויען די רעפּובליק.

צולעצט איז געווען דאָס „פעלד“ אָדער דער „זומפּ“, וועלכער האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט פון די יעניגע, וועלכע האָבען נאָך ניט געהאַט קיינע בעשטימטע איבערצייגונגען, פון די יעניגע, וועלכע לויט זייער אינסטינקט, בלייבען „אייגענטהימער“ און קאָנסערוואַטיווע. אין אָנפאַנג האָבען זיי אונטערשטיצט די זשיראָנדיסטען, אָבער באַלד האָבען זיי זיי פערלאָזען אין דעם מאָמענט פון געפאַהר. זיי האָבען זיך געצעהלט ארום פינף־הונדערט אין דער קאָנווענשאַן. די מורא האָט זיי געמאַכט פאַר אַ צייט צו ווערען די אונטערשטיצער פון דעם „רויטען טעררעָר“ מיט ראָבעספּיער און סאַנט־דזשוסט; אָבער שפּעטער זיינען זיי געוואָרען די אנהענגער פון דעם ווייסען טערראָר, ווען דער שטאַאַט־שטרייך פון טהערמידאָר האָט געשיקט ראָבעספּיער און זיינע פריינד אויף דער גילאָטינע.

איינער וואָלט געקענט מיינען, אַז איצט וועט ישוין די רעוואָלוציע אוועק איהר גאַנג אָהן ווייטערע שטערונגען, און וועט נאָכפאָלגען דעם נאַטירליכען וועג, וועלכער ווערט דיקטירט פון דער לאָגיק פון די פּאַסירונגען: דער פּראָצעס און די פער־

אורטהיילונג פון קעניג, א רעפּובליקאַנער קאָנסטיטוציע אנשטאט דער קאָנסטיטוציע פון 1791, א קאמפּף אויף טוידט געגען דעם אויסערליכען שונא, און צו דערזעלבער צייט די אָבשאפונג פון אלץ, וואָס האָט געבילדעט די מאכט פון דעם אלטען סדר — די פּעאָדאלע געזעצע, די אויטאָריטעט פון די גייסטליכע, די קעניגליכע אָרגאניזאציאָן פון די פּראָווינציעלע פּעדוואלטונגען — דאָס אלעס האָט בעדארפט בעטראכט ווערען אלס דער נויטוועגדיגער רעזולטאט פון דער לאגע.

אָבער דער מיטעלקלאַס, וועלכער האָט געקראָגען די מאכט און וועלכער איז געווען רעפּרעזענטירט אין דער קאָנוועגשאָן דורך די זשיראָנדיסטישע „שטאאטס־לייט", דיזער האָט אנ־דערש געדענקט.

דאָס פאָלק האָט אראָבגעוואָרפען פון זיין טהראָן לואי דעם 16טען, אָבער וואָס אנבעטרעפט די פראגע, אין גאנצען לויז צו ווערען פון דעם פּעררעטהער, וועלכער האָט געבראכט די דייטשען כמעט ביז צו די טויערען פון פּאריז, וואָס אנבעלאנגט דער הינריכטונג פון לואי דעם 16טען, דאָס זיינען די זשיראָנ־דיסטען געווען שטארק דאגעגען. בעסער א בירגער־קריעג, איידער דיזער ענטשיעדענער שריט! און ניט אויס מורא פאר דעם אויסלענדישען שונא, ווייל דאָס זיינען דאָך געווען די זשיראָנדיסטען אליין, וועלכע האָבען זיך אונטערנומען צו האל־טען מלחמה געגען גאנץ אייראָפּא; נור אויס מורא פאר די רעוואָלוציע, פאר דעם פראנצויזישען פאָלק, און בעזאָנדערס פאר די פּאריזער רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען געזעהען אין דער הינריכטונג פון קעניג דעם אָנפאנג פון דערווירקליכער רעוואָלוציע.

אָבער די בעפעלקערונג פון פּאריז, אין איהרע סעקציאָנען און איהר קאָמונע, איז געווען פעהיג צו בילדען, זייט ביי זייט מיט דער נאציאָנאלער פערזאמלונג, אַן אמת'ע מאכט, וועלכע האָט געגעבען א געשטאלט, אַן אויסדרוק די רעוואָלוציאָנערע טענדענצען פון דער פּאריזער בעפעלקערונג, און אַם ענדע האָט זי זאָגאר בעהערשט די קאָנוועגשאָן. לאָמיר זיך דארום אָב־

שטעלען אויף א ווײַלע, אײדער מיר װעלען בעריהרען די קעמפּפע, וועלכע האָבען צוריסען די נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַציאָן, און לאָמיר ווארפען א בליק אויף צוריק אויף די מעטאָדען, מיט וועלכע דיזע אויטאָריטעט, די קאָמונע פון פּאריז, איז געגרינדעט געוואָרען.

מיר האָבען געזעהען אין די קאַפּיטלען 24 און 25, ווי אזוי די סעקציאָנען פון פּאריז זיינען געוואָרען וויכטיג, אלס אָרגאַנען פון מוניציפּאַלען לעבען, מיט דעם, וואָס זיי האָבען גענומען אויף זיך, א חוץ די פּאָליציי־טהעטיגקייטען און די אויסוואהל פון ריכטער, וואָס דאָס איז געוועזען זייער ארבייט, לויט געזעץ, — אויך פערשיעדענע עקאָנאָמישע טהעטיגקייטען פון דער העכסטער וויכטיגקייט, אזעלכע, ווי די צוטהיילונג פון עסענוואַרג, עפענטליכע הילפע, דעם פערקויף פון נאַציאָנאַלען לאַנד, און אזוי ווייטער. און מיר האָבען געזעהען, ווי אָט געראַדע דיזע טהעטיגקייטען האָבען עס געמאַכט מעגליך פאַר זיי צו האָבען א שטארקען איינפלוס אין דער דיסקוסיאָן פון די גרויסע פּאָליטישע פראַגען פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

ווערענדיג וויכטיגע אָרגאַנען פון עפענטליכען לעבען, האָבען די סעקציאָנען, גאַנץ נאַטירליך, פּרובירט צו בילדען א פעדעראַלע פעראייניגונג צווישען זיך, און אייניגע מאָל, שוין אין 1790 און 1791, האָבען זיי בעשטימט ספּעציעלע קאָמיסיאָנערען מיט דעם צוועק צו קומען צו אַן איינפערשטענדניס צווישען זיך וועגען א געמיינשאַפטליכער טהעטיגקייט, א חוץ די ארבייט פון דעם געוועהנליכען מוניציפּאַל־ראַטה. אָבער פון די אַלע פערזוכען איז ניט ארויסגעקומען עפּעס דויערהאַפטעס.

אין אַפּריל, 1792, ווען קריעג איז ערקלערט געוואָרען, זיינען די טהעטיגקייטען פון די סעקציאָנען פּלוצלינג בעדייטענד פערמעהרט געוואָרען. זיי האָבען געמוזט נעהמען אויף זיך דאָס איינשרייבען און די וואהל פון די פרייוויליגע, דאָס זאַמלען פון די פּאַטריאָטישעביישטייערונגען, די פערזאָרגונג מיט אַלעם נויטיגען פון די באַטאַליאָנען, וואָס זיינען אוועקגעשיקט געוואָרען צום גרענעץ, די אדמיניסטראַטיווע און פּאָליטישע קאָררעס־

פאָנדרענץ מיט דיזע באַטאַליאָנען, דאָס אויפפּאַסען אויף די פאַמיליען פון די וואָלאָנטירס, און נאָך פיעלעס, שוין ניט רעדענדיג פון דעם אייביגען קאַמפף, וואָס זיי האָבען געמוזט פיהרען טאָג־איין, טאָג־אויס געגען די ראַיאַליסטישע פערשווער־רער, וועלכע האָבען געטהאָן אַלעס מעגליכע, אום זיי צו שטערען אין זייער ארבייט. אָט אַ דאַנק דיזע נייע טהעטיגקייטען האָט זיך שטאַרקער ווי ווען־עס־איז געפיהלט די נויטווענדיג־קייט פון אַ ד י ר ע ק ט ע ר פעראייניגונג צווישען די סעק־ציאָנען.

ווען מיר קוקען איצט איבער די קאָררעספּאָנדענץ פון די סעקציאָנען און זייערע אַלערליי חשבונות, קענען מיר גאָרניט אנדערש, ווי נור בעוואונדערען די ספּאָנטאַנע אָרגאַניזאַציאָן, וואָס דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט אַרויסגעבראַכט און די איבער־געבענהייט פון די מענשען, וועלכע האָבען מיט זייער פרייען ווילען אויסגעפיהרט דיזע גאַנצע שווערע אויפגאַבע, געוועהנליך נאָך דעם, ווי זיי האָבען געענדיגט זייער טעגליכע ארבייט. אָט דאָ איז עס, וואו מיר קענען געפינען און אָבשעצען די איבערגעבענ־הייט, פיעל מעהר ווי אַ רעליגיעזע איבערגעבענהייט, וועלכע איז בעשאַפען געוואָרען אין דעם פראַנצויזישען פאָלק דורך די רעוואָ־לוציאָן. מיר טאָרען ניט פערגעסען, דאָס אויב יעדע סעקציאָן האָט בעשטימט איהר מיליטערישע קאָמיטע, איז עס אָבער געוועזען ביי די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען, אָבגעהאַלטען אין אָווענד, אויף וועלכע די אַלע וויכטיגע פראַגען זיינען פאָר־געבראַכט, דיסקוטירט און בעשלאָסען געוואָרען.

מיר קענען אויך פערשטעהן, ווי אַזוי דיזע מענער, וועלכע האָבען געקוקט אויף די שוידערליכקייטען פון דער מלחמה ניט טהעאָרעטיש, נור אין דער ווירקליכקייט, און זיינען געוועזען אין טעגליכער בעריהרונג מיט די ליידען פון פאָלק דורך דיזע מלחמה, האָבען געמוזט האַסען די יעניגע, וועלכע זיינען געוועזען די אויפהעצער, די שולדיגע אין דיזע ליידען, — דעם קעניג, די קעניגין, דעם הויף, דעם אדעל און די רייכע, אַלע רייכע, וועלכע האָבען עס געמאַכט געמיינשאַפטליכע זאַכע מיט דעם

קעניגליכען הויף. די מענשען פון פּאריז האָבען זיך דארום פער־איינינגט מיט די דעפּארטמענטס ביים גרענעץ אין זייער האַס נעגען די אונטערשטיצער פון דעם טהראָן, וועלכע האָבען עס גערופען דעם אויסלענדער אין פראנקרייך. ווען עס איז דארום פאָרגעשלאָגען געוואָרען דער פּלאַן פון א פּריעדליכער דעמאָנ־סטראַציע פאר דעם 20טען יוני, זיינען עס געוועזען די סעקציאָנען, וועלכע האָבען גענומען אויף זיך די אָרגאַניזירונג פון דיזער דעמאָנסטראַציע — דאָס זיינען געוועזען זיי, וועלכע האָבען שפּע־טער פעראנשטאַלט די אַטאַקע אויף די טיולֶיערי אויגוסט, דעם 10טען, בענוצענדיג זיך דערוויילֿ מיט דער געלעגענהייט צו בילדען ענדליך די פּיעל־געוואונשענע דירעקטע פעראייניגונג פאר רעוואָלוציאָנערע האנדלונג, צווישען די סעקציאָנען.

ווען עס איז פאר אַלעמען קלאָר געוואָרען, דאָס די דעמאָנ־סטראַציאָן פון דעם 20טען יוני האָט ניט געבראַכט קיינע רעזול־טאַטען — דאָס דער קעניגליכער הויף האָט דערפון גאָר ניט געלערענט, און ניט געוואָלט גאָר ניט לערנען — האָבען די סעק־ציאָנען אליין גענומען די איניציאַטיווע צו פאָרדערען פון דער פערזאמלונג, אז לואי דער זעכצעהנטער זאָל ארונטערגעוואָרפען ווערען פון זיין טהראָן. דעם 23סטען יולי האָט די סעקציאָן פון מאָקאָנסיל אָנגענומען א רעזאָלוציאָן אין דיזען זין, און געלאָזט וויסען וועגען דעם די פערזאמלונג. און דאן האָבען זיי זיך גענומען פאָרצובערייטען פאר אן אויפשטאַנד דעם 5טען אוי־גוסט. אנדערע סעקציאָנען האָבען זיך געאיילט אָנצונעהמען עהנליכע רעזאָלוציאָנען, און ווען די פערזאמלונג האָט ערקלערט די רעזאָלוציאָן פון די בירגער פון מאקאנסיל אלס אונגעזעצליך, האָט די רעזאָלוציאָן געהאַט שוין דאן די הסכמה פון פערצעהן אנדערע סעקציאָנען. דעמזעלבען טאָג זיינען מאנכע מיטגליע־דער פון דער גראוויליערי סעקציאָן אוועק צו דער פערזאמלונג, אום צו ערקלערען איהר, דאָס זיי לאָזען נאך אליץ איבער צו די געזעצגעבער „די עהרע צו רעטען דאָס פאטערלאַנד“, אבער האָבען זיי צוגעגעבען: „אויב איהר זאָלט זיך דערפון ענטזאגען, וועלען מיר עס מוזען אליין טהאָן“. די קווינז־ווינגט סעקציאָן

האָט פון איהר זייט ערקלערט, אז „דער פריהמאָרגען פון דעם 16טען אויגוסט איז דער אויסערסטער גרענעץ פון דעם פאָלק׳ס געדולד“, און די מאַקאָנסיל־סעקציאָן האָט עס געלאָזט וויסען, דאָס זי וועט בלייבען פריעדליך און ווארטען ביז 11 א זייגער אין אָווענד פון דעם פאָלגענדען דאָנערשטאג (דעם 9טען אויגוסט) אויף דעם בעשלוס פון דער פערזאמלונג; אָבער אויב עס זאָל ניט געטהאָן ווערען קיין גערעכטיגקייט צום פאָלק דורך די געזעצ־געבענדע פערזאמלונג, וועט א שטונדע נאָכדעם, אין מיטען נאכט געקלאפּט ווערען אין דעם פייער־פויק, און יעדער איינער וועט רעבעלירען.

ענדליך, דעם 7טען אויגוסט, האָט דיזעלבע סעקציאָן אויפ־געפאָרדערט אלע אנדערע, צו בעשטימען אין יעדער פון זיי „זעקס קאָמיסיאָנערען, וועלכע זאָלען זיין וועניגער אָראטאָרס און מעהר גוטע בירגער, וועלכע, קומענדיג צוזאמען, זאָלען ביל־דען א צענטראלען פונקט אין האָטעל דע־וויל“, וואָס דאָס איז אויך דעם 9טען געטהאָן געוואָרען. (א קאָררעספּאָנדענץ־קאָמיטע אין שוין עטוואָס פריהער געגרינדעט געוואָרען, וועלכע זאָל זיך צוזאמענרעדען מיט פערשידענע סעקציאָנען, און א פער־זאמלונג פון דיזע קאָמיסיאָנערען פון עטליכע סעקציאָנען האָט שטאטגעפונען דעם 23טען יולי). ווען די 28 אָדער 30 פון די 48 סעקציאָנען זיינען צוגעשטאנען צו דער בעוועגונג, זיינען זייערע קאָמיסיאָנערען צוזאמענגעקומען אין האָטעל דע־וויל, אין א זאאל, וועלכער איז געוועזן נעבען דעם זאאל וואו דער מוניצי־פּאלער ראטה פלעגט זיך פערזאמלען — יענע נאכט איז דער מיטינג געוועזן קליין אין צאָהל —, און זיי האָבען גענומען האנד־לען אויף א רעוואָלוציאָנערען שטייגער, אלס א נייע קאָמונע. זיי האָבען פאר א צייט סוספּענדירט דעם שטאדט־ראטה, האָבען פערשלאָסען אין זאאל דעם מאיאָר, האָבען ארונטערגעוואָרפען דעם שטאב פון די באטאליאָנען פון דער נאציאָנאל־גווארדיע, און האָבען איבערגענומען די גאנצע אויטאָריטעט פון דער

קאָמונע, ווי אויך די אַלגעמיינע פיהרערשאַפט פון דעם אויפ־שטאַנד *).

אויף אַזאַ מין שטייגער איז געגרינדעט געוואָרען די נייע אוי־טאָריטעט, די רעוואָלוציאָנערע קאָמונע, און איז אינסטאַלירט געוואָרען אין האָטעל דע־ווילל.

דער טיולערי־פּאַלאַץ איז איינגענומען געוואָרען, דער קעניג איז געשטירצט געוואָרען פון זיין טהראָן, און גלייך האָט די קאָמונע געמאַכט אַלעמען צו פיהלען, אַז דער 10טער אויגוסט איז ניט דער ענד־פּונקט פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 14טען יולי 1789, נור דער אָנפאַנג פון אַ נייער פאָלקס־רעוואָלוציע, וועלכע געהט אַלץ ווייטער און ווייטער אין דער ריכטונג פון „גלייכהייט". פון יעמאָלט אָן האָט זי דאַטירט איהרע דאָקומענטען אַזוי: „פון יאָהר פיער פון פרייהייט און

*) ערנסט מעלליע האָט געפונען דעם פּראָטאָקאָל־בוך פון דער פּאָיסאָניער־סעקציאָן. זי איז צוזאַמענגעקומען צו אַ פערזאַמלונג דעם 9טען אויגוסט, 8 אַ זייגער אין אָוועגד, אין איהר שטענדיגער קאָמיטע אין דער קירכע סט. לאַזאַר. דאָ האָט זי אַרונטערגעוואָרפען אַלע אָפיציערען פון סט. לאַזאַר באַטטליאָן, וועלכע זיינען ניט בע־שטימט געוואָרען פון די נאַציאָנאַל־גוואַרדיסטען גופא, און האָבען „אויפ'ן פּלאַץ" בעשטימט אַנדערע אָפיציערען, אויף וועמעס בעפעהל די סעקציאָן האָט געהאַט בעשלאָסען צו מאַרשירען". זי האָט זיך פערשטענדיגט מיט אַנדערע סעקציאָנען איבער דער אָרדנונג, אונטער וועלכער עס זאָל מאַרשירט ווערען, און פיער אין דער פריה, האָבענ־דיג בעשטימט איהר שטענדיגע קאָמיטע „אויפצופּאַסען אויף די פּאַר־בערייטונגען צו בעוואַפנונג און געבען די בעפעהלע פאַר זיכערהייט, וועלכע, זיי וועלען דענקען, זיינען נויטיג", האָט זיך די סעקציאָן אָנגעשלאָסען „אָן די ברידער פון סאַן־אַנטאָאַן פאָבורג", און האָט אָנגעהויבען מאַרשירען צו דער טיולערי. מיט דער הילפע פון דיזען פּראָטאָקאָל קריגען מיר אַ לעבעדיגען איינדרוק פון דעם אופן, ווי דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט געהאַנדעלט אין יענער געדענקווירדיגער נאַכט.

פון יאהר איינס פון גלייכהייט", און א גאנצע מאסע נייע פליכטען איז ארויפגעפאלען אויף די נייע קאָמונע.

אין דעם משך פון די לעצטע צוואנציג טעג פון אויגוסט, ווען די געזעצגעבענדע פערזאמלונג האָט זיך געוואקעלט צווישען די פערשיעדענע שטרעמונגען, ראַיאַליסטישע, קאָנסטיטוציאָנעלע און רעפובליקאנישע, וועלכע האָבען געשלעפּט איהרע מיטגליעדער אהין און אהער, און האָט זיך ארויסגעוויזען אלס פאָלשטענדיג אונפעהיג זיך צו דערהייבען צו דער הויכקייט פון די פאסירונגען, זיינען די סעקציאָנען פון פאריז און די קאָמונע געוואָרען די אמת'ע הארץ פון דער פראנצויזישער נאציאָן פאר די ערוואכונג פון דעם רעפובליקאנישען פראנקרייך, פאר אוועקשטעלען איהם אנטקעגען דער פעראייניגונג פון די קעניגע און פאר די אָרגאניזירונג בשותפות מיט די אנדערע קאָמונען די גרויסע בעוועגונג פון די פרייוויליגע אין 1792. און ווען די אונענטשלאָסענהייט פון דער פערזאמלונג, די בענקעניש פון א מאיאָריטעט פון די מיטגליעדער איהרע נאָך דעם קעניגטהום און זייער האס צו דער אויפשטענדיגער קאָמונע האָט געטריבען דאָס פאָלק צום העכסטען גראד פון צאָרן אין יענע סעפּטעמבער טעג, זיינען דאָס נאָך אימער געווען די סעקציאָנען און די קאָמונע, וועלכע האָבען געטהאָן דאָס מעגליכסטע, אום עס צו בערוהיגען אזוי שנעל, ווי די געזעצגעבענדע פערזאמלונג האָט ענדליך בעשלאָסען דעם 4טען סעפּטעמבער צו ערקלערען זיך גע־גען קעניגטהום און די פערשיעדענע פּרעטענדענטען אויפ'ן טהראָן פון פראנקרייך, און אזוי שנעל, ווי זי האָט גע־לאָזט וויסען די סעקציאָנען וועגען איהר בעשלוס, האָבען דיזע פעראייניגט זיך אלע צוזאמען, אום צו מאכען א סוף צו די מענ־שען־הריגות, וועלכע האָבען שוין געהאלטען ביין אויסשפּרייטען זיך פון די געפענגניסע צו די גאסען, און צו גאראנטירען די זיכערהייט פון אלע איינוואוינער פון פאריז.

דאָס זעלבע, ווען די קאָנווענשאָן איז צוזאמענגעקומען, און האָט געמיינט, אז זי האָט בעשלאָסען די אָבשאפונג פון קעניג־טהום אין פראנקרייך אין דעם פריהמאָרגען פון דעם 21טען

סעפּטעמבער, האָט זי ניט נעהאַט דעם מוטה ארויסצורײדען דעם ענטשלאָסענעם וואָרט „רעפּובליק“ און „האָט, ווי עס האָט אויסגעזהען, געוואַרט אויף אירגענד וועלכע ערמונטערונג פון דרויסען“. (אָלאַר, די פּאָליטישע געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָן, צווייטע אויסגאַבע, זייטע 272). אין די גאַסען האָט מען אויפגענומען דיזען דעקרעט מיט די געשרייען: „עס לעבע די רעפּובליק“, און די בירגער פון דער עקוואַט־נאַסיאָן־סעקציאָן זיינען אװעק צו דער קאָנוועגשאָן אום צו צווינגען איהר צו מאַכען א ווייטערען שריט, זאָגענדיג, דאָס זיי וואָלטען געוועזן צו גליקליך צו בעצאָהלען מיט זייער בלוט פאַר די רעפּובליק, וועלכע איז נאָך ניט פּראָקלאַמירט געוואָרען, און וועלכע איז נוך דעם פאָלגענדען טאָג אָפיציעל אַנערקענט געוואָרען פון דער קאָנווענשאָן.

די קאָמונע פון פּאַריז איז אויף אזא אופן געוואָרען א מאַכט, וועלכע האָט זיך געמאַכט פאַר איהר אויפגאַבע צו זיין דער בעגייסטערער, אויב ניט דער קאָנקורענט, פון דער קאָנווענשאָן, און דער חבר פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך גערופען „דער באַרג“.

דער באַרג האָט געהאַט אויף זיין זייט א צווייטע מאַכט, וועלכע האָט זיך געבילדעט אין דעם שטאָט פון דער רעוואָלוציע — דער יאַקאָבינישער קלוב אין פּאַריז, מיט די צאָהלרייכע געזעלשאַפטען אין דער פּראָווינץ, וועלכע זיינען געוועזן פעראייניגט מיט איהם. עס איז אמת, אז דיזער קלוב האָט ניט געהאַט גאָר ניט פון דער מאַכט און דער רעוואָלוציאָנערער איניציאַטיווע, מיט וועלכע מאַנכע מאָדערנע שריפטשטעלער בעשענקען איהם. די סאַמע פּערזאָנען, וועלכע האָבען געבילדעט דיזען קלוב, זיינען מייסטענס געוועזן מיטעל־קלאַס־מענשען, וועלכע זיינען געוועזן גאַנץ רייך. טו ווי אזוי האָבען דיזע געקאָנט פיהרען די רעוואָלוציע?

צו יעדער צייט, זאָגט מישלע, האָבען זיי זיך איינגערעדט צו זיין די פיהרער און די פּאָליטישע ליכטער פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָבען אין זייערע הענד געהאַלטען דעם באַלאַנס

פון אלעס. אבער דער אמת איז, אז זיי האבען ניט געפיהרט די רעוואלוציע, נור איהר נאכגעפאלגט. דער טאן פון דעם קלוב האט זיך געענדערט מיט יעדען נייעם קריזיס. אבער דער קלוב האט זיך גלייך געמאכט פאר דעם אויסדרוק פון דער שטרע־מונג, וועלכע איז געקומען צום אויבען־אן אין א געוויסען מא־מענט צווישען די געבילדעטע, געמעסיגטע דעמאקראטישע מי־טעל־קלאס־מענשען. ער האט אונטערשטיצט דיזע טענדענץ קולטיווירענדיג די מיינונג אין פאריז אין דער געווינשטער ריכ־טונג, און האט צוגעשטעלט די העכסט־וויכטיגע בעאמטע פאר יעדען נייעם רעזשים. ראבעספיער, וועלכער, אום זיך צו בע־נוצען מיט מישלע'ס גליקליכען אויסדרוק, איז געווען „די גאל־דענע מיטטע פון בארג", האט געוואלט, אז „די יאקאבינער זא־לען דינען אלס פערמיטלער צווישען דער פערזאמלונג און דער גאס, צו דערשרעקען און צו געבען מוטה דער קאנווענשאן, לויט ווי עס האט זיך געפאדערט." אבער ער האט פערשטאנען, אז די איניציאטיווע מוז קומען פון גאס, פון פאלק.

מיר האבען שוין געזאגט, דאס דער איינפלוס פון די יא־קאבינער אויף די פאסירונגען פון דעם 10טען אויגוסט איז גע־ווען גארניט, און אזוי איז עס פערבליעבען ביז סעפטעמבער, 1792; דער קלוב איז געווען צו יענער צייט כמעט ווי פערלא־זען. אבער ביסלאכווייז, אין די הערבסט־טעג, איז די מוטער־געזעלשאפט פון פאריז פערשטארקט געווארען דורך די קארדע־ליסטען, און דאן האט דער קלוב וויעדער אויפגעלעבט, און איז געווארען דער פערזאמלונגס־פונקט פאר די גאנצע געמעסיגטע פארטיי צווישען די רעפובליקאנער דעמאקראטען. מאראט איז דארט געווארען זעהר פאפולער, אבער ניט אזוי די „עקסטרי־מיסטען", וועלכע אויף דעם היינטיגען לשון וואלטען געהייסען „די קאממוניסטען". געגען דיזע איז דער קלוב געווען שטארק דאגעגען, און שפעטער האט ער געקעמפפט געגען זיי.

אין דעם פריהלינג פון 1793, ווען דער קאמפף צווישען די זשיראנדיסטען און דער פאריזער קאמונע האט דערגרייכט דעם קריטישען פונקט, זיינען די יאקאבינער געווען אויף דער

זייט פון דער קאָממונע און פון דעם „בארג“ אין דעם קאָנווענ־שאָן און האָט זיי געהאָלפען צו געווינען דעם זיעג איבער די זשיראָנדיסטען און צו מאכען איהם זיכער. דורך זייער קאָר־רעספאָנדענץ מיט די פעראייניגטע קלובען אין דער פראָווינץ האָבען די יאקאָבינער אונטערשטיצט דאָרט די פאָרטגעשריטע־נע רעוואָלוציאָנערען, און האָבען זיי געהאָלפען ניט נור צו פער־ניכטען דעם איינפלוס פון די זשיראָנדיסטען, נור אויך פון די ראָיאליסטען, וועלכע זיינען פערבעהאַלטען הינטער זיי. דאָס האָט שפּעטער געגעבען די יאקאָבינער די מעגליכקייט זיך אומצו־ווענדען געגען די פאָלקס־רעוואָלוציאָנערען פון דער קאָממונע, און פאָרצובערייטען א וועג פאר די מיטעל־קלאַס־רעאקציע, אום צו קענען אויספיהרען דעם שטאאט־שטרייך פון דעם 9טען טערמידאָר.*)

*) דער עלפטער מאָנאַט אין דעם נייעם פראַנצויזיש־רעוואָלוציאָ־נערען קאַלענדאַר, וואָס איז אויסגעפאַלען פון דעם 19טען יולי ביז דעם 19טען אויגוסט, לויט אונזער קריסטליכען קאַלענדאַר. — דער איבערזעצער.

## זיבען־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

# די רעגירונג. — צוזאַמענשטויסע מיט דער קאָנווענ־שען. — די מלחמה.

נייער מיניסטאָרען־ראַטה. — דאַנטאָן, צוערשט זיין פיהרער, ווערט שפּעטער געצוואונגען צו רעזיגנירען. — ראָלאַן פערנעהמט זיין פּלאַץ. — דער ראַטה אונטהעטיג. — די ווירקליכע מאַכט איז אין די הענד פון דאַנטאָן, דער קאָממונע, די סעקציאָנען און די יאַ־קאָבינער. — דער ראַטה אַטאַקירט דאַנטאָן, מאַראַט און ראָבעס־פּיער. — דער קאָנפליקט צווישען דער קאָנווענשען און דער קאָממונע. — פּראָווינצען ווערען פיינדליך צו דער קאָממונע און צום פאָלק פון פּאריז. — די זשיראָנדיסטען אַטאַקירען די פּאַרי־זער סעקציאָנען. — רעוואָלוציע און קריעג. — די זשיראָנדיס־טען ווילען די מלחמה. — די בויערען פון די גרענעץ־שטעדט ענטהוזיאסטיש. — מערב־פראנקרייך ניט שטאַרק בעגייסטערט. דאָס לאַנד איז ניט פאָרבערייט. — דער פּלאַן פון דו־מאָריעץ און לאַפאַיעט. — די דייטשען קומען אַלץ נעהענטער. — די שלאַכט פון וואלמי. — דאַנטאָן פערהאַנדעלט מיט דעם הערצאָג פון ברוינשווייג. — ווייטערע רעפּובליקאַנישע ערפאָלגען. — די שלאַכט פון זשעמאַפּ. — ענגלאַנד. — די פאָלגען פון קריעג. — די וואנדיי.

---

די ערשטע זאַך, וועגען וואָס די קאָנווענשען האָט געזאָרגט, איז ניט געווען וואָס מען זאָל טאָן מיט דעם קעניג, וואָס איז גע־שטירצט געוואָרען פון זיין טהראָן, נור צו בעשטימען, וועלכע פּאַרטיי זאָל געווינען דורך דעם פאָלק'ס זיעג איבער די טיוליערי

— ווער עס זאָל פיהרען די רעוואָלוציע. צוליעב דעם זיינען דאָס אויסגעבראָכען די קריעגערייען, וועלכע האָבען פאר אכט מאָנאַטען לאנג געשטערט דער ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, און ביז יוני, 1793, האָבען זיי געלאָזען אין אונגעוויסהייט די גרויסע פראגע, ווי די פראגען וועגען לאנד, די פעאָדאלע אָבצאָהלונגען און נאָך פיעלע אַנדערע פראגען, און דאָס האָט געפיהרט דערצו, וואָס די מענשען זיינען געוואָרען מיעד, גלייכגילטיג, נאכלעסיג און מוטהלאָז, אזוי, דאָס עס האָבען געבלוטעט די הערצער פון די יעניגע, וועלכע האָבען עס צוגעזעהען, ווי מישלע האָט עס אזוי גוט אויסגעדריקט.

דעם 10טען אויגוסט, נאָך דעם, ווי עס איז ערקלערט געוואָרען די „סוספענדירונג" פון דעם קעניג, האָט די געזעצגעבענדע פערזאמלונג איבערגעגעבען אַלע טעטיגקייטען פון דער צענטראלער עקזעקוטיווער מאכט צו דעם ראַטה, וואָס איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון זעקס מיניסטאָרען — אויסגעקליבען פון אויסער דער פעדזאמלונג, און די מאַיאָריטעט פון וועלכע זיינען געווען זשיראָנדיסטען — ראָלאָן, סערוואן, קלאוויע, מאָנגע און לע־ברון — מיט דעם צולייג פון דאנטאָן, וועמען די רעוואָלוציע האָט איבערגעגעבען די שטעלע פון מיניסטער פון יוסטיץ. דיזער ראטה האָט ניט געהאט קיין פרעזידענט. יעדער מיניסטער איז געווען אין דער רייהע פרעזידענט פאר א וואָך צייט.

די קאָנווענשאָן האָט צוגעשטימט צו דיזען פלאָן. אָבער דאנטאָן, וועלכער איז געוואָרען די נשמה פון דער נאציאָנאלער פערטהיידיגונג און פון דיפּלאָמאַטיע, און וועלכער האָט אויסגעאיבט א בעזאָנדערס שטארקען איינפלוס אויף דיזען מיניסטאָרען־ראטה, איז געווען געצוואונגען צו רעזיגנירען דורך די אטאקעס פון די זשיראָנדיסטען. ער האָט פערלאָזען דעם מיניסטעריום דעם 9טען אָקטאָבער, 1792, און זיין פלאַץ האָט פערנומען דער גאַנץ בעדייטונגסלאָזער גאַראַט. נאָך דעם איז ראָלאָן, דער מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען, געוואָרען דער איינפלוסרייכסטער מאַן אין דיזען מיניסטאָרען־ראטה און איז געבליבען אויף זיין פאָסטען ביז יאנואר, 1793, ווען ער האָט רעזיג־

נירט נאָך דעם, ווי דער קעניג איז הינגעריכטעט געוואָרען. אין דיזער שטעללע האָט ער אָנגעווענדעט זיין גאַנצען איינפלוס און האָט ערלויבט די זשיראָנדיסטען, וואָס זיינען געווען גרופירט אַרום איהם, און אויך זיין פרוי צו טהאָן אַלעס אין זייערע כוחות, אום צו שטערען דער רעוואָלוציע זיך צו ענטוויקלען אין יענע ברייטע ריכטונגען, וועלכע זיינען פאַר איהר אָנגעצייכענט גע־וואָרען זייט 1789: די גרינדונג פון אַ דעמאָקראַטיע, די ענטשיע־דענע אָבשאַפונג פון דעם פעאָדאַל־סיסטעם, און געוויסע שריט פאַר די אויסגלייכונג פון די פערהעלטניסע. דאַנטאָן אָבער איז נאָך אַלץ געווען דער בעגייסטערער פון דער דיפּלאָמאַטיע, און ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען די קאָמיטע פון דער עפענטלי־כער זיכערהייט, אין אַפּריל, 1793, איז ער געוואָרען דער ווירק־ליכער מיניסטער פון די אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען פון דיזער קאָמיטע.

חאָטש די זשיראָנדיסטען זיינען געווען אין מאַכט און דער הערשענדער עלעמענט אין דער קאָנווענשען, דאָך אין דער ווירק־ליכקייט האָבען זיי ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן, ווי מישלע זאָגט גאַנץ ריכטיג: זיי האָבען געהאַלטען שעהנע רעדען, אָבער גאָר־ניט געטהאָן. ניט האָבענדיג דעם קוראַזש פאַר רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען, האָבען זיי אויך ניט געהאַט גענוג מוטה אַרויסצו־טרעטען אָפען, אַלס רעאַקציאָנערען. דערפאַר איז די ווירק־ליכע אויטאָריטעט, סיי פאַר די איניציאַטיווע און סיי פאַר האַנד־לען, געווען אין דאַנטאָן'ס הענד אין דער פראַגע פון דער מלחמה און דיפּלאָמאַטיע, און אין די הענד פון דער קאָממונע און די סעק־ציאָנען און פאָלקס־געזעלשאַפטען און טיילווייז אויך פון די יאַקאָ־בינער־קלובען — וואָס אַנבעלאַנגט צו רעוואָלוציאָנערער האַנד־לונג אין לאַנד. מאַכטלאָז אַליין צו האַנדלען, האָבען די זשיראָנ־דיסטען ביטערליך אַטאַקירט דעם „טריאומוויראַט" פון דאַנטאָן, מאַראַט און ראָבעספּיער, וועמען זיי האָבען בעשולדיגט צו האָ־בען דיקטאַטאָרישע נייגונגען. עס זיינען געווען צייטען, ווען מען האָט זיך געפרעגט, אויב דיזע אַטאַקען וועלען זיך ניט באַלד

ענדיגען דערמיט, וואָס דאַנטאָן וועט אריינגעלייגט ווערען אין חרם און מאראט — גיליאָטינירט ווערען.

אָבער, אזוי ווי די רעוואָלוציע האָט נאָך ניט פערלאָרען איהר גאַנצע לעבענס־קראַפט, האָבען דיזע אַלע אטאַקעס פערפעהלט צו האָבען זייער געווינשטע ווירקונג. זיי האָבען נור געפיהרט דערצו, וואָס דאָס פאָלק פון פאריז, בעזאָנדערס די מענשען פון די פאבורגען סאַן אַנטואַן און סאַן מארסאָ, זיינען געוואָרען נאָך מעהר בעגייסטערטע אנהענגער פון מאראט. זיי האָבען גרעסער געמאַכט דעם איינפלוס פון ראָבעספיער אין די אויגען פון די יאַקאָבינער און די דעמאָקראטישע מיטעל־קלאסען און זיי האָבען דערהויבען דאַנטאָן'ען נאָך העכער אין די אויגען פון אַלע די יעניגע, וועלכע האָבען עס געגליכען צו זעהען דעם רעפּובליקאַנישען פראַנקרייך שטעלען־זיך געגען אַלע קעניגע. פאַר זיי איז דאַנטאָן געווען דער מאַן פון טהאַט, וואָס איז פעהיג צו שטערען דער אריינדרינגונג פון שונא און פעסט־גרינדען די רעפּובליק אפילו, ווען ער זאָל דערביי מוזען ריזיקירען מיט זיין פּאָליטישער רעפּוטאַציע און זאָגאר מיט זיין לעבען.

שוין פון די סאמע ערשטע זיצונגען פון דער קאָנווענשען, האָט איהר רעכטער פליגעל, געבילדעט פון די זשיראָנדיסטען, אָנגעפאַנגען זיינע שענדליכע אטאַקעס אויף די פאַריזער קאָמונע, ווי דאָס איז געטהאָן געוואָרען אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג זייט דעם 11־טען אויגוסט. זיי זיינען געווען פערפליכטעט פאַר זייער מאַכט דעם אויפשטאַנד, וועלכען די קאָמונע האָט אָרגאַניזירט, און דאָך האָבען זיי איהר אטאַקירט מיט א שנאה, וועלכע זיי האָבען קיינמאָל ניט ארויסגעוויזען געגען די קעניגליכע קאָנספּיראַטאָרס.

עס וואָלט גענומען צו לאַנג צו דערצעהלען דאָ וועגען די אַלע אטאַקעס פון די זשיראָנדיסטען אויף די קאָמונע. עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען נור מאַנכע פון זיי.

די ערשטע אטאַקע איז געווען איבער דעם נאָכזעהען פון די רעכענונגען. דאָס איז געציעלט געוואָרען געגען די קאָמונע און איהר אויספאָרשונגס־קאָמיטע, ווי אויך געגען דאַנטאָן'ען. עס

איז קלאָר, דאָס אין דעם משך פון יענע טומעלדיגע מאָנאַטען פון אויגוסט און סעפּטעמבער, 1792, אונטער די אויסעראָרדענטליכ־סטע אומשטענדען, בעשאַפען פון דער בעוועגונג פון דעם 10טען אויגוסט און פון דער דערנעהענטערונג פון דעם אויסלענדישען שונא צום גרענעץ, האָט געלד געמוזט אויסגעגעבען ווערען פון דאַנטאָן'ען, דעם איינציגען אַקטיווען מענשען אין דעם מי־ניסטעריום, און אָהן אַ צו גרויסע פּינקטליכקייט פון רעכענונגען, סיי פאַר די פערהאַנדלונגען, וועלכע האָבען געפיהרט דערצו, אז די פרייסען זאָלען צוריקטרעטען און סיי פאַר אויסגעפינען די קוואַלען פון אַלערליי פערשווערונגען סיי אין פראַנקרייך און סיי אין אויסלאַנד. עס איז אויך קלאָר, דאָס עס איז ניט געווען לייכט פאַר די אויפפּאַסונגס־קאָמיטע פון דער קאָמונע, וועלכע האָט פערזאָרגט מיט אַלעם נויטיגען און אַוועקגעשיקט אין איי־לענעש, יעדען טאָג עטליכע טויזענד פרייוויליגע צום גרענעץ, צו האַלטען וועגען אַלץ פּינקטליכע חשבונות. אָבער עס איז גע־ווען גערארדע אויף דיזען שוואַכען פונקט, אויף וועלכען די זשי־ראָנדיסטען האָבען געצילעוועט זייער ערשטע אַטאַקע און זייערע אינסינואַציאָנען, פאָרדערענדיג, דאָס עס זאָל אָבגעגעבען ווע־רען אַ פאָלשטענדיגער חשבון פון דעם 30טען סעפּטעמבער. די עקזעקוטיווע פון דער קאָמונע, ד. ה., די אויפפּאַסונגס־קאָמיטע, האָט אַריינגעשיקט אַ העכסט קלאָרען חשבון צוזאַמען מיט אַ פּו־לער רעכטפערטיגונג פון איהר פּאָליטישער טהעטיגקייט.*)

אָבער אין די פּראָווינצען זיינען געבליבען הענגען צווייפעל וועגען דער עהרליכקייט פון דאַנטאָן און דער קאָמונע. און די זשיראָנדיסטען, אין זייערע בריעף צו זייערע פריינד און

*) פון 713,855 ליווער, וואָס די קאָמיטע האָט ערהאַלטען, האָט זי אויסגעגעבען בלויז 85,529, וועגען וועלכע זי האָט אָבגעגעבען אַ פאָלשטענדיג־קלאָרען חשבון. גיראָ, בעשולדיגט אין טעררער, האָט שפּעטער בעוויזען, אז אין פיער מאָנאַטען האָט די קאָמיטע אַרעסטירט בלויז 320 פּערזאָנען. הלואי וואָלטען די זשיראָנדיסטען געווען אזוי געמעסיגט נאָך דעם טערמידאָר!

די אגענטען, האָבען געשלאָגען אזוי פיעל, ווי מעגליך, קאפּיטאל פון די צווייפלען.

צו דער זעלבער צייט האָבען די זשיראָנדיסטען געוואָלט געבען דער קאָנווענשען אַן אנטי־רעוואָלוציאָנערע וואכע. זיי האָבען געוואָלט, אז דער דירעקטאָריום פון יעדען דעפּארטמענט — דיזע דירעקטאָריומס — ווי בעקאַנט, זיינען געווען רעאקציאָנער — זאָל שיקען נאָך פּאריז פיער פּיעכאָטנע סאָלדאטען און צוויי אויף פערד, אין אלעמען 470 סאָלדאטען, וועלכע זאָלען שיצען די קאָנווענשען געגען די מעגליכע אטאקעס פון דער פּאריזער בעפעלקערונג און דער קאָמונע! און א מעכטיגע אגיטאציע איז נויטווענדיג געווען צווישען די סעקציאָנען, וועלכע האָבען אויסגעקליבען ספּעציעלע שלוחים, אום ניט צו דערלאָזען, אז דיזער בעשלוס זאָל אָנגענומען ווערען, און אום צו שטערען, אז אין פּאריז זאָל זיך פאָרמירען א רעאקציאָנערע וואכע.

אָבער עס איז געווען הויפּטזעכליך די סעפּטעמבער־הריגות, וועלכע די זשיראָנדיסטען האָבען אויסגענוצט פאר אטאקעס אויף דאַנטאָן, וועלכער איז אין יענע טעג געגאַנגען האנד אין האנד מיט דער קאָמונע און מיט די סעקציאָנען. נאָכדעם, ווי זיי האָבען „ארונטערגעלאָזען דעם פאָרהאַנג" און כמעט גערעכטפערטיגט יענע טעג דורך די מויל פון ראָלאַן, ווי זיי האָבען פריהער גערעכטפערטיגט די הריגות פון לאַ גלאסיער אין ליאָן דורך די מויל פון בארבארא *) האָבען זיי אזוי קינציג מאַנעווירט אין קאָנ־

*) נאָך לאַנגע קעמפּפע צווישען דער רעוואָלוציאָנערער בעפעלקערונג אין ליאָן און די אנהענגער פון די פּריעסטער און נאָכדעם, ווי אין א קירכע איז ערמאָרדעט געוואָרען דער פּאַטריאָט לעסקויער, ווייל ער האָט געוואָלט שטעלען צום פערקויף דעם אייגענטהום פון דער קירכע, ווי דער געזעץ האָט עס געפאָדערט, איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד פון דער רעוואָלוציאָנערער בעפעלקערונג, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דער ערמאָרדונג פון זעכציג ראָיאַליסטען, וועמעס קערפּערס זיינען אריינגעוואָרפען געוואָרען אין די טיפענישען פון טור דע לאַ גלאסיער. בארבארא, א זשיראָנדיסטישער דעפּוטאַט, האָט גערעכטפערטיגט דיזע הריגה.

װענשען, דאָס דעם 20טען יאנואר, 1793, האָבען זײ פון איהר ארויסגעקראָגען א בעפעהל פון פערפאָלגונג געגען די שולדיגע און די סעפּטעמבער־הריגות, אין דער האָפנונג, דאָס די רעפּוטאציע פון דאנטאָן, ראָבעספּיער און מאראט װעט געשעדיגט װערען דורך דיזע אונטערזוכונג.

ביסלעכװײז, בענוצענדיג זיך מיט דעם קאָנסטיטוציאָנאליס־טישען און ראָיאליסטישען שטראָם, װעלכער האָט זיך געװיזען צװישען די מיטעל־קלאסען נאָך דעם 10טען אויגוסט, האָבען די זשיראָנדיסטען אויסגעפיהרט ארויסצורופען אין די פּראָװינצען א געפיהל פון פײנדשאַפט צו פאריז און איהר קאָמונע, װי אויך צו דער פּארטײ, װאָס האָט געקראָגען דעם נאָמען „דער בארג.“

אײניגע דעפּארטמענטס האָבען געשיקט סאָלדאטען, אום צו בעשיצען די קאָנװענשען געגען „די אגיטאטאָרס, װעלכע האָ־בען געװאָלט װערען טריבונען און דיקטאטאָרס“ — דאנטאָן, מא־ראט און ראָבעספּיער — און געגען די מענשען פון פאריז. אויף דעם אויפרוף פון בארבארא, האָט מארסעל—דאָס מאָל דער „קאָ־מערציעלער“ מארסעל — געשיקט נאָך פאריז אין אָקטאָבער, 1792, א באטאליאָן סאָלדאטען, װעלכער איז געװען צוזאמענ־געשטעלט פון די רײכע יונגע מענער פון דער האנדעלס־שטאָדט, װעלכע האָבען מארשירט דורך די גאסען פון פאריז, פאָרדערענדיג די קעפּ פון ראָבעספּיער און מאראט. זײ זײנען געװען די פאָר־לויפער פון דער טערמידאָר־רעאקציע; אָבער, גליקליכער־װײזע, האָט דאָס פאָלק פון פאריז צו גאָר ניט געמאכט דיזע פערשװע־רונג מיט דעם, װאָס זײ האָבען געװאונען דיזע סאָלדאטען אויף דער זײט פון דער רעװאָלוציע.

אין דער זעלבער צײט האָבען די זשיראָנדיסטען ניט פער־פעהלט צו מאכען א דירעקטע אטאקע אויף די פעדעראלע אָרגא־ניזאציאָן פון די פאריזער סעקציאָנען. זײ האָבען געװאָלט, מען עס קאָסטען, װאָס עס װיל, פערניכטען די רעװאָלוציאָנערע קאָמונע פון דעם 10טען אויגוסט, און זײ האָבען אויסגעפיהרט צו קריגען נײע װאהלען פאר דעם גענעראל־ראטה פון דער פּארי־זער מוניציפּאליטעט. פּעטיאָן, דער זשיראָנדיסטישער מעיאָר

האָט רעזיגנירט צו דער זעלבער צייט. און דאָ האָבען ווידער די סעקציאָנען צושטערט דיזע אַלע מאַנעווערס. ניט נור האָט די בארג־פּאַרטיי געהאַט די מאַיאָריטעט אין דיזע וואהלען, נור אַ רעוואָלוציאָנער, אַזוי פּאָרטגעשריטען און אַזוי פּאָפּולער, ווי שאָמעט, איז בעשטימט געוואָרען אלס דער פּראָקוראטאָר פון דער קאָמונע, און דער בעריהמטער רעוואָלוציאָנער העבערט איז גע־וואָרען זיין אסיסטענט. (דעצ. 2, 1792). פּעטיאן, וועלכער האָט שוין ניט סימפּאטיזירט מיט די רעוואָלוציאָנערע געפיהלען פון דער פּאריזער בעפעלקערונג, איז ניט ערוועהלט געוואָרען אויפס־ניי. שאמבאק, אַ געמעסיגטער, האָט פערנומען זיין פּלאַץ. אָבער ער איז דאָרט פערבליבען בלויז צוויי מאָנאטען, און דעם 14טען פעברואר, 1793, האָט פערנומען זיין שטעלע פּאשע, דער געוועזענער קריעגס־מיניסטער.

אָט ווי אַזוי די רעוואָלוציאָנערע קאָמונע פון 1793 איז צו־שטאנד געבראכט געוואָרען — די קאָמונע פון פּאשע, שאָמעט און העבערט, וועלכע איז געווען די געגנערין פון דער קאָנווענשאָן און האָט געשפּיעלט אַזאַ מעכטיגע ראָליע אין דער בעוועגונג פון מאַי 31 און יוני 2, 1793, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט דער ארויסווארפונג פון די זשיראָנדיסטישע פיהרער פון דער קאָנ־ווענשען, און וועלכע האָט געשטו־סען פּאָרווערטס די רעוואָלוציע פון יאהר צוויי, וועלכע האָט פערטהיידיגט גלייכהייט און, ענד־ליך, אויך דעם קאָמוניזם.

די גרויסע פראגע פון דעם מאָמענט איז געווען די מלחמה. פון ־עם ערפאָלג פון די ארמייען איז אָבגעהאנגען די ענטוויק־לונג פון דער רעוואָלוציע.

מיר האָבען געזעהען, דאָס די פּאָרטגעשריטענע רעוואָלו־ציאָנערען, ווי מאראט און ראָבעספּיער, האָבען ניט געוואָלט די מלחמה. אָבער דער קעניגליכער הויף האָט איינגעלאַדען די דייטשען, אום צו רעטען דעם קעניגליכען דעספּאָטיזם. קריעג האָבען אויך זעהר שטארק געוואָלט די פּריסטער און דער אדעל, רעכענענדיג דורך די מלחמה צוריק צו קריגען זייערע אַלטע פּריי־ווילעגיען; און די רעגיערונגען ארום פראנקרייך האָבען געזע־

הען אין דער מלחמה א מיטעל צו בעקעמפפען דעם רעוואָלוציאָ־
נערען גייסט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו ווייזען אין זייערע
אייגענע מלוכות, און אויך האָבען זיי געזעהען אין דעם קריעג
א גוטע געלעגענהייט אָבצורייסען פון פראנקרייך מאנכע פּראָ־
ווינצען און קאָלאָניעס. די זשיראָנדיסטען, וויעדער, האָבען גע־
וואָלט מלחמה, ווייל זיי האָבען אין איהר געזעהען דעם איינצי־
גען מיטעל, ווי צו פערקלענערען די אויטאָריטעט פון קעניג און
ניט דארפען צוליעב דעם אפעלירען צו א פאָלקס־אויפשטאנד.
„עס איז דערפאר, ווייל איהר ווילט ניט אפעלירען צום פאָלק,
אָט וואָרום איהר ווילט די מלחמה“, האָט מאראט געזאָגט, און
ער איז געווען גערעכט.

וואָס דאָס פאָלק אנבעטרעפט, האָבען די בויערען פון די
דעפּאַרטמענטס ביין גרענעץ, ווען זיי האָבען געזעהען די דייטשע
ארמייען, אָנגעפיהרט פון די עמיגרירטע אדעל־לייט, צוזאמענ־
קלייבענדיג זיך ביין רהיין אָדער אין נידערלאנד, האָבען זיי
פערשטאנען, אז איצט איז געקומען דער מאָמענט פאר זיי זיך
צו בעוואפענען, אום צו פערטהיידיגען די רעכטע אויף דאָס
לאנד, וואָס זיי האָבען אָבגענומען פון דעם אדעל און די פּריעס־
טער. דערפאר, ווען עס איז ערקלערט געוואָרען דער קריעג מיט
עסטרייך דעם 20טען אפּריל, 1792, האָבען די איינוואוינער פון
די פראָווינצען, נאָהענט צום איסט־גרענעץ, ארויסגעוויזען אַן
ערשטוינענדע בעגייסטערונג. פרייוויליגע האָבען זיך מיט יו־
בעל־געזאנג געמעלדעט צום קריעג, און די מחנות פון די פאטרי־
אָטען האָבען זיך געשאָטען פון אלע זייטען. אָבער דאָס איז
ניט געווען אזוי אין די געגענדען פון דער וועסט און זיד־וועסט
פראנקרייך. דאָרט האָט דאָס פאָלק ניט געוואָלט קיין מלחמה.

קיין זאך איז ניט געווען פערטיג פאר מלחמה. די פראנצוי־
זישע ארמיי, ניט צעהלענדיג מעהר ווי 130,000 מענשען, האָט
זיך אויסגעשפרייט פון דעם נאָרד־ים ביז צו דער שווייץ; איז
געווען זעהר שלעכט בעוואפענט, און איז קאָמאנדירט געוואָרען
פון ראָיאליסטישע אָפיצערען און שטאבען, און איז ניט געווען
אין שטאנד צו וועהרען זיך געגען די אריינדרינגונג פון שונא.

דו־מאריץ און לאפאיעט האָבען צוערשט אויפגענומען דעם מוטהיגען פּלאַן זיך אריינצוברעכען אין בעלגיען, וועלכע האָט שוין אין 1790 פּרובירט זיך אָברייסען פון עסטרייך, אָבער איז בעזיעגט געוואָרען. די בעלגישע ליבעראלען האָבען אַפּעלירט צו די פראנצויזישע, אָבער דער פערזוך איז ניט געראָטהען, און דאן האָבען די פראנצויזישע גענעראלען בעשלאָסען צו בלייבען אין דער ראָליע פון פערטהיידיגען־זיך בלויז און ניט פון אטאַ־קירען, און נאָך מעהר דערפאר, ווייל פּרייסען האָט זיך פעראייניגט מיט עסטרייך און די דייטשע פּרינצען, אום זיך ארייננצו־רייסען אין פראנקרייך, און דיזע פעראייניגונג איז שטארק און גאנץ אָפען אונטערשטיצט געוואָרען פון דעם הויף אין טורין און אין געהיים פון די קעניגליכע הויפען פון פּעטערבורג און לאָנדאָן.

דעם 26טען יולי, 1792, האָט דער הערצאָג פון ברוינשווייג, וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר איבער איינע פון דיזע אר־מייען, און וועלכע איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון 70 טויזענד פּרייסישע סאָלדאטען, 68 טויזענד עסטרייכישע, העסיאנישע און עמיגראנטען, האָט אָנגעהויבען מארשירען אויף קאָבלענץ, פערעפענטליכענדיג אויף זיין מארש א מאניפעסט, וועלכער האָט ארויסגערופען דעם צאָרן פון גאנץ פראנקרייך. ער האָט געסטראשעט צו פערברענען די אלע שטערט, וועלכע וועלען זיך אונטערשטעלען צו פערטהיידיגען, און אויסשלאכטען זייערע איינוואוינער, אלס רעבעללען. אויב פּאריז וועט פּרובירען אריינברעכען זיך אין דעם פּאלאַץ פון לואי דעם 16טען, וועט די שטאָדט קריגען א פּסק, וואָס זי וועט עס קיינמאָל ניט פער־געסען.

דריי דייטשע ארמייען האָבען געזאָלט אריינקומען אין פראנקרייך און מארשירען אויף פּאריז, און דעם 19טען אפּריל איז די פּרייסישע ארמיי אריבער דעם גרענעץ און האָט איינגע־נומען לאָנגווי און ווערדון אָהן א קאמפף.

מיר האָבען געזעהען, וואָס פאר א בעגייסטערונג די קאָ־מונע האָט ערוועקט אין פּאריז, ווען דיזע נייעס איז אָנגעקומען,

און ווי זי האָט געענטפערט אויף דעם, לאָזענדיג די בלייענע פּרו־נעס פון די רייכע צושמעלצען אין קוילען, ווי אויך די גלאָקען און די אַנדערע הייליגע כלים פון דער קירכע פערוואַנדלען אין קאַנאָנען, וועהרענד די קירכען אליין זיינען אומגעוואַנדעלט גע־וואָרען אין ארבייטס־פּלעצער, וואו טויזענדער מענשען האָבען געארבייט מאַכענדיג אלעס, וואָס איז נויטיג געווען פאַר די פּריוויליגע און זינגענדיג די מאַרסעליעזע און אנדערע רעוואָלו־ציאָנערע ליעדער, ווען זיי האָבען געטהאָן דיזע ארבייט.

די עמיגראַנטען האָבען איינגערעדט די פעראייניגטע קע־ניגע, אז פראַנקרייך וועט זיי אויפנעהמען מיט אָפענע ארעמס. אָבער די אָפען־פּיינדליכע שטעלונג פון די בויערען אין די סעפּ־טעמבער־טעג אין פּאַריז האָבען געמאַכט די איינדרינגער צו טראַכטען אביסעל. די איינוואוינער פון די שטעדט און די בויערען פון די איסט־פּראָווינצען האָבען זעהר גוט פערשטאַנען, דאָס דער שונא איז געקומען אַוועקצונעהמען די פּרוכט פון אלע זייערע זיעגע, און עס איז געווען הויפּטזעכליך אין די געגענדען צו איסט צו, וואו די אויפשטענדע אין די שטעדט און אויפ'ן לאַנד, אין 1789 און 1790, האָבען אם בעסטען אויסגעפיהרט צו פערניכטען דעם פעאָדאַליזם.

אָבער בעגייסטערונג אליין איז ניט געווען גענוג, אום צו בעזיעגען. די פּרייסישע ארמיי האָט געהאַלטען אין קומען אלץ נעהענטער , און איצט, צוזאַמען מיט דער עסטרייכישער אר־מיי, איז זי שוין אריין אין וואַלד ארגאָן, וועלכער האָט זיך גע־צויגען איבער אַ לענג פון 11 „ליעגעס", אָבזונדערענדיג דעם טהאָל פון מעאוז פון דעם וויסטען שאַמפּאַן. דומאַריעז האָט אומזיסט פּראָבירט דורך האַסטיגע מאַרשען אָבצוהאַלטען די אריינדרינגער. זיין ארמיי האָט נור דאָס אויסגעפיהרט, וואָס זי האָט פערנומען פּונקט אין צייט דעם גרויסען וואַלד, און דאָ האָבען די פּרייסען, דעם 20טען סעפּטעמבער, זיך בעגעגענט מיט דעם ערשטען אָבהאַלט, וועהרענד זיי האָבען פּראָבירט צו פערנעהמען די בערג, וואו עס זיינען געווען די סאָלדאַטען פון דומאַריעז. אונטער די אומשטענדען איז די שלאַכט ביי

וואלמי געוועזן א וויכטיגער זיעג — דער ערשטע זיעג פון פאָלק איבער די קעניגע, און אלס אזעלכער איז ער בעגריסט געוואָרען פון געטהע, וועלכער איז מיטגעגאנגען מיט דע‚ ארמיי פון דעם הערצאָג פון ברוינשווייג.

די פרייסישע ארמיי איז געוועזן געצוואונגען זיך אָבצור־שטעלען אונטער א גוס־רעגען אין דעם וואלד ארגאן, און אזוי ווי אלעס האָט געפעהלט אין די וויסטע פעלדער, וואָס האָבען זיך געצויגען פון פאָרענט, איז זי געוואָרען דער אָפפער פון א מאָגען־קראנקהייט, וועלכע האָט אָנגעמאכט א שרעקליכען חורבן צווישען די סאָלדאטען. די וועגען זיינען געוועזן שיטערע בלאָ־טע, די בויערען זיינען געוועזן אויף דער וואך, — אלעס האָט פאָראויסגעזאָגט אן אונגליקליכען סוף פאר די אריינדרינגער.

עס איז געוועזן דאן, ווען דאנטאָן האָט פערהאנדעלט מיט דעם הערצאָג פון ברוינשווייג וועגען א צוריקצוג פון דער ארמיי. וואָס עס זיינען געוועזן די בעדינגונגען, דאָס איז נאָך ביז היינט אונבעקאנט. האָט דאנטאָן איהם פערשפּראָכען, ווי מען האָט עס שפּעטער בעהויפּטעט, צו רעטען דעם לעבען פון לואי דעם 16טען? עס איז מעגליך. אָבער, אויב דיזער פערשפּרעכען איז געמאכט געוואָרען, האָט עס נור געמוזט זיין אויף א געוויסען תנאי, און מיר ווייסען ניט, וועלכע בעדינגונגען עס זיינען געשטעלט געוואָרען פון דער זייט פון די אריינדרינגער, אויסער די באלדיגע צוריקציהונג פון די פּרייסען? איז אויך פער־שפּראָכען געוואָרען דער גלייכצייטיגער ריקצוג פון די עסטריי־כער? איז גערעדט געוואָרען פון א פּאָרמאלנעם ענטזאגען־זיך פון לואי דעם 16טען פון זיין טהראָן? מיר קענען נור מאכען השערות.

אלעס, וואָס מיר ווייסען ווירקליך, איז, דאָס דעם ערשטען אָקטאָבער האָט דער הערצאָג פון ברוינשווייג אָנגעהויבען דעם ריקצוג דורך גראנד־פּרע און ווערדון. צום ענדע פון מאָנאט איז ער צוריק אריבער דעם רהיין אין קאָבלענץ, בעגלייט פון די קללות פון די עמיגראנטען.

דאן האָט דו־מאריעז געגעבען א בעפעהל וועסטערמאַן „צו

בעגלייטען העפליך די פרייסען אויף צוריק", ניט טרייבענדיג זיי צו־שטארק, און אליין איז ער דעם 11טען אָקטאָבער געקומען נאָך פאריז, וואהרשיינליך אום צו זעהען, ווי אזוי די פארטייען זיינען צוטהיילט, און דאן בעשטימען, ווי ער דארף זיך האלטען. ער האָט אזוי געמאכט, דאָס חאָטש ער האָט נאָך ניט צוגעשוואָרען טרייהייט דער רעפובליק, דאָך איז ער זעהר גוט אויפגענומען געוואָרען פון די יאקאָבינער, און פון יענער צייט אָן האָט ער אָנגעהויבען שטארק אגיטירען פאר דעם דיוק פון שארטרע אלס פאר דעם קאנדידאט אויף דעם פראנצייזישען טהראָן.

פון דעם אויפשטאנד, וועלכער איז פאָרבערייטעט געוואָרען אין ברעטאין פון דעם מארקיז דע לא רועריע, אז ער זאָל אויסברעכען דאן, ווען די דייטשען וועלען האלטען אין מארשירען אויף פאריז, איז אויך גאָר ניט געוואָרען. דאנטאָן האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, און ער האָט עס פערשטאנען צו פערכאפען די פעדים פון דיזער אינטריגע אין ברעטאין און אין לאָנדאָן. אָבער לאָנדאָן איז געבליבען דער מיטעל־פונקט פון די קאָנספיראציעס פון די פרינצען, און דער אינזעל פון זשוירסי איז געמאכט געוואָרען פאר דעם הויפט־סקלאד פון די ראָיאליסטישע וואפען. די אבזיכט איז געווען אריבערצוברענגען א קליינע ארמיי ערגעץ־וואו אויף דעם ברעג פון ברעטאין, צו פערכאפען סען־מאלאָ מיט דער הילפע פון די דאָרטיגע ראָיאליסטען, און איבערגעבען דיזען האפען, וואָס איז פון גרויסער מיליטערישער און קאָמערציעלער וויכטיגקייט, צו ענגלאנד.

אין דער זעלבער צייט איז די פראנצויזישע ארמעע פון זיד, קאָמאנדירט פון מאָנטעסקיו, אריין אין סאוואי דעמזעלבען טאָג, ווען די קאָנווענשאָן איז ערעפענט געוואָרען. זי האָט איינגענומען שאמבער פיער טעג שפעטער און האָט איינגעפיהרט אין סאוואי די בויערן־רעוואָלוציע געגען די פעאָדאלע פריצים.

ביין סוף פון דעמזעלבען מאָנאט, סעפטעמבער, איז איינע פון די ארמייען פון דער רעפובליק, קאָמאנדירט פון לאָזון און קוסטין, אריבער דעם רהיין און האָט איינגענומען ספיערס דורך אן אטאקע דעם 30טען סעפטעמבער. פיער טעג שפעטער האָט זיך

וואָרמס אונטערגעגעבען, און דעם 23טען אָקטאָבער זיינען מאינץ און פראנקפורט־אן־מיין געווען בעזעצט פון די אר־מייען פון די סאנקיולאָטען.

אין דער נאָרטהה איז געווען נאָך א רייהע פון ערפאָלגען. צו ענדע אָקטאָבער איז די ארמיי אונטער דומאָריעץ אריין אין בעלגיען, און דעם 6טען נאָוועמבער האָט זי געוואונען א גרוי־סען זיעג איבער די עסטרייכער אין זשעמאפּ, ארום מאנס — א זיעג, וועלכען דומאָריעץ האָט אזוי צושטאנד געבראכט, אז ער זאָל געבען בעריהמטהייט דעם זוהן פון דעם הערצאָג פון שארטרע — און געאָפּפערט דערביי צוויי באטאליאָנען פון די פּאריזער־פריוווילינע.

דיעזער זיעג האָט אויפגעעפענט בעלגיען פאר פראנקרייך. מאָנס איז פערנומען געוואָרען דעם 8טען און דעם 14טען איז דומאָריעץ אריין אין בריססעל. דאָס פאָלק האָט אויפגענומען די סאָלדאטען פון דער רעפּובליק מיט אָפענע אָרעמס. זיי האָ־בען ערוואַרטעט, אז די פראנצויזישע ארמיי וועט גלייך איינ־פיהרען פערשיעדענע רעוואָלוציאָנערע רעפאָרמען, הויפּטזעכליך אין די ענינים פון אייגענטהום. דאָס איז אויך געווען די אידעע פון דעם „בארג“ — וועניגסטענס פון קאמבאָן — דעם מאן, וועלכער האָט אָרגאניזירט דעם אונגעהויער גרויסען געשעפט פון דעם לאנד־פערקויף פון די פּריסטער, אלס א גאראנטיע פאר די ארויסגעגעבענע אסיגנאציעס, און וועלכער האָט אין דיזען מאָמענט אָרגאניזירט דעם פערקויף פון די מאיאָנטקעס פון די עמיגראנטען־ראָיאליסטען, און וועלכער האָט ניט געוואָלט גאָר קיין בעסערע זאך, ווי אז דיזער סיסטעם זאָל גלייך אָנגענומען ווערען אויך אין בעלגיען. אָבער, צי ווייל דער בארג האָט ניט געהאט דעם מוטה, ווערענדיג שוין צו שטארק אטאקירט פון די זשיראָנדיסטען, דאָס ער האָט גאָר ניט קיין אכטונג פאר אייגענטהום; אָדער, ווייל די רעוואָלוציאָנערע ציעלען האָבען ניט געפונען די נויטיגע אונטערשטיצונג אין בעלגיען, וואו נור די פּראָלעטאריער זיינען געווען אויף דער זייט פון דער רעוואָ־לוציע, ווערענד די מיטעל־קלאסען און די שטארקע קראפט פון

די פריסטער זיינען געוועזן נעגען איהר — יעדענפאלס בלייבט עס א פאקט, דאס די רעוואלוציע, וועלכע וואלט געקאנט פער־איינינגען די בעלגיער מיט די פראנצויזען, איז ניט אויסגעפיהרט געווארען.

דיזע אלע ערפאלגען און זיעגע האבען איינפאך פער־שיכור'ט די אנהעננגער פון מלחמה, און די זשיראנדיסטען הא־בען טריאומפירט. דעם 15טען דעצעמבער האט די קאנווענ־שאן ארויסגעלאזען א דעקרעט, אין וועלכען זי האט ערקלערט קריעג אלע מאנארכיען און האט ערקלערט, אז מיט קיינער פון די מעכטע זאל ניט געשלאסען ווערען קיין פריעדען, ביז זייערע ארמייען וועלען אויסגעוויזען ווערען פון דער טעריטאריע פון דער רעפובליק. אין דער ווירקליכקייט אבער איז די לאגע אין לאנד געווען א זעהר טרויעריגע, און די סאמע זיעגע פון דער רעפובליק האבען נור ארויפגעלייגט דעם זיעגעל אויף די פער־איינינגונג צווישען אלע מאנארכיען.

דאס, וואס די פראנצויזישע ארמיי איז אריינגעדרונגען אין בעלגיען, דאס האט געמאכט ענגלאנד בעשליסען, וואס זי האט צו טהאן אין דיזער אנגעלעגענהייט. דער אויפטאגען פון רע־פובליקאנישע און קאמוניסטישע אידעען צווישען די ענגלענדער, וואס דאס איז דעמאנסטרירט געווארען דורך די גרינדונג פון רעפובליקאנישע געזעלשאפטען און וואס האט זיך ליטעראריש אויסגעדריקט אין 1793 דורך דעם מערקווירדיגען ווערק איבער דעם פרייען קאמוניזם פון גאדווין „איבער פאליטישע גערעכ־טיגקייט", האט געגעבען די פראנצויזישע רעפובליקאנער און בע־זאנדערס דאנטאן'ען, די האפנונג צו געפינען אונטערשטיצונג אין דער ענגלישער רעוואלוציאנערער בעוועגונג.

אבער די אינדוסטריעלע און געשעפטליכע אינטערעסען הא־בען געזיעגט אין ענגלאנד. און ווען דער רעפובליקאנישער פראנקרייך איז אריין אין בעלגיען און האט זיך בעפעסטיגט אין דעם טהאל פון שעלדע און רהיין, סטראשענדיג צו נעהמען בעזיץ פון האללאנד, איז ענגלאנד שוין געקומען צו א פעסטען בע־שלוס, וואס זי האט צו טהאן.

אוועקצונעהמען די פראנצויזישע קאָלאָניען; צו פערניכ־
טען איהר מאכט אויפ'ן ים, צו שטערען איהר אינדוסטריעללע
ענטוויקלונג, און ניט צו דערלאָזען צו איהר וויטערער קאָ־
לאָניאלער אויסברייטונג, — דאָס איז געווען דער בעשל'ס, צו
וועלכען די מייסטע בירגער אין ענגלאנד האָבען מסכים געווען.
די פארטיי פון פאקס איז פערניכטעט געוואָרען, און די פארטיי
פון פיטט האָט געהאלטען אין קומען צום רודער. פון דאן אָן
איז ענגלאנד, שטארק דורך איהר פלאָטע און נאָך שטארקער
דורך איהר געלד, מיט וועלכען זי האָט סובסידירט די קאָנטי־
נענטאלע מעכטע — רוסלאנד, פרייסען און עסטרייך צווישען זיי
— געוואָרען און איז געבליבען דער סאמע קאָפּ פון אַן אייראָפּע־
אישער פעראייניגונג. עס איז געווען אַ מלחמה אויף טוידט און
לעבען צווישען די צוויי נאציאָנען, און דיזע מלחמה האָט מיט
געוואלד געבראכט פראנקרייך צו אַ מיליטערישער דיקטאטור.

אַ חוץ דעם, אויב פאריז, געסטראשעט מיט דער ארייננדרינגונג
פון שונא, איז געוואָרען פול מיט בעגייסטערונג און זיינע בעסטע
עלעמענטען האָבען זיך געאיילט צו צושטעהן צו די פריווויליגע
פון די פראָווינצען פון איסט־פראנקרייך, איז עס אָבער אויך
געווען די מלחמה, וועלכע האָט געגעבען דעם ערשטען שטויס צו
דעם אויפשטאנד אין דער וואנדיי. זי האָט פערזאָרגט די פּריס־
טער מיט אַן אויסרייד אויסצונוצען דעם ווידערווילען פון דער
בעפעלקערונג צו פערלאָזען זייערע שאָטענדיגע וועלדער און צו
געהן קעמפּפען, ניט וויסענדיג, וואוהין, צום גרענעץ: די
מלחמה האָט געהאָלפען אויפצואוועקען דעם פאנאטיזם פון די
וואנדייער און צו מאכען זיי רעוואָלטירען אין דער זעלבער צייט,
ווען די דייטשען זיינען אריין אין פראנקרייך. מיר וועלען שפּע־
טער זעהען, וועלכע צרות די רעוואָלוציע האָט געהאט פון דיזען
אויפשטאנד.

אָבער, ווען עס וואָלט געבליבען חאָטש בלויז ביי דער איינ־
ציגער וואנדיי! איבער גאנץ פראנקרייך האָט די מלחמה בע־
שאפען אזא שרעקליכע לאגע פאר די גרויסע מאסע פון די אָרי־
מע, דאָס עס איז ווירקליך אַ וואונדער, ווי אזוי די רעפּובליק

האָט אויסגעפיהרט ארויסצוקומען גאנץ פון אזא שווערען קריזיס.

דער יאָהר 1792 איז געווען א גאנץ געראָטענער אין ווייץ, אָבער צוליעב די רעגענס איז האָבער און גריין גאָר ניט געווען געראָטען. די עקספּאָרטאציאָנען פון פערשיעדענע תבואות איז פערבאָטען געוואָרען, אָבער טראָץ דעם איז געווען א הונגער אין לאַנד. אין די שטעדט איז שוין פאר א לאַנגע צייט ניט געזע־הען געוואָרען אזא עלענד. לאַנגע שורות פון מענער און פרויען האָבען בעלאַגערט די בעקער און די בוטשערס, אָבשטעהענדיג די גאנצע נאכט אין שנעע און אין רעגען, און ניט זייענדיג זי־כער צו קענען קריגען אין דער פריה איין שטיקעל ברויט זאָגאר פאר דעם העכסטען פרייז. און דאָס אלעס אין א צייט, ווען א גרויסע צאָהל אינדוסטריען איז כמעט אין גאנצען אָבגעשטעלט געוואָרען, וואָס דאָס האָט געמיינט, אז פיעלע זיינען געווען אוי־סער ארבייט.

דער פאקט איז, דאָס מען קען ניט אוועקנעהמען אונבע־שטראָפט פון א נאציאָן פון פינף און צוואנציג מיליאָן באלד א מיליאָן מענשען אין דער סאמע בליהונג פון זייער יוגענד און פיליייכט א האלבען מיליאָן לאַסט־טהיערע, אז מען זאָל עס ניט פיהלען אין דער ערד־ארבייט. אויך קענען ניט די נאהרונגס־שטאָפען פון א נאציאָן ווערען צונישטעט, ווי דאָס מוז פאָרקו־מען אין א מלחמה, און דערמיט זאָל דער עלענד פון די אָרימע נאָך ניט שווארצער ווערען, ווי ער איז — אין דער זעלבער צייט, ווען א גאנצע הורבע עקספּלואטאטאָרס ווערען נתעשר אויף דעם חשבון פון דער עפפענטליכער קאססע.*)

---

*) די רויבערייען, וועלכע זיינען בעגאַנגען געוואָרען פון אַ געוויסער אנצאהל אָפיציערען אין דעם קאָמיסאריאט פון די ארמייען פון דער רעפּובליק, זיינען געווען סקאַנדאַלעז. איינ־יגע ביישפּיעלע וועט מען געפינען אין זשאָרעס'עס געשיכטע איבער די קאָנוועגשאָן. די ספּעקולאַציעס, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען דאַן, קען מען זיך לייכט משער זיין פון דעם פאַקט, דאָס די פּראָוויזיאָן־אָפּי־

פראגען ווענען דיזע אלע העכסט־וויכטיגע פאסירונגען זיי־נען ווי דונער־שלעג געקומען פאר יעדער פאָלקס־געזעלשאפט אין די פראָווינצען און פאר יעדער סעקציאָן פון די גרויסע שטעדט, ביז זיי האָבען געפונען זייער וועג צו דער קאָנווענשאָן. און איבער אלע דיזע פראגען האָט זיך אויפגעהויבען די גרעסטע פראגע, פון וועלכער אלע אַנדערע זיינען אבהענגיג: „וואָס זאָל מען טהאָן מיט'ן קעניג?"

ציערען האָבען געקויפט גרויסע קוואַנטיטעטען פון ווייץ געראדע אין די דעפּארטמענטס, וואו עס איז געווען אַ גרויסע אונגערעטעניש און וואו די פּרייזען זיינען געווען זעהר הויכע. די ספּעקולאַציעס אין דעם שטייגען פון ווייץ, וועלכע זיינען פריהער געמאַכט געוואָרען פון ס ע פּ ט ו א י ל פאר דעם פּראָפיט פון לואי דעם 16טען, „דעם גוטען קעניג", וועלכער האָט קיינמאָל ניט פערנאַכלעסיגט דיזען מיטעל אָנ־צופיללען זיין פּריוואט־בייטעל, זיינען איצט אויסגעפיהרט געוואָרען פון די מיטעל־קלאַסען.

## אכט־און־דרייסיגסטער קאפיטעל.

# דער משפט פון קעניג.

דער שיקזאל פון קעניג נאך אונבעשלאסען. — די אורזאכע פון דער פערלענגערונג. — גאמאין'ס פעררעטה. — שטערונגען צום פראצעס. — די בערעכטיגונג פון דעם פראצעס. — מאריע אנטואנעט און פערזען. — די זשיראנדיסטען מאכען א פערזוך צו שטערען דעם פראצעס דורך אן אטאקע אויפ'ן בארג. — דער קעניג קומט צו דער קאנווענשען. — דער טוידט־אורטהייל. — די הינריכטונג פון קעניג.

---

די צוויי מאנאטען, וועלכע זיינען פאריבער צווישען דער ערעפענונג פון דער קאנווענשען און דעם קעניג'ס פראצעס בלייבען ביז איצט א רעטעניש פאר דער געשיכטע.

די ערשטע פראגע, וועלכע איז געשטאנען פאר דער קאנווענשען, נאך דעם, ווי זי איז צוזאמענגעקומען, איז געוועזען, נאטירליך, די: וואס זאל מען טהאן מיט'ן קעניג און זיין פאמיליע, וועלכע ווערען געהאלטען אלס געפאנגענע אין טעמפעל? צו האלטען זיי דארט געפאנגען פאר אן אונבעשטימטע צייט ביז עס וועט צוריקגעשטויסען ווערען דער אויסלענדישער שונא און ביז עס וועט געשטימט און אנגענומען ווערען פון פאלק א רעפובליקאנישע קאנסטיטוציע — דאס איז געוועזען אונמעגליך: ווי האט די רעפובליק געקאנט געגרינדעט ווערען, אזוי לאנג ווי זי האט געהאלטען דעם קעניג און זיין געזעצליכען יורש געפאנגען, ניט האבענדיג דעם מוטה צו טהאן עטוואס מיט זיי?

א חוץ דעם, וויבאלד לואי דער זעכצעהנטער, מאריע אנ־

טאָנעט און זייערע קינדער זיינען געוואָרען איינגעפּאַקטע מענשען דורך דעם, וואָס מען האָט זיי ארויסגענומען פון פּאַלאַץ, אי דאָס האלטען זיי געפאנגען האָט זיי געמאַכט פאר זעהר אינטע רעסאנטע מארטירער, ווען מען די ראַיאליסטען וויינען געוועזען אי־בערגעבען, און אויך ווען מען די מיטעל־קלאסען און זאָגאר ד סאנקיולאָטען, וועלכע זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרען, אַלס וואָך איבער זיי, האָבען געהאט גרויס רחמנות.

אַזאַ לאַגע האָט ניט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטען. און דאָך כמעט צוויי מאָנאַטען זיינען פאַראיבער, ווען די קאָנווענשע האָט גענומען אַ שטאַרקען אינטערעס אין פערשיעדענע זאכען, אָבער קיינמאָל ניט בעריהרענדיג די פראגע, וואָס צו טהאָן מיט דעם הויפּט־רעזולטאט פון דעם 10טען אויגוסט, ווי צו ענטשיי־דען איבער דעם שיקזאל פון קעניג. דיזע פערלענגערונג, לויט אונזער מיינונג, האָט געמוזט זיין אַן אבזיכטליכע, און מיר קע־נען איהר נור ערקלערען מיט דער השערה, דאָס וועהרענד דער גאנצער צייט זיינען פאָרגעקומען געהיימע בעראטהונגען מיט ד איירָאָפּעאישע מעכטע — בעראטהונגען, וועלכע זיינען נאָך ניט ענטדעקט געוואָרען, און וועלכע האָבען זיכער געמוזט זיין אין צוזאמענהאנג מיט דער איינדרינגונג פון דעם אויסערליכען שונא און מיט דעם, וואָס פאר אַ ווענדונג די מלחמה וועט אָנ־נעהמען.

מיר ווייסען שוין, אַז דאַנטאָן און דומאָריעז האָבען גע־האַט פערהאנדעלט מיט דעם הויפּט־קאָמאנדיר פון דער פּריי־סישער ארמיי, און זיי האָבען איהם ענדליך געמאַכט זיך אָב־צוזונדערען פון די עסטרייכער און זיך צוריקציהען מיט זיין ארמיי. און מיר ווייסען אויך, דאָס איינע פון די בעדינגונגען, וועלכע דער הערצאָג פון ברוינשווייג האָט געשטעלט — כאָטש, גאנץ מעגליך, דיזע בעדינגונג איז ניט אָנגענומען גע־וואָרען — איז געוועזען, אַז לואי דעם זעכצעהנטען זאָל מען קיין בייז ניט טהאָן. אָבער עס האָט דאָ געמוזט נאָך מעהר זיין. עהנליכע פערהאנדלונגען זיינען געווים געפיהרט געוואָרען אויך מיט ענגלאנד. און ווי קען דאָס שטילשווייגען פון דער קאָנ־

ווענשען און די גערולד פון די סעקציאָנען פערשטאַנען ווערען
אז מען זאָל ניט רעכנען, אז עס האָט דאָן געמוזט זיין אן איינ־
פערשטענדניס צווישען דעם „באַרג" און די זשיראָנדיסטען?

היינט, אָבער, איז עס קלאָר פאר אונז, דאָס אַלע אזעלכע
פערהאַנדלונגען האָבען ניט געקאָנט זיין פון אירגענד אַ ווערטה
און צוליעב צוויי אורזאַכען. דער שיקזאַל פון לואי דעם זעכ־
צעהנטען און זיין פאַמיליע איז ניט געוועזן פון אזא גענינגענדער
וויכטיגקייט ניט פאר דעם קעניג פון פּרייסען, אויך ניט פאר
דעם קעניג פון ענגלאַנד, אויך ניט פאר דעם ברודער פון מאריע
אַנטואַנעט, דעם קעניג פון עסטרייך, אז זיי זאָלען אויפאָפּפערען
זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסען פאר די פּערזענליכע אינטערע־
סען פון די געפאַנגענע אין טעמפּעל. דאָס האָט מען קלאָר געזע־
הען דורך די פערהאַנדלונגען, וועלכע זיינען פּאָרגעקומען אַ צייט
שפּעטער, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אום די פּריילאָזונג פון
מאריע אַנטואַנעט און מאַדאַם עליזאבעטה. און, פון דער אַנ־
דערער זייט, די פעראייניגטע קעניגע האָבען ניט געפונען אין
פראנקרייך צווישען די געבילדעטע קלאַסען יענע איינהייטליכ־
קייט פון דעם רעפּובליקאַנישען געפיהל, וועלכער האָט געקאָנט
זיי מאַכען גלויבען, אז זייער האָפנונג פון ווידער אמאָל אויפ
ריכטען דעם קעניגטהום איז אומזיסט. פערקעהרט, זיי האָבען
געפונען, אז די „געבילדעטע" פון די מיטעל־קלאַסען זיינען
שטאַרק געניינט אָנצונעהמען אַלס קעניג אָדער דעם הערצאָג פון
אָרלעאַנס (גרענדמאַסטער פון דער ברודערשאַפט פון די פריי־
מויערער, צו וועמען עס האָבען געהערט אַלע בעקאַנטע רעוואָלו־
ציאָנערען), אָדער זיין זוהן, דעם דיוק פון שאַרטרע, דעם צו־
קינפטיגען לואי פיליפ, אָדער זאָגאר דעם יורש פון לואי דעם
זעכצעהנטען.

אָבער דאָס פאָלק איז געוואָרען אונגעדולדיג. די פאָלקס־
געזעלשאַפטען פון איבער גאַנץ פראנקרייך האָבען געפאָדערט,
אז דעם קעניג'ס פּראָצעס זאָל ניט לענגער אָבגעלייגט ווערען, און
דעם 19טען אָקטאָבער איז די קאָממונע געקומען פאַר די
קאָנעוונשען, ערקלערענדיג, אז דאָס איז אויך דער וואונש פון

פאריז. ענדליך, אָנפאנג נאָוועמבער, איז געמאַכט געוואָרען דער ערשטער שריט. עס איז פאָרגעלעזען געוואָרען א מיט־טהיילונג, אין וועלכער עס איז געפאָדערט געוואָרען, אז לואי דער זעכצעהנטער זאָל געשטעלט ווערען צום פּראָצעס, און די הויפּט־פּונקטען פון דער אנקלאגע זיינען פאָרמולירט געוואָרען דעם פאָלגענדען טאָג. די דיסקוסיאָן וועגען דעם האָט זיך אָנ־געפאנגען דעם 13טען. די אנגעלעגענהייט אָבער וואָלט זיך נאָך געשלעפּט ווער ווייס ווי לאנג, ווען דעם 20טען נאָוועמ־בער, וואָלט דער שלאָסער גאמאין, וועלכער האָט פריהער געלע־רענט לואי דעם זעכצעהנטען די ארבייט פון א שלאָסער — ניט ענטפּלעקט פאר מיניסטער ראָלאָן, אז אין די טוליערי איז דאָ א געהיימער שראנק, וועלכען גאמאין האָט געהאָלפען דעם קעניג אריינצומאַכען אין איינע פון די וואנד, און אין וועלכען דער קעניג האלט זיינע פּאַפּירען.

דיזע שטיקעל געשיכטע איז גוט בעקאנט. איין טאָג אין אויגוסט, 1792, האָט לואי דער זעכצעהנטער געשיקט נאָך דעם שלאָסער גאמאין, ער זאָל איהם העלפען איינצופיקסען אין וואנד א שאַפע אונטער אַן אייזערנע טהיר, וועלכע ער האָט אליין געמאכט, וועלכע זאָל איהם קענען דיענען אלס א פּלאַץ, וואו ער זאָל קענען האלטען בעהאלטען פערשיעדענע זאכען. ווען די ארבייט איז געווען געענדיגט, איז גאמאין בייגאַכט אוועק נאָך ווערסאַיל, פון וואנען ער איז גערופען געוואָרען, נאָך דעם ווי די קעניגין האָט איהם מכבד געווען מיט א גלאָז וויין און מיט א ביסקוויט. אויפ'ן וועג איז ער געפאלען, פיהלענדיג א שטארקע שטעכעניש אין בויך, און איז זייט דאן אימער קראנק געוועזן. גלויבענדיג, דאָס מען האָט געמיינט איהם צו פערגיפ־טען, אָדער, אפשר, מורא האָבענדיג, אז ווען־עס־איז שפּעטער זאָל ער ניט פערפאָלגט ווערען פון די רעפּובליקאנער, האָט ער אלעס, וואָס ער האָט געוואוסט וועגען דיזען געהיימען שראנק, איבערגעגעבען צום מיניסטער ראָלאָן, וועלכער, פון זיין זייט, ניט דערוואַרטענדיג וועגען דעם קיינעם, האָט גלייך גענומען בע־זיץ פון די פּאַפּיערען אין דעם שראנק, האָט זיי גענומען צו זיך

אהיים, צוזאמען מיט זיין פרוי זיי איבערגעלעזען, און האָבענדיג ארויפגעלייגט זיין זיענעל אויף יעדען פון די פּאפּיערען, האָט ער זיי געבראכט צו דער קאָנוועגשען.

די טיעפע אויפרעגונג, וואָס דיזע ענטדעקונג האָט ארויסגערופען, קען בעגריפען ווערען, בעזאָנדערס, ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען, אז דער קעניג האָט געקויפט די דיענסטע פון מיראבאָ, דאָס זיינע אגענטען האָבען איהם פּאָרגעשלאָגען אונטערצוקויפען עלף איינפלוסרייכע מיטגליעדער פון דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג. (עס איז שוין געווען בעקאַנט, דאָס בארנאַווא און לאַמעטה זיי־ען שוין געוואונען געוואָרען אויף זיין זייט). און דאָס לואי דער זעכצעהנטער האָט נאָך אַליז געהאַט געצאָהלט געהאַלט די יענע מיטגליעדער פון זיין גוואַרדיע, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אין דיענסט פון זיינע ברידער אין קאָבלענץ, און וועלכע האָבען מארשירט צוזאמען מיט די עסטרייכער אויף פראנקרייך.

עס איז נור איצט, ווען מיר האָבען אין אונזערע הענד אַזוי פיעל דאָקומענטען, וועלכע בעשטעטיגען די פעררעטהערייען פון לואי דעם זעכצעהנטען, און מיר קענען זעהען די כחות, וועלכע האָבען זיך דאָך געשטעלט געגען זיין פעראורטהיילונג — נור איצט קענען מיר פערשטעהן, ווי שווער עס איז געווען פאר די רעוואָלוציע צו מאכען אַ קעניג אַ פּראָצעס און הינריכטען איהם.

אַלערליי פּאָראורטהיילע, די אָפענע און בעהאַלטענע קנעכטשאַפט פון דער געזעלשאַפט, די מורא פאר זייער אייגענטהום פון די רייכע און דער מיסטרויען פון פאָלק — דאָס אַלעס האָט זיך פעראייניגט אום ניט צו דערלאָזען צו אַ פּראָצעס פון קעניג. די זשיראָנדיסטען, אָבשפּיעגלענדיג אין זיך געטריי דיזע גאנצע מורא, האָבען געטהאָן אַלעס אין זייערע כחות צו שטערען דיזען פּראָצעס, און נאָכדעם, צו שטערען זיין פעראורטהיילונג, אָדער, ווען זיי זאָלען דאָס ניט קענען אויספיהרען, איז וועניגסטענס צו זעהען, אז דער אורטהייל זאָל ניט זיין דער טוידט, און ענדליך, טאָמער פּאָרט ווערט ער פעראורטהיילט

צום־טוידט, איז צו זאָרגען, אז דער אורטהייל זאָל ניט אויסגעפיהרט ווערען.*) פאַריז האָט געמוזט סטראַשענען די קאָנווענשאָן מיט אַן אויפשטאַנד, אום צו צווינגען איהר ארויסצוגעבען איהר אורטהייל, ווען דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען, און ניט אָבצולייגען די אויספיהרונג פון דעם אורטהייל. און דאָך, ביז היינטיגען טאָג, ווערלכע סענטימענטאַל־אויפגעבלאַזענע רעדען ווערען געהאַלטען, וואָס פאר טרערען עס ווערען פערגאָסען פון די געשיכט־שרייבער, ווען זיי דערמאָנען דיזען פּראָצעס!

און פאר וואָס? ווען אירגענד אַ גענעראַל, מאכט ניט אויס ווערלכער, וואָלט אויסגעפונען געוואָרען צו האָבען געטהאָן דאָס, וואָס לואי דער זעכצעהנטער האָט געטהאָן — דאָס הייסט, האָבענדיג גערופען די פרעמדע מעכטע איינצודרינגען אין דאָס אייגענע לאַנד, און זיי אָנבאָטען די גאַנצע הילפע זיינע — ווער, צווישען די מאָדערנע היסטאָריקער, ווערלכע זיינען עס אלע פערטהיידיגער פון „שטאַאַט־גרינדע“, וואָלטען זיך געוואַקעלט איין מאָמענט זאָגאַר צו פאָרדערען דעם טוידט פון יענעם גענעראַל? טו וואָרום אזוי פיעל געוויינעריי, ווען דער הויפּט־פערראַטה איז בעגאַנגען געוואָרען פון דעם קאָמאַנדיר פון אלע ארמייען פון פראנקרייך?

לויט אַלע טראַדיציאָנען און לויט אלע אויסגעטראַכטע איינפיהרונגען, ווערלכע די געשיכט־שרייבער און די יוריסטען אַנערקענען פאַר די פעסטשטעלונג פון די רעכטע פון „קאָפּ פון שטאַאַט“, איז די קאָנווענשען געווען דער הערשער אין דיזען מאָמענט. זי, און זי אליין, האָט געהאַט דאָס רעכט צו משפּט'ן דעם קעניג, ווערלכען דאָס פאָלק האָט אַראָבגעזעצט פון טהראָן.

---

*) אין דעם משך פון פּראָצעס האָבען איניגע זשיראָנדיסטישע דעפּוטאַטען, בעזאָנדערס די דעפּוטאַטען פון קאַלוואַדאָס, געשריבען צו זייערע קאָנסטיטוענטען, דאָס דער „באַרג“ וויל היגריבטען דעם קעניג, נור דערפאַר, ווייל זיי ווילען ארויפזעצען אויפ'ן טהראָן דעם דיוק פון אָרלעאַנס.

פונקט ווי זי אליין האָט געהאַט דאָס רעכט צו פערפאסען גע־זעצע — יענעם רעכט, וואָס איז ארויסגעפאַלען פון זיינע הענד. געשׁ'משפּט, אלזאָ, פון די מיטגליעדער פון דער קאָנווענשען, איז לואי דער זעכצעהנטער, אום צו געברויכען זיין אייגענע שפּראַך, גע'משפּט געוואָרען פון מענשען, וואָס זיינען געווען גלייך מיט איהם. און זיי, אויסגעפינענדיג אויף זיכער זיין פערראַטה, האָבען ניט געהאַט קיין אנדער ברירה. זיי האָבען **געמוזט** פעראורטהיילען איהם צום טוידט. וועגען גנאָדע האָט גאָר קיין פראגע ניט געקאָנט זיין אין אַ צייט, ווען בלוט האָט גע־פלאָסען ביין גרענעץ. די פעראייניגטע קעניגע האָבען דאָס אליין געוואוסט. זיי האָבען דאָס אויסגעצייכנעט פערשטאַנען.

וואָס אנבעטרעפט די טהעאָריע, וועלכע עס האָבען ענט־וויקעלט ראָבעספּיער און סאַן־זשוסט, לויט וועלכער די רעפּוב־ליק האָט געהאַט אַ רעכט צו טוידטען לואי דעם זעכצעהנטען, אלס איהר שונא, איז מאַראַט געווען גאַנץ גערעכט, ווען ער האָט פּראָטעסטירט געגען דיזע טהעאָריע. דאָס וואָלט געמעגט גע־טהאָן ווערען וועהרענד אָדער באַלד נאָך דעם קאמפּף פון אוי־גוסט דעם 10טען, אָבער ניט דריי מאָנאַטען שפּעטער נאָך דעם קאמפּף. נון, איז ניט געבליבען צו טהאָן קיין אנדער זאך, ווי צו פּראָצעסירען דעם קעניג, און אזוי עפפענטליך, ווי נור מעג־ליך, אזוי, אז די פעלקער און די צוקונפט זאָלען אליין קענען אורטהיילען איבער זיין געמיינהייט און פעררעטהעריי.

אין דער פראגע, ווי ווייט לואי דער זעכצעהנטער און זיין פרוי זיינען געווען שולדיג אין הויכפעררעטה, מוזען מיר, וועל־כע האָבען אין אונזערע הענד די קאָררעספּאָנדענץ פון מאַריע אַנטואַנעט מיט פערזען, און די בריעף פון פערזען צו פערשיע־דענע פערזענליכקייטען, צוגעבען, דאָס די קאָנווענשאָן האָט גע־אורטהיילט גאַנץ ריכטיג, חאָטש זי האָט ניט געהאַט דיזע אי־בערוועלטיגענדע בעווייזע, וועלכע מיר האָבען היינט. אָבער אזוי פיעל פאקטען האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין דעם משך פון די לעצטע דריי יאָהר, אזוי פיעל פערדעכטיגע ווערטער האָבען געלאָזט פאַלען די ראָיאַליסטען און די קעניגין, אזוי פיעל האנד־

לונגען פון קעניג זייט זיין אנטלויפען נאָך וואַרען, וועלכע, חאָטש זיי זיינען איהם געשענקט געוואָרען דורך די קאָנסטיטוציע פון 1791, האָבען דאָך גערינענט אלס גוטע ערקלערונג פון זיינע שפּעטערדיגע האנדלונגען, דאָס יעדער איינער איז געווען מאָראליש איבערצייגט אין זיין פּערראַטה. אויך האָט דאָס פאָלק פון פּאַריז ניט געהאַט דעם מינדעסטען צווייפעל וועגען דעם.

דער פּאַקט איז, דאָס דיזער פערראַטה האָט זיך אָנגעפאנגען מיט דעם בריעף, וועלכען לואי דער זעכצעהנטער האָט געשריבען צום אימפּעראַטאָר פון עסטרייך גראַדע אין דעמזעלבען טאָג, ווען ער האָט צוגעשוואָרען צו דער קאָנסטיטוציע אין סעפּטעמבער, 1791, אין מיטען פון די ענטהוזיאַסטישע בראַוואָ־געשרייען פון די פּאַריזער מיטעל־קלאַסען. דאַן איז געקומען די קאָררעספּאָנדענץ מיט פערזען, פון וועלכער דער קעניג האָט געוואוסט. זיצענדיג אין די טיוליערי האָבען די צוויי פעררעטהער, דער קעניג און די קעניגין, געפּלאַנעוועט דעם אָנקומען פון שונא נאָך פּאַריז, האָבען איהם אָנגעצייגט דעם וועג, און האָבען איהם מיטגעטהיילט אַלץ, וואָס זיי האָבען געוואוסט וועגען דער ארמייע און די מיליטערישע פּלענער. דער טריאומף־איינצוג פון די דייטשע פעראייניגטע מעכטע אין פּאַריז און די פוללע אויסשלאַכטונג פון אלע רעוואָלוציאָנערען זיינען געפּלאַנעוועט געוואָרען פון די שעהנע און בריה'שע הענד פון מאַריע אַנטואַנעט. דאָס פאָלק האָט ריכטיג אָבגעשעצט די פרוי, וועלכע די היסטאָריקער ווילען איצט אויסמאָלען, אלס אַן אָרימע משוגענע.*)

*) פערזען, דער פריינד פון מאַריע אַנטואַנעט, האָט אריינגעטראָגען אין זיין פּריוואַט־טאַגעבוך דאָס, וואָס דיזע קאָנספּיראַטאָרס האָבען אָנגעגרייט פאַר די פראַנצויזישע פּאַטריאָטען. דער מיניסטער פון פּרייסען, באַראָן דע־בעק — האָט פערזען געשריעבען — האָט הויך ערקלערט זיין פּראָטעסט, ווארום זיי ראָטען ניט אויס די יאקאָבינער אין די שטעדט, דורך וועלכע זיי זיינען דורכגעגאַנגען, און וואָס זיי ווייזען ארויס צופיעל מילדקייט, צופיעל רחמנות.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון געזעצליכקייט איז, אַלזאָ, גאָר ניטאָ, פאר וואָס מען זאָל קענען מאַכען פאָרווירפע דער קאָנ־וועגשאָן. וואָס אנבעטרעפט די אָפּט־דעבאַטירטע פראגע, אויב די הינריכטונג פון קעניג האָט ניט געבראַכט מעהר שאַדען, ווי דאָס וואָלט געקאָנט קומען פון זיין אנוועזענהייט אין מיטען פון די דייטשע אָדער ענגלישע ארמייען, קען מען אויף דעם נור איין ענטפער געבען. אַזוי לאַנג, ווי די קעניגליכע מאַכט איז בעטראַכט געוואָרען פון די אייגענטהום־קלאַסען, אלס דער בעסטער מיטעל צו האַלטען אין צוים די יעניגע, וועלכע האָבען געוואָלט עקספּראָפּריאירען די רייכע און פערמינדערען די מאַכט פון די פּריסטער — אַזוי לאַנג וואָלט דער קעניג, טוידט אָדער לעבעדיג, אין געפאַנגשאַפט אָדער פריי, געקעפּט אָדער ער־קלערט אַלס הייליגער, ארומגעהענדיג אַלס אַ ריטטער צווישען זיינע ברידער־קעניגע, אימער געוועז דער העלד פון אַ פּאָעטי־

איז רחמנות אין אזא פאל, שיינט איהם, זעהר ניט אַם פּלאַץ. „דיזער עס איז נוטיג צו געברויכען מעהר שטרענגקייט, און דאָס פּאַ־ריז האָט געדארפט אונטערגעצונדען וועררען פון אַלע פיער ווינקלען.

דעם 11טען סעפּטעמבער האָט פערזען געשריבען צו באַראָן דע־בערטייל, דאָס אזוי ווי די טעריטאָריע, איינגענומען פון די דייטשע ארמייען, גיט זיך אונטער נור ווען עס ווערט אָנגעווענדעט געוואלט, איז רחמנות אין אזא פאל, שיינט מיר, זעהר ניט אָם פּלאַץ. „דיזער איז דער מאָמענט צו פערניכטען די יאקאָבינער“. אויסצוראָטען די פיהרער אין יעדען פּלאַץ, דורך וועלכען די פעראייניגטע ארמייען געהן דורך, שיינט איהם צו זיין דער בעסטער מיטעל. „מיר טאָרען ניט זוכען צו געווינען דיזע אויף אונזער זייט דורך גוטסקייט און מילדקייט. זיי מוזען אויסגע׳הרג׳עט ווערען. און דיזער איז דער מאָמענט.“ און ברעטייל ענטפערט איהם, דאָס ער האָט וועגען דעם גערעדט מיט דעם הערצאָג פון ברוינשוויג. אָבער דער הערצאָג איז צו מילד. דער קעניג פון פּרייסען שיינט צו זיין בעסער: „וואָרען, למשל, וועט בעשטראָפט ווערען אין איינעם פון דיזע טעג.“

שער לעגענדע, ערפונדען פון די גייסטליכע און די אלע אנדערע פעראינטערעסירטע פערזענליכקייטען. שיקענדיג אָבער לואי דעם זעכצעהנטען צו דער תליה, האָט די רעוואָלוציאָן אויסגע־פיהרט דאָס, וואָס זי האָט געטוידטעט א פּרינציפּ, וועלכען די בויערען האָבען אָנגעפאנגען צו טוידטען אין וואַרען. דעם 21טען יאנואר, 1793, האָט דער רעוואָלוציאָנערער טהייל פון דעם פראנצויזישען פּאָלק גאנץ גוט געוואוסט, דאָס דער מיטעל־פונקט פון דער גאנצער מאכט, וועלכע האָט פאר יאהרהונדער־טע אונטערדריקט און עקספּלואטירט די מאסען, איז ענדליך גע־בראָכען. די פערניכטונג פון יענער מעכטיגער אָרגאניזאציאָן, וועלכע האָט דאָס פּאָלק אזוי צוקוועטשט, האָט זיך אָנגעפאנ־גען. איהר צענטער איז געווען געבראָכען, און די פּאָלקס־רעוואָ־לוציע האָט דורך דעם צוגעקראָגען נייע כחות.

פון יעמאָלט אָן האָט דאָס געטליכע רעכט פון די קעניגע שוין קיינמאָל ניט געקאָנט ווידער א מאָל אויפגעריכט ווערען, זאָגאר ניט מיט דער הילפע פון דער גאנצער פעראייניגטער אייראָפּא, זאָגאר ניט מיט דער הילפע פון דעם „ווייסען טער־ראָר“ פון דעם צוריקקעהרענדען קעניגטהום. און די קעניגטהי־מער, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון די בארריקאדען אָדער פון א שטאאט־שטרייך, ווי דער פון נאפּאָלעאָן דעם דריטען, האָ־בען דאָס אויך ניט געקאָנט מעהר אויספיהרען, ווי מיר האָבען עס געזעהן אין 1848 און 1870. דער סאמע פּרינציפּ פון קע־ניגטהום איז געטוידטעט געוואָרען אין פראנקרייך.

דאָך אלעס איז געטהאָן געוואָרען פון די זשיראָנדיסטען ניט צו דערלאָזען צו דער פּעראורטהיילונג פון לואי דעם 16טען. זיי האָבען צו הילפע גערופען יעדען געזעצליכען ארגומענט, זיי האָבען אָנגעווענדעט יעדען פּארלאמענטארישען טריק. עס זיי־נען זאָגאר געווען מאָמענטען, ווען דער פּראָצעס פון לואי דעם 16טען האָט זיך שיער אומגעוואנדעלט אין א פּראָצעס פון דעם „בארג“. אָבער עס האָט קיין זאך ניט געהאָלפען. די לאָגיק פון דער לאגע האָט געזיעגט איבער די אלערליי פּלפּולים פון די פּארלאמענטארישע טאקטיקער.

צוערשט האָבען די זשיראָנדיסטען ארויסגעשטעלט די פּרעטענזיע, דאָס דער קעניג, לויט דער קאָנסטיטוציע, איז היי־ליג און אונבעריהרליך. אויף דעם האָט מען זיי מיט טריאומף געענטפערט, דאָס דיזע אונבעריהרליכקייט עקזיסטירט ניט מעהר, וויבאלד דער קעניג האָט פעררעטהען די קאָנסטיטוציע און דאָס לאנד.

דאַן האָט מען געפאָדערט אַ ספּעציעלען געריכט, וועלכער זאָל בעשטעהן פון די רעפּרעזענטאַנטען פון די 83 דעפּארט־מענטס. און ווען עס איז פאר זיי קלאָר געוואָרען, אז דיזער פאָרשלאַג וועט ניט אָנגענומען ווערען, האָבען די זשיראָנדיס־טען געפאָדערט, אז דער אורטהייל זאָל איבערגעגעבען ווערען צו דער הסכמה פון די זעקס און דרייסיג טויזענד קאָמונען און צו אַלע ערשטע־וואהל־פערזאמלונגען, דורך אן אבשטימונג פון יעדען בירגער. דערמיט אָבער איז בעצוועקט געוואָרען צו שטעלען אין סכנה די רעזולטאַטען פון דעם צעהנטען אויגוסט און די רעפּובליק. ווען עס איז דעמאָנסטרירט געוואָרען די אונמעגליכקייט, אז די ערשטע־וואהל־פערזאמלונגען זאָלען נעה־מען אויף זיך די הכבדה פון דיזען פראָצעס, האָבען די זשי־ראָנדיסטען, וועלכע האָבען אליין אזוי געוואָלט די מלחמה, און האָבען פערטהיידיגט די מלחמה ביז צום ביטערען סוף און גע־גען גאַנץ איירָאפּא, איצט אָנגעהויבען צו טענה'ן וועגען דעם איינדרוק, וואָס די הינריכטונג פון קעניג וועט מאכען אויף גאַנץ איירָאפּא, עפּעס אזוי ווי ענגלאנד, פּרייסען, עסטרייך און סארדיניען וואָלטען געוואַרט אויפ'ן טוידט פון לואי דעם 16טען, אום צו בילדען זייער פעראייניגונג! אזוי ווי די דע־מאָקראטישע רעפּובליק וואָלט זיי ניט געווען גענוג פערהאַסט, אזוי ווי דער פּרייז פון די גרויסע האנדעלס־פּאַרטען פון פראנק־רייך און איהרע קאָלאָניעס אין דעם מזרח וואָלטען ניט געווען גענוגענדע רייצמיטעל צו מאכען די קעניגע זיך פעראייניגען גע־גען פראנקרייך, אזוי, אז זיי זאָלען קענען פּראָפיטירען פון דעם מאָמענט, ווען די געבורט פון אַ נייער געזעלשאַפט האָט אָבגע־

שוואכט איהר קראפט פון א מיליטערישען ווידערשטאנד אויסער איהר אייגענער טעריטאָריע.

בעקעמפפט אויך אויף דיזען פונקט פון דעם „בארג", האָבען די זשיראָנדיסטען זיך גענומען אטאקירען דעם „בארג" גופא, פאָרדערענדיג, אז עטליכע מיטגליעדער זיינע זאָלען גע־שטעלט ווערען צום פראָצעס, אלס „די העלפער און אויפרייצער פון די סעפטעמבער־אויסשלאכטונגען". מיט דעם האָבען זיי געמיינט צו טרעפען דאנטאָן, ראָבעספיער און מאראט, די „דיק־טאטאָרס", דעם „טריאומוויראט".

צווישען דיזע אלע דיסקוסיאָנען האָט די קאָנווענשאָן פונ־דעסטוועגען בעשלאָסען דעם 3טען דעצעמבער, דאָס זי וועט אליין משפט'ן לואי דעם 16טען. אָבער אזוי שנעל, ווי דאָס איז בעשלאָסען געוואָרען, האָט איינער פון די זשיראָנדיסטען, דיוקא, אלעם וויעדער געבראכט אין אויפרעגונג, און די אויפ־מערקזאמקייט פון דער קאָנווענשאָן איז אָבגעצויגען געוואָרען אין אנאנדער ריכטונג. דורך די פאָרדערונג, אז די טוידט־שטראָף זאָל אָנגעווענדעט ווערען „געגען אלע די פערזאָנען, וועלכע זאָלען פלאנעווען צוריקצוברענגען קעניגע אָדער קעניג־טהום אין פראנקרייך, מאכט ניט אוים, אונטער וועלכען אויס־רייד", האָבען די זשיראָנדיסטען דאָ געוואָרפען אויף דעם בארג דעם העסליכען חשד, אז דער בארג ווענדעט אָן אלע זיינע כחות צו ברענגען אויפ'ן טהראָן דעם הערצאָג פון אָרלעאן. זיי האָבען דורך דעם געוואָלט ברענגען צו א פראָצעס פון דעם בארג, אָנ־שטאָט צו א פראָצעס פון קעניג.

ענדליך, דעם 11טען דעצעמבער, איז לואי דער 16טער ער־שיענען פאר דער קאָנווענשאָן. מען האָט איהם געשטעלט פיעלע פראגען, און זיינע ענטפערס האָבען געמוזט טוידטען דאָס בי־סעלע סימפאטהיע צו איהם, וואָס איז נאָך איבערגעבליבען ביי מאנכע. מישלע פרעגט, ווי איז עס מעגליך געוועזען פאר א מענשען אזוי פיעל ליגען צו זאָגען, ווי לואי דער 16טער האָט עס גע־טהאָן? און ער קען נור ערקלערען זיין ליגען־זאָגען דורך דעם פאקט, דאָס יעדע קעניגליכע טראדיציע און דער גאנצער איינ־

פלוס פון די יעזואיטען, אונטער וועלכען לואי דער 16טער איז געוועזן זיין גאנצען לעבען, האט איהם געמאכט גלויבען, דאס שטאאט־אורזאכען ערלויבען א קעניג צו טהאן אלעס.

דער איינדרוק, וואס דיזער פראגע־שטעלען האט געשא־פען, איז געוועזן אזוי אונגינסטיג פאר לואי דעם 16טען, דאס די זשיראנדיסטען, פערשטעהענדיג, דאס עס וועט זיין אונמעגליך צו רעטען דעם קעניג, האבען פרובירט ווידער א מאל אבצו־ווענדען די אויפמערקזאמקייט פון קעניג מיט דעם, וואס זיי האבען געפאדערט די ארויסוויזונג פון פראנקרייך פון דעם הערצאג פון ארלעאן. די קאנווענשאן האט דאס גענומען צום אבשטימען, און האט בעשלאסען, אז ער זאל אויסגעוויזען ווע־רען; אבער אויף מארגען איז דיזער בעשלוס צוריקגערופען גע־ווארען נאך דעם, ווי דער יאקאבינישער קלוב האט דערצו ניט מסכים געווען.

דער פראצעס אבער איז אנגעגאנגען זיין געוועהנליכען גאנג. לואי דער זעכצעהנטער איז פארגעקומען א צווייטען מאל פאר דער קאנווענשאן דעם 26טען דעצעמבער, מיט זיינע אד־וואקאטען און ראטהגעבער, מאלשערב, טראנשעט און דעסעז. זיין פערטהיידיגונג איז אויסגעהערט געווארען, און עס איז געוועזן קלאר, אז ער וועט פעראורטהיילט ווערען. עס איז מעהר קיין מעגליכקייט ניט געוועזן אויסצוטייטשען זיינע האנדלונ־גען, אלס רעזולטאטען פון א פערגרייזטען דענקען, אדער פון איינפאכער נארישקייט. עס איז געוועזן פערראטה, גאנץ אב־זיכטליך און כיטרע, ווי סאן דזשוסט האט עס בעוויזען דעם פאלגענדען טאג.

אויב אבער די קאנווענשאן און דאס פאלק פון פאריז הא־בען געקאנט בילדען זיך א קלארע מיינונג איבער לואי דעם 16טען, איז דאס דאך ניט געוועזן אזוי דער פאל מיט די פרא־ווינץ־שטעדט און דערפער, און מיר קענען זיך פארשטעלען, ווי די ליידענשאפטען וואלטען אויפגעפלאקערט, ווען מען וואלט איבערגעלאזען די ענטשיידונג פון לואי׳ס שיקזאל צו די ערש־טער־וואהל־פערזאמלונגען. די מאיאריטעט פון די רעוואלוציא־

נערען איז אוועק אין די מלחמה, און דורך דעם וואָלט דער בעשלום איבערגעלאָזען געוואָרען, ווי ראָבעספּיער האָט עס ריכ־טיג געזאָגט, „צו די ו[illegible]בע, צו די נאַטירליכע פריינד פון דער מאָנאַרכיע, צו די זעלבסטזיכטיגע, צו די שוואַכע און צו די שרעקעדיגע, צו די אַלע, וועלכע זיינען געבאָרען געוואָרען צו גערייהען און צו אונטערדריקען אונטער דער הערשאַפט פון אַ קעניג.“

מיר וועלען קיינמאָל ניט פאַרנאַנדערפּלאָנטערען די אַלע אינטריגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען צו יענער צייט אין פּאַ־ריז צווישען די „שטאַאַטסלייט“. עס איז גענוג צו זאָגען, דאָס דעם ערשטען יאַנואַר, 1793, איז דומאָריעץ געקומען אין איי־לעניש נאָך פּאַריז, און איז דאָרט פערבליבען ביז דעם 20סטען, פערנומען מיט געהיימע קאָנפערענצען מיט די פערשיעדענע פּאַרטייען, וועהרענד דאַנטאָן איז ביז דעם 14טען יאַנואַר פער־בליבען מיט דער אַרמיי פון דומאָריעץ.*)

ענדליך, דעם 14טען, נאָך אַ העכסט־שטורמדיגע דיסקוסיאָן, האָט די קאָנווענשען בעשלאָסען צו שטימען, ביין נאָמען, וועגען דריי פראַגען, נעמליך, צו וויסען, אויב „לואי דער זעכצעהנטער איז געוועזען שולדיג אין אַ פערשווערונג געגען די פרייהייט פון דער נאַציאָן, און אין אַ פערברעכערישען פערזוך געגען די אַל־

*) זשאָרעס האָט דאָ אָנגעוויזען אויף אַ וויכטיגען טעות ביי מישלע. עס איז געוועזען דאַנטאָן, וועלכער האָט דעם 14טען יאַנואַר גע־האַלטען אַ רעדע צו גונסטען פון קעניג, וועלכע, דורך אַ טעות, מישלע האָט צוגעשריעבען צו דאַנטאָן. צוריקקומענדיג אין פּאַריז דעם 15טען יאַנואַר, האָט דאַנטאָן גאָר געהאַלטען אַ שטאַרקע רעדע, פאָר־דערענדיג די פעראורטיילונג פון קעניג. עס וואָלט געוועזען וויכטיג אויסצוגעפינען די בעשטעטיגונג פון דער בעשולדיגונג געגען בריססאָ, גענסאָננע, גאָדע און פּעטיאָן, וועלכע ביללאַד־וואַרען האָט געמאַכט אין זיין רעדע דעם 15טען יאַנואַר, 1793 (אַ פּאַמפלעט פון 32 זייטען, פערעפענטליכט אויף דעם בעפעהל פון דער קאָנווענשען. בריטיש־מוזעאום־זאַמלונג, פינפטער באַנד, 1097).

געמיינע זיכערהייט פון שטאאט; דאָן, צו דער אורטהייל זאָל איבערגעגעבען ווערען צו דער אבשטימונג פון פאָלק, און, וואָס זאָל זיין די שטראַף."

די אויסרופונג פון די נעמען האָט זיך אָנגעפאנגען דעם קומענדען טאָג, דעם 15טען. פון 749 מיטגליעדער פון דער קאָנווענשען האָבען 716 ערקלערט לואי דעם 16טען שולדיג. צוועלף מיטגליעדער זיינען געווען אבוועזענד דורך קראנקהייט אָדער אָפיציעלע געשעפטען, און פינף האָבען זיך צוריקגעהאל־טען פון שטימען. קיינער האָט ניט געזאָגט: „ניט שולדיג". דאָס איבערגעבען דעם אורטהייל צו דער אָבשטימונג פון פאָלק איז פערוואָרפען געוואָרען מיט 423 שטימען פון די 749, וועלכע האָבען געשטימט. פאריז האָט זיך די גאנצע צייט געפונען אין א צושטאנד פון דער טיפסטער אויפרעגונג, בעזונדערס איז עס געווען אזוי אין די אָרימע גאסען פון פאריז.

דאָס אָבשטימען ביין נאָמען איבער דער דריטער פראגע — די שטראַף — האָט געדויערט 25 שטונדען נאָכאנאנד. און אויך דאָ, וואהרשיינליך דורך דעם איינפלוס פון דעם שפאנישען אמ־באסאדאָר און אפשר מיט דער הילפע פון זיינע שפאנישע מטבעות, האָט איין דעפוטאט, מאווילהע, פרובירט מאכען א טו־מעל, שטימענדיג פאר א בעגנאדיגונג, און זיין ביישפיעל האָ־בען נאָכגעפאָלגט אנדערע 26 מיטגליעדער. דער אורטהייל פון טוידט, אָהן אירגענד וועלכע מילדערונג, איז ערקלערט געוואָרען פון 387 פון 721 שטימען, ווייל פינף זיינען געווען, וועלכע האָ־בען גאָר ניט געשטימט, און צוועלף זיינען געווען אבוועזענד. דער אורטהייל איז דארום אָנגענומען געוואָרען בלויז מיט א מאיאָריטעט פון 53 שטימען — און נאָר מיט 26, אויב מיר זאָ־לען אויסשליסען די שטימען, וועלכע האָבען ענטהאלטען די בע־דינגונג פאר בעגנאדיגונג. און דאָס איז פאָרגעקומען אין א מאָ־מענט, ווען עס איז געווען קלאָר, אז דער קעניג האָט געמאכט א פערשווערונג, און דאָס צו לאָזען איהם לעבען וואָלט באטייט צו בעוואפנען איין העלפט פון פראנקרייך געגען די צווייטע העלפט, איבערצוגעבען א גרויסען טהייל פון פראנקרייך צו דעם אויב־

לענדער, און, ענדליך, צו ברענגען צו א שטילשטאנד די רעוואָ־לוציע אין א מאָמענט, ווען, נאָך דריי יאָהר פון אונענטשלאָ־סענהייט, אין דעם משך פון וועלכע עס איז ניט אויפגעטהאָן גע־וואָרען גאָר ניט דויערהאפטעס, איז ענדליך דאָך געקומען די גע־לעגענהייט צו ברענגען אויפ'ן טאגעס־אָרדנונג די גרויסע פּראַ־גען, וועלכע זיינען געווען פון דעם שטארקסטען אינטערעס פאר'ן לאנד.

אָבער די מורא פון די מיטעל־קלאסען איז געגאנגען אזוי ווייט, דאָס אין דעם טאָג פון דעם קעניג'ס הינריכטונג האָבען זיי ערוואַרטעט אַן אלגעמיינע מענשען־אויסשלאכטונג.

דעם 21סטען יאנואר איז לואי דער זעכצעהנטער הינגע־ריכטעט געוואָרען. איינע פון די הויפּט־שטערונגען צו יעדער סאָציאלער אויפלעבונג איז בעזייטיגט געוואָרען. עס זיינען דאָ בעווייזע, דאָס ביז צום לעצטען מאָמענט האָט לואי געהאָפט בעפרייט צו ווערען דורך אַן אויפשטאנד; א פערזוך איהם ארויסצורייסען פון די הענד פון זיינע הינריכטער איז ווירקליך געמאכט געוואָרען. די וואכזאמקייט פון דער קאָמונע האָט צו־שטערט דיזען פּלאַן.

## ניין און דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

# דער „באַרג“ און די זשיראָנדיסטען.

די שטעלונג פון „באַרג“. — די ראַיאַליסטישע טענדענצען פון די זשיראָנדיסטען. — זיי פּערוואַרפען דעם אַגראַר־געזעץ און שווערען צו רעספּעקטירען אייגענטהום. — דער אָנהאַלטענדער קאָנפליקט צווישען די זשיראָנדיסטען און די באַרגיסטען. — די סאָציאַליסטישע ציעלען פון די באַרגיסטען. — ברִיססאָ און ראָבעספּיער. — אָרדנונג און רעוואָלוציע.

---

זייט דעם 10טען אויגוסט האָט די קאָמונע פון פּאַריז דאַטירט איהרע דאָקומענטען אזוי: "4טער יאָהר פרייהייט און ערשטער יאָהר גלייכהייט“. די קאָנווענשען האָט דאַטירט איהרע דאָקומענטען אזוי: "4טער יאָהר פרייהייט און 1טער יאָהר פון דער פראנצויזישער רעפּובליק“. און אין דיזען קליינעם פּרט האָבען זיך שוין ארויסגעוויזען צוויי אידעען, וועלכע זיינען געשטאַנען איינע געגען די צווייטע.

זאָל נאָך דער פּאַריגער רעוואָלוציע קומען א נייע? אָדער זאָל פראנקרייך זיך בענוגענען מיט דער עטאַבלירונג און פּאַר־געזעצליכונג פון די פּאָליטישע פרייהייטען, וועלכע זיינען גע־וואונען געוואָרען זייט 1789? וועט זי זיך צופריעדען שטעלען מיט דער פּערפעסטיגונג פון דער מיטעל־קלאַס־רעגיערונג, עט־וואָס דעמאָקראַטיזירט, און ניט צורופען צו דער מאַסע פון פאָלק צו בענוצען זיך מיט דער גרויסער ענדערונג אין דעם בע־זיץ פון רייכטהום, וועלכע איז אויפגעטהאָן געוואָרען פון דער רעוואָלוציע?

צוויי גאַנץ פערשיעדענע אידעען. און דיזע צוויי אידעען זיינען געווען פערטראָטען אין דער קאָנווענשען, איינע פון די באַרגיסטען און די צווייטע פון די זשיראָנדיסטען.

אויף איין זייט זיינען געווען די יעניגע, וועלכע האָבען פערשטאַנען, אַז אום צו פערניכטען דעם אַלטען פעאָדאַלען סיסטעם, איז נאָך ניט גענוג צו פאַרצייכענען דעם אָנפאַנג פון זיין אָבשאַפונג דורך די געזעצע; און דאָס, אום צו מאַכען אַ סוף צו דער הערשאַפט פון אבסאָליוטיזם, איז עס נאָך ניט גענוג אַראָבצוזעצען אַ קעניג פון זיין טהראָן און אויסקריצען די עמבלעמען פון דער רעפובליק אויף די עפענטליכע געביידען, און דרוקען איהר נאָמען אויף דעם קאָפּ פון די אָפיציעלע דאָקומענטען. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס איז געווען בלויז אַן אָנפאַנג, ניט מעהר ווי די אָבשאַפונג פון געוויסע פערהעלטניסע, וועלכע ווערען אפשר געבען די מעגליכקייט צו ענדערן די עקזיסטירענדע אינסטיטוציאָנען. און די יעניגע, וועלכע האָבען אַזוי פערשטאַנען די רעוואָלוציע, זיינען אונטערשטיצט געוואָרען פון אַלע די, וועלכע האָבען געוואונשען, אַז די גרויסע מאַסע פון פאָלק זאָל ענדליך אויסגעלייזט ווערען פון איהר שוידערליכער אָרימקייט, וועלכע האָט געוויִרקט אַזוי ערנידריגענד און אַזוי ברוטאַליזירענד, און אין וועלכע דער אַלטער רעזשים האָט זיי געשטירצט — אַלע די, וועלכע האָבען געזוכט, וועלכע האָבען געשטרעבט צו ענטדעקען אין די לעהרען פון דער רעוואָלוציע דעם אמת'ען וועג, ווי צו ערהויבען די מאַסען, סיי פיזיש און סיי מאָראַליש. מיט זיי זיינען געווען די פיעלע אָרימע, וועמען די רעוואָלוציע האָט אויסגעלערנט צו דענקען.

און געגען זיי זיינען געווען די זשיראָנדיסטען, אַ פּאַרטיי, וועלכע איז געווען זעהר שטאַרק אין איהר צאָהל; ווייל די זשיראָנדיסטען זיינען ניט געווען בלויז די 200 מיטגליעדער, וועלכע האָבען זיך אַרומגעזאַמעלט אַרום ווערגנאָד, בריססאָ און ראָלאַן; זיי זיינען געווען אַ גרויסער טהייל פון דער פראַנצויזישער נאַציע, כמעט דער גאַנצער מיטעל-קלאַס; אַלע די קאָנסטיטוציאָנאַליסטען, וועמען די מאַכט פון די אומשטענדען

האָט געמאַכט פאַר רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבען אָבער מורא געהאַט פאַר די רעפּובליק, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאַר די הערשאַפט פון די מאַסען. און הינטער זיי, בערייט זיי צו אונטערצושטיצען, און צו גלייכער צייט וואַרטענדיג אויף דעם מאָמענט צו קענען פערניכטען די מאַסע, און ווידער אויפ־בויען דעם קעניגטהום, זיינען געווען אלע די, וועלכע האָבען גע־ציטערט פאַר זייער רייכטהום, ווי אויך פאַר די פּריווילעגיען פון זייער געבורט און ערציהונג — אלע די, פון וועמען די רעוואָ־לוציע האָט אַוועקגענומען זייערע אלטע פּריווילעגיעס, און וועל־כע האָבען געבענקט נאָך דער צוריקקעהרונג פון דעם אלטען רעזשים.

אין דער ווירקליכקייט איז עס ניט געווען בלויז דער „זומפּ“, נור אויך דריי־פערטעל פון די זשיראָנדיסטען, וועלכע זיינען געווען אזעלכע גוטע ראָיאַליסטען, ווי די מענשען פון „זומפּ“. ווייל, אויב מאַנכע פון זייערע פיהרער האָבען גע־טרוימט פון אַ סאָרט רעפּובליק ווי פון אלטען גריכענלאַנד, אָהן אַ קעניג, אָבער מיט אַ פאָלק, וואָס זאָל זיין געהאָרכזאַם צו די געזעצע, געשאַפען פון די רייכע און געלערענטע, וואָלט אָבער די גרעסטע צאָהל פון זיי גערן אקצעפּטירט אַ קעניג. זיי האָבען דאָס גאַנץ קלאָר בעוויזען דורך זייער גוט־ברודערשאַפט מיט די ראָיאַליסטען נאָך דעם שטאַאַטס־שטרייך פון טערמידאָר. און אַז מען בערעכענט זיך גוט, איז דיזער געדאַנקען־גאַנג פון די זשי־ראָנדיסטען גאַנץ בעגרייפליך, ווייל דער עיקר פאַר זיי איז דאָך געווען די אויפבויאונג פון אַ רעגיערונג דורך די מיטעל־קלאַ־סען, וועלכע זיינען שטאַרק געוואַקסען אין אינדוסטריע און האַנדעל, אויף די רואינען פון פעאָדאַליזם, און, ווי בריססאָ פלעגט עס זאָגען, „די אויפהאַלטונג פון אייגענטהום“ איז פאַר זיי געווען דער הויפּט־פּונקט.

פון דעם שטאַמט עס זייער האַס צום פאָלק און זייער ליע־בע צו „אָרדנונג“.

ניט צו דערלאָזען צו אַן אויפשטאַנד פון פאָלק, אויפצו־בויען אַ שטאַרקע רעגיערונג און צו בעשיצען אייגענטהום, דאָס

איז געווען פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאַר די זשירֹאַנדיס־טען אין דיזען מאָמענט. און ווייל די מייסטע היסטאָריקער האָבען ניט פערשטאַנען דיזען פונדאַמענטאַלען כאַראַקטער פון די זשירֹאַנדיסטען, דערפאַר האָבען זיי עס געזוכט צו געפינען אַזוי פיעל אַנדערע אונטערגעאָרדנעטע אומשטענדען אום צו ער־קלערען דעם קאַמפּף, וועלכער האָט אויסגעבראָכען צווישען דעם „באַרג“ און די זשירֹאַנדיסטען.

ווען מיר זעהען די זשירֹאַנדיסטען „שטעללענדיג זיך געגען דעם אַגראַר־געזעץ“, „ענטזאַגענדיג זיך צו אַנערקענען גלייכהייט אַלס דעם פּרינציפּ פון רעפּובליקאַנער געזעצגעבונג“ און „שווע־רענדיג צו רעספּעקטירען אייגענטהום“, מעגען מיר אפשר איצט, אין הונדערט יאָהר שפּעטער, האַלטען עס פאַר אַ ביסעל צו אַבסטראַקטנע, אָבער דיזע פאָרמולעס האָבען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע געהאַט אַ גאַנץ בעשטימטע בעדייטונג.

צו פערוואַרפען דעם אַגראַר־געזעץ האָט צו יענער צייט געמיינט צו פערוואַרפען די אַלע דאַמאָלסדיגע אַנשטרענגונגען צו ברענגען דאָס לאַנד אין די הענד פון די יעניגע, וועלכע האָבען עס בעאַרבייט. דאָס האָט געמיינט די פערוואַרפונג פון דער אידעע, וועלכע איז געווען דאַן אַזוי פּאָפּולער צווישען די רע־וואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען אַרויסגעשפּרונגען פון פאָלק, דאָס קיין לאַנד־אייגענטהום זאָל ניט זיין מעהר פון אַ 180 אייקערס; דאָס יעדער בירגער האָט אַ רעכט אויף דאָס לאַנד, און דאָס עס איז נויטיג צו פערכאַפּען דאָס לאַנד פון די „עמיגראַנ־טען“ און די גייסטליכע, ווי אויך די גרויסע מאַיאָנטקעס פון די רייכע און צו צוטהיילען זיי צווישען די אָרימע אַרבייטער, וועל־כע האָבען גאָר ניט געהאַט.

„צו שווערען צו רעספּעקטירען אייגענטהום“ האָט דאַן גע־מיינט צו פערלייקענען דאָס רעכט פון די לאַנד־געמיינדען צו־ריק צו קריגען דעם בעזיץ פון דאָס לאַנד, וואָס איז פון זיי אוועקגענומען געוואָרען פאַר צוויי יאהר־הונדערטע דורך אַ קע־ניגליכען בעפעהל פון 1669; דאָס האָט געמיינט צו שטעלען זיך געגען די אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע אָהן אַן אויס־

קויף־געלד, און צו גונסטען פון די פריצים און פון די ערשט־נייע לאנד־קויפער פון די מיטעל־קלאס־מענשען.

ענדליך האָט עס געמיינט די בעקעמפפונג פון אירגענד א פערזוך ארויפצולייגען אויף די רייכע האנדעלס־קלאסען און אויף די ספעקולאנטען א פראָגרעסיווען שטייער; דאָס האָט געמיינט, אז נור די אָרימע מוזען טראָגען די גאנצע לאסט פון די הוצאות פון דער מלחמה און דער רעוואָלוציע.

די אבסטראקטע פאָרמולעס האָבען, אלזאָ, געהאט, ווי מיר זעהען עס, א גאנץ ממשות׳דיגע בעדייטונג.

און ווירקליך, וועגען יעדער פון דיזע פראגען האָט דער „בארג" געמוזט פיהרען א ביטערען קאמפף מיט די זשיראָנדיסטען. עס איז געקומען אזוי ווייט, דאָס ער האָט געמוזט אפעלירען צום פאָלק, גוטהייסען אן אויפשטאנד און ארויסווארפען די זשיראָנדיסטען פון דער קאָנווענשען, אום צו זיין אין שטאנד צו מאכען האָטש ווענינע שריט אין דער נור־וואָס־דערמאָנטער ריכטונג.

דערווייל האָבען די זשיראָנדיסטען ארויסגעוויזען זייער „רעספעקט פאר אייגענטהום" אין די קלענסטע זאכען, זאָגאר אין דעם אָנשרייבען פון די ווערטער „פרייהייט, גלייכהייט און אייגענטהום" אויף די סטאטועז, וועלכע זיי האָבען געטראָגען ביי א פעסט; אין דער אומארמונג פון דאנטאָן אויף דער ערשטער זיצונג פון דער קאָנווענשען: „לאָמיר ערקלערען, דאָס יעדער אייגענטהום, טעררישאָריעלער, אינדיווידועלער און אינדוסטריעלער, זאָל ווערען אייביג רעספעקטירט". ווען דאנטאָן האָט ארויסגעזאָגט דיזע ווערטער, איז דער זשיראָנדיסט קערסאָן געפאלען איהם אויפ׳ן האלז, אויסשרייענדיג: „איך האָב הרטה, וואָס איך האָב אייך היינט אין דער פריה גערופען פעררעטהער און אינטריגאנט." עס איז דאָס זעלבע, ווי ער וואָלט געזאָגט: „וויבאלד איהר זאָגט־צו צו רעספעקטירען דעם מיטעל־קלאס־אייגענטהום, טו לאָמיר פערגעסען אייער פעראנטוואָרטליכקייט פאר די סעפטעמבער־קרבנות."

ווערענד די זשיראָנדיסטען האָבען אויף אזא אופן גע־

שטרעבט צו אָרגאניזירען די מיטעל־קלאַס־רעפּובליק און צו לייגען דעם פונדאַמענט פאר די בערייכערונג פון די מיטעל־קלאַסען, לויט דעם מוסטער פון ענגלאַנד נאָך איהר רעוואָלוציע פון 1648, האָבען די מיטגליעדער פון „באַרג“, אָדער, ריכטיגער, די פּאָרטגעשריטענע גרופּע צווישען זיי, וועלכע האָט פאַר אַ קורצע צייט איבערגענומען די פיהרערשאַפט איבער דעם געמעסיגטען טהייל זייגעם, רעפּרעזענטירט דורך ראָבעספּיער — געצייכענט די ברייטע ליניעס פון דאָס, וואָס עס וואָלט געקאָנט זיין דער פונדאַמענט פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט — מיינענדיג דערמיט קיין בעליידיגונג פאר די יעניגע פון אונזערע צייט־גענאָסען, וועלכע האָבען אַן אונגערעכטע פּרעטענזיע צו זיין די ערשטע, וועלכע האָבען דאָס געטהאָן. די „באַרגיסטען“ האָבען, ערשטענס, געוואָלט אָבשאַפען די לעצטע רעשטלאַך פון פעאָדאַליזם, און דאַן: אויסגלייכען דעם אייגענטהום, פערניכטען די גרויסע לאַנד־מאַיאָנטקעס, און איבערגעבען דאָס לאַנד צו אַלע, אַפילו צו די אָרימסטע ארבייטער. זיי האָבען צו דערזעלבער צייט געהאַט בדעה צו אָרגאניזירען די נאַציאָנאַלע פערטהיילונג פון די פּראָדוקטען פון דער סאמע ערשטער נויטווענדיגקייט, און וועלכע זאָלען אָבגעשאַצט ווערען לויט זייער ריכטיגען ווערטה, און דורך אַ ריכטיגע בעשטייערונג פון לאַנד צו בעקעמפּפען דעם „קאָמערציאַליזם“ — דאָס מיינט, דעם גאַנצען שטאַם פון די רייכסטע ספּעקולאַנטען, באַנקיערען, קויפלייט און די „קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע“, וועלכע האָבען זיך מיט אזאַ שנעליגקייט פערמעהרט און אָנגעזאַמעלט פאַר זיך גרויסע רייכטהימער.

צו דער זעלבער צייט האָבען זיי פּראָקלאַמירט, זייט 1793, „דאָס אַלגעמיינע רעכט פון צו זיין גליקליך“, וואָס די סאָציאַליסטען האָבען שפּעטער אומגעוואַנדעלט אין „דאָס רעכט פון ארבייט פאר אלע“. דיזעס רעכט איז שוין דערמאָנט געוואָרען אין 1789 (דעם 27טען אויגוסט) און ווידער אַ מאָל אין דער קאָנסטיטוציע פון 1791. אָבער זאָגאר די העכסט־פּאָרטגעשריטענע זשיראָנדיסטען זיינען געווען צו שטאַרק פערבלענדעט דורך זייער מיטעל־קלאַס־ערציהונג, אום צו פערשטעהן דאָס

רעכט אויף גליק, אויף זיין גוט־אַב, וואָס דאָס האָט געמיינט דאָס רעכט פון אַלע אויף דאָס לאַנד און א פאַלשטענדיגער אָר־גאַניזאציאָן, וועלכע זאָל זיך פריי מאכען פון דער ספעקולאַציאָן און דער צוטהיילונג פון די פראָדוקטען, וואָס זיינען נויטווענדיג פאַר׳ן לעבען.

די זשיראָנדיסטען זיינען כאַראַקטעריזירט געוואָרען פון זייערע צייט־גענאָסען, אַלס א פאַרטיי פון פאָלירטע, חיטרע, אינ־טריגירענדע און, מעהר פון אַלץ, אמביציעזע מענשען. „לייכט־זיניגע, ריידענדיגע, קאמפף־לוסטיגע, אָבער אויף דעם שטייגער פון אַדוואָקאַטען.“ „זיי ווילען די רעפובליק“, האָט קוטהאָן גע־זאָגט, „אָבער זיי ווילען אויך די אריסטאָקראַטיע“. „זיי האָבען ארויסגעוויזען זעהר פיעל צערטליכקייט“, האָט ראָבעספיער גע־זאָגט, „אָבער א צערטליכקייט, וואָס האָט געזיפצט אויסשליס־ליך פאַר די פיינדע פון פרייהייט.“

זיי האָבען געפיהלט אַן עקעל צו די מאַסען. זיי האָבען פאַר זיי מורא געהאַט.*).

אין דער צייט, ווען די קאָנווענשען האָט זיך פערזאמעלט, איז דער אָבגרונד, וואָס האָט צושיידט די זשיראָנדיסטען פון די באַרגיסטען, נאָך ניט פערשטאַנען געוואָרען. פיעלע האָבען נור געזעהען א פערזענליכען קאמפף צווישען בריססאָ און ראָבעס־פיער. מאַדאַם זשוליען, למשל, אַן אמת׳ער פריינד פון בארג און אַן אמת׳ער דעמאָקראַט אין איהר פיהלען, האָט זי אין איה־

---

*) עס איז נויטיג צו לייענען די מעמואַרען פון בוזאָ, אום צו פערשטעהן, ווי פעראכטעט און געהאַסט האָבען די זשיראָנדיסטען דאָס פאָלק. מיר בעגעגענען דאָרט שטענדיג אזא סאָרט פראַזען: „פאַריז איז צוזאמענגעשטעלט פון סעפטעמבער־מערדער, דאָ בראָדיעט איינער אין דער פוילעניש פון דיזער קאָרופטער שטאָדט“, „איינער מוז האָ־בען די שטימע פון פאָלק, אום צו געפעלען זיי“ און ז. וו. זעהט אויך פעטיאָן׳ס בריעף צו בוזא פון דעם 16טען פעברואר, 1792, פון וועלכע אָלאַר האָט געגעבען אויסציגע אין זיין ווערק: „די רעוואָלו־ציאָן פון פאַריז.“

רע בריעף צוגערופען צו די צוויי געגנער צו מאכען א סוף צו זייער ברודער־מערדערליכען קאמפף. אבער דאן איז עס שוין געווען א קאמפף צווישען צוויי פרינציפען: צווישען דער פאר־טיי פון ארדנונג און דער פארטיי פון רעוואלוציאן.

דאס פאלק אין א צייט פון קאמפף, און נאכהער די געשיכט־שרייבער, האבען אימער ליעב צו פערקערפערען יעדען קאמפף אין צוויי געגנער. עס איז קירצער, עס איז מעהר בעקוועם פאר דעם געשפרעך, און עס איז אויך מעהר „ראמאנטיש", מעהר „דראמאטיש". דערפאר ווערט עס דער קאמפף צווישען די צוויי פארטייען פארגעשטעלט, אלס דער צוזאמענשטויס פון צוויי אמביציעס, בריסא'ס און ראבעספיער'ס. ווי עס איז אימער דער פאל, די צוויי העלדען, אין וועמען די מענשען האבען פערזאניפיצירט דעם קאנפליקט, זיינען געווען זעהר גוט אויסגעקליבען. זיי זיינען געווען זעהר כאראקטעריסטיש פאר די פארטייען און פרינציפען, וועמען זיי האבען רעפרעזענטירט. אבער, אין דער ווירקליכקייט, האט ראבעספיער ניט אנגענומען דעם פרינציפ פון גלייכהייט אויף אזוי ווייט, ווי ער איז אנגענומען געווארען פון די „בארגיסטען" נאך דעם, ווי די זשיראנדיסטען זיינען בעזיעגט געווארען. ער האט געהערט צו דער גרופפע פון די געמעסיגטע. אין מערץ און מאי, 1793, האט ער פערשטאנען, דאס, אויב ער וויל, אז די רעוואלוציע זאל טריאומפירען, טאר ער זיך ניט אבזונדערען פון די יעניגע, וועלכע האבען געפארדערט די עקספראפריאטארישע מיטלען, און ער האט טאקע אזוי געהאנדעלט. ערשט שפעטער האט ער געשיקט צו דער גיליאטינע דעם לינקען פליגעל, די העבערטיסטען; ערשט שפעטער האט ער זיך גענומען די פרייהייט צו פערניכטען די „עקסטרעמיסטען". בריססא, וויעדער, איז ניט אימער געווען אן אונטערשטיצער פון ארדנונג. ער האט געהאלטען מיט „אונארדנונג", ביז זיין פארטיי האט דערגרייכט די מאכט. אבער, אלעס אין אלעם, האבען דיזע צוויי מענער רעפרעזענטירט זעהר גוט די צוויי פארטייען.

א קאמפף, אלזא, ביז צום ביטערען סוף איז געווען נויטווענ־

דיג צווישען דער מיטעל־קלאס־פארטיי פון ארדנונג און דער פארטיי פון דער פאלקס־רעוואלוציע.

די זשיראנדיסטישע פארטיי, האבענדיג דערגרייכט די מאכט, האט געוואלט, אז איצט זאל אלעס זיך בערוהיגען; דאס די רעוואלוציע מיט איהרע רעוואלוציאנערע מעשים זאל אויפהער־ען אזוי שנעל, ווי זיי האבען זיך אוועקגעזעצט ביים רודער. קיינע אונרוהען מעהר אין גאס. אלעס מוז זיין, פון איצט אן און ווייטער, אונטער דער השגחה פון די מיניסטארען, וואס ווערען בעשטימט פון דעם געהארכזאמען פארלאמענט.

וואס אנבעטרעפט די „בארג"־פארטיי, האט זי געוואלט, אז די רעוואלוציע זאל אויספיהרען אזעלכע ענדערונגען, וועלכע זאלען ווירקליך געבען א גאנץ אנדער געשטאלט די אלע דאן הערשענדע פערהעלטניסע אין פראנקרייך; בעזאנדערס פאר די בויערען, וועלכע האבען רעפרעזענטירט מעהר ווי צוויי דריטעל פון דער בעפעלקערונג, און פאר די מיט ארימקייט געפלאגטע מענשען פון שטאדט; זיי האבען געוואלט אזעלכע ענדערונגען, וועלכע זאלען מאכען אונמעגליך דאס צוריקקעהרען זיך צו דער קעניגליכער און פעאדאלער פערגאנגענהייט.

וועלכען־עס־איז טאג, א יאהר אדער צוויי שפעטער, וועט די רעוואלוציע דאך מוזען זיך איינשטילען; דאס פאלק וועט ווערען מיעד, ערשעפט, און וועט זיך צוריקקעהרען אין זיינע חורבות; די עמיגראנטען וועלען זיך צוריקקעהרען; די פריסטער און דער אדעל וועלען צוריק קריגען די אויבער־האנד. דערפאר איז עס געווען נאך מעהר דרינגענד, אז זיי זאלען געפינען אלעס אומגעענדערט אין פראנקרייך; דאס לאנד אין אנדערע הענד, און שוין טאקי בעוואסערט מיט דעם שוויים פון זיינע נייע אייגענטהימער; און דיזע אייגענטהימער זאלען זיך ניט בעטראכטען, אלס איינדרינגלינגע, נור אלס אזעלכע, וואס האבען דאס רעכט צו בעארבייטען דאס לאנד און צו שניידען זיין תבואה. זיי מוזען געפינען דאס גאנצע לאנד אומגעענדערט אין זיינע מאניערען, געוואוינהייטען און שפראך — א לאנד, וואו יעדער מענש זאל זיך בעטראכטען אלס גלייכען מיט זיינע ברידער מענשען פון דעם

מאָמענט אָן, וואָס ער טהוט אירגענד אַ ניצליכע ארבייט. אָבער, אום דאָס זאָל אויסגעפיהרט ווערען, איז געוועזן נויטיג, אז די רעוואָלוציע זאָל ווייטער אָנגעהן, אפילו ווען זי זאָל מוזען אויפ־אָפּפערען אַן אנצאהל פון די יעניגע, וועמען די מענשען האָבען בעשטימט אלס זייערע רעפּרעזענטאנטען מיט דעם, וואָס זיי האָ־בען זיי געשיקט צו דער קאָנווענשאָן.

געוויס וועט אַזאַ קאמפּף מוזען זיין אַ קאמפּף ביז צום טוידט. אָבער מען דאַרף ניט פערגעסען, אז דיזע מענשען פון אָרדנונג און רעגיערונג, די זשיראָנדיסטען, האָבען פון דעסטוועגען בעטראַכט דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל און די גיליאָ־טינע אלס די העכסט ווירקזאמע אינסטרומענטען פון דער רעגיע־רונג. דאָס האָט ניט געקאָנט אויסגעמידען ווערען.

שוין דעם 24טען אָקטאָבער, 1792, ווען בריססאָ האָט פער־עפענטליכט זיין ערשטען פּאמפלעט, אין וועלכען ער האָט גע־פאָרדערט אַ שטאַאטס־שטריך געגען די רוהע־שטערער, געגען די „אנארכיסטען“, און די גיליאָטינע פאר ראָבעספיער׳ן,*) שוין פון דעם 29טען אָקטאָבער, ווען לואווע האָט געהאַלטען זיין בעשולדיגונגס־רעדע, אין וועלכער ער האָט געפאָרדערט ראָבעס־פיער׳ס קאָפּ, האָבען די זשיראָנדיסטען געהאַלטען דעם מעסער פון דער גיליאָטינע איבער די קעפּ פון די „גלייכמאַכער, די אנ־הענגער פון אונאָרדנונג, די אנארכיסטען“, וועלכע האָבען געהאט

*) „דריי רעוואָלוציעס“, האָט ער געשריבען, „זיינען געוועזן נויטיג, אום צו רעטען פראנקרייך; די ערשטע, אום צו שטירצען דעם דעספּאָטיזם; די צווייטע, אום צו פערניכטען דעם קעניגטהום; די דריטע, אום צו דערשטיקען די אַנאַרכיע! און צו דיזער לעצטער רע־וואָלוציע האָב איך אָבגעגעבען מיין פען און אלע מיינע כוחות זייט דעם 11טען אויגוסט“. (בריססאָ׳ס פּאמפלעט דאַטירט אָקטאָבער 24, 1792). ביידע בריססאָ׳ס פּאמפלעטען זיינען איבערגעדרוקט גע־וואָרען אין לאָנדאָן.

די חוצפה צו האַלטען מיט'ן פאָלק פון פּאַריז און מיט זיין רעוואָלוציאָנערער קאָממונע. *)

זייט יענעם טאָג האָבען די זשיראָנדיסטען ניט אויפגעהערט מיט זייערע אנשטרענגונגען אוועקצושיקען די „באַרג"־פּאַרטיי אויף די גיליאָטינע. דעם 21טען מערץ, 1793, ווען די מפּלה פון דו־מאָריעץ אין נירווינדען איז בעקאַנט געוואָרען אין פּאַריז, און מאַראַט האָט זיך אויפגעשטעלט, אום צו בעשולדיגען איהם אין פּעררעאַטה, האָבען די זשיראָנדיסטען איהם שיער גע'הרג'עט אין דער קאָנווענשען. ער האָט זיך געראַטעוועט בלויז דורך זיין געלאַסענקייט און דורך זיין מוטה. אין דריי וואָכען שפּעטער, דעם צוועלפטען אפּריל, צוריקקעהרענדיג זיך צו דער זעלבער בעשולדיגונג, האָבען זיי אויסגעפיהרט, דאָס די קאָנווענשען האָט געשטעלט מאַראַט פאַר דעם רעוואָלוציאָנערען געריכט. זעקס וואָכען שפּעטער איז די רייהע געקומען אויף העבערט, דעם וויצע־פּראָקוראָר פון דער קאָממונע; אויף וואַרלע, דעם ארבייטער־פּרעדיגער פון סאָציאַליזם, און אויף אַנדערע „אַנאַרכיסטען", וועמען זיי האָבען געלאָזט ארעסטירען אין דער האָפנונג צו קענען זיי שיקען צו דער תליה. אין קורצען, עס איז געווען אָנגעפיהרט א ריכטיגער קאמפּיין, אום ארויסצוואַרפען די „באַרגיסטען" פון דער קאָנווענשען.

צו דער זעלבער צייט האָבען די זשיראָנדיסטען איבעראַל אָרגאַניזירט קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס, און זיי האָבען אָנגעהאַלטען אַן אונאונטערבראָכענעם שטראָם פון פּעטיציעס געגען

---

*) לואווע האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס עס האָט געמיינט זיין רעדע געגען ראָבעספּיער. ווען ער האָט געזעהען, אז דער שאָס, וועלכען ער האָט געצילעוועט, האָט ניט געטראָפען, און דאָס די קאָנווענשען האָט ניט געשטעלט ראָבעספּיער'ן צום פּראָצעס, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי, לאָדאָיסקא, אויפ'ן וועג אהיים: „מיר מוזען זיין פאָרבערייטעט פאַר דער תליה אָדער פערשיקונג." ער דערצעהלט עס אַליין אין זיינע מעמוארען. ער האָט געפיהלט, אז די וואפע, וואָס ער האָט געצילעוועט אין „באַרג", האָט זיך אומגעווענדעט געגען איהם זעלבסט.

די „בארגיסטען" צום קאָנווענשען פון פערזאָנען, וועלכע האָבען זיך גערופען „פריינד פון געזעץ און פרייהייט" — מיר ווייסען היינט, וואָס דאָס מיינט — וועהרענד די יעניגע פון זיי, וועלכע זיינען געווען אין קאָנווענשען, האָבען געשריבען בריעף, פול מיט רכילות און בלבולים, צו זייערע פריינד אין דער פראָווינץ, אויפהעצענדיג זיי געגען דעם „בארג", און בעזאָנדערס געגען די רעוואָלוציאָנערע בעפעלקערונג פון פאריז. און וועהרענד די קאָמיססיאָנערען פון דער קאָנווענשען האָבען אָנגעווענדעט איבערמענשליכע כוחות אום צוריקצושטויסען דעם אריינדרינגענדען אויסלענדישען שונא און האָבען זיך אָנגעשטרענגט אום אויפצוהאלטען די בעגייסטערונג פון פאָלק דורך די איינפיהרונג פון אמת'ער גלייכהייט, האָבען די זשיראָנדיסטען געארבייט געגען זיי אויף יעדען פונקט דורך די בריעף, וועלכע זיי האָבען געשיקט צו די וואהל־מענער. זיי האָבען זאָגאר געזוכט ניט צו דערלאָזען צו דער אויפזאמלונג פון די נויטווענדיגע אינפאָרמאציאָנען איבער די מאיאָנטקעס פון די עמיגראנטען, וועלכע האָבען געדארפט קאָנפיסקירט און געשטעלט ווערען צום פערקויף.

אין זיין צייטונג „פאטריאָט פראנסע" האָט בריססאָ געפיהרט א ביטערען קאמפף געגען די רעוואָלוציאָנערען, און אין אלגעמיין האָבען די זשיראָנדיסטען געפאָרדערט — און געפאָרדערט מיט זייער גאנצען כח — די אויפלעזונג פון דער רעוואָלוציאָנערער פאריזער קאָממונע; און זיי זיינען זאָגאר געגאנגען אזוי ווייט, ווי צו פאָרדערען די אויפלייזונג פון דער קאָנווענשען און די אויסוואהל פון א נייער פערזאמלונג, צו וועלכער קיינער פון די איצטיגע מיטגליעדער פון דער קאָנווענשען זאָל ניט וויעדער ערוועהלט ווערען. און ענדליך האָבען זיי געהאט א „קאָמיסיע פון צוועלף", וועלכע האָט געלויערט אויף דעם מאָמענט, ווען א שטאאטס־שטרייך זאָל זיי געבען די מעגליכקייט צו שיקען די מיטגליעדער פון „בארג" אויף דער גיליאָטינע.

### פערציגסטער קאפיטעל.

## די בעמיהונגען פון די זשיראַנדיסטען אָבצושטעלען די רעוואָלוציאָן.

די זשיראָנדיסטען רעפּרעזענטירען די מיטעל־קלאַסען. — זיי אונ־טערשטיצען פּריוואַט, אָבער זיי זיינען געגען גלייכהייט. — די אנזיכטען פון בריססאָ. — די זשיראָנדיסטען און די אַנאַר־כיסטען.

---

אזוי לאַנג ווי עס איז געווען א פראגע פון אומוואַרפען די אַלטע אָרדנונג פון דער אבסאָליוטער מאָנאַרכיע, זיינען די זשי־ראָנדיסטען געשטאַנען אין די סאַמע פאָדערשטע רייהען. מוטהי־גע און פורכטלאָזע, פול מיט בעוואונדערונג און פּאָעזיע פאַר די רעפּובליקען פון אַלטערטהום, און גארענדיג נאָך מאכט, האָבען זיי דאָך גאָר ניט געקאָנט צופּאַסען זיך צו דעם אַלטען סדר.

דערפאַר, ווען דער בויערען האָבען געברענט די שלעַ־סער פון די פּריצים און די שטייער־ביכער; ווען דאָס פאָלק האָט פערניכטעט די רעשטלאַך פון פעאָדאַלער שקלאַפעריי, זיי־נען די זשיראָנדיסטען געווען מייסטענטהיילס בעשעפטיגט מיט דער עטאַבלירונג פון די נייע פּאָליטישע פאָרמען פון רעגיערונג. זיי האָבען זיך שוין פאָרגעשטעלט צו האָבען די גאַנצע מאַכט, צו זיין בעלי בתים איבער די בעשטימונג פון פראנקרייך, ארויס־שיקענדיג גאנצע ארמייען, וועלכע זאָלען פאַרנאַנדערשפּרייטען די פרייהייט אין די פיער טהיילען פון דער וועלט.

וואָס אנבעטרעפט ברויט פאר'ן פאָלק, האָבען זיי אמאָל גע־

טראכט וועגען דעם? זיכער איז, דאָס זיי האָבען קיינמאָל ניט בעגריפען די מאכט פון ווידערשטאנד, וואָס דער אַלטער רע־זשים האָט געהאַט, און דאָס זיי האָבען קיינמאָל ניט געטראכט, אז אום צו בעזיעגען דיזע מאכט, וועלען זיי מוזען אפּעלירען צום פאָלק. דאָס פאָלק מוז צאָהלען די שטייערען, שטימען אין דער צייט פון די וואהלען, צושטעלען סאָלדאַטען פאַר'ן שטאאט. אָבער וואָס אנבעטרעפט דאָס אויפבויען אָדער צושטערען פון פּאָליטישע פאָרמען פון רעגיערונג, דאָס מוז זיין די ארבייט פון די דענקער, פון די הערשענדע קלאַסען, פון די שטאאטס־מענער.

דערפאר, ווען דער קעניג האָט גערופען די דייטשען צו העלפען איהם, און זיי זיינען געווען שוין אויפ'ן וועג נאָך פּאריז, האָבען די זשיראָנדיסטען, וועלכע האָבען געווינשט די מלחמה, וואָס זאָל זיי בעפרייען פון קעניג, ענטזאגט זיך צו אפּעלירען צום פאָלק אין אויפשטאנד, אז ער זאָל צוריקשטויסען דעם איינדרינגענדען שונא און ארויסטרייבען די פעררעטהער פון די טיולירי. זאָגאר שוין נאָך דעם 10טען אויגוסט האָט די אידעע פון צוריקשטויסען דעם אויסלענדישען שונא דורך די רעוואָ־לוציע, אויסגעזעהען זיי אזוי פערהאַסט, דאָס ראָלאנד האָט צו־זאמענרופען די פיהרער, איינגעשלאָסען אויף דאנטאָן און זיינע פריינד, אום צו רעדען צו זיי וועגען זיין פּלאַן. דער פּלאַן איז געווען צו אַנטלויפען, אריבערצוטראנספּאָרטירען די פערזאמלונג און דעם ארעסטירטען קעניג צוערשט נאָך בלאַיס, און פון דאָרט נאָך דער סויטה, אויף אזא אופן איבערלאָזענדיג נאָרד־פראנקרייך צו דעם איינדרינגענדען שונא, און גרינדען אַ קליינע רעפּובליק אירגענד־וואו אין זשיראָנד.

דאָס פאָלק, דער רעוואָלוציאָנערער ענטהוזיאזם פון פאָלק, וועלכער האָט געראַטעוועט פראנקרייך, האָט פאר זיי ניט עקזיס־טירט. זיי זיינען געווען איינפאך ביוראָקראַטען.

אַלעם צוזאמען זיינען די זשיראָנדיסטען געווען געטרייע פאָרשטעהער פון די מיטעל־קלאַסען. ווען דאָס פאָלק איז גע־וואָרען מוטהיגער און האָט פערלאנגט, אז די רייכע זאָלען בע־שטייערט ווערען, און דאָס אַלעמען זאָל געגעבען ווערען גלייכע

געלעגענהייטען פון רייכטהום; אזוי שנעל, ווי זיי האָבען גע־פאָרדערט די גלייכהייט, אלס א נויטווענדיגע בעדינגונג פאר פרייהייט — האָבען די מיטעל־קלאַסען אָנגעפאַנגען צו זאָגען, אַז עס איז געקומען די צייט צו ציהען א גרענעץ־ליניע צווישען זיך און פאָלק, און אַז דאָס פאָלק מוז געבראכט ווערען צו דעם געדאנק פון „אָרדנונג".

די זשיראָנדיסטען זיינען געגאנגען מיט דיזען שטראָם. ווען זיי האָבען דערגרייכט די מאכט, האָבען דיזע מיטעל־קלאַס־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען ביז דאן זיך אָבגעגעבען מיט לייב און זעעלע צו דער רעוואָלוציע, זיך אָבגעזונדערט פון פאָלק. די אנשטרענגונגען פון פאָלק אויפצובויען זיין אייגענע פאָלי־טישע אָרגאניזאציאָן אין די סעקציאָנען פון די גרויסע שטעדט, און די פאָלקס־געזעלשאפטען איבער גאנץ פראנקרייך, זייער וואונש צו מארשירען פאָרווערטס אויף דעם וועג פון גלייכ־הייט — דאָס אלעס האָט אויסגעזעהען אין די אויגען פון די זשיראָנדיסטען צו זיין די גרעסטע געפאהר פאר אלע אייגענ־טהום־קלאַסען, און דאָס איז פון זיי פעררעכענט געוואָרען, אלס א פערברעכען.

און פון דאן אָן האָבען די זשיראָנדיסטען בעשלאָסען אָבצו־שטעלען די רעוואָלוציע: אויפצובויען א שטארקע רעגיערונג און צו צווינגען דאָס פאָלק זיך אונטערצוגעבען — און ווען נויטיג — דורך די גיליאָטינע. אום צו בעגרייפען די גרויסע דראַמא פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט דעם אויפשטאַנד פון פאַריז דעם 31טען מאי, און מיט דער „אויסרייניגונג" פון דער קאָנווענשאָן, מוז מען לעזען דאָס, וואָס די זשי־ראָנדיסטען האָבען אליין געזאָגט. און אין דיזער הינזיכט זיי־נען די צוויי בראָשורען פון בריססאָ בעזאָנדערס בעלעהרענד.

„איך האָב געדענקט, אריינגעהענדיג אין די קאָנווענשאַן," זאָגט בריססאָ, „דאָס וויבאלד דער קעניגטהום איז געוועזען פער־ניכטעט, און וויבאלד כמעט די גאנצע מאכט איז געוועזען קאָנ־צענטרירט אין די הענד פון פאָלק אָדער פון זיינע רעפרעזענ־טאַנטען, מוזען די פאטריאָטען אין גאנצען ענדערען זייער טהע־

טינקייט, ווייל זייער פּאָזיציע האָט זיך אין גאַנצען געענדערט.״
„איך האָב געמיינט, אז די אויפשטאנד־בעוועגונג מוז אויפהע־רען, ווייל עס איז דאָך ניטאָ שוין מעהר קיין טיראנײ, וואָס דארף בעקעמפּפט ווערען, און דערפאַר דארף מען אויך ניט קיין געוואַלט־אויפשטאנד.״

„איך האָב געטראכט״— זאָגט בריססאָ נאָך ווייטער— „דאָס אָרדנונג אליין קען ברענגען רוה; דאָס אָרדנונג בעשטעהט אין אַ רעליגיעזען רעספּעקט פאר די געזעצע, פאר די ריכטער און פאר די זיכערהייט פון דעם איינצעלנעם.... איך האָב, פאָלגליך, גע־גלויבט, דאָס אָרדנונג איז אין דער ווירקליכקייט נאָר אַ רעוואָ־לוציאָנערער מיטעל.... איך האָב דארום געגלויבט, אז די אמת׳ע שונאים פון פאָלק און דער רעפּובליק זיינען די אנאר־כיסטען, די פּרעדיגער פון דעם אגראר־געזעץ, די אויפהע־צער צו פעררעאטה.״

„צוואנציג אנארכיסטען״ — זאָגט בריססאָ ווייטער — „האָ־בען פערכאפּט פאר זיך דעם איינפלוס אין דער קאָנווענשען, וועלכער דארף געהערען בלויז צו דער פערנונפט. פאָלגט נאָך די דעבאטען און איהר וועט זעהען אויף איין זייט מענשען, וועלכע זיינען אימער בעשעפטיגט מיט דעם, ווי צו מאכען, אז די געזעצע, די בעשטימטע אויטאָריטעטען און דער אייגענטהום זאָלען רעספּעקטירט ווערען; און פון דער אנדערער זייט זיינען מענשען אימער בעשעפטיגט אום צו האַלטען דאָס פאָלק אין אַ צושטאנד פון אויפרעגונג, אום צו דיסקרעדיטירען דורך רכילות די בעשטימטע אויטאָריטעטען, אום צו בעשיצען די שטראָפלאָ־זינקייט פון פערברעכען, און אויפצולייזען די אלע געזעלשאפט־ליכע פערבינדונגען.״

עס איז אמת, אז די יעניגע, וועמען בריססאָ רופט אנאר־כיסטען, זיינען בעשטאנען פון גאַנץ פערשיעדענע עלעמענטען, אָבער זיי האָבען אלע געהאט אין געמיינשאפט דיזען איינציגען שטריך: זיי האָבען ניט געגלויבט, אז די רעוואָלוציע האָט זיך שוין געענדיגט, און זיי האָבען געהאנדעלט אין איינקלאנג מיט דיזען גלויבען.

זיי האָבען געוואוסט, אז די קאָנוועגשען וועט גאָר ניט טהאָן, ניט ווערענדיג געצוואונגען פון פאָלק. און צוליעב דעם האָבען זיי אָרגאַניזירט דעם פאָלקס־אויפשטאַנד. אין פאַריז האָ־בען זיי פּראָקלאמירט, אלס די העכסטע מאַכט די קאָממונע, און זיי האָבען פּרובירט צו עטאַבלירען נאַציאָנאַלע איינהייט ניט מיט דער הילפע פון א צענטראַל־רעגיערונג, נור דורך דירעקטע פערהעלטניסע צווישען דער שטאָדט און די סעקציאָנען פון פאַ־ריז און די אַנדערע זעקס און דרייסיג טויזענד קאָמונען פון פראַנקרייך.

אָבער דאָס געראָדע האָבען די זשיראָנדיסטען ניט גע־וואָלט.

„איך האָב ערקלערט", זאָגט בריססאָ, „זייט דעם אָנפאַנג פון דער קאָנוועגשען, אז עס איז דאָ אין פראַנקרייך א פּאַרטיי פון צושטערער, וועלכע שטרעבט צו דער אויפלייזונג פון דער רעפּובליק, אפילו ווען זי איז נאָך געווען אין איהר וויגעלע... איך קען בעווייזען היינט: ערשטענס, דאָס דיזע פּאַרטיי פון אַנאַר־כיסטען האָט בעהערשט און בעהערשט נאָך איצט כמעט אַלע בעראַטהונגען פון דער קאָנוועגשען און די ארבייט פון דעם עק־זעקוטיוו־ראַטה; צווייטענס, דאָס דיזע פּאַרטיי איז געווען און איז נאָך איצט די איינציגע אורזאַכע פון אַלע צרות, אינערלי־כע, ווי אויסערליכע, פון וועלכע פראַנקרייך איז געפּלאַגט; און, דריטענס, דאָס די רעפּובליק קען נור געראַטעוועט ווערען דורך דעם אָננעהמען פון שטאַרקע מיטלען ארויסצורייסען די פאָרשטעהער פון פאָלק פון דעם דעספּאָטיזם פון דיזער פראַקציע."

פאַר יעדען איינעם, וואָס קען דעם כאַראַקטער פון דער צייט, איז דיזע שפּראַך גאַנץ קלאָר. בריססאָ האָט איינפאַך געפאָדערט די גילאָטינע פאַר די יעניגע, וועמען ער האָט גע־רופען אַנאַרכיסטען און וועלכע, מיט דעם, וואָס זיי האָבען גע־וואָלט ווייטער אָנגעהן מיט דער רעוואָלוציע און ענדיגען די אָב־שאַפונג פון דעם פעאָדאַליזם, האָבען געשטערט די מיטעל־קלאַ־סען און בעזאָנדערס די זשיראָנדיסטען צו פיהרען די קאָנוועג־שען פאַר זייער אייגענעם נוצען.

„עס איז דארום נויטיג צו פערטייטשען דיזע אנארכיע", זאָגט דער רעפּרעזענטאטיווער זשיראָנדיסט, און אָט ווי ער פערטייטשט זי:

„געזעצע וועלכע ווערען ניט דורכגעפיהרט, אויטאָריטעטען אָהן מאכט און וועלכע ווערען פעראכטעט, פערברעכען, וואָס בלייבט אונבעשטראָפט, א י י ג ע נ ט ה ו ם, וואָס ווערט א ט א ק י ר ט. דער איינצעלנער, וועמעס זיכערהייט ווערט פערגעוואלטיגט, די מאָראל פון פאָלק קאָררומפּירט, קיין קאָנסטיטוציע, קיין רעגיערונג, קיין גערעכטיגקייט, דיזע זיינען די געזיכטציגע פון אנארכיע."

אָבער איז דאָס געראדע ניט דער וועג, ווי אלע רעוואָלוציעס ווערען געמאכט? אזוי ווי בריססאָ וואָלט עס אליין ניט געוואוסט, און וואָלט עס אליין ניט פּראקטיצירט, איידער ער האָט דערגרייכט די מאכט! פאר דריי יאָהר לאנג, פון מאי, 1789, ביז אויגוסט 10, 1792, איז עס געווען נויטיג צו פעראכטען די אויטאָריטעט פון קעניג — און צו האָבען אַן אויטאָריטעט אָהן א מאכט, אום צו קענען איהר אומווארפען דעם 10טען אויגוסט.

נור וואָס בריססאָ האָט געוואָלט איז געווען דאָס, אז וויבאלד יענער פּונקט איז דערגרייכט געוואָרען, און די אויטאָריטעט פון קעניג איז געשטירצט געוואָרען, זאָל די רעוואָלוציע אויפהערען דעמזעלבען טאָג.

וויבאלד דער קעניגטהום איז אָבגעשאפט און די קאָנוועגשען איז געוואָרען די העכסטע מאכט, האָבען אלע אויפשטענדע, מיינט ער, געמוזט אויפהערען.

וואָס עס איז געווען בעזאָנדערס פערהאסט די זשיראָנדיסטען איז עס געווען די נייגונג פון דער רעוואָלוציע צו גלייכהייט — די שטארקסטע טענדענץ אין דער רעוואָלוציע אין יענעם מאָמענט. דערפאר האָט בריססאָ ניט געקאָנט מוחל זיין דעם יאקאָבינער קלוב, וואָס האָט זיך גענומען דעם נאָמען ניט „פריינד פון דער רעפּובליק", נור „פריינד פון פרייהייט און גלייכהייט" — בעזאָנדערס פון גלייכהייט! און ער האָט ניט גע-

קאָנט מוחל זיין די אנארכיסטען דערפאר, וואָס זיי האָבען עס בעגייסטערט די פעטיציעס „פון די יעניגע ארבייטער אין דעם לאַגער ביי פאריז, וועלכע האָבען זיך גערופען די נ א צ י א ן, און וועלכע האָבען געוואָלט בעשטימען פאר זיך זייער געהאלט, לויט דעם געהאלט פון די דעפוטאטען.“

„די רוהע־שטערער“ — האָט ער געזאָגט אין אן אנדער פלאַץ — „זיינען די, וועלכע ווילען אלעם אויסגלייכען — איי־גענטהום, בעקוועמליכקייט, דעם פרייז פון די בעדירפניסע און די פערשיעדענע דיענסטע צום שטאאט, און וועלכע ווילען, אז דער געהאלט פון די ארבייטער אין לאַ־גער זאָל זיין דערזעלבער, ווי פון די געזעצגעבער, וועלכע ווילען זאָגאר אויסגלייכען טאלאנטען, וויסען, די טוגענד, ווייל זיי האָ־בען קיינע ניט פון דיזע אלע זאכען.“

## איין־און פערציגסטער קאפיטעל.

# די „אנאַרכיסטען“.

די אַנאַרכיסטען זיינען ניט אַ פּאַרטיי. — זייערע צוועקען און טאַקטיק. — בריססאָ ציטירט. — ער אַטאַקירט אַנאַרכיסטען. — די זשיראָנדיסטען און אַנאַרכיסטען. — די זשיראָנדיסטישע פּראָגראַם.

---

אָבער ווער זיינע, עס געווען יענע אנארכיסטען, וועגען וועמען בריססאָ האָט עס גערעדט אזוי פיעל און די אויסראָטונג פון וועלכע ער האָט געפאָרדערט מיט אזא ערביטערונג?

פריהער פון אלץ זיינען די אנארכיסטען ניט געווען א פּאַרטיי. אין דער קאָנוועגשאָן זיינען געווען די פּאַרטייען: „דער בארג“, „די זשיראָנדיסטען“, די זומפּ־פּאַרטיי, אָבער עס זיינען ניט געווען קיין אנארכיסטען. דאנטאָן, מאראט, און זאָגאר ראָבעספּיער, אָדער אירגענד אנאנדער יאקאָבינער פון דעמזעלבען סאָרט האָט געקאָנט נור ארבייטען צייטענווייז מיט די אנארכיסטען; ווייל זיי זיינען אימער פערבליבען דרויסען פון דער קאָנוועגשאָן. זיי זיינען געווען, ווי איינער וואָלט זיך געקאָנט אויסדריקען, איבער איהר. זיי האָבען איהר בעהערשט.

די „אנארכיסטען“ זיינען געווען די רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען געווען צושפּרייט איבער גאנץ פראנקרייך. זיי האָבען זיך איבערגעגעבען צו דער רעוואָלוציע מיט ליב און זעעל; זיי האָבען פערשטאַנען ווי נויטווענדיג זי איז; זיי האָבען איהר געליעבט און געארבייט פאר איהר.

פיעלע פון זיי האָבען זיך צוזאמענגעקליבען ארום די פּאַ־

ריזער קאָממונע, ווייל זי איז געווען רעוואָלוציאָנער. א געוויסע צאָהל פון זיי זיינען געווען מיטגליעדער פון דעם קארדעליערען־קלוב; מאנכע פון זיי האָבען געהערט צום יאקאָבינער קלוב. אָבער זייער אמת'ע היים איז געווען די ס ע ק צ י אָ ן, און, נאָך מעהר, די גאס. אין דער קאָנווענשאָן האָט מען זיי געזעהען אין די גאלעריעס, וואו זיי האָבען געגעבען א ריכטונג די דע־באטען אָדער דורך זייער הסכמה, אָדער דורך זייער געגנער־שאפט. דער ווירקזאמסטער מיטעל פון זייער טהעטיגקייט איז געווען די מיינונג פון פאָלק, ניט „די עפענטליכע מיינונג" פון די מיטעל־קלאסען. זייער ווירקליכע וואפפע איז געווען דער אויפשטאנד, און מיט דיזער וואפפע האָבען זיי בעאיינפלוסט די דעפוטאטען און די עקזעקוטיווע מאכט.

ווען עס איז נויטיג געוואָרען צו מאכען א נייעם פערזוך צו בעגייסטערען דאס פאָלק און צו מארשירען מ י ט א י ה ם געגען די טויליערי, זיינען זיי עס געווען, וועלכע האָבען פאָר־בערייטעט דעם אָנפאל, און האָבען געקעמפפט אין די רייהען. און ווען דער רעוואָלוציאָנערער ענטהוזיאזם פון די מענשען האָט זיך אָבגעקיהלט — האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו דער דונקעל־הייט, פון וואנען זיי זיינען ארויסגעשפרונגען, איבערלאָזענדיג אונז בלויז די ערביטערטע פאמפלעטען פון זייערע געגנער, דורך וועלכע מיר זיינען אין שטאנד צו ענטדעקען די גרויסע רעוואָ־לוציאָנערע ארבייט, וועלכע זיי האָבען אויפגעטהאָן.

וואָס אנבעטרעפט זייערע אידעען, זיינען זיי געווען קלאָר און פעסט. די רעפובליק — דאָס זעלבסטפערשטענדליך! זיי האָבען אין איהר געגלויבט. גלייכהייט פאר'ן געזעץ — דאָס איז געווען א צווייטער פרינציפ זייערער. אָבער דאָס איז ניט געווען אלעס. ווייט ניט אלעס!

צו בענוצען פאָליטישע פרייהייט, אלס א מיטעל צו קריגען די עקאָנאָמישע פרייהייט, ווי די מיטעל־קלאסען האָבען דאָס זיי פאָרגעשלאָגען — דאָס, האָבען זיי געוואוסט, איז אן אונ־מעגליכע זאך. דערפאר האָבען זיי געוואָלט די זאך גופא. דאָס לאנד פאר אלע — וואָס דאָס איז געווען דער אגראר־געזעץ, ווי

זיי האָבען איהם גערופען, און עקאָנאָמישע גלייכהייט, אָדער, זיך בעגנוצענדיג מיט דער שפּראַך פון יענער צייט, „דאָס אויס־גלייכען פון רייכטהום."

אָבער לאָמיר הערען, וואָס בריססאָ האָט צו זאָגען וועגען זיי:

„זיי זיינען די מענשען" — זאָגט ער, וועלכע האָבען צו־שפּאָלטען די געזעלשאַפט אין צוויי קלאַסען, די יעניגע, וועלכע האָבען, און די יעניגע, וועלכע האָבען ניט, די אָהן־הויזענדיגע (די סאַנקיולאָטען) און די אייגענטהימער, און וועלכע האָבען אויפגערייצט איין קלאַס געווען אַ צווייטען."

„זיי זיינען די מענשען" — זאָגט בריססאָ ווייטער — „וועלכע, אונטער דעם נאָמען פון די סעקציאָנען, האָבען קיינ־מאָל ניט אויפגעהערט צו מאַטערען די קאָנווענשאָן מיט פאָר־דערונגען פאַר אַ מאַקסימום פאַר קאָרן."

זיי זיינען די מענשען, וועלכע „האָבען אויפגעהעצט צו דער פאָרדערונג פון יענע צעהן טויזענד מענשען, וועלכע האָבען זיך ערקלערט אין אַ צושטאַנד פון רעבעליאָן, אויב עס וועט ניט בעשטימט ווערען דער פּרייז אויף ווייץ, און וועלכע העצען צו אויפשטענדע איבער גאַנץ פראַנקרייך."

דיזע, אלזאָ, זיינען געווען די פערברעכענס פון די יעניגע, וועלכע ווערען געשילדערט פון בריססאָ, אלס אנארכיסטען: זיי האָבען צושפּאָלטען די נאַציאָן אין צוויי קלאַסען, אין די האָבער און ניט־האָבער, זיי האָבען אויפגערייצט איינעם געגען צוויי־טען; זיי האָבען געפאָרדערט ברויט, און מעהר פון אַלץ, ברויט פאַר די יעניגע, וועלכע האָבען געארבייט.

זיי זיינען געווען, גאָר אָהן צווייפעל, גרויסע פערברעכער. אָבער ווער פון די געלערנטע סאָציאַליסטען פון דעם נייִנצעהנ־טען יאהרהונדערט איז געווען אין שטאַנד צו ערפינדען עטוואָס בעסערס, ווי דיזע פאָרדערונג פון אונזערע פאָרגעננער אין 1793: „ברויט פאַר אלע"? היינט זיינען דאָ פיעל מעהר ווער־טער, אָבער וועניגער טהעטיגקייט!

וואָס אנבעטרעפט זייערע מעטאָדען אָנצוואוועגדען זייערע

אידעען אין דער פּראַקטיקע, זיינען זיי אָט וועלכע: „די גרויסע צאָהל פערברעכענס קומט ארויס פון דער שטראָפלאָזיג־קייט; די שטראָפלאָזיגקייט איז דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס די געריכטס־הייזער זיינען פּאַראַליזירט. און די אַנאַרכיסטען פערטהיידיגען דיזע שטראָפלאָזיגקייט און זיי העלפען צו פּאַראַ־ליזירען דאָס געזעץ אָדער דורך טעררער אָדער דורך דעם, וואָס זיי פערדאַמען און בעשולדיגען די אריסטאָקראַטיע.“

„יעדען טאָג גיבען די אַנאַרכיסטען פון פּאריז ביישפּיעלע פון ווידערהאָלטע פערגוואַלטיגונגען אויף אייגענטהום און די זיכערהייט פון דעם איינצעלנעם. און זייערע פּריוואַט־שלוחים, ווי אויך די יעניגע, וועלכע זיי צייכענען אוים מיט דעם טיטעל: „די קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנוועַנשאָן“, פּרעדיגען איבעראל די פערגעוואַלטיגונג פון די רעכטע פון מענשען.“

בריססאָ ווייזט אָן אויף די אונאויפהערליכע אַנאַרכיסטישע פערדאַמונג פון די, וועלכע האָבען אייגענטהום, פון די קויפ־לייט, וועמען זיי רופען אָן מיט'ן נאָמען מאָנאָפּאָליסטען, ער רעדט פון די אייגענטהימער, וועלכע ווערען אָהן אָן אויפהער געבראַנדמאַרקט אלס רויבער, פון דעם האַס פון די אַנאַרכיסטען צו יעדען שטאַאַט־בעאַמטען. „פון דעם מאָמענט“, זאָגט ער, „וואָס איינער נעהמט אָן אַן אמט, ווערט ער פערהאַסט פון די אַנאַרכיסטען, ער ווערט שולדיג.“ און מיט רעכט, זאָגען מיר.

אָבער בריססאָ איז גרויסאַרטיג, ווען ער רעכענט אוים די גרויסע גליקען פון אָרדנונג. דאָס איז אַ פּאַראַגראַף, וועלכען איינער מוז איבערלעזען, אויב ער ווינשט צו פערשטעהן, וואָס די זשיראָנדיסטישע מיטעל־קלאַס וואָלט געגעבען דעם פראַנ־צויזישען פאָלק, ווען די „אַנאַרכיסטען“ וואָלטען ניט געגעבען דער רעוואָלוציע אַ ווייטערען שטויס. „בעטראַכט“, זאָגט ער, „די פּלעצער, וואו די ווילדע טהעטיגקייט פון דיזע מענער איז געשטערט געוואָרען. נעהמט, למשל, דעם דעפּאַרטמענט פון דער זשיראָנד. אָרדנונג האָט דאָרט שטענדיג געהערשט. די מענשען דאָרט אונטערוואַרפען זיך דעם געזעץ, חאָטש זיי צאָה־לען צעהן סאָלס פאר אַ פונט ברויט“....

די ערקלערונג איז, דאָס „פון דיזען דעפּאַרטמענט האָבען די בירגער אויסגעוויזען די פּרעדיגער פון דעם אגראַר־געזעץ, דאָס זיי האָבען פערשלאָגען מיט טשוועקעס די טהירען פון דעם יאַ־קאָבינישען קלוב, וואו זיי לערנען..." א. ז. וו.

און דאָס איז געשריבע, געוואָרען צוויי מאָנאַטען נאָך דעם 10טען אויגוסט, ווען דער בלינדסטער מענש האָט געמוזט צוגע־בען, דאָס ווען דאָס פראַנצויזישע פאָלק וואָלט זיך „אונטער־וואָרפען דעם געזעץ, האָטש זיי האָבען געצאָהלט צעהן סאָלס פאַר א פונט ברויט", וואָלט גאָר קיין רעוואָלוציע ניט געווען, און דער קעניגטהום, וועלכען בריססאָ האָט געמאַכט אַז אָנשטעל צו בעקעמפּפען, ווי אויך דער פעאָדאַליזם, וואָלטען נאָך אפשר געבליבען הערשען פאַר נאָך א יאהרהונדערט, ווי אין רוס־לאַנד.*)

מיר מוזען לייענען בריססאָ, אום צו פערשטעהן, וואָס די מיטעל־קלאַססען האָבען געהאַט בדעה צו געבען פראַנקרייך, און וואָס די „בריססאָטינער" פון דעם 20טען יאהרהונדערט זיינען בדעה צו געבען, וואו נור א רעוואָלוציע האָלט אין קומען.

„די אונרוהען אין די פערשיעדענע פלעצער פון פראַנק־

---

*) לואי בלאַן האָט אויסגעצייכענט כאַראַקטעריזירט בריססאָ, זאָגענדיג וועגען איהם, דאָס ער איז געווען איינער פון יענע מענער, וועלכע זיינען „רעפּובליקאַנער פאַר דער צייט היינט און רעוואָלוציאָ־נערען הינטער דער צייט מאָרגען". מענשען, וועלכע האָבען ניט דעם כוח נאָכצופאָלגען דעם יאהרהונדערט נאָכדעם, ווי זיי האָבען געהאַט דעם מוטה צו איבעריאָגען איהם. נאָך דעם, ווי ער האָט געשריעבען אין זיין יוגענד, דאָס „אייגענטהום איז גנבה", איז זיין רעספּעקט פאר אייגענטהום געוואָרען אזוי גרויס, דאָס אויף מאָרגען נאָך דעם 14טען אויגוסט האָט ער פאָרגעוואָרפען דער פערזאמלונג איהר האַסטיגקייט, מיט וועלכער זי האָט ארויסגעלאָזען די דעקרע־טען געגען דעם פעאָדאַליזם. און דאָס האָט פּאַסירט אין אַ מאָמענט, ווען די בירגער האָבען אומאַרמט איינע די אַנדערע פון גרויסער שמחה מיט דיזע דעקרעטען.

רייך“, זאָגט בריססאָ, „האָבען זייער אורזאכע אין די דרשות געגען די רייכע, געגען די מאָנאָפּאָליסטען, אין די פּעררעטהעריישע רעדען וועגען דער נויטווענדיגקייט צו בעשטימען א מאקסימום־פּרייז אויף קאָרן און אלע אנדערע עסענוואַרג.“

און וועגען אָרלעאן זאָגט ער: „דיזע שטאָדט האָט געגאָסען זייט דעם אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע אַ פריעדען, וועלכער איז זאָגאר ניט אָנגעריהרט געוואָרען פון די אויפשטענדע אין אנדערע פּלעצער צוליעב דעם מאַנגעל פון קאָרן, חאָטש קאָרן איז געווען איינער פון די הויפּט־געגענשטענדע פון שטאָדט..... אָבער דיזע האַרמאָניע צווישען אָרעם און רייך איז געווען גאָר ניט אין איינקלאַנג מיט די פּרינציפּען פון אנארכיע. און אזוי האָט איינער פון דיזע מענער, וועמען אָרדנונג מאכט פערצווייפעלט, פאר וועמען די צושטערונג פון פריעדען איז דער איינציגער צוועק, זיך גענומען צו צוברעכען דיזען פריעדען, אויפרייצענדיג די סאנקיולאָטען געגען די אייגענטהימער.“

„און וויעדער איז עס דיזע אנארכיע“, שרייט אוים בריססאָ, „וועלכע האָט בעשאַפען אַ רעוואָלוציאָנערען איינפלוס אין דער ארמיי. ווער קען איצט צווייפלען איבער דעם שרעקליכען איבעל, וואָס איז אריינגעבראכט געוואָרען אין אונזער ארמיי פון דיזער אנארכיסטישער לעהרע, וועלכע האָט אין אבזיכט, אונטער דעם מאַנטעל פון גלייכהייט פאר'ן געזעץ, צו עטאַבלירען ביידע: אי די אלגעמיינע גלייכהייט און אי ד י ג ל י י כ ה י י ט א י ן פ א ק ט — וואָס דאָס איז דער פלוך פון דער געזעלשאַפט, פונקט ווי דאָס אנדערע איז זיין אונטערשטיצונג? די אנארכיסטישע לעהרע, וועלכע וואָלט געוואָלט ברענגען אויף איין טרעפּעל געלעהרטקייט און אונוויסענהייט, טוגענד און פערברעכען, עמטער, געהאלטען און דיענסטע.“

דאָס איז עס, וואָס די „בריססאָטינער“ ווילען קיינמאָל ניט מוחל זיין די אנארכיסטען. גלייכהייט פאר'ן געזעץ — דאָס קען נאָך געדולדעט ווערען, אָבער גלייכהייט אין דער טהאַט — דאָס איז טריפה. איז דען ניט בריססאָ גענוג געערגערט געוואָרען פון די ארבייטער אין דעם לאַגער אין פאריז, וועלכע האָבען

איין טאָג פערלאַנגט, אַז זייערע ווײדזשעס זאָלען זיין גלייך מיט דעם געהאַלט פון די דעפּוטאַטען ? אזא משונה׳דיגער איינפאל! בריססאָ און אַן ארבייטער זאָלען געשטעלט ווערען אויף איין טרעפּעל, ניט נור אין געזעץ, נור אויך אין דער טהאַט ! עלענדע לומפּען !

אָבער, ווי האָט עס פּאַסירט, דאָס די אַנארכיסטען האָבען געהאַט אַזאַ גרויסע מאַכט, אַז זיי האָבען געקאָנט זאָגאר בע־הערשען די שרעקליכע קאָנווענשאָן און דיקטירען איהרע בע־שליסע ?

בריססאָ דערצעהלט עס אונז אין זיינע פּאַמפלעטען. „עס איז“, זאָגט ער, „די גאַללעריען פון דער קאָנווענשאָן, דאָס פאָלק פון פּאריז, און די קאָממונע, וועלכע בעהערשען די סיטואַציאָן, און צווינגען די קאָנווענשאָן, יעדעס מאָל, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דעם אָננעהמען פון אַ רעוואָלוציאָנערן מיטעל.“

אין אָנפאַנג, דערצעהלט אונז בריססאָ, איז די קאָנווענשאָן געווען זעהר קלוג. „איהר האָט געקאָנט זעהען“, זאָגט ער, „די מאַיאָריטעט פון דער קאָנווענשאָן אָפּפענהערציג, בעזאָנען, די פריינד פון פּרינציפּען, מיט זייערע אויגען אימער געצילעוועט צום געזעץ. זיי האָבען בעגריסט כמעט איינשטימיג יעדען פאָר־שלאַג, וועלכער האָט בעאבזיכטיגט צו דערנידריגען און צו פער־ניכטען די אונטערשטיצער פון אונאָרדנונג.“

איינער קען זיך אָנשטויסען וואָס פאַר רעוואָלוציאָנערע רע־זולטאַטען מען האָט געקאָנט ערווארטען פון דיזע פּאָרשטעהער, וועלכע האָבען אימער געהאַלטען זייערע אויגען געצילעוועט צום געזעץ — דעם קעניגליכען און פעאָדאַלען געזעץ. גליקליכער־ווייזע אָבער האָבען די „אַנאַרכיסטען“ אויך געהאַט אַ שטיקעל דעה. אָבער דיזע אנארכיסטען האָבען געוואוסט, אַז זייער פּלאַץ איז ניט אין דעם קאָנווענשאָן, צווישען די רעפּרעזענטאַנטען, נור דאָס זייער פּלאַץ איז אין גאַס. זיי האָבען פערשטאַנען, דאָס אויב זיי זאָלען נור אריינשטעלען אַ פוס אין די קאָנווענשאָן, איז עס ניט אום צו דעבאַטירען מיט „די מיטגליעדער פון די רעכטע“, אָדער מיט „די פרעש פון דעם זומפּ“, נור עס מוז זיין,

אום צו פערלאנגגען עטוואס, אָדער פון דער הויף פון די גאַליאָר־
קעס, וואו דאָס פאָלק איז געזעסען, אָדער דורך אַן אריינברעכען
זיך אין די קאָנווענשאַן, מיט דעם פאָלק הינטער זיי.

„אויף אזא אופן האָבען ביסלעכווייז, ביסלעכווייז די רווי־
בער (בריססאָ רעדט עס אזוי פון די אנארכיסטען) מיט חוצפה
אויפגעהויבען זייערע קעפּ. פון אָנגעקלאָגטע האָבען זיי זיך
אומגעוואנדעלט אין אנקלעגער. אָנשטאָט צו זיין שטילע צוהע־
רער פון אונזערע דעבאטען, זיינען זיי גאָר געוואָרען די
ריכטער". „מיר זיינען אין דער מיט פון א רעוואָלוציע" — איז
געווען זייער ענטפער.

ווי דער אמת איז, האָבען די יעניגע, וועמען בריססאָ האָט
גערופען אנארכיסטען, געזעהען פיעל ווייטער און האָבען
געגעבען בעווייזע פון א פּאָליטישער פערשטענדניס, וועלכע
האָט ווייט איבערשטיעגען די יעניגע, וועלכע עס האָבען ארויס־
געוויזען די מענשען, וועלכע האָבען פּרעטענדירט צו רעגירען
פראנקרייך. ווען די רעוואָלוציע וואָלט זיך געענדיגט מיט
דעם טריאומף פון די בריסאָטינער, ניט האָבענדיג אָבגעשאפט
דעם פעאָדאלען סיסטעם, און ניט האָבענדיג צוריקגעגעבען דאָס
לאנד צו די קאָמונען — וואו וואָלטען מיר היינט געווען?

אָבער, פיליכט האָט בריססאָ ערגעץ־וואו פאָרמולירט א
פראָגראם, אין וועלכען ער ערקלערט, ווי די זשיראָנדיסטען
האָבען גערעכענט צו מאכען א סוף צום פעאָדאלען סיסטעם און
צו די קעמפּפע, וועלכע זיינען פון איהם ארויסגעקומען? אין
דעם וויכטיגסטען מאָמענט, ווען דאָס פאָלק פון פּאריז האָט
געפאָדערט די אויסשליסונג פון די זשיראָנדיסטען פון דער קאָנ־
ווענשאן, האָט ער אפשר געזאָגט, ווי די זשיראָנדיסטען האָבען
גערעכענט, און זאָל עס זיין נור טהיילווייז, צו בעפריעדיגען די
סאמע וויכטיגע פאָדערונגען פון פאָלק?

ניין, אבסאָלוט קיין וואָרט איז פון איהם ניט צו הערען
וועגען דעם. די זשיראָנדיסטישע פּארטיי האָט געמאכט קורצען
פּראָצעס מיט דיעזער גאנצער פראגע, וויעדערהאָלענדיג, דאָס
אָנצוריהרען אייגענטהום, זאָל עס זיין פעאָדאלער אָדער מיטעל־

קלאַס־אייגענטהום, מיינט צו טהון די ארבייט פון דעם „גלייכ־מאַכער“, פון דעם „רוהע־שטערער“, פון דעם „אנארכיסט“. און מענשען פון דיעזען כאַרט דארפען איינפאַך אויסגעראָטעט ווערען.

„פאר דעם 10טען אויגוסט,“ שרייבט בריססאָ, „זיינען די רוהע־שטערער געווען אמת'ע רעוואָלוציאָנערען, ווייל אַ רעפּובליקאַנער האָט געמוזט זיין אַ רוהע־שטערער; אבער די רוהע־שטערער פון היינט זיינען אמת'ע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען; זיי זיינען די שונאים פון פאָלק, ווייל דאָס פאָלק איז איצט דער בעל הבית. וואָס בלייבט זיי דען איבריג צו ווינשען? אינערליכע רוהיגקייט, ווייל נור דיעזע רוהיגקייט אליין פערזיכערט דעם אייגענטהימער זיין אייגענטהום, דעם ארבייטער זיין ארבייט, צו די אָרימע זייער טעגליכען ברויט, און צו אלע דעם גענוס פון פרייהייט.“

בריססאָ האָט אפילו ניט פערשטאַנען, דאָס אין יענער צייט פון יקרות, וועז דער פרייז פון ברויט האָט דערגרייכט ביז זעקס אָדער זיעבען סו אַ פונט, האָט דאָס פאָלק געמעגט מיט רעכט פאָדערען אַ געזעץ, וואָס זאָל בעשטימען דעם פרייז פון ברויט. ער האָט אבער געמיינט, אַז ניט אנדערש, ווי נור אנארכיסטען קענען שטעלען אזא פאָדערונג!

פאר איהם, ווי פאר די אלע אנדערע זשיראָנדיסטען, האָט זיך די רעוואָלוציע געענדיגט, זייט די בעוועגונג פון 10טען אויגוסט האָט זיי געבראַכט די מאַכט: עס איז, לויט זייער מיינונג, ניט געבליעבען קיין אנדער זאַך צו טהון, ווי אָנצונעהמען אלעס באהבה און פאָלגען די אלערליי געזעצע, וואָס די קאָנווענשאָן זאָל ארויסלאָזען. זיי האָבען זאָגאר ניט פערשטאַנען דעם מאַן פון פאָלק, וועלכער האָט געזאָגט, דאָס ווי באלד עס זיינען נאָך פערבליעבען די פעאָדאלע געזעצע, וויבאלד דאָס לאַנד איז נאָך ניט צוריקגעגעבען געוואָרען צו די קאָמונען, און וויבאלד אין אלע ענינים, וואָס זיינען נוגע די לאַנד־פראגע איז נור געמאַכט געוואָרען אַ צייטליכע בעשטימונג, און וויבאלד די אָרימע האָבען נאָך אלץ צו טראָגען די גאַנצע לאַסט פון דער

מלחמה — איז די רעוואָלוציע נאָך ניט געענדיגט, און נור די רעוואָלוציאָנערע טהאַט קען איהר פיהרען צו אַ שלום, זעהענ־דיג, וואָס פאַר אַ גרויסען ווידערשטאַנד עס ווייזט ארויס די אַלטע אָרדנונג צו יעדען פערזוך אויסצופיהרען עטוואָס ענט־שיעדענעס.

די זשיראָנדיסטישע פּאַרטיי האָט זאָגאַר דאָס ניט געקענט פערשטעהן. זיי האָבען נור צוגעגעבען איין קלאַס פון אונצו־פריעדענע — דעם קלאַס פון די בירגער, וועלכע האָבען מורא געהאַט אָדער פאַר זייערע רייכטהימער, זייערע בעקוועמליכקיי־טען אָדער זייערע לעבענס. אירגענד אַן אַנדער סאָרט אונצו־פרידענע האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו לעבען. און, ווען מיר ווייסען, אין וועלכען צושטאַנד פון אונגעוויסהייט די געזעצ־געבענדע פערזאַמלונג האָט איבערגעלאָזען אַלע פראַגען אין שייכות צום לאַנד, פרעגען מיר זיך, ווי אזוי גאָר האָבען מענ־שען געקענט אזוי דענקען, ווי די זשיראָנדיסטען? אין וואָס פאַר אַ סאָרט פאַנטאַסטישער וועלט פון פּאָליטישע אינטריגען האָבען דאָס מענשען געלעבט? מיר וואָלטען זיי גאָר ניט געקענט פערשטעהן, ווען ניט דאָס, וואָס מיר קענען גאָר פיעלע אזעלכע מענשען אין אונזער אייגענער צייט.

בריססאָ'ס שלוספּאָלגערונג, וועלכע איז געוואָרען אָנגענומען פון אַלע זשיראָנדיסטען, איז געווען אזא: „מיר מוזען מאַכען אַ „קו־דעטאַ“, אַ דריטע רעוואָלוציע, וועלכע מוז אויסראָטען די אַנאַרכיע! אויפלייזען די קאָמונע פון פּאַריז און פערניכטען איהרע סעקציאָנען! צושליסען די יאַקאָבינישע קלובען, וועלכע פּרעדיגען אונאָרדנונג און גלייכהייט! די גילאָטינע פאַר דעם „טריאומוויראַט“ פון ראָבעספּיער, דאַנטאָן און מאַראַט, ווי אויך פאַר אַלע „גלייכמאַכער“, פאַר אַלע „אַנאַרכיסטען“. דאַן אַ נייע קאָנווענשאַן, אָבער אזא, אין וועלכער קיין איינציגער פון די איצטיגע מיטגליעדער זאָל ניט זיין (וואָס דאָס האָט, נאַטירליך, געמיינט אַ זיכערער טריאומף פאַר די קאָנטר־רעוואָלוציע) אַ שטאַרקע רעגיערונג, און די אָרדנונג איז צוריק אויפגעשטעלט.“ אָט אזא איז געווען די זשיראָנדיסטישע פּראָגראַם זייט דער פּאַל

פון קעניג האָט געבראַכט די זשיראָנדיסטען די מאַכט, און האָט געמאַכט איבריג די „רוהע־שטערער“.

וואָס איז דאַרום געבליבען פאַר די רעוואָלוציאָנערען צו טהון, אויב ניט אויפצונעהמען דעם קאַמפף אויף לעבען אָדער טוידט? אָדער די רעוואָלוציע האָט געמוזט אָבגעשטעלט ווערען, און דאַן די קאָנטר־רעוואָלוציע פון טערמידאָר וואָלט זיך אָנגעפאַנגען מיט פופצעהן מאָנאַטען פריהער, אין פריהלינג פון 1793, איידער די אָבשאַפונג פון דעם פעאָדאַל־סיסטעם איז אויכגעפיהרט געוואָרען; אָדער די זשיראָנדיסטען האָבען געמוזט אויסגעשלאָסען ווערען פון דער קאָנווענשאַן, אונ־געאַכטעט אויף די אַלע דיענסטע, וואָס זיי האָבען געבראַכט דער רעוואָלוציאָן, אזוי לאַנג, ווי דער קעניגטהום האָט בעדאַרפט בעקעמפט ווערען. עס איז געווען אונמעגליך צו איגנאָרירען דאָס, וואָס זיי האָבען אין דיזער הינזיכט גוטעס געטהאָן. „קיין צווייפעל,“ האָט אויסגעשריען ראָבעספיער אין דער בעריהמטער זיצונג פון 10טען אפריל — „זיי האָבען דערלאַנגט אַ קלאַפּ דעם קעניגטהום, די עמיגראַנטען, די פריעסטער, און דוקא, אַ שווערען קלאַפּ! אבער ווען? ווען זיי האָבען נאָך ערשט בעדארפט קריגען די מאַכט. וויבאַלד זיי האָבען איהר געקריגען, איז זייער גאַנצע איבערגעבענהייט פערשוואונדען. ווי שנעל זיי האָבען געענדערט די געגענשטענדע פון זייער האַס!“

די רעוואָלוציע האָט ניט געקענט בלייבען אונגעענדיגט. זי האָט געמוזט אָנגעהן ווייטער, איבער זייערע קערפּער, אויב נויטיג. און דערפאַר זיינען פאַריז און די אנדערע רעוואָלוציאָנערע טהיילען פון פראַנקרייך זייט פעברואַר 1793 געווען אין די געבורטס־שמערצען פון אַן אַגיטאַציע, וועלכע האָט דער־גרייכט איהר העכסטע מדרגה אין דער בעוועגונג פון דעם 31טען מאַי.

צוויי־און־פערציגסטער קאפיטעל.

# די אורזאַכען פון אויפשטאַנד פון דעם 31טען מאַי.

דער קאַמפף צווישען די „באַרגיסטען“ און די זשיראָנדיסטען. — העכסט־וויכטיגע פראגען. — די אונטהעטיגקייט פון דער קאָנ־ווענשאָן. — די בארגיסטען. — ראָבעספיער. — די קאָנטר־רע־וואָלוציע געווינט אין באָדען. — די דירעקטאָריען פון די דעפּארטמענטס און דיסטריקטען. — דער וואוקס פון פאָלקס־פעראיינען, ברידער־געזעלשאַפטען און רעוואָלוציאָנערע קאָמי־טעס. — פעדעראליזם. — צענטראליזאציע. — די זשיראָנד און דער באַרג.

---

וועהרענד דעם ערשטען טהייל פון 1793 איז דער קאַמפף צווישען „באַרג“ און דער „זשיראָנד“ געוואָרען טעגליך אלץ פער־גיפטעטער, וואָס מעהר דיעזע דריי גרויסע פראגען האָבען זיך געשטעלט פאַר פראנקרייך.

ערשטענס: זאָלען די אַלע פעאָדאַלע שטייערען אָבגע־שאַפט ווערען אָהן אויסלייז־געלד, אָדער זאָלען דיעזע רעשטלעך פון פעאָדאַליזם אָנגעהן מיט זייער פערהונגערען פון דעם פאַר־מער און מיט דער פּאַראַליזירונג פון דער ערד־ארבייט?

צווייטענס: זאָלען די דערפער בלייבען ביי דעם בעזיץ פון דעם קאָמונאַלען לאַנד, וואָס זיי האָבען אָבגענומען פון די פריצים? וועט דאָס רעכט פון נעהמען בעזיץ פון לאַנד ווערען אַנערקענט פאַר יענע קאָמונען, וועלכע האָבען דאָס ביז איצט נאָך ניט געטהאָן? וועט צוגעגעבען ווערען דאָס רעכט פון יעדען בירגער צום לאַנד?

און דריטענס: וועט איינגעפיהרט ווערען דער מאַקסימום,

וואָס האָט געמיינט די בעשטימונג פון פרייז אויף ברויט און אויף אנדערע זאכען פון דער ערשטער נויטוועגדיגקייט ?

דיעזע דריי גרויסע פראגען האָבען געהאלטען אין גרויסער אויפרעגונג גאַנץ פראנקרייך און האָבען איהר צוטהיילט אין צוויי גרויסע פיינדליכע לאַגערען. אויף איין זייט זיינען געוועזען די יעניגע, וואָס האָבען געהאַט איינגענטהום ; אויף דער אנדערער זייט זיינען געוועזען די יעניגע, וואָס האָבען געהאַט גאָרניט — די רייכע און די אָרעמע ; די יעניגע, וועלכע זיינען אלץ רייכער געוואָרען, אונגעאכטעט אויף דעם עלענד, יקרות און מלחמה, און די יעניגע, וועלכע האָבען געטראָגען די גאַנצע לאַסט פון דער מלחמה, און וועלכע האָבען דאָך געמוזט שטעהן שטונדען לאַנג, און מאַנכעס מאָל גאַנצע נעכט, ביים בעקערס טהיר, און דאָך ניט זייענדיג אימשטאַנד צו ברענגען אהיים עט־וואָס שפּייז.

און דאָך מאָנאַטען — פון פינף ביז אכט מאָנאַטען — זיינען אַוועק, און די קאָנווענשאַן האָט גאָרניט געטהאָן, אום צו ענדערן די לאַגע אָדער אום צו לייזען די גרויסע סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען ארויסגעבראַכט געוואָרען פון דער ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָן גופא. צייט איז פערשוועגדעט געוואָרען אין ענדלאָזע דיסקוסיאָנען אין דער קאָנווענשאַן און די פיינד־שאפט איז אלץ געוואַקסען צווישען די צוויי פּאַרטייען, פון וועלכע איינע איז געשטאַנען פאַר די רייכע און די אַנדערע האָט פערטהיידיגט די אָרעמע, וועהרענד קיין איינפערשטענדניס, קיין קאָמפּראָמיס איז ניט געווען מעגליך צווישען דיזע, וועלכע האָבען פערטהיידיגט איינענטהום, און דיעזע, וועלכע האָבען עס אטאַקירט.

עס איז אמת, אז די „באַרגיסטען“ אליין האָבען ניט געהאַט קיין זעהר קלאָרע אידעען איבער די עקאָנאָמישע פראַגען, און זיי זיינען געוועזען צוטהיילט אין צוויי גרופּען, איינע פון וועלכע איז געוועזען די מעהר פאָרטגעשריטענע. די אנדערע גרופּע, צו וועלכער ראָבעספּיער האָט געהערט, איז געוועזען גענייגט צו פּער־טהיידיגען איינענטהום כמעט אזוי שטאַרק, ווי די זשיראָנדי־

סטען אין די אַלע פראגען, וועלכען מיר האָבען אויבען דער־מאָנט. אָבער וועניג ווי מיר מעגען סימפּאַטיזירען מיט ראָבעס־פּיער, מוז אָבער דאָך צוגעגעבען ווערען, דאָס ער האָט זיך ענטוויקעלט צוזאמען מיט דער רעוואָלוציע, און דאָס ער האָט אימער טיעף געפיהלט די ליידען פון פאָלק. אין דער נאציאָנאל־פערזאמלונג, זייט 1791, האָט ער אימער גערעדט צו גונסטען פון צוריקגעבען דאָס קאָמונאלע לאַנד צו די קאָמונען. וואָס מעהר ער האָט איינגעזעהען די רעאַקציע פון די זעלבסטזיכטיגע מיטעלקלאַסען, דאָס מעהר האָט ער זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פאָלק און פון דער רעוואָלוציאָנערער קאָמונע פון פּאַריז — צוזאמען מיט די יעניגע, וועלכע זיינען דאַן גערופען געוואָרען „אַנאַרכיסטען".

„די נאַהרונג, וואָס איז נויטיג פאַר'ן פאָלק" — האָט ער ערקלערט אין דער קאָנווענשאַן — „איז אַזוי הייליג, ווי דאָס לעבען גופא. אַלעס דאָס, וואָס איז נויטיג פאַר די ערהאַלטונג פון לעבען איז אייגענטהום, וואָס געהערט בשותפות צו דער גאַנצער געזעלשאַפט. עס איז נור דאָס, וואָס איז דאָ אין איבערפלוס פון די בעדירפניסע, וואָס עס קען ווערען פּריוואַט־אייגענטהום, און וואָס עס קען איבערגעלאָזען ווערען צו די אינ־דוסטריעלע טהעטיגקייט פון די געשעפטסלייט."

וואָס פאַר א שאָד, דאָס דיעזע אויסגעשפּראָכענע קאָמוני־סטישע אידעען האָבען ניט געהערשט צווישען די סאָציאַליסטען פון 19טען יאהרהונדערט, אנשטאַט דעם קאָלעקטיוויזם פון פּיקאַר און ווידאַל, וועלכער איז געפּרעדיגט געוואָרען אין 1848, און וועלכער ווערט איצט דערלאַנגט אַלס א נייער מאכל אונטער דעם נאָמען פון „וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם"! וואָס וואָלט ניט געקענט ווערען דער שטראָם פון דער קאָמוניסטישער בעוועגונג אין 1871, ווען זי וואָלט אָנערקענט, אַלס איהר פּרינציפּ דאָס „אַלע זאכען, וואָס זיינען נויטווענדיג פאַר די אויפהאַלטונג פון לעבען, זיינען אַזוי הייליג, ווי דאָס לעבען גופא און רעפּרעזענטי־רען בשותפות'דיגען אייגענטהום פון דער גאַנצער נאַציאָן" — ווען זי וואָלט אָנגענומען, אַלס איהר לאָזונג: „די קאָמונע אָרגאַ־

ניזירט דעם פערברויך און גאראנטירט דעם וואוילשטאנד פאר אלע" !

איבעראל און שטענדיג ווערט א רעוואָלוציע געמאכט פון א מינאָריטעט. זאָגאר צווישען די יעניגע, וועלכע זיינען טיעף פעראינטערעסירט אין דער רעוואָלוציע, איז עס נור א מינאָרי־טעט, וואָס ווידמעט זיך אין גאנצען צו איהר. דאָס איז אויך געוועזן דער פאל אין פראנקרייך אין 1793.

אזוי שנעל, ווי דער קעניגטהום איז געשטירצט געוואָרען, האָט זיך אָנגעפאנגען א ריעזיגע בעוועגונג איבער גאנץ פראנק־רייך געגען די רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען געהאט די העזה א שליידער צו טהון דעם קאָפּ פון א קעניג, אלס א קריעגס־ערקלערונג, צו אלע רעאקציאָנערען פון אייראָפּא. אין דעם מאיאָנטעק־הויז, אין דעם זאאל, אין דער קירכע איז דער געשריי געוועזן אלץ איין און דערזעלבער: „וואָס פאר א לומפען דאָס זיינען דיזע מענשען, וואָס האָבען די העזה צו טהון אזא זאך! איצט וועלען זיי פאר קיין זאך זיך ניט אָבשטעלען! זיי געהען אונז בערויבען פון אונזער רייכטהום אָדער זיי וועלען אונז די קעפּ אָבהאקען." און אזוי זיינען די פערשווערונגען פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען געוואָרען אלץ שטארקער.

די קירכע, יעדער קעניגליכער הויף אין אייראָפּא, די ענג־לישע מיטעלקלאסען — אלע האָבען אן אנטהייל גענומען אין דער ארבייט פון אינטריגע, פּראָפּאגאנדע און קאָררופּציאָן, אום צו אָרגאניזירען די קאָנטער־רעוואָלוציע. די האפען־שטעדט, בעזאָנדערס אזעלכע, ווי נאנטעס, באָרדאָ, און מארסעל, וואו עס זיינען געוועזן פיעל רייכע קויפלייט; ליאָן, די פאבריק־שטאדט פון לוקסוס; רוען, דער צענטער פון האנדעל און אינדוסטריע— דיזע אלע זיינען געוואָרען מעכטיגע מיטעלפּונקטען פון דער רעאקציע. גאנצע געגענדען זיינען בעאיינפלוסט געוואָרען פון די פּריעסטער און „עמיגראנטען", וועלכע זיינען צוריקגעקומען אונטער פאלשע נעמען, און אויך פון דעם ענגלישען און אָרלעא־ניסטישען גאָלד, ווי אויך דורך די אגענטען פון איטאליען, שפּאניען און רוסלאנד.

די זשיראָנדיסטישע פּאַרטיי האָט געדיענט אַלס דער זאַמלונגס־פּונקט פאַר דיזע מאַסע פון דער רעאַקציע, ווייל די ראָיאַליסטען האָבען געוואוסט זעהר גוט, דאָס ניט קוקענדיג אויף זייער בעשיינפּערליכען רעפּובליקאַניזם, זיינען די זשיראָנדיסטען אין דער ווירקליכקייט זייערע חברים, און, דאָס זיי זיינען געצוואונגען צו זיין אַזוי ד ו ר ך ד י ל אָ ג י ק פ ו ן ז י י ע ר פּ אַ ר ט י י, וועלכע איז אימער פיעל מעכטיגער, ווי דער שילד פון דער פּאַרטיי. און דאָס פאָלק, פון זיין זייט, האָט פערשטאַנען אויסגעצייכענט די לאַגע. ער האָט געוואוסט, אַז אַזוי לאַנג, ווי די זשיראָנדיסטען פערבלייבען אין דער קאָנוועגשאַן, וועט קיין רעוואָלוציאָנערע מאַסרעגעל ניט זיין מעגליך און דאָס די מלחמה, וואָס ווערט אָנגעפיהרט אַזוי שוואַך פון דיזע פּריצים פון דער רעוואָלוציע, וועט פערלענגערט ווערען, ביז פראַנקרייך וועט אין גאַנצען בלייבען אָהן כחות. דערפאַר, ווען דאָס פאָלק האָט איינגעזעהען די נויטווענדיגקייט פאַר די „רייניגונג פון דער קאָנווענשאַן" דורך די אויסשליסונג פון די זשיראָנדיסטען, האָט ער פון זיין זייט אָנגעווענדעט אַלע זיינע כחות צו אָרגאַניזירען זיך פאַר די לאָקאַלע קעמפּפע, וועלכע זיינען געווען אונפערמיידליך אין יעדער גרויסער שטאָדט, אין יעדער שטעדטעל און אין יעדען דאָרף.

מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, דאָס די דירעקטאָריען פון די דעפּאַרטמענטס זיינען געווען מייסטענס קאָנטר־רעוואָלוציאָנער. פּונקט אַזוי זיינען אויך געווען די דירעקטאָריען פון די דיסטריקטען. אָבער די מוניציפּאַליטעטען, עטאַבלירט לויט דעם געזעץ פון 1789, זיינען געווען פיעל, פיעל דעמאָקראַטישער. עס איז אמת, דאָס ווען זיי זיינען צוערשט געגרינדעט געוואָרען אין 1789, האָבען זיי אָהן רחמנות אונטערדריקט די בויערען־רעוואָלטען. אָבער מיט דער ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע זיינען די מוניציפּאַליטעטען געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר רעוואָלוציאָנער, ווייל זיי זיינען אויסערוועהלט געוואָרען פון פאָלק אין דער צייט פון אויפשטענדע און אונטער דער אויפפאַסונג פון די „פאָלקס־געזעלשאַפטען."

אין פּאַריז, פאַר דעם 10טען אויגוסט, איז דער קאָממונע־
ראַטה צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון מיטעל־קלאַס־דעמאָקראַ־
טען. אָבער אין דער נאַכט פון 10טען אויגוסט איז אַ נייע קאָמ־
מונע אויסערוועהלט געוואָרען פון 48 סעקציאָנען, און חאָטש
די קאָנווענשאָן האָט אויפגעלייזט דיזע קאָממונע אויף דעם
וואונש פון די זשיראָנדיסטען, איז אָבער די נייע קאָממונע, וואָס
איז אויסגעוועהלט געוואָרען דעם 2טען דעצעמבער, 1792, מיט
איהר פּראָקוראַטאָר, שאָמעט, איהר דעפּוטי־פּראָקוראַטאָר,
העבערט, און איהר מאַיאָר, פּאַשע (וועלכער איז בעשטימט גע־
וואָרען צו זיין אַמט עטוואָס שפּעטער), געווען אַן אויסגעשפּראָ־
כענע רעוואָלוציאָנערע קערפּערשאפט.

אַן אויסערוועהלטע קערפּערשאַפט פון בעאַמטע, פּאַרטרויט
מיט אַ מאַכט אַזאַ גרויסע און אזא פערשיעדנאַרטיגע, ווי עס
איז געווען דער ראַט פון דער פּאַריזער קאָמונע, וואָלט געמוזט
זיכער ביסלאַכווייז, ווערען גענייגט צו געמעסיגטקייט
און איינגעהאַלטענקייט. אָבער דאָס פּאָלק פון פּאַריז האָט געהאַט
אין די סעקציאָנען די מיטעל־פּונקטען פון רעוואָלוציאָנערער
טהעטיגקייט. דיזע סעקציאָנען אָבער, ווייל זיי האָבען זיך גע־
נומען פערשיעדענע פּאָליטישע רעכט, ווי למשל, דאָס רעכט פאַר
אויסצוטהיילען בירגער־קאַרטען, וועלכע זאָלען ווייזען, אז די בע־
זיצער פון דיזע קאַרטען זיינען ניט קיין ראָיאַליסטישע פערשווע־
רער, אָדער די בעשטימונג פון פּריווילעגיע צום קאַמפּף אין דער
וואַנדיי, און נאָך אנדערע אַזעלכע רעכטע — דיזעלבע סעקציאָ־
נען, וועמעס קאָמיטעס פון עפּפענטליכען וואוילשטאַנד און פון
אַלגעמיינער זיכערהייט האָבען געהאַט די אייגענשאַפט פון פּאָ־
ליטישע אָרגאַנען — זיי, אין זייער רייהע, זיינען באַלד געוואָרען
גענייגט צו אָפּיציאַליטעט און קאָנסערוואַטיזם. אין 1795 זיי־
נען זיי ווירקליך געוואָרען די מיטעל־פּונקטען פון דער מיטעל־
קלאַס־רעאַקציע.

אָט דערפאַר איז אַ גאַנצע רייהע פון פּאָלקס־געזעלשאַפטען
און ברודער־געזעלשאַפטען, ווי אויך רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס
אויפגעבויט געוואָרען זייט־ביי־זייט מיט דער קאָממונע און די

סעקציאָנען, און דיזע זיינען עס געוואָרען נאָך דער אויסשליסונג פון די זשיראָנדיסטען אין דעם יאָהר צוויי פון דער רעפּובליק, דיווירקליכע מאכט פאר טהעטיגקייט. אלע דיזע גרופּען זיינען געווען פעדערירט צווישען זיך, ווי פאר מאָמענטאַנע צוועקען, אזוי אויך פאר שטענדיגע ארבייט, און זיי האָבען געשטרעבט צו קומען אין בעריהרונג מיט די זעקס און דרייסיג טויזענד קאָממונען פון פראנקרייך. צוליעב דיזען צוועק האָבען זיי אָרגאניזירט א ספּעציעלע קאָררעספּאָנדענץ־ביוראָ.

אויף אזא אופן איז געשאַפען געוואָרען א נייע, פריי־אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט. און ווען מיר שטודירען דיזע גרופּירונגען — דיזע „פרייע איינפערשטענדיגונגען", ווי מיר קענען עס זאָגען איצט — זעהען מיר פאר זיך די פערווירקליכונג פון דעם, וואָס די מאָדערנע אנארכיסטישע גרופּען פון פראנקרייך פערטהיידיגען, ניט וויסענדיג זאָגאר, אז זייערע זיידעס האָבען דאָס שוין פערווירקליכט אין אזא טראגישען מאָמענט פון דער רעוואָלוציע, ווי דאָס איז געווען דער ערשטער טהייל פון יאָהר 1793.*)

די מאיאָריטעט פון די געשיכט־שרייבער, וואָס זיינען אין סימפּאטהיע מיט דער רעוואָלוציע, ווען זיי קומען צו צו דעם טראגישען קאמפּף, וועלכער איז אויסגעפאָכטען געוואָרען צווישען דעם „בארג" און דער „זשיראָנד" אין 1793, שטעלען זיי זיך אָב צופיעל, ווי מיר שיינט, אויף די אונוויכטיגע זייטען פון דיזען קאמפּף. זיי שרייבען צו צופיעל וויכטיגקייט צו דעם זאָגענאנטען פעדעראליזם פון די זשיראָנדיסטען.

עס איז אמת, דאָס נאָך דעם 31טען מאי, ווען די זשיראָנדיסטישע און ראָיאליסטישע אויפשטענדען האָבען אויסגעבראָ־

---

*) מאָרטימער־טערנאָ, אַ רעאַקציאָנער, האָט שוין אָנגעוויזען אויף דיזע דאָפּעלטע אָרגאַניזאַציאָן אין זיין „געשיכטע פון דעם טעררער". אויך זשאָרעס האָט אָנגעשריבען אַ זעהר גוט־געשריבענע זייט וועגען דעם. און אָלאַר וויזט אָן אויף דעם אין זיין ווערק: „די פּאָליטישע געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָן".

כען אין איינינע פּראָווינצען, האָט דאָס וואָרט „פעדעראַליזם“ פערקערפערט אין די דאָקומענטען פון יענע צייט די הויפּט־בעשולדיגונג, וואָס די באַרג־פּאַרטיי האָט געמאַכט געגען די זשיראָנדיסטען. אָבער דיזער וואָרט איז געוואָרען בלויז א שלאַגוואָרט, א פּאַרטיי־דעקאָראַציע, און איז אין דער ווירקליכקייט געווען בלויז א קריעגס־געשריי, וואָס איז געווען גוט צו געברויכען געגען איינעמס געגנער, און אלס אזעלכער האָט ער געדיענט דעם צוועק זעהר גוט. אין דער ווירקליכקייט אָבער, ווי לואי בלאַן האָט עס שוין אָנגעוויזען, איז דער פדעראַליזם פון די זשיראָנדיסטען בעשטאַנען מייסטענס אין זייער האַס צו פּאַריז און אין זייער וואונש אוועקצושטעלען די רעאַקציאָנערע פּראָווינצען געגען די רעוואָלוציאָנערע הויפּט־שטאָדט. זיי האָבען מורא געהאַט פאַר פּאַריז, און דאָס איז געווען דער גאַנצער פעדעראַליזם, ווי זיי האָבען איהם פערשטאַנען.

זיי האָבען פעראַכטעט און מורא געהאַט פאַר דער מאַכט, וועלכע עס האָבען געקראָגען אין דער רעוואָלוציע די פּאַריזער קאָממונע, די פּאַריזער רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס און דאָס פּאָלק פון פּאַריז. ווען זיי האָבען גערעדט פון אריבערטראָגען דעם זיץ פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג און שפּעטער פון דער קאָנווענשאָן גופא, אין אירגענד א פּראָווינציעלע שטאָדט, איז עס ניט געווען אויס ליעבע צו פּראָווינציעלער אויטאָנאָמיע. עס איז געווען בלויז, אום צו ברענגען די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט און די עקזעקוטיווע אויטאָריטעט צווישען א וועניגער־רעוואָלוציאָנערע בעפעלקערונג, ווי די פון פּאַריז — צווישען מענשען, וועלכע זיינען וועניגער טהעטיג אין דער זאַך פון פּאָלק. אזוי האָט אויך דער קעניגטהום געהאַנדעלט אין מיטעל־אַלטער, ווען ער האָט אויסגעוועהלט פאַר זיך א שטאָדט, וואָס האַלט אין וואַקסען, א „קעניגליכע שטאָדט“, איידער די אַלטע שטעדט, וואָס זיינען געווען געוואוינט צום „פאָרום“. ט ה י ע ר ס האָט דאָס זעלבע געוואָלט טהאָן אין 1871. *)

---

*) ווען די זשיראָנדיסטען האָבען גערעדט פון דער צוזאַמענ־

אָנשטאָט צו זיין פעדעראַליסטיש, איז אַלעס, וואָס זיי האָ־
בען געטהאָן, צייגט, אז זיי זיינען געווען אזוי צענטראַליסטיש
און אזוי אויטאָריטער, ווי די מאנטאניארען (די באַרגיסטען) און
נאָך אפשר מעהר; ווייל די לעצטע האָבען זיך לכל הפחות פער־
לאָזען אויף די פאָלקס־געזעלשאַפטען, ווען זיי זיינען אוועק מיט
פעריטיעדענע פלענער אין די פראָווינצען, און ניט אויף די אָר־
גאַנען פון דער ביוראָקראַטיע — די ראַטה־קערפּערשאַפטען פון
די פראָווינצען און דיסטריקטען. ווען די זשיראָנדיסטען האָבען
אפּעלירט צו די פראָווינצען געגען פאַריז, איז עס געווען אום
אויפצורייצען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע כוחות פון די מיטעל־
קלאַסען אין די פאבריק־שטעדט און דעם פאַנאטיזם פון די
בויערען אין נאָרמאַנדי און ברעטאַין געגען די רעוואָלוציאָנערען
פון פאַריז. ווען די רעאַקציאָנערען זיינען געווען זיעגרייך און
די זשיראָנדיסטען זיינען צוריקגעקומען צו מאכט נאָך דעם
9טען טערמידאָר, האָבען זיי בעוויזען, ווי עס פאַסט זיך פאַר
אָן אָרדנונגס־פּאַרטיי, אז זיי זיינען געווען צענטראַליסטען פיעל
מעהר, ווי די מאנטאניארען.

מ. אָלאַר, וועלכער האָט פיעל געשריעבען וועגען דעם פע־
דעראַליזם פון די זשיראָנדיסטען, בעמערקט גאַנץ ריכטיג, דאָס
איידער די רעפּובליק איז עטאַבלירט געוואָרען, האָט קיינער פון
די זשיראָנדיסטען ניט ארויסגעוויזען פעדעראַליסטישע נייגונ־
גען. ב א ר ב א ר א, למשל, איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער
צענטראַליסט, און ער האָט ערקלערט פאַר דער בושע־די־רהאָן־
פערזאמלונג, אז אַ פעדעראַטיווע רעגיערונג איז ניט צוגעפּאַסט
פאַר אַ גרויסען פאָלק, ווייל זי ארבייט זעהר לאַנגזאַם, און ווייל
די מאַשינערי איהרע איז צו קאָמפּליצירט. מיר געפינען ווירק־
ליך ניט אירגענד וועלכען ערנסטען פערזוך אויף אַ פעדע־

---

קונפט פון די קאָמיסיאָנערען פון די דעפּאַרטמענטס אין בורזשע,
„וואָלטען זיי זיך ניט אָבגעשטעלט ביי דיזער אריבערטראָגונג“, זאָגט
טהיבאַדאָ אין זיינע מעמוארען: „זייער ארבייט איז געווען צו ביל־
דען אַ צווייטע קאָנווענטאָן.“

ראַטיווע אָרגאַניזאַציאָן אין דעם פּלאַן פאַר אַ קאָנסטיטוציע, וועלכען די זשיראָנדיסטען האָבען פאָרגעשלאָגען אין 1793. זיי ווייזען זיך אַרויס צו זיין דורך־און־דורך צענטראַליסטען.

פון דער אַנדערער זייט, שיינט מיר, אַז לואי בלאַן בע־טאָנט שוין צו שטאַרק די „היציגקייט" פון די זשיראָנדיסטען, ווען בריססאָ'ס אַמביציע איז געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט ראָבעספּיער'ס, און די פּערוואונדונג פון ראָבעספּיער'ס זעלבסט־אַכטונג דורך די היציגע זשיראָנדיסטען, עטוואָס, וואָס ראָבעס־פּיער האָט זיי קיינמאָל ניט מוחל געווען. זשאָרעס דריקט אויס עהנליכע אידעען, ווענינגסטענס, אין דעם ערשטען טהייל פון זיין באַנד וועגען דער קאָנוועננשאָן, וואָס דאָס אָבער שטערט איהם ניט שפּעטער אָנצואווייזען אויף אַנדערע אורזאַכען — ווען ער פאַנגט אָן צו ערקלערען דעם קאַמפּף צווישען דעם פּאָלק פון פּאַ־ריז און דער בורזשואַזיע — אורזאַכען, פיעל ערנסטערע, ווי די געקרענקטע זעלבסט־אַכטונג פון ראָבעספּיער און דער „עגאָ־איזם פון מאַכט."

געוויס זיינען געווען אי „די היציגקייט" פון די זשיראָנ־דיסטען, וואָס לואי בלאַן האָט אַזוי גוט געשילדערט, און אויף דער קאָנפליקט פון אַמביציעס. און זיי האָבען זיכער געהאָל־פען צו מאַכען נאָך מעהר גיפטיג דעם קאַמפּף, אָבער אין דעם קאַמפּף צווישען דעם באַרג און דער זשיראָנד איז געווען, ווי מיר האָבען עס שוין געזאָגט, איין אַלגעמיינע אורזאַכע, וועלכע איז געווען ניט דער ערך ערנסטער, ווי די אַלע פּערזענליכע שטרייטיגקייטען צוזאַמען. דיזע אורזאַכען האָט שוין לואי בלאַן זעהר קלאָר אָנגעצייגט, ציטירענדיג פון גאַראַט די שפּראַך, וועל־כע די זשיראָנד האָט געברויכט צום באַרג און דעם ענטפער פון באַרג צו דעם זשיראָנד.

„עס איז ניט פאַר אייך", האָט די זשיראָנד געזאָגט, „צו רעגירען פראַנקרייך, איהר, וועלכע זיינט בעדעקט מיט דעם בלוט פון סעפּטעמבער. די געזעצגעבער פון אַ רייכער און אינ־דוסטריעללער אימפּעריע מוזען בעטראַכטען אַי־גענטהום, אַלס איינעם פון די הייליג־

ס ט ע  פ ו נ ד א מ ע נ ט ע ן  פ ו ן  ס אָ צ י א ל ע ר  אָ ר ד נ ו נ ג, און די אויפגאבע פון פערפאסען געזעצע פאר פראנקרייך קען ניט אויסגעפיהרט ווערען פון אייך, וועלכע פרעדיגען אנארכיע, בעשיצען רויבעריי און טעררארייזירען די בעזיצער פון אייגענטהום.... איהר רופט געגען אונז אלע די געדונגענע מערדער פון פאריז; מיר רופען געגען אייך אלע עהרליכע מענשען פון פאריז."

דאָס איז די שפראך פון דער אייגענטהומס־פארטיי, פון די, וועלכע האָבען אויסגעשלאכטעט דאָס פאָלק אין יוני, 1848 און אין 1851 האָבען זיי געהאָלפען דער קו־דע־טא פון נאפאָלעאָן דעם 3טען, און וועלכע זיינען איצט פערטיג דאָס אלעס ווידער אמאָל צו טהאָן.

אויף דעם האָט דער בארג געענטפערט: „מיר בעשולדיגען אייך, דאָס איהר ווילט אויסנוצען אייערע טאלענטען פאר אייער אייגענעם נוצען, און ניט אין די אינטערעסען פון גלייכהייט. אזוי לאנג, ווי דער קעניג האָט אייך ערלויבט צו הערשען דורך די מינסטאָרען, וואָס איהר האָט איהם געגעבען, אזוי לאנג האָט ער אויסגעזעהן צו זיין עהרליך גענוג פאר אייך... אייער געהיימער וואונש איז קיינמאָל ניט געווען אויפצוהויבען פראנקרייך צו דער גרויסער בעשטימונג פון אַ רעפובליק, נור צו האַלטען איהר אונטער אַ קעניג, וועמעס בעלי־בתים פון פאלאַץ איהר זאָלט אליין זיין."

מיר וועלען זעהען, ווי ריכטיג עס איז דיזע בעשולדיגונג, ווען מיר געפינען בארבארא אין דער סויטה און לואווע אין ברעטאין, ביידע געהענדיג האנד אין האנד מיט די ראָיאליסטען, און ווען, אזוי פיעל פון די זשיראָנדיסטען זיינען געקומען צו אַן איינפערשטענדנים מיט די „לע בלאנקס", נאָך דעם ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו מאכט דורך די רעאקציע פון טהערמידאָר. אָבער לאָמיר ווייטער ציטירען פון דעם ענטפער פון בארג.

„איהר ווילט פרייהייט אָהן גלייכהייט, און מיר ווינשען גלייכהייט, ווייל מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען פרייהייט אָהן

גלייכהייט. איהר, וועלכע רופען זיך שטאאטס־מענער, איהר ווילט אָרגאניזירען די רעפובליק פאר די רייכע; אָבער מיר, וועלכע האָבען ניט קיין פּרעטענזיעס צו זיין שטאאטס־מענער, ווילען האָבען געזעצע, וועלכע זאָלען אויפהויבען די אָרעמע פון זייער עלענד, און פערוואנדלען אַלע מענשען, אונטער א צושטאנד פון אַלגעמיינעם וואוילזיין, אין גליקליכע בירגער און איבערגע־בענע פערטהיידיגער פון אַן אַלגעמיין־פערגעטערטער רעפובליק."

דאָ זעהען מיר צוויי גאַנץ פערשיעדענע בעגריפע פון א גע־זעלשאפט, און אזוי איז אויך דער קאמפף פערשטאַנען געוואָרען פון די מענשען, וואָס האָבען געלעבט צו יענער צייט.*)

די רעוואָלוציע האָט ביז איצט זיך בענוגענט מיט דעם אראָבווארפען פון קעניג, ניט מאכענדיג זאָגאר א פערזוך צו פערזיכערען איהר ארבייט דורך א פאָלשטענדיגע ענדערונג פון די אידעען פון דער נאציאָן אין א רעפובליקאנישער ריכטונג. זי האָט געמוזט זיך אָבשטעלען נאָך איהר ערשטען זיעג און איבער־לאָזען פראנקרייך צו קעמפפען אזוי גוט, ווי זי האָט געקאָנט, געגען די דייטשע, ענגלישע, שפאנישע, איטאליענישע און סאַ־וואָי'אישע איינדרינגלינגע, אונטערשטיצט פון אינוועניג דורך די אנהענגער פון קעניגטהום. אָדער אַנדערש, האָט די רעוואָ־לוציע נאָך דעם, ווי זי איז פּטור געוואָרען פון קעניג, געמוזט גלייך, ניט אָבלייגענדיג אויף שפּעטער, מאכען אַן אנשטרענגונג אין דער ריכטונג פון גלייכהייט, ווי זיי האָבען עס גערופען, אין דער ריכטונג פון קאָממוניזם, ווי מיר וואָלטען עס איצט געזאָגט. זי מוז ענדיגען די ארבייט פון דער אָבשאפונג פון די פעאָדאַלע

---

*) פיעלע, פיעלע ציטאַטען וואָלטען געקאָנט געבראכט ווערען, אום דאָס צו בעווייזען. די פאָלגענדע צוויי זאָלען דיענען אַלס ביי־שפּיעלע: „די זשיראָנדיסטען האָבען געוואָלט, אז די רעוואָלוציע זאָל בלייבען צו גונסטען פון די מיטעלקלאַסען", זאָגט באָדאָ. „זיי האָ־בען געוואָלט שטיל עטאַבלירען אַ מיטעל־קלאַס־אריסטאָקראטיע, וועל־כע זאָל פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם אַדעל און די גייסטליכע", זאָגט בארדאן אין דעם יאקאָבינישען קלוב דעם 31טען מאַי.

רעכטע, די ארבייט פון צוריקגעבען דאָס לאַנד צו די קאָמונען, די ארבייט פון נאַציאָנאַליזירען דעם באָדען, מיט דער אַנערקענונג פון די רעכטע פון אלע צום לאַנד. זי מוז קאָנסאָלידירען, פעסט מאַכען די ארבייט, וועלכע איז ביז איצט אויסגעפיהרט געוואָרען פון די רעבעללירענדע בויערען אין דעם משך פון די פיער יאָהר, און זי מוז זעהען, מיט דעם פאָלקס הילפע, „אויפצוהויבען די מענשען פון זייער עלענד". זי מוז פּרובירען בעשאַפען, אויב מעגליך, ניט די אבסאָליוטע גלייכהייט פון רייכטהימער, נור אַ צושטאַנד פון וואוילזיין פאר אַלע. און זי מוז עס טהאָן, אַוועקנעהמענדיג מיט געוואַלד די מאַכט פון רעגירען פון די רייכע און איבערטראָגען איהר צו די קאָממונען און צו די פאָלקסגעזעלשאַפטען.

דיזע אַלע אויפגאַבען געניגען צו ערקלערען דעם בלוטיגען קאַמפף, וועלכער האָט צוריסען אין צוויי העלפטען די קאָנווענשען, און מיט איהר אויך גאַנץ פראַנקרייך נאָך דעם, ווי דער קעניגטהום איז געפאַלען. אַלעס אַנדערעס איז געווען פון אַן אונטערגעאָרדנעטער וויכטיגקייט.

## דריי און פערציגסטער קאפיטעל.

# סאָציאַלע פאָדערונגען.—ווי פאַריז האָט געפיהלט.—ליאָן.

די ווירקונג פון דער הינריכטונג פון קעניג. — געענדערטער שטאַנד־פונקט פון דער רעוואָלוציע. — דער אָנפאַנג פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. — וואַרלע. — דזשעק רא. — די בעוועגונג געגען די אייגענטהימער פון גרויסע רייכטהימער. — אַ פעטיציע צו דער קאָנווענשען. — מאַראַט גיט זיך מיה אָבצושטעלען די אַגיטאַציע. — די ווירקונג פון דעם רייאָט. — די נויטווענדיגקייט צו פערניכטען די זשיראָנד ווערט קלאָר.

---

ניט קוקענדיג אויף די געוואַלדיגקייט, וואָס דער פאַרלאַמענטאַרישער קאמפף צווישען דעם „באַרג“ און דער „זשיראָנד“ האָט ארויסגעוויזען פון צייט צו צייט, וואָלט נאָך לאַנג אזוי אָנגעהאַלטען, ווען ער וואָלט געווען בלויז אין די גרענעצען פון דער קאָנווענשען. אָבער זייט די הינריכטונג פון לואי דעם 16טען, האָבען זיך די פאַסירונגען בעוועגט אַלץ שנעלער און שנעלער, און דער גראָבען צווישען די רעוואָלוציאָנערען און די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען איז געוואָרען אזוי ברייט, דאָס עס איז שוין ניט מעהר קיין מעגליכקייט געווען פאר א פאַרטיי, וואָס זאָל זיין אונקלאָר, אונבעשטימט, וואָס זאָל קענען שטעהען אין מיטען, אויפ'ן האַלבען וועג, צווישען דיזע צוויי פאַרטייען. שטאַרק ווי זיי זיינען געווען דאַגעגען צו דעם נאַטירליכען לויף פון ענטוויקלונג, וועלכען די רעוואָלוציע האָט אָנגענומען, האָבען זיך

די זשיראָנדיסטען באלד געפונען צוזאמען מיט די ראָיאליסטען אין די רייהען פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען, און אלס אזעל־כע האָבען זיי געמוזט בעזיעגט ווערען. די רעוואָלוציע האָט דאן נאָך געהאלטען אין איהר שטייגונג־פעריאָדע.

די הינריכטונג פון׳ם קעניג האָט געמאכט א טיעפען איינ־דרוק אין פראנקרייך. אויב די מיטעל־קלאסען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט שרעק דורך די חוצפה פון די „מאָנטאנארען", און האָבען געציטערט פאר זייער אייגענטהום און זייערע לעבענס, האָט דער אינטעלליגענטער טהייל פון דער בעפעלקערונג געזעהען גאָר אין דעם דעם טאָגען פון א נייער צייט — דאָס נעהענטער קומען פון יענם „וואוילזיין פאר אלע", וועלכען די רעוואָלוציאָ־נערען האָבען פערשפראָכען צו די אָרעמע.

און דאָס גרעסער איז געווען זייער ענטטוישונג! דער קע־ניג איז געטוידטעט געוואָרען, קעניגטהום איז פערשוואונדען; אָבער די חוצפה פון די רייכע איז אלין געוואקסען. זיי האָבען געגלענצט מיט זייער חוצפה אין די רייכע קווארטאלען, זיי האָ־בען זיך געוויזען מיט זייער גאנצער חוצפה זאָגאר אין די גאל־לערייען פון דער קאָנוועגשען, וועהרענד אין די אָרימע דיסטריק־טען איז דער עלענד געוואָרען אלין שרעקליכער, וואָס וויימער עס האָט זיך אָנגערוקט דער טרויעריגער ווינטער פון 1793, ברענגענדיג מיט זיך א מאנגעל אין ברויט, ארבייטסלאָזיגקייט, יקרות און דעם פאלען פון דעם פאפיר־געלד. און אין דער זעל־בער צייט איז אָנגעקומען שלעכטע נייעס פון איבעראל: פון דעם גרענעץ, וואו די ארמייו איז צושמאָלצען, ווי שנעע, פון ברעטאין, וואו עס האָט זיך אָרגאניזירט אן אלגעמיינער אויפשטאנד מיט דער הילפע פון די ענגלענדער; פון דער וואנדיי, וואו א הונ־דערט טויזענד רעבעללישע בויערען האָבען געמאָרדעט די פאַ־טריאָטען מיט דער ברכה פון די גייסטליכע; פון ליאָן, וועלכע איז געוואָרען די פעסטונג פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען; פון דער שטאאט־קאסע, וועלכע האָט איצט נור עקזיסטירט דורך די ארויסלאָזונג פון נייעם פאפיר־געלד; און ענדליך, פון דער קאָנ־ווענשען, וועלכע איז געקומען צו א שטילשטאנד, און האָט פער־

שווענדעט איהרע לעצטע כוחות אין שטורמדיגע אינערליכע קעמפפע.

דאס אלעס האט געהאלפען צו פאראליזירען דעם רעוואלוציאנערען גייסט. אין פאריז זיינען די ארעמע ארבייטער, די סאנקיולאטען, ניט געקומען שוין מעהר צו די סעקציאנען אין א גענוגענדער צאהל, און די קאנטער־רעוואלוציאנערען פון דער מיטעל־קלאס האבען זיך בענוצט דערמיט. אין פעברואר, 1793, האבען די זאטע און די צופריעדענע איבערשוועמט די סעקציאנען. זיי זיינען געקומען אין א גרויסער צאהל, האבען אנגענומען רעאקציאנערע בעשליסע — געברויכענדיג זייערע שטעקענס אין פאל פון נויט — האבען ארונטערגעזעצט די סאנקיולאטישע בעאמטע, און האבען זיך אליין נאמינירט אויף זייערע פלעצער. די רעוואלוציאנערען זיינען זאגאר געצוואונגען געוועזן צו רעארגאניזירען זייערע קרעפטע, אום צו זיין אין שטאנד צו קומען צו הילפע צו די נאכבאר־סעקציאנען, ווען זיי זיינען בעפאלען געווארען פון די קאנטער־רעוואלוציאנערען.

אין פאריז און אין די פראווינצען זיינען מאנכע סעקציאנען זאגאר געוועזן געצוואונגען צו פארדערען פון דעם שטאאט־ראטה צו גאראנטירען צו די ארימע מענשען פון פאלק, וועלכע פלעגען קומען צו די מיטינגען און אנגענומען פערשיעדענע ארבייטען, אלס קאמיטע־לייט, א בעלוינונג פון צוויי ליווערס דעם טאג. דאן האבען די זשיראנדיסטען ניט פערפעהלט אויסצונוצען די געלעגענהייט און אויפגעפאדערט די קאנווענשען אויפצולייזען אלע דיזע ארגאניזאציאנען פון די סעקציאנען, פאלקס־געזעלשאפטען און דעפארטמענט־פעדעראציעס. זיי האבען ניט פערשטאנען וואס פאר א ווידערשטאנדס־קראפט עס איז נאך דא אין דעם אלטען רעזשים, און זיי האבען ניט געזעהען, דאס אזא שריט אין דיזען מאמענט מיינט די פערזיכערונג פון דעם באלדיגען טריאומף פון דער קאנטער־רעוואלוציע און פון דער גיליאטינע פאר זיך זעלבסט.

אבער די מאסע פון פאלק איז נאך ניט געוועזן אזוי ענטמוטהיגט. דער פאקט איז, דאס פיעלע אידעען האבען געהאל־

טען אין צייטיג ווערען אין פיעלע מוחות; נייע שטרעמונגען
זיינען ארויסגעקומען אויף די אויבערפלעכע, און האבען געזוכט
די פארמע, אין וועלכע זיי זאלען זיך קענען אם בעסטען אויס־
דריקען.

די פאריזער קאמונע, האבענדיג געקראגען גרויסע בעוויליי־
גונגען פון דער קאנווענשען פאר דעם איינקויפען פון מעהל, האט
געהאט מעהר אדער וועניגער ערפאלג אין האלטען דעם פרייז פון
ברויט צו 7 סענט א פונט. אבער אום צו קריגען ברויט פאר די־
זען פרייז, האט דאס פאלק געמוזט פערברענגען די נאכט ביי
בעקער'ס טיר, ווארטענדיג אין א לאנגער רייהע אויפ'ן גאס. און
דאן האט דאס פאלק פערשטאנען, דאס די קאממונע, קויפענדיג
ווייץ אויף דעם פרייז, וואס די מאנאפאליסטען האבען ארויפגע־
ריסען, האט זי נור רייכער געמאכט די ספעקולאנטען אויף דעם
חשבון פון שטאאט. דאס האט געמיינט אן אייביגער דרעהען זיך
אין קרייז פאר דעם פראפיט פון דעם ספעקולאנט. די ספעקו־
לאציע האט געהאלטען אין איין וואקסען. די ניי־געגרינדעטע
בורזשואזיע איז שנעל רייך געווארען דורך דעם. ניט נור הא־
בען די ארמיי־פאדריאטשיקעס, די צושטעלער פון „רייז־ברויט־
און־זאלץ", געמאכט געוואלדיגע רייכטהימער, נור אזוי ווי
אלעס, — וואל, מעהל, קופער, אויל, זייף, ליכט, צינק און ז. וו. —
איז געווען א געגענשטאנד פון ספעקולאציע, שוין ניט ריידענדיג
פון די געוואלדיגע ספעקולאציעס אויף דעם פערקויף פון נא־
ציאנאלען לאנד, זיינען פערמעגענס אויסגעוואקסען מיט אן
אויסערארדענטליכער שנעליגקייט פאר די אויגען פון אלעמען.

די פראגע, „וואס איז צו טהאן?" איז דאן געשטעלט גע־
ווארען מיט דער גאנצער טראגישער בעדייטונג, וועלכע זי האט
אנגענומען אין דער צייט פון א קריזיס.

די יעניגע, פאר וועמען דער בעסטער מיטעל פאר אלע סא־
ציאלע איבלען איז אייביג „די בעשטראפונג פון די שולדיגע",
האבען נור געקאנט פארשלאגען טוידט־שטראף פאר די ספעקו־
לאנטען, די רעארגאניזירונג פון דעם פאליס־סיסטעם פון עפענט־
ליכער זיכערהייט און א רעוואלוציאנערען טריבונאל, וועלכער

איז געווען אין דער ווירקליכקייט א צוריקקעהרונג צו מאיאר'ס טריבונאל, אָהן זיין אָפּפענהייט, אָבער זיכער ניט קיין לייזונג פון דעם פּראָבלעם.

אין די פאבורגען אָבער האָט זיך געבילדעט א טיפערער מיינונגס־שטראָם, אזעלכער, וועלכער האָט געזוכט א קאָנסטרוק־טיווע לייזונג, און דיזער שטראָם האָט געפונען זיין אויסדרוק אין די פּראָפּעצייאונגען פון אן ארבייטער פון די פאבורגען, ווארלע, און פון א געוועזענעם פּריסטער, דזשעק רא, אונטער־שטיצט פון די אלע נאמענלאָזע, וועלכע זיינען בעקאַנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „די עקסטרעמיסטען". דיזע מע־נער האָבען פערשטאנען, דאָס די טהעאָריען פון פרייהייט אין האנדעל, פערטהיידיגט אין דער קאָנווענשען פון אזעלכע מענער, ווי קאנדארסע און סיו, זיינען געווען ניט ריכטיג: דאָס די יעני־גע זאכען, וועלכע זיינען דאָ ווענינ אין מארק, קענען שנעל פער־כאפּט ווערען פון די ספּעקולאנטען, בעזאָנדערס אין א פּעריאָ־דע, ווי די רעוואָלוציע איז איצט דורכגעגאנגען. און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען די אידעע און די נויטווענדיגקייט צו קאָממונאליזירען און נאציאָנאליזירען דעם האנדעל און אָר־גאַנזירען דעם אויסבייט פון סחורות אויף קאָסט־פּרייז — די־זעלבע אידעען, וועלכע האָבען שפּעטער בעגייסטערט פוריע, גאָדווין, אָווען, פּרודאָן, און זייערע שפּעטערדיגע סאָציאליסטישע נאָכפאָלגער.

דיזע „עקסטרימיסטען" האָבען, אלזאָ, פערשטאנען — און מיר זעהען באלד, ווי זייערע אידעען הויבען אָן פּראקטיש אויס־געפיהרט צו ווערען — אז עס איז ניט גענוג צו גאראנטירען יעדען דאָס רעכט אויף ארבייט אָדער זאָגאר אויף דעם באָדען; דאָס קיין זאך איז נאָך ניט אויפגעטהאָן, אזוי לאנג, ווי עס בלייבט די עקספּלואטאציע דורך דעם האנדעל, און דאָס דערפאר מוז דער האנדעל גופא קאָמונאליזירט ווערען.

צו דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבען אן אויסגע־שפּראָכענע בעוועגונג געגען די גרויסע פערמעגענס, וועלכע האָט זעהר פיעל עהנליכקייט מיט דער בעוועגונג פון היינט־צו־טאָג

אין די פעראייניגטע שטאַאטען געגען די גרויסע טראָסטס. פאר די טיעף־דענקענדע מענשען פון יענער צייט איז עס געוועון גאַנץ קלאָר, אז מען קען בשום אופן ניט אויפבויען אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, און ניט אונטערנעהמען עטוואָס געגען די שרעקליכע אונגלייכהייט צווישען די פערמעגענס, וועלכע איז שוין דאן גע־וועו און וועלכע איז געוואָרען מיט יעדען טאָג אַלץ גרעסער.*)

דיזע בעוועגונג געגען די מאָנאָפּאָליסטען און ספּעקולאַנ־טען האָט געמוזט נויטווענדיגער־ווייזע ארויסרופען אויך אַ בע־וועגונג געגען די ספּעקולאַציע מיט די טוישמיטלען, און דעם 3טען פעברואר, 1793, האָבען די דעלעגאַטען פון דער קאָממונע פון 48 סעקציאָנען און פון „די פעראייניגטע פערטהיידיגער פון די 84 דעפּאַרטמענטס“ פערלאַנגט פון קאָנווענשאָן, אז זי זאָל מאַכען אַ סוף צו דעם זינקען פון דעם געלד־ווערטה, וואָס דאָס איז געוועו די שולד פון ספּעקולאַציאָן. זיי האָבען פערלאַנגט די אָבשאַפונג פון דעם דעקרעט פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג, לויט וועלכען דאָס געמינצטע געלד איז ערקלערט געוואָרען, אלס סחורה; אויך האָבען זיי געפאָדערט די טוידט־שטראָף פאר די בערזען־ספּעקולאַנטען.**)

---

*) דער טיעפער דענקער מישלע האָט גוט פערשטאַנען די גאַנצע בעדייטונג פון דיזער קאָממוניסטישער פאָלקס־בעוועגונג, און האָט אויפמערקזאם געמאַכט אויף איהרע הויפּט־פּונקטען. זשאָרעס אין זיין געשיכטע פון סאָציאַליזם האָט איצט גענויערע און אינטערע־סאַנטערע נאַכריכטען פערעפענטליכט איבער דיזער בעוועגונג אין פּאַ־ריז און ליאָן.

**) האָט די בערזען־ספּעקולאַציע געקענט האָבען אַ ווירקונג אויף דעם קורס פון דעם פּאַפּיער־געלד? מעהרערע היסטאָריקער האָ־בען זיך געשטעלט דיזע פראגע, און איהר פערענטפערט מיט ניין. דער פּאַלען פון דעם ווערטה פון דעם פּאַפּיער־געלד, האָבען זיי ערקלערט, איז געקומען פון דעם, וואָס אַ גרויסע צאָהל פון טויש־צעטלען זיינען געבראַכט געוואָרען אין צירקולאַציאָן. דאָס איז ריכטיג. אָבער ווער עס האָט פערפאָלגט די בעוועגונגען פון דעם קאָרן־פּרייז אויף

ווי מען זעהט, איז עס געווען אַ פֿאַלשטענדיגע רעבעלליאָן פון די אָרימע געגען די רייכע, וועלכע האָבען פון דער רעוואָלוציאָן געוואונען פאר זיך אַלע פאָרטהיילע, און גאָר ניט געוואָלט וויסען, אז די אָרעמע זאָלען אויך עפּעס פון איהר האָבען. און דארום, ווען די, וועלכע האָבען פערלאַנגט הילפע פון דער קאָנווענשאָן, האָבען זיך דערוואוסט, אז די יאקאָבינער, סאַן דזשוסט איינגעשלאָסען, זיינען געגען זייער פערלאַנג, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט צו בעאונרוהיגען די בורזשואס, האָבען זיי זיך גאָר ניט זשענירט און האָבען אויפגעטראָטען געגען די, וועלכע „האָבען קיין סימפּאַטהיע ניט מיט די אָרעמע, ווייל זיי עסען גוט יעדען טאָג.“ (זשאָרעס).

מאַראַט האָט אויך פּרובירט איינצושטילען דיזע אויפרעגונג. ער איז געווען געגען די געשטעלטע פאָרדערונג און האָט פערטהיידיגט דעם באַרג און די דעפּוטירטע פון פּאַריז געגען דעם אנגריף פון די, וועלכע האָבען געשטעלט דיזע פאָרדערונג. אָבער ער האָט געקאָנט דעם עלענד פון דער נאָהענט, און ווען

---

דעם וועלט־מאַרק; אָדער דעם פּרייז פון בוימאויל אויף דער בערזע פון ליווערפּול, אָדער פון רוסישע אסיגנאַציעס אויף דער בערלינער בערזע, דער וועט צוגעבען, דאָס אונזערע זיידעס האָבען געהאַט רעכט, ווען זיי האָבען די שולד פון דעם פּאלען פון דעם פּאַפּיער־געלד אַרויפגעלעגט אויף די בערזען־ספּעקולאַציאָן. אפילו אין אונזער צייט, ווען די פינאַנץ־אָפּעראציאָנען זיינען פיעל, פיעל גרעסער, ווי אין 1793, האָט די ספּעקולאַציאָן אימער די ווירקונג, דאָס זי פערגרעסערט אין אַ בעשטימטען מאָמענט די ווירקונגען פון נאָכפראגע און אָנגעבאָט. ווען די ספּעקולאציאָן מיט די טראנספּאָרט־און טוישמיטלען פון אונזער צייט קען ניט אויף לאַנג פאַרטהייערען דעם פּרייז פון אַ געוויסען פּראָדוקט פון דער ערד, דאָך פערשטאַרקט זי אָהן אַ מאָס די מאָמענטאַנע שוואנקונגען פון די פּרייזען, און דיזע ברענגען מיט זיך אַלס רעזולטאַט די שוואַנקונגען אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט (צום ביישפּיעל, אין אראָבנעהמען פון פעלד) אָדער די שוואנקונגען פון אָנבאָט און נאָכפראגע.

ער האָט געהערט די קלאַגע פון די ארבייטס־פּרויען, וועלכע זיי־נען דעם 24סטען פעברואר געקומען אין קאָנוועגשען, אום צו פערלאַנגען פון די געזעצגעבער שוץ געגען די ספּעקולאַנטען, האָט ער זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון די אָרימע. אין אַ זעהר שטאַרקען ארטיקעל פון זיין צייטונג פון 25סטען פעב־רואר האָט ער געפאָדערט „די פאָלשטענדיגע פערניכטונג פון דער פערפלוכטער באַנדע", ווייל ער האָט „פערצווייפעלט, אז די געזעצגעבער זאָלען אָננעהמען די נויטיגע מיטלען"; ער האָט געפאָדערט די פערניכטונג פון „די מאָנאָפּאָליסטען, קאַפּיטאַ־ליסטען און ספּעקולאַנטען, וועלכע ווערען ערמונטערט דורך די שרעקעדיגע געזעצגעבער צו זייערע פערברעכענס." מען פיהלט אין דיזען ארטיקעל דעם צאָרן פון דער גאַס. אַט פרלאַנגט מאַ־ראַט, אז מען זאָל די ערגסטע מאָנאָפּאָליסטען שטעלען צום שטאַאַטס־געריכט, אָט רעקאָמענדירט ער רעוואָלוציאָנערע האַנד־לען און זאָגט: „די פּלינדערונג פון איינִיגע מאַגאַזינען, ביי וועמעס טיהרען מען וואָלט אויפגעהאַנגען איינִיגע ספּעקולאַנ־טען, וואָלט באַלד געמאַכט אַ סוף צו דיזע שווינדלערייען, וועל־כע טרייבען 25 מיליאָן מענשען צו פערצווייפלונג און ריכטען צו גרונד טויזענדע דורך זייער טיעפען עלענד."

און אין דעם פריהמאָרגען פון דיזען טאָג האָט דאָס פאָלק אויסגעפּלינדערט איינִיגע קראָמען, האָט מיטגענומען צוקער, זייף און נאָך אַזעלכע זאַכען, און אין די גאַסען פון די אָרימע האָט מען גערעדט וועגן אַ ווידערהאָלונג פון די סעפּטעמבער־טעג גע־גען די מאָנאָפּאָליסטען, וואָכערניקעס, בערזען־ספּעקולאַנטען און די רייכע.

מען קען זיך פאָרשטעלען, ווי דיזע בעוועגונג, וועלכע איז איבעריגגס ניט געוועזען מעהר, ווי אַ קליינער טומעל, איז אויסגע־נוצט געוואָרען פון די זשיראָנדיסטען, אום צו מאַכען גלויבען די פּראָווינץ, אז פּאַריז איז אַן אמת'ער קאַלך־אויוועז, אין וועלכען קיינער איז ניט זיכר מיט'ן לעבען. זיי זיינען געוועזען גליקליך, דאָס זיי האָבען געפונען אין מאַראַט'ס ארטיקעל דעם זאַץ וועגען פּלינדערען. זיי האָבען זיך דערמיט בענוצט, אום צו בעשולדי־

גען דעם בארג און אלע פאריזער, אז אלעס, וואָס זיי ווילען, איז נור אומצוברענגען די רייכע. די קאָממונע האָט עס ניט געוואגט זיך צו שטעלען אויף דער זייט פון די „רוהע־שטערער“, און אפילו מאראט האָט געמוזט פערלייקענען זיינע ווערטער. און ראָבעספיער האָט ניט פערפעהלט צו ערקלערען, אז מאראט איז אונטערגעקויפט געוואָרען פון דעם גאָלד פון דעם אויסלענדישען שונא.

אָבער פון דעסטוועגען האָט דיזע קליינע בעוועגונג געהאָט איהר ווירקונג. די קאָנווענשען האָט פערגרעסערט די סוממע, וואָס זי האָט בעוויליגט דער קאָממונע, אום אראָבצודריקען דעם יקרות אויף ברויט, פון 4 אויף 7 מיליאָן, און דער פראָקוראטאָר פון דער קאָממונע, שאָמעטט, האָט אויסגעדריקט פאר דער קאָנווענשאָן דעם געדאנק, וועלכער איז שפעטער פערקערפערט געוואָרען אין דעם געזעץ וועגען דעם מאקסימום: דאָס עס האנ־דעלט זיך ניט בלויז אום דעם, אז מען זאָל קענען קריגען ברויט צו קויפען מיט אַן ערטרעגליכען פרייז. עס איז אויך נויטיג, האָט ער ערקלערט, אז „דאָס פאָלק זאָל קענען קריגען צו קויפען אויף די נויטווענדיגקייטען פון דער צווייטער רייהע“. עס איז ניטאָ „קיין גערעכטער פערהעלטניס צווישען דעם טאָג־לוין פון אַן ארבייטער און די לעבענסבעדירפניסע פון דער צווייטער רייהע. „דער אָרעמער האָט אזוי פיעל, ווי דער רייכער, און מעהר וויפיעל דער רייכער, געטהאָן פאר די רעוואָלוציע. אלעס האָט זיך געענדערט פאר דעם רייכען, ער אליין (דער אָרימאַן) איז געבליבען אין דער זעלבער לאַגע, און די רעוואָלוציע האָט איהם ניט געבראכט קיין אנדער זאך, ווי נור דאָס רעכט זיך צו בעקלאָגען אויף זיין ביטערען מזל*)

*) דיזער וויט־בליקענדער מענש, וועלכער איז געוועזן מעהר וויטבליקענד, אלס עקאָנאָמיסט, ווי מאַנכע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיסטען פון פראָפעסיע, האָט געטראָפען דעם סאַמע תוך פון דער פראגע און האָט געוויזען, ווי אזוי דער ספעקולאַנט האָט נאָך פערערגערט די צו־שטענדע, אין וועלכע עס זיינען געוועזן די הויפט־שולדיגע די מלחמה

דיזע בעוועגונג פון ענדע פעברואר איז פּאַריז האָט זעהר
פיעל געהאָלפען צום שטורץ פון דער זשיראָנד. וועהרענד ראָ־
בעספּיער האָט נאָך געהאָפט צו קענען האַלטען די זשיראָנדיס־
טען אין שאך אויף דער קאָנווענשען אויפ׳ן געזעצליכען וועג,
האָבען די עקסטרעמיסטען פערשטאַנען, אז עס קען גאָר קיין רע־
דע ניט זיין פון אַ ווירקליכער עקאָנאָמישען פּאָרטשריט, אזוי
לאַנג, ווי די זשיראָנדיסטען וועלען זיין אין דער קאָנווענשען.
זיי האָבען געהאַט דעם מוטה צו ערקלערען אין דער הויף, דאָס
די געלד־אריסטאָקראטען, די גרויסע געשעפטסלייט, די פינאַנץ־
לייט האָבען זיך ערהויבען אויף די רואינען פון דער אריסטאָ־
קראטיע פון געבורט, און דאָס דיזע נייע אריסטאָקראטיע איז
געוועזען אזוי שטאַרק אין דער קאָנווענשען, דאָס די קעניגע וואָל־
טען ניט געוואגט אָנצוגרייפען פראַנקרייך, ווען זיי וואָלטען ניט
גערעכענט אויף זייער הילפע. עס איז זאָגאַר זעהר וואהר־
שיינליך, דאָס פון דאַן אָן האָבען ראָבעספּיער און זיינע געטרייע
יאקאָבינער זיך געטראַכט, דאָס מען מוז זיך בענוצען מיט די
עקסטרימיסטען, אום צו פערניכטען די זשיראָנדיסטען, און
שפּעטער וועט מען שוין קענען זעהען, וואָס מען מוז מיט זיי

---

מיט דעם פּאַפּיר־געלד. „דער קריעג מיט דעם ים־מאַכט" האָט ער גע־
זאָגט, דער אויפשטאַנד, וואָס מיר האָבען געהאַט אין אונזערע קאָ־
לאָניעס, דער קורס־פערלוסט, און מעהר פון אלץ די ארויסלאָזונג פון
אַסיגנאַציעס, וועלכע זיינען ניט געוועזען אין איינקלאַנג מיט די בע־
דירפניסע פון האַנדעל, דאָס זיינען איניגע פון די אורזאכען פאר
דעם שטאַרקען יקרות, פון וועלכען מיר ליידען. אָבער דער עלענד
פון פאָלק ווערט נאָך פיעל טיעפער, ווען צו דעם זיינען נאָך דאָ די
געלד־דורשטיגע מאָנאָפּאָליסטען, ווען די אלגעמיינע נויט גיט די מעג־
ליכקייט פאר זייער הויטשינדעריי אָן אונגעהייערע צאָהל פון איי־
גענוציגע ספּעקולאַנטען און קאַפּיטאַליסטען, וועלכע ווייסען ניט
וואָס אַנדערעס צו טהאָן מיט די גרויסע סומען, וואָס די ליקווידירונג
פון דער אַלטער אָרדנונג האָט זיי געבראַכט.

טהאָן, צו גערהען צוזאמען מיט זיי, אָדער געגען זיי, ווי די ווענ־דונג פון די פּאסירונגען וועט פאָרדערען.

עס איז זיכער, דאָס אַזעלכע געדאַנקען, ווי די, וועלכע שאָמעטעט האָט ארויסגעזאָגט, האָבען געמוזט שטארק בעשעפ־טיגען די מחות פון די מענשען. אין דערווירקליכקייט האָט דאָך דער אָרימאַן געטהאָן אַלעס פאר די רעוואָלוציע, און וועה־רענד די בורזשואַס זיינען געוואָרען אַלץ רייכער, האָט ער אַליין גאָר ניט געהאַט דערפון. אפילו דאָרט, וואו עס איז גאָר ניט געווען אַ פאָלקס־בעוועגונג, וואָס זאָל זיין עהנליך צו די בעוועג־ונגען אין פּאריז און ליאָן, האָבען די אָרימע דאָך געמוזט אַזוי רעדען. און איבעראַל האָבען זיי געמוזט זעהען, אַז די זשיראָנ־דיסטען זיינען געווען די יעניגע, ארום וועלכע עס האָבען זיך ארומגעקליבען אַלע, וועלכע האָבען געהאַט נור די אבזיכט צו שטערען מיט אַלערליי מיטלען, אַז די רעוואָלוציע זאָל ברענגען אויך עטוואָס גוטעס פאר די אָרימע.

אין ליאָן האָט דער קאמפף אָנגענומען פּונקט דיזעלבע פאָרם. אין דיזער גרויסער מאַנופעקטור־שטאָדט, וואו די אר־בייטער האָבען געלעבט פון אַ לוקסוס־אינדוסטריע, האָט געמוזט הערשען אַ שרעקליכער עלענד. עס איז ניט געווען קיין ארבייט, און ברויט איז פערקויפט געוואָרען צו הונגער־פּרייזען, צו זעקס סו אַ פונט.

ווי איבעראַל, זיינען אויך אין ליאָן געווען צוויי פּארטייען: די פאָלקס־פּארטיי, וועלכע איז הויפּטזעכליך פערטרעטען געוואָ־רען פון לאָזעל און קאָליע, און די בורזשואזע פּארטיי, „די סוחרים", וועלכע האָבען זיך ארומגעקליבען ארום די זשיראָנ־דיסטען, חאָטש זיי האָבען נור געוואַרט אויף אַ גינסטיגען מאָ־מענט איבערצוגעהן אין גאַנצען צו די אויסגעשפּראָכענע ראָיאַליסטען. דער מעיאָר פון שטאָדט, ניוויע־קאָל, איז גע־ווען אַ זשיראָנדיסט, און אַן אנהענגער פון דער בירגער־פּארטיי. פיעלע רעאקציאָנערע גלחים זיינען געווען פערבעהאַלטען אין שטאָדט, וועמעס בעפעלקערונג האָט נאָך אימער געהאַט אַ בענ־קעניש נאָך דעם מיסטיציזם, און צוזאמען מיט זיי זיינען דאָרט

אויך געווען אין א גרויסער צאָהל די אגענטען פון די עמיגראנ־טען. ליאָן איז געווען דער צענטר, וואו עס זיינען צוזאמענגעקו־מען די פערשווערער געגען די רעוואָלוציע פון פערשיעדענע לענדער.

געגען דיזע אלע שונאים פון דער רעוואָלוציע האָט דאָס פאָלק געהאט בלויז די קאָממונע, וועמעס צוויי פּאָפּולערסטע מע־נער זיינען געווען איינער קאליע, א געוועזענער גלח און איצט א מיסטישער קאָממוניסט, און לאָססעל, אויך א געוועזענער גלח. די אָרימע האָבען פשוט פערגעטערט קאליע, וועלכער איז ניט מיעד געוואָרען צו פּראָטעסטירען און פערדאמען די רייכע.

די פּאַסירונגען, וועלכע זיינען פּאָרגעקומען אין ליאָן אין די ערשטע טעג פון מערץ, זיינען ניט גוט בעקאנט אין זייער אי־נערליכען צוזאמענהאנג. מען וויים, אז די ארבייטסלאָזיגקייט און דער עלענד זיינען געווען שרעקליך, און דאָס די ארבייטער זיינען געווען שטארק אונצופריעדען. דיזע האָבען פערלאנגט פעסטגעשטעלטע פרייזען פאר קאָרן און אזוי אויך פאר די יענע לעבענס־מיטעל, וועלכע שאָמעטט האָט אָנגערופען לעבענס־מי־טעל פון דער צווייטער רייהע (ווייַן, האָלץ, אויל, זייף, קאווע, צו־קער און ז. וו.) זיי האָבען פערלאנגט, אז עס זאָל ווערען פער־באָטען דער האנדעל מיט געלד, און זיי האָבען געוואָלט אויך אן אָבצאָהל פאר די געהאַלטען פון די בעאמטע. מען האָט אויך געערעדט וועגען דער ערמאָרדונג פון די וואָכערניקעס־מאָנאָפּאָ־ליסטען און די קאָממונע פון ליאָן (שטיצענדיג זיך וואהרשיינ־ליך אויף דעם דעקרעט פון דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג פון 29טען אויגוסט, 1792), האָט בעפוילען צו מאכען הויז־זוכונגען, עהנליך צו די, וועלכע האָבען שטאַטגעפונען אין פאריז דעם 29טען אויגוסט, אום צו כאַפּען די ראָיאליסטישע פערשווערער, וועלכע האָבען זיך פערבעהאלטען אין ליאָן. אָבער די פערייי־ניגטע ראָיאליסטען און זשיראָנדיסטען האָבען זיך ארומגעקליבען ארום דעם מעיאָר, ניוויע־קאָל, און עס איז זיי געלונגען אריינ־צוכאַפּען די געמיינדע־פערזאמלונג, און האָבען געמאכט אן אָנ־שטעל אָבצורעכענען זיך מיט'ן פאָלק מיט גרויס אכזריות. די

קאָנוועגשען האָט געמוזט דאָן זיך אריינמישען און ניט דערלאָזען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען אויסצושלאכטען די פּאטריאָטען. זי האָט צוליעב דיזען צוועק געשיקט דריי קאָמיסיאָנערען נאָך ליאָן. פון דאָן אָן האָבען די רע־וואָלוציאָנערען זיך געשטיצט אויף דיזע שלוחים פון דער קאָנ־וועגשען און זיי האָבען ווידער געקראָגען די מאכט אין די סעק־ציאָנען, אין וועלכע די רעאקציאָנערען האָבען זיך אריינגע־כאפּט. דער זשיראָנדיסטישער מעיאָר איז געצוואונגען געוואָ־רען צו רעזיגנירען און דעם 9טען מערץ איז אויף זיין פּלאַץ אויסערוועהלט געוואָרען קאליע׳ס א פריינד. דערמיט אָבער האָט זיך נאָך דער קאמפּף ניט געענדיגט, און מיר וועלען שפּע־טער זעהען, ווי דאָס פאָלק און די פּאטריאָטען, נאָכדעם ווי די זשיראָנדיסטען האָבען ווידער געקראָגען די מאכט, זיינען אויסגעשלאכטעט געוואָרען. דערווייל וועט זיין גענוג צו בע־מערקען, דאָס די זשיראָנדיסטען אין פּאריז, ווי אין ליאָן, זיינען געווען די יעניגע, ארום וועלכע עס האָבען זיך ארומגעזאמעלט ניט בלויז די עלעמענטען, וועלכע זיינען געווען געגען א פאָלקס־רעוואָלוציע, נור אויך אַלע די, וועלכע האָבען גאָר ניט געוואָלט וויסען פון א רעפּובליק.*)

---

*) דעם 15טען אפּריל האָט דער בירגערטהום פון ליאָן געשיקט צו דער קאָנוועגשען אַ דעלעגאציע פון די סעקציאָנען, אום זיך צו בע־קלאָגען, דאָס זייער שטאָדט זיפצט אונטער דער טיראַניי פון א יאַקאָבי־נישער פערוואלטונג, וועלכע הערט ניט אויף צו פערשוועכען דעם אייג־גענטהום פון די קויפליים. די דעלעגאציע האָט אויפגעפאָרדערט די פּאריזער בורזשואזיע צו זעהען צו פערכאַפּען די סעקציאָנען. און ענדע אפּריל האָט פּעטיאן פערעפענטליכט זיין בריעף צו די פּאריזער, אין וועלכען ער רופט אויף די בירגער געגען דאָס פאָלק און זאָגט צו זיי: „אייער אייגענטהום איז אין געפאהר, און איהר ווילט עס ניט זעהען... מען פערפאָלגט אייך אויף אלערליי אופנים, און איהר טראָגט אַלעס איבער אזוי געדולדיג“. דאָס איז געווען אַ דירעקטער צורוף צו דער בורזשואזיע געגען דאָס פאָלק.

די נויטווענדיגקייט צו מאכען אַ סוף צו דער פּאָליטישער מאכט פון די זשיראָנדיסטען איז געוואָרען אלזאָ אלץ דייטליכער, און צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער פערראַטה פון דומאָריעץ, און דאָס האָט געגעבען דער בארג־פּארטיי נאָך אַ גרונד אָנצופאנגען איהר קאמפּף געגען די זשיראָנדיסטען.

## פיער און פערציגסטער קאפיטעל.

# דער קריעג. — דער אויפשטאַנד אין וואנדיי. — דער פעררעטה פון דומאָריעץ.

דער מאַנגעל אין פרייוויליגע, אין געלד און אין פערטרויענס־ווירדיגע גענעראלען. — דומאריעץ און זיינע פערהעלטניסע מיט די זשיראָנדיסטען און די מאָנטאנארען. — פראַנקרייך און ענגלאַנד. — קריעג ווערט ערקלערט. — דער פעררעטה פון דומאָריעץ. — געגען־רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין בריטאַין. — אויפשטאַנד אין דער וואנדיי. — דאַנטאָן צוריקגערופען פון בעלגיען. — אַ שרעקליכע לאַגע. — די מאנטאנארען בעמיהען זיך צו בערוהיגען דעם עולם. — רעוואָלוציאָנערע טריבונע. — בויערען צווינגען די גייסטליכע צום אויפשטאַנד. — ווילדע יאגד נאָך די רעפובליקאַנער. — דומאָריעץ אין בעלגיען. — דאנטאָן זוכט צו שטערען דומאריעץ. — דומאריעץ פערדאַמט. — קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין ווערט באַשאַפען. — דאַנטאָן ווערט דער לייטענדער גייסט. — דער שטורץ פון די זשיראָנדיסטען אונפערמיידליך.

---

אין אָנפאַנג פון 1793 האָט עס געהאַלטען גאַנץ שלעכט מיט דער מלחמה, און מען האָט קוים געקאָנט איינהאַלטען דאָס, וואָס מען האָט געוואונען פאָריגען הערבסט. עס איז נויטיג געווען א גרויסע פערשטאַרקונג פון דער ארמיי, אום צו קענען אָננעהמען די אַטאַקירענדע ראָליע, און די צאָהל פון די פרייוויליגע איז געווען א זעהר קליינע.*)

*) דאָס פאָלק האָט אָהן צווייפעל געוואוסט, ווי די פרייוויליגע

אין פעברואר, 1793, איז אָבגעשאַצט געוואָרען, אז מען דאַרף וועניגסטענס דריי־הונדערט־טויזענד מענשען, אום אויס־צופיללען די לעכער אין דער ארמיי, און אום צו ברענגען איהר צו איהר ווירקזאמער מאכט פון א האלבען מיליאָן מענשען. אָבער אויף פרייוויליגע האָט מען שוין מעהר ניט געקאָנט רעכע־נען. איניגע פראָווינצען, ווי, למשל, די וואר און זשיראָנד, האָ־בען יע ארויסגערופען זייערע באטאליאָנען — כמעט גאַנצע ארמייען, אָבער די אנדערע האָבען אין דיזער הינזיכט גאָר ניט געטהאָן.

דאַן האָט דעם 24טען פעברואר די קאָנווענשען געפיהלט זיך געצוואונגען צו בעפעהלען א פליכט־מעסיגען מיליטער־דיענסט פאַר נייע דריי־הונדערט־טויזענד מאַן, וועלכע זאָלען פערטהיילט ווערען אויף אַלע דעפּארטמענטס און אלע דיסטריקטען. דיזע זאָלען צוערשט מאכען אָן אַפּיעל פאַר פרייוויליגע, אָבער ווען דיזער אפּיעל זאָל ניט ברענגען די געניגענדע צאָהל רעקרוטען, דאַן זאָלען די קאָממונען זעהען צוזושטעלען די איבעריגע און אויף אזא אופן, ווי זיי וועלען אליין בעטראַכ־טען אַם צוועקמעסיגסטען, דאָס הייסט, אָדער דורך א גורל, אָדער דורך א פערזענליכע איינבערופונג, און אזוי, אז עס זאָל נאָך אימּמער מעגליך זיין פאַר איינעם צו קויפען א מענשען, וואָס זאָל געהן דיענען אין דער ארמיי אָנשטאָט איהם. אום צו ערמוטהיגען די מענשען צום מיליטער־דיענסט, האָט די קאָנווענ־שען צוגעזאָגט ניט בלויז פענסיעס, נור זי האָט אויף דיזע פענ־

---

פון 1792 זיינען אין אלגעמיין אויפגענומען געוואָרען פון די אָפּיצע־רען און גענעראלען — אַלע ראָיאַליסטען. זיי האָבען ארויסגעוויזען גאַנץ וועניג ליעבשאַפט צו זיי, זאָגט אוואַנעל, וועלכער האָט אויסגע־פאָרשט די אַרכיוועו פון דעם קריעגס־מיניסטעריום. די פרייוויליגע זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען, אלס „רוהע־שטערער", אלס „פּייגלינגע". זיי זיינען דערשאָסען געוואָרען צוליעב דעם מינדעסטען פערזעהען, און די סאָלדאַטען פון דער ארמיי זיינען אויפגעהעצט געוואָרען גע־גען זיי.

סיאָנערען געגעבען די מעגליכקייט צו קויפען נאַציאָנאַל־גיטער, דאַרפענדיג בעצאָהלען פון זייער פּענסיע יעדעס יאָהר א צעהנ־טעל פון דעם פּרייז, וואָס דער מאַיאָנטעק קאָסט. צו דיזען צוועק זיינען בעשטימט געוואָרען נאַציאָנאַל־גיטער אין דעם ווערטה פון 400 מיליאָן. *)

עס האָט אָבער געפעהלט געלד, און קאַמבאָן, א דורך־און־דורך עהרליכער מאַן, וועלכער איז געווען פינאַנץ־מיניסטער, האָט געמוזט ארויסלאָזען נייע 800 מילאָן אססיגנאַציעס. אָבער די בעסטע מאַיאָנטקעס פון די גייסטליכע, דיזע זיינען שוין פער־קויפט געוואָרען, און פאַר די מאַיאָנטקעס פון די עמיגראַנטען איז שווער געווען צו קריגען בעלנים. מען האָט זיי ניט גערן געקויפט, ווייל מען איז ניט געווען זיכער, אויב אין איין שעה־נעם טאָג וועלען דיזע געקויפטע מאַיאָנטקעס ניט צוריקגענומען ווערען, ווען די עמיגראַנטען וועלען זיך צוריקקעהרען אין פראַנקרייך. דאַרום איז עס געוואָרען אימער שווערער פאַר קאַמבאָן צו פערשאַפען דאָס נויטיגע געלד פאַר די אַלץ גרעסער־ווערענדע בעדירפניסע פון דער ארמיי. **)

אָבער דאָס איז ניט געווען די גרעסטע שוועריגקייט פון קריעג. זי איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס די גענעראַלען אין דער ארמיי זיינען כמעט אַלע געווען געגנער פון דער רעוואָלוציע, און דער סיסטעם פון דער וואהל פון די אָפיצערען, וועלכען די קאָנווענשען האָט נור־וואָס איינגעפיהרט, האָט ערשט אין א צייט שפּעטער געקאָנט ארויסברענגען איניגע העכערע ארמיי־

---

*) דאָס אלעס אָבער, ווי עס זעהט אויס, איז געבליבען בלויז א צוזאָג, ווי אוועגעל ערקלערט אין זיין ווערק.

**) איניגע רעוואָלוציאָנערע סעקציאָנען פון פּאַריז האָבען זיך אָנגעבאָטען צו פער׳משכון׳ען זייער גאַנצען בעזיץ, וועלכער זאָל דיענען אלס בירגשאַפט פאַר די נייע־ארויסגעלאָזענע אססיגנאַציעס. דיזער פאָרשלאַג איז ניט אָנגענומען געוואָרען, אָבער ער האָט ענטהאַל־טען א ריכטיגען געדאַנק. ווען א נאַציאָן פיהרט קריעג, מוז טראָגען די לאַסט דערפון דער בעזיצענדער אזוי גוט, ווי דער לוין־ארבייטער.

קאָמאַנדירען. דערוויייל האָט מען צו די גענעראַלען ניט געקאָנט האָבען קיין צוטרוי, און אין דער ווירקליכקייט איז באַלד נאָך לאַפאַיעט׳ס פעררעטהע געקומען דער פעררעטהע פון דומאַריעץ.

מישלע האָט געהאַט פאָלשטענדיג רעכט, ווען ער האָט גע־זאָגט, דאָס דומאַריעץ, נאָך דעם, ווי ער האָט פערלאָזען פּאַריז אין עטליכע טעג אַרום נאָך דער היגריכטונג פון לואי דעם 16טען, אום צוריקצוקעהרען זיך צו דער אַרמיי, איז שוין דאַן אין האַר־צען געווען אַ פעררעטהער. ער האָט געזעהען דעם טריאומף פון „בארג", און ער האָט געמוזט איינזעהען, דאָס די היגריכ־טונג פון קעניג מיינט אַ נייע ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע. פאַר די רעוואָלוציאָנערען האָט ער געפיהלט בלויז האַס, און ער האָט געמוזט איינזעהען, דאָס זיין טרוים צוריקצוברענגען פראַנק־רייך צו דער קאָנסטיטוציע פון 1791 און אַרויפצוזעצען אויפ׳ן טהראָן אַן אָרלעאַניסטישען פּרינץ, קען נור אויסגעפיהרט ווערען מיט דער הילפע פון די עסטרייכער. פון יעמאָלט אָן האָט גע־מוזט דער פעררעטהע ביי איהם ווערען אַ פעסטער ענטשלוס.

אין דיזען אויגענבליק איז דומאַריעץ געווען אין ענגער פערבינדונג מיט די זשיראָנדיסטען און זאָגאַר אינטים מיט גענ־זאָן, מיט וועמען ער האָט געפיהרט אַ קאָררעספּאָנדענץ ביז אַפּריל. אָבער פון דעסטוועגען האָט ער צוליעב דעם ניט אָב־געבראָכען זיינע פערהעלטניסע מיט דער בארג־פּאַרטיי, וועלכע האָט איהם שוין ניט מעהר אַזוי גוט געטרויט — מאַראַט האָט איהם גאַנץ אונפערשטעלט ערקלערט, אַלס פעררעטהער; האָט אָבער נאָך ניט געפיהלט זיך שטאַרק גענוג איהם אָנצוגריי־פען. מען האָט אַזוי שטאַרק פערהערליכט די זיעגע פון וואַלמי און דזשעמאַפּ, און די מאָטיווען פון דעם צוריקטרעטען פון די פּרייסישע זיינען געווען אַזוי ווייניג בעקאַנט, און די סאָלדאַטען — בעזאָנדערס די ליניען־רעגימענטען — האָבען געהאַט אַזאַ גרויסען צוטרוי צו זייער גענעראַל, דאָס ווער עס וואָלט איהם דאַן, אונטער יענע אומשטענדען אָנגעגריפען, וואָלט גע־האַט געגען זיך די גאַנצע אַרמיי, וועלכע דומאַריעץ וואָלט גע־

קענט שיקען געגען פאריז און די רעוואָלוציאָן. מען האָט גע־מוזט אַלזאָ ווארטען און אויפפאסען.

און דערווייל האָט פראנקרייך אָנגעהויבען איהר מלחמה מיט ענגלאנד. אזוי גיך, ווי אין לאָנדאָן איז אָנגעקומען די ידיעה וועגען דער הינריכטונג פון לואי, דעם 16טען, האָט די ענגלישע רעגיערונג צוריקגעגעבען דעם פראנצויזישען פערטרע־טער זיינע פאפירען און האָט איהם בעפוילען צו פערלאָזען דאָס פעראייניגטע קעניגרייך. אָבער דאָס איז נור געווען אַן אויס־רייד פאר ענגלאנד, אום אָבצוברעכען מיט פראנקרייך. מען ווייסט אין דער ווירקליכקייט פון מערסי, דאָס די ענגלישע רע־גיערונג האָט ניט געפיהלט קיין איבעריגע ליעבשאפט פאר די פראנצויזישע ראָיאַליסטען, און דאָס זי האָט גאָר קיינמאָל בדעה ניט געהאט שטארק צו מאכען זיי דורך איהר הילפע. ענגלאנד האָט איינפאך געמיינט, אז דאָס איז דער גינסטיגסטער מאָמענט פאר איהר צו פערניכטען פראנקרייך, אלס איהר קאָנקורענט אויפ׳ן ים, און אוועקנעהמען פון איהר איהרע קאָלאָניען און אפשר נאָך א גרויסען האפען: יעדענפאלס איהר אָבצושוואכען פאר א לאנגע צייט אויפ׳ן ים. די ענגלישע רעגיערונג האָט זיך בענוצט מיט דעם איינדרוק, וועלכען די הינריכטונג פון לואי דעם 16טען האָט געמוזט מאכען, אום צו ערקלערען קריעג פראנקרייך.

צום אונגליק האָבען די פראנצויזישע פּאָליטיקער ניט פער־שטאנען, ווי אונפערמיידליך עס איז געווען דיזער קריעג פון דעם ענגלישען שטאנדפונקט. ניט נור די זשיראָנדיסטען — בעזאָנדערס בריססאָ, וועלכער האָט זיך בעריהמט, אז ער קען ענגלאנד — נור אפילו דאנטאָן האָט נאָך אלץ געהאָפט, דאָס די ליבעראלען, די וויגס, א טהייל פון וועלכע איז געווען בעגייס־טערט פאר די פרייהייטס־אידעען, וועלען ארונטערוואַרפען פיטט און וועלען ניט דערלאָזען צו קיין מלחמה. אין דער ווירק־ליכקייט אָבער איז דאָס גאנצע ענגלישע פאָלק געווען באלד פאר א קריעג מיט פראנקרייך, ווען עס האָט בעגריפען די פערשיע־דענע האנדעלס־נוצען, וואָס עס קען ציהען פון דעם קריעג:

מען מוז אויך צוגעבען, דאָס די ענגלישע דיפּלאָמאַטען האָבען אויסגעצייכענט פערשטאַנען אויסצונוצען פאַר זיך די עהר־גייציגקייט פון די פראַנצויזישע שטאַאַטס־מענער. דומאַריעז האָבען די ענגלישע דיפּלאָמאַטען איינגערעדט, אַז ער איז זייער מאַן, אַז ער איז דער איינציגער, מיט וועמען זיי וואָלטען געקאָנט פערהאַנדלען: זיי האָבען איהם צוגעזאָגט זייער הילפע פאַר די צוריקברענגונג פון דער קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. און דאַנטאָנען האָבען זיי געמאַכט גלויבען, אַז די וויהגס קענען באַלד ווידער קומען צו מאַכט אין ענגלאַנד, און דיזע וועלען זיכער שליסען פריעדען מיט פראַנקרייך. אין אַלגעמיין האָבען זיי אַזעלכע מאַנעווּרען געמאַכט, אַז עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס אונרעכט איז אויף דער זייט פון פראַנקרייך, ווען די קאָנווענשען האָט דעם ערשטען פעברואר ערקלערט קריעג געגען ענגלאַנד.

דיזע קריעגס־ערקלערונג האָט געענדערט די גאַנצע מיליטערישע לאַגע. עס איז געוואָרען אונבעדינגט נויטיג צו פערכאַפּען האָלאַנד, כדי די ענגלענדער זאָלען ניט קענען דאָרט לאַנדען. און געראַדע דאָס האָט דומאַריעז — זאָל עס זיין דערפאַר, ווייל ער האָט זיך ניט געפיהלט שטאַרק גענוג, אָדער זאָל עס זיין אוים בייזען ווילען — פערנאַכלעסיגט, חאָטש דאַנטאָן האָט עס דרינגענד געפאָדערט. ער האָט גענומען ווינטער־קוואַרטירען אין בעלגיען, וואָס דאָס האָט, נאַטירליך, אויפגעבראַכט די בעלגיער געגען די פראַנצויזישע איינדרינגלינגע. ליטיך איז געווען זיין הויפּט־קוואַרטיר.

ביז צום היינטיגען טאָג קענען מיר נאָך ניט אַלע איינצעלהייטען פון דעם פערראַטה פון דומאַריעז. אָבער עס איז זעהר וואהרשיינליך, דאָס ער האָט זיך שוין ענטשלאָסען צום פערראַטה, ווי מישלע ערקלערט ער, דעם 26טען יאַנואַר, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דער אַרמיי. דער פעלד־צוג געגען האָללאַנד פון ענדע פעברואר, ווען ער האָט איינגענומען ברעדא און גערטרודענבורג, שיינט צו זיין אַן אָבגעמאַכטער שפּיצעל מיט די עסטרייכער. יעדנפאַלס איז דיזער פעלד־צוג געווען

זעהר א גרויסע טובה פאר די עסטרייכער. דעם ערשטען מערץ זיינען זיי אריין אין בעלגיען און האָבען איינגענומען ליטיך, וועמעס איינוואוינער האָבען אומזיסט געבעטען זיך ביי דומא־ריעץ ער זאָל זיי געבען וואפען, אום צו קעמפפען געגען די עסט־רייכער. די פּאטריאָטען פון ליטיך האָבען געמוזט אנטלויפען, און די פראנצויזישע ארמיי איז געווען פּאָלשטענדיג דעמאָראלי־זירט — די גענעראלען האָבען ניט געוואָלט קומען צו הילף איינע די אנדערע, און דומאריעץ איז געווען ווייט פון שום, אין האָללאנד. פאר די עסטרייכער האָט די לאגע גאָר ניט געקאָנט זיין קיין בעסערע.

מען בעגרייפט, וואָס פאר אן איינדרוק דיזע ידיעה האָט געמוזט מאכען אין פאריז, און נאָך מעהר, ווייל נאָך איהר האָ־בען באלד געפאָלגט אנדערע טרויעריגע ידיעות. דעם 3טען מערץ האָט מען זיך דערוואוסט, דאָס אין ברעטאן פּאָרבערייט־טעט מען זיך צו א געגען־רעוואָלוציע. אין דער זעלבער צייט האָבען אין ליאָן, ווי מיר האָבען געזעהען, געמאכט די רעאקציאָ־נערע באטעליאָנען פון די „בירגער־זיהן" אן אויפשטאנד געגען די רעוואָלוציאָנערע קאָממונע, און גלייכצייטיג האָבען די עמי־גראנטען, וועלכע האָבען זיך פערזאמעלט אין טורין, איבערגע־שריטען דעם גרענעץ און מיט דער הילפע פון דעם קעניג פון סארדיניען זיינען זיי אריין צוריק אין פראנקרייך. דעם 10טען מערץ האָט זיך ענדליך ערהויבען די וואנדיי. עס איז געווען גאנץ קלאָר, דאָס דיזע פערשיעדענע בעוועגונגען, ווי אין יאָהר 1792, זיינען בלויז טהיילען פון איין ווייט־פערשפרייטער, פּלאנ־מעסיגער בעוועגונג פון דער זייט פון די געגנער פון דער רעוואָ־לוציע. און אלע אין פאריז האָבען געהאט דעם פערדאכט, דאָס דומאריעץ איז געוואונען געוואָרען פאר די קאָנטער־רעוואָלוציע, און דאָס ער איז טהעטיג פאר איהר.

דאנטאָן, וועלכער איז דאן געווען אין בעלגיען, איז אין איילעניש צוריקגערופען געוואָרען. ער איז אָנגעקומען אין פּאַ־ריז דעם 8טען מערץ, האָט געהאלטען איינע פון זיינע מעכטיגע רעדען, וועלכע האָבען די הערצער אויפגעטרייסעלט, און וועל־

כער ער האָט אַפּעלירט פאַר איינינקייט און פּאַטריאָטיזם, און די
קאָממונע האָט ווידער פאַרנאַנדערגעוויקעלט די שווארצע
פאָהן. ווידער אַ מאָל איז דאָס פאַטערלאַנד ערקלערט געוואָ־
רען אין געפאַהר.

די פּריוויליגע זיינען איינגעשטעלט געוואָרען אין דער
גרעסטער איילעניש, און דעם 9טען מערץ אין אבענד איז פער־
אנשטאַלט געוואָרען אויף די גאַסען אַ בירגער־מאָהלצייט, אין
וועלכען אַ מאַסע מענשען האָבען זיך בעטהייליגט. אויף מאָר־
גען האָבען זיי געזאָלט אַוועקגעהן אין קריעג. אָבער דאָס איז
שוין ניט געווען מעהר די יונגע בעגייסטערונג פון 1792. אַ טרוי־
עריגע ענערגיע האָט זיי בעהערשט. אַ ביטערער צאָרן האָט
אויך צוריסען די הערצער פון די אָרעמע, ווען זיי האָבען בע־
טראַכט די פּאָליטישע קעמפּפע, וועלכע האָבען צוריסען פראַנק־
רייך אויף שטיקער. „אַן אויפשטאַנד אין פּאַריז איז נויטיג“,
זאָל דאַנטאָן דאן האָבען געזאָגט, און אין דער ווירקליכקייט,
איז טאַקע אזעלכער געווען זעהר נויטיג, אום אויפצוטרייסלען די
גלייכגילטיגקייט, וועלכע האָט ארומגעכאַפּט דאָס פּאָלק אין די
סעקציאָנען פון פּאַריז.

אום צו בעקעמפּפען די ווירקליך שרעקליכע שוויריגקייטען,
וועלכע זיינען געשטאַנען דער רעוואָלוציע אין וועג, און צו דע־
קען די אויסגאַבען, וועלכע פראַנקרייך האָט געמוזט מאַכען גע־
גען די פעראייניגונג פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען פון אויסען
און פון איגוועניג, איז עס געווען נויטיג, אז די רעוואָלוציע זאָל
נעהמען פאַר איהר געברויך די בירגערליכע פערמעגענס, וועלכע
האָבען זיך אָנגעפאַנגען אָנצוזאמלען גראדע אַ דאַנק דער רע־
וואָלוציע.

דאָס אָבער האָבען די רעגיערענדע ניט געוואָלט, און דוקא
איינערזייטס אויס פּרינציפּ, ווייל מען האָט אין דעם אָנזאמלען
פון גרויסע פּריוואט־פערמעגענס געזעהען דעם מיטעל די נאַ־
ציאָן רייך צו מאַכען, און פון דער אַנדערער זייט, דאָס מוז אַנ־
ערקענט ווערען, אויס מורא פאַר אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד
פון די אָרעמע געגען די רייכע. די סעפּטעמבער־טעג, בעזאָנ־
דערס, די פּאַסירונגען פון דעם 4טען און 5טען סעפּטעמבער, זיי־

נען נאָך געווען פריש אין זייער זכרון. צו וואָס קען עס פיהרען, ווען איין קלאַס — אַלע אָרעמע — זאָלען מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען אַ צווייטען קלאַס, געגען אַלע רייכע, געגען אַלע וואוילהאַבענדע? דאָס וואָלט דאָך געווען דער בירגער־קריעג אין יעדער שטאָדט. און דאָס נאָך אין אַזאַ צייט, ווען די וואַנדיי און די ברעטאַין אין נאָרד־וועסט, אונטערשטיצט פון ענגלאַנד, פון די עמיגראַנטען אין זשווירזי, פון דעם פאַפּסט און אַלע פּריסטער, זיינען אין אויפשטאַנד געגען די רעוואָלוציע און ווען אין נאָרטה די עסטרייכער און די ארמיי פון דומאָריעץ זיינען געווען פערטיג צו מאַרשירען אויף פאַריז און צו דערטרינקען די גאַנצע רעוואָלוציע אין אַ ים פון בלוט!

דערפאַר האָבען זיך בעמיהט די פּאַרטיי־פיהרער פון באַרג און פון דער קאָמונע פריהער פון אַלץ צו בערוהיגען דעם עולם. זיי האָבען געמאַכט איהם גלויבען, אַז זיי בעטראַכטען דומאָריעץ אַלס רעפּובליקאַנער, אויף ווען מען מעג זיך פערלאָזען. ראָבעספּיער, מאַראַט און דאַנטאָן האָבען אַלע דריי געזעהען אומצובילדען די אַלגעמיינע מיינונג אין דיזען זין, און דערביי זיינען זיי שטאַרק אונטערשטיצט געוואָרען פון דער קאָממונע. אַלע האָבען געאַרבייט מיט אַלע קרעפטען ווידער ארויסצורופען ביין פאָלק דעם נויטהיגען מוטה, צו בעגייסטערען איהם, אום ער זאָל אין שטאַנד זיין צוריקצושטויסען דעם איינדרינגענדען שונא, וועלכער איז איצט געווען פיעל שטאַרקער, פיעל ערנסטער, ווי אין 1792. דאָס האָבען איינגעזעהען אַלע — אויסער די זשיראָנדיסטען, וועלכע האָבען געזעהען נור איינס, אַז מען מוז פערטיליגען און פערניכטען: „די אַנאַרכיסטען“!

דעם 10טען מערץ אין דער פריה האָט מען זיך געריכט אין פאַריז אויף אַ ווידערהאָלונג פון די סעפּטעמבער־טעג, אויף נייע מאָרד־טהאַטען. אָבער דער צאָרן פון פאָלק האָט זיך אויסגעגאָסען בלויז אויף די זשיראָנדיסטען, וועלכע זיינען געווען די פריינד פון דומאָריעץ, און אַ גאַנצע מחנה מענשען האָט זיך אריינגעריסען אין די גרעסטע דרוקערייען פון די זשיראָנדיסטען, און צובראָכען די פּרעסען.

ריכטיג גערעדט האָט דאָס פאָלק אלטער דער ווירקונג פון ווארלע, דזשעק ראו, דעם אמעריקאנער פאַרניער און אַנדערע עקסטרעמיסטען, געוואָלט גאָר די ריינמאכונג פון דער קאָנווענ־שען. אָבער אַנשטאָט דיזער פאָרדערונג האָט מען אין די סעק־ציאָנען געשטעלט די באַנאַלע פאָרדערונג פון א רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל. פּאשע און שאָמעט האָבען געשטעלט דיזע פאָרדע־רונג דעם 9טען מעריז צו דער קאָנווענשען, און דאַן האָט קאָמ־באסער, דער צוקינפטיגער גרויסראַטה פון קייזערטהום, פאָרגע־שלאָגען, אז די קאָנווענשען זאָל אויפגעבען די הערשענדע אידעען איבער די צוטהיילונג פון דער מאַכט, פון דער געזעצגע־בונג און יוסטיץ אין איהרע אייגענע הענד, און בעשטימען א בע־זונדערען געריכט פאר דעם משפט'ען פון די פעררעטהער.

ראָבערט לינדע, אַן אַדוואָקאט פון דער אַלטער מאָנארכיס־טישער שולע, האָט דאַן פאָרגעשלאָגען א טריבונאַל, וועמעס ריכ־טער די קאָנווענשען זאָל בעשטימען, און פאר זיי זאָלען גע־משפט ווערען די יעניגע, וועמען די קאָנווענשען וועט אָנקלאָ־גען. ער האָט ניט געוואָלט קיינע דזשורים. און ערשט נאָך לאַנגע דעבאַטען איז בעשלאָסען געוואָרען צוצוגעבען צו די פינף ריכטער, בעשטימט פון דער קאָנווענשען, צוועלף געשוואָרענע און זעקס בייזיצער, וועלכע זאָלען גענומען ווערען פון פאַריז און די ארומיגע פּראָווינצען, און זאָלען אויך פאר יעדען מאָנאט בע־שטימט ווערען פון דער קאָנווענשען.

אַלזאָ, אַנשטאָט אַנצונעהמען מיטלען, אום צו פיהרען א קאמפף געגען די בערזען־ספעקולאציאָן, אַנשטאָט פעסטשטעלען די פרייזען פאר לעבענס־מיטעל, וועלכע זיינען געוועזן מעגליך פאר'ן פאָלק צו דערגרייכען, אַנשטאָט אויסרייניגען די קאָנווענ־שען פון די מיטגליעדער, וועלכע האָבען ניט דערלאָזען צו קיינע רעוואָלוציאָנערע מיטלען, אַנשטאָט צו אונטערנעהמען געוויסע שריט אין מיליטערישער הינזיכט, וועלכע עס האָט נויטווענדיג געמאכט דער כמעט זיכערער פעררעטה פון דומאָריעז, אַנשטאָט דעם אַלעם, האָט די בעוועגונג פון 10טען מעריז אויסגעפיהרט צו קריגען א רעוואָלוציאָנערען טריבונאל! אַנשטאָט דעם בעשאַ־

פענדען, אויפבויענדען גייסט פון דער פאָלקס־רעוואָלוציע, וועלכע האָט געהאַלטען אין זוכען וועגען און מיטלען, האָט מען אריינגעבראכט דעם פּאָליציי־גייסט, וועלכער זאָל באלד דערשטיקען דעם אנדערען.

נאָך דעם, ווי די קאָנוועגשען האָט דאָס צושטאנד גערבראכט, האָט זי געוואָלט זיך פארנאַנדערגעהן. אָבער דאַנטאָן האָט אין דיזען מאָמענט מיט געוואלט בעשטיגען די טריבונע און האָט צוגערופען אין דעם אויגענבליק, ווען די פאָלקס־פערטרעטער האָבען שוין געוואָלט פערלאָזען דעם זאַל, צו בלייבען, און זיי זיינען פערבליבען, אום צו הערען פון דאַנטאָנען, דאָס דער שונא געפינט זיך ביין גרענעץ, און דאָס פאר דעם האָבען זיי נאָך גאָר ניט געטהאָן.

און געראַדע אין דיזען טאָג האָבען די בויערען פון דער וואַנדיי, הינטער וועמען עס זיינען געשטאנען די פּריסטער, אָנגעהויבען זייער אויפשטאַנד מיט דער ערמאָרדונג פון די רעפּובליקאנער. דיזער אויפשטאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון דער קירכע. זי האָט איהם שוין אָנגעפאנגען פאָרצובערייטען נאָך אין אויגוסט, 1792, ווען די פּרייסען זיינען ארויף אויף דעם פראַנצויזישען באָדען. זייט דאַן איז א נ ג ע ר ם געוואָרען דער פּאָליטישער זאמעל־פּלאַץ פון די רעאַקציאָנערע פּריסטער, און די שוועסטער פון דעם אָרדען לאַ סאגעסטע און אנדערע האָבען געדיענט דיזע פריסטער אלס זייערע מיסיאָנערקעס, האָבען פאַרברייטעט זייערע אויפרופע צום אויפשטאַנד און האָבען אויפגעוועקט דעם פאנאַטיזם פון די בויערען, דערצעהלענדיג זיי פערשיעדענע ניסים. (מישלע, בוך 10, קאַפּיטעל 6). איצט איז די ערקלערונג פון קריעג פון 10 מערץ געווען דער סיגנאַל פאַר אַן אלגעמיינעם אויפשטאַנד. באלד איז אויף דעם פאָרשלאַג פון קאַטהעלינא, וועלכער איז געווען א בויערליכער מויערער, און א שמש פון זיין קירכע, און וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזען צו ווערען איינער פון די מוטהיגסטע באַנדע־פיהרער, געגרינדעט געוואָרען א קאָמיטע, וועלכע איז געווען בעהערשט פון די פּריס־

טער, און דער פריסטער בערניי איז אויסערוועהלט געוואָרען, אלס דער פרעזידענט.

דעם 10טען מערץ האָט געקלונגען דער שטורם גלאָק אין הונדערטע פון קירכען, און כמעט 100 טויזענד מענער האָבען פערלאָזען זייער ארבייט, אום צו מאכען יאגד אויף די רעפּובליקאנער און די קאָנסטיטוציאָנעללע גייסטליכע. עס איז געווען א ווירקליכע יאגד, און דערביי איז געווען איינער, וואָס האָט געבלאָזען אין א האָרן די אלערליי יאגד־אויסרופען, דערצעהלט מישלע. עס איז געווען אַן אמת'ע מענשען־הריגה, און מען האָט די אונגליקליכע רעפּובליקאנער געפּייניגט, מען האָט זיי געטוידטעט שטיקלעכווייז, און מען האָט גאנץ אבזיכטליך ניט דערלאָזען זיי מיט אמאָל שטארבען, אָדער מען האָט די געפּייניגטע איבערגעגעבען צו די שערען פון די פרויען און צו די שוואכע הענד פון די קינדער, וועלכע האָבען פערלענגערט זייערע יסורים. און דאָס אלעס איז פאָרגעקומען אונטער דער פיהרונג פון די פריסטער און אין בעגלייטונג פון וואונדער און ניסים, וועלכע האָבען אויפגערייצט די בויערען אויך אומצוברענגען די פרויען פון די רעפּובליקאנער. די אדעל־לייט מיט זייערע ראָיאליסטישע אמאזאָנקעס זיינען געקומען ערשט שפּעטער. און ווען דיזע „עהרווירדיגע לייט" האָבען זיך ענטשלאָסען צו בעשטימען א געריכט, וועלכער זאָל די רעפּובליקאנער פערטיליגען, האָט דיזער געלאָזט היגריכטען אין זעקס וואָכען פינף הונדערט און צוויי און פערציג פּאטריאָטען.*)

---

*) יעדען טאָג", אזוי האָט געשריבען א ראָיאליסטישער און רעאקציאָנערער פריסטער, פראנסוא שעוואליע (ציטירט פון חאסין), „זיינען פאָרגעקומען בלוטיגע עקספּעדיציעס, וועלכע האָבען געמוזט מאַכען שוידערען יעדע עהרליכע זעעלע, און וועלכע מען קען נור ענטשולדיגען פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער פילאָזאָפיע" (די פריסטער און די רעליגיאָן האָבען עס פערלאַנגט אזוי צו האַנדלען). „דאָך די פערהעלטניסע האָבען דערגרייכט ביז צו אזא פּונקט, אז פאר דעם פריעדען איז עס אונבעדינגט נויטיג, דאָס קיין פּאַטריאָט אין פראנק־

אלס ווידערשטאנד געגען דיזע ווילדע וואפען־ערהויבונג האָט די רעפּובליק געהאַט נור צוויי טויזענד מאַן, וועלכע זיינען געוועזן צושפּרייט אין דער גאנצער נידעריגער וואנדיי, פון נאַנ־טעס ביז לא־ראשעל. ערשט ענדע מאַי זיינען אָנגעקומען צום פּלאַץ די רעפּובליקאנישע סאָלדאטען. ביז דאַן האָט די קאָנווענ־שען בלויז געקאָנט ארויסשיקען דעקרעטען געגען די אויפשטענ־דיגע בויערען: זיי זיינען געסטראשעט געוואָרען מיט טוידט־שטראָף און מיט דער קאָנפיסקירונג פון די גיטער פון די אדעל־לייט און פּריסטער, וועלכע וועלען אין אכט טעג ניט פערלאָזען די וואנדיי. אָבער ווער האָט געהאַט די מאכט, וועלכע איז גע־ווען נויטיג אויסצופיהרען דיזע דעקרעטען?

ניט בעסער איז אויך געווען אין דער איסט, וואו די ארמיי האָט געהאַלטען אין איין צוריקטרעטען, און אין בעלגיען האָט שוין דעם צוועלפטען מערץ דומאָו־ריעץ אָנגעפאנגען זיין אָפענעם ווידערשטאנד געגען די קאָנווענשען. ער האָט פון לעווען ארויס־געשיקט א בריעף (וועלכען ער האָט זיך געאיילט צו פערעפענט־ליכען), אין וועלכען ער האָט פאָרגעוואָרפען פראנקרייך, אז זי האָט בעגאנגען א פערברעכען צו אננעקטירען בעלגיען, דאָס דורך דעם פערקויף פון די נאַציאָנאַלע גיטער און דורך די איינ־פיהרונג פון אססיגנאציעס האָט זי איהר געוואָלט רואינירען, און אזוי ווייטער. זעקס טעג שפּעטער האָט ער אָנגעגריפען ביי נירווינדען די פיעל גרעסערע קרעפטען פון די עסטרייכער, האָט

רייך זאָל ניט בלייבען לעבען. אזוי גרויס איז געווען דער צאָרן פון פאָלק, אז עס איז געווען גענוג פאר איינעם צו זיין ביי אַ תפילה פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלען פּריסטער, אז מען זאָל איהם ארייננ־וואַרפען אין געפענגניס, און דאַן, ווען די געפענגניסע זיינען געוואָ־רען איבערפילט, זאָל מען איהם פשוט נעהמען און דערשלאָגען איהם אויף טוידט אָדער דערשיסען." אין מאַשעקאל, וואו עס זיינען גע־טוידטעט געוואָרען 542 פּאטריאָטישע בירגער, האָט מען גערעדט, אז מען דאַרף אויך די פרויען ערמאָרדען. קאַרעט האָט געוואָלט אויפ־רייצען דערצו זיינע פאַנאַטיזירטע בויערען.

זיך געלאָזט פון זיי בעזיעגען און דעם 22סטען מערץ איז ער אריינגעטראָטען אין דירעקטע פערהאנדלונגען מיט דעם עסטרייכישען פעלקאָווניק מאַן, מיט דער הילפע פון דעם הערצאָג פון שארטרע און פון די אָרלעאַניסטישע גענעראלען. די פעררעטער האָבען זיך פערפליכטעט צו פערלאָזען בעלגיען גאָר אָהן א קאמפף און צו מארשירען אויף פאריז, אום אויפצובויען דאָרט די קאָנסטיטוציאָנעללע מאָנארכיע. ווען עס זאָל זיין נויטווענדיג, זאָלען די עסטרייכער זיי העלפען, און אלס גאראַנטיע דערצו האָבען זיי פערנומען איינע פון די גרענעץ־פעסטונגען, קאָנדע.

דאַנטאָן האָט געשטעלט זיין לעבען אין קאָן, און האָט פרובירט צו שטערען דיזען פערראַטה. עס איז איהם ניט געלונגען צו בעוועגען די צוויי זשיראָנדיסטישע פריינד פון דומאָריעץ גענזאָנע און גאָדע, צו געהן מיט איהם און וויעדער א מאָל פרובירען צו געווינען דומאָריעץ פאר די רעפובליק. דעם 16טען מערץ איז ער אליין אָבגעפאָהרען נאָך בעלגיען, איינשטעלענדיג זיך, דאָס מען וועט איהם אליין קענען בעשולדיגען אין פערראַטה. ער האָט געפונען דומאָריעץ לעבען נירווינדען אין פולען צוריקטרעטען, און האָט געמוזט איינזעהען, דאָס דער פעררעטהער האָט שוין געטהאָן דעם לעצטען שריט. אין דער ווירקליכקייט האָט ער זיך שוין דאן פערפליכטעט צום פאָלקאָווניק מאַן צו פערלאָזען האָלאַנד אָהן א קאמפף.

פאריז איז געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט, ווען מען האָט זיך דערוואוסט נאָך דאַנטאָן׳ס צוריקקומען, דעם 29טען מערץ, אויף זיכער, אז דומאָריעץ איז געוואָרען א פעררעטהער. די איינציגע רעפובליקאַנישע ארמיי, וועלכע האָט געקאָנט אפשר צוריקטרייבען דעם ארייגדרינגענדען שונא, מארשירט אליין נאָך פאריז, אום דאָ וויעדער אויפצוריכטען דעם קעניגטהום. איצט האָט די אויפשטאַנדס־קאָמיטע, וועלכע האָט זיך זייט איניגע טעג פערזאמעלט אין דעם בישאָפ־פאלאַץ אונטער דער פיהרונג פון די עקסטרעמיסטען, מיטגעריסען מיט זיך די קאָמונע. די סעקציאָנען האָבען זיך בעוואפענט און פערכאפט די קאנאָנען.

זיי וואָלטען וואהרשיינליך געשטעלט זיך אין קאמפף געגען די קאָנוועגשען, ווען אַנדערע וואָלט ניט געלונגען זיי צו בערוהיגען. דעם דריטען אפריל האָט מען ערהאלטען די ענדליכע בשורה פון דומאַריעץ׳ס פעררעטה. ער האט פעסטגענומען די שלוחים, וועלכע די קאָנווענשען האָט געשיקט צו איהם. דער דעקרעט פון דער קאָנווענשען, וועלכער האָט ערקלערט דומאַריעץ אויסער געזעץ און וועלכער האָט בעפוילען די פערהאפטונג פון דעם הער־צאָג פון שארטרע, איז דורכגעדרונגען צו די פּאלקען. און ניט דעם געגעראל און ניט דעם הערצאָג האָט זיך עס איינגעגעבען צו קריגען די סאָלדאטען אויף זייער זייט, און דומאַריעץ האָט געמוזט, ווי לאפאיעט, אנטלויפען איבער׳ן גרענעץ און זוכען שוץ ביי די עסטרייכער.

א טאָג שפּעטער האָט ער צוזאמען מיט די ראָיאַליסטען ארויסגעלאָזען א פּראָקלאמאציע, אין וועלכער דער הערצאָג פון קאָבורג מעלדעט, אז ער וועט ברענגען פראנקרייך איהר קאָנסטי־טוציאָנעלען קעניג.

און אָט אין דיזען סאמע קריזיס, ווען די אונגעוויסהייט פון דער לאָיאַליטעט פון דער ארמיי פון דומאריעץ האָט גע־שטעלט אין צווייפעל די זיכערהייט פון דער רעפּובליק, האָבען די דריי איינפלוסרייכע מענער פון בארג, ראָבעספּיער, דאנ־טאָן און מאראט, אין פולער איינפערשטענדנים מיט דער קאָ־מונע (פּאשע, העבערט און שאָמעט) בעשלאָסען ניט צו דערלאָ־זען צו אונרוהען און צו די אַלע טרויעריגע פאָלגען, וואָס זיי קע־יען ברענגען מיט זיך אין אזא מאָמענט.

אין דער זעלבער צייט האָט די קאָנווענשען בעשלאָסען אום אויסצומיידען דעם מאנגעל אין איינהייט, וועלכער האָט ביז איצט געמאכט די קריעג־פיהרונג אזוי לאנגזאם, צו נעה־מען פאר זיך, א חוץ די מאכט פון געזעצגעבונג און יוסטיץ, אויך די עקזעקוטיווע מאכט. זי האָט געשאפען א קאָמיטע, וועלכער זי האָט געגעבען א זעהר גרויסע, כמעט א דיקטאטאָרישע פול־מאכט. דאָס איז געווען א שריט, וועלכער איז געווען פון גרוי־

סער בעדייטונג פאר די גאנצע ווייטערע ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע.

מיר האָבען געזעהען, דאָס די געזעצגעבענדע פערזאמלונג נאָך דעם 10טען אויגוסט האָט איינגעפיהרט אונטער דעם נאָמען „פראָוויזאָרישער עקזעקוטיוו ראטה" אַ מיניסטעריום, וועלכער האָט איבערגענומען אויף זיך די אלע טהעטיגקייטען פון אַן עקזעקוטיווער מאכט. דערפאר האָט די קאָנווענשען אין יאַנואר, 1793, געשאפען „אַ קאָמיטע פאר די אלגעמיינע פערטהיידיגונג", און דיזע קאָמיטע, אזוי ווי אין דיזען אויגענבליק איז די הויפּטזאַך געוועזן די מלחמה, האָט אויסגעפיהרט צו קריגען די מאכט אויפצופאסען אויף דעם עקזעקוטיוו־ראטה, אזוי, דאָס די „קאָמיטע פאר די אלגעמיינע פערטהיידיגונג" איז געוואָרען די וויכטיגסטע פערוואלטונגס־קערפערשאפט. דאן האָט די קאָנווענשאָן, אום צו געבען דער רעגיערונג אַ שטארקערען צוזאמענהאנג, איינגעפיהרט נאָך אַ קאָמיטע, „אַ קאָמיטע צום וואויל און בעסטען". דיזע קאָמיטע האָט בעדארפט אויסערוועהלט ווערען יעדע דריי מאָנאטען, און דיזע האָט עס בעדארפט פערשטופען אין שאָטען סיי די „קאָמיטע פאר די אלגעמיינע פערטהיידיגונג" און סיי „דעם עקזעקוטיוו־קאָנסיל". ריכטיג גערעדט, האָט דערמיט די פערזאמלונג זיך אליין געמאכט צום מיניסטעריום, אָבער לאנגזאם, לאנגזאם האָט דיזע „צום וואויל און בעסטען קאָמיטע" צוגענומען די גאנצע הערשאפט־מאכט פאר זיך, האָט זיך ארייגעריסען אין אלע צווייגען פון דער פערוואלטונג און גענומען זיך די מאכט, און זיך געטהיילט מיט דיזער מאכט בלויז מיט דער זיכערהייטס־קאָמיטע, וועלכע האָט געהאט צו זאָגען איבער די פּאָליציי־אנגעלעגענהייטען.

אין דעם קריזיס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין אפּריל, 1793, איז דאנטאָן, וועלכער האָט ביז איצט געשפּיעלט די אַקטיווסטע ראָליע אין קריעג, געוואָרען די נשמה פון דער קאָמיטע צום וואויל און בעסטען, און ער איז געבליבען ביי דיזער מאכט ביז צום 10טען יולי, 1793, ווען ער האָט זיך צוריקגעצויגען.

ענדליך האָט בעשלאָסען די קאָנווענשען, וועלכע האָט פּיע־

לע פון איהרע מיטגליעדער זינט סעפּטעמבער, 1792, ארויסגע־
שיקט אין די פּראָווינצען און צו די ארמייען מיט דעם טיטעל
„פֿאָלקספּערטרעטער אין מיססיאָן“, ארויסצושיקען נאָך אכציג,
אום ארויסצורופען דעם מוטה אין די פּראָווינצען און צו בע־
גייסטערען צום קריעג. און אזוי ווי די זשיראָנדיסטען האָבען
זיך ענטזאגט אָנצונעהמען דיזען אַמט — קיינער פון זיי איז ניט
אוועק צו די ארמייען — האָבען זיי גערן אויסגעוועהלט מיט־
גליעדער פון דער בארג־פּארטיי פאר דיזע זעהר שווערע אויפגאַ־
בען, דענקענדיג פיללייכט, אז ווען דיזע וועלען זיין אוועק פון
דער קאָנווענשען, וועלען זיי, די זשיראָנדיסטען, קענען טהאָן,
וואָס זיי וועלען נור וועלען.

געוויס האָבען דיזע אַלע מיטלען פון דער רעאָרגאניזי־
רונג פון דער רעגיערונג ניט געקאָנט שטערען דער שלעכ־
טער ווירקונג פון דעם פערראַטה פון דומאָריעז, ווען די
ארמייז זיינע וואָלט איהם געפאָלגט. די פראנצויזישע
נאציאָן האָט אָבער אזוי טהייער געהאלטען און אזוי געליעבט די
רעוואָלוציאָן, אז קיין גענעראל האָט ניט געקאָנט, לויט זיין
וואונש, צושטערען איהר ווירקונג. פונקט פערקעהרט, דער פער־
ראַטה האָט דאָס אויסגעפיהרט, וואָס דער קריעג האָט אָנגענו־
מען אַ גאַנץ נייעם כאראַקטער: ער איז געוואָרען דעמאָ־
קראטיש, ער איז געוואָרען אַ פאָלקס־קריעג. אָבער קיין מענש
האָט דאַן ניט געצווייפעלט, אז דומאָריעז אליין וואָלט קיינמאָל
זיך ניט אונטערשטעלט צו אונטערנעהמען דיזען פערראַטה. ער
האָט געמוזט האָבען גאָר אַ שטאַרקע אונטערשטיצונג אין פאריז.
דאָ איז געווען דער פערראַטה אין די אייגענע הויז. „די קאָנ־
ווענשען איז די פערדעטהערין“, האָט זיך ארויסגעדריקט אַן אויפ־
רוף פון דעם יאקאָבינער קלוב, וועלכער איז געווען אונטערשרי־
בען פון מאַראַט, וואָס האָט אין יענעם אבענד געפיהרט דעם
פאָרזיץ.

פון דאַן אָן איז דער שטורץ פון די זשיראָנדיסטען און די
ארויסווייזונג פון זייערע פיהרער פון קאָנווענשען געוואָרען אונ־
פערמיידליך.

## פינף און פערציגסטער קאפיטעל.

# די אורזאַכען פון דעם נייעם אויפשטאַנד.

דער אויפשטאַנד פון דעם 31טען מאַי. — דער סך הכל פון דער לאַגע. — די קאָנוועגשען און דומאריעץ. — די זשיראָנדיסטען שטימען פאר די ארעסטירונג פון מאַראַט. — דאָס פאָלק שטעהט אויף מאַראַט'ס זייט. — מאַראַט'ס כאַראַקטער. — ער ווערט פריינעשפּראָכען. — הונגער אין גרויסע שטעדט. — אַן אויסעראָרדענטליכער שטייער ווערט ארויסגעלייגט. — דער צאָרן פון די זשיראָנדיסטען. — אַ קאָמיטע פון צוועלף ווערט בעשטימט. — העבערט און וואַרלעט ווערען ארעסטירט. — איינאַרדס סטראשונאָק. — די סעקציאָנען פאָדערען די אויסשליסונג פון די זשיראָנדיסטען פון דער קאָנוועגשען.

---

דער 31טער מאַי איז איינער פון די גרויסע טעג פון דער רעוואָלוציאָן, און ער איז באלד אזוי בעדייטונגספול, ווי דער 14־טער יולי און דער 5טער אָקטאָבער פון 1789 און ווי דער 21סטער יוני פון 1792 און ווי אויגוסט דער 10טער, 1792, — אָבער דער טראגישסטער פילייכט פון זיי אַלע. אין דיזען טאָג האָט דאָס פאָלק פון פאריז רעבעללירט צום 3טען מאָל, מאַכענדיג זיין לעצטע אנשטרענגונג ארויפצודריקען אויף די רעוואָלוציאָן דעם ווירקליכען פאָלקס־כאַראַקטער. און, אום דאָס אויסצופיהרען, האָט דאָס פאָלק אין פאריז געמוזט רעבעללירען — ניט געגען קעניג און הויף, נור געגען דאָס קינד פון דער רעוואָלוציע גופא — געגען די נאַציאָנאַלע קאָנווענשען, אום אויסצושליסען פון איהר די פיהרער פון דער זשיראָנדיסטישער פּארטיי.

דער 21סטער יוני, דער טאָג, ווען דער קעניג איז פערהאַל־טען געוואָרען אין וואַרען, האָט געבראַכט איין עפּאָכע צו א שלוס; דער שטורץ פון די זשיראָנדיסטען, דעם 31סטען מאַי, 1793, איז געוועזן דער שלוס פון א צווייטער עפּאָכע. צו גלייכער צייט איז דיזער טאָג געוואָרען דער סימבאָל פאַר אַלע רעוואָלוציעס, וואָס דאַרפען נאָך קומען. פון דאַן אָן, פאַר א לאַנגע, לאַנגע צייט נאָך, וועט קיין רעוואָלוציע ניט זיין מעגליך, סיידען זי זאָל זיך ענדיגען מיט איהר 31־סטען מאַי. אָדער אין דער רעוואָלוציע וועט קומען א טאָג, ווען די פּראָלעטאַריער וועלען זיך אָבשיידען פון די מיטעל־קלאַס רעוואָלוציאָנערען, און זיי וועלען דאַן מאַרשירען צו א פּונקט, צו וועלכען די אנדערע וועלען זיי ניט קענען נאָכפאָלגען, ניט אויפהערענדיג צו זיין און צו געהערען צו דער מיטעל־קלאַס; אָבער דיזע צושיידונג וועט ניט שטאַטפינדען, און דאַן מיינט עס, אז עס וועט ניט זיין קיין רעוואָלוציע.

אפילו ביז היינטיגען טאָג פיהלען מיר נאָך די טראַגעדיע פון דער לאַגע, אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען די רעפּובליקאַנער פון יענער צייט. ערב דעם 31סטען מאַי איז עס שוין מעהר ניט געווען קיין פראַגע וועגען אראָבוואַרפען א ליגנערישען און פעררעטהערישען קעניג; דאָס איז געווען א קאַמפּף געגען זייערע קאָמעראַדען, וועלכע די רעוואָלוציאָנערען האָבען געמוזט אויפנעהמען, ווייל עס איז געוואָרען קלאָר, דאָס אויב מען וואָלט עס ניט געטהאָן, וואָלט שוין די רעאַקציע געקראָגען די אויבערהאַנד אין יוני, 1793, ווען די הויפּט־ארבייט פון דער רעוואָלוציע— די פערניכטונג פון דער פעאָדאַלער סיסטעם און פון „געטליכען רעכט פון קעניגטהום“ — איז נאָך ניט אויסגעפיהרט געוואָרען. די דילעמאַ איז געווען דיזע: אָדער צו פערדאַמען, אלס געפעהרליך, די זשיראָנדיסטישע רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבען ביז איצט אזוי מוטהיג געקעמפּפט געגען דעספּאָטיזם, אָבער האָבען איצט געזאָגט צום פאָלק: „אזוי ווייט, און ניט ווייטער!“ אָדער אויפצואוועקען דאָס פאָלק מיט׳ן צוועק צו פערניכטען זיי, צו איבערגעהן איבער זייערע טוידטע קערפּער

און זעהען אויספיהרען די גרויסע ארבייט, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אָנגעפאַנגען.

די טראַגישע לאַגע איז זעהר קלאָר צו זעהען אין בריססאָ'ס פּאַמפלעט „צו זיינע קאָנסטיטוענטען", דאַטירט מאַי דעם 26סטען, וועגען וועלכען מיר האָבען שוין גערעדט. מיר קענען, ווי דער אמת איז, ניט לייענען דיזע זייטען, און ניט פיהלען, דאָס עס איז א פראַגע פון לעבען און טוידט, וואָס ווערט דאָ דער־באַטירט. בריססאָ, וואהרשיינליך, האָט דאָ ריזיקירט מיט זיין לעבען, פערעפענטליכענדיג דיזען פּאַמפלעט, אין וועלכען ער האָט אָהן רחמנות געפּאָדערט, אַז די־יעניגע, וועמען ער האָט גע־רופען „אַנאַרכיסטען", זאָלען געשיקט ווערען אויף די תליה. נאָך דעם ווי דיזער פּאַמפלעט איז ערשיענען, זיינען נור געבלי־בען צוויי אויסוועגען: אָדער די אַנאַרכיסטען זאָלען זיך לאָזען גיליאָטינירען פון די זשיראָנדיסטען, וועלכע וואָלטען געעפענט די טהיר פאַר די ראָיאַליסטען; אָדער די זשיראָנדיסטען האָבען געמוזט אויסגעשלאָסען ווערען פון דער קאָנוועגשען, און אין דיי־זען פאַל האָבען זיי עס געמוזט זיין די יעניגע, וואָס האָבען גע־מוזט פערניכטעט ווערען.

עס איז קלאָר, אַז די מיטגליעדער פון בארג האָבען ניט בעשלאָסען מיט א לייכטען הארץ צו אפּעלירען צו אַן אויפ־שטאַנד, אום צו צווינגען די קאָנוועגשען ארויסצושטויסען פון זיך די הויפּט־פיהרער פון די רעכטע. פאַר לעגגער, ווי פאַר זעקס מאָנאַטען, האָבען זיי געזוכט אַן אנדער אויסוועג, אפשר וועלען זיי קענען קומען צו אַן איינפערשטענדניס. דאַנטאָן האָט בעזאָנדערס געארבייט פאַר א קאָמפּראָמיס. ראָבעספּיער, וויע־דער, האָט געארבייט, אום צו מאַכען די זשיראָנדיסטען מאַכט־לאָז „פּאַרלאַמענטאַריש", ניט געברויכענדיג דערצו קיין גע־וואַלד. מאַראַט אַליין האָט דערשטיקט זיין כעס, אבי נור אויסצומיידען א בירגער־קריעג. אויף אזא אופן האָבען זיי אויסגעפיהרט אָבצוציהען די ענטשיידונג פאַר איניגע חדשים. אָבער וואָס פאַר א פּרייז עס האָט געמוזט בעצאָהלט ווערען אום

צו פערזיכערען זיך דערמיט, וואָס איז שוין געוואונען געוואָרען. דאָס איז געווען אַ לעבען אין שטענדיגער אונזיכערהייט.

אין די פּראָווינצען איז די אַלטע אָרדנונג געווען נאָך זעהר שטאַרק. די פּריווילעגירטע קלאַסען האָבען געלויערט אויף דעם מאָמענט, ווען זיי זאָלען קענען צוריק קריגען זייער רייכטהום און שטעלונג, צוריקברענגען דעם קעניגטהום און די פעאָדאַלע רעכטע, וועלכע דער געזעץ האָט נאָך ניט אָבגעשאַפט. די ערש־טע ערנסטע שטערונג פון דער אַרמיי וואָלט געבראַכט מיט זיך די זיעגרייכע צוריקקעהרונג פון דעם אַלטען רעזשים. אין דער סויטה, אין דער סויטה־וועסט און אין דער וועסט פון פראַנקרייך זיינען די פּאָלקס־מאַסען געווען מיט די פּריסטער, מיט דעם פּאַפּסט, און דורך זיי, אויך מיט דעם קעניגטהום. עס איז אמת, דאָס אַ גרויסער טהייל פון לאַנד, וואָס איז צוגענומען געוואָרען פון די גייסטליכע און פון דער אַריסטאָקראַטיע, איז שוין אַרי־בער אין די הענד פון די העכערע און נידריגע מיטעל־קלאַסען, ווי אויך, ביז צו אַ געוויסען גראַד צו די בויערען. די פעאָדאַלע שטייערען זיינען ניט אויסגעקויפט און ניט בעצאָהלט געוואָרען. אָבער דאָס אַלעס איז געווען נור דערווייל, פאַר אַ צייט. און ווי, אויב מאָרגען וועט דאָס פאָלק, ערשעפּט פון אָרעמקייט און הונגער, מיעד פון קריעג, צוריקקעהרען זיך אין זיינע חורבות, און איבערלאָזען אַ פרייע האַנד צום אַלטען רעזשים? וואָלט דען דיי־זער ניט טריאומפירט איבעראַל אין וועניגע מאָנאַטען?

נאָך דעם פעררעטה פון דומאָריעז איז די לאַגע אין דער קאָנווענשען געוואָרען כמעט אונמעגליך. פיהלענדיג ווי טיעף זיי זיינען פאַרמישט אין דיזען פעררעטה פון זייער בעליעב־טען גענעראַל, האָבען די זשיראָנדיסטען פערדאָפּעלט די ביטער־קייט פון זייערע אַטאַקען געגען דעם באַרג. בעשולדיגט: צו זיין אונטער איין דעקע מיט דעם פעררעטהער, האָבען זיי אויף דעם געקאָנט נור ענטפערען מיט אַ פאָרדערונג, אַז מאַראַט זאָל אָנ־געקלאָגט ווערען פאַר דעם אויפרוף, וואָס דער יאַקאָבינישער קלוב האָט ארויסגעלאָזען דעם 3טען אַפּריל, ווען מען האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם פעררעטה פון דומאָריעז, און וועלכען

מאראט האָט אונטערשריבען, אלס דער פּרעזידענט פון קלוב אין יענער וואָך.

בענוצענדיג זיך מיט דער אבוועזענהייט פון א גרויסער צאָהל מיטגליעדער פון דער קאָנווענשען — מייסטענס מיטגליעדער פון בארג — וועלכע האָבען אָנגענומען דעם אמט פון שלוחים צו די ארמייען און אין די פּראָווינצען, האָבען די זשיראָנדיסטען געפּאָדערט פון דער קאָנווענשען, דעם 12טען אפּריל, א בעפעהל אָנצוקלאָגען מאראט, און דאן ארעסטירען איהם, און איהם לאָזען פּראָצעסירען פאר דעם קרימינאל־געריכט, אלס איינעם, וואָס האָט פערטהיידיגט מאָרד און רויב. דער דעקרעט פאר זיין ארעסטירונג איז אָבגעשטימט געוואָרען דעם 13טען אפּריל, מיט 220 שטימען געגען 92, פון 367 שטימען אלע צוזאמען — זיבען זיינען געווען דערפאר, אז די פראגע זאָל אָבגעלייגט ווערען, און 48 שטימען האָבען זיך אין גאנצען צוריקגעהאלטען פון שטימען.

אָבער די זשיראָנדיסטען האָבען דאָ ווידער געמאכט א טעות אין חשבון. דאָס פאָלק פון די ארבייטער־קווארטאלען האָט ליעב געהאט מאראט'ען צו שטארק, אז עס זאָל דערלאָזען איהם פעראורטהיילען. די אָרעמע האָבען געוואוסט, אז מאראט געהערט צו זיי, און דאָס ער וועט זיי קיינמאָל ניט פערראטהען. און וואָס מעהר מען שטודירט היינט־צו־טאָג די פראנצויזישע רעוואָלוציע, דאָס מעהר דערווייסט מען זיך, וואָס מאראט האָט געזאָגט און געטהאָן, און דאָס מעהר פערשטעהט מען, וואָס פאר א געמיינער בלבול דאָס איז געווען זיין צונעמענעש פון „פינסטערען מלאך המות“, וועלכען די היסטאָריקער, די בעוואונדערער פון די בירגערליכע זשיראָנדיסטען, האָבען איהם געגעבען. כמעט אימער, זייט דעם מאָמענט, ווען עס זיינען איינבערופען געוואָרען די גענעראל־שטאאטען, און איבערהויפּט אין דער קריטישער צייט, האָט מאראט ארויסגעוויזען א ריכטיגערן בליק, ווי די אנדערע, זאָגאר א ריכטיגערען ווי די ביידע אנדערע גרויסע פיהרער פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּענטליכער מיינונג — דאנטאָן און ראָבעספּיער.

פון דעם טאָג אָן, ווען מאַראַט האָט זיך איבערגעגעבען צו דער רעוואָלוציאָן, האָט ער זיך איבערגעגעבען צו איהר אין גאַנ־צען, מיט לייב און לעבען, האָט געלעבט אין ארמוטה, און איז געווען אימער געצוואונגען צו האַלטען זיך פערבאָרגען, וועהרענד די אַנדערע זיינען געווען רייך און מעכטיג. ביז צו זיין טוידט האָט ער ניט געענדערט זיין אַרט און וויייזע פון לעבען, אוננגע־אַכטעט אויף זיין פיבערישע טהעטיגקייט. זיין טיר איז אימער געווען אָפען פאַר די מענשען פון פאָלק. ער האָט געגלויבט, אַז עס איז נויטיג די דיקטאַטור, אום צו קענען איבערלעבען די פער־שיעדענע קריזיסען, אָבער קיינמאָל האָט ער ניט געוואָלט די דיק־טאַטור פאַר זיך אַליין.

ווי בלוטיג עס איז געווען זיין שפּראַך געגען די נפשות פון הויף — בעזאָנדערס אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, ווען ער האָט געזאָגט, אַז מען מוז אָבשניידען אַ פּאָר טויזענד קעפּ, און אַז אָהן דעם וועט עס ניט געהן, ווייל זאָנסט וועט דער קעניג־טהום בייקומען די רעוואָלוציאָנערען — דאָך איז ער אימער גע־ווען געניינט צו רחמנות פאַר די, וועלכע האָבען זיך אָבגעגעבען צו דער רעוואָלוציע, כאָטש זיי זיינען מיט דער צייט אַליין גע־וואָרען אַ שטערונג פאַר דעם וויייטערען גאַנג איהרען. שוין אין די ערשטע טעג האָט ער פערשטאַנען, אַז די קאָנווענשען קען ניט געהן פאָרווערטס מיט אַ שטאַרקער זשיראָנדיסטישער פּאַרטיי אין איהר, אָבער צוערשט האָט ער זיך גענומען די מיה ניט צו דערלאָזען דערצו, אַז זיי זאָלען מיט געוואַלד אַרויסגעטריבען ווערען; ער איז ערשט געוואָרען פאַר דעם, און ער האָט געזאָגט, אַז די אַרויסטרייבונג פון די זשיראָנדיסטען זאָל אויסגעפיהרט ווערען, ווען ער האָט איינגעזעהען, אַז מען מוז וועהלען צווישען די רעוואָלוציע און די זשיראָנדיסטען. עס איז זעהר מעגליך, אַז די טערראָר־הערשאַפט, ווי זי איז אויסגעפיהרט געוואָרען פון די מענער פון דער „קאָמיטע צום וואויל און בעסטען“, וואָלט ניט גע־ווען אַזוי שרעקליך, ווען מאַראַט וואָלט געלעבט. מען וואָלט זיך ניט בענוצט מיט דעם טעררער, אום צו פערניכטען פון איין זייט

די ראדיקאלע ריכטונג, די העבערטיסטען, און, פון דער אנדערער זייט, די מילדע, די געלאַסענע, ווי דאַנטאָן.*)

און ווי שטארק דאָס פאָלק האָט ליעב געהאט מאראט'ן, אזוי שטארק האָט די בורזשואזיע איהם געהאסט. דארום האָבען די זשיראָנדיסטען זיך ענטשלאָסען, וועלענדיג אָנפיהרען א קאמפף מיט דער בארג־פארטיי, אָנצופאנגען פון מאראט. ווייל ער וואָלט ניט געפונען אזוי פיעל פערטהיידיגער, ווי די אנדערע.

אזוי שנעל אָבער, ווי פאריז האָט זיך דערוואוסט פון דעם פערהאפט־בעפעהל געגען מאראט, האָט זיך אָנגעפאנגען א שטאר־קע בעוועגונג. דער אויפשטאנד וואָלט אויסגעבראָכען שוין דעם 14טען אפריל, ווען די מיטגליעדער פון בארג, ראָבעספיער און מאראט איינגעשלאָסען, וואָלטען ניט געארבייט דאגעגען. מאראט, וועלכער האָט זיך געלאָזט פערהאפטען, איז דעם 24טען אפריל פאָרגעקומען פאר'ן טריבונאל און איז גלייך פריינעשפראָכען גע־וואָרען פון די געשוואָרענע. דאן איז ער פון די סאנקיולאָטען געטראָגען געוואָרען אויף די הענד אין קאָנווענשען, און פון דאָרט איבער די גאסען.

אזוי זיינען די זשיראָנדיסטען דורכגעפאלען, און אין יענעם טאָג האָבען זיי פערשטאנען, אז עס איז געקומען א סוף צו זייער מאכט. דאָס איז געווען א „טרויער־טאָג", ווי דאָס האָט געשריי־בען איינע פון זייערע צייטונגען. בריססאָ האָט דאן פערעפענט־ליכט זיין לעצטען פאמפלעט „אן מיינע וועהלער", אין וועל־כען ער האָט געטהאָן זיין בעסט, אום ארויסצורופען די ליידענ־שאפטען פון דעם בירגערטהום געגען די „אנארכיסטען".

---

*) מאַראַט האָט געהאַט רעכט, ערקלערענדיג, דאָס די שריפטען, וועלכע ער האָט ארויסגעגעבען אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, זיי־נען געווען פול מיט רחמנות, פאָרזיכט, געמעסיגקייט, מענשענליעבע, פריוהייט און גערעכטיגקייט. זשאָרעס, וועלכער האָט מאַראַט'ען גרינדליך שטודירט, האָט פיעל בייגעטראָגען דערצו, אז מען זאָל איהם זעהען אין דעם ריכטיגען ליכט, בעזאָנדערס אין דעם פיערטען באנד פון זיין „געשיכטע דער רעוואָלוציאָן."

אונטער דיזע אומשטענדען האָט דאָס פאָלק פערלאָרען זיין אכטונג צו דער קאָנווענשען, אין וועלכער עס זיינען פאָרגעקומען די רייסערייען צווישען דיזע צוויי פארטייען, און עס איז געוועזן נאטירליך, אז די קאָמונע פון פאריז זאָל אָננעהמען די איניציאטיווע פון רעוואָלוציאָנערען האנדלען.

וואָס ווייטער עס האָט זיך גערוקט דער ווינטער פון 1793, אלץ שטארקער איז געוואָרען די הונגער־נויט אין די גרויסע שטעדט. פאר די שטאָדט־אדמיניסטראציעס איז עס געוואָרען שרעקליך שווער זיך צו פערשאפען דעם נויטיגען ברויט, כאָטש נור צו א פערטעל־פונט פאר יעדען איינוואוינער. אום דאָך צו שאפען דעם ברויט, האָבען די שטאָדט־רעגירונגען געמוזט מאכען אלץ מעהר און מעהר חובות.

דאָן האָט די קאָממונע פון פאריז בעשלאָסען א פראָגרעסיווע איינקונפט־שטייער פון צוועלף מיליאָן ליווערס פאר׳ן קריעג. דיזער שטייער האָט געמוזט קומען הויפטזעכליך פון די רייכע. אן איינקונפט פון 15 הונדערט ליווער פאר יעדען פאמיליען־פאָרשטאנד און פון טויזענד ליווער פאר יעדען פאמיליען־מיטגליעד איז געוועזן בעטראכט, אלס אן איינקונפט, וואָס איז גענוג צום לעבען, און פון אזעלכע איז קיין שטייער ניט גענומען געוואָרען. וואָס עס איז אָבער געוועזן איבער דיזע איינקינפטע, איז בעטראכט געוואָרען, אלס איבעריג, און האָט בעדארפט ברענגען דעם פראָגרעסיווען שטייער. דרייסיג ליווער פון יעדע צוויי טויזענד איבערפליסיגע ליווערס. פופציג ליווערס אויף אן איבערפליסיגע איינקונפט פון צוויי ביז דריי טויזנד ליווערס, און אזוי ווייטער, ביז צוואנציג טויזענד ליווערס, וועלכע זיינען גענומען געוואָרען פון אן איבערפליסיגער פופציג־טויזענדיגער איינקונפט.

אין א צייט פון קריעג, וועלכע פראנקרייך האָט דורכגעמאכט, אין מיטען פון א רעוואָלוציע און א הונגער־נויט, איז דיזער שטייער געוועזן א גאנץ בעשיידענער. נור פאר די גרויסע פערמעגענס איז עס געוועזן א גאנץ היבשער שטייער, וועהרענד א פאמיליע פון זעקס מענשען מיט אן איינקונפט פון צעהן טויזענד

ליווער האָט נור געהאַט צו בעצאָהלען הונדערט ליווער. און די רייכע האָבען אויפגעהויבען אַ געוואַלד־געשריי, וועהרענד דער פּאָטער פון דיזען שטייער, שאָמעט, געגען וועמען די זשיראָנ־דיסטען זיינען געוועז, נאָך מאַראַט'ען, שרעקליך אויפגעבראַכט, האָט געזאָגט זעהר ריכטיג: „קיין זאַך איז ניט אין שטאַנד צו מאַ־כען מיך ענדערען מיין מיינונג. און אפילו ווען איך וועל האָבען מיין האַלז אונטער'ן האַק, וועל איך נאָך אַלץ אויסרופען: „דער אָרעמער האָט געטהאָן זיין פליכט; עס איז צייט, אַז די רייכע זאָלען איהר ערפילען." איך וועל אויסרופען: „די עגאָאיסטען, די יונגע ליידיג־געהער, מוזען מיט עפּעס ניצליך זיין אפילו, ווען זיי ווילען עס ניט; זיי מוזען פערשאַפען רוה דעם עהרליכען און ניצליכען ארבייטער."

די זשיראָנדיסטען האָבען פערדאָפּעלט זייער שנאה צו דער קאָממונע, וועלכע האָט ארויסגעבראַכט דיזען געדאַנק פון דעם איינקונפט־שטייער. אָבער מען קען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ צאָרן עס האָט אויסגעבראָכען אין דעם גאַנצען בירגערטהום, ווען קאַמבאָן האָט פאָרגעשלאָגען אין קאָנוועגשען אַן הלואה פון אַ מיליאַרד, וועלכער זאָל געמאַכט ווערען איבער גאַנץ פראַנק־רייך פון די רייכע און פונקט לויט דיזעלבע פרינציפען, ווי דער איינקונפט־שטייער, און וועלכען ער האָט אויך אויסגעפיהרט דעם 20טען מאַי מיט דער הילפע פון די טריבונען. די בעצאָהלונג פון דיזער אַנלייהע זאָל מעגליך ווערען דורך דעם פערקויף פון די עמיגראַנטען־מאַיאָנטקעס. אונטער די שווערע אומשטענדען פון דער רעפובליק איז גאָר קיין אַנדער מיטעל ניט געוועזן, אָבער די פּערטהיידיגער פון אייגענטהום וואָלטען אַם ליעבסטען בעפאַלען און געטוידטעט די מיטגליעדער פון בארג אין דער קאָנווענשען, ווען דיזע האָבען פערטיידיגט דיזע מיטלען. שיער, שיער האָט מען זיך ניט געשלאָגען.

ווען עס וואָלטען נויטיג געווען נאָך בעווייזע, דאָס עס איז ניט מעגליך געווען עטוואָס צו טהאָן פאַר די רעטונג פון דער רע־וואָלוציאָן, אַזוי לאַנג, ווי דיזעביידע פאַרטייען זיינען געווען אין דער קאָנווענשען און פּאַראַליזירט איינע די אַנדערע, וואָלטען

די דעבאטען איבער די פּאַרגעשלאָגענע הלואה געבראכט דעם גלענצענדסטען בעווייז.

מעהר פון אַלץ אָבער איז דאָס פאָלק פון פּאַריז געוואָרען אויסער זיך דערפאר, וואָס די זשיראָנדיסטען, אום צו טוידטען די רעוואָלוציע, האָבען געהאלטען אין איין אויפהעצען די פּראָווינץ געגען פּאַריז, וועלכער איז פון אָנפאנג אָן געווען די שטארקסטע פעסטונג פון דער רעוואָלוציע. אום דאָס אויסצופיהרען, האָבען זיך די זשיראָנדיסטען ניט אָבגעשראָקען זאָגאר פון צו ווערען גוט־ברידער מיט די ראָיאַליסטען. בעסער די קעניגליכע געוואלד, איידער איין שריט ווייטער צו דער סאָציאַלער רעפּובליק. בעסער דערטרינקען פּאַריז אין בלוט, בעסער פערטיליגען דיזע פערפלוכטע שטאָדט, איידער דערלאָזען, אז דאָס פאָלק פון פּאַריז און זיין קאָממונע זאָלען טהאָן אזעלכעס, וואָס זאָל קענען זיין א געפאהר פאר'ן אייגענטהום. טהיערס און דער פּארלאמענט פון באָרדאָ האָבען געהאט, ווי מען זעהט, זייערע פאָרגעננגער אין די פערטרעטער פון דעם בירגערטהום פון 1793.

דעם 19טען מאַי האָבען די זשיראָנדיסטען אויף א פּאָרשלאָג פון בארער אויסגעפיהרט, אז עס זאָל אויסגעקליבען ווערען א צוועלפער־קאָמיסיע, וועלכע זאָל אונטערזוכען די בעשליסע פון דער קאָמונע. און דיזע קאָמיסיע, וועלכע איז אויסערוועהלט געוואָרען דעם 21טען מאַי, איז עס געוואָרען דער הויפּט ווערקצייג, מיט וועלכען די רעגיערונג האָט זיך בעדיענט. צוויי טעג שפּעטער האָט זי געלאָזען פערהאַפטען העבערט, וועמען דאָס פאָלק האָט זעהר געליעבט פאר זיין אָפענעם רעפּובליקאַניזם, וועלכען ער האָט געפּרעדיגט דורך זיין צייטונג און ווארלע, וועלכער איז געווען דער ליעבלינג פון די פּאַריזער אָרימע, און וועלכער וואָלט היינט געהייסען אַן אַנארכיסט, ווייל פאר איהם איז די קאָנווענשען געווען א פּלאַפּלער־בודע, און האָט אויף די גאַסען געפּרעדיגט ד' סאָציאַלע רעוואָלוציע.

אָבער מיט דיזע צוויי פערהאַפטונגען האָט זיך נאָך ניט געענדיגט די טהעטיגקייט פון דיזער קאָמיסיע. זי האָט אויך געהאט די אבזיכט זיך צו נעהמען צו די סעקציאָנען. זי האָט פער־

לאנגט, אז די סעקציאָנען זאָלען איהר איבערגעבען זייערע פּראָ־
טאָקאָל־ביכער, און זי האָט געלאָזט פערהאפטען דעם פּרעזידענט
און סעקרעטאר פון דער שטאָדט־סעקציאָן, וועלכע האָבען זיך
ענטזאגט איבערצוגעבען די ביכער.

דער זשיראָנדיסט איינארד, וועלכער איז אין דיזע טעג
געווען דער פּרעזידענט פון דער קאָנווענשען, האָט מיט זיינע
סטראשונקעס נאָך שטארקער געמאכט די אויפרעגונג. ער האָט
געסטראשעט די פּאריזער, אז אויב זיי וועלען אָנגרייפען די נאַ־
ציאָנאל־פערטרעטער, וועט פּאריז אָבגעמעקט ווערען פון דער אויי־
בערפלעכע פון דער ערד. „אויף די ברעגען פון דער סענא וועט
מען קענען זוכען, וואו פּאריז איז געשטאנען.“ דיזע נארישע
סטראשונקעס, וועלכע האָבען אזוי שטארק דערמאָנט אָן די
סטראשונקעס פון דעם קעניגליכען הויף אין 1791, האָבען נאָך
מעהר געמאכט אויפפלאקערען דעם צאָרן פון פאָלק. דעם 26טען
איז כמעט אין אלע סעקציאָנען געקומען צו שלעגערייען. דער
אויפשטאנד איז געוואָרען אונפערמיידליך, און דאָבעספּיער,
וועלכער האָט ביז דאן געארבייט פאר רוה, האָט דעם 26טען אין
אָוונד געזאָגט אין דעם יאקאָבינער־קלוב, אז אין א נויט־פאל
וואָלט ער אליין געוועזן פערטיג זיך צו שטעלען אָן דער שפּיצע פון
אָן אויפשטאנד געגען די קאָנספּיראטאָרס און פעררעטהער אין
דער קאָנוועגשען.

שוין דעם 14טען אפּריל האָבען 35 פון 38 סעקציאָנען פון
פּאריז פערלאנגט, אז די קאָנוועגשען זאָל אויסשליסען צוויי און
צוואנציג זשיראָנדיסטען, וועמעס נעמען זיינען אָנגעגעבען גע־
וואָרען. און איצט האָבען די סעקציאָנען זיך ערהויבען, אום צו
צווינגען די קאָנוועגשען זיך אונטערצוגעבען צום וואונש פון פּאַ־
ריזער פאָלק.

## זעקס־און־פערציגסטער קאַפּיטעל.

# דער אויפשטאנד פון מאי דעם 31טען און יוני דעם 2טען.

די פאָרבערייטונגען צום אויפשטאַנד. — די טהעטיגקייט פון די סעקציאָנען. — דער מאַנגעל אין אייניגקייט צווישען די רעוואָלוציאָנערען. — די עקסטרעמיסטען. — אַ נייער קלאַס פון אייגענטהימער. — דער 31סטער מאַי. — דער דורכפאַל פון אויפשטאַנד. — פאָרבערייטונגען צו אַ פרישען אויפשטאַנד. — דער 2טער יוני.—די נייעס פון אויפשטאַנד אין ליאָן. — דער צאָרן געגען די זשיראָנדיסטען. — אַ בריעף צו דער קאָנווענשאָן. — מאַראַט׳ס רעדע אין יאקאָבינער קלוב. — די זשיראָנדיסטען שליסען זיך אָן אָן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען —די קאָנווענשאָן ערקלערט די זשיראָנדיסטען אויסער געזעץ.

---

און ווידער אמאָל האָט דאָס פאָלק, אין זיינע סעקציאָנען, זיך פארטיג געמאַכט פאַר אַן אויפשטאַנד, ווי אין דעם 10טען אויגוסט. דאַנטאָן, ראָבעספּיער און מאַראַט האָבען געהאַט אָפטע בעראטהונגען צווישען זיך אין יענע טעג. אָבער זיי האָבען דאָך זיך ניט ענטשלאָסען, און ווידער איז די טהאַט געקומען פון די „אונבעקאַנטע“, וועלכע האָבען געגרינדעט אַן אויפשטאַנדס־קלוב אין בישאָפס פאַלאַץ און האָבען בעשטימט אַ קאָמיטע פון זעקס צוליעב דיעזען צוועק.

די סעקציאָנען האָבען גענומען אַן אקטיווען אנטהייל אין דיזע פאָרבערייטונגען. די סעקציאָן „קוואַטר נאַסיאָן“ האָט שוין אין מערץ זיך ערקלערט אין אַ צושטאַנד פון רעבעליאָן, און האָט בעפאָלמעכטיגט איהר אויפפאַסונגס־קאָמיטע

ארויסצולאָזען פערהאפט־בעפעהלע געגען די בירגער, וואָס זיינען פערדעכטיג אין אנטי־רעוואָלוציאָנערע מיינונגען, וועהרענד אנדערע סעקציאָנען, די יעניגע פון מאָקאָנסיל און פּאָיסאָניער, האָבען אָפען געפּאָדערט די פערהאפטונג פון די בריסאָטינישע דעפּוטאטען. אין א מאָנאט ארום האָבען נאָך אנדערע צוויי סעקציאָנען פערלאנגט אז עס זאָלען געשטעלט ווערען אונטער אנקלאגע די מיטשולדיגע פון דומאָריעז, ווען זיין פערראטה איז בעקאנט געוואָרען, און דעם 13טען אפּריל האָבען 35 סעקציאָנען צוזאמענגעשטעלט א ליסט פון צוויי און צוואנציג מיטגליעדער פון דער זשיראָנדיסטישער פּארטיי, וועלכע זיי האָבען פערלאנגט פון דער קאָנווענשאן זיי אויסצושליסען.

שוין אין אָנפאנג אפּריל האָבען די סעקציאָנען געמאכט דעם פּערזוך, ניט קימערנדיג זיך וועגען דעם עקזיסטירענדען קאָמונע־ראטה, זיך צו פעראייניגען, און דעם 2טען אפּריל האָט די סעקציאָן „גראַוויליער“, וועלכע איז געווען אימער די פּאָרט־געשריטענסטע, געמאכט א פּאָרשלאָג צו גרינדען א צענטראל־קאָמיטע. דיעזע קאָמיטע האָט נור זעלטען געהאנדעלט, אבער ווען די געפאהר איז געווען נאָהענט, האָט זי זיך פון דאָס ניי פערפעסטיגט (דעם 5טען מאַי) און דעם 29טען האָט זי איבער־גענומען אין איהרע הענד די פיהרונג פון דער בעוועגונג. דער איינפלוס פון דעם יאקאָבינער קלוב איז ניט געווען פון קיין גרויסער בעדייטונג. זיי האָבען אליין עס צוגעגעבען, אז די הויפּט־קראפט אין געווען אין די סעקציאָנען.

דעם 26טען מאַי האָבען זיך גאנץ היבשע פּאָלקסמאסען פערזאמעלט ארום די קאָנווענשאן. באלד איז א טהייל פון זיי אריינגעדרונגען אין דעם זיצונג־זאאל, און האָט פערלאנגט, מיט דער אונטערשטיצונג פון די טריבונען, די אונטערדריקונג פון דער צוועלפער־קאָמיטע. די קאָנווענשאן אבער האָט זיך גע־האלטען איינגע׳עקשנ׳ט, און ערשט ארום 12 ביינאכט איז זי ווייכער געוואָרען און האָט ענדליך נאָכגעגעבען. די קאָמיטע פון צוועלף איז אויפגעלייזט געוואָרען.

דאָס איז זיי אָבער צוגעגעבען געוואָרען בלויז אויף א

ווײלע. שוין אויף דעם אנדערען טאָג, דעם 27טען מאַי, האָבען די זשיראָנדיסטען, אונטערשטיצט פון דער זומפּ־פּארטײ און בענוצענדיג זיך מיט דער אבוועזענהייט פון די מיטגליעדער פון דער בערג־פּארטײ, צוריק איינגעפיהרט די אויפגעלייזטע צוועלפער־קאָמיטע. דאָס פּאָלק האָט דאָס מאָל, אלזאָ, גאָרניט אויסגעפיהרט. זיין אויפשטאנד איז געווען אַ דורכפאל.

און געקומען איז עס דערפון, וואָס צווישען די רעוואָלוציאָנערען גופא איז ניט געווען קיין איינינקייט. אַ טהייל פון די סעקציאָנען, וועלכע זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון די עקסטרימיסטען, זיינען געווען פאר אזא מין טהעטיגקייט, וועלכע זאָל ארויפיאָגען אַ שרעק אויף די געגען־רעוואָלוציאָנערען. זיי האָבען געוואָלט ברענגען דאָס פּאָלק צו אַן אויפשטאנד און מיט זיין הילף אומברענגען די וויכטיגסטע זשיראָנדיסטען. מען האָט זאָגאר גערעדט פון אויס'הרג'ענען אין פאריז אלע אריסטאָקראטען.

דיעזער פלאַן האָט זיך אָבער אָנגעשטויסען אָן אַ שטארקען ווידערשטאנד. די נאציאָנאל־פערוואלטונג איז געווען אַ משכן, וואָס איז אָנפערטרויט געוואָרען צום פּאָלק פון פאריז: און ווי אזוי האָט ער געקענט פערראטהען פראנקרייך'ס צוטרוי צו איהם? דאנטאָן, ראָבעספּיער און מאראט זיינען געווען ענטשיעדען דאגעגען. דער קאָמונע־ראטה און דער מעיאָר פאשע האָבען ניט געוואָלט אָננעהמען דיעזען פלאן פונקט אזוי, ווי דער דעפּארטמענטס־ראטה. און אויך די פּאָלקס־פעראיינען האָבען איהם ניט אונטערשטיצט.

און עס איז געווען נאָך עטוואָס, וואָס מען האָט געמוזט נעהמען אין אכט. מען האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער בורזשואזיע, וועלכע איז צו יענער צייט געווען שוין גאנץ שטארק אין פאריז. די באטאליאָנען פון איהר נאציאָנאל־גווארדיע וואָלטען פערניכטעט דעם אויפשטאנד, ווען עס וואָלט זיך געהאנדעלט וועגן דער פערטהיידיגונג פון איהר אייגענטהום. מען האָט זיי געמוזט קאווירען, אז זייער אייגענטהום וועט בלייבען אונבעריהרט. דערפאר האָט ה א ס ס ע נ פ ר א ץ,

וועלכער האָט ערקלערט, אז אין פּרינציפּ האָט ער גאָרינט געגען די פּלינדערונג פון די גנבים — אזוי האָט ער גערופען די רייכע — געזוכט צו פועל'ן ביי די יאקאָבינער, אז דער אויפשטאנד זאָל ניט זיין פערבונדען מיט דעם אָנריהרען פון אייגענטהום. „עס זיינען דאָ הונדערט־און־זעכציג־טויזענד מענשען, וועלכע זיינען בעוואפּענט און אין שטאנד די פּלינדערער צו טוידטען. עס איז קלאָר, אז עס איז א זיכערע אונמעגליכקייט אָנצוריהרען דעם אייגענטהום", האָט האססענפראַץ געזאָגט אין דעם יאקאָבינער קלוב, און ער האָט אויפגעפאָדערט די מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט זיך פייערליך צו פערפליכטען בעסער צו שטארבען איידער צו דערלאָזען צו אן אנגריף אויף אייגענטהום.

פונקט אזא נדר האָבען זיך געטהאָן, אין דער נאכט פון דעם 31טען, די מיטגליעדער פון דער קאָמונע, און זאָגאר די עקסטרעמיכטען אין בישאָפּס־פּאלאַץ האָבען געטהאָן דאָסזעלבע. די סעקציאָנען דאָסגלייכען

און ווירקליך אין דיעזר צייט האָט זיך געהאלטען אין אויסבילדען א נייע קלאסע פון בורזשואזע אייגענטהימער, א קלאָס, וועלכע איז אזוי אויסגעוואקסען אין דעם נייגצעהנטען יאהרהונדערט, און די רעוואָלוציאָנערען האָבען געזעהען זיך געצוואונגען זיי צו שאָנעווען, כדי ניט צו האָבען זיי געגען זיך.

אין דעם טאָג פאר אן אויפשטאנד ווייס מען קיינמאָל ניט, צי דאָס פאָלק וועט זיך ערהעבען צי ניט. דאָס מאָל איז נאָך געווען א סכנה, אז די עקסטרעמע עלעמענטען זאָלען זיך לאָזען הינרייסען צו טוידטען די זשיראָנדיסטען אין דער קאָנווענשאָן, און דורך דעם וואָלט פּאריז אויפגעבראכט געגען זיך גאַנץ פראנקרייך. און אזוי זיינען אוועק דריי טעג אין דעבאטען, ביז מען איז געקומען צו אן איינפערשטענדניס, אז דער אויפשטאנד זאָל געפיהרט ווערען פון אלע רעוואָלוציאָנערע קערפּערשאפטען; פון דעם קאָמונע־ראטה און דעם רעוואָלוציאָנערען גענעראל־ראטה פון דעם בישאָפּס־פּאלאַץ; עס זאָל ניט בעגאַנגען ווערען קיין געוואלט־אקט געגען פּערזאָנען, און אייגענטהום

זאָל רעספּעקטירט ווערען. מען האָט געוואָלט זיך נור בעגנוגענען מיט אַ מאָראַלישען צוואַנג אויף די קאָנווענשאַן, אַז זי זאָל איבערגעבען די דעפּוטאַטען, וועלכע זיינען געוועזען שולדיג, צום רעוואָלוציאָנערען געריכט.

דאָס האָט מאַראַט ערקלערט, ווען ער איז אַרויסגעקומען פון דער קאָנווענשאַן, אין דעם אָווענד פון דעם 30טען אין בישאָפּס־פּאַלאַץ און באַלד דערנאָך אין דער קאָמונע. אין מיטען נאַכט איז ער עס געווען, ווי עס שיינט, וועלכער האָט געקלונגען אין דעם אַלאַרם־גלאָק פון דעם ראַטהויז, כאָטש, לויט געזעץ, האָט געקומט טויט־שטראָף יעדען, וואָס זאָל קלינגען אין דעם אַלאַרם־גלאָק.

דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבען. די בעפאָלמעכ־טיגטע פון דעם בישאָפּס־פּאַלאַץ, וועלכער איז געוועזען דער מיטעלפּונקט פון דער בעוועגונג, האָבען אַראָבגעזעצט דעם מעיאָר אין דעם קאָמונע־ראַטה, ווי דאָס האָט פּאַסירט אויף דעם 10טען אויגוסט; אבער דאָס מאָל האָבען זיי ניט אַרעס־טירט דעם מעיאָר, און ניט בעשטימט קיין אַנדערען קאָמונע־ראַטה אויף דעם פּלאַץ פון דעם אַראָבגעזעצטען, נור זיי האָבען זיי געמאַכט שווערען זיך אָנצושליסען צום אויפשטאַנד. און ווען דיעזע לעצטע האָבען עס געטהאָן, זיינען זייערע עמטער זיי צוריקגעגעבען געוואָרען. פּונקט אַזוי האָבען זיי עס געמאַכט מיט דעם דעפּאַרטמענטס־ראַטה, און אין יענער נאַכט האָבען זיך די רעוואָלוציאָנערען פון דעם בישאָפּס־פּאַלאַץ און די דעפּאַרטמענטס־און קאָמונע־ראַטה זיך פעראייניגט אין איין „רעוואָלוציאָנערען גענעראַל־ראַטה“, וועלכער האָט איבערגענו־מען די פיהרונג פון דער בעוועגונג. דיעזער ראַטה האָט בע־שטימט דעם קאָמאַנדיר פון אַ באַטאַליאָן פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע (פון דעם באַטאַליאָן פון דער סעקציאָן סאַנקיולאָטען) האַנריאָ, אַלס דעם אָבער־קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַל־גוואַר־דיע. דער שטורם־גלאָק האָט געקלונגען, און עס איז געשלאָגען געוואָרען דער גענעראַל־מאַרש.

אין דיעזען אויפשטאַנד וואַרפט זיך איינעם אין די אוי־

גען זיין אונענטשלאָסענהייט. שוין נאָכדעם, אום איינס אוהר נאכמיטאג, ווי די אַלארם-קאַנאָנע האָט אָנגעהויבען צו דונערען, האָבען די בעוואפּענטע מיטגליעדער פון די סעקציאָנען, ווי עס האָט אויסגעזעהן, ניט געהאט נאָך קיין בעשטימטען פּלאַן. צוויי באטאַליאָנען, וועלכע האָבען געהאַלטען מיט די זשיראָנדיסטען, זיינען אַוועק צו דער קאָנווענשאַן און האָבען זיך אוועקגעשטעלט געגענאיבער די טיולערי. האַנריאָ האָט מיט די אַכט-און-פערציג קאַנאָנען פון די סעקציאָנען איינגעשלאָסען די נאַציאָנאַל פערזאַמלונג.

שטונדען זיינען אַוועק, אָבער עס האָט נאָך אַלץ גאָרניט פּאַסירט. גאַנץ פּאַריז איז געווען אין בעוועגונג, אבער די פּאָלקס-מאַסען זיינען ניט געקומען, און האָבען ניט געבראַכט מיט זיך קיין דרוק אויף די קאָנווענשאַן, אזוי, דאָס דער זשיראָנדיסט ווערגניאָ, וועלכער האָט געזעהען, אַז דער אויפשטאַנד ריהרט זיך ניט פון אָרט, האָט דורכגעפיהרט אַ רעזאָלוציאָן, אַז די סעקציאָנען האָבען זיך שטאַרק פערדיענט געמאַכט ביים פאַטערלאַנד. ער האָט דערמיט וואַהרשיינליך געוואָלט אָבשוואַכען די פיינדשאַפט פון די סעקציאָנען צו די זשיראָנדיסטען. דער טאָג האָט אויסגעזעהן שוין באַלד פערלאָרען, ווען נייע פּאָלקסמאַסען האָבען זיך פערזאַמעלט, און זיינען אריין אין דעם זיצונג-זאַאַל פון דער קאָנווענשאַן. איצט האָט זיך די בארג-פּאַרטיי געפיהלט גענוג שטאַרק, און ראָבעספּיער האָט געפאָדערט ניט נור די אונטערדריקונג פון דער 12ער קאָמיטע און די ערהויבונג פון אַן אַנקלאַגע געגען איהרע מיטגליעדער, נור אויך אַן אַנקלאַגע געגען די הויפּט-פיהרער פון די זשיראָנ-דיסטען, וועלכע מען האָט גערופען מיט דעם נאָמען „די צוויי-און-צוואַנציג“ און וועלכע האָבען צו דער קאָמיטע ניט געהערט.

דיעזער פאָרשלאַג איז אָבער ניט דיסקוטירט געוואָרען. אַלעס, וואָס די קאָנווענשאַן האָט בעשלאָסען צו טהון, איז געווען אויפצולעזען אויף דאָס ניי די צוועלפער-קאָמיטע און צו זאָרגען אַז איהרע פּאַפּיערען זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו דער וואויל-און-בעסטען-קאָמיטע, וועלכע דאַרף אין דעם משך פון

דריי טאָג אָבגעבען אַ בעריכט. אויסער דעם האָט די קאָנוועני שאן גוטגעהייסען אַ בעשלוס פון דער קאָמונע, לויט וועלכער די יעניגע אַרבייטער, וועלכע בלייבען בעוואַפענט ביז עס וועט ווידער צוריקגעבראַכט ווערען די עפענטליכע רוה, זאָלען זיי קריגען די פערציג סו טעגליך, צוליעב וואָס די קאָמונע האָט ארויפגעלעגט אַ שטייער אויף די רייכע, אום צו זיין אימשטאַנד אָנצוהאַלטען אַ זאָפּאָרטיגען אויפשטאַנד פאַר דריי טעג. מען האָט בעשלאָסען, אַז די קאָנוועניאן זאָל בלייבען אָפען פאַר'ן פאָלק, און מען זאָל ניט דאַרפען דערצו האָבען קיין ספּעציעלע ערלויבנים.

דאָס אַלעס איז געווען גאַנץ ווייניג. די זשיראָנדיסטישע פאַרטיי איז פערבליבען. זי האָט נאָך אימער געהאַט די מאַיאָריטעט, און דער אויפשטאַנד איז געווען אַ דורכפאַל. אויך דאָס פאָלק פון פאַריז האָט איינגעזעהען, אַז עס איז נאָך גאָר ניט דערגרייכט געוואָרען, און האָט אָנגעפאַנגען פּאָרבערייטען אַ נייעם אויפשטאַנד אויף איבערמאָרגען, אויף דעם 2טען יוני.

די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטע, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט פון דעם גענעראַל־ראַטה פון דער קאָמונע, האָט בעפוילען די פערהאַפטונג פון ראָלאַן און זיין פרוי (אזוי ווי ער איז געווען אָבגעפאָהרען, האָט מען איהר אליין אַרעסטירט) און האָט פערלאַנגט פון דעם קאָנוועניאן, אַז זי זאָל גאָר אָהן אַלע ווייטערע דיבורים לאָזען ארעסטירען 27 זשיראָנדיסטישע מיטגליעדער. אין אָווענד האָט זיך ווידער געהערט דער שטורם־גלאָק און פון צייט צו צייט האָט מען געהערט דאָס שיסען פון דער אַלאַרם־קאַנאָנע.

און איצט, דעם 2טען יוני, האָט זיך ערהויבען גאַנץ פאַריז. מעהר ווי הונדערט־טויזענד בעוואַפענטע האָבען בעלאַגערט די קאָנוועניאן. זיי האָבען געהאַט מיט זיך 163 קאַנאָנען. זיי האָבען פערלאַנגט, אַז די זשיראָנדיסטען זאָלען אָדער זיך אין גאַנצען צוריקציהען אָדער, ווען ניט דאָס, זאָלען 22 פון זיי, שפּעטער 27, אויסגעשלאָסען ווערען פון דער קאָנוועניאן.

די שרעקליכע ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקומען פון ליאָן,

האָבען נאָך פערשטאַרקט דעם אויפשטאַנד. מען האָט זיך דערוואוסט, דאָס דעם 23טען מאַי האָט זיך דאָס אויסגעהונגערטע פאָלק פון ליאָן ערהויבען, דאָס אָבער די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען, די ראָיאַליסטען, וועלכע זיינען אונטערשטיצט געוואָרען פון די זשיראָנדיסטען — האָבען געזיעגט איבער זיי און האָבען ווידער איינגעפיהרט „אָרדנונג": אכט הונדערט פּאַטריאָטען האָבען דערביי דאָס לעבען פערלאָרען.

דאָס איז געווען ליידער צו אמת; און דער אנטהייל פון די זשיראָנדיסטען אין דיזער בלוטיגער אויסשלאַכטונג אין ליאָן איז געוועזן אויסער יעדען צווייפעל. דיעזע ידיעה האָט אָנגעצונדען דעם צאָרן פון דעם פּאַריזער פאָלק, וואָס האָט בעלאַגערט די קאָנווענשאַן, און דאַן האָט דאָס פאָלק אויסגעשפּראָכען זיין אורטהייל איבער די זשיראָנדיסטען. דאָס פאָלק האָט ערקלערט, אז עס וועט קיינעם ניט ארויסלאָזען פון דער קאָנווענשאַן, ביז עס וועלען פון איהר ניט אויסגעשלאָסען ווערען די זשיראָנדיסטישע פיהרער.

מען ווייס, אז די קאָנווענשען — וועניגסטענס, די רעכטע, די מיטעלע און זאָגאר א טהייל פון דער בארג־פּארטיי — האָט דאַן ערקלערט, אז איהרע בעראַטהונגען זיינען אויף אזא אופן ניט מעהר פריי, און זי האָט פּרובירט צו שליסען די פערהאנדלונגען, און זיך פארנאַנדערגעהען. זיי האָבען געהאָפּט אויף אזא אופן אָבצונארען דאָס פאָלק און זיך קענען מאכען א וועג דורך די מאַסען. דאַן האָט האַנריאָ ארויסגעצויגען זיין סאַבליע און ארויסגעלאָזען דעם בעריהמטען בעפעהל: „קאַנאָנירע, צו אייערע וואפען!"

די קאָנווענשען, וועלכע האָט זיך געוועהרט דריי טעג, איז ענדליך געווען געצוואונגען נאָכצוגעבען דעם ווילען פון פאָלק. זי האָט בעשלאָסען אויסצושליסען 31 פון די זשיראָנדיסטישע מיטגליעדער. דאַן האָט א דעפּוטאַציאָן פון פאָלק איבערגעגעבען צו דער קאָנווענשען פאָלגענדען בריעף:

„דאָס גאנצע פאָלק פון פּאַריז שיקט אונז צו אייך, בירגער געזעצגעבער, אום אייך צו זאָגען, אז דער בעשלוס, וואָס איהר

האָט נור וואָס אָנגענומען, בעטייט די רעטונג פון דער רעפּובליק. מיר קומען, אום זיך אָנצובאָטען אלס משכן פאר די, וועמעס ארעסטירונג איז בעפוילען געוואָרען פון דער נאציאָנאלער פערזאמלונג, און כדי איהר זאָלט זיין זיכער, אז אין אייערע דעפּארטמענטס סטראשעט אייך קיין געפאהר ניט."

און מאראט האָט דעם 3טען יוני אין יאקאָבינער־קלוב געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האָט צוזאמענגעפאסט די בעדייטונג פון דיזער בעוועגונג און האָט פּראָקלאמירט דאָס רעכט פון וואוילשטאנד פאר אלע.

„מיר האָבען געמאכט א גרויסען שריט פאָרווערטס", האָט ער געזאָגט מכח דער אויסשליסונג פון די 31 זשיראָנדיסטען. „איצט איז די אויפגאבע פון דער קאָנווענשען צו זיכערען דעם פונדאמענט פון עפפענטליכען וואוילזיין. זיי מוזען ערקלערען זייערע פּרינציפּען. מיר ווילען, אז אלע די, וועלכע ווערען בעצייכענט אלס סאנקיולאָטען, זאָלען קענען געניסען גליק און וואָהלשטאנד. מיר ווילען, אז דיזע ניצליכע קלאסע זאָל אזוי ווייט, ווי מעגליך, געהאָלפען ווערען דורך די רייכע. מיר ווילען אייגענטהום ניט אָנריהרען. אָבער וועלכער אייגענטהום איז עס דער הייליגסטער? דער אייגענטהום פון לעבען! מיר ווילען אז דיזער אייגענטהום זאָל רעספּעקטירט ווערען...

„מיר ווילען, דאָס אלע מענשען, וועלכע פערמעגען וועניגער, ווי 100 טויזענד פראנק, זאָלען זיין פּערזאָנטערעסירט אין אונזער ארבייט. מיר וועלען לאָזען צו רוה די יעניגע, וועלכע האָבען א גרעסערען פערמעגען פון הונדערט טויזענד פראנק.... נור מיר ווילען זאָגען צו זיי: „גיט צו, אז מיר זיינען די שטארקסטע אין צאָהל, און ווען איהר ווילט אונז ניט העלפען, טרייבען מיר אייך ארויס פון דער רעפּובליק, נעהמען צו אייער אייגענטהום און צוטהיילען עס צווישען די סאנקיולאָטען."

און ער האָט צו דעם צוגעלייגט דעם וויטערען געדאנק, וועלכער האָט עס געזאָלט באלד אויסגעפיהרט ווערען.

„יאקאָבינער" — האָט ער צו זיי געזאָגט — „איך האָב איך א „וואהרהייט" צו זאָגען: איהר קענט ניט אייערע ערג־

סטע שונאים. דאָס זיינען די קאָנסטיטוציאָנע־
לע פריסטער; זיי שרייען אם מייסטען איבער די
אנארכיסטען און רוהע־שטערער, איבער דעם דאַנטאָניזם... שמיי־
כעלט ניט מעהר די טעות'ען פון פאָלק; האקט אָב די וואָרצלען
פון אבערגלויבען! זאָגט אָפען, דאָס די פריסטער זיינען אייערע
פיינד!"

אין דיזען אויגענבליק האָט פאריז פאר קיין פאל ניט גע־
וואָלט דעם טוידט פון די זשיראָנדיסטישע דעפּוטאטען. ער
האָט נור געוואָלט, אַ זיי זאָלען לאָזען אַ פרייען וועג פאר די
רעוואָלוציאָנערע מיטגליעדער פון דער קאָנווענשען, כדי זיי זאָ־
לען ווייטער קענען פיהרען די רעוואָלוציאָן. די ארעסטירטע
דעפּוטאטען זיינען ניט געבראכט געוואָרען אין גפענגנים, זיי
זיינען בעוואכט געוואָרען אין זייערע וואוינונגען. מען האָט
זיי זאָגאר ווייטער געצאָהלט טעגליך זייערע 18 פראנק, וועלכע
זיינען בעוויליגט געוואָרען יעדען קאָנוועטשען־מיטגליעד און זיי
האָבען געקאָנט ארומגעהן אין פאריז אונטער דער בעגלייטונג
פון אַ זשאנדאר.

וואָלטען דיזע דעפּוטאטען זיך צוריקגעצויגען אין זייער
פּריוואט־לעבען, וואָלט מען זיי גאָר אָהן צווייפעל געלאָזט צו־
רוה. אָנשטאָט דעם אָבער זיינען זיי אוועק אין די פערשיעדענע
דעפּארטמענטס, אום זיי אויפצוהעצען געגען פאריז און זיינע
רעוואָלוציאָנערען. זיי האָבען גאנץ גוט פערשטאנען, אז אויב
זיי ווילען מאכען אן אויפשטאנד פון די דעפּארטמענטס,
מוזען זיי זיך פעראייניגען מיט די ראָיאליסטען און די פּריס־
טער געגען די רעוואָלוציאָן און זיי האָבען זיך ליעבערסט פער־
אייניגט מיט די ראָיאליסטישע פעררעטהער, איידער אונטערצו־
געבען זיך. און זיי זיינען צו גרונד געגאנגען צוזאמען מיט די
פעררעטהער.

דאַן, אָבער ערשט דאַן, אין יולי, 1793, האָט די אויסגע־
רייניגטע קאָנוועטשען ערקלערט דיזע רעבעללען אויסער דעם
געזעץ.

זיבען־און־פערציגסטער קאפּיטעל.

# די פאָלקס־רעוואָלוציאָן. — די צוואַנגס־שטייער

וואָס די קאָנוועגשען האָט אויפגעטהאָן, ווען די הויפּט־פיהרער פון דער זשיראָנדיסטישער פּארטיי זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען. — די שרעקליכע לאַגע פון פראנקרייך. — די גרויסע ארבייט פון פאָלק. — די ארבייט פאר דעם צוקינפטיגען היסטאָריקער. — דער געדאַנק וועגען דער צוואַנגס־אנלייהע און זיין דורכ־פיהרונג.

---

ווען איינער זאָל וועלען צווייפלען אין דעם, אויב עס איז געווען נויטווענדיג פאר די רעוואָלוציע אויסצושליסען פון דער קאָנוועגשאן די הויפּט־פיהרער פון דער זשיראָנדיסטישער פּאר־טיי, דארף ער נור ווארפען א בליק אויף די געזעצגעבונג, וועלכע די קאָנוועגשאן האָט גלייך אונטערנומען, נאָכדעם ווי די אָפּאָ־זיציאָן פון דעם רעכטען פליגעל איז געווען געבראָכען, און אלע זיינע צווייפעל וועלען פערשווינדען.

די צוואנג־בעשטייערונג פון די רייכע, פאר די פערשאפונג פון די מורא'דיג־ גרויסע קריעגס־אויסגאבען, די בעשטימונג פון דעם מאקסימום־פּרייז פאר תבואה, די צוריקגעבונג צו די געמיינדען די שטיקער לאנד, וועלכע זיינען אוועקגענומען געוואָ־רען פון זיי זייט 1669, די ענדליכע אָבשאפונג פון די פעאָדאל־רעכטע, אָהן אַן אויסלייז־געלד, די געזעצע איבער ירושה, וועלכע האָבען געהאט אלס ציעל צו צוטהיילען די גרויסע פערמעגענס אין קליינע חלקים, אזוי, אז די פערמעגענס זאָלען אזוי ווייט ווי מעגליך אויסגעגלייכט ווערען, די דעמאָקראטישע קאָנסטיטוציע

פון 1793 — אלע דיעזע געזעצע זיינען אָנגענומען געוואָרען ראש איינער נאָך דעם אנדערען, אזוי שנעל, ווי די פּאַרטייען פון די רעכטע זיינען אָבגעשוואכט געוואָרען דורך די אַרויס־טרייבונג פון די זשיראָנדיסטישע פיהרער.

דיעזע פעריאָדע, וועלכע האָט אָנגעהאלטען פון דעם 31טען מאי 1793 ביז דעם 27טען יולי 1794 (9טען טהערמידאָר פון יאהר 2 פון דער רעפּובליק) איז די וויכטיגסטע פון דער גאנצער רעוואָלוציאָן. די גרויסע ענדערונגען אין די בעציהונגען צווי־שען די בירגער, וועמעס פּראָגראם איז פאָרגעצייכענט געוואָרען דורך די גרינדונגס־פערזאמלונג אין דער נאַכט פון דעם 4טען אויגוסט 1789, זיינען ענדליך געוואָרען א ווירקליכקייט דורך די אויסגערייניגטע קאָנווענשאַן און אונטער דעם דרוק פון דער פאָלקס־רעוואָלוציע נאָך פיער יאהרען פון ווידערשטאנד. און דאָס פאָלק, די סאנקיולאָטען, די אָהן־הויזענדיגע, ווי מען האָט זיי יעמאָלט גערופען, זיינען ניט נור געווען די יעניגע, וועלכע האָבען געצוואונגען די קאָנווענשאַן צו פערפאסען דיזע געזעצע, נור זיי זיינען עס אויך געווען, וועלכע האָבען געהאָלפען צו דער דורכפיהרונג פון דיזע געזעצע איבער'ן גאנצען לאנד מיט דער הילפע פון זייערע פאָלקס־געזעלשאפטען. צו דיעזע האָבען זיך עס געווענדעט נאָך הילפע די קאָנווענשאַן־מיטגליעדער, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען נאָך דער פּראָווינץ, ווען עס האָט זיך געהאנדעלט אום די דורכפיהרונג פון די אָנגענומענע געזעצע.

אין דיזער גאנצער צייט הערשט די הונגער־נויט. דער קריעג, געפיהרט פון פראנקרייך געגען די פעראייניגטע קעניגע פון פרייסען, פון דייטשלאנד, פון סארדיניען און שפּאניען, און וועלכע ווערען געפיהרט און געשטיצט דורך ענגלאנד, ווערט אַלץ שרעקליכער און שרעקליכער. וואָס עס פּאָדערט זיך אום צו פיהרען דיעזע מלחמה, איז גאָר ניט צו בעשרייבען. מען קען זיך קוים דאָס פאָרשטעלען, אפילו ווען מען שטודירט שוין די איינצעלהייטען, וועלכע מען געפינט אין די דאָקומענטען פון יענער צייט, און וועלכע גיבען א בילד פון דעם חורבן און געלד־מאנגעל, וואָס די אריינדרינגונג פון שונא האָט געבראכט אויף

פראנקרייך. אונטער די אמת־טראגישע אומשטענדען, וואו עס פעהלט—ברויט, שיך, לאסט־טהיערע, אייזען, בליי, סאלפעטער, און וואוהין קיין זאך קען ניט אריינקומען, ניט דורך דאס לאנד צוליעב די פיער הונדערט טויזענד מאן, מיט וועלכע די פער־איינינגטע קעניגע האבען פערצאמט דעם וועג צו פראנק־רייך און ניט דורם דעם ים, וואו די ענגלישע שיפען פארבלאקירען אלע האפענס — אונטער דיעזע טראגישע אומשטענדען שלאגען זיך די סאנקיולאטען, אום צו רעטען די רעפובליק, וועלכע, ווי עס זעהט אויס, איז נאהענט צום אונטערגאנג.

און צו דעם אלעם האבען זיך אין דיזער צייט פערשווארען געגען די רעוואלוציאן אלע, וועלכע האבען פריהער געהאט פריי־ווילעגירטע שטעלען אין דער געזעלשאפט און אלע די, וועלכע האבען געהאפט צוריקצוקריגען דיעזע פריווילעגיעס, ווען דער מאנארכישער רעזשים וועט צוריק איינגעפיהרט ווערען, קורץ, די פריעסטער, דער אדעל און די רייך־געווארענע בורזשואס, זיי אלע האבען זיך פערשווארען געגען די רעוואלוציע. די, וועלכע זיינען איהר טריי געבליבען, מוזען פיהרען זייער קאמפף צווישען דער וואנד פון באיאנעטען און קאנאנען פון דעם שונא פון דרויסען און צווישען דער פערשווערונג פון דעם שונא פון אינ־ווייניג, וועלכער האט די אבזיכט צו בעפאלען זיי פון הינטען.

דאס פערשטעהען די סאנקיולאטען און זיי זארגען דאפיר, אז ווען די רעאקציע זאל געווינען, זאל זי געפינען א גאנץ אומגעענדערטעס פראנקרייך: בויערען, וואס האבען שוין בעזיץ גענומען פון זייער לאנד, שטאדט־ארבייטער, וועלכע האבען זיך שוין צוגעוועהנט צום געדאנק פון גלייכהייט און דעמאקראטיע, אן אדעל און גייסטליכע, וועלכע האבען פערלארען זייערע פער־מעגענס, וואס דאס איז געווען זייער אמת'ע שטארקייט, און וועלכע זיינען שוין איבערגעגאנגען אין טויזענדע אנדערע הענד, מיט איין ווארט, אז פראנקרייך זאל אויסזעהן גאנץ אנדערש, ווי פאר דער רעוואלוציע, אזוי, אז עס זאל גאר אונמעגליך זיין וויעדער אויפצוריכטען די אלטע ארדנונג.

די אמת'ע געשיכטע פון דיעזע דרייצעהן חדשים — יוני

1793 ביז יולי 1894 — איז נאָך קיינמאָל ניט אָנגעשריעבען געוואָרען. די דאָקומענטען, וועלכע וועלען ווען־עס־איז דיענען פאַר איהר פערפאַסונג, ליעגען אין די פראָווינציאַל־ארכיוועז, אין די בעריכטען און בריעף פון די קאָנווענשאָן־מיטגליעדער, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען אויסצופיהרען זייערע מיסיאָנען אין דער פראָווינץ, אין די פראָטאָקאָלען פון די קאָמונע־פערוואַלטונגען, פון די פאָלקס־פעראיינע און אזוי ווייטער. זיי זיינען נאָך ניט בענוצט געוואָרען מיט יענער פלייסיגקייט, וועלכע איז פערווענדעט געוואָרען אויף די אַקטען איבער די געזעצגעבונגס־ארבייט פון דער רעוואָלוציאָן, און דאָס וואָלט מען בעדארפט טהאָן וואָס גיכער, ווייל די דאָקומענטען פערשווינדען זעהר שנעל. דאָס וועט, גאָר אָהן צווייפעל, פאָרדערען די ארבייט פון אַ גאַנצען לעבען, אָבער אָהן אזאַ ווערק וועט די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע ניט זיין פאָלשטענדיג *).

די היסטאָריקער האָבען פון דיזער פעריאָדע אויסגעפאָרשט הויפטזעכליך די מלחמה און די הערשאַפט פון טערראָר. דאָס אָבער איז ניט די הויפט־זאַך. די הויפט־זאַך איז די צערשטיקעלונג פון דעם לאַנד־אייגענטהום, די ארבייט פון דער דעמאָקראַטיזירונג, און אויפקלעהרונג פון פראַנקרייך, וואָס איז אויפגעטהאָן געוואָרען אין דיעזע דרייצעהן חדשים. צו דערצעהלען פון דיזער גרויסער ארבייט, פון אַלע קעמפפע, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אויף איינצעלנע פלעצער אין יעדען דאָרף און אין יעדען ווינקעל פון פראַנקרייך — דאָס וועט זיין די ארבייט פון אַ צוקינפטיגען היסטאָריקער. היינט קענען מיר נור אָנווייזען אויף איניגע הויפט־שטריכען.

דער ערשטער אמת־רעוואָלוציאָנערער מיטעל, וועלכער איז

---

*) וואָס פאַר אַ דאָקומענטען פון העכסטען ווערטה זיינען ערשט ניט לאַנג אין קלערוואָ פערניכטעט געוואָרען! מיר האָבען געזעהען די רעשטלאַך פון דעם, און האָבען געפונען איניגע רואינירטע שטיקלאַך פון דער ביבליאָטהעק „פערלין“, פערקויפט צו אַ בשמים־קרעמער און צו אַ טאַבאַק־הענדלער.

אָנגענומען געוואָרען נאָך דעם 31סטען מאַי, איז געווען די צוואַנגס־אַנלייהע ביי די רייכע פאר די הוצאות פון דער מלחמה. די שטאַאט־קאַסע, ווי מיר האָבען געזעהען, איז דאַן געווען אין אַ זעהר טרויעריגען צושטאַנד. די מלחמה האָט איינגעשלונגען מורא'דיגע סומען געלד. דער קורס פון די אסיגנאַציעס, וועלכע זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען אין אַ גרויסער צאָהל, איז שטאַרק געזונקען. נייע טעקסעס אויף די אָרעמע האָבען גאָר ניט מעהר געקאָנט איינברענגען. וואָס איז, אַלזאָ, געבליבען צו טהאָן, אויב ניט ארויפלעגען אַ טאַקסע אויף די רייכע? און דער געדאַנק פון אַ צוואַנגס־אַנלייהע פון אַ מיליארד, וועלכער זאָל גענומען ווערען פון די רייכע, אַ געדאַנק, וועלכער איז שוין געווען צווישען פאָלק אין דעם אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע, ווען נעקער איז געווען מיניסטער, איז איצט געוואָרען קלאָר פאר אַלעמען.

ווען מען לייענט היינט צו טאָג, וואָס די מענשען פון יענער צייט, סיי די רעאקציאָנערען און סיי די רעוואָלוציאָנערען, האָבען געזאָגט וועגען פראַנקרייך'ס צושטאַנד, קען מען זעהען, אז יעדער רעפּובליקאַנער, מאכט ניט אויס, וואָס ער האָט אין אַלגעמיין געגלויבט וועגען אייגענטהום, האָט געהאַט אין זינען די נויטווענדיגקייט פון אַ צוואַנגס־אַנלייהע. עס איז גאָר ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג. ווען דיזע פראַגע איז אויפגעוואָרפען געוואָרען דעם 20סטען מאַי, איז רעקאָמענדירט געוואָרען די טאַקסע פון קאמבאָן, וועלכער איז געווען אַ זעהר געמעסיגטער מענש. אָבער די זשיראָנדיסטען האָבען אַטאַקירט די פריינד פון דער אַנלייהע זעהר העפטיג, און עס האָט זיך דאַן אין דער קאָנווענשען אָבגעשפּיעלט אַ העסליכע סצענע.

דארום האָט מען דעם 20סטען מאַי ניט געקענט טהאָן מעהר, ווי נור אָנצונעהמען אין פּרינציפּ דעם געדאַנק פון אַ צוואַנגס־אַנלייהע. ווי זי זאָל דורכגעפיהרט ווערען, וועגען דעם זאָל מען ערשט שפּעטער דיסקוטירען — אָדער קיינמאָל ניט, ווען עס זאָל די זשיראָנדיסטען געלינגען צו ברענגען אויף די גילאָטינע די מענער פון דער בערג־פּאַרטיי.

אָבער שוין אין דער נאַכט נאָך דער אויסשליסונג פון די זשיראָנדיסטישע פיהרער, האָט די קאָמונע אין פּאַריז בעשלאָסען, אַז דער דעקרעט, וועלכער בעשטימט דעם מאַקסימום־פּרייז פון די לעבענסמיטעל, זאָל גלייך אין קראַפט טרעטען, דאָס מען זאָל זיך גלייך נעהמען צו דער בעוואַפנונג פון די בירגער, און דאָס די צוואַנגס־אנלייהע זאָל אויסגעפיהרט ווערען; און דאָס די רעוואָלוציאָנערע ארמיי זאָל גלייך אָרגאַניזירט ווערען. אלע בירגער, וואָס זיינען פעהיג צו טראָגען וואַפען, זאָלען זיך אָן איהר אָנשליסען, אָבער דאָס די פריהעריגע אריסטאָקראטען זאָלען אויסגעשלאָסען ווערען פון צו פערנעהמען די שטעלען פון קאָמאַנדירען.

די קאָנוועגשען האָט באַלד געהאַנדעלט אין דיזען זין, און דעם 22טען יוני, 1793, האָט זי דעבאַטירט איבער דעם בעריכט פון ריעל, וועלכער האָט ארויסגעשטעלט פאָלגענדע פּרינציפּען פאַר די צוואַנגס־אנלייהע. די נויטווענדיגע איינקונפט (דריי טויזענד פראנק פאַר אַ פאַמיליען־פאָטער און פופצעהן הונדערט פראנק פאַר אַן אונפערהייראַטהען) איז פריי פון דער אנלייהע. אויף אלע איינקינפטע, וואָס זיינען גרעסער, ווי די אָנגעגעבענע סומע, ווערט ארויפגעלייגט אַ פּראָגרעסיווע שטייער, ביז צום מאַקסימום, וועלכער בעטרעפט פאַר די אונפערהייראַטהע צעהן טויזענד און פאַר די פאַמיליען־פאָטערס צוואַנציג טויזענד פראַנק. און איז די איינקונפט איבער דיזען מאַקסימום, ווערט זי בעטראַכט, אלס איבעריג, און ווערט אין גאנצען צוגענומען פאַר די אנלייהע. דיזער פּרינציפּ איז אָנגענומען געוואָרען, נור די קאָנווענשאַן אין איהר דעקרעט דעמזעלביגען טאָג האָט פעסט־געשטעלט די נויטווענדיגע איינקונפט פון זעקס טויזענד פראנק פאַר אונפערהייראַטהע און פון צעהן טויזענד פראַנק פאַר פאַ־מיליען־פאָטערס.*)

---

*) דאָ געה איך נאָך נאָך דעם ווערק פון רענע שטורם „די פּי־נאַנצען פון דעם אַלטען רעזשים און פון דער רעוואָלוציאָן". די דיסקוסיאָנען אין דער קאָנווענשען זיינען געווען זעהר אינטערעסאַנט.

מען האָט אָבער אין אויגוסט שוין בעמערקט, דאָס די אנ־לייהע מיט די בעשטימטע איינקינפטע וועט ניט צומאָל קיין צוויי הונדערט מיליאָן ברענגען, און דעם 3טען סעפטעמבער האָט ד קאָנווענשען געמוזט ענדערען איהר בעשלוס פון דעם 22טען יוני. זי האָט פעסטגעשטעלט די נויטווענדיגע איינקינפטע אויף טויזענד פראנק פאר די אונפערהייראטהע און פופצעהן הונדערט פראנק פאר די פערהייראטהע, און טויזענד פראנק פאר יעדען מיטגליעד פון דער פאמיליע. אויף אלע גרעסערע איינ־קינפטע איז ארויפגעלייגט געוואָרען א פראָגרעסיווער שטייער, וועלכער איז געגאנגען פון צעהן ביז פופציג פראָצענט פון דער איינקונפט. די איינקינפטע פון איבער ניין טויזענד פראנק זיי־נען אויף אזא אופן געטעקסט געוואָרען, דאָס אין קיין פאל איז ניט געבליבען מעהר, ווי פיער טויזענד פינף הונדערט פראנק אי־בער די בעשטימטע נויטווענדיגע איינקונפט, מאכט ניט אויס, ווי הויך עס איז געווען די איינקונפט פון מאנכע פון די רייכע. דאָס אָבער איז ניט געווען אין בעצוג צו אן אָנהאלטענדער טאקסע, נור אין בעצוג צו דער צוואנגס־הלואה, וועלכע מען האָט איינמאָל אויפגענומען אונטער גאנץ געוועהנליכע אומשטענדען.

דאָ אָבער איז ארייגעטראָטען עטוואָס מערקווירדיגעס,

---

קאמבאן, רעדענדיג איבער דיזע פראגע דעם 26טען מאי, 1793, האָט געזאָגט: „איך ווינש, אז די קאָנווענשען זאָל מאכען אַ בירגער־אַנ־לייהע פון אַ מיליארד, וועלכער זאָל געטראָגען ווערען פון די רייכע און פון די גלייכגילטיגע... דו ביסט רייך, דו האָסט אַ מיינונג, וועלכע מאכט אונז קאָסטען; איך וויל דיך געגען דיין ווילען צושמידען צו דער רעוואָלוציע; איך וויל, אז דו זאָלסט דער רעוואָלוציע לייהען דיין פערמעגען. מאראַט און אַנדערע האָבען דעם פּלאַן אונטערשטיצט. אָבער די אָפּאָזיציאָן געגען דיזען פּלאַן איז געווען זעהר שטאַרק. עס איז ווערטה צו בעמערקען, דאָס איין דעפּארטמענט, דער העראָלט, איז ארויסגעקומען צוערשט מיט זיין ביישפּיעל פאר דיזע אנלייהע. קאמבאן האָט אָנגעוויזען אויף דעם אין זיין רעדע. דזשעק ראו האָט שוין דעם 9טען מערץ ביי די גרעווילער רעקאָמענדירט דיזע אנלייהע.

וואָס וואַרפט אַ שטאַרקע ליכט אויף די מאַכטלאָזיגקייט פון די פּאַרלאַמענטען. געוויס איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ רעגיע־רונג, פאַר וועלכע מען האָט מעהר מורא געהאַט, ווי די קאָנווענ־שען אין דעם צווייטען יאָהר פון דער רעפּובליק. און דאָך איז דיזער געזעץ וועגען דער צוואַנגס־אַנלייהע ניט געפאָלגט געוואָ־רען.. די רייכע האָבען ניט געצאָהלט. די אַנלייהע האָט פער־אורזאַכט גרויסע קאָסטען, אָבער ווי זאָל מען זי קריגען פון די רייכע, וועלכע האָבען ניט געוואָלט צאָהלען? פער'משכון'ען? פערקויפען זייער אייגענטהום? אָבער דאָס וואָלט געפאָדערט אַ גאַנצע מאַשינעריע, און זאָ־ווי־זאָ זיינען שוין בעשטימט געוואָ־רען פיעלע נאַציאָנאַלע גיטער צום פערקויף. אין מאַטעריעלען זין איז דאַרום די אַנלייהע געווען אַ דורכפאַל. אָבער די באַרג־פּאַרטיי האָט אויך געהאַט די אבזיכט פּאָרצובערייטען די גייס־טער פון די מענשען אויף דעם געדאַנק פון אויסגלייכונג פון די פערמעגענס, פיהרען זיי אין דיזער הינזיכט אַ טריט ווייטער, און אָט אין דעם זין האָבען זיי דערגרייכט זייער ציעל.

שפּעטער, זאָגאַר שוין נאָך דער רעאַקציע פון טערמידאָר, האָט דער דירעקטאָריום צום צווייטען מאָל ווידער גענומען זיך פאַר דעמזעלבען מיטעל—אין 1795 און אין 1799. דער גע־דאַנק פון נויטוועגדיגען און איבעריגען רייכטהום האָט זיך דורכגעבראָכען אַ וועג. און מען ווייס, דאָס דער פּראָגרעסיווער שטייער אין דעם יאַהרהונדערט, וואָס האָט געפאָלגט נאָך דער רעוואָלוציע איז געוואָרען דאָס פּראָגראַם פון דער דעמאָקראַטיע. אין מעהרערע שטאַאַטען איז זי זאָגאַר אָנגעווענדעט געוואָרען אין דער פּראַקסיס, אָבער אין אַ פיעל געמעסיגטערער מאָס, אַזוי געמעסיגט, דאָס נור דער נאָמען איז פערבליבען.

## אכט און פערציגסטער קאפיטעל.

# די געמיינדע לאַנד.—וואָס די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָט דערמיט געמאַכט.

די געשיכטע פון קאָממונאַלען לאַנד.—די געבורט פון די מיטעל־קלאַס־בויערען. — די אָפּאָזיציאָן געגען די אָרימערע בויערען. — אַקטיווע און פאסיווע בירגער. — די אוועקרויבונג פון קאָממונאַלען לאַנד דורך די רייכע בויערען. — די אונטהעטיגקייט פון דער פערזאמלונג. — דער פאָרשלאַג פון מאיהע פערוואָרפען. — דער צאָרן, וואָס דיזער דעקרעט האָט ארויסגערופען. — די שוויריגקייט צו מאַכען דיזען דעקרעט פאר אַ פאַקט. — די פערזאמלונג פערפאסט אַ נייעם געזעץ צום פאָרטהייל פון די רויבער.

---

צוויי גרויסע פראגען, ווי מיר האָבען געזעהען, זיינען געווען די סאַמע וויכטיגסטע אין פראנקרייך: אז די געמיינדען זאָלען צוריק קריגען זייער לאנד, און די ענדליכע אָבשאפונג פון די פעאָדאלע אָבצאָהלונגען. צוויי אויסעראָרדענטליך־גרויסע פראגען, וועלכע האָבען לײדענשאפטליך אינטערעסירט צוויי דריטעל פון פראנקרייך, און וועמעס לעזונג איז געהאנגען אין דער לופטען, אזוי לאַנג, ווי די זשיראָנדיסטען, די פערטהיידיגער פון אייגענטהום, זיינען געווען די הערשענדע מאכט אין דער קאָנווענשען.

זייט די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעפאנגען, אָדער ריכטיגער, זייט 1788, ווען עס איז אריינגעדרונגען א פונק פון האָפנונג אין די דערפער, האָבען די בויערען געהאָפט און זאָגאר פרו־

בירט ווידער צו קומען אין בעזיץ פון דעם קאָמונע־לאַנד, וועל־
כע עס האָבען צוגענומען פאר זיך אונטער דעם געזעץ פון 1669
דער אדעל, די גייסטליכע און די רייכע בירגער. וואו זיי האָבען
נור געקאָנט, האָבען די בויערען צוריקגענומען דיזעס גערויבטעס
לאַנד, ניט קוקענדיג אויף די שרעקליכע שטראָפען, וועלכע האָבען
זעהר אָפט געפאָלגט דיזע אקטען פון עקספּראָפּריאציאָן.

אמאָל, אמאָל, איז דאָס לאַנד, דאָס גאַנצע לאַנד, געווען דער
אייגענטהום פון דער דאָרף־געמיינדע. די פעאָדאַלע פריצים האָ־
בען געהאַט דאָס ריכטער־רעכט איבער די איינוואוינער און די
מייסטע האָבען אויך געהאַט דאָס רעכט אויפצומאָהנען געוויסע
שטייערען, וועלכע זיינען בעשטאַנען אָדער אין ארבייט, אין
פּראָדוקטען (געוועהנליך זיינען עס געווען דריי ארבייטס־טעג)
און געוויסע צאָהלונגען. פאר דעם האָבען זיי איבערגענומען די
פערטהיידיגונג פון דעם באָדען געגען אַלערליי איבערפאלען, פון
וועמען זיי זאָלען ניט קומען, צי פון אנדערע פריצים, צי פון רוי־
בער־באַנדען. פאר דעם צוועק האָבען זיי געמוזט אויפהאלטען
בעוואפענטע באנדעס.

מיט דער צייט אָבער האָבען די פריצים, מיט דער הילפע
פון דער מיליטער־געוואלט, וועלכע זיי האָבען געהאַט, פון די
פריסטער, וועלכע זיינען געווען אויף דער זייט פון די פריצים
און מיט די הילפע פון די יוריסטען, וואָס זיינען געווען
בעהאווענט אין דעם רוימישען געזעץ, צוגענומען פיעל לאַנד פאר
זייער פערזענליכען נוצען. דיעזע רויבעריי פון דעם געמיינדע
לאַנד איז צוגעגאַנגען גאַנץ לאַנגזאם, יאהרהונדערטע האָט עס
גענומען ביז זי איז געוואָרען פאָלשטענדיג — דעם גאַנצען מי־
טעל־אַלטער. אָבער צו ענדע פון זעכצעהנטען יאהרהונדערט איז
עס שוין אזוי ווייט געקומען, דאָס זיי האָבען געהאַט אַלס זייער
אייגענטהום גרויסע שטרעקען פון אקערלאַנד און לאָנקעס.

דאָס אָבער איז נאָך אַלץ ניט געווען גענוג פאר זיי.

וואָס גרעסער עס איז געוואָרען די בעפעלקערונג פון וועסט־
אייראָפּא, און וואָס מעהר ווערטה דאָס לאַנד האָט געקראָגען,
דאָס מעהר האָבען אַלץ געגלוסט די פריצים, וועלכע זיינען גע־

וואָרען די אונטערשטיצער פון קעניג, און וועלכע זיינען דארום אונטערשטיצט געוואָרען פון דער אויטאָריטעט פון קעניג און פריסטער, צו פערכאפּען אויף יענעם לאנד, וואָס איז נאָך פער־בליבען אין בעזיץ פון די דאָרף־געמיינדען. אין זעכצעהנטען און זיבצעהנטען יאהרהונדערט איז עס געוואָרען א גאנץ גע־געוועהנליכע זאך זיך צו בענוצען מיט טויזענדערליי מיטעל און אויסריידען דורך געוואלט אָדער דורך געזעצליכען שווינדעל, אוועקצורויבען דיזעס בויערען־לאנד. אָט דאן האָט דער געזעץ פון 1669, וועלכער איז ארויסגעלאָזען געוואָרען פון דעם „זונען־קעניג“, לואי, דעם 14טען, געגעבען די פריצים א נייע געזעצליכע וואפע פאר דיזען לאנד־רויב.

דיזע וואפע איז געוועזן די „דריטעלונג“, וועלכע האָט ער־לויבט דעם פריץ צוצונעהמען פאר זיך א דריטעל פון דעם לאנד פון יענע געמיינדען, וועלכע זיינען פריהער געווען אונטער זיין הערשאפט. די פריצים האָבען זיך געווים אונטערגעאיילט זיך צו בענוצען מיט דיזען געזעץ, אום צוצונעהמען פאר זיך דאָס בעסטע לאנד, וואָס האָט געהערט צו די געמיינדען.

שפּעטער, אונטער לואי דעם 14טען און לואי דעם 15טען, האָבען דער אדעל, די פריסטער געהאלטען אונטער אלערליי אויסרעדען אין בערויבען די געמיינדען פון זייער לאנד. ווען א קלויסטער האָט זיך אויסגעבויט אין מיטען פון א גרויסען וואלד, האָבען די בויערען גערן אָבגעטראָטען די מאנאכען גרויסע טהיי־לען פון וואלד. אָדער דער פריץ האָט פאר א גאנץ אונבעדייטענ־דע סומע געקראָגען דאָס רעכט אויסצובויען אויף דעם לאנד פון דער געמיינדע א פאכט־הויף, און שפּעטער האָט ער שוין גע־פאָדערט פאר זיך אויך דאָס רעכט פון אן אייגענטהימער. מען האָט זיך ניט געשעהמט צו פעלשען דאָקומענטען. אנדערשוואו האָט מען זיך בענוצט מיט דער איינצאמונג, און אין מעה־רערע פּראָווינצען האָט זיך ערקלערט דער גרונד־הערר, וועלכער האָט ארומגעצאמט א טהייל פון דעם געמיינדע לאנד מיט א פּארקאן, אלס זיין אייגענטהימער, און פלעגט אויך קריגען דאָס אייגינטהום־רעכט פון די קעניגליכע בעאמטע, אָדער פון די פּאר־

לאָמענטען. און אזוי ווי דער ווידערשטאנד געגען אזא לאנד־רויבעריי איז בעטראכט געוואָרען אין קעניגליכען הויף, וואו דער פריץ האָט געהאט זיינע בעשיצער, אלס מרידה, איז די לאנד־רויבעריי אָנגעגאנגען איבער גאנץ פראנקרייך אלץ ווייטער און ווייטער.*)

אָבער, ווייבאלד די בויערען האָבען געמערקט דאָס אָנקומען פון דער רעוואָלוציע, האָבען זיי אָנגעהויבען צו פאָדערען, אז די עקספּראָפּריאציע, וועלכע איז אָנגעגאנגען זייט 1669, זאָל עס זיין דורך דעם געזעץ פון די דריטעלונג אָדער אויף אירגענד אן אנדער אופן, זאָל ערקלערט ווערען אלס אונגעזעצליך, און דאָס יענע שטיקער לאנד, וועלכע זיינען אוועקגענומען געוואָרען פון די געמיינדען אונטער אזעלכע אויסריידען אָדער דורך טויזענדערליי אנדערע שווינדעל, זאָלען צוריקגעגעבען ווערען צו די געמיינדען. אין מאנכע פלעצער האָבען די בויערען גענומען בעזיץ פון דיזע שטיקער לאנד אין דעם משך פון די אויפשטענדע פון 1789 ביז 1792. אָבער מאָרגען האָט דאָך געקאָנט די רעאקציע צוריקקעהרען, און דאן וואָלט מען דאָך ביי זיי צוריקגענומען דאָס לאנד. דערפאר האָבען די בויערען געוואָלט, אז די צוריקקעהרונג פון לאנד צו די געמיינדען זאָל זיין אי אלגעמיין און אי געזעצליך. געגען דעם אָבער זיינען געווען מיט אלע זייערע כחות ניט נור די גרינדרונגס־פערזאמלונג און די געזעצגעבערישע פערזאמלונג, נור אויך די קאָנווענשאָן, אזוי לאנג, ווי די זשיראָנדיסטען האָבען דאָרט געהאט די מאכט.

עס מוז אויך אָנגעוויזען ווערען, דאָס דער געדאנק פון צו

---

*) מעהרערע לאַנדטאגען אין די פּראָווינצען האָבען פאר 1789 פּרובירט אויסצופיהרען די געמיינדע־לאַנד־טהיילונג אָדער לויט די צאָהל פון די איינוואוינער אָדער לויט די שטייער, וועלכע דער איינצעלנער האָט געצאָהלט. פיעלע וואהל־העפטען האָבען אויפגעשטעלט דיזע פאָרדערונג. אַנדערע דאגעגען האָבען זיך בעקלאָגט געגען די פאַרצאַמונג, צו וועלכער דער קעניג האָט איינגעוויליגט אין 1769 און אין 1777 אין איניגע פּראָווינצען.

צוטהיילען דאָס קאָמונאַלע לאַנד צווישען די מיטגליעדער פון יעדער קאָמונע, וועלכער איז אָפט אויסגעדריקט געוואָרען פון דער דאָרף־בורזשואַזיע, איז בשום אופן ניט געווען פּאָפּולער צווישען דער גרויסער מאַסע בויערען, פּונקט ווי ער איז עס היינט ניט צווישען די רוסישע, בולגאַרישע, סערבישע, אַראַבי־שע, קאַבילישע און אינדישע אָדער צווישען אירגענד וועלכע אַנדערע בויערען, וועלכע האָבען נאָך די דאָרף־קאָמונע. מיר ווייסען, דאָס וואו־נור עס ווערט אויפגעהויבען אין אַ לאַנד, וואו עס עקזיסטירט קאָמונאַלער אייגענטהום, אַ שטימע פאַר די צו־טהיילונג פון דעם לאַנד, וואָס געהערט צו דער דאָרף־געמיינדע, ווערט עס געטהאָן צו גונסטען פון די דאָרפישע מיטעל־קלאַסען, מענשען, וועלכע זיינען געוואָרען רייך, אַלס קליינע געשעפטס־לייט און וועלכע האָבען אַן אויסקוק צו ווערען די אייגענטהי־מער פון דעם אָרימאַנס שטיקעל לאַנד אַזוי שנעל, ווי דאָס לאַנד וועט צוטהיילט ווערען. די גרויסע צאָהל בויערען איז כמעט אימער געגען אַזאַ צוטהיילונג.

דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט אין פראַנקרייך אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. פון סאַמע מיטען פון דער גרויסער מאַסע בויערען, וועלכע זיינען געזונקען אַלץ טיעפער און טיעפער אין זייער שרעקליכע אָרעמקייט, האָבען זיך ענטוויקעלט מיטעלקלאַס־בויערען, וועלכע זיינען געוואָרען אַלץ רייכער און רייכער, אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אופן, און צו וועמעס פאָרדע־רונגען עס האָט זיך צוגעהערט די רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג, וועלכע איז געווען מיטעלקלאַסיש אין איהר נאַטור, אין איהרע נייגונגען און אין איהר שטאַנדפּונקט. דיעזע בורזשוי־בויערען זיינען געווען גאַנץ איינפערשטאַנען מיט די מאַסען־בויערען אין דער פאָרדערונג פון צוריקנעהמען דאָס קאָמונאַלע לאַנד, וועלכעס די פּריצים האָבען געהאַלטען פאַר זיך זייט 1669, אָבער זיי זיינען געווען געגען דעם ווילען פון דער מאַסע, ווען זיי האָבען געפאָדערט די באַלדיגע צוטהיילונג פון לאַנד. דער ווידערשטאַנד פון די אָרעמע בויערען איז געווען דאָס שטאַרקער דורך דעם גרויסען אונטערשיעד, וואָס האָט זיך געבילדעט אין

־עם משך פון די יאהרהונדערטע צווישען דיעזעביידע קלאסען, סיי אין דאָרף און סיי אין שטאדט. עס זיינען געוועזען פאמי־ליען, מעהר אָדער וועניגער פערמעגליכע, וועלכע זיינען געוועזען אָדער האָבען בעהויפּטעט, אז זיי זיינען געוועזען די שפּרעצלינגע פון די גרינדער פון דיזע געמיינדען. דיעזע האָבען זיך אַ נאָמען געגעבען בורזשואים, אין אלזאס האָבען זיי זיך גערופען „די בירגער", אָדער גאַנץ איינפאך „די פאמיליען"; אָבער עס זיינען אויך געוועזען אזעלכע, וועלכע זיינען שפּעטער צוגעשטאַנען צו דער געמיינדע, און וועלכע האָבען זיך גערופען „די איינוואוי־נער", און אין אלזאס און אין דער שווייץ „די אַנזעסיגע".

נור די ערשטע האָבען געהאט דאָס רעכט איבער דעם קאָ־מונאַלען אַקער־לאַנד, און זיי אַליין האָבען אין פיעלע פעלע געהאט דאָס רעכט פון פאשע, פון די וועלדער, פון דעם לעדיגען לאַנד, וועהרענד „די איינוואוינער" זיינען אָפט אויסגעשלאָסען געוואָרען פון אַלע רעכטע, און עס איז זיי געוועזען קוים ערלויבט ארויסצולאָזען זייערע אַ ציעג אויף פאשע אויף דעם לעדיגען לאַנד, אָדער אויפצוהייבען אַ שטיקעל האָלץ אָדער אַ קאשטאַן.

זייער לאגע איז געוואָרען נאָך פיעל ערגער נאָך דעם, ווי די נאציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט פעסטגעשטעלט דעם אונגליק־ליכען אונטערשיעד צווישען אקטיווע און פאסיווע בירגער, ניט נור אין בעצוג צו פּאָליטישע רעכטע, נור אויך בנוגע צו דער אויסוואהל פון קאָמונאַלע קערפּערשאַפטען, בעאַמטע און ריכ־טער. דורך דעם מוניציפּאַל־געזעץ פון 1789 האָט די גרינדרונגס־פערזאַמלונג ווירקליך אָבגעשאַפט די פּאָפּולערע דאָרף־פערזאַמ־לונג, וועלכע איז געוועזען צוזאַמענגעשטעלט, ווי דער רוסישער „מיר", פון אַלע עלטסטע פון די פאמיליעס אין דער געמיינדע, וועלכע האָט ביז דאַן געהאט איהרע בעראַטהונגען אונטער אַ בוים אָדער אין דעם שאַטען פון דער קירכע; און אַנשטאַט דיעזען פאָלקס־מיטינג האָט זי איינגעפיהרט אַן אויסערוועהלטע רעגיערונג, וועלכע האָט געקענט אויסערוועהלט ווערען בלויז פון די אַקטיווע בירגער.

פון יענער צייט אַן האָט די אנאייגנונג פון'ם קאָמונאַלען

לאַנד דורך די רייך־געוואָרענע בויערען און דורך אַלערליי אַנ־דערע מיטעלקלאַס־מענשען, געמוזט אָנגעהן זעהר ראשיג. עס איז געווען ווירקליך לייכט פאַר די אַקטיווע בירגער צו קומען צו אַן איינפערשטענדניס צווישען זיך, וועגען דעם איינקויף פון די בעס־טע שטיקער לאַנד, און אויף אַזאַ אופן בערויבען די אָרימע אין דער געמיינדע פון דעם געברויך פון דעם געמיינשאַפטליכען לאַנד, וועלכע איז אפשר געווען דער איינציגער מיטעל צו פערזיכערען זייער עקזיסטענץ. דאָס האָט געמוזט זיין דער פאַל אין דער וואַנדיי און, אָהן צווייפעל, דורך גאַנץ ברעטאַין, וואו די בויערען האָבען געהאַט, ווי מען קען עס זעהען פון די געזעצע פון 1793, ביז דאַן די זעהר ברייטע רעכטע איבער ווייטע שטרעקעס פון לאַנד, וועלדער און פעלדער, וועלכעס די דאָרף־בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבען צו בעשטרייטען, ווען דער אַלטער מנהג פון דער דאָרף־פערזאַמלונג איז אָבגעשאַפט געוואָרען דורך דעם געזעץ פון דעצעמבער 1789.

אונטער דער ווירקונג פון די געזעצע פון דער גרינדונגס־פערזאַמלונג האָט די קליינע דאָרף־בורזשואַזיע אָנגעהויבען אַלץ מעהר און מעהר צו פאָדערען, אַז דאָס לאַנד, וואָס איז צוגענו־מען געוואָרען אונטער דעם געזעץ פון „דריטלען", זאָל צוריק־געגעבען ווערען צו די דערפער, און אין דערזעלבער צייט זאָל דעקרעטירט ווערען די צוטהיילונג פון דעם געמיינשאַפטליכען לאַנד. זיי זיינען געווען זיכער, דאָס אויב די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג זאָל בעשטימען די צוטהיילונג, וועט עס זיין זעהר פאָרטהיילהאַפט פאַר די רייכע בויערען. די אָרימע, די פאַסי־ווע, וועלען דאַן ווערען אויסגעשלאָסען פון דער חלוקה. אָבער ניט די גרינדונגס־פערזאַמלונג און ניט די געזעצגעבענדע פער־זאַמלונג האָבען געטהאָן עטוואָס ביז 1792. זיי ביידע זיינען געווען געגען אירגענד וועלכע לייזונג פון דער פראַגע, וועלכע זאָל ניט טויגען פאַר'ן אדעל, און צוליעב דעם האָבען זיי גאָר ניט געטהאָן.

נאָך דעם 10טען אויגוסט, 1792, ערב איהר אויפלעזונג, האָט די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג געפיהלט זיך געצוואונגען

צו טהון עפּעס, און דאָס, וואָס זי האָט געטהאָן, איז געווען צום נוצען פון דער דאָרף־בורזשואַזיע. ווען מאַיהע האָט פאָר־געבראַכט דעם 2טען אויגוסט 1792, דעם גוט־איבערלעגטען פאָרשלאַג פאַר אַ דעקרעט אָבצושאַפען די געזעצע פון 1669 און צווינגען די פּריצים צוריקצוגעבען דאָס קאָמונאַלע לאַנד, וועלכעס זיי האָבען אַוועקגערויבט פון די בויערען פאַר די לעצטע צוויי־הונדערט יאָהר, איז זיין פאָרשלאַג ניט אָנגענומען געוואָרען. אָנשטאָט דעם, שוין מיט עלף טעג שפּעטער, דעם 14טען אויגוסט, אויף דעם פאָרשלאַג פון פראַנסואַ, האָט די געזעצגעבענדע פער־זאַמלונג פאָלגענדעס בעשלאָסען: ערשטענס, דיעזען יאָהר, גלייך נאָך שניט־צייט, מוזען אַלע קאָמונאַל־לענדערייען, אויסער וועלדער (וואָס דאָס האָט געמיינט אפילו די פּאַשע־לאַנד, וואָס האָט נאָך געהערט צו די קאָמונען, און צו וועלכע יעדער פון די איינוואוינער האָט געהאַט אַ גלייכען רעכט) זאָל צוטהיילט ווערען צווישען די בירגער פון יעדער קאָמונע. צווייטענס, דיעזע בירגער זאָלען געניסען דעם פאָלשטענדיגען אייגענטהומס־רעכט פון זייערע חלוקות. דריטענס, דאָס קאָמונאַלע לאַנד, וואָס איז בעקאַנט, אַלס „קיינעמס ניט“ און אַלס „לעדיג“ זאָל גלייך צוטהיילט ווערען צווישען די איינוואוינער, און פערטענס, אום צו בעשטימען דעם אופן פון דער חלוקה, זאָל די קאָמיטע פון אַגריקולטור פאָרשלאָגען אַ פּלאַן, וואָס זאָל אָנגענומען ווערען. און דורך דעמזעלבען געזעץ האָט די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג אויך אָבגעשאַפט די געמיינשאַפטליכע ערבות פון די דאָרפסלייט פאַר דעם צאָהלען פון טאַקסעס.

עס איז אין דער טהאַט געווען אַ פערעטהערישער קלאַפּ, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרען דעם קאָמונאַלען אייגענטהום. פערפאַסט אין איילעניש, מיט אונגלויבליכער אונבעשטימטקייט און נאַכלעסיגקייט, האָט דיעזער געזעץ מיר אויסגעזעהען אזוי משונה׳דיג, דאָס פאַר אַ געוויסע צייט האָב איך ניט געקענט גלויבען, דאָס דער טעקסט, ווי ער ווערט איבערגעגעבען פון דאַללאָץ, איז געווען עטוואָס אַנדערעס, ווי אַ זעהר אונ־פאָלקאָמענער סך־הכל, און איך האָב נאָכגעפאָרשט דעם גאַנצען

געזעץ. אבער איך האָב אויסגעפונען, אַז דאַללאָץ האָט איבערגעגעבן דעם ריכטיגען און פולען טעקסט פון דיזען ערשטווינענדען געזעץ, וועלכער האָט מיט דעם ריהר פון אַ פעדער אָבגעשאַפט דעם קאָמונאַלען אייגענטהום אין פראַנקרייך און האָט בערויבט יזלע די, וועלכע האָבען זיך גערופען איינוואוינער אָדער „אַנזעסיגע“ פון אַלע זייערע רעכטע איבער דאָס קאָמונאַלע לאַנד.

מיר קענען זעהר גוט פערשטעהן דעם צאָרן, וואָס דיזער געזעץ האָט אַרויסגערופען איבער גאַנץ פראַנקרייך צווישען די אָרימערע פון דער דאָרף־בעפעלקערונג. מען האָט עס פערשטאַנען, אַלס אַ בעפעהל צו צוטהיילען דאָס קאַמונאַלע לאַנד צווישען די אַקטיווע בירגער, און נור צווישען דיזע בירגער, אויסשליסענדיג אַלע איינוואוינער און די אָרימע פון דיזער חלוקה. דאָס איז געווען אַ רויב צום נוצען פון דער דאָרף־בורזשואַזיע, און דיעזער געזעץ, מיט זיין דריטען פּאַראַגראַף, וואָלט אַליין געווען גענוג אויפצוהויבען צום ווידערשטאַנד די בויערנשאַפט פון גאַנץ ברעטאַן געגען די רעפובליק.

שוין דעם 8טען אָקטאָבער, 1793, איז פאַר דער פערזאַמלונג פאָרגעלעגט געוואָרען אַ רעפּאָרט, וועלכער מעלדעט, אַז די דורכפיהרונג פון דיעזען געזעץ וועט זיין אונמעגליך, ווייל דאָס פאָלק איז איהם זעהר שטאַרק דאַגעגען. אָבער גאָרניט איז געטהאָן געוואָרען וועגען דעם. די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג איז זיך צוגאַנגען, האָבענדיג איבערגעלאָזען דעם געזעץ, און ער איז ניט בטל געוואָרען ביז דער קאָנווענשען.

זעהענדיג די שוועריגקייט דורכצופיהרען דיעזען געזעץ אין דער פּראַקטיק, האָט די קאָנווענשאַן צוערשט בעשלאָסען דורך די דעקרעטען פון 11טען און 12טען אָקטאָבער, 1792, „דאָס גאָר דאָס קאָמונאַלע לאַנד, וואָס ווערט קולטיווירט זאָל, ביז עס וועט צוטהיילט ווערען, ווייטער געאַקערט און געזעעט ווערען, ווי ביז איצט לויט די לאָקאַלע מנהגים, און די בירגער, וואָס האָבען געאַקערט און געזעעט זאָלען געניסען די תבואה, וואָס איז דער רעזולטאַט פון זייער ארבייט.“

אזוי לאַנג, ווי די זשיראָנדיסטען האָבען בעהערשט די קאָנווענשאַן, האָט גאָר ניט געקענט געטהאָן ווערען עטוואָס בעסערעס. אבער עס איז זעהר וואהרשיינליך, דאָס די בויערען —די יעניגע פון זיי, וועניגסטענס, וועמען מען האָט ערקלערט דעם צוועק פון דיעזע נייע דעקרעטען — האָבען בעגריפען, דאָס דער פערזוך צו צוטהיילען דאָס קאָמונאַלע לאַנד איז דורכגעפאַלען דערווייל. אָבער ווער קען אָבמעסטען דעם שאַדען, וואָס דיזער סטראַשונאָק פון עקספּראָפּריאַציעס, וואָס איז נאָך אַלץ געהאַנגען איבער די קאָמונען, האָט געבראַכט דער רעוואָלוציע? ווער קען בעשטימען די מאָס פון האַס, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען אין די לאַנד־דיסטריקטען געגען די רעוואָלוציאָנערען פון די שטעדט?

און דאָס איז נאָך ניט געווען אַלעס. צווישען דעם 28טען אויגוסט און 14טען סעפּטעמבער, ערב איהר אויפלייזונג, האָט די געזעצגעבענדע פערזאמלונג פערעפענטליכט אנאַנדער דעקרעט וועגען דעם קאָמונאַלען לאַנד, וועלכער, ווען ער וואָלט געווען אונטערשטיצט, וואָלט געווען אין גאַנצען צו גונסטען פון די פּריצים. דיעזער דעקרעט האָט ערקלערט טאַקי, אַז „דאָס ניט־פערנומענע לאַנד זאָל בעטראַכט ווערען, אַלס לאַנד, וואָס געהערט צו די דאָרף־קאָמונען. און זאָל פון די ריכטער ערקלערט ווערען, אַלס זייערע“, אָבער, אויב דער פּריץ האָט גענומען פאַר זיך אַ טהייל פון זיי פריהער, ווי מיט פערציג יאהר צוריק, און האָט זיי געהאַט אין זיין בעזיץ, בלייבען זיי זיין אייגענטהום. דיעזער געזעץ, ווי דאָס איז שפּעטער בעוויזען געוואָרען פון פּאַבר (דעפּוטאַט פון דער העראָלט) אין זיינעם אַ רעפּאָרט צו דער קאָנווענשען, איז געווען אַ זעהר גרויסער פאָרטהייל פאַר די פּריצים. פּאַבר האָט אויך אָנגעוויזען אין דיזען דעקרעט אויף די אונגערעכטיגקייט פון דריטען פּאַראַגראַף, לויט וועלכען די דאָרף־קאָמונען וואָלטען קיינמאָל ניט געקענט צוריקקריגען דעם בעזיץ פון זייער לאַנד, אויב דער פּריץ האָט פערקויפט זיינע ערוואָרבענע אָדער כלומרשטדיגע רעכטע צו אַ דריטער פּערזאָן. דאַללאָץ האָט ווייטער בעוויזען, ווי שווער עס איז

געווען פאר די דארף־קאמונען צו ברענגען פאזיטיווע און זיכערע בעווייזע, וועלכע די געריכטע האבען געפאָדערט פון זיי, אום זיי צו ברענגען צוריק אין דעם בעזיץ פון זייער לאנד.

אזעלכער ווי ער איז געווען, איז דער געזעץ פון 1794 געווען דארום, ווי מען זאל איהם ניט פערטייטשען, צו גונסטען פון די פערכאפער פון קאמונאלען אייגענטהום. עס איז געווען נור אין דער קאנווענשאן, און דאס ערשט נאך דעם אויפשטאנד פון 31טען מאי און דעם 2טען יוני, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט דער אויסשליסונג פון די זשיראנדיסטישע פיהרער, דאס די פראגע פון קאמונאלען לאנד האט געקאנט ווידער אמאל אויפ־געהויבען און בעטראכט ווערען אין א ליכט, וואס איז גינסטיג פאר די מאסע פון די בויערן.

## ניין און פערציגסטער קאפיטעל.

# דאָס לאַנד ווערט צוריקגעגעבען צו די קאָמונען.

דער געזעץ פון 11טען יוני, 1793. — דאָס לאַנד ווערט צוריקגעגעבען. — די שוויריגקייט פון דער צוטהיילונג. — איינצעלהייטען פון דעם געזעץ. — פערשיעדענע מיינונגען פון די בויערען. — די מאַיאָריטעט קאָממונען נעהמט שנעל בעזיץ פון לאַנד. — די נאָכפאָלגענדע געשיכטע פון קאָממונאַלען לאַנד.

---

אַזוי לאַנג ווי די זשיראָנדיסטען זיינען געווען די בעלי־הבתים אין קאָנווענשען, איז די פראגע וועגען קאָממונאַלען לאַנד ניט געגאַנגען פון פלעק. די קאָנווענשען האָט ניט געטהאָן דאָס מינדעסטע, אום צו פערקלענערען די שעדליכע ווירקונג פון די געזעצע פון אויגוסט, 1792; נאָך וועניגער האָט זי אָנגענומען מאַהע׳ס פאָרשלאַג אין בעצוג צום לאַנד, פון וועלכען די קאָממונען זיינען בערויבט געוואָרען.

אָבער באַלד נאָך דעם צווייטען יוני האָט די קאָנווענשען אויפגענומען די פראגע ערנסט, און דעם 11טען יוני, 1793, האָט זי אָנגענומען א געזעץ, וועלכער איז געווען עפּאָכע־מאַכענד אין דעם דאָרף־לעבען פון פראַנקרייך און האָט מיט זיך געבראַכט פאָלגען — מעהר פיעללייכט, ווי אירגענד אַנאַנדער געזעץ פון דער פראַנצויזישער געזעצגעבונג.

לויט דיזען געזעץ, האָט דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס איז צוגענומען געוואָרען פון די קאָממונען דורך דער דריטעלונג־בעשטימונג פון 1669, געמוזט צוריקגעגעבען ווערן, ווי אויך דאָס גאַנצע ניט פערנומענע און ניט בעארבייטע לאַנד, וועלכעס איז אוועקגענומען געוואָרען פון די דאָרף־קאָממונען אויף אַזאַ אָדער אַנ־

אנדער אופן דורך איינצעלנע מענשען, איינשליסענדיג אויך די־
יעניגע, וועלכע זיינען ארונטערגעגאנגען אונטער דעם אקט פון
אַ פערציג יאָהריגען בעזיץ, וועלכען די געזעצגעבענדע פערזאַמ־
לונג האָט פערפאַסט.*)

אָבער, אָנגעהמענדיג דיזען גערעכטען און נויטיגען געזעץ,
וועלכער האָט געזאָלט פערניכטען די ווירקונג פון די רויבערייען,
וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אונטער דעם אַלטען סדר, האָט די קאָנ־
ווענשען געמאַכט אַ פאַלשען שריט בנוגע צו דער פערטהיילונג
פון דיזען לאַנד. וועגען דיזען פונקט זיינען געוועזען צוויי ענטגע־
גענגעזעצטע געדאַנקען־שטראָמען סיי אין דער קאָנווענשען און
סיי אין יעדען אַנדערען פּלאַץ פון פראַנקרייך. די רייכע
בויערען, וועלכע האָבען שוין פון אַ לענגערער צייט געגלוסט נאָך
דעם קאָממונאַלען לאַנד, און פון וועלכען זיי האָבען געהאַט היבשע

*) „דאָס גאַנצע קאָממונאַלע לאַנד אין אלגעמיין“, האָט ער־
קלערט דער געזעץ פון 11טען יוני, 1793, „וואָס איז בעקאַנט דורך
דער גאַנצער רעפּובליק אונטער פערשיעדענע נעמען, איז דער אייגענ־
טהום און דורך זיין נאַטור געהערט ער צו אלע איינוואוינער, אָדער
צו די מיטגליעדער פון די קאָממונעס. די קאָממונען האָבען די פול־
מאַכט צו פאָרדערען דאָס לאַנד.“ „פיערטער פאראגראף פון ארטיקעל
25 פון דער בעשטימונג, בנוגע צו די וואסערען און פעלדער, פון
1669, ווי אויך אלע דעקרעטען, געזעצע און בעשטימונגען, וועלכע
האָבען זייט דאן אויטאָריזירט די דריטעלונג, די צוטהיילונג, די
טהיילווייזע צוטהיילונג אָדער קאָנצעסיאָנען פון וועלדער, וואָס דאָס
איז געוועזען צום שאָדען פון די קאָממונען און צום נוצען „פון די
פריצים, ווערט צוריקגערופען און איז בטל ומבוטל“. „דער פערציג־
יעהריגער געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען דורך דעם דעקרעט
פון דעם 28טען אויגוסט, 1792, אלס גענוגענד צו עטאַבלירען איינ־
נעמס אייגענטהום, זאָל אין קיין פאל ניט קענען פערנעהמען דעם
פּלאַץ פון דעם געזעצליכען רעכט אויפ׳ן לאַנד, און דיזער געזעצליכער
רעכט זאָל ניט זיין דער, וואָס שטאַמט פון דער פעאָדאַלער אויטאָ־
ריטעט.“

טהיילען, אלס משכון, דיזע האָבען געוואָלט די פערטהיילונג פון לאַנד. זיי האָבען געוואוסט, דאָס אויב דאָס לאַנד וועט פערטהיילט ווערען, וועט עס פאר זיי זעהר לייכט זיין אין א קורצער צייט ארום אָבצוקויפען פון די אָרימערע בויערן יענעס לאַנד וואָס זיי וועלען קריגען אלס זייערע חלקים. זיי האָבען אויך געוואָלט, אז די פערטהיילונג זאָל נור געמאכט ווערען צווישען די „בירגער" אזוי, אז די „איינוואוינער" אָדער זאָגאר די אָרימערע בויערען, „די פאססיווע" בירגער פון 1789, זאָלען ווערען אויסגעשלאָסען פון דער חלוקה. דיזע בורזשוי־בויערען האָבען געפונען אין דער קאָנווענשען ענערגישע אדוואָקאטען, וועלכע האָבען אימער גע'טענה'ט אין נאָמען פון אייגענטום, גערעכטיגקייט און גלייכהייט, ווען זיי האָבען אָנגעוויזען אויף די אונגלייכהייט אין אייגענטהום פון די פעשיעדענע קאָממונען — וואָס דאָס האָט זיי פונדעסטוועגען ניט געשטערט צו פערטהיידיגען די אונגלייכהייטען אין דער קאָממונע גופא. דיעזע זיינען געווען די מענשען, וועלכע האָבען געפאָדערט א געצוואונגענע צוטהיילונג, און עס זיינען געווען בלויז ווענינע, ווי דזשוליאן סוהיי, וועלכע האָבען געפאָדערט, אז דער קאָממונאַלער אייגענטהום זאָל בלייבען.

אָבער אין דער קאָנווענשען זיינען שוין מעהר ניט געווען די זשיראָנדיסטישע פיהרער, וואָס זאָלען אונטערשטיצען די אדוואָקאטען פון פערטהיילונג; די געלויטערטע קאָנווענשען, בעהערשט פון די מאָנטאנארען, האָט ניט געוואָלט איינשטימען צו דער פערטהיילונג פון דעם קאָממונאַלען לאַנד בלויז צווישען א טהייל פון די איינוואוינער. אָבער צו דער זעלבער צייט האָט זי געגלויבט, אז זי טהוט א גוטע זאַך, און אז זי האנדעלט אין די אינטערעסען פון דער אגריקולטור, ווען זי בעשטימט, אַז דאָס לאַנד זאָל פערטהיילט ווערען צווישען די בויערען אינדיווידועל. דער געדאנק, וואָס האָט אראָבגעפיהרט די קאָנווענשען פון וועג, איז געווען דער, אַז קיינעם אין פראנקרייך זאָל ניט ענטזאָגט ווערען א טהייל אין דעם לאַנד פון דער רעפּובליק; און אונטער דער ווירקונג פון דיזען געדאנק איז די קאָנווענשען

געווען צו גונסטען פון דער צוטהיילונג פון קאָממונאַלען לאַנד צווישען די איינצעלנע בויערען פון יעדער קאָממונע.

„די צוטהיילונג פון קאָממונאַלען לאַנד“ — זאָגט דער געזעץ פון 11טען יוני, 1793 — „זאָל געמאַכט ווערען צווישען אַלע, אזוי פיעל פּער קאָפּ פון די בעזעסענע איינוואוינער, אונגעאַכטעט עלטער אָדער געשלעכט, צי ער איז אבוועזענד אָדער אנוועזענד“. יעדער בירגער, איינגעשלאָסען אויך דעם ארבייטער און די הויז־דיענער אויף דער פּארם, וואָס זיינען געווען דאָרט אַ יאָהר צייט אין דער קאָממונע, זאָלען האָבען אַ גלייכען חלק אין דער פּערטהיילונג, און פאר צעהן יאָהר זאָל דאָס איינגעטהיילטע לאַנד ניט קענען צוגענומען ווערען פון איינעם פאר א חוב, וואָס ער איז שולדיג.“

די צוטהיילונג אָבער איז ניט געווען קיין מוז־זאַך. אַ פערזאַמלונג פון די איינוואוינער, פון דער קאָממונע, וועלכע האָבען אָן אינטערעס אין דער חלוקה, פוןביידע געשלעכטער און איבער איין־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, דאַרף שטאַטפינדען אין אַ געוויסען זונטאג, און דיזע פערזאַמלונג דאַרף עס בעשטימען, אויב דאָס קאָממונע־לאַנד זאָל אין גאַנצען צוטהיילט ווערען אָדער בלויז אַ טהייל. אויב אַ דריטעל פון דער פערזאַמלונג זאָל שטימען פאר אַ צוטהיילונג, זאָל די צוטהיילונג אויך בעשלאָסען ווערען, און דאָס זאָל ניט מעהר צוריקגערופען ווערען.

עס איז לייכט צו בעגרייפען, וואָס פאר אַ געוואַלדיגע ענדערונג עס איז אריינגעבראַכט געוואָרען אין דעם עקאָנאָמישען דאָרפ־לעבען דורך דיזען געזעץ. דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס איז צוגענומען געוואָרען פון די קאָממונען דורך אַלערליי מיטלען פאר די פערגאַנגענע צוויי הונדערט יאָהר, האָט איצט געקאָנט צוריקגענומען ווערען פון די בויערען. דער פערציג־יעהריגער בעזיץ האָט ניט בערעכטיגט מעהר איינעם צום איינענטהום פון לאַנד. די קאָממונען האָבען געקאָנט געהן אזוי ווייט צוריק, ווי צום יאָהר 1669,אום צו פאָדערען זייער פריהעריגען בעזיץ פון די מעכטיגע און די ריטער. און דאָס גאַנצע קאָממונאַלע לאַנד, איינגעשלאָסען דאָס לאַנד, וואָס איז

צוריקגעגעבען געוואָרען צו דער קאָממונע דורך דעם געזעץ פון 11טען יוני, האָט איצט געהערט צו אַלע די, וועלכע האָבען גע־לעבט אַ יאָהר אין דער קאָממונע אין דער פּראָפּאָרציע צו דער צאָהל פּערזאָנען אין יעדער פאמיליע, איינגעשלאָסען שוין די קינדער פוןביידע געשלעכטער און אויך די עלטערע קרובים, וואָס האָבען געהערט צו דער פאמיליע. דער אונטערשיעד צווישען בירגער און איינוואוינער איז אָבגעמעקט געוואָרען. יע־דער האָט געהאט אַ רעכט אויף לאַנד. דאָס איז געווען אַ פאָל־שטענדיגע רעוואָלוציע.

וואס אנבעטרעפט דעם צווייטען טהייל פון געזעץ, וועלכער האָט בעשטימט די פערטהיילונג דורך דעם ווילען פון איין דריי־טעל איבער די צוויי דריטעל פון די איינוואוינער, איז עס נור אויסגעפיהרט געוואָרען אין געוויסע טהיילען פון פראנקרייך, און דאָס ניט אלגעמיין. אין דער נאָרטה, וואו עס איז ניט גע־ווען קיין פיעל פאַשע־לאַנד, האָבען די בויערען בערייטוויליג צו־טהיילט צווישען זיך דאָס קאָממונאַלע לאַנד. אָבער אין דער וואַנדיי און אין ברעטאַין זיינען זיי געווען שטארק געגען די צוטהיילונג דורך דעם ווילען פון אַ דריטעל פון די איינוואוינער. זיי האָבען בעשלאָסען פעסטצוהאַלטען, זיי אלע, דאָס רעכט פון פאַשע אויף אונקולטיווירטען לאַנד. אין מאַנכע טהיילען פון פראנקרייך איז עס צוגעגאַנגען גאַנץ פערשיעדען. אין מאָזעל, למשל, אַ געגענד פון וויינמאַכער, האָבען 686 קאָממונען צו־טהיילט דאָס לאַנד, 107 פון זיי פּער קאָפּ, און 579 פּער פאַ־מיליע, נור 119 קאָממונען זיינען געבליבען אונפערטהיילט; אָבער אין אנדערע דעפּארטמענטס, אין צענטראַל־און וועסט־פראנקרייך, האָט די מאַיאָריטעט פון די קאָממונען געהאַלטען דאָס לאַנד בשותפות, ניט צוטהיילענדיג עס צווישען די איינ־צעלנע אָדער די פאמיליען.

אלס אַ כלל, האָבען די בויערען ניט געאיילט זיך צו שטי־מען פאר אַ פערטהיילונג, ווייל זיי האָבען זעהר גוט געוואוסט, דאָס אויב דאָס קאָממונאַלע לאַנד וועט צוטהיילט ווערען, וועלען

די אָרימע פאַמיליען ווערען באַלד פּראָלעטאַריער און אָרימער, ווי ווען־עס־איז.

עס איז אויך קוים נויטיג צו שילדערען, דאָס די קאָנווענשען האָט ניט געמאַכט קיין פערזוך אויסצוגלייכען די בענעפּיטען, וואָס זיינען ארויסגעקומען פאַר די קאָממונען דורך דעם געזעץ פון 11טען יוני, חאָטש איהרע מיטעל־קלאַס־מיטגליעדער האָבען אזוי געגליכען צו רעדען פון די אונגלייכהייטען, וואָס וועלען ארויסקומען, אויב די קאָממונען זאָלען צוריקנעהמען דעם בעזיץ פון זייער לאַנד. צו האַלטען רעדען וועגען די אָרימע קאָממונען, וואָס וועלען גאָר ניט קריגען דורך די חלוקה — דאָס האָט געדיענט אלס אן אויסגעצייכענטער אויסרייד צו טהאָן גאָר ניט און צו לאָזען דאָס בערויבטע לאַנד אין די הענד פון די רויבער, אָבער ווען עס איז געקומען די געלעגענהייט פאָרצושלאָגען עט־וואָס, וואָס זאָל ניט דערלאָזען צו דיזער אונגערעכטיגקייט, איז גאָר ניט פאָרגעשלאָגען געוואָרען.*)

*) אַן אויסנאַהם דאַרף געמאַכט ווערען צו גונסטען פון פּיער ברידע. ער האָט פאָרגעשלאָגען עטוואָס עהנליכעס, וואָס געהט היינט אונטער'ן נאָמען לאַנד־נאַציאָנאַליזירונג. „דאָס קאָממונאַלע לאַנד", האָט ברידע געזאָגט, „איז אַ נאַציאָנאַלער אייגענטהום, און דערפאַר איז עס אַן אונרעכט צו דערלאָזען, אז געוויסע קאָממונען זאָלען האָבען פיעל לאַנד, ווערהענד אַנדערע זאָלען האָבען אזוי ווענינ." ער האָט דארום פאָרגעשלאָגען, אז דער שטאַאַט זאָל נעהמען בעזיץ פון דעם גאַנצען קאָמונאַלען לאַנד, און פאַרפּאַכטען דיזע אין קליינע חלקים צו פּעכטער, אויב דיזע זאָלען זיך געפינען. אויב ניט, זאָל עס אָבגעגעבען ווערען אין גרויסע חלקים פאַר דעם אונטערנעהמונגס־גייסט פון די איינוואוינער פון אַנדערע דיסטריקטען אין דער נאַכּבאַרשאַפט. דאָס אלעס האָט בעדאַרפט געטהאָן ווערען פון די דירעקטאָריען פון די דעפּאַרטמענטס, וועלכע זיינען געווען, ווי מיר וויי־סען, שטאַרק רעאקציאָנערע קערפּערשאַפטען, רעפּרעזענטירענדיג די אינטערעסען פון די רייכע. פערשטעהט זיך, אז דיזער פּלאַן איז ניט אָנגענומען געוואָרען. וויבאַלד דאָס לאַנד, וואָס געהערט צו יעדער

די קאָמונען, וועלכע האָבען גלייך אונגעזאַמט גענומען בעזיץ פון זייער לאַנד, האָבען זיך פערזיכערט מיט עפּעס ממשות'דיגעס. און ווען די רעאַקציאָן האָט טריאומפירט, און די פּריצים זיינען געקומען צוריק צו זייער מאַכט, האָבען זיי גאָר ניט געקענט טהון אום צוריקצוקריגען דאָס, וואָס דער געזעץ האָט פון זיי אוועק־גענומען און וואָס די בויערען האָבען שוין געהאַלטען אין זייער ווירקליכען בעזיץ. אָבער די קאָמונען, וואָס האָבען זיך געשראָ־קען צו נעהמען בעזיץ, האָבען גאָר ניט געקראָגען. ווייל אַזוי

---

קאָממונע, וואָלט פערפאַכטעט געוואָרען, ווי דאָס איז שוין געווען דער פאַל, צו די דאָרטיגע בויערען, רייכע און אָרימע, פון די קאָממונען גופא, און נור אין אויסנאַהמס־פעללע וואָלט דאָס לאַנד גענומען גע־וואָרען אויף פאַכט פון די נאַכבאַר־דיסטריקטען, איז דאָך דער פּלאַן פּראַקטיש געווען אַט וועלכער: כדי צו געבען א מעגליכקייט איני־ניגע מיטעל־קלאַס־מענשען צו פאַכטען לאַנד, וואָס ליעגט אין אַנדערע דיסטריקטען און קאָממונען, אויסער זייערע אייגענע, האָט דאָ דער שטאַאַט געזאָלט אריינמישען זיך, פערנעהמען דעם פּלאַץ פון די קאָמ־מונען אין דער אדמיניסטראציאָן פון זייער לאַנד. דאָס איז, וואָס דער פּלאַן האָט געמיינט. געוויס איז דער פאָרשלאַג געמאַכט געוואָ־רען אין אַ שעהנער שפּראַך פול מיט פראַזען וועגען גערעכטיגקייט, וואָס האָט געקאָנט אפּעלירען צו סאָציאליסטיש־געניגטע שטאָדט־מענשען, וואָס זיינען אונוויסענד איבער דער לאַנד־פראגע, און וועלכע זיינען אונפעהיג נעהענטער צו בעטראַכטען דיזע שעהנע ווערטער. אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט דיזער פּלאַן געצילעוועט זיך צו בעשאַ־פען פיעלע נייע אונגערעכטיגקייטען, זאָגאַר ערגערע, ווי די אלטע און צו מאַכען פיעלע „דזשאבס" פאר פערשיעדענע שטאַאַט־בעאַמטע און אַלעס אין דעם נאָמען פון שטאָדט־רעגולירונג. דאָס, וואָס די קאָמ־מונען, ביז דאַן, האָבען אליין געטהאָן, האָט מען געזאָלט איבערגע־בען צו בעצאָהלטע בעאַמטע, וועלכע וואָלטען העכסט־וואהרשיינליך געווען אימער אויף דער זייט פון די רייכערע מענשען אין דער פּראָ־ווינץ, מיט דעם, וואָס זיי וואָלטען זיי געגעבען די מעגליכקייט זיך צו בערייכערען אויף דעם חשבון פון די דאָרף־קאָממונען.

שנעל, ווי די רעאקציע האָט געזיעגט; אזוי שנעל, ווי דער אויפ־שטאנד פון דעם לעצטען פון די „בארגסיסטען“ איז דערשטיקט געוואָרען דעם 20טען מאי 1795. איז די ערשטע זאָרג פון דער רעאקציאָנערער קאָנווענשאן געווען מבטל צו זיין די רעוואָלוציאָנערע דעקרעטען פון דער בארגישער קאָנווענשאן. דעם 19טען יוני 1796 איז ארויסגעלאָזען געוואָרען א דעקרעט, וועלכער האָט פערוועהרט די צוריקגעבונג פון דעם קאָמונאלען לאנד צו די קאָמונען. *)

א יאָהר שפּעטער, דעם 21טען מאי, 1797, האָט א נייער געזעץ פערבאָטען די דאָרף־קאָמונען איבערצוטראָגען אָדער אויס־צובייטען זייער אייגענטהום לויט די געזעצע פון יוני דעם 11טען און אויגוסט דעם 27טען 1793. פון דאן אן און ווייטער איז נויטווענדיג געוואָרען א ספּעציעלער געזעץ פאר יעדע איבערטרע־טונג בעזונדער. דיזער געזעץ האָט קלאָר געמיינט צו שטערען די סקאנדאליעזע בערויבונג פון דעם קאָמונאלען אייגענטהום, וואָס איז אָנגעגאנגען נאָך דער רעוואָלוציע.

נאָך שפּעטער, אונטער דער אימפּעריע, זיינען געמאכט געוואָרען איניגע פּראָבען אָבצושאפען די געזעצגעבונג פון דעם קאָנווענשאָן. אָבער, ווי ד. סאניאק בעמערקט, „די אלע נאָכ־פאָלגענדע פערזוכען געגען די געזעצע פון דער קאָנווענשאן, זיי־נען קלעגליך דורכגעפאלען.“ די בויערען זיינען געווען צו שטארק

*) אזוי ווי דער געזעץ פון 11טען יוני, 1793 האָט געפיהרט צו פיעלע מיספערשטעניסע און מחלוקות... אזוי ווי די אונטערזוכונגען פון דיזע סכסוכים דאָרף נעהמען א לאנגע צייט און אזוי ווי עס איז דרינגענד, אז די אונגליקליכע רעזולטאטען פון דער צו־בוכשטעבליכער פערטייטשונג פון דעם געזעץ פון 11טען יוני, 1793, זאָלען צוריק־געהאלטען ווערען... ווערען אלע האנדלונגען, פּראָצעסען, וואָס זיינען דער רעזולטאט פון דיזען געזעץ דערווייל סוספּענדירט און די אלע איצטיגע בעזיצער פון דעם לאנד, בלייבען דערווייל אין זייער בעזיץ.“ (דאלאָץ).

פעראינטערעסירט, אז דיעזע אטאקען זאָלען קענען האָבען א ווירקונג.

אין אַלגעמיין קען מען זאָגען, דאָס די מאַיאָריטעט פון די קאָמונען, וועלכע האָבען גלייך צוריקגענומען דעם בעזיץ פון לאנד, וואָס איז פון זיי צוגע'גנב'עט געוואָרען זייט 1669, דיזע זיינען געבליבען ביי דעם. אָבער די יעניגע, וועלכע האָבען דאָס פער־פעהלט צו טהאָן פאר יוני 1796, האָבען גאָר ניט געקראָגען. אין א רעוואָלוציע האָט נור דער אויסגעפיהרטער פאקט א ווערטה.

פופציגסטער קאפיטעל.

# די ענדליכע אָבשאַפונג פון פעאדאלע רעכטע.

די זשיראָנדיסטען זיינען געגען די אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע. — די דעקרעטען פון 17טען יולי. — די פעאָדאַלע געזעצע אָב־געשאַפט אַלע מיט אַמאָל. — די רעאַקציע קען ניט שטערען די ווירקונג פון דיזע דעקרעטען. — דער טריאומף פון דער רעוואָלוציע.

---

אזוי שנעל, ווי דער קעניגטהום איז אָבגעשאפט געוואָרען, האָט די קאָנווענשאן שוין אין איהרע ערשטע זיצונגען געמוזט דיסקוטירען די פראגע פון די פעאָדאלע רעכטע. אבער, אזוי ווי די זשיראָנדיסטען זיינען געווען געגען די אָבשאַפונג פון דיעזע רעכטע אָהן אַ אויסלייז־געלד, און דאָך האָבען זיי ניט פאָרגעס־שלאָקען קיין פלאַן פון אויסקויף, וועלכער זאָל זיין אַ מוז פאַר די פריצים, איז דער גאַנצער ענין געבליבען הענגען אין דער לופטען. אבער דיעזע איז דאָך געווען די הויפּט־פראגע פאַר פיעל מעהר, ווי די העלפט פון דער פראנצויזישער בעפעלקערונג, וועלכע האָבען זיך געפרעגט מיט אַנגסט: „איז עס מעגליך, אַז דער בויער זאָל מוזען ווידער אונטערשטעלען זיין נאַקען אונטער דעם פעאָדאַלען יאָך, און ווידער מוזען איבערטראָגען די שווידער־ליכקייט פון הונגער אזוי שנעל, ווי די רעוואָלוציע וועט זיין פאָראיבער?“

מיר האָבען געזעהען, דאָס גלייך, ווי די זשיראָנדיסטישע פיהרער זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער קאָנווענשאָן, איז אָנגענומען געוואָרען דער דעקרעט, וועלכער האָט צוריק־געקעהרט דאָס קאָמונאַלע לאַנד צו די קאָמונען; אָבער די קאָנ־

װענשאן האָט זיך נאָך אַליין געװאַקעלט צו פּאַסען געזעצע בנוגע צו די פעאָדאַלע רעכטע. . ערשט דעם 17טען יולי 1793, האָט זי בעשלאָסען צו דערלאַנגען דעם גרויסען קלאַפּ, װעלכער האָט עס געזאָלט ארויפלעגען זיין שטעמפּעל אויף די רעװאָלוציע, מאַכענדיג צום געזעץ איינע פון איהרע הויפּט־ציעלען—די פאָל־שטענדיגע אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעכטע.

דער קעניגטהום האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען דעם 24טען יאַנואַר, 1793, און איצט, דעם 17טען יולי, 1793, האָט דאָס געזעץ אויפגעהערט צו אַנערקענען די רעכטע פון די פעאָ־דאַלע פריצים—די קנעכטונג פון מענש דורך מענש.

דער דעקרעט פון דעם 17טען יולי איז געװען גאַנץ קלאָר. די אונטערשיידונגען, װעלכע זיינען געמאַכט געװאָרען פון דיביידע פאָריגע פערזאַמלונגען צװישען די פערשיעדענע פעאָדאַלע רעכטע, אין דער האָפנונג איבערצולאָזען אירגענד װעלכע פון זיי, זיינען בטל געװאָרען. יעדעס רעכט, װאָס האָט זיך געשטיצט אויף דעם פעאָדאַלען רעכט, האָט איינפאַך אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

„אַלע אָבצאָהלונגען, געװעזענע פּריצישע רעכטע, סיי די שטענדיגע און סיי די צייטליכע, זאָגאַר די יעניגע, װעלכע זיינען איבערגעלאָזען געװאָרען פון דעם דעקרעט פון׳ם 25טען אויגוסט, זיינען אָבגעשאַפט אָהן אירגענד װעלכען אויסלייז־געלד“, אזוי האָט געלויטעט דער דעקרעט. דאָרט איז ניט געװען קיין אויס־נאַהם. עס איז בלויז פערבליבען די רענט־צאָהלונג און ארבייטס־צאָהלונג, װעלכע זיינען בעצאָהלט געװאָרען אויסשליסליך פאַר׳ן לאַנד, און ניט מחמת די אַמאָליגע פעאָדאַלע רעכטע.

דורך דעם איז די פערשמעלצונג פון פעאָדאַל־רענט מיט דעם גרונד־רענט, װעלכע איז עטאַבלירט געװאָרען אין 1790, פאָלשטענדיג אויסגעמעקט געװאָרען. אויב אירגענד װעלכער רענט אָדער פערפּליכטונג האָט געהאַט פעאָדאַלע אָבשטאַמונג, איז דאָס אָבגעשאַפט געװאָרען אויף אימער און אייביג, אָהן אירגענד אַן אויסקויף. דאָס געזעץ פון 1790 האָט ערקלערט, דאָס אויב איינער נעהמט אין פאַכט א שטיק לאַנד קען ער עס

אָבקויפען, בעצאָהלענדיג צוואנציג אָדער פינף און צוואנציג מאָל אזוי פיעל, וויפיעל עס איז דער יעהרליכער רענט, און דיזער תנאי איז אָנגענומען געוואָרען פון די בויערען. אָבער, האָט נאָך צוגעלעגט דאָס געזעץ, אויב א חוץ דעם גרונד־רענט האָט דער אייגענטימער ארויפגעצוואונגען אירגענד אַן אבצאהלונג פון א פעאָדאַלען כאראקטער, למשל, א שטראָף אויף אַלעס וואָס ער פערקויפט אָדער ירש׳ענט, אירגענד וועלכע פערפליכטונג אָדער שטייער, וואָס האָט רעפרעזענטירט א פערזענליכען חוב פון פארמער צום פריץ, ווי דער חיוב צו געברויכען דעם מילל אָדער די וויין־פּרעס, וואָס האָבען געהערט צום פריץ, אָדער א בעגרענ־צונג אויף דעם רעכט פון פערקויף, אָדער א צינז פון דער תבואה, אָדער זאָגאר א צאָהלונג, וואָס דארף געמאכט ווערען אין דער צייט, ווען דער קאָנטראקט ווערט געבראָכען, אָדער ווען דאָס לאנד געהט איבער אין אנדערע הענד—אַלע אזעלכע אָבצאָהלונגען האָבען געמוזט אויסגעקויפט ווערען, ווי דער גרונד־רענט.

אָבער דאָס מאָל האָט די קאָנווענשאַן דערלאנגט א ווירקליך רעוואָלוציאָנערען קלאפּ. זי האָט ניט געוואָלט וויסען פון דיזע אַלע כיטרע פערדרעהענישען. האלט דער פארמער דיזעס לאנד אונטער א פערפליכטונג פון א פעאָדאלען כאראקטער? אויב יא, איז וואָס פאר א נאָמען עס זאָל ניט טראָגען דיזע פערפליכ־טונג, ווערט זי אָבגעשאפט און אָהן אויסקויף־געלד. אבער עס קען זיין, אז דער פארמער צאָהלט גרונד־רענט, וואָס האָט גאָר ניט פעאָדאַלעס אין זיך! נור, א חוץ דעם רענט האָט איהר אויף איהם ארויפגעלעגט אירגענד א שטייער פון פעאָדאלען כאראקטער, אין אזא פאל ווערט ער דער אייגענטהימער פון לאנד, ניט בלייבענדיג איך גארניט שולדיג.

אָבער דער אייגענטהימער קען ענטפערען, אז די פערפליכ־טונג איז געווען בלויז נאָמינאַל. דאָס ערגער. איהר האָט געהאט דעם וואונש צו מאכען א לייב־אייגענעם פון אייער פאר־מער. ער איז דערפאר פריי און ער איז אין פולען בעזיץ פון דעם לאנד, צו וועלכען עס איז געווען צוגעפּרעסט א פעאָדאלע

פערפליכטונג, ניט זייענדיג אין גאַרניט שולדיג. גאַנץ געוועהנ־ליכע מענשען, דערצעהלט מ. סאַניאַק, צי דורך פּוסטע גאוה, צי דורך די מאַכט פון דער געוואוינהייט, האָבען בענוצט זיך מיט דיעזער פערבאָטענער פאָרמע, און אין די קאָנטראַקטען וואָס זיי האָבען געשלאָסען מיט די פּאַרמער האָבען זיי אַרויפגעלעגט אַ קליינע אָבצאָהלונג אויף די איינקויפען און פערקויפען — זיי האָבען בלויז געוואָלט שפּיעלען דעם פּריץ; און דערפאר איז דאָס ערגער פאַר זיי. די קאָנוועגשאַן האָט ניט געוואָלט וויסען, אויב זיי ווילען בלויז שפּיעלען דעם פּריץ אָדער ווילען עס טאַקע ווערען. זיי האָבען געוואוסט, דאָס אַלע פעאָדאַלע אבצאָהלונגען זיינען אין אָנפאַנג געווען בלויז אַ קליינינקייט, אום צו ווערען אַ שרעקליכע לאַסט אין דעם משך פון דער צייט. אַזאַ קאָנטראַקט איז געווען פּונקט אזוי בעשפּרינקעלט מיט פעאָדאַליזם, ווי יענע וועלכע האָבען געדיענט אין די פערגאַנגענע יאהרהונדערטע, אום צו פערשקלאַפען די בויערן. די קאָנוועגשאַן האָט אין דעם געזעהען דעם צייכען פון פעאָדאַליזם, און דערפאר האָט זי גע־געבען דאָס לאַנד צום בויער, וואָס האָט עס גערענט, גאָרנ־ט פערלאַנגענדיג קיין אויסקויף־געלד.

נאָך מעהר: זי האָט בעשטימט, דאָס „אלע אייגענטהום־טיטלען, וועלכע אנערקענען די איצט־אָבגעשאַפענע צאהלונגען, זאָלען פערניכטעט ווערען". די פּריצים, די נאָטאַרען, לאַנד־קאָמיסיאָנערען האָבען אַלע געמוזט אין דעם משך פון דריי מאָנאַ־טען ברענגען זייערע אייגענטהום־דאָקומענטען און קאָנטראַקטען, וועלכע האָבען געגעבען איין קלאַס מאַכט איבער אַ צווייטע, אין דעם רעקאָרד־אָפּיס פון זייער מוניציפּאַליטעט, אום דאָרט אריינ־געוואָרפען צו ווערען אין פייער. דאָס וואָס די בויערן האָבען געטהאָן אין 1789 אונטער דער געפאהר צו ווערען געהאַנגען דערפאר, דאָס איז איצט געטהאָן געוואָרען פון געזעץ. „פינף יאהר אין אייזענס פאר יעדען איינעם, וואָס וועט אויסגעפונען ווערען צו האָבען פערבאַהאַלטען אָדער צוגענומען אָדער צוריק־געהאַלטען די אָריגינאַלען פון די קאָפּיעס פון אַזעלכע קאָנטראַק־טען." פיעלע קאָנטראַקטען פון דיעזען סאָרט האָבען בעוויעזען

דאָס רעכט פון פעאָדאלע שטאאט־אייגענטהום איבער געוויסע שטיקער לאנד, ווייל אויך דער שטאאט האָט געהאט אין די פריהעריגע צייטען זיינע לייב־אייגענע און שפּעטער זיינע וואסאַלען. אָבער דאָס האָט ניט געמאכט קיין אונטערשיעד. די פעאָדאלע רעכטע מוזען פערשווינדען. דאָס, וואָס די גרינדונג־פערזאמלונג האָט געטהאָן מיט די פעאָדאלע טיטלען—פּרינץ, גראף, מארקיז—דאָס האָט די קאָנווענשאן איצט געטהאָן מיט די ממשות'דיגע רעכטע פון דעם פעאָדאליזם.

אין זעקס מאָנאטען ארום, אלס אן ענטפער אויף פיעלע פּראָטעסטען, בעזאָנדערס פון דער זייט פון די נאָטארען, וועלכע האָבען פערצייכענט אין דיזעלבע ביכער און אָפט אויף דיזעלבע זייטען די אָבצאָהלונג, וואָס איז געקומען בלויז פאר דאָס בענוצטע לאנד און די פעאָדאלע אָבצאָהלונגען, האָט די קאָנווענשאן איינגעוויליגט אָבצולעגען די דורכפיהרונג פון דעם 6טען פּאראַגראף און די מוניציפּאליטעטען איז געוואָרען ערלויבט צו האַלטען דיזע צונויפגעמישטע אייגענטהום—דאָקומענטען אין די ארכיווען. אָבער דאָס געזעץ פון דעם 17טען יולי איז געבליבען גאנץ און וויעדער אמאָל, דעם 18טען מאי, 1794, האָט די קאָנווענשאן בעפעסטיגט דעם דעקרעט, דאָס אלערליי רענט, וואָס האָט נור אויף זיך דעם קלענסטען סימן פון פעאָדאליזמוס, מוזען אונטערדיקט ווערען אָהן אן אויסקויף־געלד.

עס איז העכסט מערקווירדיג, דאָס די רעאקציע, וואָס האָט געקראָגען די אויבערהאנד זייט 1794 איז געווען גאר אין גאנצען מאכטלאָז צו פערניכטען די ווירקונג פון דיזער רעוואָלוציאָנערע טהאט. עס איז א לאנגער מהלך, ווי מיר האָבען עס שוין געזאָגט, פון דעם געשריעבענעם געזעץ ביז צו זיין פערווירקליכונג. פאָלגליך, איבעראל, וואו די בויערען האָבען ניט געמאכט קיין אויפשטאנד געגען זייערע פּריצים, וואו נור זיי האָבען זיך געווענדעט געגען די סאנקיולאָטען, ווי אין דער וואנדיי, אונטער דער פיהרערשאפט פון די פּריצים; וואו נור זייערע דאָרף־פערוואלטונגען זיינען געבליבען אין די הענד פון די פּריעסטער און די רייכע—דאָרט זיינען די געזעצע פון 11טען און 17טען יולי ניט אָנגעווענ־

דעט געוואָרען. אין דיעזע געגענדען האָבען די בויערען **ניט** צוריקגעקראָגען דעם בעזיץ פון זייער קאָמונאַלען לאַנד, וואָס זיי האָבען געהאַלטען אויף אַ קאָנטראַקט פון זייערע געוועזענע פּעאָדאַלע הערען. זיי האָבען ניט פערברענט די פּעאָדאַלע אייגענטהום־דאָקומענטען, און זיי האָבען זאָגאַר ניט געקויפט דאָס נאַציאָנאַליזירטע לאַנד אוים מורא פאַר דער קללה פון דער קירכע.

אָבער אין פיעלע פּלעצער — אין אַ גוטער העלפט פון די דעפּאַרטמענטס — האָבען די בויערען יא אָבגעקויפט דאָס נאַציאָנאַלע לאַנד. דאָ און דאָרט האָבען זיי זאָגאַר געצוואונגען די אדמיניסטראציאָן צו פערקויפען זיי דאָס לאַנד אין קליינע חלקים. זיי האָבען גענומען בעזיץ פון דעם לאַנד, וואָס זיי האָבען פריהער געהאַט אויף פּאַכט פון די מאנאכען, פון דער לאָקאַלער בורזשואזיע און פון די פּריצים, און נאָכדעם, ווי זיי האָבען פערפלאַנצט אַ מאַי־בוים, האָבען זיי געטאַנצט ארום איהם און פערברענט אַלע אייגענטהום־פּאַפּירען. און איבעראַל, וואו דאָס איז געטהאָן געוואָרען, האָט דער צוריקקומענדער שטראָם פון דער רעאקציע ניט געהאַט קיין מאכט איבער די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, וואָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין טהאַטען.

די רעאקציע איז אָנגעקומען דעם 9טען טהערמידאָר, און מיט איהר האָט זיך אָנגעהויבען דער „בלויער“ טעררָאָר פון די רייך־געוואָרענע מיטעל־קלאַסען. שפּעטער איז געקומען דער דירעקטאָריום, דער קאָנסולאט, די אימפּעריע, די רעסטאָראציע, וועלכע האָט פערניכטעט דעם גרעסטען טהייל פון די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציאָנען פון דער רעוואָלוציע. אָבער דיזער טהייל, וועלכען די רעוואָלוציע האָט אויסגעפיהרט — דיזער איז פערבליבען; ער איז איבערגעקומען אַלערליי אטאַקען. די רעאַקציע האָט געקאָנט פערניכטען, ביז צו א געוויסען פּונקט, די פּאָליטישע ארבייט פון דער רעוואָלוציע, אָבער איהר עקאָנאָמישער אויפטהו איז געבליבעןביין לעבען. און די נייע, איבערגעשאַפענע נאַציאָן, וועלכע האָט זיך געבילדעט אין דער רעוואָלו־

ציאָנערער קאָכעניש, איז אויך פערבליבען און האָט זיך גענומען שטארק צו דער ארבייט.

נאָך א זאך. ווען מיר שטודירען די עקאָנאָמישע רעזול־טאטען פון דער גרויסער רעוואָלוציע, ווי זי איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין פראנקרייך, פערשטעהען מיר דעם גרויסען אונ־טערשיעד, וואָס איז דאָ צווישען דער אָבשאפונג פון דעם פע־אָדאליזם אויפ'ן ביוראָקראטישען אופן, ווי דאָס איז געטהאָן גע־וואָרען אין פרייסען אין 1848, און אין רוסלאנד אין 1861, און דער אָבשאפונג פון פעאָדאליזם, ווי די רעוואָלוציע האָט עס פאָלבראכט. אין פרייסען און אין רוסלאנד זיינען די בויערען בעפרייט געוואָרען פון פעאָדאלע צינזען און געצוואונגענער אר־בייט, מיט דעם תנאי, דאָס זיי האָבען געמוזט פערלירען א גרוי־סען טהייל פון דעם לאנד, וואָס זיי האָבען געהאט, און אויך האָ־בען זיי געמוזט בעצאָהלען א שווערען אויסקויף־געלד, וואָס האָט זיי רואינירט. אום צו ווערען פרייע אייגענטהימער, האָבען זיי געמוזט שטעלען זיך בדיל הדל. און די פריצים, וועלכע אין אָנפאנג זיינען געווען געגען דיזע רעפאָרם, האָבען פון איהר שפעטער געהאט אונערווארטעטע נוצען. כמעט איבעראל אין איירָאָפּא האָט די רעפאָרם, וואָס האָט אָבגעשאפט דעם פע־אָדאליזם, נאָך פערגרעסערט די מאכט פון די פריצים.

נור אין פראנקרייך, וואו די אָבשאפונג פון דער פעאָדאל־סיסטעם איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורך די רעוואָלוציע, איז די ענדערונג געווען צום שאדען פון די פריצים, אלס אַן עקאָנאָ־מישע און פּאָליטישע קאסטע, און צום גרויסען נוצען פון דער גרויסער מאסע פון די בויערען.

איין־און־פופציגסטער קאַפּיטעל.

# די נאַציאָנאַלע גיטער.

נאַציאָנאַל־גיטער פון נוצען בלויז פאר די מיטעל־קלאַסען. — אונצו־פריעדענהייט צווישען די בויערען. — די קאָנווענשען בעפעהלט די ווייטערע צוטהיילונג פון לאַנד. — דער דעקרעט וועגען יורשים. — די ווירקונג פון דער צוטהיילונג פון לאַנד. — דער געענדערטער אנבליק פון פראנקרייך.

---

די בעוועגונג פון דעם 31סטען מאַי האָט געהאַט דיזעלבע גוטע ווירקונג אויף דעם פערקויף פון די נאַציאָנאַל־גיטער. ביז דאַן האָבען פון דעם פערקויף פון די נאַציאָנאַלע גיטער געצויגען די מייסטע נוצען די מיטעל־קלאַסען. איצט אָבער האָבען די מאָנ־טאַנאַרען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אַז די נאַציאָנאַלע גיטער זאָלען אויך קענען געקויפט ווערען פון די אָרימע, וועלכע האָבען געוואָלט אַליין קולטיווירען דאָס לאַנד.

ווען די גיטער פון די גייסטליכע און נאַכהער די גיטער פון די עמיגראַנטען זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען פון דער רעוואָלוציע און זיינען בעשטימט געוואָרען צום פערקויף, איז אַ געוויסער טהייל פון דיזע גיטער צוטהיילט געוואָרען גלייך אין אָנפאַנג אין קליינע חלקים, און די קויפער האָבען געהאַט 12 יאָהר צייט אויסצוצאָהלען דאָס געלד אין קליינע אָבצאָהלונגען. אָבער וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרען די רעאַקציע אין 1790 און 1791, און וואָס פעסטער די מיטעל־קלאַסען האָבען אָרגאַניזירט זיך, אַלץ ווייניגער און ווייניגער מעגליכקייט האָבען די אָרימערע קלאַסען געהאַט, אום צו קויפען דאָס קאָנפיסקירטע לאַנד. נאָך מעהר. דער שטאַאַט, זייענדיג קורץ אין געלד, האָט זיך שטאַרק גענויי־

טיגט אין מזומן־געלד. דערפאַר האָט מען עס געהאַלטען פאַר פיעל
גלייכער ניט צו צופּיצלען די גרויסע גיטער אין פאַרמס, נור צו
פערקויפען זיי אזוי, ווי זיי זיינען געווען, צו די יעניגע, וועלכע
האָבען זיי געקויפט צום צוועק פון ספּעקולאציאָן. אמת, אין גע־
וויסע געגענדען האָבען די בויערען זיך פעראייניגט אין געזעל־
שאַפטען, אום אָבצוקויפען די גרויסע גיטער, אָבער די געזעצגעבער
האָבען ניט געגליכען אזעלכע פעראייניגונגען און א סך, אַ סך
לאַנד איז אריבער אין די הענד פון ספּעקולאַנטען. די קליינע
פאַרמערס, די פאַרם־ארבייטער און די בעלי־מלאכות, וועלכע האָ־
בען געלעבט אין די דערפער און די אָרימע אין אלגעמיין האָבען
זיך בעקלאָגט, אָבער די געזעצגעבענדע פרזאמלונג האָט ניט גע־
צאָהלט די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט צו דיזע קלאַגען.

שוין אין 1789 האָבען פיעלע פּעטיציעס פון פערשיעדענע
געגענדען אויסגעדריקט דעם וואונש, אז דאָס נאַציאָנאַל־לאַנד
זאָל פערטהיילט ווערען אין קליינע פאַרמס, פון פיער ביז פינף
אייקערס יעדע. די מענשען פון ארטאָ וואָלטען ניט געהאַט זאָ־
גאַר פאַרמס גרעסער, ווי דריי הונדערט מאָסען לאַנד. אָבער,
ווי אווענעל האָט שוין אָנגעוויזען, „ניט אין די רעדען, וועלכע
זיינען געהאַלטען געוואָרען איבער דיזען ענין און ניט אין די
דעקרעטען, וועלכע זיינען ארויסגעלאָזען געוואָרען, געפינען מיר
ניט קיין איינציגען וואָרט צו גונסטען פון יענע אָרימערע בוי־
ערען, וועלכע האָבען גאָר ניט געהאַט קיין לאַנד. קיינער האָט
ניט פערטהיידיגט אין דער פערזאמלונג די אָרגאַניזירונג פון אַ
פאָלקס־קרעדיט, אום צו געבען אַ מעגליכקייט דיזע הונגערענדע
בויערען צו קויפען אויף לייכטע בעדינגונגען קליינע שטיקלאך
לאַנד... אויך איז קיין אויפמערקזאמקייט ניט געצאָהלט געוואָ־
רען צו דעם וואונש, וואָס איינינגע צייטונגען, ווי דער „מאָני־
טער“, האָבען אויסגעדריקט, אז אַ העלפט פון דעם לאַנד, וואָס
ווערט אָנגעבאָטען צום פערקויף, זאָל צוטהיילט ווערען אין
חלקים, וואָס זאָלען ווערטה זיין 5 טויזענד פראַנק יעדער חלק
אזוי, אז עס זאָל געשאַפען ווערען אַ קלאַס קליינע בויערען־איי
גענטהימער.“

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דאָס לאַנד, וואָס איז געשטעלט געוואָרען צום פערקויף, איז מייסטענס געקויפט געוואָרען פון בויערען, וועלכע האָבען שוין גיהאַט אירגענד וועלכען פערמעגען אָדער פון די מיטעל־קלאַס־שטאָדט־מענשען. און אָט דער לעצטער אומשטאַנד האָט געבראַכט פיעל אונצופריעדענהייט אין די דערפער פון ברעטאַין און וואַנדיי.

דאַן איז געקומען דער צעהנטער אויגוסט. אויס מורא פאר די רעבעללירענדע בויערען, האָט די געזעצגעבענדע פערזאמלונג פרובירט איינצושטילען די אונצופריעדענהייט דורך אַ בעפעהל, אַז דאָס לאַנד, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרען פון די עמיגראַנטען, זאָל פערקויפט ווערען אין קליינע חלקים פון צוויי ביז פיער אייקערס, וואָס זאָל אויסגעצאָהלט ווערען דורך רענט אין געלד. אָבער די, וועלכע האָבען געהאַט גלייך געלד צו בעצאָהלען, האָבען נאָך אימער געהאַט די בכורה.

דעם 3טען יוני, 1793, גלייך נאָך דעם, ווי די זשיראָנדיסטישע פיהרער זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער קאָנווענשין, האָט די נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַציאָן, וואָס איז איצט געווען אונטער דעם איינפלוס פון די מאָנטאַנאַרען, צוגעזאָגט צו געבען איין אייקער פרייען לאַנד צו יעדער פּראָלעטאַרישער פאַמיליע אין דאָרף. און מאַנכע קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען האָבען ווירקליך אַזוי געטהאָן, אויסטהיילענדיג קליינע חלקים צו די אָרימערע בויערען. אָבער ערשט נור דעם 22סטען נאָוועמבער, 1793, האָט די קאָנווענשען ארויסגעלאָזען אַ בעפעהל צוצוטהיילען אַזוי פיעל ווי מעגליך די נאַציאָנאַל־גיטער, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרען צום פערקויף. אַ חוץ דעם, בעזאָנדערס גינסטיגע בעדינגונגען פון אָבצאָהלען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פאר די קויפער פון די גיטער פון די עמיגראַנטען, און דיזע בעדינגונגען זיינען געבליבען אין קראַפט ביז 1796, ווען די רעאַקציאָנערען, קריגענדיג צוריק די מאַכט, האָבען זיי אָבגעשאַפט.

מען מוז אָבער גערענקען, דאָס די געלד־פערהעלטניסע פון דער רעפּובליק זיינען די גאַנצע צייט געבליבען אין אַ גאַנץ קלעג־

ליכען צושטאנד. די טאקסעס זיינען אריינגעקומען זעהר אונ־פינקטליך, און די מלחמה האָט פערשלונגען טויזענדע און טוי־זענדע מיליאָנען פראנק. דאָס פּאַפּיער־געלד האָט פערלאָרען אין זיין ווערטה, און אונטער אזעלכע אומשטענדען איז די הויפּט־זאך געוועזן צו קריגען קעש אזוי שנעל ווי מעגליך, דורך דעם פערקויף פון די נאציאָנאל־גיטער, אזוי, אום צו קענען פער־ניכטען א גלייכע סומע פּאַפּיער־געלד, וואָס איז פריהער ארויס־געגעבען געוואָרען. אָט דערפאר האָבען די זשיראָנדיסטען, ווי די מאָנטאנארען, געזאָרגט וועניגער פאר דעם קליינעם לאנד־בעזי־צער, ווי צו קריגען וואָס מעהר גרייטען געלד. ווער עס האָט גע־קאָנט גלייך בעצאָהלען, האָט נאָך אימער געהאט די בכורה.

און דאָך, ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם, זיינען פּאָרט פיעלע קליינע שטיקלאך לאנד פערקויפט געוואָרען. וועהרענד עס זיינען געוועזן פיעל מיטעל־קלאַס־מענשען, וועלכע האָבען פלוצלינג געמאכט סקאנדאליעזע פערמעגענס דורך די אָנזאמלונג פון נאַ־ציאָנאלען אייגענטהום, איז אָבער אויך פיעל לאנד אין געוויסע טהיילען פון פראנקרייך, און בעזאָנדערס אין די איסט, ווי דאָס איז אָנגעוויזען געוואָרען פון פּראָפעסאָר לושיצקי פון קיעוו, ארי־בער אין קליינע חלקים אין די הענד פון די אָרימערע בויערען. אין דיזע געגענדען איז ווירקליך א רעוואָלוציאָן אויסגעפיהרט געוואָרען אין דער פערטהיילונג פון לאנד־אייגענטהום.

אין דער זעלבער צייט איז די אידעע פון דער רעוואָלוציע גע־ווען צו דערלאנגען א קלאַפּ דעם גאנצען קלאַס פון די גרויסע לאנד־אייגענטהימער, און אָבצוברעכען אין גאנצען די גרויסע פערמעגענס. צוליעב דיזען צוועק איז אָבגעשאפט געוואָרען דאָס ירושה־רעכט פון דעם בכור דורך די רעוואָלוציאָנערע געזעצגעבונג. שוין דעם 15טען מערץ, 1790, האָט די געזעצגע־בענדע פערזאמלונג אָבגעשאפט די פעאָדאלע פאָרמע פון ירושה, לויט וועלכער דער פריץ האָט איבערגעלאָזען אלע זיינע גיטער צו איין איינציגען יורש, געוועהנליך צו זיין עלטסטען זוהן. א יאָהר שפּעטער, דער געזעץ פון אפּריל 8, 1791, זיינען אלע געזעצליכע אונגלייכהייטען צווישען די פערשיעדענע יורשים אָבגעשאפט גע־

וואָרען. אלע יורשים פון גלייכען גראד זאָלען ירש'ענען אין גלייכע טהיילען דאָס אייגענטהום, וועלכעס איז בעשטימט פאר זיי פון געזעין, האָט געלויטעט דיזער דעקרעט. נאכהער איז די צאָהל פון די יורשים פערגרעסערט געוואָרען. ניט קיין דירעקטע יורשים און אונגעזעצליכע קינדער זיינען אוועקגע־שטעלט געוואָרען אויף דעמזעלבען שטאפעל, ווי די דירעקטע יורשים; און ענדליך, דעם 7טען מערץ, 1793, האָט די קאָנווענ־שען אָבגעשאפט אלע רעכטע, „אוועקצוגעבען איינעמס אייגענ־טהום, צי אין פאל פון טוידט, צי וועהרענד ער לעבט נאָך, דורך די מיטלען פון א געשענק אין א דירעקטער ליניע". „אלע יורשים וועלען האָבען א גלייכען טהייל פון די פערמעגענס פון זייערע פערשיעדענע קרובים."

די פארנאנדערטהיילונג פון די גיטער איז אויף אזא אופן געוואָרען פליכטמעסיג אין אלע ירושות.

וואָס פאר א ווירקונג האָבען געהאט דיזע דריי גרויסע רע־פאָרמען — די אָבשאפונג פון פעאָדאלע רעכטע אָהן אן אויס־קויף־געלד, די צוריקגעבונג פון דעם קאָממונאלען לאנד צו די קאָממונען, און דער פערקויף פון דעם קאָנפיסקירטען לאנד פון די גייסטליכע און די עמיגראנטען? דיזע פראגע ווערט נאָך ביז איצט דיסקוטירט און די מיינונגען בלייבען נאָך אלץ זעהר פער־שיעדענע. מען קען זאָגאר זאָגען, אז די מיינונגען אונטערשיי־דען זיך לויט די טהיילען פון פראנקרייך, וועלכע זיינען געווען דער הויפט־ציעל פון אונטערזוכונג דורך דעם אָדער יענעם פאָרשער.*)

*) אין קאָט־ד'אָר זיינען די מאַיאָנטקעס פון די גייסטליכע גע־קויפט געוואָרען מעהר פון די מיטעל־קלאסען, ווי פון די בויערען. אָבער עס איז געווען פונקט פערקעהרט מיט די מאַיאָנטקעס פון די עמי־גראנטען, וועלכע זיינען אין דערזעלבער געגענד מייסטענס געקויפט געוואָרען פון די בויערען. אין לאַננע האָבען די בויערען געקויפט מעהר גיטער פון די גייסטליכע, ווי די מיטעל־קלאסען, וועהרענד די מאַיאָנטקעס פון די עמיגראנטען זיינען צוטהיילט געוואָרען גלייך

מיט דאָס אַלעס בעהערשט פון דעסטוועגען איין פאַקט די אַלע אַנדערע. לאַנד־אייגענטהום איז פאַנאַנדערגעטהיילט גע־וואָרען. אין אַלע יענע טהיילען פון פראַנקרייך, וואו די בויערען האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער רעוואָלוציע, איז פיעל לאַנד אריבער אין די הענד פון די בויערען. און איבעראַל האָט דער עלענד — דער פינסטערער עלענד פון דעם אַלטען רעזשים — אָנ־געהויבען צו פערשווינדען. דער כראָנישער הונגער, וועלכער האָט פריהער פאַרכאַפּט אַ דריטעל פון פראַנקרייך יעדען יאָהר, איז געוואָרען אונבעקאַנט אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט.

פאַר דער רעוואָלוציע האָבען מאַנכע טהיילען פון פראַנק־רייך יעדען יאָהר געליטען פון הונגער. די אַגריקולטור־פּער־העלטניסע זיינען געווען פּונקט אַזעלכע, ווי זיי זיינען איצט אין רוסלאַנד. דער בויער האָט געמאָגט ווי שווער ארבייטען, האָט ער אָבער קיינמאָל ניט געקאָנט האָבען גענוג ברויט פון איין שניט ביז צום אַנדערען. זיין אַקערען איז געווען שלעכט, זיין פּער־זייאונג שלעכט, און זיין ווינציגע פיה האָט איהם ניט געקאָנט געבען די נויטיגע בעמיסטיגונג. פון יאָהר צו יאָהר איז זיין לאַגע געוואָרען אַלץ ערגער. „פּונקט ווי עס איז איצט אין רוס־לאַנד!“ מוז איינער אויסשרייען, ווערהענד ער שטודירט די דאָ־קומענטען און די ווערק, וועלכע דערצעהלען וועגען די פערהעלט־ניסע פון די פראַנצויזישע בויערען אונטער דעם אַלטען רעזשים.

אָבער דאַן קומט די רעוואָלוציע. דער שטורם איז שרעק־ליך. די ליידען, וועלכע עס ברענגט די רעוואָלוציע אין בעזאָנ־דערס די מלחמה, האָבען גאָר צו זיך קיין גלייכען ניט. זיי זייי־נען אמת טראַגיש. אין געוויסע מאָמענטען זעהט איינער, ווי עס עפענט זיך דער אָבגרונד, וועלכער וועט איינשלינגען פראַנק־רייך. נאָך דעם קומט דער דירעקטאָריום, געפאָלגט פון די מלחמות פון דער נאַפּאָלעאָנישער אימפּעריע. און ענדליך קומט די רעאַקציע פון די בורבאָנען, וועלכע ווערען צוריק ארויפגעזעצט

---

צוזישען דיזע ביידע קלאַסען. אין דער נאָרטה זיינען גרויסע שטי־קער לאַנד געקויפט געוואָרען פון קליינע געזעלשאַפטען פון בויערען.

אויף דעם טהראָן פון פראנקרייך אין 1814 דורך די פעראייני־גונג פון קעניגע און אימפּעראטאָרס. און מיט זיי קומט דער ווייסער טעררּאָר פון דער רעאקציע, וואָס איז זאָגאר נאָך שרעק־ליכער פון דעם רויטען טעררּאָר פון דער רעוואָלוציע. און דאַן שרייען אוים ניט זעהר ווייט־זעהענדע מענשען: „איהר זעהט, רעוואָלוציעס זיינען פון קיין נוצען ניט!“

עס זיינען אָבער דאָ צוויי זאַכען, וועלכע קיין רעאקציע האָט ניט געקאָנט פערניכטען. פראנקרייך איז דעמאָקראטיזירט געוואָרען דורך די רעוואָלוציע ביז צו אזא גראד, דאָס די יעניגע, וועלכע קענען פראנקרייך, קענען ניט בלייבען א ווײלע אין איר־גענד אַנאַנדער לאַנד פון אייראָפּא, און ניט מוזען זיך זאָגען: איינער זעהט דאָ אויף יעדען טריט, דאָס די גרויסע רעוואָלוציע איז ניט פאָרגעקומען דאָ. דער בויער אין פראנקרייך איז גע־וואָרען אַ מענש. ער איז שוין ניט מעהר „דאָס ווילדע טהיער“. ער איז אַ דענקענדעס וועזען. און דער גאַנצער פּנים פון פראנק־רייך האָט זיך געענדערט דורך די רעוואָלוציע. פראנקרייך איז געוואָרען אַ לאַנד פון פערהעלטניסמעסיג רייכע בויערען. אפילו דער ווייסטער טעררּאָר האָט ניט געקאָנט צוריק ברענגען דעם פראנצויזישען בויער אונטער דעם אַלטען יאָך פון לאַנד. נאַ־טירליך, איז נאָך אַלץ דאָ אַ סך עלענד אין די דערפער, אין פראנקרייך, ווי אנדערשוואו. אָבער דיזע אָרימקייט איז רייכ־טהום אין פערגלייך מיט דעם, וואָס פראנקרייך איז געוועזען מיט אַ הונדערט און פופציג יאָהר צוריק און מיט דאָס, וואָס מיר האָ־פען צו זעהן איבעראַל, וואו די רעוואָלוציע איז נאָך ניט געקו־מען מיט איהר פאקעל!

צוויי און פופציגסטער קאפיטעל.

# דער קאמפף געגען הונגער. — דער מאקסימום. — פאפיער־געלד.

די שוויריגקייט צו שפייזען גרויסע שטעדט. — די טהעטיגקייט פון די ספעקולאנטען. — די לאגע אין ליאן. — די פאדערונג פאר א מאקסימום. — די קאנווענשען בעשטימט א פרייז פאר ווייץ און נאהרונגס־שטאפען. — די געפאהר פון בעשטימען ריטייל־פרייזען. — דער מאקסימום אבגעשאפט פון די רעוואלוציאנע־רען. — דער פאלען אין ווערטה פון דעם פאפיער־געלד. — דעם שטאאט סטראשעט באנקראט. — נעקער פערזוכט צו קריגען געלד. — דאס פאבריצירען פון פאלשע אססיגנאציעס.

---

איינע פון די שווערסטע זאכען אין יעדער רעוואלוציע איז דאס שפייזען פון גרויסע שטעדט. די גרויסע שטעדט פון אונ־זערע צייטען זיינען די מיטעל־פונקטען פון פערשיעדענארטיגע אינדוסטריען, וועלכע האבען זיך ענטוויקעלט הויפטזעכליך פאר דעם נוצען פון די רייכע און פאר דעם עקספארט־האנדעל. דיזע צוויי צווייגען פון אינדוסטריע שטעלען זיך אב, ווען עס פאסירט נור אירגענד א קריזיס. און עס שטעלט זיך דאן די פראגע, ווי אזוי זאלען געשפייזט ווערען דיזע גרויסע שטאדט־בעפעל־קערונגען?

פראנקרייך איז געווען דאן אין דיזער לאגע. די עמיגרא־ציאן און די מלחמה, בעזאנדערס די מלחמה מיט ענגלאנד, וועלכע האט געשטערט דער עקספארטאציאן און דעם גאנצען אויסלענדישען מסחור, פון וועלכען אזעלכע שטעדט, ווי מאר־

סעל, ליאָן, נאַנטעס און באָרדאָ האָבען געלעבט, און די נייגונג וואָס די רייכע מענשען האָבען געפיהלט: ניט ארויסצואווייזען זייער רייכטהום אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע — דאָס אַלעס צוזאמען האָט געמאכט, אז די מאַנופאַקטור פון די פערשיעדענע לוקסוס־ארטיקלען זאָל זיך אָבשטעלען, און עס זאָל אין גאַנצען אויפהערען דער האַנדעל אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב.

די בויערען, בעזאָנדערס די, וועלכע האָבען געקראָגען בעזיין פון זייער לאַנד, האָבען געארבייט זעהר שווער. קיינמאָל זיינען די ארבייטער ניט געוועזן אַזוי ענערגיש, ווי אין יענעם הערבסט פון 1791, דערצעהלט אונז מישלע. און די געראַטעניישען פון די יאָהרען 1791, 1792 און 1793 זיינען געוועזן גאַנץ גרויסע, און עס האָט ניט בעדארפט זיין קיין מאַנגעל אין ברויט. אָבער זייט 1788 האָט גאַנץ אייראָפּאַ און פראַנקרייך, ספּעציעל, דורכגעמאַכט אַ רייהע פון שלעכטע יאָהרען — זעהר קאַלטע ווינטערס און זומערס אָהן זונען־שיין. אין דער ווירקליכקייט איז געוועזן בלויז איין גוטער געראָטענער יאָהר, דער יאָהר 1793, און דאָס נור אין אַ העלפט פון לאַנד. דאָרט איז זאָגאַר געוועזן אַן איבערפלוס פון ווייץ. אָבער ווען דיזער איבערפלוס, ווי אויך די טראַנספּאָרט־מיטלען זיינען נויטיג געוואָרען פאַר די מלחמה, איז אין מעהר ווי אַ העלפט פון פראַנקרייך געוועזן אַ גרויסער יקרות. אַ זאַק ווייץ, וואָס מען האָט פריהער געקאָנט קויפען אין פּאַריז פאַר פופציג ליווערס, איז געשטיגען ביז זעכציג אין פעברואַר, 1793, און ביז הונדערט אין מאַי.

ברויט, וואָס האָט פריהער געקאָסט דריי סו אַ פונט, איז איצט ארויפגעשטיגען צו זעקס סו אין די קליינע שטעדט אַרום פּאַריז. אין דער סויטה האָט געהערשט אַ הונגער־פּרייז — 10 און 12 סו דער פונט. אין קלערמאָן אין די פּיל־דע־דאָם האָט אין יוני, 1793, אַ פונט ברויט געקאָסט פון 16 ביז 18 סו. „אונזערע בערגיגע געגענדען זיינען אין דעם שטאַרקסטען עלענד. די רעגיערונג פערטהיילט ברויט צו אַן אַכטעל פון אַ „סעטיער“ פאַר יעדען בעזונדער, און יעדער איינער מוז ווארטען צוויי טעג אויף

זיין רייהע", לעזען מיר אין מאָניטער פון דעם 15טען יוני, 1793.

אזוי ווי די קאָנוועגשאָן האָט גאָר ניט געטהאָן, זיינען פאָר־געקומען אונרוהיגע פערזאמלונגען און רייאָטען אין 8 דע־פארטמענטס, און די שלוחים פון דער קאָנווענשאָן זיינען גע־ווען געצוואונגען צו בעשטימען דעם פרייז אויף ברויט, ווי דאָס פאָלק האָט עס פערלאַנגט. צו ספּעקולירען דאן אין ברויט איז געוואָרען פאר איינעם העכסט געפעהרליך.

אין פאריז איז די פראגע צו שפּייזען זעקס הונדערט טויזענד מענשען געוואָרען א פראגע פון לעבען און טויט; ווייל אויב דער פרייז פון ברויט זאָל בלייבען זעקס סו א פונט, ווי דאָס איז דאן געווען, וואָלט אַן אויפשטאנד געוואָרען אונפער־מיידליך, און נור מיט קאַנאָנען וואָלט מען געקאָנט ניט דערלאָ־זען די פּלינדערונג פון די הייזער פון די רייכע. די קאָממונע האָט דארום בעשלאָסען צו ווערען נאָך א גרעסערער בעל חוב צום שטאאט און האָט אויסגעגעבען פון 12 ביז 75 טויזענד ליווערס א טאָג, אום צו בעזאָרגען די בירגער מיט מעהל, און אויפצור־האלטען דעם פרייז פון ברויט צו 12 סו פאר א פיער־פונטיגען ברויט. די רעגיערונג, פון איהר זייט, האָט בעשטימט די קוואנ־טיטעט קאָרן, וואָס יעדער דעפּארטמענט מוז שיקען נאָך פאריז. אָבער די וועגען זיינען געווען זעהר שלעכטע, און אלע לאַסט־טהיערע זיינען צוגענומען געוואָרען פאר די מלחמה. און אזוי איז געשטיגען דער פרייז פראָפּאָרציאָנעל אויף אלעס. א פונט פלייש, וואָס האָט פריהער געקאָסט פינף אָדער זעקס סו, האָט איצט געקאָסט צוואנציג. צוקער האָט געקאָסט ניינציג סו א פונט און ליכט זיבען סו.

די ספּעקולאנטען זיינען בעהאנדעלט געוואָרען זעהר שטרענג. אָבער דאָס האָט קנאַפּ־וואָס געהאָלפען. נאָך דעם, ווי די זשיראָנדיסטען זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער קאָנווענשען, האָט די קאָממונע אויסגעפיהרט ביי איהר, אז זי זאָל צושליסען די בערזע אין פאריז דעם 27טען יוני, 1793, אָבער די ספּעקולאציע האָט צוליעב דעם פון דעסטוועגען ניט אויפ־

געהערט, און מען האָט געזעהען די ספּעקולאַנטען זיך צוזאַמענ־קומען אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, טראָגענדיג אַ ספּעציעלען בעדזש און מאַרשירענדיג אין פּראָצעסיאָנען מיט מיידלאַך אום צו מאַכען חוזק פון דעם עלענד פון פּאָלק.

דעם 18־טען סעפּטעמבער, 1793, האָט די קאָמונע אין גרויסער פּערצווייפלונג ארויפגעלייגט זיעגלען אויף די הייזער פון די באַנקיערען און די „געלד־סוחרים“. סענט דזשאַסט און לעבא, געשיקט פון דער קאָנווענשען צו דעם נידריגען רהיין, האָבען ארויסגעלאָזען אַ בעפעהל פון קרימינאַל־געריכט, אז דאָס הויז פון איינעם, וואָס וועט געפונען ווערען שולדיג אין ספּעקולאַציע, זאָל פּערניכטעט ווערען ביז צום גרונד. אָבער די ספּעקולאַציע איז נור אריינגעטריבען געוואָרען אין אנדערע ריכטונגען.

אין ליאָן איז די לאַגע געווען ערגער, ווי אין פּאַריז, ווייל די מוניציפּאַליטעט, וואָס איז דאָרט געווען טהיילווייז אַ זשיראָנדיסטישע, האָט ניט אָנגענומען קיינע מיטלען אום צו לינדערען די נויט פון פּאָלק. „די בעפעלקערונג פון ליאָן איצט איז וועניגסטענס 130 טויזענד, און עס איז ניטאָ גענוג פּראָוויזיע פאר דריי טעג“, האָט געשריבען קאָללאָ־דע־הערבא צו דער קאָנווענשען דעם 7טען נאָוועמבער, 1793. „אונזער לאַגע, וואָס אנבעלאַנגט נאַהרונג, איז אַ פּערצווייפעלטע... מיר זיינען אויפ'ן שוועל פון הונגער...“

אין דיזער צייט פון נויט זיינען פּאָרגעקומען ריהרענדע ביישפּיעלע פון איבערגעבענהייט. מיר לעזען, למשל, ווי די סעקציאָנען פון מאָנטמאַרטר און ל'האָם־אַרמע האָבען בעשלאָסען אַ בירגערליכען תענית פון זעקס וואָכען. און מעליע האָט געפונען אין דער „ביבליאָטהעק נאַציאָנאַל“ דעם דעקרעט פון דער אבסערוואַטאָר־סעקציאָן, דאַטירט ערשטער פעברואַר, 1792, לויט וועלכען אַלע רייכע בירגער אין דיזער סעקציאָן זיינען פּערפּליכטעט ניט צו געברויכען קיין צוקער און קאַפע, ביז דער מעהר געמעסיגטער פּרייז זייערער וועט ערלויבען אויך די אָרימערע מענשען זיי צו געניסען. שפּעטער־צו אין פעברואַר און מערץ, 1794,

ווען ברויט איז געוואָרען זעהר טהייער, האָבען אַלע פּאַטריאָטען פון פּאריז בעשלאָסען ניט צו עסען קיין ברויט.

אָבער אזעלכע זאכען האָבען בלויז א מאָראלישען עפפעקט אין דער צייט פון יקרות. עס איז נויטיג געוואָרען אן אַלגעמיינער מיטעל. דעם 16טען אפּריל, 1793, האָט די אדמיניסטראציע פון דעם פּאריזער דעפּארטמענט אדרעסירט א בקשה צו דער קאָנווענשען, פאָרדערענדיג, אז עס זאָל בעשטימט ווערען א מאקסימום־פּרייז, פאר וועלכען קאָרן זאָל קענען פערקויפט ווערען; און נאָך אן ערנסטער דיסקוסיאָן, געגען א שטארקע אָפּפּאָזיציע, האָט די קאָנווענשען דעם 3טען מאי, 1793, בעשלאָסען צו בעשטימען א מאקסימום־פּרייז פאר תבואה.

די הויפּט־אבזיכט פון דיזען דעקרעט איז געווען צו ברענגען אזוי ווייט, ווי מעגליך, דעם פערברויכער אין דירעקטער פערבינדונג מיט דעם פארמער אין די מארקעטס, אזוי, דאָס זיי זאָלען קענען פּטור ווערען פון דעם „מיטעל־מאן“. און צוליעב דיעזען צוועק איז יעדער תבואה־הענדלער אָדער אייגענטהימער פון קאָרן און מעהל געווען פערפּליכטעט אריינצושיקען צו דער מוניציפּאליטעט אן ערקלערונג וואָס פאר א סאָרט תבואה און וויפיעל ער האָט אין זיין בעזיץ. קאָרן און מעהל האָבען ניט געקאָנט פערקויפט ווערען סיידען אין די עפפענטליכע מארקעטס, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען צו דעם צוועק, נור דער פערברויכער קען זיך אָנגרייטען מיט פּראָוויזיע פאר א מאָנאט פון די תבואה־הענדלער פון זיין קאנטאן, אויב ער האָט דערצו די איינוויליגונג פון דער מוניציפּאליטעט. די נידריגסטע פּרייזען פון די פערשיעדענע תבואות צווישען דעם 1טען יאנואר און דעם 1טען מאי, 1793, זיינען געוואָרען דער מאקסימום־פּרייז, העכער פון וועלכען קיין קאָרן האָט ניט געטאָרט פערקויפט ווערען. דיזע פּרייזען האָבען געדארפט גראדענווייז ווערען קלענער ביז דעם 1טען סעפּטעמבער. די, וועלכע האָבען געקויפט אָדער פערקויפט איבער דעם בעשטימטען פּרייז, דארפען בעשטראָפט ווערען. די, וועלכע מען האָט אויסגעפונען צו פארבאהאלטען אָדער איבערצופיהרען בייזוויליג דעם קאָרן אָדער

מעהל — אַ זאַך, וואָס איז געטהאָן געוואָרען אפילו, ווען דער מאַנגעל איז געווען אם העכסטען — זאָלען בעשטראָפט ווערען מיט'ן טוידט.

אין פיער מאָנאַטען שפּעטער איז עס בעטראכט געוואָרען פאַר אונבעדינגט נויטיג אויסצוגלייכען די פּרייזען אויף ווייץ איבער גאַנץ פראַנקרייך, און דעם 4טען סעפּטעמבער, 1793, האָט די קאָנווענשען בעשטימט פאר דעם מאָנאַט סעפּטעמבער דעם פּרייז פון בעסטען ווייץ צו 15 ליווערם דעם קווינטאַל. דאָס איז געווען דער מאַקסימום, וועגען וועלכען מען מאַכט עס אזא ליארם,*) אַ נויטווענדיגקייט פון דעם מאָמענט, און וואָס די ראָיאַליסטען און די זשיראָנדיסטען האָבען ערקלערט אַלס דעם גרויסען פערברעכען פון די מאנטאנארען. דער פערברעכען איז געווען דאָס אונפערצייהליכער, ווייל די, וועלכע האָבען סימפּאַ־טיזירט מיט'ן פאָלק, האָבען געפאָדערט, אז ניט נור זאָל בע־שטימט ווערען דער פּרייז פון ווייץ, נור אויך דער פּרייז פון דעם געבאַקטען ברויט, ווי אויך פון פערשיעדענע אנדערע זאכען, וועל־כע זיינען פאַר'ן מענשען פון דער ערשטער אָדער צווייטער נויט־ווענדיגקייט. אויב די געזעלשאַפט האָט זיך אונטערנומען צו בעשיצען דאָס לעבען פון די בירגער, זאָל זי אויך ניט, האָבען זיי גע'טענה'ט מיט רעכט, בעשיצען עס געגען די, וועלכע האָבען געמאַכט אַ פערזוך אויף דיזעס לעבען דורך דאָס בילדען פון

---

*) מען דענקט אָפט, אז עס וואָלט געווען לייכט פאר אַ רעוואָ־לוציע צו מאַכען עקאָנאָמיע אין דער אַדמיניסטראציע דורך די פער־קלענערונג פון דער צאָהל בעאַמטע. דאָס איז זיכער ניט געווען דער פאַל אין דער רעוואָלוציע פון 1789־1793, וועלכע האָט מיט יעדען יאָהר פערמעהרט די פונקציאָנען פון דעם שטאַאַט אין דער היגזיכט פון ערציהונג, אין דער היגזיכט פון ריכטער, געצאָהלט פון דעם שטאַאַט, די אדמיניסטראציע פון וועלכע איז בעצאָהלט געוואָרען פון די טאַקסעס, און אזוי האָט געמוזט זיין דיזע גרויסע ארמעע פון בע־אַמטע.

פעראייניגונגען, אום צו רויבען איהם פון דעם, וואָס איז אבסאָ־לוט נויטיג ?

דער שטרייט איבער דער פראגע איז געווען א זעהר שאר־פער. פיעלע פון די מאָנטאנארען, ווי די זשיראָנדיסטען, זיינען געווען אבסאָליוט געגען דער אידעע פון בעשטימען דעם פרייז פון נאהרונגס־שטאָפען, וואָס, לויט זייער מיינונג, איז געווען „ניט פּאָליטיש, ניט פּראקטיש און געפעהרליך." *)

אָבער די עפפענטליכע מיינונג האָט געזיעגט, און דעם 29טען סעפּטעמבער, 1793, האָט די קאָנווענשען בעשלאָסען צו בעשטימען א מאקסימום־פרייז אויף זאכען פון דער ערשטער און צווייטער נויטווענדיגקייט — פלייש, פיה פאר׳ן מארקעט, פעטס, פוטער, זיסען אויל, עסיג, ברענדי און ביער.

דיזע לייזונג איז געווען אַזוי נאַטירליך, דאָס די פראגע פון פערבאָטען די עקספּאָרטאציאָן פון תבואה און בויען תבואה־שפּייכלערס מיט דיזען צוועק און אויך צו בעשטימען א מאק־סימום־פרייז פאר אלערליי תבואות און פלייש איז שוין דיסקו־טירט געוואָרען אי פון פּאָליטיקער און אי פון רעוואָלוציאָנערען זייט 1789. געוויסע שטעדט, ווי גרענאָבעל, האָבען בעשלאָסען צו קויפען קאָרן פאר זיך און צו בעגעהען זיך שטרענג מיט די מאָנאָפּאָליסטען. פיעלע פּאמפלעטען זיינען ארויסגעגעבען גע־וואָרען צוליעב דעם (מאָמאָרא האָט פערעפענטליכט א זעהר אינטערעסאנטען פּאמפלעט איבער דיזען ענין; ער ערקלערט דאָרט די קאָממוניסטישע פּרינציפּען). ווען די קאָנווענשען איז צוזאמענגעקומען, זיינען די פּאָרדערונגען צו בעשטימען א מאקסימום־פרייז געוואָרען זעהר שטארק, און דער ראטה פון דעם דעפּארטמענט פון פאריז איז זיך צוזאמענגעקומען מיט די ריכטער פון דעם דעפּארטמענט, אום צו דיסקוטירען די פּראגע. דער רעזולטאַט איז געווען א פּעטיציע, וועלכע אין דעם נאָמען

*) זעה די זאמלונג אין בריטישען מוזעאום „ביבליאָטהעק היסטאָריק דע לא רעואָלוסיאָן", וועלכע ענטהאַלט די פּאמפלעטען אי־בער דער שפּייז־פּראגע, בענדער 475, 474, 473.

פון אלע מענשען פון דעפּאַרטמענט פון פּאַריז, האָט געפּאָרדערט, אַז די קאָנווענשען זאָל בעשטימען אַ מאַקסימום־פּרייז פאר קאָרן. די פּרייזען פאר זאכען פון צווייטער נויטוועןדיגקייט זיינען בעשטימט געוואָרען אויף די צייט פון אַ יאָהר. ברען־מאַטעריאל, ליכט, לאָמפּ־אויל, זאלץ, זייף, צוקער, האָניג, ווייסער פּאַפּיר, מעטאַלען, שטריק, פלאקס, וואָלענע און קאטענע שטאָפען, שטיוועל, שיך, טאַבאַק און די רויהע מאַטעריאלען, וואָס ווערען געברויכט פון די פאבריקען, זיינען אלע אריין אין דיזע קאַטעגאָריע. דער מאקסימום־פּרייז, פאר וועלכען עס איז געווען ערלויבט צו פערקויפען דיזע, איז געווען יענער פּרייז, פאר וועלכען יעדער פון די אויסגערעכענטע ארטיקלען האָט זיך פערקויפט אין 1790, וואָס איז בעשטימט געוואָרען פון די פערזאמלונגען און נאָך איין דריטעל, פון וואָס עס זאָל אראָבגענומען ווערען די פערשיעדענע אָבצאָהלונגען, וואָס זיינען דאַן געווען. דאָס איז געווען דער געזעץ פון 29טען סעפּטעמבער, 1793.

אָבער אין דער זעלבער צייט האָט די קאָנווענשען פערפאסט געזעצע געגען די לוין־ארבייטער און געגען די אָרימע אין אַלגעמיין. זי האָט אַרויסגעלאָזען אַ דעקרעט, אַז די העכסטע ציפער פון געהאַלטען, ווייכזשעס, פּרייזען פון שטיק־ארבייט זאָל בעשטימט ווערען ביז צום פאָלגענדען סעפּטעמבער דורך דעם גענעראל־ראַטה פון דער קאָממונע לויט דער זעלבער ראַטע, ווי אין 1790, און מיט נאָך אַ העלפט פון דיזער סומע...

עס איז קלאָר, אַז דיזע סיסטעם האָט ניט געקאָנט ווערען בעגרענצט. וויבאלד פראנקרייך האָט ארויסגעוויזען, דאָס זי ווינשט ניט צו זיין אונטער א סיסטעם פון פרייהייט אין האנדעל — און פאָלגליך אויך אין ספּעקולאַציאָן און אַנדערע סטאַק־מאַניפּולאַציאָנען — האָט זי שוין ניט געקאָנט זיך אָבשטעלען ביי דיזע שרעקעדיגע עקספּערימענטען. זי האָט געמוזט געהן וויי־טער אויף דעם וועג פון קאָממונאַליזירונג פון האַנדעל, צום טראָץ פון די אידעען פון וויעדערשטאַנד, אויף וועלכע זי האָט געמוזט זיך אָנשטויסען. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס דעם 11טען „ברומער" (1טען נאָוועמבער, 1793) האָט די קאָנ־

ווענשען אויסגעפונען פון דעם רעפּאָרט פון באררער, אז אום צו בעשטימען דעם פּרייז, פאר וועלכען די איינצעל־פּערקויפער זאָלען מוזען פערקויפען זייער וואארע, מיינט „צו שאדען די קליינע קרעמער צום פּראָפיט פון די גרויסע און דעם פאבריק־ארבייטער צו גונסטען פון דעם פאבריק־אייגענטהימער." דאן האָט מען בעגריפען, דאָס אום צו בעשטימען דעם פּרייז פון די האנדעל־ארטיקלען, וואָס זיינען געווען איינגעשלאָסען אין דעם פריהערדיגען דעקרעט, איז עס געווען נויטיג צו וויסען דעם ווערטה פון דער פּראָדוקציאָן פון יעדער זאך. צוגעבענדיג צו דעם פינף פּראָצענט פּראָפיט פאר דעם גרויס־הענדלער און פינף פּראָצענט פאר דעם קליינהענדלער, און נאָך די אויסגאבען פון טראנספּאָרט, ווערט דורך דעם פעסטגעשטעלט דער עהרליכער פּרייז, פאר וועלכען יעדע זאך פון האנדעל זאָל פערקויפט ווערען.

עס האָט זיך דארום אָנגעהויבען א ריעזיגע אויספאָרשונג, אום פעסט צו שטעלען איינעם פון די פאקטאָרען פון ווערטה, די פּראָדוקציאָן. אונגליקליכערווייזע איז דיזע אויספאָרשונג קיינמאָל ניט געענדיגט געוואָרען, ווייל דעם 9טען טערמידאָר האָט די רעאקציע טריאומפירט, ווען אלעס פון דיזען סאָרט איז אויפגעגעבען געוואָרען. דעם 23טען דעצ. 1791, נאָך א שטורמדיגער דיסקוסיאָן, וועלכע עס האָבען אָנגעפאנגען די רעאקציאָנערען דעם 8טען נאָוועמבער, זיינען אלע געזעצע וועגען דעם מאקסימום אָבגעשאפט געוואָרען. דאָס האָט געפיהרט צו א שטארקען פאלען אין דעם ווערטה פון דעם פּאפּיער־געלד. בלויז ניינצעהן פראנק זיינען געגעבען געוואָרען אין אויסבייט פאר הונדערט פראנק אין פּאפּיער. זעקס מאָנאטען שפּעטער האָט מען שוין געגעבען בלויז 2 פראנק פאר הונדערט, און אין נאָוועמבער, 1795, איז דער ווערטה געזונקען צו פופצעהן סו. צו דער זעלבער צייט האָט א פּאָר שיך געקאָסט א הונדערט ליווערס און א שפּאציר אין א קאָטש זעקס טויזענד ליווערס.

עס איז שוין דערמאָנט געוואָרען, ווי אזוי נעקער, אום צו קריגען די עקזיסטענץ־מיטעל פאר'ן שטאאט, האָט געמאכט צוויי הלואות, איינע פון דרייסיג און די צווייטע פון אכציג מיליאָן.

דיזע הלוואות האָבען זיך אָבער ניט איינגעגעבען, און ער האָט גע־קראָגען פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג אַן אויסעראָרדענטליכע בעווילליגונג פון אַ פערט־חלק פון איינעמס איינקונפט, וואָס האָט געמוזט גלייך אויסגעצאָהלט ווערען. דעם שטאַאט האָט גע־סטראַשעט דער באַנקראָט, און די פערזאמלונג, אָנגעפיהרט פון מיראַבאָ, האָט נעשטימט פאר נעקערס פאָרדערונג, אָבער אויך דאָס האָט זעהר וועניג געבראכט.*) דאַן, ווי מיר האָבען געזעהען, איז מען געקומען צום גערַאנק צו שטעלען צום פערקויף דאָס לאַנד פון דער קירכע און ארויסלאָזען דערוויייל פּאַפּיר־געלד, וועלכעס זאָל געקאַנסעלט ווערען אַזוי שנעל, ווי דער פערקויף פון לאַנד וועט ברענגען דאָס נויטיגע געלד. די קוואַנטיטעט פון דעם פּאַפּיר־געלד, וואָס איז ארויסגעלאָזען געוואָרען, האָט גע־זאָלט זיין בעגרענצט לויט דער ווערטה פון דעם לאַנד, וואָס איז יעדעס מאָל געשטעלט געוואָרען צום פערקויף. דאָס פּאַפּיר־געלד האָט געטראָגען פּראָצענט און האָט געהאַט אַן אויפגעבלאָזענעם ווערטה.

די ספּעקולאַציאָן אין געלד־וואָכער האָט אָהן צווייפעל נאָך מעהר פערמינדעט דעם ווערטה פון די אססיגנאַציעס. דאָך האָט ער נאָך געקאָנט אָנגעהאַלטען ווערען, אַזוי לאַנג, ווי דער מאַקסימום־פּרייז פון די הויפּט־ארטיקלען איז געוועזען בעשטימט פון דער מוניציפּאַליטעט. נור אַזוי שנעל, ווי דער מאַקסימום איז אָבגעשאַפט געוואָרען פון דער רעאַקציע פון 19טען טערמי־דאָר, איז דער ווערטה פון די אססיגנאַציעס געזונקען מיט אַ בע־זאָנדערער שנעלליגקייט. דער עלענד, וואָס איז געבראַכט געוואַ־

*) אַלס אַ כלל איז אין דעם גאַנצען משך פון דער רעוואָלוציע ניט געצאָהלט געוואָרען קיין שטייערען. אין פעברואר, 1793, האָט די שטאַאט־קאַסע גאָרניט ערהאַלטען פון די שטייערען אויפ'ן לאַנד און אויף דעם פערזענליכען אייגענטהום, וואָס זיינען בעשטימט גע־וואָרען אין 1792, און פון די טעקסעס, וואָס זיינען ארויפגעלייגט געוואָרען אין 1791 איז נור אַ העלפט אריינגעקומען — ארום 15 מיליאָן. דאָס איבעריגע האָט נאָך געדארפט אריינקומען.

רען דורך דעם צווישען די, וועלכע האָבען געלעבט פון האנד אין מויל, קען זיך לייכט פאָרגעשטעלט ווערען.

די רעאקציאָנערע געשיכט־שרייבער זיינען אימער בערייט צו פערוויקלען דיזען ענין, ווי פיעלע אנדערע, אין אונקלאָהרהייט און צומישעניש. אָבער דער אמת איז, דאָס דער פאלען אין ווערטה פון די אססיגנאציעס האָט זיך געלאָזט פיהלען ערשט דאן, ווען עס איז ארויסגעלאָזען געוואָרען דער דעקרעט, וועלכער האָט אָבגעשאפט דעם מאקסימום.

אין דער זעלבער צייט האָט די קאָנווענשען אונטער דער הערשאפט פון די רעאקציאָנערען אָנגעהויבען ארויסצוגעבען גרויסע מאסען פאפיר־געלד, אזוי, דאָס פון זעקס טויזענד־פיער־הונדערט און צוואנציג מיליאָן, וועלכע זיינען געווען אין אומגאנג דעם 3טען נאָוועמבער, 1794, האָט די סומע געשטיגען אין ניין מאָנאטען שפעטער ביז צוועלף מילליארד.

נאָך מעהר, די פרינצען, וועלכע זיינען געווען אין ענגלאנד, האָבען פאבריצירט אססיגנאציעס, וועלכע זיינען געווען שטארק עהנליך אין אלע הינזיכטען צו די יעניגע, וועלכע זיינען ארויסגע־לאָזען געוואָרען, אָדער געזאָלט ארויסגעלאָזען ווערען, פון דער זאָגענאנטער נאציאָנאלער קאָנווענשען. עס זיינען געווען באלד 76 ארבייטער, וועלכע האָבען געהאט בעשעפטיגונג אין דיזער געלד־פאבריק, און דער גראף פוסעי האָט געשריבען צו דער קאָ־מיטע פון דעם ברעטאָנישען אויפשטאנד: „עס וועט ניט לאנג נעהמען, און איהר וועט קריגען א מילליאָן א טאָג און נאכהער צוויי און מעהר מילליאָן.

ענדליך, דעם 21טען מערץ, 1794, איז פאָרגעקומען א דיסקוסיאָן אין דעם ענגלישען הויז אוו קאָממאָנס, אין וועלכער דער בעריהמטער שערידאן האָט פערדאמט די פאבריצירונג פון פאלשע אססיגנאציעס, וועלכע פיטט האָט דערלאָזען אין ענג־לאנד, און טיילאָר האָט ערקלערט, ווי ער האָט געזעהען מיט זיי־נע אייגענע אויגען, ווי דאָס פאלשע פאפיר־געלד ווערט געמאכט. גרויסע מאסען פון דיזע אססיגנאציעס זיינען אָנגעבאָטען געוואָ־

רען אין די גרויסע שטעדט אין אייראָפּא, אַלס אַן אויסטויש־מיטעל.

ווען די רעאקציע וואָלט זיך בענוצט בלויז מיט דיזע געמייני טהאַטען זייערע אין געהיים! אָבער זי איז געוועזן נאָך מעהר טהעטיג אין אַ סיסטעמאַטישער מאָנאָפּאָליזירונג פון אלע נאַה־רונגס־שטאָפען, אָבקויפענדיג די תבואה אויפ'ן פעלד, און ספּע־קולירענדיג אין די אססיגנאַציעס.*)

אַלס אַ צוגאָב איז די אָבשאַפונג פון דעם מאַקסימום געוועזן דער סיגנאַל פאר אַ העכערונג אין פּרייז פון אַלצדינג, און דאָס געראַדע דאַן, ווען עס האָט אַלעס געפעהלט. איינער קען זיך נור וואונדערען, ווי אזוי האָט פראנקרייך געקאָנט דורכמאַכען אַזאַ קריזיס, און ניט אין גאַנצען אונטערגעהן. אַפילע די העכסט־רע־וואָלוציאָנערע שריפטשטעלער שטעלען זיך ד י ז ע פראגע.

*) מאַנכע בריעף פון ענגלאַנד, אַדרעסירט פון די ראָיאליסטען צו זייערע אגענטען אין פראנקרייך, ענטפּלעקען די מעטאָדען, מיט וועלכע דיזע סטאָק־מאניפּולאטאָרען האָבען געארבייט. מיר לייענען אין איינעם פון דיזע בריעף: „מאַכט ארויפשטייגען די בערזע צו צוויי הונדערט ליווערס פאר איין פונט סטערלינג. מיר מוזען דיסקרעדי־טירען די אססיגנאַציעס אזוי פיעל, ווי מעגליך און ענטזאגען זיך צו נעהמען אלע די אססיגנאַציעס, וואָס האָבען ניט דעם קעניגליכען בילד. זעהט מאַכט שטייגען די פּרייזען אויף אַלעס. גיט בעשטעלונגען צו אייערע סוחרים אָבצוקויפען אלע זאכען, וואָס זיינען פון דער ערשטער נויטווענדיגקייט. אויב איהר קענט, זעהט איינצורעדען קאָט...טי אָבצוקויפען דעם חלב און דאָס ליכט אויף אירגענד אַ פּרייז, און מאַכט דעם עולם צו צאָהלען אזוי פיעל, ווי פינף פראנק אַ פונט. מיין לאָרד איז גאַנץ צופריעדען מיט דעם שטייגער, ווי באַטץ האָט געהאַנדעלט. מיר האָפען, אז די אססיגנאַציעס וועלען פערשפּרייט ווערען גאַנץ פאָר־זיכטיג. פּריסטער און פרויען זיינען אַם בעסטען פאר דיזע ארבייט. (ס. טהיערס, „די געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן“, דריטער באַנד).

## דריי און פופציגסטער קאפיטעל.

# די געגען־רעוואָלוציע אין ברעטאַין. — די ערמאָרדונג פון מאַראַט.

די זשיראָנדיסטען רופען ארויס אַ בירגער־קריעג. — די ראָיאַליסטי־שע פערשווערונג ענטדעקט. — די ענגלענדער פערפערטיגען אַן אויפשטאַנד אין נאָרמאַנדי און ברעטאין. — דער אויפשטאַנד פאַלט דורך. — די שוואַכקייט פון די רעפובליקאַנישע כחות. — די קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען האָבען ערפאָלג אין דעם אויפהויבען פון די שטעדט. — שאַרלאָטטע קאָרדעי. — די זשיראָנדיסטען אין דער פערשווערונג. — די ערמאָרדונג פון מאַראַט. — די היגריכטונג פון שאַליע. — דער כאַראַקטער און טהעטיגקייט פון מאַראַט.

---

בעפאַלען פון אַלע זייטען פון דער פעראייניגונג פון די איי־ראָפעאישע מאָנאַרכיען, אין סאַמע מיטען פון דער געוואַלדיגער ארבייט פון דער איבערבויאונג, זועלכע זי האָט אונטערנומען, האָט פראנקרייך זיך געפונען אין די נעגעל פון אַ שרעקליכען קרי־זיס. און ערשט, ווען מיר שטודירען דיזען קריזיס אין אלע זיי־נע איינצעלהייטען, קענען מיר ערשט בעגרייפען, וואָס פאַר א ליידען פראנקרייך האָט געמוזט איבערטראָגען פון טאָג צו טאָג, און אויך בעגרייפען מיר דאַן, וואָס פאר א געוואַלדיגען פערברע־כען עס האָבען בעגאַנגען די רייכע קלאַסען, ווען, כדי אויפצוהאַל־טען זייערע פריווילעגיען, האָבען זיי זיך ניט אָבגעשטעלט פון אריינצושליידערען פראנקרייך אין די שוידערליכקייטען פון אַ בירגער־קריעג און פון דער אריינדרינגונג פון דעם אויסערליכען שונא.

דאָך האָבען די זשיראָנדיסטען זיך ניט צוריקגעהאַלטען נאָך דעם, ווי מען האָט זיי אויסגעשלאָסען פון קאָנוועגשען דעם 2טען יוני, 1793, פון צו געהן אין די שטעדט, אום אויפצובלאָזען דאָרט, מיט דער הילפע פון די ראָיאַליסטען און זאָגאר פון אויס־לענדער, דעם פלאם פון בירגער־קריעג.

ווי בעקאנט, האָט די קאָנוועגשען, נאָך דעם, ווי זי האָט אויסגעשלאָסען די 31 זשיראָנדיסטען, אוועקגעשטעלט זיי אונ־טער א הויז־פערהאפטונג, איבערלאָזענדיג זיי דאָס רעכט פון צו געהן איבער פאריז, מיט דעם תנאי נור פון צו ווערען בעגלייט פון א זשאנדאר. ווערגניאָ, געזאָן, פאָנפרעד זיינען פערבליבען אין פאריז און פון צייט צו צייט האָט ווערגניא געשיקט בריעף, פול מיט גיפט, צו דער קאָנוועגשען. וואָס אנבעטרעפט די אנדערע, זיינען זיי אנטלאָפען פון פאריז און זיינען אוועק אין די שטעדט, אום זיי צו ברענגען צו אַן אויפשטאנד. די ראָיאַליסטען האָ־בען בעססערעס גאָר נישט געוואונשען. אנטי־רעוואָלוציאָנערע אויפשטענדע האָבען אויסגעבראָכען אין זעכציג דעפּארטמענטס — די העכסט־עקסטרעמע זשיראָנדיסטען און די ראָיאַליסטען האָבען געארבייט האנד אין האנד.

זייט 1791 איז שוין געשפּונען געוואָרען א פערשווע־רונג אין ברעטאין — איהר צוועק איז געוועזן די אויפריכטונג פון די אלטע גענעראל־שטאאטען פון דיזער פּראָווינץ, און די אלטע אדמיניסטראציאָן פון די דריי קלאסען. טיופין, דער מארקיז דע־לא רורירעזיער איז אוועקגעשטעלט געוואָרען פון די עמיגריר־טע פּרינצען אַן דער שפּיצע פון דיזער פערשווערונג. וועגען דיזער פערשווערונג אָבער האָט זיך דאנטאָן דערוואוסט דורך איי־נעם פון זיינע געהיימע אגענטען. דער מארקיז איז דאן גע־צוואונגען געוואָרען צו אנטלויפען און זיך פערבעהאלטען און אין 1793 איז ער געשטאָרבען אין דעם שלאָס פון איינעם פון זיינע פריינד, וואו ער איז אין געהיים בעגראָבען געוואָרען. דער אויפ־שטאנד האָט אָבער דאָך אויסגעבראָכען מיט דער הילפע פון די ענגלענדער.

מיט דער הילפע פון שמוגלער און עמיגראנטען, וועלכע האָ־

בען געלעבט אין דזשווירזי און אין לאָנדאָן, האָט די ענגלישע רע־
גיערונג פאַרבערייטעט א גרויסען אויפשטאַנד, וועלכער האָט גע־
זאָלט ברענגען אין איהרע הענד די פערפעסטיגטע שטעדט סענט־
מאלא, ברעסט, שערבורג און פיללייכט אויך נאנטעס און באַרדאָ.
נאָך דעם, ווי די קאָנווענשען האָט ארויסגעגעבען א דעקרעט פאַר
די פערהאַפטונג פון די וויכטיגסטע זשיראָנדיסטישע מיטגליע־
דער זיינען פעטיאָן, גאָדע, בריססאָ, בארבארא, לואווע, בוזאָ
און לאַנזשינע אוועק נאָך נאָרמאַנדיען און ברעטאַין אום אי־
בערצונעהמען דאָרט די פיהרונג פון דעם אויפשטאַנד. אָנקומענ־
דיג אין קאַען, האָבען זיי גלייך אָרגאניזירט א „ליגע פון די פער־
איינגטע שטעדט, מיט דער אבזיכט צו מאַרשירען געגען פאַריז.
זיי האָבען געלאָזט ארעסטירען די דעלעגאַטען פון דער קאָנווענ־
שען און האָבען אויפגעהעצט דעם פאָלק געגען די מאָנטאַנארען.
גענעראל ווימפּפען, וועלכער האָט קאָמאַנדירט דעם רעפּובליקאַ־
נישען חיל אין נאָרמאַנדיען, און וועלכער האָט געהאַלטען מיט
די געגנער פון די רעפּובליקאַנער, האָט ניט פערבעהאַלטען פון
זיי זיינען ראָיאַליסטישע מיינונגען און זיין אבזיכט צו זוכען
הילפע אין ענגלאַנד. אָבער דאָס האָט ניט געשטערט די זשיראָנ־
דיסטישע פיהרער זיך צו חבר'ן מיט איהם.

צום גליק האָט דאָס פאָלק אין נאָרמאַנדיען און ברעטאַין ניט געפאָלגט דער פיהרונג פון די ראָיאַליסטען און די גייסט־ליכע. די שטעדט האָבען זיך געשטעלט אויף די זייט פון דער רעוואָלוציע און דער אויפשטאַנד, דערשטיקט אין ווערנאָן, איז דורכגעפאַלען.*)

---

*) „דער בירגער־הימן פון די ברעטאַנען מאַרשירענדיג געגען אַנאַרכיע" — דאָס איז געווען דער נאָמען פון דעם ליעד פון די זשיראָנדיסטען, וועלכע גאָרע ברענגט אין די מעמוארען פון באַזא. אָט איז איינער פון די פערזען:

פון אַ טהראָן, אויפגעהאַלטען פון זיינע פערברעכענס,
ראָבעספּיער, אין גאַנצען שכור פון בלוט,
ווייזט אָן אויף זיינע אָפּפער מיט'ן פינגער

דער מארש פון די זשיראָנדיסטען דורך ברעטאַין איבער דונקעלע פערמויערטע געסלאך, ניט האָבענדיג דעם מוטה צו ווייזען זיך זאָגאר אין די קלענסטע שטעדט, וואו די רעפובליקאנער וואָלטען זיי ארעסטירט, צייגט, ווי ווענינ סימפּאטהיע זיי האָבען געפונען זאָגאר אין ברעטאַין, וואו די קאָנווענשען האָט ניט געפונען קיין חן אין די אויגען פון די בויערען, און וואו דאָס נעהמען פון סאָלדאטען פאר די מלחמה געגען דייטשלאנד האָט שרעקליך אויפגעבראכט די בעפעלקערונג. ווען ווימפּפען האָט געהאט די אבזיכט צו מארשירען אויף פּאריז, האָט קאַיען איהם צוגעשטעלט בלויז עטליכע דוצען וואָלונטירען.**) אין דער גאנצער נאָרמאנדיען און בריטאַן האָבען זיך פינף־זעקס הונדערט מענשען איינגעשריבען אין די ארמייִ, און זיי האָבען זאָגאר ניט געקעמפּפט, ווען זיי זיינען געקומען פּנים אל פּנים מיט אַ קליינער ארמייִ, וואָס איז אַנגעקומען פון פּאריז.

אין מאַנכע שטעדט אָבער, בעזונדערס אין די האפענשטעדט, סאַנט מעלאָ און ברעסט, האָבען די ראָיאליסטען געפונען איבערגעבענע פריינד צווישען דעם האנדעל־קלאס, און די רעפובליקאנער האָבען געמוזט אַנווענדען פיעל כח אום ניט צו

---

צו די ברומענדע אַנאַרכיסטען.

דיזע מאַרסעליעזע פון די זשיראָנדיסטען האָט געפאָדערט דעם טוידט פון דאַנטאָן, פון פּאַשע און פון מאַראַט. דער מאָטיוו פון דיזער מאַרסעליעזע איז געווען

מלחמה און טוידט צו די טיראַנען,
טוידט צו די פּרעדיגער פון פערניכטונג.

פערשטעהט זיך, אז אין דערזעלבער צייט האָבען זיי אַליין געפאָדערט און פאָרבערייטעט די אויסשלאַכטונג פון די רעוואָלוציאָנערען.

**) די מאַנעוורע, פון וועלכער שאַרלאָטע קאָרדעי האָט גערעדט פאר איהרע ריכטער, און ביי וועלכער עס האָבען געזאָלט זיין טויזענדע מענער, איז, אָהן צווייפעל, געווען בלויז אויסגעטראכט, אום צו דערשרעקען די סאנקיולאָטען פון פּאריז.

דערלאָזען, אז סט. מאלא זאָל זיך איבערגעבען צו די ענגלענדער, ווי דאָס איז געוועז דער פאַל מיט טולאָן.

מען מוז ווירקליך לייענען די בריעף פון דעם יונגען דזשוליען, דעם קאָמיסיאָנער פון עפפענטליכען וואוילזיין, און פון דזשענבאָן סט. אנדרעי, קאָמיסיאָנער פון דער נאַציאָנאַלער קאָנ־ווענשען, אום צו פערשטעהן, ווי שוואך עס זיינען געווען די מאַטעריעלע כוחות פון דער רעפובליק, און ווי בערייטווילליג עס זיינען געווען די רייכע קלאַסען צו אונטערשטיצען דעם אריינ־דרינגענדען אויסלענדישען שונא. אלעס איז שוין געווען פארטיג אום איבערצוגעבען די פעסטונג פון סאנט־מאלאָ צו דער ענגלי־שער פלאָטע, בעוואפענט ווי זי איז געווען מיט 123 קאַנאָנען און מיט פיעלע אנדערע וואפפען און פולווער. עס איז נור געווען דאָס אָנקומען פון די קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען, וואָס האָט אויף דאָס ניי לעבעדיג געמאַכט דעם מוטה פון די רעפובלי־קאנער און האָט ניט דערלאָזען צו דעם פערראַטה.

דיזע קאָמיסיאָנערען האָבען זיך ניט פערלאָזען אויף די לאָ־קאַלע אדמיניסטראַטיווע קערפּערשאַפטען: זיי האָבען געוואוסט, אז זיי זיינען פערפעסטעט פון ראָיאַליזם און קאָמערציאַליזם. זיי זיינען אוועק גלייך צו דער פאָלקס־געזעלשאַפט פון יעדער שטאָדט. צי קליין, צי גרויס, און זיי האָבען פאָרגעשלאָגען יע־דער געזעלשאַפט „אויסצורייניגען" זיך. יעדער מיטגליעד האָט בעדאַרפט אָפען ערקלערען פאר דער געזעלשאַפט, וואָס ער איז געווען פאר 1789, און וואָס ער האָט געטהאָן זייט דאן; צי האָט ער אונטערשריבען די ראָיאַליסטישע פעטיציעס פון די 8000 אָדער די 20000; ווי גרויס איז געווען זיין פערמעגען פאר 1789, און ווי גרויס עס איז איצט. די, וועלכע האָבען ניט גע־קאָנט געבען קיינע צופריעדענשטעלענדע ענטפערס אויף דיזע פראַגען, זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער רעפובליקאנער געזעלשאַפט.

נאָך דעם איז די געזעלשאַפט געוואָרען דער אנערקענטער אָרגאַן פון דער קאָנווענשען. מיט איהר הילפע האָבען זיך די קאָמיסיאָנערען גענומען פאר די אויסרייניגונג פון דער מוניצי־

פּאָליטעט, און האָט אויסגעפיהרט, אז די ראָיאַליסטישע מיט־
גליעדער און די געלד־מאַכער זאָלען אויסגעשלאָסען ווערען. דאָן,
אונטערשטיצט פון דיזע געזעלשאַפטען, האָבען זיי אויפגעוועקט
דעם ענטהוזיאַזם פון דער בעפעלקערונג, בעזאָנדערס פון די
סאַנקיולאָטען. זיי האָבען אויפגעפּאַסט אויף די איינשרייבונג
פון די וואָלאָנטירען. און האָבען געמאַכט די פּאַטריאָטען צו מאַ־
כען אנשטרענגונגען — און אָפּט העלדישע אנשטרענגונגען —
אום צו פערטהיידיגען די האַפענס. זיי האָבען אָרגאַניזירט רע־
פּובליקאַנישע שמחות און איינגעפיהרט דעם רעפּובליקאַנישען
קאַלענדאַר. און ווען זיי זיינען אַוועק פון דאָרט, אום צו טהאָן
דיזעלבע ארבייט ערגעץ אַנדערש, האָבען זיי איבערגעגעבען
דער שטאָדט־אַדמיניסטראַציע די ארבייט פון אָנצונעהמען אַלע
נויטיגע מיטלען פאר דעם טראַנספּאָרט פון וואַפּפען, פּראָוויזיע,
סאָלדאַטען, ווען דאָס זאָלען פערלאַנגען פון זיי די קאָמיסיאָנע־
רען פון דער קאָנווענשען — אָבער שטענדיג אונטער דער אויפ־
זיכט פון דער לאָקאַלער פּאָלקס־געזעלשאַפט, מיט וועלכער זיי
האָבען אָנגעהאַלטען אַ פּינקטליכע קאָררעספּאָנדענץ.

זעהר אָפּט האָט די מלחמה געפאָדערט אויסעראָרדענטלי־
כע אָפּפער. אָבער אין יעדער שטאָדט, אין קווימפּער, אין סאַנט־
מאַלאָ, האָבען די קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען געפונען
מענשען איבערגעבענע צו דער רעוואָלוציע; און מיט זייער הילף
האָבען זיי אָרגאַניזירט די פערטהיידיגונג. די עמיגראַנטען און
די ענגלישע שיפען האָבען ניט געסמייעט צו קומען זאָגאַר נאָ־
הענט צו סאַנט־מאַלאָ אָדער ברעסט.

אַזוי איז דער ראָיאַליסטישער אויפשטאַנד דורכגעפאַלען
אי אין נאָרמאַנדיען און אי אין ברעטאַין. און דאָך איז עס גע־
ווען פון קאַיען, פון וואַנען שאַרלאָטע קאָרדעי איז געקומען ער־
מאָרדען מאַראַט'ען. בעאיינפלוסט אָהן צווייפעל פון אַלץ, וואָס
זי האָט געהערט געגען די רעפּובליק פון די סאַנקיולאָטישע מאָנ־
טאַנאַרען, פערבלענדעט אפשר פון דעם פיינעם רעפּובליקאַנישען
אָנשטעל, וואָס די זשיראָנדיסטען האָבען געמאַכט קומענדיג אין
קאַיען, און וואו זי האָט זיך בעגעגענט מיט באַרבאַרא, איז שאַר־

לאָטטע קאָרדעי אָנגעקומען קיין פּאריז דעם עלפטען יולי, ענט־
שלאָסען צו ערמאָרדען אימיצען פון די בעריהמטע רעוואָ־
לוציאָנערען.

די זשיראָנדיסטישע געשיכטס־שרייבער, וועלכע האָבען אַלע געהאַסט מאראַט, דעם הויפּט־אָרגאניזער פון דעם 31סטען מאַי, האָבען ערקלערט, אַז שאַרלאָטטע קאָרדעי איז געווען אַ רעפּוב־ליקאַנערין. דאָס איז אבסאָליוט ניט אמת. מאַדעמואַזעל מאַריע שאַרלאָטטע קאָרדעי ד'אַרמאַנט האָט געהערט צו אַן ערטש־ראָיאַליסטישער פאַמיליע, און איהרע צוויי ברידער האָבען עמי־גרירט. זי אַליין, אויפגעהאָדעוועט אין אַ קאָנווענט פאַר דאַ־מען אין קאַיען, האָט איצט געלעבט מיט אַ קרובה, מאַדאַם דע־ברעטוויל, וועלכע, נור אויס מורא, האָט זיך ניט ערקלערט אַלס ראָיאַליסטין. דער גאַנצער זאָגענאַנטער רעפּובליקאַניזם פון שאַרלאָטטע קאָרדעי נעהמט זיך פון דעם פאַקט, דאָס זי האָט איינמאָל ענטזאַגט זיך צו טרינקען פאַר דעם קעניג'ס געזונד־הייט, און האָט ערקלערט איהר ענטזאַגונג דערמיט, וואָס זי וואָלט געווען אַ רעפּובליקאַנערין, ווען די פראַנצויזען וואָלטען ווירדיג געווען אַ רעפּובליק. דאָס מיינט, זי איז געווען אַ קאָנ־סטיטוציאָנאַליסטקע. גענעראַל ווימפּפען ערקלערט איהר גאַנץ איינפאַך, אַלס ראָיאַליסטקע.

אַלעס מאַכט אונז גלויבען, אַז שאַרלאָטטע קאָרדעי איז ניט געשטאַנען אַליין. קאַיען, ווי מיר האָבען געזעהען, איז געווען דער מיטטעלפּונקט פון דער „פעדעריישען פון די פעראייניגטע דעפּאַרטמענטס", וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען געגען די מאָנ־טאַנאַרען און זייער קאָנווענשען, און עס איז זעהר וואַהרשיינ־ליך, דאָס אַ פערשווערונג איז פאָרבערייטעט געוואָרען פאַר דעם 14טען אָדער 15טען יולי, אום צו טוידטען דאַנטאָן, ראָבעספּיער, מאַראַט און קאָמפּאַניע, און דאָס שאַרלאָטטע קאָרדעי האָט וועגען דעם געוואוסט. איהר בעזוך ביי דעם זשיראָנדיסט, דיופּעי־רע, ווען זי האָט איבערגעגעבען אייניגע פּאַמפּלעטען און אַ בריעף פון באַרבאַראַ—וועלכער איז דאַן געווען אין קאַיען—און ווען זי האָט געראַטהען צו פאָהרען באַלד נאָך קאַיען, וויי־

זען, אז שארלאָטטע קאָרדעי איז געווען אַ ווערקצייג פון אַ פערשווערונג, אויסגעשפּונען אין קאָפּען פון די זשיראָנדיסטען און ראָיאַליסטען.*)

דער אָריגינעלער פּלאַן פון שארלאָטטע קאָרדעי איז געווען, אזוי האָט זי געזאָגט, צו הרג'ענען מאראט'ען אויף דעם מארספּעלד, דעם 14טען יולי, אין דער צייט פון דער פייערונג פון דעם געבורטס־טאָג פון דער רעוואָלוציע. אָדער, אויב ער זאָל דאָרט ניט זיין, צו טוידטען איהם אין דער קאָנווענשען. אָבער די פייערונג איז אָבגעלייגט געוואָרען, און מאראט, וואָס איז געווען קראנק, איז ניט געקומען אין די קאָנווענשען. דאַן האָט זי צו איהם געשריבען, בעטענדיג איהם ערלויבניס צו בעזוכען איהם, און אז זי האָט ניט ערהאלטען קיין ענטפער, האָט זי ווידער געשריבען, שפּילענדיג דאָס מאָל יעזואיטיש אויף זיין גוטסקייט, וועגען וועלכער זי האָט געוואוסט, אָדער וועגען וועלכער איהרע פריינד האָבען איהר דערצעהלט. אין דיזען בריעף האָט זי ערקלערט, אז זי איז אונגליקליך, דאָס זי ווערט פערפאָלגט; זי האָט דאַן געוואוסט בעשטימט, אז אויף אזא בריעף וועט מאראט ניט קענען ניט ענטפערען.

---

*) אַז אַ פערשווערונג האָט עקזיסטירט, און דאָס די זשיראָנדיסטען האָבען פון איהר געוואוסט, דאָס איז גאַנץ קלאָר. אזוי, דעם 10טען יולי, איז אויף דעם גענעראל־ראַטה פון דער קאָמונע פון פּאַריז פאָרגעלעזען געוואָרען אַ בריעף, וואָס איז ערהאַלטען געוואָרען אין שטראסבורג, און וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרען נאָך פּאריז פון דעם מעיאָר פון יענער שטאָדט, אין וועלכען עס זיינען געווען די פאָלגענדע שורות: „דער באַרג, די קאָממונע, דער יאקאָבינישער קלוב און די גאַנצע געמיינע באַנדע זיינען אויפ'ן שוועל פון קבר... צווישען איצט און דעם 15טען יולי וועלען מיר טאַנצען. איך האָף, אז קיין אַנדערע, ווי די בלוט פון דאַנטאָן, ראָבעספּיער, מאַראַט און קאָמפּאַניע, וועט ניט פערגאָסען ווערען.“ דעם 11טען און 12טען יולי זיינען אין דער „קראָניק דע פּאריז“, אַ זשיראָנדיסטישע צייטונג, געווען שוין אָנצוהערענישען וועגען דעם טוידט פון מאַראַט.

און מיט זיין איינלאַדונג און מיט אַ שפּיעז פערבעהאַל־טען אין איהר שאַל, איז זי אוועק, דעם 13טען יולי, 7 אַ זייגער אין אָווענד, צו מאַראַט. זיין פרוי, קאַטהערינע עווראַרד, נאָך דעם, ווי זי האָט זיך געוואַקעלט עטוואָס, האָט ענדליך ערלויבט דער יונגער דאַמע אַריינצוגעהן אין דעם גאַנץ אָרימען צימער פון דעם פאָלקס־פריינד.

מאַראַט, אויסגעמאַטערט פון פיבער פאַר די לעצטע צוויי אָדער דריי מאָנאַטען, נאָך אַ לעבען פון אַ פערפאָלגטער חיה, וואָס ער האָט געפיהרט זייט 1789, איז געזעסען אין אַ פער־מאַכטע וואַנע, צורעכטמאַכענדיג די קאָררעקטורען פון זיין ציי־טונג אויף אַ ברעט, וואָס איז געווען אַריבערגעלייגט איבער דער וואַנע. עס איז געווען דאָ, וואו שאַרלאָטטע קאָרדעי האָט דער־לאַנגט דעם טוידט־קלאַפּ אין די ברוסט פון דעם פריינד פון פאָלק. זיין טוידט איז געקומען אין אַ מאָמענט.

דריי טעג שפּעטער, דעם 16טען, איז אַ צווייטער פריינד פון פאָלק, שאַליע, היגגעריכטעט געוואָרען פון די זשיראָנדיסטען אין ליאָן.

אין מאַראַט האָט דאָס פאָלק פערלאָרען זיין העכסט־טרייען פריינד. די זשיראָנדיסטען האָבען איהם געשילדערט, אַלס אַ בלוט־דורשטיגען מאַניאַק, וועלכער האָט זאָגאַר ניט גע־וואוסט, וואָס ער האָט געוואָלט. אָבער מיר ווייסען היינט, ווי אַזוי מען פערשפּרייט אַזעלכע קלאַנגען, און ווי לייכט עס איז צו מאַכען איינעם אַ שלעכטען נאָמען. דער פאַקט איז, דאָס אין די פינסטערע יאָהרען פון 1790 און 1791, ווען ער האָט איינגע־זעהען, אַז די גאַנצע העלדישקייט פון פאָלק האָט ניט געקאָנט צוברעכען די ראָיאַליסטישע מאַכט, האָט מאַראַט אָנגעהויבען צו פערצווייפלען, און ער האָט געשריעבען, דאָס אייני־גע טויזענד אַריסטאָקראַטישע קעפּ האָבען געדאַרפט גע־אָפּפערט ווערען, אום צו מאַכען די רעוואָלוציע ערפאָלגרייך. אָבער אין דער טיפעניש פון זיין האַרץ איז ער גאָר ניט געווען בלוט־דורשטיג. ער האָט נור ליעב געהאַט דאָס פאָלק, ביידע,

ער און זיין העלדישע חבר'טע, קאטהערין עווראַרד *) מיט אַ ליעבע פיעל טיעפער ווי די פון אירגענד אַן אַנדערען פראָמינענטען רעוואָלוציאָנער, און צו דיזער ליעבע איז ער געבליבען געטריי.

פון דעם טאָג, וואָס עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די רעוואָלוציע, האָט מאַראַט געלעבט אויף ברויט און וואסער, ניט בילדליך גערעדט, נור אין דער ווירקליכקייט. און ווען ער איז ערמאָרדעט געוואָרען, איז דער גאַנצער פערמעגען פון דעם פאָלקספריינד געוועזן אַ נאָטע פון 25 פראַנק.

מיט דיעזער ליעבע צום פאָלק אלס זיין פיהרער, האָט מאַראַט, וועלכער איז געוועזן עלטער, ווי די מייסטע פון זיינע קאַמעראַדען־רעוואָלוציאָנערען, און האָט געהאַט ערפאַהרונג, פערשטאַנען די פערשיעדענע פאַזען פון דער רעוואָלוציע, און האָט פאָראויסגעזעהען, וואָס מוז קומען, פיעל בעסער ווי אירגענדוועלכער פון זיינע צייט־גענאָסען. ער איז געווען דער איינציגער, קענען מיר זאָגען, פון די רעוואָלוציאָנערע פיהרער, וועלכער האָט געהאַט אַ ריכטיגע פערשטענדניס פון די פאַסירונגען און די קראַפט צו בעגרייפען זיי, אַלס אַ גאַנצעס, אין זייער פערפלאָנטערטע שיכות פון איינע צו די אַנדערע.**) דאָס ער האָט געהאַט אַ געוויסע מאָס גאוה, דאָס קען ערקלערט ווערען דורך דעם פאַקט, דאָס ער איז אימער געהעצט און פערפאָלגט געוואָרען, זאָגאַר אין די גרעסטע טעג פון דער רעוואָלוציע, וועהרענד יעדע נייע פאַזע פון דער רעוואָלוציע האָט נור בעשטעטיגט די ריכ־

---

*) „אַ העלדישע פרוי, וועלכע, געריהרט פון זיין לאַגע, ווען ער איז געלאָפען פון קעלער צו קעלער, האָט אריינגענומען און בעהאַלטען דעם פריינד פון פאָלק. איהם האָט זי געווידמעט איהר פערמעגען און געאָפּפערט איהר פריעדען". אזוי גיט איבער מישלע די ווערטער פון אלבערטין, מאַראַט'ס שוועסטער, וועגען קאַטהערין עווראַרד.

**) עס איז א פערגניגען צו נאָטירען, דאָס א שטודיום פון מאַראַט'ס ארבייט, פערנאַכלעסיגט ביז איצט, האָט געמאַכט זשאָרעס'ען רעדען מיט אכטונג וועגען דיעזער אייגענשאַפט פון דעם פאָלקס־טריבון.

טיגקייט פון דעם, וואָס ער האָט פּאָראויסגעזאָגט. אָבער דיעזע זיינען בלויז איינצעלהייטען. דער הויפּט־שטריך פון זיין גע־דאנק איז געווען, דאָס אין יעדען בעשטימטען מאָמענט האָט ער געוואוסט, וואָס מען דארף טהאָן פאר דעם טריאומף פון דעם פאָלק, פאר דעם טריאומף פון דעם פאָלק׳ס רעוואָלוציע, און ניט פון אַן אבסטראקטער, טהעאָרעטישער רעוואָלוציע.

אָבער עס מוז צוגעגעבען ווערען, דאָס ווען די רעוואָלוציע, נאָך דער אָבשאפונג פון די פעאָדאלע רעכטע, האָט בעדארפט מאכען נאָך א שריט צו פערפעסטיגען איהר ארבייט — ווען זי האָט בעדארפט אָננעהמען אזעלכע מיטלען, וועלכע זאָלען זיין פון נוצען פאר די נידריגסטע קלאַסען, געבענדיג יעדען איינעם די זיכערהייט פון ארבייט און לעבען — האָט מאראט ניט אין גאנצען בעגריעפען די אידעען פון דזשעק ראָו, ווארלעט, שאליע און פיעלע אנדערע. אליין אונפעהיג צו פאָרמולירען די הויפּט־געדאנקען פון דער טיעפער קאָממוניסטישער ענדערונג, און מורא האָבענדיג, פון דער אנדערער זייט, דאָס פראנקרייך קען נאָך פערלירען די פרייהייטען, וועלכע זי האָט שוין געוואונען, האָט ער ניט געגעבען דיעזע קאָממוניסטען די נויטיגע הילפע פון זיין ענערגיע און פון זיין געוואלדיג־גרויסען איינפלוס. ער האָט זיך ניט געמאכט פאר דעם פיהרער פון דער נייער בע־וועגונג.

„וואָלט מיין ברודער געלעבט“, האָט די שוועסטער פון מא־ראט געזאָגט, „וואָלטען ניט דאנטאָן און ניט קאמיל דעמולען — און אויך ניט די העבערטיסטען — מעגען מיר פון אונזער זייט צולייגען — געוואָרען גילאָטינירט.“

אין אלגעמיין, כאָטש מאראט האָט פערשטאנען דעם פלוצלינגען אויפברויזען פון כעס אין פאָלק און האָט זאָגאר פערשטאנען, ווי נויטיג דאָס איז צייטענווייז, דאָך איז ער ניט געווען קיין אונטערשטיצער פון טערראָריזם, ווי ער איז פּראקטי־צירט געוואָרען נאָך סעפּטעמבער, 1793.

## פיער און פופציגסטער קאפיטעל.

# די וואַנדיי. — ליאָן. — די אויפשטענדע און זיד־פראַנקרייך.

די ראָיאליסטישע קאָנספּיראציעס אין דער סויטה. — אויפשטענדע געגען די קאָנווענשען. — טולאָן גיט זיך אונטער צו די ענג־לישע און שפּאַנישע פלאָטען. — די אורזאכען פון דעם אויפ־שטאַנד אין דער וואנדיי. די אונצופריעדענהייט פון די בויערען. — דער כעס פון די דערפער אויף די שטעדט. — די זשיראָנדיסטען העלפען דעם אויפשטאַנד. — דער פּלאַן פון די וואנדייער. — זיי נעהמען סאמור און אנגערס, אָבער זיי ווערען געצוואונגען צו אַ ריקצוג אין נאַנטעס. — די וואנדייער ווערען פערניכטעט. — די אויפשטענדע אין פּראָוואַנס און ליאָן. — שארטרעי. — מארסעל און אַנדערע זידליכע שטעדט שליסען זיך אָן אָן דער בעוועגונג. — די ראָיאליסטען בע־זיעגט. — די בעלאגערונג און איינגעהמונג פון ליאָן. — די טהעטיגקייט פון די רעפּובליקאַנער אין ליאָן. — באָרדאָ גיט זיך אונטער דער קאָנווענשען.

---

דער אויפשטאנד פון די ראָיאליסטען, ווי מיר האָבען גע־זעהען, איז דורכגעפאלען אין נאָרמאנדיען און ברעטאין; דער־פאר אָבער האָבען די רעאקציאָנערען געהאט עטוואָס מעהר ער־פאָלג אין דער פּראָווינץ פּאיטו, אין די דעפּארטמענטס דיור־סאוור, וויען און וואנדיי, אין באָרדאָ, לימאָזש און טהיילווייז אין איסט־פראנקרייך, וואו עס האָבען זיך אָנגעהויבען אויפשטענדע

אין בעזאַנסאָן, דיזשאָן, און מאסאָן. אין דיזע טהיילען פון פראנק־
רייך, ווי מיר האָבען געזעהען, האָבען די מיטעל־קלאַסען געהאַנ־
דעלט מיט רציחה געגען די רעבעלירענדע בויערען פון 1789.

אין דער סויטה, וואו די ראָיאַליסטישע קאָנספיראציעס
זיינען אָנגעגאַנגען פאר א לאַנגע צייט, האָבען אויסגעבראָכען
אויפשטענדע אין עטליכע פּלעצער. מאַרסעל איז אריינגעפאַלען
אין די הענד פון די געגען־רעוואָלוציאָנערען — די זשיראָנדיסטען
און ראָיאַליסטען — וועלכע האָבען אויסערוועהלט א פּראָוויזאָ־
רישע רעגיערונג און האָבען געהאַט ברעה צו מארשירען געגען
פּאַריז. טולאָן, ניעמס און גרענאָבל האָבען אויך רעוואָלטירט גע־
גען די קאָנווענשען.

טולאָן האָט זיך אונטערגעגעבען צו דער ענגלישער און
שפּאַנישער פלאָטע, וועלכע האָבען גענומען בעזיץ פון דיזער פעס־
טונג אין דעם נאָמען פון לואי דעם 17טען. באָרדאָ, א האַנ־
דעלס־שטאָדט פון גרויסער וויכטיגקייט, האָט אויך אויסגעזע־
העו פערטיג זיך צו ערהויבען אויף דעם צורוף פון די זשיראָנ־
דיסטען; און ליאָן, וואו די אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע
בורזשואזיע איז געווען אלמעכטיג זייט דעם 29סטען מאי, האָט
אָפען רעוואָלטירט געגען די קאָנווענשען, און האָט אויסגעהאַל־
טען א לאַנגע בעלאַגערונג; צו יענער צייט זיינען די פּיעד־
מאַנטעזער, ציהענדיג זייער נוצען פון דער אונאָרדנונג אין דער
ארמיי, וועלכע האָט געהאַט ליאָן, אַלס דעם באַזיס פון איהרע
אָפּעראציעס, אריבערגעגאַנגען איבער'ן גרענעץ אין פראנקרייך.

ביז היינט זיינען די אמת'ע אורזאכען פון דעם אויפ־
שטאַנד אין דער וואנדיי ניט גאַנץ קלאָר. געוויס די טרייהייט
פון די בויערען צו זייערע גייסטליכע, מיט וואָס רוים האָט זיך
זעהר קלוג בענוצט, האָט זעהר פיעל געווירקט צו פאַרשטאַרקען
דעם האַס געגען די רעוואָלוציע. עס איז אויך קיין צווייפעל, אַז אין
די דערפער פון דער וואנדיי האָט געהערשט א געוויסע ליעבע צום
קעניג, און עס איז געווען לייכט פאר די ראָיאַליסטען ארויסצורו־
פען דעם רחמנות־געפיהל פון די בויערען צום „אָרעמען קעניג,
וועלכער האָט נור געוואָלט דאָס גליק פון פאָלק, און איז דערפאר

הינגעריכטעט געוואָרען פון די רעוואָלוציאָנערען פון פאריז."
פיעלע טרערען זיינען דאַן אויך פערגאָסען געוואָרען פון די
פרויען איבער דעם שיקזאַל פון דאָס אָרעם קינד, לואי'ס יורש,
וואָס איז געווען פערשפּאַרט אין אַ געפענגניס. די שלוחים,
וואָס זיינען געקומען פון רוים, קאָבלענץ און ענגלאַנד, ברענגענ־
דיג מיט זיך פּאַפּסטליכע ברכות, קעניגליכע דעקרעטען און
געלד, האָבען געהאַט אַן אָפענעם פעלד פאַר זיך אונטער אַזעל־
כע אומשטענדען, און בעזאָנדערס, ווען זיי זיינען געווען בע־
שיצט פון די מיטעל־קלאַסען, פון די געוועזענע שקלאַפען־הענד־
לער פון נאַנטעס, און פון די געשעפטס־לייט, ווען ענגלאַנד
האָט געשטאָפּט מיט פערשפּרעכונגען פון הילפע געגען די סאַנ־
קיולאָטען.

און ענדליך איז נאָך אויך געווען דער גרונד, וועלכער איז
גאַנץ אליין גענוגענד צו ברענגען גאַנצע פּראָווינצען צו אַן
אויפשטאַנד — דאָס בעשטייערען פון דריי הונדערט טויזענד
מענשען, וואָס איז בעפוילען געוואָרען פון דער קאָנווענשען.
דיעזער שטייער איז אין דער וואַנדיי בעטראַכט געוואָרען, אלס
אַ פערגעוואַלטיגונג פון דעם סאַמע היילינסטען רעכט פון יעדען
מענש — דאָס רעכט צו פערבלייבען אין זיין געבורטס־לאַנד.

דאָך איז עס גאַנץ ערלויבט צו גלויבען, אַז עס זיינען נאָך
געווען אַנדערע אורזאַכען, וואָס האָבען געמאַכט די בויערען פון
דער וואַנדיי רעוואָלטירען געגען די רעוואָלוציע, גאָר אָהן
אויפהער. וועהרענד איינער שטודירט די פערשיעדענע דאָקומענ־
טען פון יענער צייט, האַלט ער זיך אין איין אָנשטויסען אויף
אַזעלכע אורזאַכען, וועלכע האָבען געמוזט גאַנץ זיכער בעשאַפען
אַ געפיהל פון צאָרן צווישען די בויערען געגען די קאָנסטיטואי־
רענדע און לעגיסלאַטיווע פערזאַמלונגען. דער פאַקט אליין,
דאָס די קאָנסטיטואירענדע פערזאַמלונג האָט מיט איין שטריך
פון פעדער פערניכטעט די פאָלקס־מיטינגען פון די דערפער,
וועלכע האָבען עקזיסטירט יאַהרהונדערטע לאַנג ביז דעצעמבער,
1789, ווי אויך דער פאַקט, וואָס די בויערען זיינען צושפּאַלטען
געוואָרען אין צוויי קלאַסען — אקטיווע און פּאַסיווע — און דאָס

די פערוואלטונג פון די קאממונאלע אנגעלעגענהייטען איז אי־בערגעגעבען געוואָרען צו די, וועלכע זיינען אויסערוועהלט גע־וואָרען פון די רייכע — דיזע פאקטען אליין זיינען געווען גענוג, אום ארויסצורופען די אונצופריעדענהייט אין די דערפער געגען די רעוואָלוציע, און געגען די שטעדט אין אלגעמיין און זייערע מיטעל־קלאסען.

עס איז אמת, דאָס דעם 4טען אויגוסט האָט די רעוואָלוציע פראָקלאמירט אין פרינציפּ די אָבשאפונג פון די פעאָדאלע רעכטע און פון דער „טוידטען־האנד“, אָבער די לעצטע, ווי עס שטעלט זיך ארויס, האָט שוין ניט מעהר עקזיסטירט אין דער וועסט, און די פעאָדאלע רעכטע זיינען נור אָבגעשאפט געוואָ־רען אויף'ן פּאפּיער. און אזוי ווי די אויפשטענדע פון די דער־פער זיינען ניט געווען שטארק פערשפּרייט אין דער וועסט, האָ־בען די בויערען פון דיזע פּראָווינצען געזעהען, אז זיי וועלען מוזען ווייטער צאָהלען זייערע פעאָדאל צינזען, ווי פריהער.

פון דער אנדערער זייט — און דאָס איז געווען פון גרויסער וויכטיגקייט פאר די דערפער — דער פערקויף פון דעם לאנד, וואָס האָט געהערט צום שטאאט און צו דער קירכע, דער גרעס־טער טהייל פון וועלכען עס האָט בעדארפט צוריקגעגעבען ווערען צו די אָרימע, איז איצט געקויפט געוואָרען פון די רייכע מענ־שען אין די שטעדט, און דאָס האָט נאָך פערשטארקט דעם כעס פון די דערפער געגען די שטעדט. צו דעם מוז אויך צוגעלעגט ווערען די בערויבונג פון דעם קאָממונאלען לאנד פאר דעם נו־צען פון די מיטעל־קלאסען, וועלכע איז פערגרעסערט געוואָרען דורך די דעקרעטען פון דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג.

עס האָט, אלזאָ, פּאסירט, דאָס וועהרענד די רעוואָלוציע האָט ארויפגעלייגט נייע לאסטען אויף די בויערען — נייע שטיי־ערען, דאָס נעהמען פון סאָלדאטען און נאהרונג — האָט זי גאָר־ניט געגעבען די דערפער ביז אויגוסט, 1913 אויסער, ווען די בויערען אליין האָבען גענומען דאָס לאנד פון די אריסטאָקראַ־טען אָדער די גיטער פון די גייסטליכע. די פאָלגע איז געווען, דאָס א טיעפע שנאה איז געוואקסען אין די דערפער געגען די

שטעדט, און מיר זעהען ווירקליך, דאָס דער אויפשטאַנד אין דער וואַנדיי איז געווען אַ מלחמה, וואָס די דערפער האָבען ער־קלערט געגען די מיטעל־קלאַסען פון די שטעדט.*)

מיט דער הילפע פון רוים האָט דער אויפשטאַנד אויסגע־בראָכען אַ ווילדער און אַ בלוטיגער, אונטער דער לייטונג פון די גלחים. און די קאָנווענשען האָט געקאָנט געגען איהם ארויסשי־קען בלויז אַ קליינע צאָהל סאָלדאַטען, קאָמאַנדירט פון גענעראַ־לען, וועלכע זיינען געווען אָדער אונפעהיג אָדער פעראינטערע־סירט צו לאָזען זיך שלעפּען דיעזע מלחמה; און די זשיראָנדיס־טען האָבען געטהאָן זייער בעסט צו העלפען דעם אויפשטאַנד דורך בריעף, וועלכע זיי האָבען געשיקט צו נאַנטעס און אַנדערע שטעדט. דיעזע אַלע כוחות, אַלע צילעווענדיג זיך צו איין זאַך, האָבען עס געמאַכט מעגליך פאַר דעם אויפשטאַנד זיך אויסצו־שפּרייטען און ענדליך צו ווערען אַזוי מורא'דיג־גרויס, דאָס דער „בארג“, אום צו דערשטיקען איהם, האָט געמוזט אָננעה־מען די העסליכסטע און פערעכטליכסטע מיטלען.

דער פּלאַן פון די וואַנדייער איז געווען איינצונעהמען אַלע שטעדט, אויסצוראָטען די רעפּובליקאַנ'שע פּאַטריאָטען, אריינ־צוברענגען דעם אויפשטאַנד אין די נאָכבאַר־פּראָווינצען און דאַן מאַרשירען געגען פּאַריז.

אין אָנפאַנג פון יוני, 1793, האָבען די וואַנדייער פיהרער, קאַטהעלינאַ, לעקיור, שטאָפלעט און לאַ ראָש דזשאַקעלין, אַן דער שפּיצע פון 40000 מענשען, איינגענומען די שטאָדט סאָמור, וואָס דאָס האָט זיי געגעבען די מאַכט איבער די טייך לאָר. דאַן האָבען זיי איינגענומען אַנגערס, און מיט געשיקטקייט

*) געוויסע אָנווייזונגען פון דעם סאָציאַלען כאַראַקטער פון דעם אויפשטאַנד אין וואַנדיי קען מען געפינען, זאָגט אווענעל, אין דעם ווערק פון אַנטאָנין פּרוסט. דאָס איז געווען אַ מלחמה פון די בויערען געגען די בורזשואַזיע — די בויערען שיקענדיג זייערע דע־לעגאַטען צו די בורזשואַזע קרעדיטאָרען, אום „צו קריגען די טיטעל־דאָקומענטען און זיי פערברענען.“

פארבעהאלטענדיג זייערע בעוועגונגען, האָבען זיי גלייך מאַר־שירט אויף נאַנטעס, וועמעס בעזיץ וואָלט זיי גלייך געבראכט אין אַ דירעקטע פערבינדונג מיט דער ענגלישער פלאָטע. דעם 29־סטען און 30סטען יוני האָבען זייערע ארמייען אטאקירט נאַנטעס, אָבער דאָ האָבען זיי געכאַפּט אַ גרויסע מפלה פון די רעפובליקאנער. זיי האָבען פערלאָרען קאטהעלינא, דעם ווירק־ליכען און דעמאָקראַטישען פיהרער פון דעם אויפשטאַנד, און זיי זיינען געוועזען געצוואונגען אויפצוגעבען סאַמור, און זיך צו־ריקציהען צום לינקען ברעג פון דער לאָר.

אַ שטאַרקע אנשטרענגונג האָט איצט געמאכט די רעפּוב־ליק צו אטאקירען די וואנדייער אין זייער אייגען לאַנד. די מלחמה איז געוואָרען אַ מלחמה אויף טוידט און לעבען, און ענדליך האָבען פון צוואנציג ביז דרייסיג טויזענד וואנדייער בע־שלאָסען צו עמיגרירען נאָך ענגלאַנד נאָך דעם, ווי זיי זיינען אריבער איבער ברעטאַן. זיי האָבען, אלזאָ, אריבערגעשפּרייזט די לאָר פון זיד צו נאָרד און זיינען אוועק צו נאָרד צו. אָבער ענגלאַנד האָט ניט געהאַט קיין פערלאנג צו קריגען אזעלכע אי־מיגראנטען; און די ברעטאנער, פון זייער זייט, האָבען זיי אויפ־גענומען גאַנץ קאַלט, און נאָך מעהר דערפאַר, ווייל די ברעטאַ־נישע פאַטריאָטען האָבען געקראָגען די אויבער־מאכט אין די שטעדט און דערפער. דערפאַר זיינען דיעזע אלע הונגעריגע און נאַקעטע מענשען, מיט זייערע פרויען און קינדער, געטרי־בען געוואָרען צוריק צו דער לאָר.

מיר האָבען שוין אָנגעוויזען אויף דעם ווילדען ענטהו־זיאזם פון די וואנדייער ביים אָנפאַנג פון זייער אויפשטאַנד, צו וועלכען די פריסטער האָבען זיי צוגעגעבען מוטה. און איצט איז די מלחמה געוואָרען אזוי ביטער, אז ביידע צדדים האָבען נור געטראכט פון אויסצוראָטען איינער דעם אנדערען. אין אָק־טאָבער, 1793 — עס איז מאַדאַם דע לאַ ראָש זשאַקעלין, וואָס שרייבט אזוי — איז זייער לאָזונג געוועזען: „קיין רחמנות!“ דעם 20טען סעפּטעמבער, 1793, האָבען די וואנדייער אָנגעפילט די ברונימער אין מאָנטאין מיט די קערפּערס פון די רעפּובליקאַני־

שע סאָלדאַטען, פיעלע פון וועלכע עס האָבען נאָך געלעבט און נור בעוואוסטלאָז און קראַפטלאָז דורך די קלעפּ, וואָס זיי האָבען געקראָגען. שאַרעט, איינגעהמענדיג נארמאוטיער דעם 15טען אָקטאָבער, האָט געלאָזט שיסען אלע די, וועלכע האָבען זיך אונטערגעגעבען. לעבעדיגע מענשען זיינען פערגראָבען געוואָרען ביז'ן האַלז, און זייערע זיעגער האָבען זיך אמוזירט, פעראורזאכענדיג אַלערליי פייניגונגען אויף די אונבעגראָבענע קעפּ.*)

פון דער אַנדערער זייט, ווען דיזע גאַנצע מאַסע מענער, פרויען און קינדער, צוריקגעטריבען פון דער לאָר, זיינען אָנגעקומען אין נאַנטעס, זיינען די געפענגניסע פון דיזער שטאָדט געוואָרען געפעהרליך איבערפילט. אין דיזע לעכער, פול מיט מענשליכע וועזענס, האָבען געבושעוועט דער טיפוס און אַנדערע אנשטעקענדע קראַנקהייטען, און באַלד האָבען זיי זיך פערשפרייט אי־

*) זעהט מישלע, וועלכער האָט שטודירט דעם וואַנדייער אויפשטאַנד פון די לאָקאַלע דאָקומענטען. „די טרויעריגע פראגע — זאָגט ער — איז אָפט דיסקוטירט געוואָרען, ווער האָט עס גענומען די איניציאַטיווע אין דיזע באַרבאַרישע אַקטען, און וועלכער פון די ביידע צדדים איז געגאַנגען אם ווייטסטען אין דיזע פערברעכענס. מען רעדט אָהן א סוף פון דעם, ווי קאריער האָט געלאָזט דערטרינקען מאַסענווייז די וואַנדייער. אָבער ווארום זאָל מען פערשווייגען די אויסשלאַכטונגען דורך שאַררעט? אלע וואַנדייער וועטעראַנען האָבען דערצעהלט זייער דאָקטאָר, וועלכער האָט עס מיר איבערדערצעהלט, דאָס זיי האָבען קיינמאָל ניט גענומען א סאָלדאַט לעבעדיג (בעזאָנדערס איינעם פון דער ארמיי, וואָס איז געקומען פון מאַיענס), און ניט טויטען איהם מיט אַלערליי פייניגונגען, אויב זיי האָבען נור געהאַט צייט פאר דעם. און ווען עס זיינען אָנגעקומען די מענער פון נאַנטעס אין אפריל, 1793, אין שאללאן, האָבען זיי געזעהען צוגענעגעלט צו אַ טיר עטוואָס, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ גרויסע פלעדערמויז. דאָס איז געווען אַ רעפובליקאַנישער סאָלדאַט, וועלכער איז דאָרט פאר איניגע שטונדען געווען צוגעשלאָגען מיט צוועקעס, ליידענדיג שרעקליכע שמערצען און ניט קענענדיג שטאַרבען.“

בער׳ן שטאָדט, וועלכע איז שוין אזוי אויך געוועזן ערשעפּט פון דער בעלאַגערונג. א חוץ דעם, פּונקט ווי אין פּאַריז, נאָך דעם 10טען אויגוסט, האָבען די ארעסטירטע ראָיאליסטען געסטראַשעט אונטערצוצינדען די שטאָדט און צו ערמאָרדען אַלע יאַקאָבינער, אזוי האָבען אויך די ארעסטירטע וואנדייער אין נאַנטעס געסטראשעט אויסצוראָטען אלע רעפּובליקאַנער, אזוי שנעל, ווי „די קעניגליכע ארמיי“ פון די וואַנדייער זאָל זיך דערנעהענטערען צו נאַנטעס. עס מוז דאָ בעמערקט ווערען, דאָס די פּאַטריאָטען האָבען זיך געצעהלט בלויז עטליכע הונדערט אין דיזער שטאָדט, וועלכע האָט ערוואָרבען איהר רייכטהום אין דעם שקלאַפען־האַנדעל און שקלאַפען־ארבייט אין סאַן דאָמינגאָ, און וועלכע האָט עס איצט פערלאָרען, ווייל שקלאַפעריי איז אָבגעשאַפט געוואָרען. דערפאר האָבען די פּאַטריאָטען געמוזט אויסעראָרדענטליך גוט אויפּפּאַסען, אז נאַנטעס זאָל ניט איינגענומען ווערען דורך א פּלוצלינגע אַטאַקע פון דער „קעניגליכער ארמיי“, וועלכע זאָל אויסשלאַכטען אלע רעפּובליקאַנער. זייערע אַנשטרענגונגען זיינען געוועזן אזוי גרויס, דאָס די מענער פון די רעפּובליקאַנער גאַטראָלען זיינען געוועזן גאַנץ פערמאַטערט.

דאן האָט זיך געהערט אלץ מעהר און מעהר דער געשריי: „דערטרינקט זיי אלע!“, וועלכען מען האָט שוין געהערט אין 1792. א שרעק, וועלכען מישלע פערגלייכט מיט דעם שרעק, וואָס כאַפּט ארום מענשען אין א שטאָדט, וואָס איז בעפאַלען פון אַן עפּידעמיע, האָט ארומגעכאַפּט די אָרימסטע פון דער בעפעלקערונג פון נאַנטעס, און דער שליח פון דער קאָנווענשען, קאַרריע, וועמעס טעמפּעראַמענט איז געוועזן געראָדע זעהר עמפּפינדליך פאר אזא מין שרעק, האָט זיי געלאָזט טהאָן, ווי זיי האָבען געוואָלט.

די מענשען האָבען אָנגעהויבען מיט דעם דערטרינקען פון די ארעסטירטע פּריסטער און האָבען געענדיגט מיט דער פערניכטונג פון 200 מענער, פרויען און קינדער, וועלכע זיינען געוועזן איינגעשפּאַרט אין די געפענגניסע פון נאַנטעס.

וואָס איז שייך דער וואַנדיי, האָט די קאָמיטע פון עפענט־

ליכען וואוילזיין, ניט וועלענדיג אריינגעהן טיעפער אין די אור־זאכען, וועלכע האבען געקאָנט ברענגען א גאנצע פראָווינץ צו אַן אויפשטאַנד, און שטעלענדיג זיך צופריעדען מיט דער גע־וועהנליכער ערקלערונג פון דעם „פאנאטיזם“ פון די „בויערען־חיות“, ניט וועלענדיג גאָר בעגרייפען די בויערען, אָדער ארויס־רופען ביי זיי אַן אינטערעס אין דער רעפּובליק, האָבען זיי זיך אריינגענומען דעם העסליכען געדאנק פון אויסצוראָטען די וואנ־דייער און פון פערוויסטען די גאנצע פּראָווינץ.

זעכצעהן בעפעסטיגטע לאַגערען זיינען געמאכט געוואָרען און צוועלף „גיהנום־קאָלומנען“, זיינען געשיקט געוואָרען נאָך דער וואנדיי צו פערוויסטען איהר, צו פערברענען די בויערען־הייז־לאך און אויסצוראָטען די איינוואוינער. עס איז לייכט צו פער־שטעהן, וואָס פאר א שוידערליכקייטען עס זיינען פאָרגעקומען. די וואנדיי איז געוואָרען א בלוטענדע וואונד פון דער רעפּובליק, און אזוי, וואָס האָט געבלוטעט צוויי יאָהר לאנג. אַן אונגעהויער גרויסער געגענד איז גענצליך פערלאָרען געגאנגען פאר דער רע־פּובליק און די וואנדיי איז אויך געווען די אורזאכע פון א שמערצליכער מיינונגס־פערשיעדענהייט צווישען די מאנטאנא־רען גופא.

די אויפשטענדע אין פּראוואנס און אין ליאָן האָבען געהאט פּונקט אזא פאטאלען איינפלוס אויף דעם פּראָגרעס פון דער רע־וואָלוציע. ליאָן איז צו יענער צייט געווען א שטאָדט פון אינ־דוסטריען פאר די רייכע. די בעלי־בתים־ארבייטער, די קליינע ארבייטס־געבער, און די רייכע קלאסען, די הויכע און די מיטע־לע, זיינען געווען געגען די רעוואָלוציע, וועהרענד די געוועהנלי־כע ארבייטער, די, וועלכע האָבען געארבייט פאר די קליינע בעלי־בתים, אָדער וועלכע האָבען געארבייט אין אינדוסטריען, וואָס האָבען געהאט צו טהאָן מיט וועבעריי, זיינען געווען מיט'ן גאנ־צען הארצען פאר די רעוואָלוציע, און האָבען שוין געהאלטען אין אָנצינדען די שטראהלען פון סאָציאליזם, וועלכע האָבען אויפ־געפלאקערט אין דעם נייצעהנטען יאהרהונדערט. זיי האָבען בריטווויליג נאָכגעפאָלגט שאליע, א מיסטישען קאָמוניסט און א

פריינד פון מאראט, א מאַן פון גרויסען איינפלוס אין דעם מו־ניציפאל־ראטה און וועלכער האָט געהאט דעמאָקראטישע שטרע־בונגען עהנליך צו די פון דער פאריזער קאָמונע. אַן אקטיווע קאָממוניסטישע פּראָפאגאנדע איז אויך אָנגעפיהרט געוואָרען פון איינעם ל'אַנגע, א פאָרלויפער פון פוריע, און זיינע פריינד.

די מיטעל־קלאַסען, פון זייער זייט, האָבען בערייטוויליג געפאָלגט די אריסטאָקראטען און נאָך מעהר די פּריסטער. די לאָקאלע פריסטערשאפט האָט אימער געהאט א שטארקען איינ־פלוס אין ליאָן און זי איז איצט פערשטארקט געוואָרען דורך אַן אנצאהל פּריסטער, וועלכע האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון זייער אויסוואנדערונג נאָך סאוואָי.

בענוצענדיג זיך מיט דעם, האָבען די מיטעל־קלאַס־זשי־ראָנדיסטען, הינטער וועמען עס זיינען געשטאַנען די ראָיאליס־טען, ארייננעדרונגען אין א גרויסען טהייל פון די סעקציאָנען אין ליאָן און האָבען געהאלטען אין פאָרבערייטען אַן אויפשטאנד געגען די יאקאָבינער. דער קריעג האָט אויסגעבראָכען דעם 29סטען מאַי, 1793. עס זיינען פאָרגעקומען קעמפּפע אין גאַס, און די מיטעל־קלאַסען האָבען געקראָגען די אויבער־האַנד. שאליער איז ארעסטירט געוואָרען, און נאָך דעם, ווי ער איז גאַנץ שוואך פערטהיידיגט געוואָרען אין פאריז פון ראָבעספּיער און מאראט, איז ער הינגעריכטעט געוואָרען דעם 16טען יולי, און נאָך דעם זיינען די פערפאָלגונגען פון דער זייט פון די מיטעל־קלאַסען און ראָיאליסטען געוואָרען שוידערליך. די רייכע מענ־שען פון ליאָן, וועלכע זיינען ביז דאַן געווען זשיראָנדיסטען, אויפגעמונטערט דורך די אויפשטענדע פון דער וועסט, האָבען איצט אָפען געשלאָסען ברודערשאפט מיט די ראָיאליסטען. זיי האָבען בעוואפענט 20 טויזענד מענשען, און האָבען בעפעסטיגט די שטאָדט געגען די קאָנווענשען.

אין מארסעל האָבען די זשיראָנדיסטען געהאט ברעה צו העלפען ליאָן. דאָ האָבען זיי רעבעלירט דעם 31סטען מאַי. בע־גייסטערט פון דעם זשיראָנדיסט, רעבעקקי, וועלכער איז געקו־מען פון פאריז, האָבען די סעקציאָנען פון מארסעל, די מייסטע

פון וועלכע זיינען געווען אין די הענד פון די זשיראָנדיסטען, אויפגעבראכט אַן ארמיי פון 10 טויזענד מענשען, וועלכע האָט געזאָלט מארשירען נאָך ליאָן, און פון דאָרט נאָך פּאריז, אום צו בעקעמפּפען די מאנטאנארען. אַנדערע זידליכע שטעדט, טולאָן, נימס, מאנטאבאָן האָבען זיך אַנגעשלאָסען צו דיזער בעוועגונג, וועלכע האָט באלד אָנגענומען, ווי מען האָט עס געקאָנט ער־ווארטען, אַן אָפּענעם ראָיאליסטישען כאראקטער.

אָבער די ארמיי פון מארסעל איז באלד פערניכטעט געוואָרען פון די סאָלדאטען פון דער רעפּובליק, קאָמאנדירט פון קאַר־טאָ, וועלכער איז אָנגעקומען אין מארסעל דעם 23־סטען אויגוסט.

רעבעקקי האָט זיך דערטרונקען; אָבער א טהייל פון די בע־זיעגטע ראָיאליסטען האָט געפונען שוטץ אין טולאָן, און דיזער גרויסער מיליטערישער פּונקט איז אָבגעגעבען געוואָרען צו די ענגלענדער. דער ענגלישער אדמיראל האָט גענומען בעזיץ פון דער שטאָדט, האָט פּראָקלאמירט לואי דעם 17טען קעניג פון פראנק־רייך און האָט אריבערגעבראכט אַן ארמיי פון 8 טויזענד שפּאַ־ניער איבער׳ן ים, אום צו האלטען טולאָן און זיינע פעסטונגען.

אין דערזעלבער צייט איז אַן ארמיי פון 20 טויזענד פיעד־מאנטעזער אריין אין פראנקרייך, אום צו העלפען די ראָיאלי־סטען אין ליאָן, און זיי האָבען געהאלטען אין דערנעהענטערען זיך צו ליאָן אויף פערשיעדענע וועגען.

די פערזוכען פון דובאָי־קראַנס, א מיטגליעד פון דער קאָנ־ווענשען, צו פערהאנדלען מיט ליאָן, זיינען דורכגעפאלען, ווייל די בעוועגונג אין ליאָן ארום דיזער צייט איז אריינגעפאלען אין די הענד פון ראָיאליסטען, און זיי האָבען ניט געוואָלט זיך צוהע־רען צו קיינע פאָרשלעגע. דער קאָמאַנדיר פּערסי, וועלכער האָט געקעמפּפט צווישען די שווייצער דעם 10טען אויגוסט, איז גע־ווען איינער פון די געטרייסטע אַנהענגער פון לואי דעם 16טען; פיעלע פון די עמיגראנטען זיינען אויך געקומען נאָך ליאָן אום צו קעמפּפען געגען די רעפּובליק און די פיהרער פון דער ראָיאליסטי־שער פּאַרטיי האָבען געפּלאַנעוועט מיט אַן אַגענט פון דער קעי־

ניגליכער הויז, אימבער־קאלאָמים, וועגען מיטלען, ווי צו פערבינדען דעם אויפשטאנד אין ליאָן מיט די אָפּעראציאָנען פון דער פיעדמאנטעזער ארמיי. ענדליך האָט דער ראטה פון עפענטליכען וואוילזיין פון ליאָן געהאט אלס סעקרעטאר גענעראל רובבי א שטארקער געגנער פון דער רעפּובליק, וועהרענד דער קאָמאנדיר פּרעסי איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט די אגענטען פון דער קעניגליכער הויז און האָט פון זיי געפאָרדערט די הילפע פאר די פּידמאָנטעזער און עסטרייכישע סאָלדאטען.

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז ניט געבליבען קיין אנדער ברירה, ווי צו בעלאגערען ליאָן, לויט אלע נויטיגע כללים. און די בעלאגערונג האָט זיך אָנגעפאנגען דעם 8טען אויגוסט פון ערפאהרענע סאָלדאטען, וועלכע זיינען צוליעב דיזען צוועק אוועקגענומען געוואָרען פון דער ארמיי פון די אלפּען, און צוזאמען מיט די קאנאָנען זיינען זיי געבראכט געוואָרען פון בענזאנסאָן און גרענאָבעל. די ארבייטער פון ליאָן האָבען גאָר ניט געוואָלט דיזען קריעג געגען די רעוואָלוציע. אָבער זיי האָבען זיך ניט געפיהלט שטארק גענוג צו רעבעללירען. זיי זיינען אנטלאָפען פון דער בעלאגערטער שטאָדט, און זיינען געקומען זיך אָנשליסען אָן דער ארמיי פון די סאנקיולאָטען, וועלכע, כאָטש עס האָט זיי אליין געפעהלט ברויט, האָבען זיך געטהיילט מיט די 20 טויזענד אנטלאָפענע.

צו דער זעלבער צייט האָט קעללערמאן אויסגעפיהרט אין סעפּטעמבער צוריק צו טרייבען די פּיעדמאנטעזער און קוטהאָן און מאגנע, צוויי בעפאָלמעכטיגטע פון דער קאָנווענשען, וועלכע האָבען צוזאמענגעשטעלט אן ארמיי פון בויערן בעוואפענט מיט סערפּען, העק, מעסערס, זיינען אָנגעקומען דעם 2טען אָקטאָבער צו פערשטארקען קעללערמאנ׳ען. זיעבען טעג נאָך דעם האָבען ענדליך די ארמייען פון דער קאָנווענשען גענומען בעזיץ פון ליאָן.

עס איז טרויעריג צו בעריכטען, דאָס די אונטערדריקונגען דורך די רעפּובליקאנער זיינען געוועזען שוידערליך. קוטהאָן איז,

ווי עס האָט אויסגעזעהען, געווען צו גונסטען פון א פריעדליכע טאַקטיק, אָבער די טעררארּיסטען האָבען געקראָגען די אויבער־האַנד אין דער קאָנוועגשען. עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען אָנצואווענדען געגען ליאָן דאָס, וואָס דער זשיראָנדיסט איזנארד האָט פאָרגעשלאָגען געגען פאריז, ד. ה., פערניכטען ליאָן אזוי, אז מעהר ווי רואינען זאָלען ניט בלייבען, און וועלכע זאָלען האָבען אויף זיך די פאָלגענדע אויפשריפט: „ליאָן האָט ערקלערט קריעג געגען פרייהייט — ליאָן עקזיסטירט ניט מעהר“. אָבער דיזער אונזיניגער פּלאַן איז ניט אָנגענומען געוואָרען, און די קאָנוועגשען האָט בעשלאָסען, אז די הייזער פון די רייכע זאָלען פערניכטעט ווערען, און די פון די אָרימע זאָלען ניט געריהרט ווערען. די אויספיהרונג פון דיזען פּלאַן איז איבערגעגעבען געוואָרען צו קאָלאָ־ד'הערבאָי, און אויב ער האָט איהם ניט אויס־געפיהרט, איז עס געווען דערפאר, ווייל דאָס איז פראקטיש ניט מעגליך געווען. א שטאָדט קען מען ניט אזוי לייכט פערניכ־טען. אָבער מיט דער גרויסער צאָהל פון הינריכטונגען און פון די געפאַנגענע, וואָס זיינען געשאָסען געוואָרען „אין א הורבע“, האָט קאָלאָ זאָגאר איבערשטיגען די געגען־רעוואָלוציאָנערען פון מארסעל און דערמיט האָט ער פיעל געשאדט דער רעוואָ־לוציע.

די זשיראָנדיסטען האָבען אויך פיעל גערעכענט אויף אַן אויפשטאַנד אין באָרדאָ, און דיזע האַנדעלס־שטאָדט האָט ווירק־ליך געמאכט אַן אויפשטאַנד, אָבער ער האָט ניט לאַנג געדויערט. דאָס פאָלק האָט זיך ניט געלאָזט פערפיהרען. עס האָט ניט גע־גלויבט אין די בעשולדיגונגען פון „ראָיאַליזם און אָרלעאניזם“, וועלכע זיינען געשליידערט געוואָרען געווען די מאנטאנארען, און ווען די זשיראָנדיסטישע מיטגליעדער, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון פאריז, זיינען אָנגעקומען אין באָרדאָ, זיינען זיי געווען גע־צוואונגען צו בעהאַלטען זיך אין דער שטאָדט, וועלכע, זיי האָ־בען געחלום'ט, דארף עס זיין דער מיטעלפונקט פון אויפ־שטאַנד. באָרדאָ האָט זיך באַלד איבערגעגעבען צו די דעלעגא־טען פון דער קאָנוועגשאָן.

וואָס אנבעטרעפט טולאָן, וואו עס האָבען שוין לאנג געוויררקט די ענגלישע אגענטען און וואו די פלאָטע־אָפּיציערען זיינען אלע געוועזן ראָיאליסטען, האָט זי זיך פאָלשטענדיג אונטערגעגעבען צו אַן ענגלישען סקאַדראָן. די וועניגע רעפּובליקאַנער פון דיזער שטאָדט זיינען ארעסטירט געוואָרען, און אזוי ווי די ענגלענדער, ניט פערלירענדיג קיין צייט, האָבען פערשטאַרקט די פעסטונגען און געבויט נייע, איז געוועזן נויטיג אַן אמת׳ע בעלאַגערונג, אום צוריקצונעהמען די שטאָדט. דאָס איז ערשט געטהאָן געוואָרען דעם פאָלגענדען דעצעמבער.

פינף און פופציגסטער קאַפּיטעל.

# די מלחמה. — דער איינדרינגענדער שונא צוריקגעטריבען

די רעאָרגאַניזאציאָן פון דער רעפּובליקאַנישער ארמיי. — די גרויליכקייטען פון דער מלחמה. — זשיראָנדיסטישע גענעראלען אויסגעביטען אויף אַנדערע. — די מלחמה. — די שוויריגקייטען פון די רעפּובליקאַנער. — די לאַגע פון פראנקרייך. — די האָפנונגען פון די פעראייניגטע מלוכות. — זייערע ערפאָלגען און דורכפעלע. — די רעפּובליקאַנער קריגען מוטה. — דער זיעג איבער די עסטרייכער. — דאָס אונטערגעבען־זיך פון ליאָן. — טולאָן צוריקגענומען. — די נקמה פון די רעפּובליקאַנער.

---

נאָך דעם פעררַאטה פון דומאָריעץ און דער פערהאַפטונג פון די זשיראָנדיסטישע פיהרער, האָט די רעפּובליק געמוזט אויפס־ניי אויספיהרען די ארבייט פון רעאָרגאניזירען איהר ארמיי אויף אַ דעמאָקראטישען פונדאַמענט און עס איז געווען נויטיג ווידער צו ערוועהלען די העכערע בעאַמטע, אום אָנצושטעלען יאקאָבינישע רעפּובליקאַנער אָנשטאָט די זשיראָנדיסטישע און ראָיאַליסטישע גענעראלען.

די אומשטענדען, אונטער וועלכע דיזע ענדערונג איז פאָרגעקומען, זיינען געוועזען אזעלכע שווערע, אַז נור די געוואַלדיגע ענערגיע פון אַ נאַציאָן אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע איז געווען פעהיג דאָס אויסצופיהרען. די אומשטענדען, וועלכע מען האָט געמוזט דאַן בייקומען, זיינען געוועזן: דער איינדרינגענדער שונא, די אינערליכע אונרוהען און די אונטעראירדישע אר־

בייט פון די קאָנספּיראַציעס, וועלכע איז געטריבען געוואָרען
איבער גאַנץ פראַנקרייך פון די רייכע מיט דעם צוועק אויסצר־
הונגערען די סאַנקיולאָטישע אַרמייען און זיי איבערגעבען צום
שונא. ווייל כמעט איבעראַל איז די אַדמיניסטראַציאָן פון די רע־
פּאַרטמענטס אין די דיסטריקטען פערבליבען אין די הענד פון די
רעאַקציאָנערען און זשיראָנדיסטען, און זיי האָבען געטהאָן
זייער בעסט, אַז די אַמוניציע און די פּראָוויזיע זאָל ניט דער־
גרייכען די אַרמייען.

עס איז נויטיג געווען דער גאַנצער געניוס פון דער רעוואָ־
לוציע און דער גאַנצער יוגענדליכער מוטה פון אַ פאָלק, וואָס
האָט ערוואַכט פון זיין לאַנגען שלאָף, דער פולער גלויבען פון די
רעוואָלוציאָנערען אין אַ צוקונפט פון גלייכהייט, אום אָנצוהאַל־
טען דעם טיטאַנישען קאַמפּף, וועלכען די סאַנקיולאָטען האָבען
געפיהרט געגען דעם אַריינדרינגענדען שונא און געגען די פער־
רעטהער. אָבער וויפיעל מאָל האָט די אויסגעמאַטערטע נאַציאָן
שוין געהאַלטען ביין נאָכגעבען!

אויב היינט־צו־טאָג קען אַ מלחמה רואינירען און פער־
וויסטען גאַנצע פּראָווינצען, קענען מיר שוין פערשטעהן, וואָס
עס זיינען געווען די אונגליקען פון אַ מלחמה מיט הונדערט און
צוואַנציג יאָהר צוריק, צווישען אַ בעפעלקערונג, וואָס איז דאַן
געווען פיעל אָרימער. אין די דעפּאַרטמענטס, וואָס זיינען גע־
ווען ניט ווייט פון דעם מלחמה־פּלאַץ, האָט מען די תבואה
מייסטענס אָבגעשניטען, נאָך איידער זי איז צייטיג געוואָרען.
די מייסטע פערד און אַנדערע לאַסט־טהירע זיינען צוגענומען
געוואָרען אין דיענסט, אָדער גלייך אויפ'ן פּלאַץ אָדער פאַר
איינע פון די פיערצעהן אַרמייען פון דער רעפּובליק. די סאָל־
דאַטען צוזאַמען מיט די בויערען און די אָרימע פון די שטעדט
האָט געפעהלט ברויט. אָבער עס האָט זיי אויך געפעהלט אַלעם
אַנדערע. אין ברעטאַין און אין אַלזאַס האָבען די דעלעגאַטען
פון דער קאָנווענשען געמוזט פאָדערען פון די בירגער פון גע־
וויסע שטעדט, ווי ברעסט אָדער שטראַסבורג, אַראָבצונעהמען
זייערע שטיוועל און שיך און אָבשיקען זיי צו די סאָלדאַטען.

דער גאנצער לעדער, וואָס מען האָט נור געקענט קריגען, איז צו־גענומען געוואָרען פאר די ארמיי, ווי אויך אלע שוסטער. אָבער דאָס איז נאָך אליין געווען ניט גענוג, און הילצערנע שיך האָט מען געמוזט צוטהיילען צווישען די סאָלדאטען. נאָך ערגער, עס איז געוואָרען נויטיג צו בילדען קאָמיטעס, וועלכע זאָלען צו־נעהמען פאר די ארמיי אלערליי קיך־געשיר פון פריוואט־הייזער: קעסלען, פאהנען, קריגלאך און אנדערע כלים פון בראָנז אוז בליי, און אויך אירגענד וועלכע שטיקער פון צובראָכענעם בראָנז אָדער בליי. דאָס איז געטהאָן געוואָרען אין די דיסט־ריקטען פון שטראסבורג.

אין שטראסבורג האָבען די דעלעגאטען פון דער קאָנווענ־שאָן און דעם מוניציפּאל ראטה געמוזט פערלאנגען פון די איינוואוינער קליידער, זאָקען, שיך, העמדער, בעט־צייג און אל־טען לייוועגד, אום אָנצוקליידען די אָבגעריסענע וואָלונטירען. זיי האָבען אויך געמוזט בעטען, אז מען זאָל זיי געבען בעטען אין די פּריוואט־הייזער, וואו זיי זאָלען קענען איינוויקלען די פער־וואונדעטע.

אָבער דאָס אלעס איז ניט געווען גענוג, און פון צייט צו צייט האָבען די דעלעגאטען פון דער קאָנווענשען געפונען פאר נויטיג צו נעהמען א רעוואָלוציאָנערע קאָנטריבוציע, מייסטענס פון די רייכע. דאָס איז געווען בעזאָנדערס דער פאל אין אל־זאס, וואו די גרויסע לאנד־אייגענטהימער האָבען ניט געוואָלט אויפגעבען זייערע פעאָדאלע רעכטע און פאר די פערטהיידיגונג פון וועלכע עסטרייך האָט עס אָנגעפאנגען די מלחמה. אין דער סויטה, אין נארבאן, האָט א מיטגליעד פון דער קאָנווענ־שען געמוזט פאָדערען די ארבייט פון אלע מענער און פרויען פון שטאָדט אויסצולאָדען די שיפען און אָנלאָדען די וואָגענס, וועלכע האָבען עס געדארפט אריבערפיהרען פּראָוויזיע פאר די ארמיי.*)

*) עס איז וויכטיג צו געדענקען, דאָס ניט אָבטענדיג, וואָס אלערליי רעאקציאָנערע היסטאָריקער מעגען זאָגען וועגען דעם טער־

אָבער ביסלאַכוויז איז די ארמיי דאָך רעאָרגאַניזירט געוואָרען. די זשיראָנדיסטישע גענעראַלען זיינען אוועקגעשיקט געוואָרען, און אינגערע מענשען האָבען פערנומען זייערע שטעלען. איבעראַל זיינען ערשינען נייע מענשען, פאַר וועלכע מלחמה איז קיינמאָל ניט געווען אַ מלאכה, און וועלכע זיינען אריינגעטראָטען אין די ארמיי מיט דער גאַנצער בעגייסטערונג פון די בירגער פון אַ נאַציאָן, וואָס איז טיעף אויפגעטרייסעלט פון דער רעוואָלוציאָן. זיי האָבען אויך באַלד אָנגענומען אַ נייע טאַקטיק, וועלכע איז שפּעטער־צו צוגעשריבען געוואָרען צו נאַפּאָלעאָן, די טאַקטיק פון שנעלע מאַרשען און פון ריזיגע מאַסען, צוקוועטשענדיג דעם שונא אין זיינע בעזאָנדערע ארמייען, איידער זיי האָבען נאָך געהאַט צייט זיך צו פעראייניגען. אָנגעקליידעט אין שמאַטעס און אָהן שיך און אָפט אויך הונגעריג, אָבער בעגייסטערט מיט דעם הייליגען פלאַם פון דער רעוואָלוציע, פון גלייכהייט, זיינען די וואָלונטירען פון 1793 געווען זיעגרייך דאָרט, וואו דער דורכפאַל האָט אויסגעזעהען צו זיין אַזוי זיכער.

צו דער זעלבער צייט האָבען די דעלעגאַטען פון דער קאָנווענשען ארויסגעוויזען אַ מורא׳דיגע ענערגיע אין געפינען מיטלען צו ערנעהרען, קליידען און טראַנספּאָרטירען די ארמייען. פאַר די גרעסערע טהייל איז גלייכהייט געווען זייער פּרינציפּ. קיין צווייפעל, אַז עס זיינען געווען צווישען דיזע דעלעגאַטען מאַנכע שווארצע שאָף, ווי קאַמבאַסער, אַ צוקינפטיגער בעאַמ־

ראָר, זעהען מיר אָבער פון די אַרכיוועז אין דיזען פאַל, דאָס די סאַנקיולאָטען און איניגע יונגע בירגער זיינען געווען די איינציגע, וואָס האָבען זיך אָבגערופען אויף דיזער פאָדערונג פון פּאַטריאָטיזם און דאָס „ניט איינער אין זיידענע זאָקען, מאַן אָדער פרוי, איז ארויסגעקומען אויפ׳ן ברעג פון דעם קאַנאַל.“ נאָך דעם האָט דער דעלעגאַט פון דער קאָנווענשען זיך בענוגענט מיט ארויספליגען אויף די רייכע „אַ פּאַטריאָטישע מתנה צום בענעפיט פון די ארמיי.“

טער אונטער נאַפּאָלעאָן. עס זיינען אויך געווען צווישען זיי נאַרען, וועלכע האָבען זיך ארומגערינגעלט מיט א שטאַאט, אזא, וועלכע האָט שפּעטער געהאָלפען דער פערניכטונג פּון באנאַפּאַרטע; עס זיינען אויך געווען צווישען זיי אזעלכע, וועלכע האָבען זיך ניט אָבגעזאָגט פּון צו נעהמען שחד. אָבער דיזע אלע זיינען געווען זעלטענע אויסנאהמען. כמעט אַלע צוויי הונדערט דעלעגאַטען פּון דער קאָנווענשען האָבען עהרליך געטהיילט די צרות און די געפאהרען מיט די סאָלדאַטען.

דיזע אַנשטרענגונגען האָבען געבראכט ערפאָלג און נאָך אַ זעהר פינסטערער צייט פון דורכפאַלען אין אויגוסט און סעפּטעמבער, האָבען די רעפּובליקאַנישע ארמייען געקריגען די אויבער־האַנד. דער שטראָם פון דעם ארייגדרינגענדען שונא איז אָבגעשטעלט געוואָרען אָנפאַנג הערבסט.

אין יוני, נאָך דעם פעררעטה פון דומאָריעז, איז די ארמיי אין דער נאָרד געווען פאָלשטענדיג דיסאָרגאניזירט — איהרע גענעראַלען זייענדיג פערטיג צו בעקעמפּפען איינע די אַנדערע, — און זי האָט געהאַט געגען זיך פיער ארמייען, וועלכע האָבען רעפּרעזענטירט אַ סך הכל פון 118 טויזענד מענער, ענגלישע, האַנאָווערשע און האָלענדישע. געצוואונגען אויך צו פערלאָזען דעם בעפעסטיגטען לאַגער און צו זוכען שוין הינטער סארפּ, איבערלאָזענדיג די פעסטונגען פון וואלענסיין און קאָנדע אין די הענד פון דעם שונא, האָט דיזע ארמיי אויך געלאָזען אָן אָפּענעם וועג צו פּאַריז.

די צוויי ארמייען, וועלכע האָבען פערטהיידיגט מאָזעל און דעם רהיין, האָבען קוים געצעהלט 60 טויזענד קעמפּפענדע מענער, און זיי האָבען געהאַט געגען זיך 83 טויזענד פּרייסען און עסטרייכער, צוזאמען מיט אַ קאוואלעריע־קאָרפּוס פון ארום 6 טויזענד עמיגראַנטען. קוסטין, וועמעס געטריישאַפט צו דער רעפּובליק איז געווען זעהר צווייפעלהאַפט, האָט פערלאָזען די פּאָזיציעס, וואָס זיינען איינגענומען געוואָרען אין 1792, און האָט ערלויבט די דייטשען צו פערנעהמען די פעסטונג פון מאַיענס אויף דעם רהיין.

אין סאוואָי און לעבען ניעס, וואו מען האָט געדארפט פארצאמען דעם וועג 40 טויזענד פיעדמאָנטעזער, אונטער־שטיצט פון 8 טויזענד עסטרייכער, איז דאָ בלויז געוועז די אלפען־ארמיי און נאָך אַ קליינע ארמיי,ביידע אָהן אירגענד וועלכע טראנספּאָרט מיטלען צוליעב די ראָיאליסטישע אויפ־שטענדע אין פּאָרעל, ליאָן און אין דער פּראָוואנס. אין די פּי־רענעען זיינען 23 טויזענד שפּאניער אריין אין פראנקרייך און געגען זיי האָבען זיך געשטעלט בלויז 10 טויזענד מענשען, וואָס האָבען ניט געהאט ניט קיין ביקסען און ניט קיין פּראָוויזיע. מיט דער הילפע פון די עמיגראנטען האָט די שפּאנישע ארמיי איינגענומען עטליכע פעסטונגען און האָט געסטראשעט דער גאנצער רוסיליאָן־געגענד.

וואָס אנבעטרעפט ענגלאנד, האָט זי איינגעפיהרט אין 1793 די מעטאָדע, וועלכע זי האָט אָנגעהאלטען פאר די גאנצע צייט פון די נאפּאָלעאָנישע מלחמות. אָנשטאָט אליין ארויס־צוקומען צו שטארק, האָט זי געהאלטען פאר גלייכער אונטער־צוקויפען די פעראייניגטע מעכטע און צו פּראָפיטירען דורך די שוואכקייט פון פראנקרייך, צונעהמענדיג איהר ים־האנדעל. אין יוני, 1793, האָט די ענגלישע רעגיערונג ערקלערט אַ בלאָקאדע פון אלע פראנצויזישע האפענס, און די ענגלישע שיפען, געגען דעם אינטערנאציאָנאלען געזעץ פון יענער צייט, האָבען אָנגע־הויבען פערכאפּען אלע נייטראלע שיפען, וואָס האָבען געפיהרט פּראָוויזיע פאר פראנקרייך. צו דער זעלבער צייט האָט ענג־לאנד געהאָלפען די עמיגראנטען, האָט ארייגעשמוגעלט וואפען און פעק פּראָקלאמאציעס אום אויפצוהעצען ברעטאַין און די וואנדיי און האָט זיך פּאָרבערייטעט צו פערכאפען די האפענס פון סען־מאלאָ, ברעסט, נאנטעס, באָרדאָ און טולאָן.

די אינגערליכע אומשטענדען אין פראנקרייך זיינען געוועזען ניט בעסער. ברעטאַין איז געוועזען אין אויפשטאנד דורך די אינ־טריגען פון די עמיגראנטען און די אגענטען פון ענגלאנד. אין דער וואנדיי זיינען הונדערט טויזענד בויערען, בעאיינפלוסט ביז צום העכסטען פאנאטיזם, געוועזען אין אַן אָפענעם אויפ־

שטאנד. אין די גרויסע האנדעל־שטעדט, ווי נאנטעס, באָרדאָ און מארסעל, זיינען די מיטעל־קלאסען געווען אויפגעבראכט, ווייל זייערע געשעפטען האָבען זיך אין גאַנצען אָבגעשטעלט. ליאָן און די פּראָוואנס זיינען געווען אין דעם פולען שוואונג פון אַן אויפשטאנד. אין פּאַרעיז זיינען די גלחים און עמיגראנ־טען געווען שטארק בעשעפטיגט מיט אָנמאכען מחלוקות; אין פּאַריז גופא האָבען אלע, וועלכע זיינען רייך געוואָרען זייט 1789 און זייענדיג אונגעדולדיג און וועלענדיג וואָס גיכער זע־העז דעם סוף פון דער רעוואָלוציע, פּאַרבערייטעט אַ שרעקליכען אָנפאל אויף איהר.

אונטער דיזע אומשטענדען האָבען די פעראייניגטע מעכ־טע געפיהלט זיך אַזוי זיכער באַלד צוריק אויפצוריכטען דעם קעניגטהום, און אוועקזעצען לואי דעם 17טען אויפ׳ן טהראָן, אַז זיי האָבען עס בעטראכט בלויז אלס אַ פראגע פון עטליכע וואָכען. פערזען, דער פערטרויטער פון מאריע אנטואנעט, האָט שוין דיסקוטירט מיט זיינע פריינד, פון וועמען עס זאָל בעשטעהן דער רעגענטען־ראטה, וועהרענד דער פּלאַן אוועקצו־שטעלען אַן דער שפּיצע פון די אונצופריעדענע אין ברעטאַין דעם גראף ד׳ארטאָי איז שוין בעשלאָסען געוואָרען צווישען ענגלאנד, שפּאַניען און רוסלאנד.

ווען די פעראייניגטע מעכטע וואָלטען נור מארשירט גלייך אויף פּאַריז, וואָלטען זיי זיכער געבראכט די רעוואָלוציע אין אַ זעהר ערנסטע לאגע. אָבער צי אויס מורא פאר אַ נייעם 2טען סעפּטעמבער, אָדער ווייל זיי האָבען בעסער אויסגעקליבען צו נעהמען בעזיץ פון די פעסטונגען, וואָס זיי האָבען געוואונען פון פראנקרייך, איידער צו בעלאַגערען פּאַריז, האָבען זיי זיך אָב־געשטעלט אין זייער מארשרוט, אום צו נעהמען וואלענסיען און מאַיענס.

אָבער מאַיענס האָט געקעמפּפט און האָט זיך ערשט אונ־טערגעגעבען דעם 23טען יולי. די פעסטונג פון קאָנדע האָט זיך אונטערגעגעבען איינציגע טעג פריהער, נאָך דעם, ווי זי האָט אויס־געהאלטען פיער מאָנאטען. און דעם 26טען יולי האָט וואלענ־

סיען, נאָך אַ קאַמפּף מיט אַלע פּעראייניגטע מעכטע, זיך אונ־
טערגעגעבען אונטער די אפּלאָדיסמענטען פון דער בורזשואזיע,
וועלכע אין דער צייט פון דער בעלאַגערונג איז געווען אין גאַנ׳ז
נאָהענטע בעציהונגען מיט דעם דיוק פון יאָרק. עסטרייך האָט
גענומען בעזיץ פון דיזע פעסטונג־שטעדט.

אין דער נאָרטה איז דער וועג צו פּאריז געווען אָפען זייט
דעם 10טען אויגוסט, 1793, און די פעראייניגטע מעכטע האָבען
געהאַט מעהר, ווי 300 טויזענד מענשען צוזאמען צווישען אָסט־
ענד און בעל. וואָס איז עס, אַלזאָ, געווען, וואָס האָט ווידער
אַ מאָל געשטערט די פעראייניגטע מעכטע צו מאַרשירען אויף
פּאריז און בעפרייען מאַריע־אַנטואַנעט און דעם יורש פון לואי
דעם 16־טען? איז עס ווירקליך געווען בלויז דער וואונש צו־
ערשט איינגעהמען די פעסטונגען, וועלכע וואָלטען געבליבען זיי־
ערע, וואָס עס וואָלט ניט פּאסירט אין פראנקרייך? איז עס גע־
ווען די מורא פאר דעם שרעקליכען ווידערשטאַנד, וועלכען די
רעפּובליקאַנישע פראנקרייך וואָלט געווים ארויסגעוויזען? אָדער
איז עס געווען — און דאָס זעהט אונז אויס דאָס מייסט גלויב־
ליכע — ריקזיכטען פון אַ דיפּלאָמאַטישער נאַטור? אַזוי ווי די
דאָקומענטען, וועלכע וואָלטען געקאָנט פאַרשפּרייטען ליכט אויף
די דיפּלאָמאַטיע פון דיזער פּעריאָדע, זיינען נאָך ניט פער־
עפענטליכט, זיינען מיר געצוואונגען צו מאַכען בלויז השערות.
מיר ווייסען אָבער, דאָס אין דעם משך פון זומער און הערבסט,
האָט „די קאָמיטע פון עפענטליכען וואוילזיין" פערהאַנדעלט מיט
עסטרייך וועגען דער בעפרייאונג פון מאַריע־אַנטואַנעט, איהר
זוהן און זיין שוועסטער, און זייער מוהמע, מאַדאַם עליזאַבעטה.
און מיר ווייסען אויך, דאָס דאַנטאָן האָט געפיהרט געהיימע פער־
האַנדלונגען מיט די ענגלישע „וויגס" ביז 1794, אום איינצו־
שטעלען די מלחמה מיט ענגלאַנד. פון טאָג צו טאָג האָבען מענ־
שען געוואַרט צו זעהען ווי פאָקס, דעם פיהרער פון די וויגס,
וועט שטירצען פּיטט, דעם פיהרער פון די טאָריעס, און אריינ־
טרעטען אין מאַכט; און צוויי מאָל — סוף יאַנואַר, 1794, וועה־
רענד דער דיסקוסיאָן וועגען דעם ענטפער אויף די רעדע פון

טהראָן, און דעם 16טען מערץ, 1794 — האָט מען געהאָפט, אז דער ענגלישער פארלאמענט וועט זיך ערקלערען געגען א מלחמה מיט פראנקרייך.*)

יעדענפאלס, דער פאקט בלייבט, דאָס נאָך זייערע ערפאָלגען האָבען די פעראייניגטע מעכטע ניט מארשירט געגען פאריז, נור זיי האָבען אָנגעהויבען צו בעלאגערען די פעסטונגען. דער דיוק אָוו יאָרק האָט אָנגעפאנגען די בעלאגערונג פון דאנקירק און דער דיוק אָוו קאָבורג האָט בעלאגערט לע קווענזאָ.

דאָס האָט געגעבען דער רעפובליק א מעגליכקייט אָבצוציהען דעם אָטהעם און האָט מעגליך געמאכט פאר בושאָט, דעם קריעגס־מיניסטער, צו רעאָרגאניזירען די ארמיי, וועלכע איז געוואָרען פערשטארקט דורך נייע זעקס הונדערט טויזענד מענער, און צו געפינען רעפובליקאנישע אָפיציערען פאר איהר. קארנאָ האָט אין דער זעלבער צייט אין דער קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין געזעהען צו מאכען, אז די גענעראלען זאָלען האנדלען צוזאמען מיט מעהר איינשטימיגקייט, וועהרענד די דעלעגאטען פון דער קאָנווענשען האָבען געטראָגען דעם פלאם פון דער רעוואָלוציע צו דער ארמיי.

אזוי איז אוועק דער מאָנאט אויגוסט, וועהרענד די מפלות אויף דעם גרענעץ און אין דער וואנדיי האָבען לעבעדיג געמאכט די האָפנונגען פון די ראָיאליסטען און אָנגעפילט מיט פערצווייפלונג א היבשע צאָהל רעפובליקאנער. דאָך פון די ערשטע טעג פון סעפטעמבער, 1793, האָבען די ארמייען פון דער רעפובליק, ערמוטהיגט דורך די עפפענטליכע מיינונג, אויפגענומען די אטאקע אין דער נאָרטה, אויף דעם רהיין און אין די פירענעען. דיזער נייער צוג איז געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג אין דער נאָרטה, וואו דער דיוק אָוו יאָרק, שרעקליך אטאקירט פון די פראנצויזען ביי האנדשוט, איז געוועזען געצוואונגען אויפצוגעבען

*) אָוועגעל שרייבט צו זאָגאר דעם פאלען פון דאנטאָן צו דעם פאקט, וואָס דיזע דיפלאָמאטיע, פון וועלכער ראָבעספיער און בארער זיינען געווען געגנער, איז דורכגעפאלען.

די בעלאַגערונג פון דאנקירק. אָבער אנדערשוואו זיינען די רע־
זולטאַטען פאר דיזע צייט ניט געווען זיכערע און בעשטיממטע.

די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין האָט גלייך זיך
בענוצט מיט די ערשטע מיליטערישע ערפאָלגען, אום צו פאָרדע־
רען און אויך צו קריגען פון דער קאָנווענשען א כמעט דיקטאַטאָ־
רישע מאכט — וועלכע זאָל אָנגעהאַלטען ווערען, אזוי לאנג ווי
דער פריעדען וועט ניט דערגרייכט ווערען. אָבער וואָס עס האָט
געהאָלפען מעהר פון אַלץ אין דער אָבהאַלטונג פון דעם אריינ־
דרינגען פון שונא איז געווען דאָס, וואָס זעהענדיג איבעראל נייע
פיהרער, אויסגעשפּראָכענע רעפּובליקאנער, ארויסקומען פון די
רייהען און דערגרייכען די העכסטע שטעלען אין וועניגע טעג,
און זעהענדיג אויך, ווי די דעלעגאַטען פון דער קאָנווענשען אליין
מאַרשירען מיט'ן שווערד אין האנד אן דער שפּיצע פון די אַטאַ־
קירענדע קאָלומנען, זיינען די סאָלדאַטען בעגייסטערט געוואָרען
מיט פרישען מוטה, און האָבען אויפגעטהאָן וואונדערבאַר־העל־
דישע ארבייט.

דעם 15טען און 16טען אָקטאָבער, ניט אכטענדיג אויף די
זעהר שווערע פערלוסטען, האָבען זיי אויסגעפאָכטען ביי וואַ־
טיגניעס דעם ערשטען גרויסען זיעג איבער די עסטרייכער. דיזער
זיעג איז געוואונען געוואָרען, מעגען מיר זאָגען, בוכשטעבליך
מיט'ן שווערד, ווייל דער דאָרף וואטיגניעס האָט געביטען הענד
אכט מאָל וועהרענד דער מלחמה. אַלס א רעזולטאַט פון דיזער
מפּלה, האָבען די עסטרייכער אויפגעגעבען די בעלאַגערונג פון
מאַיבערגע, און דער זיעג געוואונען ביי וואטיגנים האָט געהאַט
דיזעלבע ווירקונג אויף דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען, ווי דער
זיעג פון וואַלמי האָט עס געהאַט אין 1792.

ליאָן, ווי מיר האָבען געזעהען, איז געווען געצוואונגען זיך
אונטערצוגעבען אין אָקטאָבער, און אין דעצעמבער איז טולאָן
צוריקגענומען געוואָרען פון די ענגלענדער נאָך אן אַטאַקע, וועל־
כע האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 28־סטען נאָוועמבער, 1793 און
האָט געדויערט ביז דעם 16טען דעצעמבער. די ענגלענדער האָ־
בען אונטערגעצונדען די פראנצויזישע שיפען, וועלכע זיינען גע־

ווען אין האפען, ווי אויך די ארסענאלען, די דאקס און די פול־ ווער־מאגאזינען, און איבערגעלאָזען די ראָיאליסטען, וועלכע האָבען עס איבערגעגעבען טולאָן צו זיי, צו דער נקמה פון די רע־ פובליקאנער.

אונגליקליכערווייזע איז דיזע נקמה געווען שרעקליך און האָט איבערגעלאָזען טיעפע סליאדען פון האס אין פיעלע הער־ צער. איין הונדערט און פופציג מענשען, מייסטענס נייווי־אָפּי־ ציערען, זיינען דערשאָסען געוואָרען אין גאנצע קאָמפּאניעס, און נאָך דעם איז געקומען די איינצעלהאפטע ראכע פון די רע־ וואָלוציאָנערע געריכטען.

אין אלזאס און אויף דעם רהיין, וואו די ארמייען פון דער רעפּובליק האָבען געהאט צו קעמפּפען געגען די עסטרייכער און די פּרייסען, זיינען זיי געווען געצוואונגען פון דעם אָנפאנג פון דעם יאָהר־קאמפּיין אויפצוגעבען זייער ליניע פון פערטהיידיגונג ארום וויסעמבורג. דאָס האָט געעפענט דעם וועג צו שטראס־ בורג, וואו די בורזשואזיע האָט געבעטען הילפע פון די עסטרייכער און האָט פון זיי געפאָדערט צו קומען און נעהמען בע־ זיץ פון דער שטאָדט אין דעם נאָמען פון לואי דעם 17טען. אָבער די עסטרייכער האָבען ניט געוואָלט פארשטארקען דעם קעניג־ טהום אין פראנקרייך און דאָס האָט געגעבען צייט דער קאָנווענ־ שען אָדער איהרע דעלעגאטען, וואָס האָבען איהר רעפּרעזענטירט, צו רעאָרגאניזירען די ארמיי, און אָנשטאָט זיך פערטהיידיגען איבערגעהן צו דער אטאקע.

דאָך ווינטער האָט שוין געהאלטען אין אָנקומען, און דער קאמפּיין פון 1793 האָט זיך געענדיגט, ניט ברענגענדיג קיינע נייע ערפאָלגען צו קיינעם פון די צדדים. די עסטרייכישע, פּרייסישע, העססיאנישע, האָללענדישע, פּיעדמאָנטישע און שפּאנישע ארמייען זיינען פערבליבען אויף די פראנצויזישע גרענעצען, אָבער די ענערגיע זייערע איז שוין געווען אויסגע־ וועפּט. פּרייסען זאָגאר האָט געוואונשען זיך צוריק צו ציהען פון דער פעראייניגונג. און ענגלאנד האָט זיך געמוזט פערפליכ־ טען אין האאג (אפּריל 28, 1794) צו בעצאָהלען דעם פּרייסישען

קעניג אַ סומע פון 7,500,000 פראנק און אריינצושיקען אַ יעהר־ליכע קאָנטריבוציע פון 1,250,000 פראנק, איידער פרייסען האָט איינגעווילינט אָנצוהאַלטען אַן ארמיי פון 62,400 מענשען, אום צו פיהרען אַ מלחמה מיט פראנקרייך.

דעם פאָלגענדען פריהלינג האָט זיך די מלחמה, אַלזאָ, גע־דארפט אָנפאַנגען אויף דאָס ניי. אָבער די רעפּובליק האָט איצט געקאָנט קעמפּפען אונטער פיעל גינסטיגערע פערהעלטניסע, ווי אין 1792 און 1793. אַ דאַנק דעם ענטהוזיאזם, מיט וועלכען זי האָט אָנגעפילט די אָרעמסטע קלאַסען, האָט די רעוואָלוציע בים־לעכווייז בעפרייט זיך פון יענע אויסערליכע שונאים, וועלכע האָבען געשטרעבט איהר צו דערשטיקען. אָבער וואָס פאַר אַ פרייז זי האָט געמוזט בעצאָהלען דערפאַר! די אינערליכע קאָנ־וואולסיעס, די פערפרעמדונג פון פרייהייט, וועלכע האָט סוף כל סוף געטוידטעט דיזעלבע רעוואָלוציע און האָט איבערגעגעבען פראנקרייך צום דעספּאָטיזם פון אַ מיליטערישען „רעטער“.

זעקס און פופציגסטער קאפיטעל.

# די קאָנסטיטוציע.—די רעוואָלוציאָנערע בעװעגונג.

אַ קאָמיטע װערט צוזאמענגעשטעלט אום צו פערפאסען אַ נייע קאָנ־סטיטוציע. — די פּלענער פון די זשיראָנדיסטען. — דער קאמפף צווישען די זשיראָנדיסטען און מאנטאנארען. — די זשיראָנדי־סטען זובען צו פערשטאַרקען די מאַכט פון די דירעקטאָריומס. — דער זשיראָנדיסטישער פּלאַן װערט פערװאָרפען. — די קאָנ־סטיטוציע פון די מאנטאנארען. — זי װערט אָנגענומען פון דער קאָנװענשען. — דיקטאַטור פון דער קאָמיטע פון עפפענט־ליכער זיכערהייט.

---

עס איז נױטיג געװען צו דערצעהלען באריכות װעגען די אַנטי־רעװאָלוציאָנערע אויפשטענדע אין פראנקרייך און װעגען די פערשיעדענאַרטיגע פּאסירונגען פון די מלחמות ביי די גרע־נעצען, איידער מיר קעהרען זיך אום צוריק צו דער לעגיסלאַטי־װער טהעטיגקייט פון דער קאָנװענשען און צו די פּאסירונגען, װאָס האָבען נאכהער ענטװיקעלט זיך אין פּאַריז. ניט װיסענדיג עטװאָס װעגען די ערשטע, װאָלטען די לעצטע געבליבען גאַנץ אונפערשטענדליך. דער אמת איז, אז דער קריעג האָט בע־הערשט אַלעס, האָט פערשלונגען די בעסטע כוחות פון דער נאַציאָן, און האָט פּאַראַליזירט יעדע אנשטרענגונג צו מאכען די רעװאָלוציע מעהר פּאָרטהיילהאפט פאר די מאַסען פון פאָלק.

דער הויפּט־צװעק, צוליעב װעלכען די קאָנװענשען איז איינבערופען געװאָרען, איז געװען די אויסארבייטונג פון אַ נייער רעפּובליקאנישער קאָנסטיטוציע. די מאָנארכיסטישע

קאָנסטיטוציע פון 1791, וועלכע האָט צוטהיילט דאָס פאָלק אין צוויי קלאַסען, איינער פון וועלכע איז געווען בערויבט פון אלע פּאָליטישע רעכטע, האָט לענגער שוין ניט געקאָנט אָנגעהאַלטען ווערען. ווי דער אמת איז, האָט זי אויפגעהערט צו עקזיסטירען. און דערפאר אזוי שנעל, ווי די קאָנווענשען איז צוזאמענגעקומען (סעפּטעמבער 21, 1792) האָט זי זיך גענומען צו דער ארבייט וועגען א נייער קאָנסטיטוציע, און דעם 11טען אָקטאָבער איז א ספּעציעלע קאָמיטע אויסערוועהלט געוואָרען פאר דיזען צוועק. זי איז געווען צוזאמענגעשטעלט, ווי מען האָט עס געמעגט ערווארטען, מייסטענס פון זשיראָנדיסטען (סעיז, דער ענגלענדער, טהאָמאַס פּעין, בריססאָ, פּעטיאן, ווערגינא, גענסאָנע, קאָנדאָרסעט, בארער און דאַנטאָן). דער זשיראָנדיסטישער קאָנדאָרסעט, א בעריהמטער מאַטהעמאַטיקער און פילאָזאָף, וועלכער, נאָך אזוי ווייט צוריק ווי אין 1774, האָט געארבייט צוזאמען מיט טיורגאָ וועגען פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען, און וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע, נאָך דעם קעניג׳ס אַנטלויפען פון ווארען, צו ערקלערען זיך אַלס רעפּובליקאַנער — ער איז עס געווען דער הויפּט־פערפאסער פון דעם קאָנסטיטוציאָנעלען פּלאַן, וואָס איז אויסגעארבייט געוואָרען פון דער קאָמיטע פאר די קאָנווענשען און פון אַן „ערקלערונג פון די רעכטע פון „מאַן און בירגער“, וועלכער איז מיטגעגאַנגען מיט דיזען פּלאַן.

עס איז קלאָר, דאָס אין א געזעצגעבערישער קערפּערשאַפט פון דעפּוטאַטען איז די ערשטע פראגע, וואָס האָט געמוזט ארויפשווימען, אזוי שנעל, ווי מען האָט נור דערמאָנט וועגען א נייער קאָנסטיטוציע, געווען: ווער פון די צוויי פּארטייען, וואָס קעמפּפען פאר די מאכט, וועט פּראָפּיטירען דורך דעם נייעם געזעץ? די זשיראָנדיסטען האָבען עס געוואָלט אומוואַנדלען אין א ווערקצייג, וועלכער זאָל זיי העלפען אָבצושטעלען די רעוואָלוציע אזוי, אז זי זאָל ניט געהן ווייטער, ווי זי איז געווען ביז דעם 10טען אויגוסט; צו צושטערען די מאכט פון דער רעוואָלוציאָנערער קאָממונע פון פאריז און פון די רעוואָלוציאָנערע

קאָממונען איבער'ן גאַנצען לאַנד און צו פערניכטען די מאַנטאַ־
נאַרען. און די מאַנטאַנאַרען, וועלכע האָבען ניט בעטראַכט די
ארבייט פון דער רעוואָלוציע אלס געענדיגט, האָבען, נאַטירליך,
געמוזט ניט דערלאָזען די זשיראָנדיסטען אומצואוואַנדלען די
קאָנסטיטוציע אין אַן אינסטרומענט, וואָס זאָל שטערען דער
ווייטערער ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע.

זאָגאַר נאָך פאַר דער פעראורטהיילונג פון לואי דעם 16טען
האָבען די זשיראָנדיסטען געשטופּט די קאָנווענשען אָנצונעהמען
זייער קאָנסטיטוציע אין דער האָפנונג צו קענען רעטען דעם קע־
ניג. און שפּעטער־צו, אין מערץ און אפּריל, 1793, ווען זיי האָ־
בען געזעהען קאָממוניסטישע פערזוכען אויפשפּראָצען צווישען
דעם פאָלק און געצילעוועט געגען די רייכע, האָבען זיי נאָך מעהר
געזוכט צו ווירקען אויף די קאָנווענשען, אז זי זאָל אָננעהמען
קאָנדאָרסעט'ס פּלאַן, וועהרענד די מאַנטאַנאַרען האָבען געטהאָן
אַלעס מעגליכע אָבצולייגען די ענדליכע דיסקוסיאָן, ביז עס איז
זיי געלונגען צו פּאַראַליזירען די זשיראָנדיסטען און די ראָיאַלי־
סטען. עס מוז אויך געזאָגט ווערען, אז די קאָנסטיטוציע, וועל־
כע האָט ארויסגערופען אזא בעגייסטערונג אין 1789, האָט שוין
פערלאָרען פיעל פון איהר אינטערעסאַנטקייט פאַר די רעוואָלו־
ציאָנערען, בעזאָנדערס זייט די דעקרעטען פון 10טען אויגוסט
האָבען אָבגעשאַפט דעם אונטערשיעד צווישען אקטיווע און פּאַ־
סיווע בירגער. אויב די זשיראָנדיסטען האָבען צוגעשריבען אַ
געוויסע וויכטיגקייט צו דער קאָנסטיטוציע, איז עס נור געווען,
אום „צוריק צו ברענגען אָרדנונג“, צו פערקלענערען דעם איינ־
פלוס, וואָס די רעוואָלוציאָנערען האָבען געהאַט אין די פּראָווינ־
צען מיט דער הילפע פון די מוניציפּאַלע קערפּערשאַפטען און
אין פּאַריז דורך די קאָממונע.

דער מוניציפּאַל־געזעץ פון דעצעמבער, 1789, האָט געגעב־
בען די שטעדט אַ גאַנץ היבשע מאַכט, וועלכע איז געווען דאָס
גרעסער, ווייל די פּראָווינציעלע רעפּרעזענטאַנטען פון דער צענ־
טראַל־מאַכט זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען. און מיר האָבען גע־
זעהען ווי די סעקציאָנען אין פּאַריז, וועלכע האָבען געפיהרט

זיך, ווי אונאבהענגיגע שטעדט, האָבען אויסגעפיהרט צו קריגען פאר זיך גאנץ גרויסע אדמיניסטראציאָנס־רעכטע, ווען עס איז געוואָרען נויטיג צוריקצושטויסען די איינדרינגענדע שונאים, צו נעהמען רעקרוטען־וואָלונטירען, צו פערזאָרגען די ארמייען מיט פראָוויזיע און אויפצופאסען אויף די ראָיאליסטישע פערשווערונגען.

אין די מוניציפאליטעטען און די סעקציאָנען האָט די רעוואָלוציאָן אין 1793 געפונען איהר שטארקסטע אונטערשטיצונג, און עס איז לייכט צו פערשטעהן, דאָס די מאנטאנארען האָבען געטהאָן זייער בעסט, אז עס זאָל בלייבען אין זיין גאנצער קראפט דיזער מעכטיגער ווערקצייג פון זייער איינפלוס*.)

אָבער דאָס איז אויך געווען די אורזאכע, ווארום די זשיראָנדיסטען אין זייער פלאן פאר א קאָנסטיטוציע, וועלכע נור דער אויפשטאנד פון דעם 31־סטען מאי האָט זיי געשטערט ארויפצודרינגען אויף פראנקרייך, האָבען אָנגעווענדעט אלע כוחות צוצושטערען די קאָמונען, אָבשאפען זייער אונאבהענגיגקייט און צו פערשטארקען די מאכט פון די דירעקטאָריומס פון די דעפארטמענטס און די דיסטריקטען, וועלכע זיינען געווען די ווערקצייג פון די לאנד־אייגענטהימער און פון די מיטעלקלאסען. אום דאָס אויסצופיהרען, האָבען די זשיראָנדיסטען געפאָדערט די אָבשאפונג פון די גרויסע קאָממונען און די קאָממונאלע מוניציפאליטעטען און די בעשאפונג פון א דריטער און א

*) דעם 7טען מערץ, 1793, ווען די פערטהיידיגונגס־קאָמיטע איז געוואָרען שטארק אונרוהיג וועגען דער פערצווייפעלטער לאגע פון פראנקרייך דורך דעם אריינדרינגענדען שונא, און זי האָט איינגעלאדען די מיניסטאָרען און די קאָממונען פון פאריז צו בעראטהען זיך צוזאמען, האָט מאראט, צוזאמענפאסענדיג אלעס, וואָס איז שוין געטהאָן געוואָרען, זיי געזאָגט, דאָס אין אזא קריזיס איז די אויבערשאפט פון פאָלק ניט אונטהיילבאר; דאָס יעדע קאָמונע האָט די פולע מאכט אין איהר אייגענער טעריטאָריע, און אז דאָס פאָלק האָט א רעכט צו נעהמען שריט, וועלע זיינען נויטיג פאר זיין וואוילזיין.

נייער רייהע ביוראָקראטישע קערפּערשאַפּטען, די דירעקטאָריען פון די קאנטאָנען, וועלכע זיי האָבען כאראַקטעריזירט, אַלס „די קאַנטאָנישע מוניציפּאַליטעטען“.

ווען דיזער פּלאַן וואָלט אָנגענומען געוואָרען, וואָלטען פערשוואונדען געוואָרען די קאָממונען, וועלכע זיינען ניט געווען בלויז רעדער פון דער אַדמיניסטראציאָן, נור אויך קערפּערשאַפּטען, וואָס האָבען געהאַט לאַנד, געביידען, שולען אין געמיינשאַפּט. אַזוי ווי די דאָרף־מוניציפּאַליטעטען האָבען גאַנץ אָפּט זיך אָנגענומען פאַר די בויערען, און די מוניציפּאַליטעטען פון די גרויסע שטעדט, ווי אויך זייערע סעקציאָנען, האָבען אָפּט געהאַלטען פּאַר די אינטערעסען פון דעם אָרימען בירגער, האָבען די זשיראָנדיסטען געהאַט בדעה איבערצוגעבען די לאָקאַלע רעגיערונג צו די מיטעל־קלאַסען, און זיי האָבען געהאָפּט צו דערגרייכען זייער צוועק מיט דעם, וואָס זיי וועלען איינפיהרען די קאַנטאָנישע מוניציפּאַליטעטען, וועלכע וואָלטען געווען אבהענגיג פיעל מעהר פון די העכסט־ביוראָקראטישע און רעאקציאָנערע דירעקטאָריומס פון די דעפּארטמענטס, ווי פון די אָרימערע פּאָלקס־קלאַסען.

אָט אויף דיזען העכסט־וויכטיגען פּונקט זיינען די זשיראָנדיסטישע און מאַנטאַנארישע פּלענער געווען אין גאַנצען דאַגעגען איינער דעם צווייטען.

אַנאַנדער ענדערונג און אַ זעהר וויכטיגע, וועלכע די זשיראָנדיסטען האָבען געוואָלט איינפיהרען, און וועלכע די קאָנסטיטוציאָנעללע קאָמיטע האָט פערוואָרפען, איז געווען די איינפיהרונג פון די צוויי הייזער פון פּאַרלאַמענט, און אויב דאָס ניט, איז די צוטהיילונג פון דער געזעצגעבענדער קערפּערשאַפּט אין צוויי סעקציאָנען, ווי דאָס איז שפּעטער טאַקי געטהאָן געוואָרען דורך דער קאָנסטיטוציע פון דעם 3טען יאָהר (1795) נאָך דעם, ווען עס איז שוין אריינגעטראָטען די רעאקציע פון דעם 9טען טהערמידאָר, און די זשיראָנדיסטען האָבען זיך צוריק געקעהרט צו זייער מאַכט.

עס איז אמת, דאָס דער זשיראַנדיסטישער פּלאַן פאר א קאָנ־

סטיטוציע האָט אויסגעזעהען אין מאַנכע הינזיכטען זעהר דעמאָקראַטיש אין דעם זין, דאָס זי האָט איבערגעלאָזען צו די ערשטע פערזאמלונגען פון די וואהל־מענער ניט נור די אויסוואהל פון זייערע רעפּרעזענטאַנטען, נור אויך די אויסוואהל פון די בעאַמטע פון דער שטאַאַטס־קאַסע, פון די געריכטען, איינשליסענדיג אויף דעם הויכען געריכט און אויף די מיניסטאָרען *) און דאָס זי האָט אויך פאָרגעשלאָגען דעם רעפּערענדום אָדער די דירעקטע געזעצגעבונג. אָבער די נאָמינירונג פון מיניסטאָרען דורך די וואהל־קערפּערשאַפטען (צוגעבענדיג, אַז דאָס וואָלט מעגליך געוועזען אין דער פּראַקטיק) וואָלט בלויז געפיהרט צו דער בעשאַפונג פון צוויי קאָנקורירענדע אויטאָריטעטען, דעם קאָנגרעס און דעם מיניסטעריום, ביידע נאָמינירט דורך דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט, וועהרענד דער רעפּערענדום איז געוועזען פערפּלאָנטערט דורך זעהר קאָמפּליצירטע כללים, וועלכע האָבען איהם געמאַכט בלויז צו אַן איללוזיע. **)

---

*) יעדע פּריימערי־פערזאמלונג האָט געהאַט צו נאָמינירען זיעבען מיניסטאָרען, און די אדמיניסטראציאָן פון דעם דעפּארטמענט וואָלט געבילדעט מיט דיזע נעמען א ליסט פון דרייצעהן קאַנדידאטען פאר יעדען מיניסטעריום. דאַן, וואָלטען די פּריימערי־פערזאמלונגען, צונויפגערופען א צווייטען מאָל, אויסערוועהלט מיניסטאָרען פון דיזע ליסטען.

**) אַן אויסגעצייכענטען סך הכל פון דיזע צוויי קאָנסטיטוציעס, פון דער זשיראָנדיסטישער און מאָנטאַנארישער, האָט געמאַכט אָלאר אין זיין „פּאָליטישער געשיכטע“. איך ברענג זיינע פאַקטען, אָבער פאר זייער אָבשעצונג בין איך אַליין פעראַנטוואָרטליך. איך בין, למשל, ניט איינפערשטאַנען מיט אלאר אין דער אָבשאצונג פון דעם זשיראָנדיסטישען פּלאַן פון די קאָנטאָנישע מוניציפּאַליטעטען. וויט פון צו האָבען די נייגונג „צו אָרגאַניזירען ערנסט די קאָממונע“, האָט דיזער פּלאַן, לויט מיין מיינונג, געשטרעבט צו פערניכטען איהר, אַזוי צו פערבייטען איהר מעהר מיט אַ ביוראָקראַטישער קערפּערשאַפט אוידער מיט אַ קערפּערשאַפט פון פאָלק.

און, ענדליך, דיזער פּלאַן פון אַ קאָנסטיטוציע, און „די ער־
קלערונג פון די רעכטע", וועלכע האָט געזאָלט קומען פאַר דעם,
האָט פעסטגעשטעלט אויף אַ מעהר קאָנקרעטען שטייגער, ווי
די קאָנסטיטוציע פון 1791, די רעכטע פון די בירגער, ד. ה., די
פרייהייט פון דעם רעליגיעזען גלויבען און גאָטעס־דיענסט, די
פרייהייט פון דער פּרעסע און אַלע אַנדערע אופנים פון געדאַנ־
קען־פּערשפּרייטונג. וואָס אַנבעטרעפט די קאָממוניסטישע טענ־
דענצען, וועלכע זיינען געקומען צום פאָרדער־גרונד צווישען די
מאַסען, האָט „די ערקלערונג פון די רעכטע" זיך בענוגענט מיט
דער אַנערקענונג, דאָס „הילפע פאַר די אָרימע איז אַ הייליגער
חוב, וואָס די געזעלשאַפט איז זיי שולדיג, און דאָס די געזעל־
שאַפט איז מחוים צו פערזאָרגען מיט בילדונג יעדען גלייך."

איינער קען זעהר גוט בעגרייפען, וועלכע געפיהלען די־
זער פּלאַן האָט ארויסגערופען, ווען ער איז פאָרגעלייגט געוואָרען
פאַר דער קאָנווענשען דעם 15טען פעברואַר, 1793. די קאָנ־
ווענשען, בעאיינפלוסט פון די מאָנטאַנאַרען, האָט געוואָלט צו־
ריקהאַלטען איהר ענטשיידונג אַזוי לאַנג, ווי מעגליך, און האָט
געפאָרדערט, אַז אַנדערע פּלענער זאָלען אריינגעשיקט ווערען.
זי האָט אויך נאָמינירט אַ נייע קאָמיססיע — אַ קאָמיססיע פון
זעקס — צו אַנאַליזירען די פערשיעדענע פּלענער, וואָס קענען
אריינגעבראַכט ווערען. און דעם 17טען אַפּריל, ווען די נייע
קאָמיססיע האָט אָבגעגעבען איהר רעפּאָרט, האָט זיך אין קאָנ־
ווענשען אָנגעהויבען די דיסקוסיאָן. ראָבעספּיער האָט געהאַל־
טען אַ לאַנגע רעדע, וועלכע, ווי אַלאַר האָט בעמערקט, איז גע־
ווען עטוואָס דורכגעוועבט מיט „סאָציאַליזם". „מיר זאָלען ער־
קלערען — האָט ראָבעספּיער געזאָגט — אַז דאָס רעכט פון איי־
גענטהום איז בעגרענצט, ווי אַלע אַנדערע רעכטע, דורך די
פליכט צו רעספּעקטירען די רעכטע פון דעם צווייטען; אַז דאָס
רעכט פון אייגענטהום טאָר ניט זיין שעדליך ניט צו דער זיכער־
הייט און ניט צו דער פרייהייט אָדער צו דער עקזיסטענץ אָדער
צום אייגענטהום פון אַנדערע מענשען; און דאָס יעדער פּאַך,
וועלכער איז עובר אויף דיזען געבאָט, איז אונגעזעצליך און

אונמאָראַליש„". ער האָט אויך געפאָדערט די פּראָקלאַמירונג פון דעם רעכט אויף אַרבייט, כאָטש אין אַ זעהר געמעסיגטער פאָרמע. „די געזעלשאַפט" — האָט ער געזאָגט, — „איז פער־פליכטעט צו פערזיכערען די עקזיסטענץ פון אַלע איהרע מיט־גליעדער, אָדער צו קריגען פאר זיי ארבייט אָדער צו גאַראַנטירען די לעבענס־מיטעל צו די יעניגע, וועלכע זיינען אונפעהיג צו אר־בייטען."

אָבער וואו די אידעען פון די מאַנטאַנארען האָבען זיך אין גאַנצען אונטערשיידעט פון די אידעען פון די זשיראָנדיסטען איז עס געווען, ווען מען האָט אָנגעהויבען דיסקוטירען דעם 22סטען מאַי די אָבשאַפונג פון די קאָממונאַלע מוניציפּאַליטעטען און די בעשאַפונג פון די קאַנטאַנישע געזעץ־קערפּערשאַפטען. די מאַנ־טאַנארען זיינען געווען ענטשיעדען געגען דיזע אָבשאַפונג, נאָך מעהר דערפאַר, ווייל די זשיראָנדיסטען האָבען געוואונשען אויך צו פערניכטען די איינהייטליכקייט פון פּאַריז און דער קאָממו־נע, און האָבען געפאָדערט, דאָס יעדע שטאָדט פון מעהר, ווי 50 טויזענד איינוואוינער זאָל ווערען צוטהיילט אין עטליכע מו־ניציפּאַליטעטען. אין דיזען פּונקט האָט די קאָנווענשען אָנגע־נומען ז"י מיינונג פון די מאַנטאַנארען און האָט פערוואָרפען דעם זשיראָנדיסטישען פּלאַן פון קאַנטאַנישע מוניציפּאַליטעטען.

די קאָנסטיטוציע פון די מאַנטאַנארען — און אין דעם איז איהר גאַנץ בעזאָנדערער כאַראַקטער — האָט אויפגעהאַלטען די מוניציפּאַליטעטען אין זייער גאַנצער מאַכט. „קענען מיר" — האָט געפרעגט הערויָלט דע שעל — „אויפגעבען די מוניציפּאַלי־טעטען, ווי גרויס עס זאָל זיין זייער צאָהל? צו פערניכטען זיי וואָלט געווען אַן אונדאַנק געגען דער רעוואָלוציע און אַ פער־ברעכען געגען פרייהייט. ניין, דאָס וואָלט געמיינט די פּאָל־שטענדיגע פערניכטונג פון פּאָלקס־רעגיערונג". „ניין", האָט ער צוגעלעגט נאָך דעם, ווי ער האָט ארויסגערעדט אייניגע סענטי־מענטאַלע פראַזען, — „ניין, די אידעע פון אונטערדריקען די מוניציפּאַליטעטען האָט נור געקאָנט געבאָרען ווערען אין די קעפּ

פון אריסטאָקראטען, און פון דאָרט איז עס אריבער אין די קעפּ פון די געמעסיגטע.*)

פאר די נאָמינירונג פון די רעפּרעזענטאנטען האָט די מאָנ־טאנארישע קאָנסטיטוציע פאָרגעשלאָגען דירעקטע שטימרעכט אין יעדען דיסטריקט (50 טויזענד איינוואוינער). פאר די נאָ־מינירונג פון פערוואלטער פון די דעפּארטמענטס און פון די דיסטריקטען, האָט דאָס שטימרעכט בעדארפט זיין אין צוויי גראדען און אין דריי גראדען פאר די נאָמינירונג פון די 24 מיטגליעדער פון עקזעקוטיוו־ראַטה (מיניסטעריום), וואָס האָט געזאָלט געוועהלט ווערען יעדען יאָהר. די געזעצגעבענדע פער־זאמלונג האָט בעדארפט אויסערוועהלט ווערען פאר בלויז איין יאָהר, און איהרע אַקטען האָבען געזאָלט צוטהיילט ווערען אין צוויי קאטעגאָריען; די געזעצע, וועלכע זאָלען גלייך אריינטרעטען אין קראפט, און די געזעצע, פאר וועלכע דאָס פאָלק האָט גע־קאָנט פאָרדערען א רעפערענדום.

אָבער אין דער מאנטאנארישער, ווי אין דער זשיראָנדיסטי־שער קאָנסטיטוציע, איז דאָס רעפערענדום־רעכט געווען בלויז אַן איללוזיע. כמעט אַלעס האָט געקאָנט געטהאָן ווערען דורך דע־קרעטען, און דאָס האָט אויסגעשלאָסען דעם רעפערענדום. דאַן, אום צו קריגען דעם רעפערענדום, איז געווען נויטיג, דאָס אין א העלפט פון די דעפּארטמענטס, צוזאמען מיט איין צעהנטעל פון די פריימערי פערזאמלונגען פון יעדען דעפּארטמענט זאָל אַן איינווענדונג געמאכט ווערען געגען דעם נייעם געזעץ אין דעם משך פון די פערציג טעג, נאָך דעם, ווי עס איז פרעפּענטליכט געוואָרען דער פאָרגעשלאָגענער געזעץ.

ענדליך האָט די קאָנסטיטוציע גאראנטירט צו אלע פראנ־

*) עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, דאָס אויך אין רוסלאַנד זיינען די שונאים פון דער קאָממונע אין דער איצטיגער צייט די אנ־הענגער פון דעם קאנטאן (וסיאסאסלאוונאיא וואלאסט), און דאָס זיי שטעלען עס אַנטקעגען די דאָרף־קאָממונען, נאָך וועמעס לאַנד זיי גע־לוסטען.

צוזען „גלייכהייט, פרייהייט, זיכערהייט, די אונבעריהרבארקייט פון אייגענטהום, די זיכערהייט פון דעם נאציאָנאלען חוב, פריי־הייט פון גאָטעס־דיענסט, געמיינשאפטליכע ערציהונג, עפענטלי־כע הילפע, אונבעשרענקטע פרייהייט פון דער פרעסע, דאָס רעכט צו פעטיציאָנירען, דאָס רעכט צו בילדען פאָלקס־געזעלשאפטען און דעם גענוס פון אלע מענשליכע רעכטע."

וואָס אנבעטרעפט די סאָציאלע געזעצע, וועלכע דאָס פאָלק האָט ערווארטעט פון דער קאָנסטיטוציע, האָט הערצלט די שעלל זיי פערשפּראָכען אויף שפּעטער. צוערשט אָרדנונג. זיי וועלען שפּעטער זעהען ,וואָס זיי וועלען קענען טהאָן פאר'ן פאָלק. אין דיזען פּונקט זיינען די מאיאָריטעט פון די זשיראָנדיסטען און מאנטאנארען געווען אין פולער איינפערשטענדיגונג.

דעם 24סטען יוני, 1793, איז די קאָנסטיטוציע אָנגענו־מען געוואָרען פון דער קאָנווענשען, און איז גלייך פאָרגעלייגט געוואָרען פאר די פריימערי פערזאמלונגען, וועלכע האָבען זיך אויסגעשפּראָכען מיט גרויסער איינשטימיגקייט און זאָגאר מיט בעגייסטערונג פאר די קאָנסטיטוציע. די רעפּובליק איז דאן גע־ווען צוזאמענגעשטעלט פון 4944 קאנטאנען, און ווען די שטי־מען פון 4420 זיינען בעקאנט געוואָרען, האָט זיך ארויסגעווי־זען, אז די קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרען פון 1,801,918 שטימען געגען 11,610.

דעם 10טען אויגוסט איז די קאָנסטיטוציע פּראָקלאמירט געוואָרען מיט א גרויסער צערעמאָניע, און אין די דעפּארט־מענטס איז זי געוואָרען א ווירקזאמער מיטעל צו פאראליזירען די זשיראָנדיסטישע אויפשטענדע. דיזע האָבען שוין קיין אויס־רייד ניט געהאַט, ווייל זייערע פערלוימדונגען איבעראל וועגען די מאנטאנארען, דאָס זיי ווינשען צוריק אויפריכטען דעם קע־ניגטהום מיט א הערצאָג פון אָרלעאנס אויפ'ן טהראָן, זיינען אין גאנצען דורכגעפאלען איצט. פון דער אַנדערער זייט, איז די קאָנסטיטוציע פון דעם 24־סטען יוני, 1793, געוואָרען אזוי גוט אויפגענומען פון די דעמאָקראטען, דאָס זי איז שפּעטער געוואָ־

רען דער גלויבען פון דער דעמאָקראטיע — באלד פאר א גאנצען יאהר־הונדערט.

די קאָנווענשען, וועלכע איז צוזאמענגערופען געוואָרען פאר דעם ספעציעלען צוועק צו פערפאסען א רעפובליקאנישע קאָנ־סטיטוציע פאר פראנקרייך, האָט איצט בעדארפט זיך אויפלויי־זען. אָבער עס איז געווען קלאָר, דאָס אונטער די אומשטענדען, ווען דער שונא האָט געהאלטען אין זיין מאכט א טהייל פון לאנד, און די מלחמה איז געווען אָנגעפיהרט מיט אן ענערגיע, וואָס האָט ווייט איבערשטיגען די מיטעל פון דער רעפובליק, און דאן דער אויפשטאנד אין דער וואנדיי, ליאָן און פראָוואנס און אנ־דערשוואו — אונטער אזעלכע אומשטענדען האָט די קאָנסטי־טוציע ניט געקאָנט אָנגעווענדעט ווערען. די קאָנווענשען האָט ניט געטאָרט זיך אויפלייזען און איבערלאָזען די רעפובליק צו דער געפאהר פון א נייער וואהל.

ראָבעספיער האָט ענטוויקעלט דיזע אידעע פאר דעם יאקאָ־בינישען קלוב דעמזעלבען טאָג, ווען די קאָנסטיטוציע איז פער־עפענטליכט געוואָרען, און די פיעלע דעלעגאטען, וועלכע זיינען געקומען נאָך פאריז אום צו העלפען ביי דער פערפאסונג פון דער קאָנסטיטוציע, זיינען געווען פון דערזעלבער מיינונג. דעם 28־סטען אויגוסט האָט די קאָמיטע פון עפענטליכען וואוילזיין אויסגעדריקט פאר דער קאָנווענשען דיזעלבע מיינונג, און דער־פאר האָט די קאָנווענשען ענדליך בעשלאָסען, ווען די רעפובלי־קאנישע רעגיערונג האָט געהאט איהר ערשטען ערפאָלג אין ליאָן — דעם 10טען אָקטאָבער, 1793 — אז „די רעגיערונג פון פראנק־רייך בלייבט א רעוואָלוציאָנערע, ביז עס וועט געשלאָסען ווערען פריעדען".

דאָס האָט געמיינט אויפצוהאלטען אין דער טהאט, אויב ניט מיט רעכט, די דיקטאטור פון די קאָמיטעס פון עפענטליכען וואוילזיין און פון אלגעמיינער זיכערהייט, וועלכע זיינען נור־וואָס פערשטארקט געוואָרען אין סעפטעמבער דורך דעם געזעץ געגען פערדעכטיגע און דעם געזעץ, וואָס האָט געהאט צו טהאָן מיט רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס.

זיעבען און פופציגסטער קאפיטעל.

# דער רעוואָלוציאָנערער גייסט ווערט אויסגעזועפּט.

די רעוואָלוציאָנערע פיהרער האָבען מורא צו געהן ווייטער. — די קאָממונע פון פאריז. — די מאָנטאנארען. — די קאָנוועגשען אונטהעטיג. — די קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנוועגשאָן ארביי־טען נור אויף צו פאַרשטאַרקען דעם רעזשים פון די מאנטא־נארען.

---

די בעוועגונג פון דעם 31טען מאַי, 1793, האָט געמאכט מעגליך פאר די רעוואָלוציע פערטיג צו ברענגען די ארבייט, וועל־כע האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין איהר הויפּט־אויפטהו: די ענדליכע אָבשאפונג, אָהן אויסקויף־געלר, פון די פעאָדאל־רעכ־טע און די אָבשאפונג פון דעם קעניגליכען דעספּאָטיזם, אָבער אזוי גיך, ווי דאָס איז אויפגעטהאָן געוואָרען, איז די רעוואָלוציע שטיל געבליבען. די מאַסע האָט געוואָלט געהן ווייטער. אָבער די יעניגע, וועמען די כוואַליע פון דער רעוואָלוציע האָט ארויפ־געטראָגען צום סאמע שפּיץ פון דער בעוועגונג, האָבען ניט גע־האט דעם מוטה צו געהן ווייטער. זיי האָבען ניט געוואָלט, אז די רעוואָלוציע זאָל ארויפלעגען איהר האנד אויף דעם רייכטהום פון די מיטעל־קלאַסען, ווי זי האָט עס געטהאָן מיט דעם רייכ־טהום פון דעם אדעל און די גייסטליכע, און זיי האָבען אָנגע־שטרענגט זייער גאַנצען כח צו מילדערען, אָבצוהאַלטען און צום סוף צו דערשטיקען די בעוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען אין דיזער ריכטונג. אפילו די מעהר פאָרטגעשריטענע און די מעהר ערנסטע צווישען זיי, וואָס נעהענטער זיי זיינען געקומען צו

מאכט, אלין מעהר האבען זיי גענומען אין אנטבעטראכט די אינ־טערעסען פון די מיטעל־קלאסען, חאטש זיי האבען זיי געהאסט. זיי האבען דערשטיקט אין זיך זייערע אייגענע שטרעבונגען צו גלייכהייט, און זיי האבען זאגאר זיך גערעכענט מיט דעם, וואס די ענגלישע מיטעל־קלאסען וועלען דענקען פון זיי. זיי אליין זיי־נען געווארען שטאאט־מענער, און זיי האבען געארבייט, אום אויפצובויען א שטארקע צענטראליזירטע רעגיערונג, וועמעס צו־זאמענגעשטעלטע טהיילען זאלען פאלגען זיי בלינד. זיי איז גע־לונגען אויפצובויען דיזע מאכט איבער די קערפער פון די, וועל־כע זיינען געוועזען צו פארטגעשריטען פאר זיי. אבער זיי האבען בעגריפען, ווען זיי אליין זיינען ארויף אויף די תליה, דאס פער־ניכטענדיג די פארטגעשריטענע פארטיי, האבען זיי אויך גע־טוידטעט די רעוואלוציע.

נאך דעם, ווי דער געזעץ האט פעסט געמאכט דאס, וואס די בויערען האבען געפאדערט אין די לעצטע פיער יאהר, און וואס זיי האבען אויך אויסגעפיהרט אין פערשיעדענע פלעצער, איז די קאנוועגשען געווען אונפעהיג צו אונטערנעהמען עטוואס פון גרעסערער וויכטיגקייט. א חוץ אין זאכען פון נאציאנאלער פערטהיידיגונג און ערציהונג איז איהר ארבייט געווען אין גאנ־צען פרוכטלאז. די געזעצגעבער האבען, אמת, סאנקציאנירט די גרינדונג פון רעוואלוציאנערע קאמיטעס און האבען בעשלאסען צו צאהלען די ארימע סאנקיולאטען, וועלכע האבען געגע־בען זייער צייט, אום צו ארבייטען אין די סעקציאנען און קא־מיטעס. אבער דיזע בעשליסע, וועלכע זעהען אויס אזוי דע־מאקראטיש, זיינען ניט געוועזען פון א רעוואלוציאנערען כאראק־טער. דאס איז נור געווען א מיטעל צו ארגאניזירען די מאכט פון שטאאט.

עס איז געווען אויסער דער קאנסטיטושען און דעם יאקאביני־שען קלוב—אין דער קאממונע פון פאריז, אין געוויסע סעקציא־נען פון פאריז און פון די פראווינצען, און אין דעם קארדעלירען־קלוב, וואו מען האט געקאנט געפינען אייניגע מענשען, וועל־כע האבען פערשטאנען, דאס אום זיך צו פערזיכערען מיט דעם,

וואָס איז שוין געוואונען געוואָרען, איז עס געווען נויטיג צו מאַרשירען נאָך ווייטער און זיי האָבען דארום געשטרעבט צו פּאָרמולירען די שטרעבונגען פון אַ סאָציאַלען כאַראַקטער, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען זיך ווייזען צווישען די מאַסען.

זיי האָבען געמאַכט אַ מוטהיגען פערזוך צו אָרגאַניזירען פּראַנקרייך, אַלס אַ פּעראייניגונג פון פערציג טויזענד קאָממונען, וועלכע קאָררעספּאָנדירען צווישען זיך און וועלכע רעפּרעזענטירען אַזוי פיעל מיטעל־פּונקטען פון דער העכסטער דעמאָקראַטיע,*) וועלכע זאָל ארבייטען, אום אויפצובויען די ווירקליכע גלייכהייט, די גלייכהייט פון דער טהאַט, ווי מען האָט זיך דאַן אויסגעדריקט, די „אויסגלייכונג פון די איינקינפטע". זיי האָבען געזוכט צו ענטוויקלען די שפּראָצונגען פון דעם מיניציפּאַלען קאָמוניזם, וועלכען דער געזעץ פון מאַקסימום האָט אַנערקענט. זיי האָבען פערטהיידיגט די נאַציאָנאַליזירונג פון האַנדעל אין די וויכטיגסטע זאַכען, אַלס אַ מיטעל צו בעקעמפּפען די מאָנאָפּאָליסטען און ספּעקולאַנטען און זיי האָבען ענדליך געשטרעבט ניט צוצולאָזען צו דער בילדונג פון גרויסע פערמעגענס, און צו צוטהיילען די, וועלכע זיינען שוין געווען. אָבער

*) די מוניציפּאַלע טהעטיגקייט איז געווען „דער לעצטער אויסדרוק פון דער רעוואָלוציע", — ווי מיגנע האָט זיך אַזוי גוט אויסגעדריקט. „זייענדיג דאַגעגען אין איהרע ציעלען צו דער קאָמיטע פון עפּפענטליכען וואוילזיין, האָט זי געוואונשען אָנשטאָט די געוועהנליכע דיקטאַטור, די העכסטע לאָקאַלע דעמאָקראַטיע און אָנשטאָט דעם גלויבען די עטאַבלירונג פון דעם העכסטען אונגלויבען. אַנאַרכיע אין פּאָליטיק און אַטהעאיזם אין רעליגיעזע ענינים — אַזעלכע זיינען געווען די אויסגעשפּראָכענע שטריכען פון דיזער פּאַרטיי און די מיטעל, מיט וועלכע זי האָט גערעכענט צו גרינדען איהר מאַכט." עס מוז אָבער בעמערקט ווערען, דאָס בלויז א טהייל פון די „אַנאַרכיסטען" האָבען געפּאָלגט נאָך העבערט און זיין אַנטי־רעליגיעזען קאַמפּיין, ווערענד פיעלע האַבען איהם פערלאָזען, ווען זיי האָבען בעגריפען די מאַכט פון דעם רעליגיעזען גייסט אין די דערפער.

אזוי גיך, ווי זיי האָבען דערגרייכט די מאכט, האָבען די רעוואָ־לוציאָנערען פון די מיטעלע קלאַסען זיך בענוצט מיט דער מאכט, וועלכע איז געווען אין די הענד פון דיביידע קאָמיטעס פון עפענטליכען וואוילזיין און אלגעמיינער זיכערהייט, וועמעס אויטאָריטעט איז געוואקסען צוזאמען מיט די געפאהרען פון קריעג, און זיי האָבען פערניכטעט די, וועמען זיי האָבען גערופען „עקסטרימע“, אום נור שפּעטער אליין אונטערצוגעהן, אין דעם מאָנאַט טהערמידאָר, דורך די אטאַקעס פון די אנטי־רעוואָלוציאָ־נערע מיטעל־קלאַסען.

אזוי לאַנג, ווי די מאָנטאַנאַרען האָבען געהאַט צו פיהרען א קאַמפּף מיט די זשיראָנדיסטען, האָבען זיי געזוכט די שטיצע פון די פאָלקס־רעוואָלוציאָנערען. אין מערץ און אפּריל, 1793, האָ־בען זיי אויסגעזעהען פעהיג צו געהן ווייט צוזאמען מיט די פּראָלעטאַריער. אָבער האָבענדיג דערגרייכט די מאכט, האָבען די מייסטע פון זיי געטראַכט פון גרינדען א „מיטען־וועג“ פּאַר־טיי, וואָס זאָל שטעהן צווישען די „עקסטרימע“ און די אנטי־רע־וואָלוציאָנערען, און בעהאַנדעלט אַלס שונאים די, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט׳ן פאָלק אין זיינע שטרעבונגען צו גלייכהייט. זיי האָבען זיי פערניכטעט מיט דעם, וואָס זיי האָבען צושטערט אַלע זייערע פערזוכען צו אָרגאַניזירען זיך אין סעקציאָנען און קאָממונען.

דער פאַקט איז, דאָס די מאָנטאַנאַרען, מיט א פּאָר אויס־נאַהמען, האָבען זאָגאַר קיין בעגריעף ניט געהאַט פון די אַלגע־מיינע בעדירפניסע, וועלכע זיינען אונבעדינגט נויטיג אום צו גרינדען א פּאַרטיי פון א דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. זיי האָ־בען ניט פערשטאַנען דעם פּראָלעטאַריער מיט זיינע זאָרג, מיט זיין אָפּט־פּון־הונגער־שטאַרבענדע פאַמיליע און זיינע נאָך אונ־בעשטימטע און ניט פערווירקליכטע שטרעבונגען צו גלייכהייט.

עס איז געווען מעהר דער אבסטראַקטער מענש, די איינינ־קייט פון דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיי אינ־טערעסירט.

מיט דער אויסנאַהם פון איינינע פאָרטגעשריטענע מאָנטאַ־

נארען, ווען א קאָמיסיאָנער פון דער קאָנווענשען איז געקומען אין א פּראָווינץ־שטאָט, האָבען די פראגען פון ארבייט, פון דעם ווי עס לעבט זיך דעם ארבייטער אין דער רעפּובליק און וועגען דעם געננוס פון אַלע נויטיגע זאכען גלייך פאר אלע, איהם גאַנץ וועניג אינטערעסירט. ווערענדיג געשיקט צו אָרגאניזירען דעם ווידערשטאנד געגען דעם אריינדרינגענדען שונא און אום אויפ־צובלאָזען דעם פּאטריאָטישען געפיהל, האָט ער געהאנדעלט, אלס א דעמאָקראטישער בעאמטער, פאר וועמען דאָס פאָלק איז גע־ווען בלויז א ווערקצייג, וואָס האָט איהם בעדארפט העלפען אום אויסצופיהרען די פּלענער פון דער רעגיערונג.

אויב ער איז געקומען צו דעם לאָקאַלען „פאָלקס־פעראיין“, איז עס געווען, ווייל ער האָט דאָרט ערוואַרטעט הילפע פאר די אויסרייניגונג פון דער שטאָדט פון די אריסטאָקראטען, פאר די אָרגאניזירונג פון דער נאציאָנאַלער פערטהיידיגונג און פאר די פערהאפטונג פון די פּערדעטהער.

אויב ער האָט ארויפגעלעגט שטייערען אויף די רייכע, און אָפט גאַנץ גרויסע, איז עס געווען, ווייל די רייכע, „דורכגעפרע־סען פון קאָמערציאליזם“, זיינען געווען אין סימפּאַטהי — מיט די רעאקציאָנערען און האָבען געהאָלפען דעם שונא. עס איז אויך געווען דערפאר, ווייל דורך די שווערע שטייערען האָט מען געקאָנט פערזאָרגען שפּייז פאר די ארמיי.

אויב ער האָט פּראָקלאמירט גלייכהייט אין אירגענד א שטאָדט, אויב ער האָט פערבאָטען דאָס באַקען פון וויים־ברויט און האָט רעקאָמענדירט די איינוואוינער צו געברויכען בלויז שווארצען ברויט אָדער ברויט פון בעבלאך, האָט ער עס געטהאָן, כדי די סאָלדאטען זאָלען קענען געשפּייזט ווערען און ווען איר־גענד אן אגענט פון דער קאָמיטע פון עפענטליכען וואָילזיין האָט פעראנשטאַלטעט אן עפפענטליכע הוליאנקע און האָט נאכהער גע־שריבען צו ראָבעספּיער, דאָס ער האָט חתונה געמאַכט עטליכע פּאָרלאך, איז דאָס אַלץ געווען מיטעל ארויסצורופען דעם מילי־טער־פּאטריאָטיזם. עס איז דארום בעמערקונגס־ווערטה, דאָס, ווען מיר לייענען איצט די בריעף פון די שלוחים פון דער קאָנ־

ווענשען, אדרעסירט צו דער קאָנווענשען, געפינען מיר אין זיי גאָר ניט וועגען די גרויסע פראגען, וועלכע האָבען אזוי אינטערעסירט דאן דעם בויער און דעם ארבייטער. אז מיליטערישע ענינים און די פראגען פון פערזאָרגען די ארמיי זאָלען אין דיזע בריעף פערנעהמען דעם הויפּט־פּלאץ, דאָס איז גאנץ נאטירליך. אָבער עס איז דאָך דאן געווען די צייט פון דער רעוואָלוציע, און די קאָמיסיאָנערען האָבען זיך געמוזט בעגעגענען מיט זאכען פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאר דער רעוואָלוציע — דאָס מעהר נאָך, ווען זיי האָבען געשריעבען אין זייערע בריעף פון דעם, ווי דער עולם פיהלט, פון דעם, ווי די מאנטאנארישע קאָנווענשען איז אויפגענומען געוואָרען, פון דער שווירינקייט צו קריגען פראָוויזיע פאר די ארמיי און פון די וועניג לעבענס־מיטלען, וואָס מען קען געפינען. און דאָך די גרויסע עקאָנאָמישע פראגען, וועלכע זיינען געווען פון אזא בעזאָנדערער וויכטיגקייט פאר די אָרימע, זעהט אויס, האָבען אינטערעסירט בלויז דריי, פיער פון די דעלעגאטען פון דער קאָנווענשען.

די קאָנווענשען האָט ענדליך אָבגעשאפט די פעאָדאלע רעכטע און האָט בעפוילען די פערברענונג פון אלע אייגענטהום־פּאפּירען — אַן אָפּעראציע, וועלכע זי האָט אויסגעפיהרט זעהר אונגערן; און זי האָט אויטאָריזירט די דאָרף־קאָממונען צוריק־צו־נעהמען דאָס לאנד, וואָס איז פון זיי אוועקגערויבט געוואָרען אונטער פערשיעדענע פּרעטענזיעס אין דעם משך פון די פערגאנגענע צוויי הונדערט יאָהר. עס איז, אלזאָ, קלאָר, דאָס די דורכפיהרונג פון דיזע אלע געזעצע גלייך וואָלט געווען דער בעסטער מיטעל, ווי אזוי ארויסצורופען די בעגייסטערונג פון די מאסען פאר די רעוואָלוציע. אָבער אין די בריעף פון די קאָמיסיאָנערען קען מען קוים געפינען עטוואָס וועגען דעם.*) דער

*) די בריעף פערעפענטליכט אין דער זאמלונג פון אלאר אָדער פון לעגאָר, זיינען אין אלע הינזיכטען העכסט־אינטערעסאנט. אָבער אומזיסט האָב איך געזוכט שליאדען פון טהעטיגקייט פון די קאָמיססיאָנערען אין דיזער ריכטונג. גור זשינבאָן סט. אַנדרע,

אינגערער זשוליען, אין זיינע העכסט־אינטערעסאנטע בריעף, אַדרעסירט צו דער קאָמיטע פון עפּפענטליכען וואוילזיין און צו זיין פריינד און בעשיצער, ראָבעספּיער, דערמאָנט נור איינמאָל, דאָס ער האָט געלאָזט פערברענגען די אייגענטהום־פּאַפּיערען. אויף דעמזעלבען שטייגער ווערט נור פערבייגעהענדיג דערמאָנט דיזער געגענשטאַנד אין די בריעף פון קאָלאָ ד'הערבאי.

אפּילו, ווען די קאָמיססיאָנערען רעדען וועגען די צושטעלונג פון פּראָוויזיע פאר די ארמיי — און זיי האָבען דאָס אָפט צו טהאָן,—ריהרען זיי ניט אָן דעם סאמע וואָרצעל פון דער פראגע. עס איז דאָ בלויז איין בריעף פון זשינבאָן סט. ענדרע, דאטירט מערץ 26, 1793, וועלכער איז אָן אויסנאַהם. אָבער אפּילו דיזער בריעף איז דאָך פאר דעם 31טען מאַי: שפּעטער צו ווענדעט ער זיך אויף געגען די פאָרטגעשריטענע רעוואָלוציאָנערען. *)

שרייבענדיג פון לאָט־עט־גאראָן, איינער פון די דעפּארטמענטס, וואָס איז געוועזן אין דער טיעפסטער סימפּאַטהיע מיט די רעוואָלוציאָנערען, בעט זשינבאָן זיינע חברים אין דער קאָמיטע ניט צו זיין בלינד צו די געפאַהרען פון דער לאגע. „די לאגע איז אַזאַ, שרייבט ער, דאָס אויב קוראזש וועט ניט ארויסברענגען איינע פון יענע אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונגען, וועלכע טרייסלען אויף די עפּפענטליכע מיינונג אין פראנקרייך און גיבען איהר נייעם כח, איז ניטאָ מעהר קיין האָפנונג. די אונרוהען אין

קאָללאָ, ד'הערבאָי, פושע און קראנס ריהרען אָן אַ מאָל די גרויסע פראגען, וועלכע האָבען אזוי אינטערעסירט די בויערען און די פּראָלעטאַריער אין די שטעדט. עס קען זיין, אז עס זיינען דאָ אַנדערע בריעף פון די קאָמיסיאָנערען, פון וועלכע איך ווייס ניט; אָבער עס זעהט מיר אוים זיכער, דאָס די מייסטע קאָמיססיאָנערען האָבען גאָר ווייניג אינטערעסירט זיך מיט דיזע זאכען.

*) דיזער בריעף איז אונטערשריבען פון צוויי קאָמיססיאָנערען, זשינבאָן און לאקארט, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען צו דיזען דעפּארטמענט. אָבער געשריבען האָט איהם זשינבאָן.

דער וואנדיי און אין די נאכבאר־דעפארטמענטס זיינען אָהן צווייפעל אזעלכע, וואָס מוזען פעראורזאכען אנגסט, אָבער זיי זיינען ווירקליך נאָר געפעהרליך, ווייל דער הייליגער ענטהוזיאזם פאר פרייהייט ווערט דערשטיקט אין יעדע הארץ. איבעראל זיינען די מענשען שוין מיעד פון דער רעוואָלוציע. די רייכע האַסען איהר, די אָרימע פעהלט ברויט...." און „אלע יענע, וועלכע זיינען ביז איצט געווען געמעסיגטע, און וועלכע זיינען געגאנגען צוזאמען מיט די רעפובליקאנער און וועלכע האָבען לכל הפחות געוואונשען א וועלכע עס איז רעוואָלוציע, זיי ווילען איהר איצט שוין ניט מעהר.... לאָמיר עס געראדע ארויסזאָגען, זיי ווילען א געגען־רעוואָלוציע. זאָל א נייע קאָנווענשען איינבערופען ווערען, וועט דאָס פראנצויזישע פאָלק אָדער ענטזאגען זיך איהר אויסצואזוועהלען אָדער זיי וועלען אויסוועהלען אזעלכע, וואָס איז דורכאויס געגען די פרינציפען פון פרייהייט. אפילו די מוניציפאַלע קערפערשאפטען זיינען שוואך אָדער קאָררופט." אזעלכע זיינען זיי וועניגסטענס געווען אין אלע דיסטריקטען, וואָס דיזע צוויי פאָרשטעהער פון דער קאָנווענשען האָבען בעזוכט.

זשינבאָן פאָרדערט דערפאר ברייטע און שטארקע מיטלען. און אין סוף פון זיין בריעף רעדט ער ווידער וועגען דעם. „דער אָרימער מאַן", האָט ער געשריבען, „האָט ניט קיין ברויט. חאָטש קאָרן פעהלט ניט, דאָך איז עס פערבעהאלטען. עס איז פון דער העכסטער נויטווענדיגקייט צו העלפען די אָרימע צו לעבען, אויב איהר ווילט, אז זיי זאָלען אייך העלפען אויפצוהאלטען די רעוואָלוציע.... מיר דענקען, דאָס א דעקרעט, וואָס זאָל בעשטימען אַן אלגעמיינעם טעקס אויף אלע סאָרטען תבואה, וואָלט געווען זעהר גוט, בעזאָנדערס, ווען עס וואָלט נאָך צוגעלייגט געוואָרען, אז עס זאָלען אויפגעבויט ווערען עפפענטליכע תבואה־שפייכלער, וועלכע זאָלען זיך בילדען פון דעם איבערפלוס פון תבואה, וואָס געפינט זיך אין פריוואט־הענד." זשינבאָן האָט געבעטען בארער איבערצונעהמען די לייטונג אין דיזער זאך. אָבער ווי

איז עס מעגליך געווען ארויסצורופען אין דער קאָנוועגשען אַן אינטערעס צו אזעלכע פראגען ?

די פארשטאַרקונג פון דעם מאנטאנארישען רעזשים, דאָס איז עס געווען, וואָס האָט אינטערעסירט די קאָמיססיאָנערען מעהר פון אלץ. אָבער, ווי אלע שטאאטס־מענער, וואָס זיינען געווען פאר זיי, און ווי אלע, וועלכע וועלען קומען נאָך זיי, איז עס ניט געווען אין דעם אלגעמיינעם וואוילזיין און אין דעם גליק פון די גרויסע מאַסען, וואו זיי האָבען געזוכט א פונדאַ־מענט. עס איז געווען אין דער שוואך־מאַכונג, און, אויב נוי־טיג, אין דער אויסראָטונג פון די שונאים פון דיזען רעזשים, אָט אין דעם האָבען זיי געזעהען זייער ישועה. זיי האָבען באלד בע־געגענט מיט אָפענע ארעמס דעם טערראָר, אלס א מיטעל צו פערניכטען די פיינד פון דער דעמאָקראטישער רעפובליק. אָבער קיינמאָל זעהען מיר ניט זיי בעגרייפען די ברייטע מאסרעגלען פון א גרויסער עקאָנאָמישער ענדערונג, ניט אפילו די, פאר וועל־כע זיי האָבען אליין געשטימט אונטער דעם דרוק פון אומ־שטענדען.

א כ ט א ו ן פ ו פ צ י ג ס ט ע ר ק א פ י ט ע ל.

# די קאָמוניסטישע בעוועגונג.

„די גלייכהייט אין דער טהאַט". — סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען. — די פאָרשלעגע פון ביללאד־וואַרען. — די קאָממונאַליסטישע בע־וועגונג. — לעבענס־מיטעל און די לאַנד־פראגע. — די לייטענדע פּרעדיגער פון קאָממוניזם. — דזשעק רו. — לעדערלע. — ווארלע. — באַיססעל. — באַבעף.

---

אין די שריפטליכע ערקלערונגען, וועלכע זיינען צוגעשטעלט געוואָרען צו די גענעראל־שטאאטען אין 1789, האָט מען שוין געמערקט אידעען, וועלכע, ווי כאססין האָט אָנגעוויזען, וואָלטען היינט געקאָנט בעטראכט ווערען, אַלס סאָציאַליסטישע. רוססאָ, העלוועציאוס, מאבלי, דידראָ און אַנדערע האָבען שוין ערקלערט די אונגלייכהייט אין די פערמעגענס און די אָנזאמלונג פון אי־בערפליסיגען רייכטהום אין די הענד פון די וועניגע, אַלס די גרויסע שטערונג פאר די אויפריכטונג פון דעמאָקראטישער פרייהייט. דיזע אידעען זיינען ווידער ארויפגעשוואומען אין די ערשטע שטונדען פון דער רעוואָלוציע.

טיורגאָ, קאָנדאָרסעט און אַנדערע האָבען בעהויפּטעט, דאָס די גלייכהייט פון פּאָליטישע רעכטע האָט קיין בעדייטונג ניט אָהן דער אמת׳ער ג ל ײ כ ה ײ ט  א י ן  ד ע ר ט ה א ט. דאָס, האָט ערקלערט קאָנדאָרסעט, איז „דער ענדלי־כער ציעל פון דעם סאָציאַלען לעבען, ווייל אונגלייכהייט אין רייכטהום, אונגלייכהייט אין שטאַנד און אונגלייכהייט אין ער־ציהונג זיינען די הויפּט־אורזאכען פון אַלע צרות". און דיזעלבע

אידעען האָבען געפונען אַן אָבקלאַנג אין איינינע ערקלערונגען פון די וואהל־מענער אין 1789, וועלכע האָבען געפאָדערט דאָס רעכט פון אלע אויף דעם בעזיץ פון לאַנד אָדער „די אויסגלייכונג פון רייכטהום“.

מען מעג זאָגאר זאָגען, דאָס דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין געבילדעט אַ בעגריעף פון זיינע קלאַס־אינטערעסען און האָט געפונען מענשען, וועלכע האָבען זיי זעהר גוט אויסגעדריקט. די אידעע פון בעזונדערע קלאַסען, וועלכע האָבען ענטגעגענגעזעצטע אינטערעסען, ווערט קלאָר אויסגעדריקט אין דער „ערקלערונג פון די אָרימע“ פון דעם דיסטריקט פון סאַן־עטיען־דו־מאָן, דורך אַ געוויסען לאַמבערט, „אַ פריינד פון די, וועלכע האָבען גאָר ניט.“ פּראָדוקטיווע ארבייט, אַ געניעגענדע בעלוינונג (דער „ליווינג ווייזש“ פון די מאָדערנע ענגלישע סאָציאַליסטען) דער קאַמפּף וועגען דעם „לעסע־פער“ פון די מיטעל־קלאַס־עקאָנאָמיסטען און אַ קלאָרער אונטערשיעד, וואָס ווערט געמאַכט צווישען דער סאָציאַלער פראגע און דער פּאָליטישער — דאָס אַלעס קען מען געפינען אין דיזער „ערקלערונג פון די אָרימע“.*)

אָבער ערשט נאָכדעם, ווען די טיוליערי זיינען איינגענומען געוואָרען און נאָך מעהר נאָך דעם, ווען דער קעניג איז הינגעריכטעט געוואָרען — אין פעברואר און מערץ, 1793 — האָט מען אָנגעפאַנגען דיזע אידעען אָפען צו פּראָפּאַגאַנדירען. עס זעהט זאָגאר אויס—דאָס איז וועניגסטענס די מיינונג פון באָדאָ

*) „עס איז קיינמאָל ניט געווען און עס וועלען קיינמאָל ניט זיין קיינע אַנדערע, אַ חוץ צוויי בעזונדערע קלאַסען פון בירגער, די, וועלכע האָבען אייגענטהום און די, וועלכע האָבען גאָר ניט“. אזוי האָט זיך אויסגעדריקט דיזע ערקלערונג פון די אָרימע. אין אַן אַנדער ערקלערונג, ציטירט פון באַסין, געפינען מיר דיזע ווערטער: „פון וואָס פאַר אַ נוצען קען זיין אַ קלוגע קאָנסטיטוציע פאַר אַ נאַציאָן, וועלכע איז געבראַכט דורך הונגער צו דער מדרגה פון סקעלעטען.“

— דאָס אויב די זשיראָנדיסטען האָבען זיך ארויסגעוויזען, אלס אַזעלכע ליידענשאַפטליכע פערטהיידיגער פון אייגענטהום, איז עס געוועזען דערפאַר, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאַר דעם איינפלוס, וועלכען די פּראָפּאַגאַנדע פון גלייכהייט און קאָממוניזם האָט געקראָגען אין פּאַריז. *)

איינינע זשיראָנדיסטען, בעזאָנדערס ראַבאָ פון סען־עטיען און קאָנדאָרסעט, זיינען שטאַרק בעאיינפלוסט געוואָרען פון דיזער בעוועגונג. קאָנדאָרסעט, אויף זיין טויטען־בעט, האָט אויסגעאַרבייט דעם פּלאַן פון אַ „מיוטואַליטעט“, דאָס הייסט, פון אַ געגענזייטיגער פערזיכערונגס־געזעלשאַפט צווישען אַלע בירגער געגען די מעגליכקייטען, וואָס קענען צווינגען אַן אַרבייטער אין אַ שלעכטער לאַגע צו פערקויפען זיין אַרבייט פאַר אירגענד אַ בעלוינונג. וואָס אַנבעטרעפט ראַבאָ, האָט ער געפאָדערט, אַז די גרויסע פערמעגענס זאָלען צוגענומען ווערען פון די רייכע אָדער דורך אַ פּראָגרעסיווען שטייער אָדער דורך אַ געזעץ, וועלכער זאָל פיהרען דערצו, אַז דעם רייכען מאַן׳ס איבערפליסיגער רייכטהום זאָל פערוואַנדעלט ווערען „אין אַן אינסטיטוציאָן פון עפפענט־

*) אין „די היסטאָרישע נאָטיצען וועגען דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשען...“ פון מ. א. באַראָ געפינען מיר אַ זעהר אינטערעסאַנטע בעמערקונג, וואו עס הייסט, אַז אינגראַנדס מיינונג, דאָס „די סיסטעם פון געמיינשאַפטליכען אייגענטהום (קאָממוניזם) ענטוויקעלט פון בואָנאַראָטטי, איז פאָרגעבראַכט געוואָרען אַ געוויסע צייט פריהער, פאַר די פּאַסירונגען פון דעם 20־סטען יוני; און דאָס דיזע פּאַסירונגען זיינען דאָס געוועזען דער רעזולטאַט פון דיזע געדאַנקען. פּעטיאָן, הייסט עס, האָט געוואָרענט אַ גרויסע צאָהל דעפּוטאַטען וועגען דעם. „עס זעהט אויס“, ערקלערט באַראָ, „דאָס די זשיראָנדיסטען האָבען ארויסגעלעגט אזוי פיעל ביטערקייט אין זייער טאַקטיק אויס מורא צו זעהען די לעהרע פון קאָממוניזם זיעגרייך.“ אין אַ צייט ארום האָבען געוויסע מיטגליעדער פון דער קאָנווענשען אויפגענומען דיזע אידעען, ווי עס איז בעקאַנט, און האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן דער קאָנספּיראַציע פון באַבעף.

ליבער ניצליכקייט". „גרויסע רייכטהימער זיינען א שטערונג צו פרייהייט", האָט ער געשריבען, וויעדערהאָלענדיג א וואָרט, וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער צו יענער צייט. אפילו בריססאָ האָט צו א געוויסער צייט פּרובירט צו קומען צו א געוויסען סאָרט איינפערשטענדניס מיט דיזער פּאָפּולערער טהעאָריע, וועלכע ער האָט באלד נאָך דעם אטאַקירט מיט אזא ביטער־קייט.*)

איינינע מאנטאנארען זיינען נאָך ווייטער געגאַנגען. אזוי האָט בילאַד־ווארען אין א בוך, וואָס איז פערעפענטליכט גע־וואָרען אין 1793, גערעדט אָפען געגען גרויסע רייכטהימער. ער האָט פּראָטעסטירט געגען וואָלטער'ס אידעע, אז דער ארבייטער דאַרף אָנגעטריבען ווערען דורך הונגער, און ער האָט געפאָרדערט, אז עס זאָל ערקלערט ווערען, דאָס קיין בירגער זאָל פון דאן אָן און ווייטער ניט זיין ערלויבט צו בעזיצען מעהר, ווי א בעשטימ־טע מאָס לאַנד, און דאָס קיינער זאָל ניט קענען ירש'ענען מעהר, ווי 20 אָדער 25 טויזענד פראנק. ער האָט פערשטאַנען, דאָס די ערשטע אורזאכע פון סאָציאַלען איבעל איז אין דעם פאקט, וואָס עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע לעבען „אין א דירעקטער און ניט אין א געגענזייטיגער אָבהענגיגקייט פון אַנדערע מענשען, ווייל

*) אום צו בעקעמפּפען וואָס שטאַרקער „די צוטהיילונג פון לאַנד, פאָרגעשלאָגען פון די אנארכיסטען אָדער די קאָבלענציער" (ראָ־בעספּיער האָט נאכהער אויפגענומען דיזען פארמאַסקירטען בלבול פון בריססאָ געגען די קאָממוניסטען און איהם וויעדערהאָלט נאָך בריססאָ) האָט בריססאָ ערקלערט אין 1792, דאָס די גלייכהייט פון די רעכטע פון די בירגער וואָלט געווען בלויז אַן איללוזיאָן, אויב די געזעצע זאָלען ניט אָבשאַפען און ניט דערלאָזען די שוין צו גרויסע אונגלייכ־הייטען צווישען די בירגער. אָבער אזעלכע אינסטיטוציאָנען, וואָס בעגינסטיגען די גלייכהייט, האָט בריססאָ צוגעלייגט, „מוזען איינגע־פיהרט ווערען אָהן טומעל, אָהן געוואלט, אָהנע צו ווייזען די מיסאַכ־טונג צו דעם ערשטען פון אלע סאָציאלע רעכטע, צו דעם רעכט פון אייגענטהום."

דאָס איז דער ערשטער גליעד אין דער קייט פון שקלאַווערײַ."
ער האָט קריטיקירט די אידעע פון מאַכען די בויערען פאַר קליינע
אייגענטהימער, וועמעס לאַגע אונטער אַזעלכע אומשטענדען
וואָלט געווען אַ זעהר עלענדע. עס הערט זיך אַ געשריי, האָט ער
שפּעטער ערקלערט: קריעג געגען דעם שלאָס, און פריעדען צו
דער קליינער הײַזעל! לאָמיר צו דיזען געשריי צוגעבען דיזען
אַלגעמיינעם כּלל: זאָל ניט זיין קיין בירגער, וואָס קען לעבען
ניט אַרבייטענדיג, און זאָל ניט זיין קיין בירגער, וואָס זאָל ניט
קענען זיך אויסלערנען אַ מלאכה און לעבען דורך איהר.

ביללאַד־וואַררען'ס פאָרשלאַג וועגען ירושה איז אויפגענו־
מען געוואָרען, ווי עס איז בעקאַנט פון דער „אינטערנאַציאָנאַ־
לער ארבייטער אַססאָסיאַציאָן" אויף איהר קאָנגרעס אין 1869.
אָבער עס מוז געזאָגט ווערען, אַז ביללאַד־וואַררען איז געווען
איינער פון די מייסט־פּאָרטגעשריטענע צווישען די מאָטאַנאַ־
רען. מאַנכע, ווי, למשל, לעפּעללעטיער, האָבען זיך בענוגענט
מיט דער פאָרדערונג פון דעם, וואָס „די אינטערנאַציאָנאַלע"
האָט געפאָרדערט אונטער דעם נאָמען פון „אַן אינטעגראַלע ער־
ציהונג", דאָס הייסט, דאָס לערנען פון אַ מלאכה פאַר יעדען יונ־
גען מאַן; וועהרענד אַנדערע האָבען זיך בעגרענצט מיט דער
פאָרדערונג פון דער „בעגרענצונג פון דאָס רעכט אויף איי־
גענטהום".

אָבער עס איז הויפּטזעכליך אויסער דער קאָנווענשען —
צווישען פאָלק, אין מאַנכע סעקציאָנען אַזעלכע, ווי די פון גראַ־
וויליע און אין דעם קאָרדעליערען־קלוב — זיכער ניט צווישען
די יאַקאָבינער — וואו איינער מוז זוכען די פערטהיידיגער פון
דער קאָממונאַליסטישער און קאָממוניסטישער בעוועגונג פון
1793 און 1794. עס איז זאָגאַר געווען אַ פערזוך פון אַ פרייער
אָרגאַניזאַציאָן צווישען די, וועלכע זיינען דאַן בעקאַנט געווען,
אַלס עקסטרעמיסטען, דאָס הייסט די, וועלכע האָבען געוואָלט
אַ רעוואָלוציע, וואָס זאָל ברענגען די גלייכהייט. נאָך דעם
10טען אויגוסט, 1792, איז געגרינדעט געוואָרען — ווי עס שיינט
אויף דעם פאָרשלאַג פון די פעדערירטע, וואָס זיינען געקומען נאָך

פּאַריז — אַ סאָרט פעראייניגונג צווישען די דעלעגאַטען פון די אַכט און פערציג סעקציאָנען און „די פעראייניגטע פערטהיידיגער פון די פיער־און־אַכציג דעפּאַרטמענטס“. און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען אין פעברואר, 1793, די בעוועגונג געגען די בערזען־ספּעקולאַנטען, פון וועלכער מיר האָבען שוין דערצעהלט, האָבען די דעלעגאַטען פון דיזער פעראייניגונג געפאָדערט פון דער קאָנווענשען דעם 3טען פעברואר ענערגישע מיטלען געגען די בערזען־ספּעקולאַציעס. אין זייער ערקלערונג קען מען שוין זעהען דעם אָנפאַנג פון דער אידעע, וועלכע איז שפּעטער געוועזען דער פונדאַמענט פון פּרודאָן'ס „מיוטיואַליזם“ און זיין פאָלקס־באַנק: די אידעע, דאָס אַלע פּראָפּיטען, וואָס קומען פון די באַנק־אויסטוישונגען, אויב עס זיינען דאָ אַזעלכע, זאָלען צוריקקעהרען זיך צו דער גאַנצער נאַציאָן, און ניט צו איינצעלנע מענשען — ווייל זיי קומען דאָך פון דעם „עפּפענטליכען צוטרוי פון אַלע צו אַלע“.

אונזער קענטניס פון די פערשיעדענע בעוועגונגען, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען צווישען די מענשען פון פּאַריז און אַנדערע גרויסע שטעדט אין 1793 און 1794, בלייבט נאָך אַלץ מאַנגעלהאַפט. עס איז ערשט איצט, ווען מען הויבט אָן זיי אויסצופאָרשען. אָבער עס איז אונבעשטרייטבאַר, דאָס די קאָממוניסטישע בעוועגונג, רעפּרעזענטירט דורך זשאַק רו ,וואַרלע, דאָלליוויער, שאַליער, לעקלערק, לאַנגע, ראָזע לאַקאָמב, באַיססעל און מאַנכע אַנדערע, איז געוועזען פון אַזאַ טיעפקייט, וועלכע איז אין אָנפאַנג גאָר ניט בעגריפען געוואָרען, אָבער וועגען וואָס מישלע האָט שוין געהאַט אַן אהנונג. *)

*) עס איז וואהרשיינליך, אז א חוץ דער פערטהיידיגונג פון קאָממוניזם אין די סעקציאָנען און אין די פאָלקס־געזעלשאַפטען, זיינען אויך געוועזען פון 10טען אויגוסט, 1792, פערזוכען צו גרינדען געהיימע קאָממוניסטישע געזעלשאַפטען, וועלכע זיינען שפּעטער, אין 1795, פערגרעסערט געוואָרען פון בואָנאַראָטטי און באַבעף, און וועלכע האָבען נאָך דער רעוואָלוציאָן פון יולי, 1830, געגעבען געבורט צו די געהיימע געזעלשאַפטען פון די בלאַנקיסטען.

עס פערשטעהט זיך, דאָס דער קאָממוניזם פון 1793 איז ניט געווען אזוי פערפאָלקאָמט, ווי מען געפינט עס נאכהער ביי די נאָכפאָלגער פון פוריע און סען־סימאן און בעזאָנדערס ביי קאנסידעראן אָדער זאָגאר ביי ווידאל. אין 1793 זיינען די קאָמ־מוניסטישע אידעען געבאָרען געוואָרען דורך די בעדירפניסע פון דעם מאָמענט. אָט ווארום די סאָציאלע פראגע האָט זיך ארויס־געוויזען אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע בעזאָנדערס אין דער פאָרם פון אַ פראגע וועגען די מיטלען צום לעבען און וועגען דעם לאנד. אָבער אין דעם ליעגט שוין אויך דאָס, וואָס מאכט דעם קאָממוניזם פון דער גרויסער רעוואָלוציע פיעל הע־כער פון דעם סאָציאליזם פון 1848 און פון זיינע שפּעטערע פאָר־מען. ער איז געגאנגען גלייך צום וואָרצעל מיט דעם, וואָס ער האָט אטאקירט די פערטהיילונג פון די פּראָדוקטען.

דיזער קאָממוניזם ערשיינט פאר אונז פראגמענטאריש, בע־זאָנדערס, ווייל זיינע פערטייטשער האָבען בעטאָנט פערשיעדע־נע פונקטען זיינע. און עס איז אימער געבליבען אין איהם עט־וואָס, וואָס מיר וואָלטען געקאָנט אָנרופען נור אַ שטיקעל קאָמ־מוניזם. ער האָט דערלאָזען אינדיווידועללען אייגענטהום זייט ביי זייט מיט געמיינשאפטליכען אייגענטהום. און וועהרענד ער האָט פּראָקלאמירט דאָס רעכט פון אַלע אויף די גאנצע סוממע פון דער פּראָדוקציאָן, דאָך האָט ער אַנערקענט אַן אינ־דיווידועללע רעכט אויף דאָס איבערפליסיגע צוזאמען מיט דעם רעכט פון אַלע אויף די פּראָדוקטען „פון דער ערשטער און צוויי־טער נויטוועגדיגקייט“. דאָך די דריי הויפּט־פונקטען פון קאָמ־מוניזם געפינט מען שוין אין די לעהרען פון 1793 : לאנד־קאָמ־מוניזם, אינדוסטריעללען קאָממוניזם און קאָממוניזם אין האנ־דעל און קרעדיט. און אין דעם איז דער בעגריעף פון 1793 גע־ווען ברייטער, ווי דער פון 1848. ווייל, אויב יעדער פון די אגי־טאטאָרען פון 1793 האָט געוועהנליך מעהר בעטאָנט איינעם פון דיזע פונקטען ווי די אַנדערע, שליסען דאָך דיזע דריי פונק־טען ניט אויס איינער דעם אנדערען. פערקעהרט גאָר, ווערע־דיג געבאָרען פון דעם זעלבען בעגריעף פון גלייכהייט, ערגענצען

זיי איינער דעם אנדערען. צו דער זעלבער צייט האָבען די אגי־טאטאָרען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן געשטרעבט צו פער־ווירקליכען זייער אידעע דורך די טהעטיגקייט פון לאָקאלע קרעפ־טען, דורך די באלדיגע פּראקטישע פערווירקליכונג, וועהרענד זיי האָבען אין דער זעלבער צייט פּרובירט צו גרינדען אַ סאָרט דירעקטע פעראייניגונג פון 40 טויזענד קאָממונען. ביי סילווען מארשאל געפינט מען זאָגאר אַ דונקעלע שטרעבונג צו דאָס, וואָס מיר רופען איצט אנארכיסטישער קאָממוניזם — אויסגע־דריקט, נאטירליך, מיט גרויסער פּאָרזיכטיגקייט, ווייל דאן האָט איינער ריזיקירט מיט זיין קאָפּ פאר דעם געברויך פון אַ צו־אָפענער שפּראך.

די אידעע צוצוקומען צום קאָממוניזם מיט דער הילפע פון אַ פערשווערונג דורך אַ געהיימע געזעלשאפט, וועלכע זאָל פער־כאפּען די לייצעס פון דער רעגיערונג — די אידעע, פון וועלכער באבעף איז געוואָרען דער אפּאסטעל — דיעזע האָט זיך שפּעטער פאָרמולירט, אין 1794־1795, ווען די טהערמידאָר־רעאקציע האָט פערניכטעט די אויפשטייגענדע בעוועגונג פון דער גרויסער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען דער רעזולטאט פון אַ פערלוסט פון קראפט און ניט די ווירקונג פון דער וואקסענדער מאכט פון די יאָהרען פון 1789 ביז 1793.

אודאי איז געווען פיעל דעקלאמאטאָרישער עפפעקט אין די דרשות פון די פּאָפּולערע קאָממוניסטען. דאָס איז געווען די מאָדע פון יענע צייטען, אַ מאָדע, וועלכע אונזערע מאָדערנע אָרא־טאָרען צאָהלען נאָך איצט צינז. אָבער אלעס, וואָס איז בעקאנט וועגען די קאָממוניסטען פון דער גרויסער רעוואָלוציע, ברענגט זיי ארויס אלס מענער, וועלכע זיינען געווען שטארק איבערגעגע־בען זייערע אידעען.

זשאק רו איז געווען אַ פּריסטער. ער איז געווען שרעקליך אָרעם און האָט געלעבט מיט זיין איינציגען חבר, אַ הונד, אויס־שליסליך אויף אַן איינקונפט פון צוויי הונדערט פראנק אַ יאָהר אין אַ פינסטער הויז אין דעם צענטר פון פּאריז און האָט געפּרע־דיגט קאָממוניזם צווישען די ארבייטער. ער איז געווען זעהר

פּאָפּולער אין דער גראַווילּיער־סעקציאָן, צו וועלכער ער האָט געהערט, און האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אין דעם קאָרדעלּיערען־קלוב, ביז׳ן סוף יוני, 1793, ווען זיין איינפלוס איז פערניכטעט געוואָרען דורך דאָס אריינמישען זיך פון ראָבעספּיער. וואָס אנבעטרעפט שאליע, האָבען מיר דאָן שוין געזעהען, וואָס פאַר אַ קראפט ער האָט ארויסגעוויזען אין ליאָן, און מיר ווייסען דורך מישלע, דאָס דיזער מיסטיק־קאָממוניסט איז געווען אַ מערקווירדיגער מענש, זאָגאַר אַ גרעסערער „פריינד פון פאָלק“, ווי מאַראט. ער איז ממש פערגעטערט געוואָרען פון זיינע אָנהענגער. נאָך זיין טוידט איז זיין פריינד לעקלערק געקומען נאָך פּאַריז און האָט פּאָרטגעזעצט די פּראָפּאַגאנדע פון קאָממוניזם צוזאמען מיט רו וואַרלעט, אַ יונגער פּאַריזער ארבייטער, און ראָזע לאַקאָמב, אַ פיהרערין פון די פרויען־רעוואָלוציאָנערען. וועגען וואַרלע איז פּראַקטיש גאָר ניט בעקאַנט, אַ חוץ דאָס, וואָס ער איז געווען זעהר בעליעבט צווישען די אָרימע פון פּאַריז. זיין פּאַמפלעט, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1793, איז זעהר געמעסיגט אין טאָן*), אָבער מען מוז געדענקען, דאָס מיט דעם דעקרעט פון 16טען מערץ, 1793, העגגענדיג איבער זייערע קעפּ, האָבען די רעוואָלוציאָנערען ניט געטאָרט זאָגען עפענטליך אַלעס, וואָס זיי האָבען געטראַכט.

די קאָממוניסטען האָבען אויך געהאַט זייערע טהעאָרעטיקער, אזעלכע, ווי באַיססעל, וועלכער האָט ארויסגעגעבען זיין

---

*) ער האָט זיך בעגוגענט אין דיזער ערקלערונג מיט דער פאָרדערונג, אז דאָס רעכט פון בעזיין אויף לאַנד זאָל זיין בעגרענצט, דאָס די געוואַלדיגע אונגלייכהייט פון פערמעגענס זאָל אָבגעשאַפט ווערען דורך „עהרליכע מיטלען“, אזוי, אז „די אָרימע זאָלען זיך קענען בעשיצען פון דעם דרוק פון די רייכע“, און דאָס „די רייכטהימער, וואָס זיינען אָנגעזאמעלט געוואָרען אויף דעם חשבון פון דעם עולם דורך גנבה, ספּעקולאַציע, מאָנאָפּאָל און ז. וו., זאָל ווערען נאַציאָנאַלער אייגענטהום אין דעם מאָמענט, ווען די געזעלשאַפט וועט קריגען ריכטיגע בעווייזע פון שווינדעל.“

„קאטעכיזם“ אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, און אַ צווייטע אויסגאבע פון דעמזעלבען ווערק אין 1791. אויך איז ער געווען דער אנאנימער פערפאסער פון אַ ווערק, וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען אין 1791. אַ גרויסען מערקווירדיגען ווערק איבער קאָממוניזם האָט אויך פערפאסט דאלליווייער, און די בירגער פון דער קאָממונע פון אנוועד האָבען איהם ארויסגעגעבען אויף זייער אייגענעם חשבון.

עס איז אויך געווען לאַנגע, וועלכער, ווי מישלע האָט שוין אָנגעוויזען, איז געווען דער פאָרגענגער פון פוריע. באבעף איז אויך געווען אין פאריז אין 1793. ער איז געווען בעשעפטיגט אונטער דעם שוץ פון סילוויין מאַרשאל מיט דער אדמיניסטראַציאָן פון די לעבענס־מיטלען, און האָט געפיהרט אַ געהיימע קאָמוניסטישע פראָפּאגאנדע. געצוואונגען זיך צו בעהאַלטען, ווייל ער איז פערפאָלגט געוואָרען פאר א כלומר'שטדיגע פעלשונג — פאַלש פערפאָלגט פון די מיטעל־קלאַסען ווי דעוויל האָט עס בעוויזען, וועלכער האָט געפונען דעם אָריגינעללען פראָטאָקאָל פון פראָצעס — איז ער געווען געצוואונגען צו זיין זעהר געהיימניספול.*)

---

*) אין זיין „קאטעכיזם“ האָט שוין באָיססעל געפּרעדיגט די אידעען, וואָס זיינען געוואָרען בעקאַנט צווישען די סאָציאליסטען ארום 1848. אזוי, למשל, אויף די פראגע: „וועלכע זיינען עס די הויפּט־אינסטיטוציאָנען פון דיזען רויבערישען, מערדערישען, אנטי־סאָציאַלען שטאַאט?“ ענטפערט ער: „אייגענטהום, חתונה און רעליגיאָנען זיינען דאָס, וואָס מענשען האָבען ערפונדען, עטאַבלירט און געהייליגט אום צו מאַכען געזעצליך זייערע שווינדלען.“ אויסרעכענענדיג די זאַכען, איבער וועלכע די מענשען האָבען פערשפּריוט זייערע אייגענטהומס־רעכט, זאָגט ער: „עס איז דיזע זאכען, פון וועלכע זיי האָבען געהאַלטען פאר נויטיג צו ווערען די אייגענטהימער, ווי לאַנד, פרוכטען, און זאָגאר מענער, דעם ים, די טייכען און די בערג, די הימלען, די אונטערשטע רעגיאָנען און זאָגאַר די געטער זעלבסט, פון וועלכע זיי האָבען אימער געמאַכט, און מאַכען נאָך ביז איצט, קאַפּיטאַל. ער

שפעטער־צו איז דער קאָממונזים צונויפגעפּאַרט געוואָרען מיט באַבעף׳ס קאָנספּיראַציע. אָבער באַבעף, אַזוי ווייט, ווי איינער קען אורטהיילען פון זיינע שריפטען און בריעף, איז געוועזן נור אַן אַפּפּאָרטיוניסט פון דעם קאָממוניזם פון 1793. זיינע בעגריפפע, ווי אויך די אופנים פון טהעטיגקייט, וועלכע ער האָט פערטהיידיגט, האָבען פערקלענערט די אידעע. װעהרענד עס איז גוט פערשטאַנען געוואָרען פון פיעלע, דאָס אַ בעוועגונג, וואָס האָט די קאָממוניסטישע טענדענץ, איז דער איינציגער מיטעל צו פערזיכערען די זיעגע פון דער דעמאָקראַטיע, האָט באַבעף, ווי איינער פון זיינע פערטהיידיגער האָט געזאָגט גאַנץ ריכטיג, געזוכט אריינצוגנב׳ענען דעם קאָמוניזם אין דער דעמאָקראַטיע. וועהרענד עס איז געוואָרען קלאָר פאַר אַלע, אַז די דעמאָקראַטיע וועט פערליערען איהרע זיעגע, אויב דאָס פאָלק זאָל ניט אריינקומען אין די ארענא מיט זיינע פאָרדערונגען און אידעאַלען, האָט באַבעף געוואָלט די דעמאָקראַטיע צ ו ע ר ש ט, און דאַן איינפיהרען אין איהר דעם קאָממוניזם ביסלעכווייז, ביסלעכווייז. *)

אַלעס צוזאַמען איז באַבעף׳ס בעגריעף פון קאָממוניזם געוועזן צו־שמאָל, צו פאַנטאַסטיש, אַזוי, דאָס ער האָט געהאַלטען

---

איז אויך ניט געוועזן זעהר צערטליך צו די געזעצע, וועגען וועלכע ער האָט געזאָגט: „זיי זיינען די פערפליכטונגען, וועלכע די שטאַרקע, די מעהר ביטרע, האָבען ארויפגעצוואונגען אויף די שוואַכע, אום אויפצוהאַלטען זייערע אונגליק־ברענגענדע אינסטיטוציאָנען, אָדער זאָגאר צו שטערען די שלעכטע פאָלגען פון דיזע אינסטיטוציאָנען אזוי ווייט, ווי עס איז מעגליך.“ זיינע דיפיניציאָנען פון אויטאָריטעט און געזעץ קענען גוט אָנגענומען ווערען פון די מאָדערנע אנארכיסטען.

*) אזוי, צום ביישפּיעל, דאָס פאָלק, בעוואפענט מיט א דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע, וועט ניט מסכים זיין צו קיינע פון די געזעצע, ביז די אויפהאַלטונג פון אלע וועט ניט פערזיכערט ווערען דורך דעם געזעץ!

עס פאר מעגליך צו דערגרייכען קאָממוניזם דורך די טהעטיג־
קייט פון איינציגע מענשען, וועלכע האָבען עס געדארפט אריינכאַ־
פּען די רעגיערונג אין זייערע הענד מיט דער הילפע פון א קאָנ־
ספּיראציע פון א געהיימער געזעלשאַפט. ער איז געגאַנגען אזוי
ווייט, דאָס ער איז געווען פערטיג צו פערלאָזען זיך אויף איין־
איינציגען מענשען, אבי נור דיזער מענש זאָל האָבען א גענוג
שטארקען ווילען איינצופיהרען דעם קאָממו־
ניזם און ראטעווען די וועלט. א טרויעריגע
איללוזיאָן, וועלכע האָט אויסגעברוקירט דעם וועג פאר באנאפּאר־
טע, און ווערט נאָך ביז איצט געטהיילט פון א גרויסען צאָהל
סאָציאליסטען, און וועלכע האָט אונז געגעבען דעם צעזאריזם —
דעם גלויבען אין א נאפּאָלעאָן אָדער א דיזראעלי — דעם גלויי־
בען אין א משיח, וועלכער האלט זיך נאָך פעסט ביז היינטיגען
טאָג.

נ י י ן א ו ן פ ו פ צ י ג ס ט ע ר ק א פ י ט ע ל.

# פלענער פאַר די סאָציאַליזירונג פון לאַנד־אינדוסטריען, לעבענסמיטעל און אויסטויש.

די קאָממוניסטישע בעוועגונג און דאָס לאַנד. — די עקאָנאָמישע וויכ־טיגקייט פון לאַנד. — אַגראַרישע פאָרשלעגע. — פאָרשלעגע פון לאַנגע. — די פּראָבלעמען פון לעבענס־מיטעל. — די פראגע ווע־גען דעם אויסטויש פון פּראָדוקטען. — די אונטערשטע שורה. — דאָס בייז פון אונטערדריקונג.

---

די הערשענדע אידעע פון דער קאָממוניסטישער בעוועגונג פון 1793 איז געווען, אז דאָס לאַנד זאָל ווערען בעטראכט, אלס די געמיינשאַפטליכע ירושה פון דער גאנצער נאַציאָן, דאָס יע־דער בירגער זאָל האָבען דאָס רעכט אויף דאָס לאַנד, און דאָס די מיטלען צום לעבען זאָלען פערזיכערט ווערען צו יעדען, אַזוי, דאָס קיינער זאָל ניט זיין געצוואונגען צו פערקויפען זיין אָדער איהר ארבייט אונטער דעם סטראַשונאָק פון הונגער. „די ווירק־ליכע גלייכהייט“, פון וועלכע מען האָט גערעדט אין דעם 18טען יאהרהונדערט איז איצט אויסגעטייטשט געוואָרען אַלס די בע־פעסטיגונג פון דעם גלייכען רעכט פון אלע אויף דאָס לאַנד; און די גרויסע איבערגעבונג פון לאַנד, וואָס איז אָנגעגאַנגען דורך דעם פערקויף פון די נאַציאָנאַלע גיטער, האָט ארויסגערו־פען אַ האָפנונג, אז די אידעע וועט ענדליך פערווירקליכט ווערען.

מען מוז האַלטען אין זינען, דאָס ארום דיזע צייט, ווען די גרויסע אינדוסטריען האָבען נור אָנגעהויבען צו וואקסען, איז דאָס לאַנד געווען דער הויפּט־אינסטרומענט פון עקספּלואטאציע.

דורך דאָס לאַנד האָט דער לאַנד־איינענטהימער געהאַלטען די
בויערען אין זיין מאַכט, און די אונמעגליכקייט פון צו האָבען אַ
שטיקעל לאַנד האָט געצוואונגען די בויערען אויסצו־וואַנדערען
אין די שטעדט, וואו זיי זיינען געוואָרען דער שוצלאָזער רויב פון
די פאַבריקען־איינענטהימער און פון די ספּעקולאַנטען.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט דער געדאַנק פון די
קאָממוניסטען נויטווענדיגער־ווייזע זיך געצילעוועט צו דאָס,
וואָס איז דאַן בעצייכענט געוואָרען, אַלס דער „אַגראַרישער
געזעץ“, וואָס דאָס האָט געמיינט, די בעגרענצונג פון איינענ־
טהום אין לאַנד ביז צו אַ געוויסען מאַקסימום, און צו דער אַנ־
ערקענונג פון דעם רעכט פון יעדען איינוואוינער אויף דאָס
לאַנד. די לאַנד־כאַפּעריי, וואָס איז דאַן פּראַקטיצירט געוואָ־
רען פון די ספּעקולאַנטען דורך דעם פּערקויף פון די נאַציאָנאַלע
גיטער, האָט געקאָנט נור פערשטאַרקערען די אידעע; און וועה־
רענד מאַנכע האָבען געפאָרדערט, דאָס יעדער בירגער, וואָס
ווינשט צו קולטיווירען לאַנד, זאָל האָבען דאָס רעכט צו ערהאַל־
טען זיין טהייל פון דעם נאַציאָנאַלען איינענטהום, אָדער ווע־
ניגסטענס צו קויפען אַ טהייל דערפון אונטער לייכטע בעדינגונ־
גען פון בעצאָהלען — האָבען אַנדערע, וועלכע האָבען פּאָראויס־
געזעהען, וואָס שפּעטער וועט זיין, געפאָרדערט, אַז דאָס גאַנצע
לאַנד זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין קאָממונאַלען איינענטהום
און דאָס יעדער לאַנד־האַלטער זאָל נור האָבען דאָס רעכט פון אַ
צייטליכען בעזיץ פון דעם לאַנד, וואָס ער האָט קולטיווירט, און
נור פאַר אַזוי לאַנג, ווי ער קולטיווירט דאָס לאַנד.

אַזוי האָט באַבעף, מורא האָבענדיג פיללייכט צו קאָמ־
פּראָמיטירען זיך צו שטאַרק, געפאָרדערט די גלייכע צוטהיילונג
פון דעם קאָממונאַלען לאַנד. אָבער ער האָט אויך געוואָלט, אַז
דאָס לאַנד זאָל בלייבען דער איינענטהום פון דער קאָממונע אָדער
פון דעם לאַנד, דאָס הייסט, אַז די איינצעלנע מענשען זאָלען נור
האָבען דעם בעזיץ, דעם נוצען פון לאַנד, אָבער ניט דעם איי־
גענטהום.

פון דער אַנדערער זייט, אויף דער קאָנווענשען, וועהרענד

דער דעבאטע וועגען דעם געזעץ פון צוטהיילען דאָס לאַנד, איז זשוליען סוהיט געווען דאגעגען דער ענדליכער צוטהיילונג פון לאַנד, ווי עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען פון דער אגריקולטור־קאָמיטע, און ער האָט זיכער געהאט אויף זיין זייט די מיליאָנען אָרימע בויערען. ער האָט געפאָדערט, דאָס די פערטהיילונג פון דעם קאָממונאלען לאַנד אין גלייכע חלקים צווישען אַלע, זאָל זיין נור פאר א צייט, און אז דאָס לאַנד זאָל קענען צוריק איבערגעטהיילט ווערען נאָך אַ געוויסער פעריאָדע. דער געברויך, אלזאָ, וואָלט נור בעוויליגט געוואָרען אין דיעזען פאל צו די איינצעלנע בויערען, ווי דאָס איז אזוי אין דעם רוסישען „מיר“.

דאָלליוויער, דער גלח פון מאָשאם, פאָלגענדיג אַן עהנליכער ריכטונג פון געדאנק, האָט אין זיין „אָבהאנדלונג וועגען פרימיטי־ווער גערעכטיגקייט“ אויסגעדריקט „צוויי אונפערענדערליכע פרינ־ציפען: דער ערשטער איז, אַז דאָס לאַנד געהערט צו אַלעמען אין אַלגעמיין און צו קיינעם ניט בעזונדער; און דער צווייטער פרינציפ איז, דאָס יעדער האָט דאָס אויסשליסליכע רעכט אויף די פרוכט פון זיין ארבייט.“ אָבער אזוי ווי די לאַנד־פראגע האָט בעהערשט אַלע אנדערע צו יענער צייט, האָט ער עס גע־האַלטען פאר גלייכער אָבצושטעלען זיך בעזאָנדערס אויף דעם ערשטען פון דיזע צוויי פרינציפען.

„דאָס לאַנד“ — האָט ער ערקלערט „גענומען, אלס גאַנצעס, מוז בעטראכט ווערען אַלס דאָס גרויסע געמיינשאפטליכע לאַנד פון אַלע; יעדער איינצעלנער מוז האָבען דאָס רעכט פון אַ חלק אין דעם געמיינשאפטליכען לאַנד. איין דור האָט ניט קיין רעכט צו מאכען געזעצע פאר דעם קומענדען אָדער צו שאַלטען און וואַלטען איבער זיינע רעכטע, טו וויפיעל שטאַר־קער איז דער גרונד ניט צו פערטהאָן זיין ירושה!“ און ווייטער: „די נאציאָנען אַליין, און, דורך די ווייטערע צוטהיילונג, די קאָמ־מונען, זיינען די ריכטיגע איינענטהימער פון לאַנד.“

אין דער טהאט האָט דאָלליוויער אנערקענט אַ רעכט פון איי־גענטהום נור אין דעם פאַל פון בעוועגליכע זאכען. וואָס דאָס

לאנד אנבעטרעפט, דארף קיינעם ניט זיין ערלויבט צו בעזיצען אירגענד וועלכען טהייל פון דעם געמיינשאפטליכען אייגענטהום, סיידען ער און זיין פאמיליע זאָלען קולטיווירען דאָס לאַנד, און אויך דאַן נור אַלס צייטליכען בעזיץ. דאָס, נאַטירליך, וואָלט ניט געשטערט, אז די געמיינשאַפטליכע קולטיווירונג זאָל געטהאָן ווערען פון דער קאָממונע זייט ביי זייט מיט פאַרמס, וועלכע ווערען קולטיווירט פון איינצעלנע. אָבער דאָלליוויער, וועלכער האָט געקאָנט גוט דאָס דאָרף־לעבען, האָט ניט ליעב געהאַט די פאַרמערס, פונקט ווי ער האָט ניט ליעב געהאַט די גרויסע לאַנד־אייגענטהימער. ער האָט געפאָדערט „די פאָלשטענדיגע פערטהיילונג פון די גרויסע פארמס" ; די העכסטע פערטהיילונג פון לאַנד צווישען אַלע יענע בירגער, וועלכע האָבען גאָר ניט קיין לאַנד אָדער וועלכע האָבען ניט גענוג. דאָס איז דער איינציגער געניגענדער מיטעל, וואָס קען ברענגען לעבען אין אונזערע דערפער און ברענגען בעקוועמליכקייט צו אַלע יענע פאַמיליען, וועלכע קרעכצען איצט אין עלענד דורך דעם מאַנגעל פון די מיטלען, וועלכע זאָלען מאַכען, אז זייער ארבייט זאָל זיך זיי בעצאָהלען... דאָס לאַנד — האָט ער צוגעלייגט — וועט ווערען בעסער קולטיווירט, די היימישע מיטלען וועלען ווערען צאָהלרייכער, און די מארקעטס וועלען, אַלס אַ פאָלגע, ווערען בעסער פערזאָרגט ; „מיר וועלען פטור ווערען פון דער העסליכסטער אריסטאָקראַטיע, און דאָס איז די אַריסטאָקראַטיע פון די פאַרמער." ער האָט פאָראויסגעזעהען, דאָס אַ גרעסערער אגריקולטורעלער וואהלזיין וועט דערגרייכט ווערען אויף אַזאַ וועג, און דאָס עס וועט שוין קיינמאָל ניט נויטיג זיין צו רעגולירען די פרייזען פין די לעבענס־מיטלען דורך דעם געזעץ, וועלכער איז נויטיג אונטער די איצטיגע אומשטענדען, אָבער וועלכער איז פון דעסטוועגען זעהר אונבעקוועם.

אויף די סאָציאַליזירונג פון דער אינדוסטריע האָט געפונען פערטהיידיגער, בעזאָנדערס אין דער ליאָן־געגענד. די ארבייטער פון ליאָן האָבען געפאָדערט, אז די ווײדזשעס זאָלען רעגולירט

ווערען פון דער קאָממונע, און אז די ווײדזשעס זאָלען זיין אזעל־כע, אז מען זאָל זיין גאראנטירט מיט דער מעגליכקייט צו לע־בען. עס איז געווען דער „ליווינג־ווײדזש" פון די מאָדערנע ענגלישע סאָציאליסטען. א חוץ דעם האָבען זיי געפאָרדערט די נאציאָנאליזירונג פון געוויסע אינדוסטריען, אזעלכע, ווי די מיי־נינג־אינדוסטריע. עס איז אויך געמאכט געוואָרען א פאָרשלאג, אז די קאָממונען זאָלען איבערנעהמען די אינדוסטריעללע גע־שעפטען, וואָס זיינען איבערגעלאָזען געוואָרען פון די קאָנטר־רע־וואָלוציאָנערען, און אויפנעהמען אין זיי די ארבייט אויף דעם אייגענעם חשבון. אין אלגעמיין, די אידעע, אז די קאָממונע זאָל ווערען דער פראָדוצירער פון אלע סאָרטען זאכען, איז געווען זעהר פאָפולער אין 1793. די אויסנוצונג פון די גרויסע שטי־קער אונקולטיווירטען לאנד און די פארקען פון די רייכע פאר קאָממונאלע גאָרטענס פון דער קאָממונע, איז געווען א זעהר פערשפרייטע אידעע אין פאריז, און שאָמעט איז געווען איהר פערדיגער און פערטהיידיגער.

מען זעהט, דאָס פיעל ווייניגער אינטערעס האָט מען דאן געהאט אין אינדוסטריע, ווי אין אגריקולטור. דאָך האָט קוזע, א סוחר, וועלכען ליאָן האָט אויסערוועהלט אלס מיטגליעד פון דער קאָנווענשען, שוין גערעדט וועגען דער נאציאָנאליזירונג פון די אינדוסטריען, און לאנגע האָט אויסגעארבייט א פלאן פון א סאָרט „פאלאנסטער", וואו די אינדוסטריע זאָל זיין פערבונדען מיט דער אגריקולטור. זייט 1790 האָט לאנגע אָנגעפיהרט אן ערנסטע קאָממוניסטישע פראָפאגאנדע אין ליאָן. אזוי האָט ער אין א פאמפלעט, דאטירט 1790, ענטוויקעלט די פאָלגענדע אידעען: „די רעוואָלוציאָן" — האָט ער געשריעבען — האָט געזאָלט זיין א הייל־זאמע ענדערונג; אָבער באלד איז זי קאליע געוואָרען דורך אן ענדערונג פון אידעען, דורך דעם העסליכסטען מיסברויך פון רייכטהום. דער הערשער (דאָס הייסט דאָס פאָלק) איז אומגעוואנדעלט געוואָרען." „גאָלד", האָט ער ווייטער געשריעבען, „איז ניצליך און איז א ברכה אין ארבייטענדע הענד, אָבער עס ווערט געפעהרליך, ווען עס קלייבט זיך אָן אין

די קופערטען פון די קאפיטאליסטען. איבעראל, וואו אייער מאיעסטעט וועט נור א קוק טהאן, וועט איהר זעהען דאס לאנד קולטיווירט פון קיין אנדערען, נור פון אונז; דאס זיינען מיר, וועלכע זיינען געווען די ערשטע אייגענטהימער פון לאנד, די ערשטע און די לעצטע אמת'ע בעזיצער. די ליידיג־געהער, וועלכע רופען זיך לאנד־אייגענטהימער, קענען נור אנזאמלען דעם מעהרווערטה פון אונזער ארבייט. דאס בעווייזט, וועניג־סטענס, אונזער רעכט צו זיין מיט־אייגענטהימער. אבער, אויב, אלזא, מיר זיינען די מיט־אייגענטהימער, און די איינ־ציגע קוועלע פון אירגענד אן איינ־קונפט, איז דאס רעכט פון צו בעגרענ־צען אונזער פערברויך און פון אוועק־נעהמען פון אונז דעם איבערפלוס פון אונזער עקזיסטענץ, איז נור דאס רעכט פון א רויבער", וואס דאס איז, לויט מיין מיינונג, א זעהר קלארע אויפפאסונג פון דעם „מעהרווערטה". ציהענדיג אימער זיינע שליסע פון די פאקטען, ד. ה., פון דעם קריזיס אין די לעבענס־מיטלען, וועלכען פראנקרייך האט דאן דורכגעמאכט, האט ער פארגעשלאגען א סיסטעם פון א מיטגליע־דערשאפט פון אלע פערברויכער, וואס זאל זיי מאכען בערעכ־טיגט צו קויפען צו בעשטימטע פרייזען די תבואה, דאס אלעס האט געזאלט אויסגעפיהרט ווערען מיט דער הילפע פון א פרייער פעראייניגונג, וועלכע זאל ביסלאכווייז, ביסלאכווייז ווע־רען אלגעמיין. ער האט אויך געוואלט זעהען געמיינשאפטליכע קראמען, וואוהין אלע ארבייטער זאלען קענען ברענגען זייערע פראדוקטען צום פערקויף. דאס איז געווען, ווי מיר זעהען, א סיסטעם, וועלכע האט אויסגעמידען אין דעם מסחור ביידעס, אי דעם אינדיווידואליסטישען מאנאפאל און אי די פליכטמע־סיגע שטאאט־סיסטעם פון דער רעוואלוציע. דאס איז געווען דער פארגענגער פון די קאאפעראטיווע מילך־פארמס, וועלכע זיינען פעראייניגט אום צו פערקויפען דעם פראדוקט פון א גאנ־

צער פּראָווינץ, ווי מען קען עס זעהען אין קאַנאַדא, אָדער פון א גאַנצער נאַציאָן, ווי דאָס איז דער פאַל אין דענעמארק.

אין אַלגעמיין איז עס געווען די פּראָבלעם פון די לעבענס־מיטלען, וואָס האָט בעשעפטיגט די מוחות פון די קאָממוניסטען פון 1793, און האָט זיי געמאכט צו צווינגען די קאָנווענשען אָנ־צונעהמען דעם געזעץ פון מאַקסימום, און אויך צו פאָרמולירען דעם גרויסען פּרינציפּ פון דער סאָציאַליזירונג פון דעם אויסטויש פון די פּראָדוקטען, די סאָציאַליזירונג פון האַנדעל.

אין דער טהאַט, די פראגע פון מסחור אין שפּייזען איז געווען די הויפּט־פּראגע איבער גאַנץ פראנקרייך. „פּוללע פריי־הייט אין דעם קאָרן־האַנדעל איז אונמעגליך צוזאַמען מיט דער עקזיסטענץ פון אונזער רעפּובליק", האָבען ערקלערט די וועהלער פון סען־ע־אָיז צו דער קאָנווענשען אין 1792. דיזער האַנדעל ווערט אָנגעפיהרט פון א מינאָריטעט, מיט דעם ציעל פון איהר אייגענער בעריכערונג, און דיזע מינאָריטעט איז אימער פעראינ־טערעסירט צו שאַפען קינסטליכע הויכע פּרייזען, וועלכע מאַ־כען שטענדיג ליידען דעם פערברויכער. אַלע האַלבע מיטלען געגען דיזע ספּעקולאַנטען זיינען געפעהרליך און מאכטלאָז", האָבען די וועהלער ערקלעהרט. „עס זיינען דיזע האַלבע מיטלען, וועלכע וועלען אונז רואינירען. דער גאַנצער האַנדעל אין קאָרן, די גאַנצע פאַרזאָרגונג מיט שפּייז מוז אויסגעפיהרט ווערען פון דער רעפּובליק, וועלכע וועט פעסטשטעלען „אַן עהרליכע פּראָ־פּאָרציע צווישען דעם פּרייז פון ברויט און דעם פּרייז פון אַן אַר־בייטס־טאָג". און אזוי ווי דער פערקויף פון די נאַציאָנאַלע גי־טער האָט געפיהרט צו העסליכע ספּעקולאַציאָנען פון דער זייט פון די, וועלכע האָבען געקויפט דאָס לאַנד, האָבען די וועהלער גע־פאָדערט די בעגרענצונג פון דער גרויס פון די פאַרמס און די נאַציאָנאַליזירונג פון האַנדעל.

„בעפעהלט", האָבען זיי געזאָגט, „דאָס קיינעם זאָל ניט זיין ערלויבט צו האָבען מעהר, ווי 120 אַקער לאַנד, דאָס קיין לאַנד־אייגענטהימער זאָל ניט זיין ערלויבט צו קולטיווירען מעהר, ווי

איין פארם, און דאָס ער זאָל ווערען געצוואונגען צו פערדינגען אַלע אנדערע, וואָס ער בעזיצט." און זיי האָבען נאָך צוגע־לייגט: „גיט איבער די פליכט פון צו פערזאָרגען די נויטיגע שפייזען פאר יעדען טהייל פון דער רעפּובליק אין די הענד פון א צענטראלער פערוואלטונג, אויסערוועהלט פון פאָלק, און איהר וועט זעהען, דאָס דער איבערפלוס פון קאָרן און די עהרליכע פּראָפּאָרציע צווישען דעם פּרייז פון ברויט און דעם פּרייז פון א טאָג ארבייט וועט צוריק ברענגען פריעדען, גליק און לעבען צו אַלע בירגער."

מען זעהט, אז דאָס זיינען ניט געווען אידעען פון דעם מארך פון א טיורגאָ אָדער א נעקער. זיי זיינען געבאָרען גע־וואָרען פון דעם לעבען־גופא.

עס איז אינטערעסאַנט צו פערצייכענען, דאָס דיזע אידעען זיינען אָנגענומען געוואָרען פוןביידע, אי פון דער קאָמיטע פון אגריקולטור און אי פון דער קאָמיטע פון האנדעל און זיינען ענטוויקעלט געוואָרען אין זייער רעפּאָרט צו דער קאָנווענשען. ווי די ריכטיגקייט איז, זיינען זיי אויך אָנגעווענדעט געוואָרען אין דער פּראקסיס אין איינינע דעפּארטמענטס פון בעררי און אָרלעאַנס. אין דעפּארטמענט פון עיר־ע־לאָר, דעם 3טען דע־צעמבער, 1792, זיינען די קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען שיער גע'הרג'עט געוואָרען פון די מענשען, וועלכע האָבען גע־זאָגט: „די מיטעלע קלאַסען האָבען שוין געהאַט גענוג, איצט איז די רייהע פון די אָרימע ארבייטער."

שפּעטער־צו זיינען עהנליכע געזעצע שטאַרק פערטהיידיגט געוואָרען פון בעפּראַי און די קאָנווענשען, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, ווען עס איז געווען די רעדע פון דעם געזעץ פון מאַק־סימום, האָט געמאַכט א פערזוך צו סאָציאַליזירען אויף א גרוי־סען שטייגער דעם גאַנצען האנדעל אין זאַכען פון דער ערשטער און צווייטער נויטווענדיגקייט, פאר גאַנץ פראנקרייך, דורך נא־ציאָנאַלע קראָמען און דורך די פעסטשטעלונג אין יעדען דע־פּאַרטמענט אַן עהרליכען פּרייז פאר אַלע זאַכען, ווי זיי וועלען עס אויסגעפינען.

מיר זעהען, אלזאָ, ארויסשפּראָצענדיג אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע די אידעע, דאָס דער האנדעל איז א סאָציאלע טהעטיגקייט; דאָס ער מוז ווערען סאָציאליזירט, אזוי גוט, ווי דאָס לאנד און די אינדוסטריען — אַן אידעע, וועלכע איז שפּעטער ברייטער אויסגעארבייט געוואָרען פון פוריע, ראָבערט אָווען, פּרודאָן און די קאָממוניסטען פון די פערציגער יאָהרען.

מיר זעהען זאָגאר נאָך מעהר. עס איז קלאָר פאר אונז, דאָס זשאק רו, ווארלע, דאָלליוויער, לאנגע און טויזענדע שטאָדט־ און דאָרף־מענשען, אגריקולטוריסטען און ארבייטער האָבען פערשטאַנען, פון א פּראקטישען שטאנדפּונקט, די פּראָבלעם פון די לעבענס־מיטלען פיעל בעסער, ווי די קאָנווענשען. זיי האָבען פערשטאנען, דאָס בלויז טאקסירען און ניט סאָציאליזירען דאָס לאנד, די אינדוסטריען און דעם האנדעל פון דער נאציאָן, וועט בלייבען א טוידטער בוכשטאב, אפילו ווען דאָס וואָלט אונטערשטיצט געוואָרען פון א גאנצען לעגיאָן פון אונטערדריקונגס־געזעצע און פון דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאל.

עס איז געוועזען די סיסטעם פון פערקויפען דאָס נאציאָנאלע לאנד, אָנגענומען פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג, פון דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג און פון דער קאָנוועגשען, וועלכע האָט בעשאפען יענע רייכע פארמער, וועלכע דאָלליוויער האָט געהאלטען, און מיט פולען רעכט, אלס די העסליכסטע אריסטאָקראטען. די קאָנווענשען האָט עס ניט אָנגעהויבען צו זעהען ביז 1794. אָבער דאן, די איינציגע זאך, וואָס זי האָט געקאָנט טהאָן, איז געוועזען צו ארעסטירען די פארמער אין די הונדערטע און שיקען זיי צו דער גיליאָטינע, אלס מאָנאָפּאָליסטען. אָבער דיזע אלע שטרענגע געזעצע געגען מאָנאָפּאָל (ווי דער געזעץ פון 26סטען יולי, 1793, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגען די דורכזוכונג פון אלע שפּייכלער, קעלערס, וואָס געהערען צו די פארמער) האָבען נור אויסגעפיהרט דאָס, וואָס אין די דערפער האָט זיך פערשפּרייט א שרעקליכע שנאה צו די שטעדט אין אלגעמיין און צו פּאריז בעזאָנדערס.

דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל און די גיליאָטינע האָבען ניט געקאָנט אויספילען דעם מאַנגעל פון אַ קאָנסטרוקטיווער קאָממוניסטישער טהעאָריע.

## זעכציגסטער קאפּיטעל.

# דער סוף פון דער קאמוניסטישער בעוועגונג.

מאנטאנארען און קאָממוניסטען. — העבערט'ס שטעלונג. — ביללאָד־וואררענ'ס שטעלונג. — די שטערונגען צום קאָממוניזם. — די פערזאמלונגען און דאָס לאַנד. — קאָממונאַלעס לאַנד ווערט גע־געבען צו רייכע בויערען. — זשאַק רו און ראָבעספּיער. — רו פערפאָלגט. — דער ענטפער צום קאָממוניזם פון דער קאָמיטע פון עפּענטליכען וואוילזיין. — רעזאָלוציאָנען, וואָס די קאָממוניס־טען האָבען אָנגענומען. — די קאָנווענשען פערטהיידיגט דעם מיטעל־קלאַס און אונטערדריקט דעם קאָממוניזם.

---

פאר דעם 31־סטען מאי, ווען די מאנטאנארען האָבען גע־זעהען די רעוואָלוציע בלייבען אָבגעהאַקט אין מיטען דורך די געגנערשאַפט פון די זשיראָנדיסטען, האָבען זיי געזוכט די הילפע פון די קאָממוניסטען און פון די „עקסטרימע“ אין אַלגעמיין. אין יענע טעג האָט ראָבעספיער אין דער פאָרגעשלאָגענער ערקלערונג פון די מענשען־רעכטע, וועלכע ער האָט געלייענט פאר דער קאָנ־ווענשען דעם 21־סטען אפּריל, 1793, זיך אויסגעדריקט צו גונסטען פון א בעגרענצונג פון די רעכטע פון אייגענטהום, און זשינבאן סען־אַנדרע, קאָלא ד'הערבויז, ביללאָד־וואררען און איי־ניגע אנדערע האָבען געזוכט צו קומען צו אַן איינפערשטענדניס מיט די קאָממוניסטען. אויב בריססאָ, אין זיינע ווילדע אטאַ־קען אויף די מאנטאנארען, האָט זיי אַלע אָנגערופען „אַנאַרכיס־טען“ און „צושטערער פון אייגענטהום“, איז עס נור געווען דער־פאר, ווייל דאַן האָבען די מאָנטאנארען נאָך ניט ארויסגעוויזען

דעם וואונש זיך אָבצוזונדערען פון די עקסטרעמע און פון די קאָממוניסטען.

אָבער גלייך נאָך די אונרוהען אין פעברואר, 1793, האָט די קאָנווענשען אָנגענומען אַ סטראשענדע שטעלונג געגען די קאָממוניסטען. האנדלענדיג אויף אַ רעפּאָרט פון בארער, אין וועלכען ער האָט שוין געשילדערט די קאָממוניסטישע אגיטאַציע, אַלס די ארבייט פון די גייסטליכע און די עמיגראנטען, האָט די קאָנווענשען, ניט אכטענדיג, וואָס מאראט איז געווען דאַגעגען, ענטהוזיאסטיש אָבגעשטימט דעם 18טען מערץ, 1793, „די בעשטראָפונג מיט'ן טוידט פאר יעדען, וואָס זאָל פּאָרשלאָגען אַן אגרארישען געזעץ אָדער אירגענד אַן ענדערונג פון לאַנד־אייגענטהום, געמיינשאפטליכען אָדער אינדיווידועללען.“

דאָך האָבען זיי געמוזט זיין גוט מיט די עקסטרימע, ווייל זיי האָבען זיך גענויטיגט אין דער אונטערשטיצונג פון דעם פּאָלק פון פּאריז געגען די זשיראָנדיסטען און אין די מייסט־אַקטיווע סעקציאָנען זיינען די עקסטרעמע געווען זעהר פּאָפּולער. אָבער אזוי שנעל, ווי די זשיראָנדיסטען זיינען געשטירצט געוואָרען, האָבען זיך די מאנטאנארען געווענדעט געגען יענע, וועלכע האָבען פערלאַנגט „אַ רעוואָלוציע אין טהאטען נאָך דעם, ווי זי איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין געראַנק“, און זיי האָבען זיי פערניכטעט.

עס איז אַ גרויסער פערדרום, דאָס צווישען די געבילדעטע מענשען פון יענער צייט איז ניט געווען איינער, וואָס זאָל קענען פאָרמולירען די קאָממוניסטישע אידעען אין אַ פאָלשטענדיגער און אומפאסענדער פאָרמע, און צווינגען, אז מען זאָל איהם הערען. מאראַט וואָלט עס געקאָנט טהאָן, ווען מען וואָלט איהם געלאָזט לעבען. אָבער ער איז ערמאָרדעט געוואָרען דעם 13טען יולי. וואָס אנבעטרעפט העבערט, איז ער געווען אַ צו לייכטזיניגער מענש, אז ער זאָל אויף זיך נעהמען אזא אויפגאבע. ער האָט געהערט צופיעל צו דער געזעלשאפט פון די לוסטיגע מיטעל־קלאסען פון האָלבאַכס שולע, אז ער זאָל קענען ווערען אמאָל דער פערטהיידיגער פון אנארכיזם־קאָממוניזם, וועלכער האָט אָנ־

געהויבען זיך ווייזען צווישען די מאַסען. ער האָט געקאָנט אדאָפּ־טירען די שפּראַך פון די סאַנקיולאָטען פּונקט ווי די זשיראָנדיס־טען האָבען אדאָפּטירט די רויטע וואָלענע קאַפּ פון די אָרימע, און זייער פאַרמיליאַרנעם „דו“ און „דיך“ אין רעדען, אָבער, ווי די זשיראָנדיסטען, איז ער געווען צו ווייניג אין סימפּאַטהיע מיט’ן פאָלק, אום צו פערשטעהן און אויסדריקען די שטרעבונגען פון פאָלק. ווי דער אמת איז, האָט ער זיך פעראייניגט מיט דעם „באַרג“, אום צו פערניכטען זשאַק רו און די עקסטרעמיסטען צוזאַמען.

ביללאָד־וואַררען האָט אויסגעזעהען צו פערשטעהן בעסער, ווי די אנדערע מאַנטאַנאַרען, די נויטווענדיגקייט פון טיעפע ענ־דערונגען אין דער ריכטונג פון קאָממוניזם. ער האָט איין צייט פערשטאַנען, אז א סאָציאַלע רעוואָלוציע דאַרף געהן פאַראויס פאַר דער פּאָליטישער. אָבער אויך ער האָט ניט געהאַט דעם מוטה אריינצוטרעטען אין די רייהען פאַר דיזע אידעע. ער האָט אָנגענומען א שטעלע אין דער רעגיערונג און ער האָט געענדיגט דערמיט, וואָס ער האָט געטהאָן, ווי אלע מאַנטאַנאַרען, ווען זיי האָבען געזאָגט: „די רעפּובליק קומט צוערשט, סאָציאַלע גע־זעצע וועלען שפּעטער קומען“. אָבער דאָ האָבען זיי געליטען שיף־ברוך, און דאָ האָט אויך די רעפּובליק געהאַט איהר מפּלה.

דער פאַקט איז, דאָס די רעוואָלוציע דורך איהרע ערשטע טהאַטען האָט אויפגערייצט צופיעל אינטערעסען און צופיעל זשעדנעקייט, אום צו מאַכען מעגליך פאַר דעם קאָממוניזם זיך צו ענטוויקלען. די קאָממוניסטישע אידעען וועגען לאַנד־אייגענ־טהום זיינען געווען שטאַרק ענטגעגענגעזעצט צו די אלע ווייט־פערשפּרייטע אינטערעסען פון די מיטעל־קלאַסען, וועלכע האָבען געקויפט נאַציאָנאַלע גיטער, אָדער וועלכע האָבען ווילד ספּעקו־לירט מיט זיי.

די געזעצגעבער פון די גרינדונגס און געזעצגעבענדע פער־זאַמלונגען, ווי מיר האָבען עס שוין דערמאָנט, האָבען געזעהען אין דיזען גיטער־פערקויף א מיטעל רייך צו מאַכען די מיטעל־קלאַסען אויף דעם חשבון פון די גייסטליכע און דעם אדעל. וואָס

אנבעטרעפט די פּאָלקס־מאַסען, האָבען זיי פון זיי גאָר ניט גע־טראַכט גאָר. עס איז נויטיג געווען מזומן־געלד אין דער שטאַאַט־קאַססע, זיינען די נאַציאָנאַלע גיטער פערקויפט גע־וואָרען אָהן אַן אויסרעכענונג, ווי אַוועגעל זאָגט, אין 1790 און 1791, צו די מיטעל־קלאַסען, אָדער צו די רייכע בויערען, זאָגאַר צו ענגלישע און האָללענדישע קאָמפּאַניעס, וועלכע האָבען עס געקויפט בלויז פאַר ספּעקולאַציע. און ווען די קויפער, וועלכע האָבען אויסגעצאָהלט בלויז 20 פּראָצענט, אָדער זאָגאַר נור 12 פון דעם גאַנצען פּרייז אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבען גע־קויפט, האָבען שפּעטער בעדאַרפט מאַכען די ווייטערע איינצאָה־לונגען, האָבען זיי געטהאָן אַלעס, וואָס זיי האָבען געקאָנט, אום אויסצומיידען צו צאָהלען מעהר, און זעהר אָפט איז עס אויך זיי געראָטהען.

אָבער, אַזוי ווי די בויערען, וועלכע האָבען ניט געקאָנט קרי־גען קיין לאַנד, האָבען זיך ביטער בעקלאָגט, האָט די געזעצגעבענ־דע פערזאַמלונג אין 1792, און שפּעטער די קאָנווענשען דורך דעם דעקרעט פון דעם 11טען יוני, 1793, צוגעוואָרפען דאָס קאָממונאַלע לאַנד צו די רייכערע בויערען, אַלס זייער רויב, אום צו פערשטאָפּען זיי די מיילער. די קאָנווענשען האָט אויך צוגעזאָגט, אז דאָס קאָנפיסקירטע לאַנד פון די עמיגראַנטען זאָל צוטהיילט ווערען אין חלקים פון איינעם ביז פיער אייקערס, און פערקויפען עס צו די אָרימע פאַר אַן אייביגען רענט, וועלכע זאָל בעצאָהלט ווערען אין געלד, און וועלכע זאָל קענען אויסגעקויפט ווערען צו אירגענד וועלכער צייט. עס איז זאָגאַר בעשלאָסען גע־וואָרען ביין סוף פון 1792, דאָס נאַציאָנאַלע לאַנד אין דעם ווערטה פון טויזענד מיליאָן פראַנק, זאָל איבערגעלאָזען ווערען פאַר די סאַנקיולאָטישע וואָלאָנטיאָרען, וועלכע זיינען אַוועק דיענען אין דער מלחמה, און דאָס לאַנד זאָל פערקויפט ווערען צו זיי אונטער לייכטע בעדינגונגען. אָבער דאָס איז קיינמאָל ניט אויסגעפיהרט געוואָרען. דיזער דעקרעט איז געבליבען אַ טויד־טער בוכשטאַב, פּונקט ווי הונדערטע אַנדערע דעקרעטען פון יענע צייטען.

און ווען זשאק רו האָט גערעדט פאר דער קאָנווענשען דעם 25־סטען יוני, 1793 — ווענ׳יגער ווי פיער וואָכען נאָך דעם אויפשטאנד פון דעם 31־סטען מאַי — פערדאמענדיג די מאָנאָפּאָליסטען און פאָרדערענדיג געזעצע געגען די ספּעקולאנטען, איז זיין רעדע אויפגענומען געוואָרען מיט בייזע געשרייען, און רו אַליין איז אויסגעפייפט געוואָרען.*)

---

*) „עס זיינען די רייכע“, האָט זשאַק רו געזאָגט, וועלכע האָבען געקראָגען פאר די לעצטע פיער יאָהר אַלע פאָרטהיילע פון דער רעוואָלוציע, דאָס איז די האַנדעל־אריסטאָקראטיע, פיעל שרעקליכער, ווי די אַדעל־אריסטאָקראטיע, וועלכע דריקט אונז, און מיר זעהען ניט קיין סוף צו זייערע רויבערייען, ווייל דער פּרייז אויף זאכען האַלט אין איין וואקסען. עס איז שוין צייט, דאָס דער קאַמפּף צווישען די זעלבסטזיכטיגע און די שווער־ארבייטענדע קלאַסען זאָל קומען צו א סוף... זאָל דער בעזיץ פון די לומפּען בעטראכט ווערען אלס היילינגער, ווי מענשליכער לעבען? די זאַכען, וואָס זיינען נויטווענדיג צום לעבען, מוזען זיין אין רשות פון אדמיניסטראטיווע קערפּערשאַפטען פּונקט, ווי די בעוואפענטע מאַכט איז אין זייער רשות“. רו האָט פאָרגעוואָרפען דער קאָנווענשען, וואָס זי האָט ניט קאָנפיסקירט די רייכטהימער, וואָס די באַנקיערען און מאָנאָפּאָליסטען האָבען ערוואָרבען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע און האָט בעוויזען, אז די קאָנווענשען, זאָגאַר האָבענדיג אָנגענומען א געזעץ „פון א געצוואונגענער הלואה פון א מויזענד מיליאָן פראנק, וועלכע זאָלען גענומען ווערען פון די רייכע“ וועלען דער קאַפּיטאליסט און דער סוחר דעם מאָרגענדיגען טאָג צוריקקריגען דיזעס געלד פון די קאנסומענטען, א דאַנק דעם מאָנאָפּאָל און דער מאַכט פון ארויסקוועטשונג, וואָס זיי האָבען, אויב דיזע מאַכט וועט פון זיי ניט אַוועק גענומען ווערען.“ ער האָט געזעהען גאַנץ קלאָר די געפאהר פון אזעלכע פערהעלטניסע פאר דער רעוואָלוציע, ווען ער האָט געזאָגט: „די בערזען־ספּעקולאַנטען קריגען בעזיץ פון די פאבריקען, פון די זעע־האַפענס, פון יעדען צווייג פון האַנדעל, פון די אַלע פּראָדוקטען פון לאַנד, און זיי פעראורזאכען די פריינד פון גערעכטיגקייט צו שטאַרבען פון הונגער, דאָרשט און עלענד, אָדער

א חוץ דעם, אזוי ווי ער האָט אטאַקירט דעם באַרג אין זיינע רעדען, און האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אין זיין איי־גענער סעקציאָן, לע גראַווילער, ווי אויך אין דעם קארדעליערען־קלוב, האָט ראָבעספּיער, וועלכער איז קיינמאָל ניט צוגעגאַנגען נאָהענט צו דיעזען קלוב, איהם בעזוכט אין דער נאַכט פון דעם 30־סטען יוני, נאָך די רייאָטען פון דעם 25־סטען און 27־סטען, וואָס זיינען געווען געריכטעט געגען די זייף־הענדלער, אין דער בעגלייטונג פון העבערט, קאָלאָ ד'הערבאַיז און אייניגע אַנדערע, אַלס אַ דעלעגאַציאָן פון דעם יאַקאָבינישען קלוב, און זיי האָבען אויסגעפיהרט, אַז רו און זיין פריינד וואַרלע זאָלען אויסגעשטריכען ווערען, אַלס מיטגליעדער פון דעם קלוב.

פון יענעם טאָג אָן האָט ראָבעספּיער קיינמאָל ניט אויפגע־הערט צו פערלוימדען זשאַק רו. אַזוי ווי דיעזער קאָרדעליער־קאָממוניסט האָט שטרענג קריטיקירט די רעוואָלוציע, פאַר וואָס זי האָט ביז איצט נאָך גאַר ניט געטהאָן פאַר'ן פאָלק, און פלעגט צייטענווייז בעהויפּטען—פּונקט ווי די סאָציאַליסטען טהוען עס אָפט אין אונזער צייט — אַז דאָס פאָלק ליידעט מעהר אונטער דער רעפּובליק, ווי אונטער דער מאָנאַרכיע, האָט ראָבעספּיער, ווען ער פלעגט נור רעדען פון רו, קיינמאָל ניט פערפעהלט צו כאַראַקטעריזירען איהם, אַלס „דער נידערטרעכטיגער פּריסטער", וועלכער האָט זיך פערקויפט צו די אויסלענדער, אַ „לומפּ", וועל־כער האָט „געזוכט צו מאַכען פערפלוכטע רוהע־שטערונגען, אום צו שעדיגען דער רעפּובליק."

פון יוני, 1793, האָט זשאַק רו געמאָגט זיך בעטראַכטען, אַלס אַ פעראַורטיילטער. צוערשט איז ער בעשולדיגט געוואָרען צו זיין דער אויפהעצער פון די רייאָטען געגען די זייף־הענדלער. שפּעטער־צו, ווען ער האָט אַרויסגעגעבען צוזאַמען מיט לעקלערק אַ צייטונג אונטער דעם נאָמען „ל'אָמבר דע מאַראַט", איז מאַ־

---

צווינגען זיי אין די אָרעמס פון דעספּאָטיזם". (איך ציטיר דאָ פון דעם טעקסט פון רו'ס רעדע, געפונען פון בערנאַרד לאַזאַר, און מיטגעטהיילט צו זשאָרעס).

ראט'ס אלמנה איבערגערעדט געוואָרען צו פערפאָלגען איהם פאר דעם געברויך פון איהר מאן'ס נאָמען פאר זיין צייטונג. און ענדליך איז ער בעשולדיגט געוואָרען צו האָבען גע'גנב'עט א קליינעם טשעק, וועלכען ער האָט ערהאלטען פאר דעם קאָרדע־ליערען קלוב, וועהרענד עס איז גאנץ זיכער, ווי מישלע האָט עס שוין געזאָגט, דאָס „זעלבסטלאָזיגקייט איז געווען די בעזאָנדער־ע כאראקטעריסטיק פון דיזע פאנאטיקער", און דאָס צווישען אלע גוט־בעוואוסטע רעוואָלוציאָנערען זיינען „רו, ווארלע און לע־קלערק געווען בעקאַנט, אלס מוסטערס פון עהרליכקייט". רו'ס סעקציאָן האָט אומזיסט געפאָדערט פון דער קאָמונע, זי זאָל אויפגעבען די פערפאָלגונגען געגען איהם, אָנבאָטענדיג די פער־זיכערונגען פון איהרע מיטגליעדער. די פרויען־רעוואָלוציאָנע־רען האָבען דאָס זעלבע געטהאָן — און זייער קלוב איז אונטער־דריקט געוואָרען פון דער קאָממונע. ענדליך איז רו פריינעלאָ־זען געוואָרען, אָבער די פערפאָלגונג געגען איהם האָט ניט אויפ־געהערט.

פול מיט צאָרן געגען די אָנהאלטענדע פערפאָלגונגען זיינען רו און זיינע פריינד איין אָוועגד, דעם 19טען אויגוסט, אוועק צו דער סעקציאָן, צו וועלכער זיי האָבען געהערט, און צוגענומען דעם אמט פון איהר פרעזידענט און סעקרעטאר. רו איז נאָמי־נירט געוואָרען אלס פרעזידענט. דאן האָט איהם העבערט פער־דאמט פאר דעם יאקאָבינישען קלוב, און ווען די קלאגע איז פאָר־געבראכט געוואָרען פאר דעם קאָממונע־ראטה, האָט איהם שאָ־מעט בעשולדיגט אין „א פערזוך געגען די הערשאפט פון פאָלק", און האָט געדעדט פון טוידט־שטראָף פאר אזא פערברעכען. רו איז פערפאָלגט געוואָרען, אָבער זיין סעקציאָן האָט גע'פועל'ט ביי דער קאָממונע זיין פריילאָזונג דעם 25־סטען אויגוסט. די אונטערזוכונג געגען איהם איז פונדעסטוועגען פאָרטגעזעצט גע־וואָרען און עס איז פאָרגעבראכט געוואָרען די בעשולדיגונג אין גנבה. און אזוי איז דעם 14טען יאנואר, 1794, רו געבראכט גע־וואָרען פאר א געוועהנליכען פאָליציי־ריכטער.

דיעזער ריכטער האָט זיך ערקלערט, אלס ניט־קאָמפעטענט

צו געבען אַן אורטהייל אין אזא ערנסטער אנקלאגע געגען רו, מיינענדיג די סעקציאָן־אנגעלעגענהייט — און האָט בעפוילען, אַז רו זאָל געבראכט ווערען פאר דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאל. וויסענדיג וואָס דאָס האָט געמיינט, האָט רו זיך געשטאָכען דריי מאָל אין קאָרט מיט א מעסער. דער פּרעזידענט פון געריכט איז איהם געקומען צו הילף און האָט איהם ארויסגעוויזען פיעל פריינדליכקייט, געבענדיג איהם זאָגאר דעם קוש פון בירגערלי־כער ברודערשאפט, איידער ער איז אוועקגענומען געוואָרען אין די ביסעטער־געפענגניס. אין דעם געפענגניס־האָספּיטאל האָט רו אָנגעווענדעט „צו פערלירען זיין כח„, ווי דאָס איז מיטגעטהיילט געוואָרען דעם פּראָקוראטאָר פון דעם רעוואָלוציאָנערען טריבו־נאל, דורך דעם, וואָס ער האָט זיך געעפענט זיינע וואונדען. און ענדליך איז איהם געלונגען צו דערשטעכען זיך, דאָס מאָל טוידט־ליך, דורך די לונגען. ער איז געשטאָרבען דעם 19טען פעברואר, 1794.

דאָס פאָלק פון פאריז, בעזאָנדערס אין די סעקציאָנען פון דעם צענטער פון שטאָדט, האָט פערשטאנען איצט, אַז זיינע האָפ־נונגען אויף א „פּראקטישע גלייכהייט“ זיינען פארביי. גאיללאר, א פריינד פון שאליע, וועלכער איז געהאלטען געוואָרען פון די זשיראָנדיסטען אין געפענגניס אין ליאָן אין דער צייט פון דער בעלאגערונג, און וועלכער איז נאכהער געקומען נאָך פאריז נאָכ־דעם ווי ליאָן איז איינגענומען געוואָרען פון די מאנטאנארען, האָט זיך אויך געטוידטעט דריי וואָכען שפּעטער, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז לעקלערק איז ארעסטירט געוואָרען צוזאמען מיט שאָמעט און די העבערטיסטען.

אין ענטפער אויף דיעזע אַלע פאָרדערונגען פון קאָממנו־ניזם, און זעהענדיג, אַז די מאסען פערלאָזען די רעוואָלוציע, ווייל עס ווערט ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט צו זייערע פאָרדערונגען, האָט די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין ארויסגעלאָזען דעם 11טען מערץ, 1794, א פּראָקלאמאציע, גע־שריבען אין אַן אויפגעבלאָזענעם סטיל און אדרעסירט צו די קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען אין דער פּראָווינץ. אָבער

די שליסע סיי פון דיעזער פּראָקלאַמאַציע און סיי פון דער רעדע, וואָס סען דזשוסט האָט געהאַלטען מיט צוויי טעג שפּעטער, זיינען געווען זעהר אָרימע. די קאָנוועגשען האָט אָנגעבאָטען נים קיין אנדער זאַך, ווי צדקה — מאָגערע צדקה — פאר די הונגעריגע און עלענדע.

„אַ גרויסער קלאַפּ איז געוועזן נויטיג, אום צו שטירצען די אריסטאָקראַטיע — אַזוי האָט עס געהייסען אין דער פּראָקלאַמאַציע — די קאָנוועגשען האָט איהם דערלאַנגט. די טוגענדהאַפטע ארמוטה מוז צוריק קריגען דעם אייגענטהום, , וועלכען פערברעכער האָבען גערויבט פון איהם.... עס איז נויטיג, אַז טעררער און גערעכטיגקייט זאָלען אריינשלאָגען אין אלע ריכטונגען צו איין או דער זעלבער צייט. די רעוואָלוציאָן איז דאָס ווערק פון פאָלק. עס איז צייט, אז דאָס פאָלק זאָל געניסען די פרוכט"... און אזוי ווייטער. אָבער אין דער ווירקליכקייט האָט די קאָנוועגשען גאָר ניט געטהאָן אין דיעזער ריכטונג. דער דעקרעט פון דעם 3טען פעברואר, 1794, וועגען וועלכען סען־דזשוסט האָט עס גערעדט מיט אזעלכע הויכע פראזען, האָט אַלעס צוזאמען בעטראָפען אָט־וואָס: יעדע קאָמַמונע זאָל מאַכען אַ צעטעל פון איהרע עלענדע, פעראונגליקטע פּאַטריאָטען—און שפּעטער־צו וועט די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין רעפּאָרטירען דער קאָנוועגשען וועגען די מיטלען, וואָס זאָל זיי געבען אַ געוויסע בעלוינונג פון די גיטער פון די שונאים פון דער רעוואָלוציע. זיי וועלען געמאַכט ווערען די פולע אייגענטהימער פון ארום איין אייקער לאַנד. וואָס אנבעטרעפט די אַלטע און די קראַנקע, האָט די קאָנוועגשען בעשלאָסען דעם 11טען מאַי, צו עפענען פאַר זיי אַ בוך פון נאַציאָנאַלער צדקה, אין וועלכען די אלטע און די קראַנקע זאָלען איינגעשריבען ווערען פאַר אַ יעהרליכער בעוויליגונג פון 160 פראַנק, די אַלטע און קראַנקע ארבייטער 120 און די אלטע מאַמעס און אלמנות צו 80 און 60 פראַנק.

עס איז קוים נויטיג צו זאָגען, אַז דיזער פערשפּראָכענער אייקער לאַנד האָט אויסגעזעהען, ווי אַ ביטערער שפּאַס צו די

בויערען. נאָך מעהר, א חוץ אין אייניגע פלעצער, איז דיזער דעקרעט קיינמאָל ניט אויסגעפיהרט געוואָרען. די, וועלכע האָבען אליין ניט גענומען, האָבען גאָר ניט געקראָגען.

עס מוז אָבער צוגעלייגט ווערען, דאָס מאַנכע קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנוועגשאָן, נעמליך, אלביט, קאלאָ, ד׳הערבאיז, זשינבאין סען־אנדרע אין ברעסט און טולאָן, פושע אין ליאָן, סאָם אין שארענט האָבען ארויסגעוויזען אין 1793 א געוויסע נייגונג צו דער סאָציאליזירונג פון פערשיעדענע זאכען. און ווען די קאָנוועגשאָן האָט דעם 5טען יאנואר, 1793, ארויסגעלאָזען א דעקרעט, דאָס „אין די שטעדט, וואָס זיינען בעלאגערט, בלאָקירט אָדער ארומגערינגעלט פון שונא מוזען אלע מאטעריאלען, אלע סאָרטען זאכען און לעבענס־מיטלען געמאכט ווערען אלגעמיינער אייגענטהום“, איז געווען א נייגונג, ווי מ. אָלאָר זאָגט, „אנצואווענדען דיזען געזעץ אין שטעדט, וועלכע זיינען ניט געווען ניט בעלאגערט און ניט בלאָקירט און ניט ארומגערינגעלט פון שונא.“

די קאָנוועגשאָן, אָדער ריכטיגער, איהרע קאָמיטעס פון עפענטליכען וואוילזיין און עפענטליכער זיכערהייט, האָבען זיכער אויסגעפיהרט צו דערשטיקען אין 1794 די קאָממוניסטישע שטרעבונגען. אָבער דער גייסט פון דער רעוואָלוציע האָט געטריבען די פראנצויזישע נאציאָן צו אזעלכע מיטלען און אונטער דעם דרוק פון די פאסירונגען האָט א גרויסע ארבייט פון אויסגלייכונג און א זיכערע ענטפלעקונג פון דעם קאָממוניסטישען גייסט שטאטגעפונען מעהר אָדער ווענינער איבער גאנץ פראנקרייך אין דעם צווייטען יאָהר פון דער רעפובליק.*)

---

*) „אָט ווארום“, האָט אָלאר געשריעבען, „איינער זוכט אומזיסט די ערשיינונג פון סאָציאליסטישע טהעאָריען אין דיעזען מאָמענט פון שטרענגער אונטערדריקונג. אָבער דער אלגעמיינער סך הכל פון די האַלבע און עקספערימענטאַלע מיטלען, וועלכע ווערען אָנגעווענדעט, פון די געזעצע, וועלכע ווערען אָנגענומען אונטער דעם דרוק פון דעם

און אזוי האָבען דעם 14טען נאָוועמבער, 1793, די רעפּרע־זענטאַנטען פון דער קאָנווענשען אין ליאָן, אלביט, קאָללא ד'הער־באיז און פושע, אָנגענומען א רעזאָלוציע, און וועלכע האָט זאָגאר אָנגעהויבען צו זיין ווירקזאם, לויט וועלכער די אַלטע, די יתומים און די אָרימע בירגער „דארפען קריגען וואָוינונג, קליידונג און שפּייז אויף דעם חשבון פון די רייכע און זייערע קאָנטאָנען." נאָך מעהר, „ארבייט, ווי אויך די ווערקצייג, וואָס זיינען זיי נוי־טיג אין זייערע מלאכות, דארפען פערזאָרגט ווערען פאר די, וועלכע זיינען פעהיג צו ארבייטען." די זאכען, וואָס זאָלען געגע־בען ווערען צו דעם געברויך פון פערשיעדענע בירגער — שריי־בען דיעזע קאָמיסיאָנערען אין זייערע צירקולארען — מוזען זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער ארבייט, זייער פלייס און זייער פייער, וואָס זיי ווייזען ארויס אין זייער דיענסט צו זייער פאטערלאנד. פיעלע קאָמיסיאָנערען האָבען אָנגענומען עהנליכע רעזאָלוציאָ־נען. אזוי האָט פושע ארויפגעלייגט שווערע טאַקסעס אויף די רייכע, אום צו ערנעהרען די אָרימע. עס איז אויך זיכער, ווי מ. אָלאר זאָגט — דאָס פיעלע קאָמיסיאָנערען האָבען אָנגעהויבען צו פּראקטיצירען קאָללעקטיווּיזם, אָדער, ווי מיר וואָלטען גע־זאָגט, דעם מוניציפּאלען קאָממוניזם.

די אידעע, דאָס דער שטאאט דארף איבערנעהמען די פאב־ריקען, וואָס זיינען פערלאָזען געוואָרען פון זייערע אייגנטהי־מער, און ארבייטען אין זיי, איז אויסגעדריקט געוואָרען מעהר, ווי איינמאָל. שאָמעט האָט איהר ענטוויקעלט אין אָקטאָבער, 1793, ווען ער האָט דעמאָנסטרירט די שלעכטע ווירקונג פון דעם געזעץ פון „מאַקסימום" אויף געוויסע אינדוסטריען. און זשינ־באָן סען־אנדרע האָט גענומען אין די הענד פון דער רעגיערונג

מאָמענט, און פון די צייטליכע אינסטיטוציאָנען, וועלכע ווערען איינ־געפיהרט פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגיערונג, פיהרט צו אזא לאַגע, וועלכע מאַכט פערטיג די מענשליכע בחות, באָטש די שטיממע פון די סאָציאליסטען ווערט ניט געהערט, פאר א סאָציאלע רעוואָלוציע, און פאַנגט אָן די טהיילווייזע אויספיהרונג פון איהר."

אַ געוויסע מינע אין ברעטאין, אום צו פרזיכערען אַ לעבען פאַר די ארבייטער.

אָבער, אויב געוויסע רעפּרעזענטאַנטען פון דער קאָנווענשען אין די פּראָווינצען האָבען ווירקליך אָנגענומען אין 1793-1794 געוויסע אויסגלייכונגס־מיטלען און זיינען געווען בעגייסטערט פאַר דער אידעע פון בעגרענצען די איינקינפטע, איז דאָך די קאָנוועגשען גופא געבליבען אַ פערטהיידיגער פון די אינטערע־סען פון די מיטעל־קלאַסען און עס מוז זיין עטוואָס אמת אין דער בעמערקונג פון בונאראָטט, וועלכער האָט געשריבען אין 1842, דאָס די מורא פון דער קאָנוועגשען, טאָמער וועט ראָבעספּיער און זיין גרופּע אָנפאַנגען צו נעהמען מיטלען, וועלכע זאָלען זיין אין איינקלאַנג מיט די גלייכהייטס־אינסטינקטען פון פאָלק, האָט ביי־געטראָגען צו דעם שטורץ פון דיזע גרופּע דעם 9טען טהער־מידאָר.

### איין און זעכציגסטער קאַפּיטעל.

# די גרינדונג פון דער צענטראַלער רעגיערונג.— אונטערדריקונגען.

די קאָמיטעס פון עפענטליכען וואוילזיין און עפענטליכער זיכערהייט. דער צושטאַנד אין פּאריז. — די מאַכט פון דער אלטער אָרדנונג. די מיטעל־קלאַסען געגנער פון דער רעוואָלוציע. — פּאַפּיער־געלד פערבאָטען פון דער קאָנווענשען. — די אָבשוואכונג פון דער קאָממונע. — די קאָנווענשען און די סעקציאָנען. — „דער געזעץ געגען די פערדעכטיגע“. — די יאקאָבינער קריגען די מאַכט. — ראָבעספּיער און די אויסגעשלאָסענע זשיראָנדיסטען. — דער רע־פּאָרט פון סאַן זשוסט. — די צענטראלע רעגיערונג עטאַבלירט. — די מיליטערישע לאַגע. — מפּלות פון די רעפּובליקאנער. — אויסשלאַכטונגען פון די רעפּובליקאַנער. — פערזוכע צו בע־פריען מאַריע אַנטואנעטע. — איהר פּראָצעס בעפוילען, אָבער אָבגעלייגט. — איהר הינריכטונג. — די פערדאמונג פון די ארעסטירטע זשיראָנדיסטען. — אַנדערע קומען נאַכהער. — דער אָנהויב פון טעררּאָר.

---

זייט דעם 31סטען מאַי און די פערהאַפטונג פון די וויכטיגסטע זשיראָנדיסטישע מיטגליעדער, האָט „דער באַרג“ געדולדיג געארבייט דורך דעם גאנצען זומער פון 1793 פאר די גרינדונג פון אַ שטאַרקער רעגיערונג, וואָס זאָל זיין קאָנצענטרירט אין פּאַריז, און וועלכע זאָל קענען פערטיג ווערען מיט דעם איינדרינגענדען שונא און מיט די אויפשטענדע אין די פּראָווינצען און מיט אירגענד א פּאָלקס־אויפשטאַנד, וואָס זאָל קע־

גען זיך אויפהויבען אונטער דער פיהרונג פון די „עקסטרימע“ און די קאָממוניסטען.

מיר האָבען געזעהען, דאָס אין אפּריל האָט די קאָנוועגשען פּערטרויט די צענטראַלע מאַכט צו אַ קאָמיטע פון עפּענטליכען וואוילזיין און נאָך דעם 31סטען מאי האָט זי אָנגעהאַלטען אַלץ אין פערשטאַרקערען דיזע קאָמיטע מיט נייע עלעמענטען פון די מאָנטאַנאַרען*) און ווען די אָנווענדונג פון דער נייער קאָנסטי־טוציע איז אָבגעלייגט געוואָרען ביז די מלחמה וועט זיין געענ־דיגט, האָבען די ביידע קאָמיטעס—פון עפּענטליכען וואוילזיין און

*) די קאָמיטע פון עפּענטליכען וואוילזיין, וועלכע איז אין אָנ־פאַנג געוועזן מעהר אַ דאַנטאָניסטישע, איז נאָך דעם 31־סטען מאַי געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר ראָבעספּיעריסטיש. סען זשוסט און קוטהאָן זיינען געוועזן איהרע מיטגליעדער שוין דעם 30סטען מאַי, און זשינבאָן סען אַנדרע האָט זיך אָן איהר אָנגעשלאָסען דעם 12טען יוני. ראָבעספּיער אַליין איז געוואָרען אַ מיטגליעד איהרער דעם 27סטען יולי. קאַרנאָ און פּריער זיינען אויפגענומען געוואָרען, אלס מיטגליעדער דעם 14טען אויגוסט, און קאָלאָ ד'הערבאיס און ביללאָ־וואָרען דעם 6טען סעפּטעמבער, נאָך דעם אויפשטאַנד פון דעם 4טען און 5טען פון דיזען מאָנאַט. דריי פּאַרטייען זיינען געוועזן אין דיזער קאָמיטע: די טעררארָיסטען, קאָלאָ ד'הערבאיז און ביללא־וואַרען; די ארבייטער, קארנאָ פאר די מלחמה און פּריע פאר די פיהרונג פון דער מיליטער און לינדע פאר די בעזאָרגונג פון דער ארמיי און „די מענער דער טהאַט“, ראָבעספּיער, סאן זשוסט און קוטהאן. די קאָמיטע פון עפּענטליכער זיכערהייט, וועלכע האָט רעפּרעזענטירט די שטאַאַט־פּאָליציי, איז בעשטאַנען הויפּטזעכליך פון בעאַמטע פון דעם אַלטען רעזשים. עס ווילט זיך זאָגאַר פרעגען, אויב פיעלע פון דיזע מענער האָבען ניט בעהאַלטען ביי זיך זייערע אַלטע סימפּאַטהיען. דער עפּענט־ליכער אנקלעגער פון דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל, פעקוויע־טינוויל — איז געוועזן פאָלשטענדיג אונטערוואָרפען דער קאָמיטע פון עפּענטליכער זיכערהייט, וועמעס בעפעהלע ער פלעגט קומען יעדען אבענד אויפצונעהמען.

עפּענטליכער זיכערהייט — אָנגעגאַנגען מיט דער קאָנצענטרירונג פון דער מאַכט אין זייערע הענד, אָננעהמענדיג אַ געמעסיגטע פּאָליטיק, די פּאָליטיק פון צו שטעהען אויף דעם מיטעל־וועג צווישען די ביידע פּאַרטגעשריטענע פּאַרטייען, דער פּארטיי פון די עקסטרימע און דער קאָממונע פון פּאריז און די נאָכפאָלגער פון דאַנטאָן, הינטער וועמען עס זיינען געשטאַנען די זשיראָנדיסטען.

אין דיזער ארבייט פון קאָנצענטרירען די מאַכט זיינען די ביידע קאָמיטעס שטאַרק אונטערשטיצט געוואָרען פון די יאקאָבינער, וועלכע האָבען אויסגעבדייט זייער ספערע פון טהעטיגקייט אויף איבער די פּראָווינצען און האָבען זיך געגרינדעט אין אַ פעסט־געשלאָסענע פּאַרטיי. פון אַכט הונדערט אין 1791, האָט די צאָהל פּעראיינען, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען צו די יאקאָבינער, אין 1793 געשטיגען ביז אכט טויזענד. און יעדער איינער פון דיזע פּעראיינען איז געוואָרען אַ שטיצע פאר די רעפּובליקאַנישע מיטעל־קלאַסען. זיי זיינען אויך געווען די וויעגעלאך, וואו עס האָבען זיך געהאָדעוועט די פּיעלע בעאַמטע פאר די נייע ביוראָקראטיע, און זיי זיינען אויך געווען די פּאָליס־מיטעל־פּונקטען, וועלכע די רעגיערונג האָט געברויכט, אום אויסצוגעפינען איהרע שונאים און זיך בעפרייען פון זיי.

אויסער דעם, פערציג טויזענד רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס האָבען זיך געבילדעט אין די שטעדט און אין די דאָרף־קאָממונען, ווי אויך אין די סעקציאָנען, און אלע דיזע געמיינדען, וועלכע זיינען געווען, ווי מישלע האָט עס שוין בעמערקט, אונטער דער פיהרערשאַפט פון די געבילדעטע מיטעל־קלאַסע־מענשען — זעהר אָפט בעאַמטע פון דעם אַלטען רעזשים — האָט די קאָנווענשען באַלד געשטעלט אונטער דער קאָנטראָלע פון דער קאָמיטע פון דער אלגעמיינער זיכערהייט, וועהרענד די סעקציאָנען גופא, ווי אויך די פּאָלקס־פעראיינען זיינען ראַש אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אָרגאַנען פון דער צענטראַל־רעגיערונג, אזוי, דאָס זיי זיינען געוואָרען בלויז צווייגען, טהיילען פון דער רעפּובליקאַנער ביוראָקראטיע.

צו דער זעלבער צייט איז דער צושטאַנד פון פּאַריז געווען

וויט, ווייט פון צו זיין א געזיכערטער. די ענערגישע מענשען, די בעסטע רעוואָלוציאָנערען, האָבען זיך איינגעשריבען אין 1792 און 1793 אין די ארמיי, און זיינען אװעק נאָך די וואנדיי, וועהרענד די ראָיאליסטען האָבען אָנגעהויבען אויפצוהויבען זייערע קעפּ. בענוצענדיג זיך מיט דער אָבגעשוואכטער אויפפּאַסונג פון די סעקציאָנען, האָבען זיך די ראָיאליסטען צוריקגעקעהרט אין א גרויסער צאָהל נאָך פּאריז. אין אויגוסט האָט דער אויסעראָרדענטליכער לוקסוס פון דעם אלטען רעזשים ווידער א מאָל פּלוצלינג זיך בעוויזען. די עפענטליכע פּארקען און די טהעאטערע זיינען געוועזען איבערפילט פון די מאָסקאַדינס*), אין די טהעאטערע זיינען ווילד אפּלאָדירט געוואָרען ראָיאליסטישע פּיעסען און רעפּובליקאנישע זיינען אויסגעפייפט געוואָרען. אין איינער פון די ראָיאליסטישע שטיקער זיינען געשילדערט געוואָרען דער טעמפּעל־געפענגנים און די בעפרייאונג פון דער קעניגין, און עס האָט זיך וועניג געפאָדערט, אז די אנטלויפונג פון מאריע אנטואנעט זאָל ווערען א ווירקליכקייט.

די סעקציאָנען זיינען געוועזען איבערפילט פון ראָיאליסטען און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען. און ווען די יונגע ארבייטער, מיעד פון זייער לאנגען ארבייטס־טאָג, האָבען זיך פערזאמעלט אויף די אלגעמיינע מיטינגען פון די סעקציאָנען, זיינען די יונגע מענשען פון די מיטעל־קלאסען, בעוואפענט מיט קלאָבס, געקומען צו דיזע מיטינגען און האָבען אויסגעפיהרט, אז אלעס זאָל געשטימט ווערען, ווי זיי האָבען געוואָלט.

געוויס וואָלטען די סעקציאָנען געקעמפּפט געגען אזא פערגעוואלטיגונג, ווי זיי האָבען דאָס שוין איינמאָל פריהער געטהאָן, יעדע איינע, העלפענדיג די נאכבאר־סעקציאָנען, אָבער די יאקאָבינער זיינען געוועזען איפּערזיכטיג אויף די מאכט פון די סעקציאָנען, און זיי האָבען אָנגעווענדעט די ערשטע געלעגענהייט, וואָס

*) א צונעמעניש, וואָס עס האָבען געקראָגען די רייך־אויסגעציערטע פראנטען פון די רייכערע קלאסען.

איז זיי געקומען צו דער האנד, אום צו פּאראליזירען זיי. דיזע געלעגענהייט האָט ניט געלאָזט לאנג ווארטען אויף זיך.

ברויט איז נאָך אלץ געווען זעהר וועניג און טהייער אין פּאריז, און דעם 4טען סעפּטעמבער האָבען זיך פערזאמעלט גרויסע מאסען ארום האָטעל דע־וויל מיט דעם געשריי: „מיר ווילען ברויט!"*) דיזע געשרייען זיינען געוואָרען אלץ שטאר־קער, און עס האָט זיך געפאָרדערט די גאנצע פּאָפּולאריטעט און וויציגקייט פון שאָמעט, דעם אָראטאָר, וואָס די פּאריזער האָ־בען אם מייסטען געליעבט, אום איינצושטילען די מאסען.

די קאָנווענשען אָבער, ניט זי האָט געוואוסט און ניט זי האָט געוואונשען צו וויסען און צו האנדלען מיט די אמת'ע אור־זאכען פון דיזער בעוועגונג. אלעס, וואָס זי האָט געטהאָן, איז צו סטראשען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען מיט שטרענגע אונ־טערדריקונג און צו פערשטארקען די צענטראל־רעגיערונג. אין דער ווירקליכקייט, ניט די קאָנווענשען, ניט די קאָמיטע פון עפענטליכען וואוילזיין און זאָגאר ניט די קאָממונע — די עקזיס־טענץ פון וועלכער איז שוין געווען אין געפאהר דורך די קאָמיטע — האָבען ארויסגעוויזען די מינדעסטע פעהיגקייט צו בעגרייפען און האנדלען מיט דער לאגע ווי זי איז געווען. עס איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל אויסדריקען די קאָממוניסטישע אידעען, וועלכע זיינען געוואקסען צווישען פאָלק מיט דער זעלבער קראפט, מיט דעמזעלבען מוטה און דער זעלבער פינקטליכקייט, וועלכע דאנטאָן, ראָבעספּיער און בארער און אזוי פיעל אנדערע האָבען געברויכט, אום אויסצודריקען די שטרעבונגען פון די

---

*) עס איז מעגליך, זאָגאר וואהרשיינליך, דאָס אויך ראָיאליס־טען האָבען געארבייט אין די סעקציאָנען, אום אויפצובלאָזען דיזע בעוועגונג. דאָס איז געווען אן אלטער טריק פון די רעאקציאָנערען. אָבער צו זאָגען, אז דיזע בעוועגונג איז געווען דער אויפטהו פון די רעאקציאָנערען, איז אזוי אונזיניג און יעזואיטיש, ווי צו זאָגען, למשל, אז די בעוועגונגען פון 1789 זיינען געווען די ארבייט פון דעם הערצאָג פון אָרלעאנס.

ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע. די אדוואָקאטען פון „א שטארקער רעגיערונג" — מיטעל־קלאסישע מיטעלמעסיגקייטען, מעהר אָדער וועניגער דעמאָקראטיש אין זייערע אנזיכטען — האָבען אלץ מעהר און מעהר געקראָגען די אויבער־האנד.

דער אמת איז, דאָס דער אלטער רעזשים האָט נאָך אלץ געהאט זיין קראפט, און דיזע קראפט איז די לעצטע צייט פערשטארקט געוואָרען פון די גראדע, וועמען די רעוואָלוציע האָט אזוי פיעל געגעבען. אום צו צוברעכען דיזע מאכט איז נויטיג געווען א נייע פאָלקס־רעוואָלוציע, א רעוואָלוציע מיט דעם גלייכהייט־פּרינציפּ. אָבער די גרעסערע צאָהל פון די רעוואָלוציאָנערען פון 1789—1792 האָבען ניט געוואָלט אזא זאך. די מאיאָריטעט פון די מיטעלע קלאסען, וועלכע האָבען געהאט רעוואָלוציאָנערע אנזיכטען אין 1792־1798, האָבען איצט געדענקט, אז די רעוואָלוציע געהט שוין צו ווייט. וועט דיזע רעוואָלוציע זיין פעהיג צו שטערען די „אנארכיסטען" אויסצוגלייכען די רייכטהימער? וועט זי דען ניט מאכען די בויערען שוין צו בעקוועם? אזוי בעקוועם, אז זיי וועלען זיך ענטזאגען צו ארבייטען פאר די קונים פון נאציאָנאלען לאנד? וואו־זשע וועלען זיי געפינען ארבייטער, אום צו מאכען פון זיי פּראָפיט? וואָרים, אויב די קונים האָבען ארייננעליינגט מיליאָנען אין די שטאאט־קאסע פאר דאָס לאנד, וואָס זיי האָבען געקויפט, האָבען זיי עס דאָך געוויס געטהאָן, אום צו ציהען פּראָפיט פון לאנד, אָבער וואָס וועלען זיי טהאָן, אויב עס וועלען ניט זיין מעהר קיין ארבייטסלאָזע פּראָלעטאריער אין די דערפער?

די הויף־פּארטיי און די אריסטאָקראטיע האָבען דארום איצט געהאט אלס פערבינדעטע, אלס העלפער, א גאנצען קלאס מענשען, וועלכע האָבען געקויפט נאציאָנאלען לאנד, גאנצע ארמייען פון די זאָגענאנטע „שווארצע באנדעס", וואָס האָבען ספּעקולירט מיט דעם קויפען און פערקויפען פון נאציאָנאלע גיטער, גאנצע מאסען קאָנטראקטאָרס, וואָס האָבען ספּעקולירט אין דער צושטעלונג פון פּראָוויזיע פאר דער ארמיי, און מאסען מענשען, וואָס האָבען ספּעקולירט אין דעם פּאפּיער־געלד און אין די אלע

נויטווענדיגע לעבענס־מיטעל. זיי אלע האָבען געמאַכט זייערע פערמעגענס, און זיי האָבען זיך איצט געאיילט צו געניסען זיי אונגעשטערט—צו מאַכען א סוף צו דער רעוואָלוציע, נור מיט דעם איינציגען תנאי, אז דאָס אייגענטהום, וואָס זיי האָבען געקראָגען און די פערמעגענס, וואָס זיי האָבען אָנגעזאמעלט, זאָל ניט צוגענומען ווערען פון זיי. א נייַ־בעשאַפענע מאַסע פון נידעריגע מיטעל־קלאַס מענשען האָט זיי געשטיצט אין דעם אין די דערפער. און זיי אלע האָבען זיך געקימערט גאַנץ ווייניג, וואָס פאר א סאָרט רעגיערונג זיי וועלען האָבען, אבי נור זי זאָל זיין שטאַרק, אבי זי זאָל נור קענען האַלטען אין צוים די סאַנקיולאָטען, און האַלטען זיך פעסט געגען ענגלאַנד, עסטרייך און פרייסען, וועלכע, אויב זיי זאָלען זיין זיעגרייך, קענען נאָך וועלען צוריקגעבען די פריהערדיגע אייגענטהימער זייער אייגענטהום, וועלכען די רעוואָלוציע האָט צוגענומען פון די גייסטליכע און פון די ראָיאליסטישע עמיגראַנטען.

דערפאַר האָט די קאָנווענשען און די קאָמיטע פון עפענטליכען וואוילזיין, זעהענדיג, אז זייער אויטאָריטעט איז אין געפאהר דורך די קאָממונע און די סעקציאָנען, געהאַט עס גאַנץ לייכט צו בענוצען זיך מיט דעם מאנגעל פון פעסטקייט אין דער בעוועגונג פון די ערשטע טעג פון סעפטעמבער און צו געבען נייע מאַכט צו דער צענטראַל רעגיערונג.

אמת, די קאָנווענשען האָט בעשלאָסען אָבצושטעלען דעם האַנדעל אין פאַפּיער־געלד, פארבאָטענדיג עס מיט „דער בעשטראָפונג פון טוידט“, און „א רעוואָלוציאָנערע ארמיי“ פון זעקס טויזענד מענער איז אָרגאַניזירט געוואָרען אונטער דער לייטונג פון דעם העבערטיסט ראָנזין מיט דעם צוועק צו שטערען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען און אום צו קריגען שפּייז אין די דערפער ארום פאַריז. אָבער אזוי ווי דיזער בעשלוס איז ניט געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט א וויכטיגער טהאַט פון צו געבען דאָס לאַנד צו די יעניגע, וועלכע האָבען געוואונשען זי צו בעארביטען, זיינען די פאָרדערונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער ארמיי אין די דערפער געוואָרען נאָך איין אורזאכע מעהר פאר דעם האס

פון די דערפער געגען פאַריז, און דער רעזולטאַט איז געווען, אז עס איז געוואָרען נאָך פיעל שווערער, ווי פריהער, צו קריגען נאַהרונגס־מיטלען פאר פאַריז.

אין אַלגעמיין האָט די קאָנווענשען ניט געטהאָן מעהר, ווי געסטראַשעט מיט טעררער, און מיט דער פערשטאַרקערונג פון דער רעגיערונג. דאַנטאָן האָט גערעדט פון א בעוואפענטער נאַציאָן און האָט געסטראשעט די ראָיאַליסטען. „יעדען טאָג", האָט ער געזאָגט, „האָט א וועלכער־עס־איז אריסטאָקראַט, א וועלכער־עס־איז לומפּ בעדארפט בעצאָהלען מיט זיין קאָפּ פאר זיינע פערברעכענס." די יאקאָבינער האָבען געפאָדערט די פּראָצעסירונג פון די אַרעסטירטע זשיראָנדיסטען. העבערט האָט גערעדט פון „אַן אונאויפהערליכער גיליאָטינע". דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל האָט מען געזעהען צו מאַכען מעהר ווירקזאַם, און זוכונגען אין פריוואַט־הייזער איז ערלויבט געוואָרען צו מאַכען זאָגאר ביי־נאַכט.

און צו דער זעלבער צייט, ווען מען האָט געסטראשעט די נאַציאָן מיט א שרעקען־הערשאַפט, האָט מען אָנגענומען פערשיעדענע מיטלען אום אָבצושוואַכען די קאָממונע. אזוי ווי די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס פון די סעקציאָנען, וועלכע האָבען געהאַט די מאַכט פון דער געריכט־פּאָליציי, איינשליסענדיג אויך די מאַכט צו אַרעסטירען, זיינען בעשולדיגט געוואָרען אין דעם, וואָס זיי האָבען אָפּט מיסברויכט מיט זייער מאַכט, האָט שאָמעט אויסגעפיהרט זיי אַוועקצושטעלען אונטער די השגחה פון דער קאָממונע און געצוואונגען זיי אויסצושליסען זייערע מיטגליעדער, אויף וועלכע מען האָט זיך ניט געקאָנט שטאַרק פערלאָזען. אָבער צוועלף טעג שפּעטער, דעם 17טען סעפּטעמבער, 1793, האָט די קאָנווענשען, ווערענדיג אייפערזיכטיג אויף די פערשטאַרקטע מאַכט פון דער קאָממונע, אַוועקגענומען דיזעס רעכט פון איהר קאָנקורענט און די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אונטער דער דירעקטער קאָנטראָל פון דער קאָמיטע פון עפּענטליכער זיכערהייט, יענער שרעקליכער מאַכט פון דער געהיים־פּאָליציי, וועלכע איז אויסגעוואַקסען ביי

דער זייט פון דער קאָמיטע פון עפּענטליכען וואוילזיין, און איז געוואָרען אַזוי שטאַרק, דאָס עס איז געווען ניט ווייט די סכנה, אז זי זאָל איהר אין גאַנצען איינשלינגען.

וואָס אנבעטרעפט די סעקציאָנען, אונטער דעם אויסרייד, אז זיי ווערען איבערפילט פון די אנטי־רעוואָלוציאָנערען, האָט די קאָנווענשען בעשלאָסען דעם 9טען סעפּטעמבער, דאָס די צאָהל פון זייערע אלגעמיינע מיטינגען זאָל פערקלענערט ווערען אויף צוויי אַ וואָך, און אום צו פערזיסען דעם ביטערען פּיל, איז בעשטימט געוואָרען צו צוויי פראַנק פאר יענע סאַנקיולאָטען, וועלכע זיינען געקומען צו דיזע פערזאמלונגען און וועלכע האָבען געלעבט דורך ארבייט מיט זייערע הענד, — אַ בעשלוס, וועלכער איז אָפּט בעטראַכט געוואָרען, אלס אַ שטאַרק רעוואָלוציאָנערער, אָבער אויף וועלכען די סעקציאָנען האָבען גאַנץ אַנדערש געקוקט. מאַנכע פון דיזע סעקציאָנען האָבען זיך ענטזאַגט פון דיזער בעצאָהלונג און האָבען פערדאמט דעם פּרינציפּ, וועהרענד אַנדערע האָבען געמאַכט אַ זעהר געמעסיגטען געברויך פון דיזער גוטסקייט פון דער קאָנווענשען.

דעם 19טען סעפּטעמבער איז צו דעם ארסענאַל פון די אונ־טערדריקונגס־געזעצע צוגעקומען נאָך דער שרעקליכער „געזעץ פון די פערדעכטיגטע“. דיזער געזעץ האָט געמאכט מעגליך די ארעסטירונג פון אלע אריסטאָקראטען, ביי וועמען מען האָט צו־גענומען זייער אייגענטהום, פון אלע די, וועלכע זאָלען זיין פער־דעכטיג, „אלס אנהענגער פון טיראַניי אָדער פעאָדאליזם“, פון אַלע, וועלכע „ערפילען ניט זייערע בירגערליכע פליכטען“ — אין דער טהאַט, פון די אַלע, וועלכע האָבען ניט שטענדיג ארויסגעוויזען זייער איבערגעבענהייט צו דער רעוואָלוציע. לויט בלאַן און אַלע אַנדערע בעוואונדערער פון שטאַאט ערקלערען דיזען געזעץ אלס א מיטעל פון א זעהר טיפער פּאָליטיק, וועהרענד אין דער ווירקליכקייט האָט ער נור אָנגעוויזען אויף די אונפעהיג־קייט פון דער קאָנווענשען אָנצוגעהן אין דער ריכטונג, וואָס איז ערעפענט געוואָרען פון דער רעוואָלוציע. עס האָט אויך פּאָרבע־רייטעט דעם וועג פאר די שרעקליכע איבערפילונג פון די געפענג־

ניסע, וועלכע האָט שפּעטער געפיהרט צו דעם דערטרינקען פון די ארעסטירטע דורך קאריע אין נאנטעס, צו דער אלגעמיינער ער־שיסונג פון ארעסטירטע דורך קאָלאָ אין ליאָן, צו די מאסען־אויסשלאכטונגען אין יוני און יולי, 1794, אין פאריז און, מעהר פון אלץ, האָט עס פאָרבערייטעט דעם שטורץ פון דעם רעזשים פון די מאנטאנארען.

אזוי ווי עס איז אין פאריז אויסגעוואקסען אזא מעכטיגע רעגיערונג, האָבען זיך אונפערמיידליך אָנגעהויבען שרעקליכע קעמפפע צווישען די פערשיעדענע פּאָליטישע פראקציעס, אום צו בעשליסען אין וועמעס הענד עס זאָל זיין דיזער מעכטיגער וואַ־פען. דעם 25טען סעפּטעמבער האָט אין דער קאָנווענשען שטאַט־געפונען אַן אָפענער קאמפף צווישען דיזע אלע פארטייען, און דער זיעג איז פערבליבען פאר די, וועלכע האָבען רעפּרעזענ־טירט די פארטיי פון דעם גאָלדענעם מיטעל־וועג — פאר די יאַ־קאָבינער און ראָבעספּיער, זייער געטרייען רעפּרעזענטאנט. אונ־טער זייער איינפלוס איז דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאל צו־נויפגעשטעלט געוואָרען פון די, וועמען זיי האָבען נאָמינירט.

אכט טעג שפּעטער, דעם דריטען אָקטאָבער, האָט די נייע מאכט ארויסגעוויזען זיך אין איהר ריכטיגען קאָליר. יענעם טאָג האָט אמאר, א מיטגליעד פון דער קאָמיטע פון דער עפענטלי־כער זיכערהייט, אָבגעגעבען זיין רעפּאָרט, נאָך א שטארקען וואַק־לען־זיך, וועגען די זשיראָנדיסטען, וועלכע זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען דעם 2טען יוני פון דער קאָנווענשען, אין וועלכען ער האָט געפאָדערט, אז זיי זאָלען געבראכט ווערען פאר דעם רעוואָלו־ציאָנערען טריבונאל; און צי אוים מורא אָדער צוליעב אירגענד אַן אנדער טעם איז ער אוועק פיעל ווייטער אין די אנדערע ריכ־טונג און האָט געפאָדערט, אז אויסער די 31 מענשען, וועמען ער האָט בעשולדיגט, זאָלען אויך פערפאָלגט ווערען די 73 זשי־ראָנדיסטישע דעפּוטאטען, וועלכע האָבען פּראָטעסטירט אין יוני געגען די פערשוועכונג פון דער נאציאָנאלער רעפּרעזענטאציאָן אין דער קאָנווענשען, אָבער וועלכע זיינען דאָך געבליבען זיצען דאָרט. צו יעדערענס גרויסער פערוואונדערונג, איז ראָבעספּיער

געוועז שטאַרק געגען דיזען פּאָרשלאַג. עס איז ניט דער „רענק־ענד־פייל“, האָט ער ערקלערט, „וואָס דאַרף בעשטראָפט ווערען; עס געניגט צו בעשטראָפען זייערע פיהרער. און אַזוי ווי ער איז אונטערשטיצט געוואָרען אין דעם פון דער „רעכטער“ און פון די יאַקאָבינער, האָט ער אויסגעפיהרט ביי דער קאָנווענשען, און אַזוי האָט ער געקראָגען די בעריהמטהייט פון אַ פריעדענס־שטיפטער, וואָס איז פעהיג צו בעהערשען סיי די קאָנווענשען און סיי די ביידע קאָמיטעס.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיין פריינד סען זשוסט פאָר־געלעזען אַ רעפּאָרט פאַר דער קאָנווענשען, אין וועלכען ער האָט זיך בעקלאָגט אויף די קאָררופּציאָן און טיראַניי פון דער נייער ביוראָקראַטיע, האָט אָנגעדייטעט אויף די קאָממונע פון פּאַריז — שאָמעט און זיין פּאַרטיי — און האָט געענדיגט מיט אַן אויפ־פאָרדערונג, דאָס „די רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג זאָל אויפגע־האַלטען ווערען, ביז דער פריעדען וועט געשלאָסען ווערען.“

די קאָנווענשען האָט אָנגענומען זיין ראַטה, און אַזוי איז די צענטראַלע רעגיערונג ענדליך געגרינדעט געוואָרען.

ווערענד עס האָבען פּאַסירט דיזע קעמפּפע אין פּאַריז, איז די מיליטערישע לאַגע געווען אַ זעהר טרויעריגע. אין אוי־גוסט איז ארויסגעלאָזען געוואָרען אַ בעפעהל פאַר די איינשריי־בונג פון נייע רעקרוטען אין די ארמיי. און דאַנטאָן, האָבענדיג צוריקגעקראָגען זיין ענערגיע און זיין טיעפען איינבליק אין דעם, ווי דאָס פּאָלק האָט געפיהלט, האָט געהאַט דעם גוטען געדאַנק איבערצוגעבען דיזע גאַנצע ארבייט פון קריגען נייע סאָלדאַטען אין די הענד, ניט פון דער רעוואָלוציאָנערער ביוראָקראַטיע, נור פון די אכט הונדערט קאָנפעדערירטע, וועלכע זיינען געשיקט גע־וואָרען נאָך פּאַריז אין די ערשטע וואהל־פערזאמלונגען, אום צו געבען זייער צושטימונג צו דער קאָנסטיטוציע. דיזער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרען דעם 25טען אוגוסט.

אָבער, אַזוי ווי אַ העלפט פון פראַנקרייך האָט ניט גע־וואונשען קיין מלחמה, איז די רעקרוטען־איינשרייבונג אָנגעגאַנ־

גען זעהר לאנגזאם. און דאן האָבען געפעהלט אי וואפען און אי אממוניציע.

עס זיינען צוערשט געקומען א רייהע פון מפּלות פאר די רעפּובליק אין אויגוסט און סעפּטעמבער. טולאן איז געווען אין די הענד פון די ענגלענדער. מארסעל און פראָוואַנס האָבען רע־וואָלטירט געגען די קאָנווענשען; די בעלאגערונג פון ליאָן האָט נאָך אלץ אָנגעהאלטען — זי האָט אָנגעהאלטען ביז דעם 18טען אָקטאָבער — און די לאגע אין דער וואנדיי איז אויך דאָס מינ־דעסטע ניט בעסער געוואָרען. עס איז ערשט געווען דעם 16טען אָקטאָבער, ווען די ארמייען פון דער רעפּובליק האָבען געוואונען זייער ערשטען זיעג און דעם 18טען, ווען די וואנדייער, גע־שלאָגען פון באללע, זיינען אריבער דעם טייך ל'איר צו נאָרד צו. אָבער די אויסשלאכטונגען פון די רעפּובליקאנער האָבען נאָך אלץ ניט אויפגעהערט און קארע האָט געשאָסען אלע די, וועלכע האָ־בען זיך אונטערגעגעבען.

עס איז לייכט צו פערשטעהן, דאָס ביין אנבליק פון דיזער גאנצער בלוט־פערגיסונג, פון די איבער־מענשליכע אנשטרענ־גונגען, וועלכע פראנקרייך האָט געמאכט אום צו בעפרייען זיך פון דעם אויסערליכען שונא, און פון די אונגלויבליכע ליידען פון דער גרויסער מאסע פראנצויזען, איז דער געשריי: „טוידט צו די פיינד פון דער רעוואָלוציע, הויך אָדער נידעריג" געקומען פון די הערצער פון די רעוואָלוציאָנערען. א נאציאָן קען ניט אונ־טערדריקט ווערען אזוי, אז זי זאָל שוין ניט קענען מעהר איבער־טראָגען, און זי זאָל ניט אָנהויבען צו רעוואָלטירען.

דעם 3טען אָקטאָבער איז געגעבען געוואָרען דער בעפעהל צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאל צו משפּט'ן מאריע אנטואנעט. זייט פעברואר האָט מען ניט אויפגעהערט דערצעהלען פון פער־שיעדענע פּראָבען צו בעפרייען די קעניגין. מאנכע פון דיזע פערזוכען, ווי מיר וועלען עס היינט, האָבען זיך שיער, שיער איינגעגעבען. די מוניציפּאלע אָפיציערען, וועמען די קאָממונע האָט אוועקגעשטעלט היטען דעם טעמפּעל, זיינען אריבערגע־שלעפּט געוואָרען פון די אנהענגער פון דער קעניגליכער פּאַ־

מיליע אויף די זייט פון דער ארעסטירטער קעניגין. פולאן, ברונאָ, מעלליע, ווינסען, און מישאָנים זיינען געווען צווישען זיי. לעפּיטער, א פערברענטער ראָיאליסט, איז געווען אין דעם דיענסט פון דער קאָממונע און האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט אין די סעקציאָנען דורך זיינע פאָרטגעשריטענע מיינונגען. אַן אנדער ראָיאַליסט, באָלט, האָט געקראָגען די שטעלע פון א וועכטער אין דעם געפענגניס, וואו די קעניגין איז איצט געהאַלטען געוואָרען. איין פערזוך צו לאָזען די קעניגין אַנטלויפען איז דורכגעפאַלען אין פעברואר. אָבער א צווייטער פערזוך אַזאַ, אָרגאַניזירט פון מישאָנים און באַראָן דע באַטץ, האָט זיך שיער איינגעגעבען. נאָך דער ענטדעקונג פון דיזען פערזוך (דעם 11טען יולי) איז די קעניגין צוערשט אָבגעזונדערט געוואָרען פון איהר זוהן, וועמען מען האָט איבערגעגעבען צום שוסטער סימאָן, ער זאָל אויפפּאַסען אויף איהם. די קעניגין איז דאַן אריבערגעבראַכט געוואָרען אין די קאָנסערזשערי־געפענגניס. אָבער די פערזוכע איהר צו בעפרייען האָבען פונדעסטוועגען ניט אויפגעהערט, און אַ ריטער פון סאַנט־לואי, רוגעוויל, האָט זאָגאַר אויסגעפיהרט צוצוקומען צו איהר, וועהרענד באָלט, אַלס דער וועכטער, האָט פאַר איהר אָנגעהאַלטען די פערהעלטניסע מיט דער אויסער וועלט. יעדער פּלאַן פאַר איהר בעפרייאונג האָט פעראורזאַכט א גרויסע אויפרעגונג צווישען די ראָיאַליסטען, וועלכע האָבען געסטראַשעט מיט א שטאַאַטשטרייך און אַ באַלדיגער אויסשלאַכטונג פון אַלע אַנהענגער און מיטגליעדער פון דער קאָנווענשען און פון די פּאַטריאָטען אין אַלגעמיין.

עס איז גאַנץ מעגליך, דאָס די קאָנווענשען וואָלט ניט אָבגעלייגט דעם פּראָצעס פון מאַריע אנטואַנעט ביז אָקטאָבער, ווען זי וואָלט ניט געהאָפּט אָבצוהאַלטען די אריינדרינגונג פון די פעראייניגטע מאָנאַרכען מיט דעם תנאי צו בעפרייען די קעניגין. עס איז ווירקליך בעקאַנט, דאָס די קאָמיטע פון עפּפענטליכען וואוילזיין האָט געגעבען אינסטרוקציאָנען אין דיזען זין אין יולי צו איהרע קאָמיסיאָנערען, סעמאָנוויל און מאַרע, וועלכע זיי־

נען ארעסטירט געוואָרען אין איטאַליען דורך דעם גובערנאַטאָר פון מילאַן, און עס איז אויך בעקאַנט, דאָס פערהאַנדלונגען פאַר די פריילאָזונג פון דער קרוין־פּרינצעסין זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען נאָך פיעל שפּעטער.

די אנשטרענגונגען פון מאַריע אַנטואַנעט צו ברענגען די דייטשען אין פראַנקרייך און איהרע פעררעטהערייען אום צו פערלייכטערען דעם זיעג פון דעם שונא זיינען צו גוט בעקאַנט — איצט, אז איהר קאָררעספּאָנדענץ מיט פערזען איז פערעפענטליכט געוואָרען — אז עס זאָל זיך לוינען אָבצושטרייטען די פאַבלען פון איהרע מאָדערנע פערטהיידיגער, וועלכע ווילען בעווייזען, אז זי איז געווען כמעט א הייליגע. די עפפענטליכע מיינונג פון 1793 האָט ניט געמאַכט קיין טעות, ווען זי האָט בעשולדיגט די טאָכטער מאַריע־טערעזאַ'ס צו זיין זאָגאַר מעהר שולדיג, ווי לואי דער זעכצעהנטער. זי איז געשטאָרבען אויף דער גילִיאָטינע דעם 16טען אָקטאָבער.

די זשיראָנדיסטען האָבען איהר באַלד נאָכגעפאָלגט. ווי בעקאַנט, ווען איין־און־דרייסיג פון זיי זיינען ארעסטירט געוואָרען דעם צווייטען יוני, האָט מען זיי געלאָזען די פרייהייט צו געהן אין פאַריז מיט דעם תנאי פון צו זיין בעגלייט פון א זשאַנדאַרם. מען האָט אַזוי ווענִיג געטראַכט פון טוידטען זיי, דאָס אייניגע גוט־בעקאַנטע מאָנטאַנאַרען האָבען זיך אָנגעבאָטען צו געהן צו די דעפּאַרטמענטס פון די ארעסטירטע זשיראָנדיסטען, און זיך לאָזען האַלטען, אלס משכן פאַר די זיכערהייט פון די ארעסטירטע זשיראָנדיסטען. אָבער די מייסטע פון די ארעסטירטע זשיראָנדיסטען זיינען אַנטלאָפען פון פאַריז און זיינען אוועק אין די פּראָווינצען צו פּראָפּאַגאַנדירען בירגער־קריעג. מאַנכע האָבען אויפגעהעצט נאָרמאַנדיען און ברעטאַין, אנדערע האָבען צוגערעדט באָרדאָ, מאַרסעל און פּראָוואַנס צו רעבעלליִרען, און איבעראל זיינען זיי געוואָרען די פערבינדעטע פון די ראָיאַליסטען.

אין דיזער צייט זיינען פון די 31, וואָס זיינען ארעסטירט געוואָרען דעם 2טען יוני, בלויז 12 געבליבען אין פאַריז. צו דיזע

זיינען צוגעגעבען געוואָרען נאָך צעהן זשיראָנדיסטען, און דער פאַל זייערער איז פאָרגעקומען פאַר'ן געריכט דעם 3טען ברומער (דעם 22טען אָקטאָבער). די זשיראָנדיסטען האָבען זיך מוטהיג פערטהיידיגט, און אזוי ווי זייערע רעדען האָבען אויסגעזעהען צו מאַכען א ווירקונג אפילו אויף די אויסגעקליבענע דזשורי פון דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל, האָט די קאָמיטע פון עפענט־ליכען וואוילזיין אויף שנעל גע'פועל'ט א געזעץ פון דער קאָנ־ווענשאָן פאר די „פערשמעלערונג פון דער פערטהיידיגונג פאר'ן געריכט". דעם 9טען ברומער (אָקטאָבער דעם 28טען) האָט פאָקווער־טינוויל פאָרגעלעזען דיזען נייעם געזעץ פאַר'ן געריכט, דער פּראָצעס איז געשלאָסען געוואָרען, און די צוויי און צוואַנציג זשיראָנדיסטען זיינען פעראורטהיילט געוואָרען. וואלאזע האָט זיך דערשטאָכען און די אַנדערע זיינען אויף מאָרגען היינגעריכטעט געוואָרען.

מאַדאם ראָלאַן, די ווירקליכע בעגייסטערין פון דער זשי־ראָנדיסטישער פאַרטיי, איז היינגעריכטעט געוואָרען נאָוועמבער דעם 8טען. דער געוועזענער מעיאָר פון פאַריז, בעילי, אין ווע־מעם קאָנספיראציע מיט לאַפאַיעט אין דער אויסשלאַכטונג פון דעם 17טען יולי, 1791, איז קיין צווייפעל ניט געווען, גירי דו פּרע, פון ליאָן, בארנאַוו, וועלכער איז איבערגערעדט געוואָרען פון דער קעניגין, וועהרענד ער האָט איהר בעגלייט פון ווארען נאָך פאַריז, האָבען באַלד זיי נאָכגעפאָלגט און אין דעצעמבער האָבען די זשיראָנדיסטען קערסאָן און ראבא סען־עטיען בעשטיגען די גיליאָטינע, ווי אויך מאַדאַם דובארי, וועלכע איז געווען אזוי בעריהמט. ראָלאן און קאָנדארסע האָבען בעגאַנגען זעלבסט־מאָרד.

אזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען דער טעררְאָר, און איינמאָל האָט ער זיך אָנגעפאַנגען, האָט ער געמוזט אָנהאַלטען דעם אונפער־מיידליכען גאַנג פון ענטוויקלונג.

## צוויי און זעכציגסטער קאַפּיטעל.

# ערציהונג. — מעטרישע סיסטעם. — דער נייער קאַלענדאַר. — אַנטי־רעליגיעזע בעוועגונג.

ערציהונג. — די דריי־גראַדען־סיסטעם. — די מעטרישע סיסטעם. — איהר וויכטיגקייט. — דער רעפּובליקאַנישער קאַלענדאַר. — זיין שייכות מיט דער קירכע. — שטרענגע געזעצע געגען פּריסטער. — די ערשטע פערזוכע געגען קריסטענטהום. — ערמונטערט פון דער קאָנוועגשען. — בישאָפּ גאָבעל'ס ערקלערען זיך, אלס אויס קריסט. — דער ענטהוזיאזם פון דער פערזאמלונג. — די בעוועגונג פערשפּרייט זיך. — די פּייערונג פון פרייהייט און פערשטאַנד. — ראָבעספּיער איז דאגעגען. — די אויפפיהרונג פון דאַנטאָן. — ראָבעספּיער און דאַנטאָן. — דער טריאומף פון קאַטהאָליציזם. — די פּייערונג פון דעם העכסטען וועזען. — דער פאָרשפּיעל צום 9טען טהערמידאָר.

---

צווישען אלע דיזע קעמפּפע האָבען די רעוואָלוציאָנערען ניט פערלאָרען פון אויג די גרויסע פראַגע פון נאַציאָנאַלער ערציהונג. זיי האָבען פערזוכט אַוועקצולייגען איהרע פונדאַמענטען אויף די פּרינציפּען פון גלייכהייט. אַ גרויסע מאַסע ארבייט איז ווירקליך אויפגעטהאָן געוואָרען אין דיזער ריכטונג, ווי מען קען דאָס זעהען פון די דאָקומענטען פון דער קאָמיטע פון עפענטליכער ערציהונג, וועלכע זיינען ערשט ניט לאַנג צוריק פערעפענטליכט געוואָרען. דער וואונדערבאַרער רעפּאָרט פון מישעל לעפּעלעטיע איבער ערציהונג, וואָס מען האָט געפונען נאָך זיין טוידט, איז פאָרגעלעזען געוואָרען פאר דער קאָנווענשען און אַ רייהע פון מאַסרעגלען פאר אַ דריי־גראַדיגע סיסטעם פון ערצי־

הונג — עלעמענטאר־שולען, מיטעל־שולען און ספעציעלע שולען — איז אָנגענומען געוואָרען.

אָבער דער גרעסטער אינטעללעקטועלער מאָנומענט פון דיזער פעריאָדע פון דער רעוואָלוציע איז די מעטרישע סיסטעם. דיזע סיסטעם האָט געטהאָן פיעל מעהר, ווי די איינפאכע איינפיהרונג פון אונזער צעהן־סיסטעם, וועלכער איז דער פונדאמענט פון אונזער צעהלען, וואָס דאָס אליין וואָלט געוועזן א גרויסער פאָרטשריט צו דער פעראיינפאכונג פון דער מאטעמאטישער לעהרע און וואָס האָט פיעל געהאָלפען דער ענטוויקלונג פון דעם מאטעמאטישען אַרט דענקען, נור עס האָט אויך געגעבען צו דער פונדאמענטאלער מאָס, דעם מעטר, א לענג (איין פערציג מיליאָנטעל טייל פון דער ערד־מערידיאן), וועלכע קען אימער־צו אויפגעזוכט ווערען מיט א היבשען גראַד פון פינקטליכקייט, אין פאַל, ווען אונזערע מאָסען אין דער צוקונפט זאָלען פערלאָרען געהן, ווי עס זיינען פערלאָרען געוואָרען די מאָסען פון די אלטע ציוויליזאציאָנען — און דיזער פאקט גופא האָט אויפגעפענט נייע האָריזאָנטען פאר'ן געדאַנק. א חוץ אלעמען, פעסטשטעלענדיג אַן איינפאכע פראָפּאָרציע צווישען די אינהאלטען פון לענג, אויבערפלעכע, אומפאסונג און געוויכט, האָט די מעטרישע סיסטעם פאָרבערייט דעם געדאַנק פון דעם קומענדען דור פאר דעם גרויסען זיעג פון דער וויסענשאפט אין דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט — איהר געוויסהייט איבער די איינהייטליכקייט פון די פיזישע כוחות און דער איינהייטליכקייט פון דער נאַטור.

דער נייער רעפובליקאנישער קאַלענדאַר איז געוועזן דער לאָגישער קאַלענדאַר פון דער מעטרישער סיסטעם. ער איז אָנגענומען געוואָרען פון דער קאָנווענשען נאָך צוויי רעפּאָרטען, פאָרגעלעזען פון ראָם סעפּטעמבער דעם 20טען און אָקטאָבער דעם 5טען און נאָך א רעפּאָרט פון פאבר ד'ענגלאַנטין, פאָרגעלעזען דעם 24טען נאָוועמבער, 1793.*)

*) דער רעפובליקאַנער יאָהר איז איינגעטהיילט געוואָרען אין צוועלף מאָנאַטען, יעדער מאָנאַט פון דרייסיג טעג. די נעמען פון

דער נייער קאַלענדאַר האָט אויך איינגעפיהרט א נייע עפּאָכע אין די צעהלונג פון די יאָהרען, וועלכע האָבען זיך אָנגעפאנגען מיט דער פּראָקלאַמירונג פון דער רעפּובליק אין פראנקרייך, דעם 22סטען סעפּטעמבער, 1792. די קריסטליכע וואָך איז אויפגעגעבען געוואָרען. דער זונטאג איז פערשוואונדען, און דער רוהע־טאָג איז געוואָרען יעדער צעהנטער טאָג אין מאָנאַט, דער דעקאדי. *)

דיזע מאָנאַטען זיינען געגעבען געוואָרען פון פאַבר ד'ענגלאַנטין, ווי פאָלגט: ווענדעמער, ברומער און פרימער פאר די הערבסט־מאָנאַטען, פון סעפּטעמבער ביז דעצעמבער, דעם 20סטען. ניוואָז, פּליוואָז און ווענטאָז פאר די ווינטער־מאָנאַטען, פון דעצעמבער דעם 21סטען ביז מערץ דעם 20סטען; זשערמינאַל, פלאָרעאל און פּרעריאל פאר די פריהלינגס־מאָנאַטען, פון מערץ דעם 21סטען ביז יוני דעם 18טען; און מעזידאָר, טהערמידאָר און פּרעקטידאָר פאר די זומער־מאָנאַטען פון דעם 19טען יוני ביז דעם 16טען סעפּטעמבער. פינף עקסטרא טעג, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבען סאנקיולאָטידי, סעפּטעמבער 17, 18, 19, 20 און 21 האָבען געמאַכט דעם יאָהר פאָלשטענדיג. יעדער מאָנאַט איז געווען צוטהיילט אין דריי צעהנדליג און די טעג האָט מען גערופען פּרימידי, דואדי, טרידי און אזוי ווייטער. דער רוהע־טאָג איז געווען דער צעהנטער, דער דעקאדי.

*) די אידעע פון צו עטאַבלירען דעם נייעם קאַלענדאַר אויף אַן אסטראָנאָמישען פונדאַמענט איז געווען זיכער אַן אויסגעצייכענטע (די אידעע פון איבערטראָגען די פינף איבעריגע טעג צום סוף פון יאָהר איז געווען ניט אזא גוטע). און די נעמען פון די מאָנאַטען זיינען געווען זעהר גוט אויסגעקליבען; אָבער א חוץ אלע טענות, וואָס מען איז זיכער געווען צו מאַכען געגען דעם קאַלענדאַר, ווייל ער האָט גלאָריפיצירט די רעוואָלוציע, איז עס אויך זעהר וואהרשיינליך, דאָס די אידעע פון איבערמאַכען די וואָך פון זיבען טעג אין א וואָך אויף צעהן, איז ניט געווען קיין זעהר געראָטהענע. אזא וואָך איז צולאַנג פאר אונזערע געוואוינהייטען, און זי איז געווען און וועט אימער בלייבען אַ שטערונג צו דעם, אז זי זאָל קענען פון אלעמען אָנגענומען ווערען.

דיזער בעשלום פון דער קאָנווענשען, וועלכער האָט אָבגע־מעקט דעם קריסטליכען קאַלענדאר פון אונזער טעגליכען לעבען, האָט נויטווענדיגער־ווייזע אויפגעמונטערט די יעניגע, וועלכע האָבען געזעהען אין דער קריסטליכער קירכע און איהרע דיע־נער די הויפט־שטיצע פון שקלאַפעריי. די ערפאהרונג, וואָס זיי האָבען געמאַכט מיט די פריסטער, וועלכע האָבען צוגעשוואָרען צו דער קאָנסטיטוציע, האָט בעוויזען די אונמעגליכקייט פון צו גע־ווינען די קירכע פאר די זאך פון פאָרטשריט. פאָלגליך האָט זיך אויפגעהויבען די פראגע וועגען אָבשאַפען אלערליי צאָהלונ־גען פון שטאַאט צו די גייסטליכע און זאָלען די, וואָס גלויבען, אליין, אויף זייער אייגענעם חשבון, אויפהאַלטען זייערע גאָ־טעס־דיענער. קאמבאָן האָט עס שוין פאָרגעבראַכט פאר דער קאָנווענשען אין נאָוועמבער, 1792. אָבער ביי דריי פערשיע־דענע געלעגענהייטען האָט די קאָנווענשען בעשלאָסען אויפצוהאַל־טען א נאַציאָנאַלע קירכע, וועלכע זאָל זיך אונטערוואַרפען צום שטאַאט און ווערען אויפגעהאַלטען אויך פון איהם, וועהרענד זי האָט בעהאַנדעלט די אונגעהאָרכזאַמע פריסטער (די, וועלכע האָ־בען ניט געוואָלט שווערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציע) מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט.

געגען דיזע פריסטער זיינען זעהר שטרענגע געזעצע אָנגענו־מען געוואָרען און פון מערץ דעם 18טען, 1793, איז בעשטימט געוואָרען די טוידט־שטראף פאר די, וועלכע זאָלען אַנטהייל נעה־מען אין די שטערונגען אין פערבינדונג מיט דעם נעהמען פון סאָלדאַטען און פאר די, וועלכע זאָלען געפונען ווערען אויף דער טעריטאָריע פון דער רעפובליק נאָך דעם, ווי זיי זיינען פעראור־טהיילט געוואָרען ארויסגעשיקט צו ווערען. דעם 21סטען אָק־טאָבער, 1793, זיינען נאָך שטרענגערע געזעצע אָנגענומען גע־וואָרען, און פערשיקונג איז אָנגעווענדעט געוואָרען אויף געגען די קאָנסטיטוציאָנעללע פריסטער, אויב זיי זיינען בעשולדיגט געוואָרען אין „אונבירגערליכקייט“ פון זעקס בירגער פון זייער קאַנטאָן. דאָס האָט בעוויזען, דאָס אין פראנקרייך איז געוואַק־סען די איבערצייגונג, דאָס אפילו די פריסטער, וועלכע האָבען

שוין צוגעשוואָרען צו דער קאָנסטיטוציע, זיינען פּונקט אזוי געפעהרליך ווי די, וועלכע האָבען זיך ענטזאגט צו שווערען.

די ערשטע פראָבען אָבצושאַפען דעם קריסטליכען גלויבען זיינען געמאַכט געוואָרען אין אבבעוויל און נעווערס. דער קאָמיססיאָנער פון דער קאָנווענשען, פושע, וועלכער איז געוועזען אין נעווערס און האָט אָהן צווייפעל געהאַנדעלט אין איינפערשטענדנים און אפשר אונטער דעם איינפלוס פון שאָמעט, וועמען ער האָט געטראָפען אין דיזער שטאָדט, האָט סעפטעמבער דעם 26טען, 1793, ערקלערט קריעג „געגען אַלע פאָראורטהיילע און דעם היפּאָקריטישען גאָטעס־דיענסט, ווי אויך דעם וואונש צו פארבייטען זיי אויף „די אכטונג און דיענסט צו דער רעפּובליק און דער נאַטירליכער מאָראַל.*)

איינינע טעג נאָך דעם, ווי עס איז איינגעפיהרט געוואָרען דער נייער קאַלענדאַר, האָט ער ארויסגעגעבען דעם 10טען אָקטאָבער אַ נייעם בעפעהל, לויט וועלכען די פערשיעדענע צערעמאָניעס פון גאָטעס־דיענסט קענען נור פּראקטיצירט ווערען אין זייערע פערשיעדענע טעמפּלען. אַלע רעליגיעזע עמבלעמען אויף דער אָפענער גאַס דארפען פערניכטעט ווערען. די פּריסטער טאָרען ניט מעהר ערשיינען אין זייערע רעליגיעזע קליידער אין ערגעץ ניט, א חוץ אין זייערע קירכען, און, ענדליך, בעגרעבענישען דארפען אויסגעפיהרט ווערען אָהן אירגענד וועלכע צערעמאָניעס אין די פעלדער, וואָס זיינען פערפלאַנצט מיט בוימער, אונטער די שאָטענס פון וועלכע עס זאָל אויפגעשטעלט ווערען אַ סטאַטוע, וואָס זאָל רעפּרעזענטירען מיט זיך דעם שלאָף. אַלע אַנדערע עמבלעמען דארפען פער־

---

*) ער האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל, לויט וועלכען אירגענד וועלכער דינער פון אירגענד וועלכער רעליגיאָן אָדער אַ פּריסטער, וואָס קריגט זיין פּענסיע פון דער נאַציאָן, מוז חתונה האָבען אָדער אדאָפּטירען אַ קינד, אָדער האַלטען ביי זיך אַן אונפעהיגע, אַלטע פּערזאָן, אויב ער וויל ניט פערלירען זיין אַמט און זיין פּענסיע.

ניכטעט ווערען און אויף „די טויערען צו דיזע פעלדער, וועל־
כע זיינען געהייליגט מיט רעליגיעזען רעספּעקט צו די שאָטענס
פון די טוידטע, זאָל זיין דיזע אויפשריפט: „טוידט איז דער
אייביגער שלאָף“. ער האָט אויך ערקלערט די בעדייטונג פון
דיזע דעקרעטען צום פאָלק מיט דער הילפע פון מאַטעריאַליס־
טישע לעקציעס.

צו דער זעלבער צייט האָט לאַגענלאָ, א צווייטער קאָממי־
סאַנער פון דער קאָנווענשען, אומגעוואַנדעלט די קירכע אין
ראַשפּאָר אין „טעמפּעל פון אמת“, וואוהין אכט קאַטאָלישע
פּריסטער און איין פּראָטעסטאַנטישער זיינען געקומען זיך אָב־
צוזאָגען פון זייער רעליגיאָן און זייערע עמטער דעם 31טען
אָקטאָבער, 1793. אין פּאַריז, דעם 14טען אָקטאָבער, אויף די
אָנווייזונג פון שאָמעט, זיינען אויסערליכע רעליגיעזע צערע־
מאָניעס פערבאָטען געוואָרען און דעם 16טען איז דער בע־
פעהל, וואָס פושע האָט ארויסגעלאָזען וועגען בעגרעבנישען,
אָנגענומען געוואָרען אין פּרינציפּ פון דער קאָממונע.

אז דיזע בעוועגונג איז בשום אופן ניט געווען קיין אי־
בעראַשונג, און דאָס די מענשליכע מוחות זיינען געווען פאָר־
בערייטעט פאר איהר דורך די רעוואָלוציע זעלבסט און איהרע
פאָרגענגער, דאָס איז זעלבסט־פערשטענדליך. ערמוטהיגט
איצט פון די האַנדלונגען פון דער קאָנווענשען, האָבען די פּראָ־
ווינצען זיך אריינגעוואָרפען ענטהוזיאַסטיש אין די בעוועגונג
פון אָבשאַפען דעם קריסטליכען גלויבען. נאָכפאָלגענדיג דעם
ביישפּיעל פון דער שטעדטעל ריז־אָרגאַניס, האָט זיך דער גאַנ־
צער דיסטריקט קאָרבעל אָבגעזאָגט פון קריסטענטהום, און די־
זער שריט איז בעגריסט געוואָרען פון דער קאָנווענשען, ווען
די דעפּוטאַטען פון קאָרבעל זיינען געקומען דעם 30טען אָקטאָ־
בער צו מעלדען, וואָס עס איז געטהאָן געוואָרען.

אין זעקס טעג שפּעטער זיינען די דעפּוטאַטען פון דער
קאָממונע מעננעס, געקומען צו דער קאָנווענשען אָנגעטהאָן
אין מיצען. אויך זיי זיינען גוט אויפגענומען געוואָרען און די
קאָנווענשען האָט אָנערקענט „דאָס רעכט, וואָס אַלע בירגער

האָבען אָנצונעהמען אירגענד וועלכען גאָטעס־דיענסט, וואָס פּאַסט זיי אם בעסטען און צו אונטערדריקען יענע צערעמאָניעס, וועלכע געפעהלען זיי ניט.״ א דעפּוטאַציע פון סען־ע־אָיז, פאָר־דערענדיג, אז די שטעלע פון דעם בישאָפ פון ווערסאַיל, וואָס איז ניט לאַנג געשטאָרבען, זאָל בלייבען לעדיג, ניט פערנומען פון קיינעם, איז אויך אויפגענומען געוואָרען מיט פיעל כבוד.

די קאָנווענשען האָט ערמוטהיגט די בעוועגונג געגען קריסטענטהום ניט נור דורך איהר שטעלונג צו דיזער בעווע־גונג, נור אויך דורך דעם געברויך, וועלכען זי האָט געמאַכט פון די קירכען־אוצרות, וועלכע די בירגער האָבען איהר געבראַכט — איינשליסענדיג דעם מזבח פון דער קירכע פון סאַן זשענע־וויעוו, וועלכער איז איבערגעגעבען געוואָרען אין מינט צו צו־שמעלצען. *)

ערמוטהיגט אָהן צווייפעל פון דיזער שטעלונג פון דער רעגיערונג, האָבען אַנאַכאַרזיס קלאָץ און שאָמעט גענומען נאָך א שריט פאָרווערטס קלאָץ, א פּרייסישער באַראָן, וועלכער איז מיט׳ן גאַנצען הארצען געווען פאר דער רעוואָלוציע און וועלכער האָט מיט מוטה און ערנסט פערטהיידיגט די אינטערנאַציאָנאַ־לע פעדעראַציאָן פון אַלע פעלקער, און דער פּראָקוראָר פון דער קאָממונע, שאָמעט, וועלכער איז געווען אַן אמת׳ער פאָרשטע־הער פון דעם פּאַריזער ארבייטס־מאַן, האָבען איבערגערעדט גאָבעל, דעם בישאָפ פון פּאַריז, אויפצוגעבען זיינע פריסטער־פליכטען. קריגענדיג די איינשטימונג פון דעם יעפּיסקאָפּאַ־לישען ראַטה און האָבענדיג געמעלדעט זיין בעשלוס צום דע־פּאַרטמענט אין דער קאָממונע, איז גאָבעל געקומען צו דער קאָנ־ווענשען אין זיין גאַנצען שטאַט דעם 17טען ברומער, בעגלייט פון עלף זיינע שמשים, און דעם פּאַריזער מעיאָר, פּאַשע, און שאָמעט און צוויי מיטגליעדער פון דעם דעפּאַרטמענט, מאַמאָראָ

*) עס איז ווערטה צו געדענקען, דאָס די גרינדונגס־פערזאַמ־לונג האָט שוין געמאַכט עהנליכע בעשליסע.

און לוליער, אום צו ענטזאגען זיך עפענטליך פון אלע זיינע פריווילעגיען און טיטלען.

זיין רעדע ביי דיזער געלעגענהייט איז געווען אמת ער־האבען. אכטענדיג, ווי ער האט עס, „די אייביגע פרינציפען פון גלייכהייט און מאראל, די נויטווענדיגע פונדאמענטען פון יעדער אמת־רעפובליקאנישער רעגיערונג“, פאלגט ער איצט די שטימע פון פאלק און ענטזאגט זיך פון „די טהעטיגקייטען פון א מיניסטער פון דער קאטהאלישער קירכע“. אוועקלעגענדיג זיין צלם און זיין רינג, האט ער אנגענומען און אנגעטהאן די רויטע היטעל, וועלכע א מיטגליעד האט איהם דערלאנגט.

די פערזאמלונג איז איצט אנגעגריפען געווארען פון א בעגייסטערונג, וועלכע האט געקאנט נור פער־גליכען ווערען מיט דער בעגייסטערונג פון דער נאכט פון 4טען אויגוסט. צוויי אנדערע בישאפען, טהאמאס לינדע און געי־ווערנאן, און מאנכע אנדערע קירכען־מיטגליעדער פון דער קאנווענשען, זיינען צוגעלאפען צו דער טריבונע אום נאכצופאלגען דעם ביישפיעל פון בישאפ גאבעל. אבער גרעגאאר האט זיך ענטזאגט אנצו־שליסען. וואס אנבעטרעפט סיעז, האט ער ערקלערט, דאס ער האט שוין מיט יאהרען צוריק אויפגעגעבען אלע צערעמאניעס, דאס ער האט ניט קיין אנדער גלויבען, א חוץ דעם גלויבען אין פרייהייט און גלייכהייט, און דאס אין זיינע תפלות האט ער שוין געבעטען פאר דעם טריאומף פון פערשטאנד איבער פארור־טהייל און פאנאטיזם.

די ווירקונג פון דיזער סצענע אין דער קאנווענשען איז געווען א געוואלדיגע. גאנץ פראנקרייך און אלע נאכבאר־נא־ציאנען האבען געהערט וועגען דעם. און איבעראל, צווישען די הערשענדע קלאסען, האט זיך ערהויבען א מבול פון האס געגען די רעפובליק.

אין פראנקרייך האט זיך דיזע בעוועגונג ראשיג פער־שפרייט איבער די פראווינצען. אין עטליכע טעג האבען איי־ניגע בישאפס און פיעלע איינפאכע גייסטליכע זיך אבגעזאגט פון זייערע טיטלען, און זייער אבזאגען־זיך איז געווען א געלע־

גענהייט פאר איבערראשענדע סצענען. עס איז ריהרענד, אין דער טהאַט, צו לייענען, למשל, די פאָלגענדע שילדערונג פון דער ענטזאגונג פון די גייסטליכע אין בורזשע, וועלכע איך האָב גע־פונען אין א לאָקאלען פאמפלעט פון יענער צייט.

דערמאָנענדיג א פריסטער מיט'ן נאָמען באפטיסט פאטין און זשוליען דע־דיו, א מיטגליעד פון דעם בענעדיקטער אָר־דער, וועלכע זיינען געקומען זיך אָבצוזאָגען פון זייערע פריס־טערליכע פריווילעגיען, זעצט פאָרט דער פערפאסער פון דעם פאמפלעט: פריווא, בריטאן, פאטרו, רוען און טשעמפיאן, אלע מעטראפאליטישע געוועזענע גלחים, זיינען ניט געווען די לעצטע אריינצוטרעטען אין די ארענא; עפּסיק און קאלענד, דיומאנטיע, ווערוטאן, געוועזענע בענעדיקטער, ראשאָן און קא־לארדאָ זיינען געקומען נאָך זיי; דער געוועזענער גלח דעזאבמא און זיין בעגלייטער, דיובאי, איינגעבויגען אונטער דער לאַסט פון יאָהרען, זיינען זיי נאָכגעגאנגען מיט לאַנגזאמע טריט, ווען לעפּראנק האָט אויסגעשריען: „פערברענט, פערברענט די דאָקומענטען פון אייער פריסטערשאפט און מעג אויך דער זכרון פון אונזער פערגאַנגענעם צושטאנד פערשווינדען אין די פלאַ־מען, וועלכע פערברענען זיי. איך לעג ארויף אויף דעם מזבח פון פאטערלאנד דיזען זילבערנעם מעדאל: ער טראָגט די גע־שטאַלט פון דעם לעצטען פון יענע טיראנען, וועלכער דורך די אינטריגען און דורך די אמביציע פון די גייסטליכע, האָט זיך גערופען „דער העכסט־קריסטליכער".“

אלע דאָקומענטען פון דער פריסטערשאפט זיינען דאן פערברענט געוואָרען אין א הורבע, און א טויזענד־פאכיגער גע־שריי האָט זיך אָבגעהילכט אין דער לופט: „פערשוואונדען זאָל ווערען אויף אייביג די עראינערונג אָן די פריסטער! לאַנג זאָל לעבען די ערהאבענע רעליגיאָן פון דער נאטור! פערניכטעט זאָל ווערען דער קריסטענטהום־פאָראורטהייל!“ און דאן רע־כענט אוים דער פאמפלעט די פאטריאָטישע מתנות. דיזער צע־טעל איז ווירקליך ריהרענד. מתנות פון לייווענט און זילבערנע שיך־בענדלאך זיינען זעהר פיעל. די פאטריאָטען און „די

ברידער" זיינען געווען אָרעם. זיי האָבען געגעבען, וואָס זיי האָבען געקאָנט.

אין אלגעמיין, דער אַנטי־קאַטהאָלישער געפיהל, אין וועלכען א „רעליגיאָן פון נאַטור" איז געווען פערמישט מיט פּאַטריאָטישע געפיהלען, איז געווען פיעל טיעפער, וויפיעל איינער האָט געמעגט גלויבען, איידער ער האָט נאָכגעזעהען די דאָקומענטען פון יענער צייט. די רעוואָלוציע האָט געמאַכט מענשען דענקען און האָט געגעבען מוטה צו זייערע געדאַנקען.

אין דער זעלבער צייט האָבען דער דעפּאַרטמענט און די קאָממונע פון פּאַריז בעשלאָסען צו פייערען דעם פאָלגענדען „דעקאַדי", דעם 20טען ברומער (דעם 10טען נאָוועמבער) אין נאָטר־דאַם גופא און צו אָרגאַניזירען „א פעסט פון פרייהייט און פערשטאַנד", ווען עס זאָלען געזונגען ווערען פּאַטריאָטישע ליעדער פאַר דער סטאַטוע פון פרייהייט. קלאָץ, מאָמאָרא, העבערט און שאָמעט האָבען אָנגעפיהרט אַן אקטיווע פּראָפּאַגאַנדע צווישען די פאָלקס־פעראיינען, און דער פעסט איז געווען דורך און דורך אַן ערפאָלג. דיזער פעסט איז שוין אַזוי אָפט געשילדערט געוואָרען, דאָס עס איז ניט נויטיג זיך אָבצושטעלען אויף איינצעלהייטען. עס מוז אָבער דערמאָנט ווערען, דאָס פאַר די רעפּרעזענטאַציאָן פון פרייהייט האָט מען געהאַלטען פאַר גלייכער אויסצוואוועהלען א לעבעדיגען מענשען, איידער א סטאַטוע, ווייל, ווי שאָמעט האָט ערקלערט, „א סטאַטוע וואָלט אויך געווען א שריט צו געצענדיענעריי". ווי מישלע האָט שוין בעמערקט, „די גרינדער פון דעם נייעם גלויבען האָבען רעקאָמענדירט פאַר אזא ערהאַבענע ראָליע די אויסוואהל פון פערזאָנען, וועמעס כאַראַקטער זאָל זיי מאַכען ריין און שעהן, און וועמעס שטרענגקייט פון געוואוינהייטען און אנזיכטען זאָל קענען פאַרוואַרפען אירגענד וועלכען געמיינעם געדאַנק". ווייט פון צו זיין א שפּאַס, איז דיזער פעסט געווען א העכסט ציכטיגע צערעמאָניע, וועלכע האָט ניט געהאַט אין זיך גאָר ניט לוסטיגעס, און איז געווען זאָגאַר לאַנגווייליג, זאָגט מישלע, וועלכער איז געווען זעהר גינסטיג געניינט צו דער בעוועגונג

פאר די אָבשאפונג פון קריסטענטהום. אָבער די רעוואָלוציע, זאָגט ער ווייטער, איז שוין געווען אַלט, צו אַלט, אום צו אונטערנעהמען עטוואָס נייעס. דער פערזוך פון 1793 איז ניט געבאָרען געוואָרען פון דעם פייער־דיגען ענטהוזיאזם פון דער רעוואָלוציע, „נור פון די דיאלעקטישע שולען פון די ענציקלאָפּעדישע צייטען“. אין דער טהאט, זי האָט געהאט א שטארקע עהנליכקייט מיט דער מאָדערנער „עטהיקאל סאָסייעטיס“־בעוועגונג, וועלכע קומט אויך ניט אין אמת'ע בעריהרונג מיט די מאסען.

וואָס איבערראשט אונז היינט־צו־טאָג מעהר פון אַלץ איז דאָס, וואָס די קאָנווענשען האָט זיך ענטזאגט צו דערלאָזען צו דער גרויסער פראגע וועגען דער אָבשאפונג פון די געהאלטען פון די פּריסטער, וועלכע דער שטאאט האָט געצאָהלט. אומגעקעהרט, די קאָממונע פון פאריז און איהרע סעקציאָנען האָבען עפענטליך ערקלערט זיך אַלס אוים קריסטען. דער גענעראל־ראטה פון דער קאָמונע האָט זאָגאר ריזיקירט און האָט זיך צוגעאיילט מיט געוויסע טהאטען. אין ענטפער צו א רעליגיעזער רעדע, געהאלטען פון ראָבעספּיער דעם ערשטען פרימער, האָט דער גענעראל־ראטה ארויסגעלאָזען דעם 3טען פרימער (דעם 23טען נאָוועמבער) אונטער דעם איינפלוס פון שאָמעט, א בעפעהל, לויט וועלכען אַלע קירכען אָדער טעמפּלען פון אַלע רעליגיאָנען אין פאריז האָבען גלייך בעדארפט געשלאָסען ווערען. די גייסטליכע זיינען געמאכט געוואָרען אינדיווידועל פעראנטוואָרטליך פאר רעליגיעזע אונרוהען. די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרען אויפצופאסען אויף די פּריסטער, און עס איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציאָן, וועלכע האָט געפאָדערט, אז די קאָנווענשען זאָל אויסשליסען די גייסטליכע פון אירגענד וועלכער פאָרמע פון עפפענטליכען דיענסט. צו דערזעלבער צייט איז עטאבלירט געוואָרען א קורס פון לעקציעס איבער מאָראל, אום פאָרצובערייטען די פּרעדיגער פאר דעם נייעם קולט. עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען צו פערניכטען די גלאָקען־טורעמס, וועהרענד אין פערשיעדענע פלעצער זיינען

אָרגאַניזירט געוואָרען פעסטען פון פערשטאַנד, וועהרענד וועל־כע דער קאַטהאָלישער גלויבען איז אָבגעשאַפט געוואָרען. איין סעקציאָן האָט פערברענט אלעס, וואָס האָט געהערט צום רע־ליגיעזען דיענסט און העבערט האָט פערברענט איינינגע הייליג־קייטען אין דער קאָממונע.

אין דער פּראָווינץ, זאָגט אלאַר, האָבען אלע שטעדט, ווי עס האָט אויסגעזעהען, בעזאָנדערס אין זיד־וועסט, זיך ארומגע־זאַמעלט ארום דעם נייעם ראַציאָנאַלען גלויבען.

דאָך די רעגיערונג, דאָס הייסט, די קאָמיטע פון עפענט־ליכען וואוילזיין, האָט פון דעם סאַמע אָנפאַנג פון דיזער בעווע־גונג ארויסגעוויזען אַ פעסטע אָפּאָזיציאָן. ראָבעספּיער האָט איהר אטאַקירט עפענטליך, און ווען קלאָטץ איז געקומען איהם דערצעהלען מיט בעגייסטערונג וועגען דער אָבדאַנקונג פון גאַ־בעל, האָט ער גראָב ארויסגעוויזען זיין אונצופרידענהייט, פּרע־גענדיג וואָס וועלען דערצו זאָגען די בעלגיער, וועמען קלאָטץ האָט אזוי געוואָלט צו פעראייניגען זיך מיט פראַנקרייך.

פאַר איינינע טעג פון דעסטוועגען האָט ראָבעספּיער זיך געהאַלטען רוהיג. אָבער דעם 20־סטען נאָוועמבער איז דאַנטאָן צוריקגעקומען נאָך פּאַריז נאָך אַ לאַנגען אויסבלייבען אין אר־סיס־סוראָב, וואוהין ער האָט זיך צוריקגעצויגען מיט זיין יונגער פרוי, מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט אין קירכע גלייך נאָך דעם טוידט פון זיין ערשטער פרוי. אויף מאָרגען, דעם 21־סטען נאָוועמבער, האָט ראָבעספּיער געהאַלטען זיין ערשטע רעדע און אַ זעהר שטאַרקע געגען די רעליגיאָן פון פערשטאַנד. די קאָנ־ווענשען, האָט ער ערקלערט, וועט קיינמאָל ניט נעהמען אזאַ אי־בעראיילטען שריט צו פערוועהרען די פּראַקטיצירונג פון דעם קאַטהאָלישען גלויבען. די פרייהייט פון דער רעליגיאָן וועט אויפגעהאַלטען ווערען און די פערפאָלגונג פון פריעדליכע פּריס־טער וועט ניט ערלויבט ווערען. ער האָט דאַן אָנגעדייטעט, דאָס דער גלויבען אין „אַ גרויסען וועזען, וואָס פּאַסט אויף אויף די אונטערדריקטע אונשולד און וואָס בעשטראָפט דעם פערברע־כער“ איז גאַנץ פּאָפּולער, און האָט בעהאַנדעלט די בעקעמפער

פון קריסטענטהום, אלס פעררעטהער, אלס די אגענטען פון די שונאים פון פראנקרייך, וועלכע ווינשען אָבצושטויסען יענע אויסלענדער, וועמען די זאך פון דער אלגעמיינער מענשהייט און פון אלגעמיינע אינטערעסען האָט צוגעצויגען צו דער רעפובליק.

פינף טעג שפּעטער האָט דאַנטאָן געהאַלטען א רעדע פּונקט אין דעמזעלבען טאָן אין דער קאָנווענשען און האָט אַטאַקירט די אַנטי־רעליגיעזע פּראָצעסיאָנען. ער האָט געפאָדערט, אז עס זאָל געמאַכט ווערען א סוף צו אזעלכע דעמאָנסטראַציעס.

וואָס האָט פּאַסירט אין דיזע עטליכע טעג, וואָס האָט צוזאַמענגעפיהרט דאַנטאָן און ראָבעספּיער? וואָס פאר א נייע קאָמבינאַציעס, דיפּלאָמאַטישע אָדער אַנדערע, זיינען געוועזן פאר זיי אין דיזען מאָמענט, וואָס דאַנטאָן איז געקומען נאָך פּאַריז און וואָס האָט איהם געמאַכט צו ערקלערען זיך געגען די בעוועגונג פון דעם קאמפּף געגען קריסטענטהום, חאָטש ער אליין איז געוועזן א תלמיד פון דידראָ, און ער האָט ניט אויפגעהערט ארויסצואווייזען זיין מאַטעריאַליסטישען אַטהעאיזם זאָגאַר אויף דער גילאָטינע? דיזער שריט פון דאַנטאָן איז דאָס מעהר אי־בערראַשענד, ווייל אין דער ערשטער העלפט פון דעם מאָנאַט פרימער האָט די קאָנוועגשען בעטראַכט מיט זעהר גינסטיגע אויגען דיזע בעוועגונג. דעם 14טען פרימער האָט דער ראָבעספּיעריסט קוטהאָן געוויזען פון דער טריבונע פון דער קאָנווענשען פערשיעדענע קירכען־הייליגקייטען און האָט פון דעם חוזק געמאַכט.

די פראגע שטעלט זיך דארום: האָט ניט ראָבעספּיער געמאַכט געברויך פון א נייער ווענדונג אין די פערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד, אום צו בעאיינפלוסען דאַנטאָנען און פריי אויסצודריקען זיינע אנזיכטען וועגען רעליגיאָן, וועלכע איז אימער טהייער געבליבען צו דיזען דעאיסטישען תלמיד פון רוססאָ?

אין מיטען מאָנאַט, האָט ראָבעספּיער, פערשטאַרקט דורך די אונטערשטיצונג פון דאַנטאָן, בעשלאָסען צו האַנדלען און דעם 16טען פרימער (דעצעמבער דעם 6טען) איז די קאָמיטע פון עפפענטליכער וואוילזיין געקומען צו דער קאָנווענשען און

געפאָדערט אַ גע‍זעץ וועגען רעליגיעזער פרייהייט, דער ערשטער פּאַראַגראַף פון וועלכען האָט פערבאָטען „יעדע געוואַלד געגען די פרייהייט פון רעליגיאָנען“. איז דאָס דיקטירט געוואָרען אויס מורא פאַר אַן אויפשטאַנד אין די דערפער, וואו דאָס צושליסען פון די קירכען איז געוועהנליך זעהר שלעכט אויפגענומען געוואָרען, אָדער זיינען עס געווען אַנדערע גרינדע, פון וועלכע מיר ווייסען ניט? דער פאַקט בלייבט יעדענפאַלס, דאָס פון יענעם טאָג אָן האָט דער קאַטהאָליציזם טריאומפירט. די ראָבעספּיער־ריסטישע רעגיערונג האָט איהם גענומען אונטער איהר שוץ און דער קאַטוילישער גלויבען איז ווידער אַ מאָל געוואָרען די שטאַאט־רעליגיאָן.*)

שפּעטער, אין פריהלינג, זיינען ראָבעספּיער און זיינע נאָכפאָלגער נאָך ווייטער געגאַנגען. זיי האָבען געמאַכט אַ פער־זוך אוועקצושטעלען אָנשטאָט די שעצונג פון פערשטאַנד אַ נייעם קולט, אַ דיענען צום העכסטען וועזען, ווי רוססאָ האָט איהם פערשטאַנען. דיזער גאָטעס־דיענסט אָבער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז געווען אונטערשטיצט פון דער רעגיע־רונג און ניט קוקענדיג, וואָס זיינע געגנער האָט געסטראַשעט די גיליאָטינע, איז דאָך צונויפגעמישט געוואָרען מיט דעם קולט פון פערשטאַנד, האָטש מען האָט עס גערופען דעם קולט פון דעם העכסטען וועזען, און אונטער דיזען נאָמען — זאָגט אָלאַר — האָט זיך געהאַלטען אין פערשפּרייטען אַ האַלב־דעאיסטישער און אַ האַלב ראַציאָנאַליסטישער קולט ביז צו דער צייט, ווען די רעאַקציע פון טהערמידאָר האָט געקראָגען די אויבערהאַנד.

*) אזוי ווי אייניגע קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען האָ־בען אָנגענומען זעהר שטרענגע מיטלען געגען די קאַטהוילישע רעלי־גיאָן, האָט די קאָנווענשען צו דעם געזעץ וועגען רעליגיאָנס־פריי־הייט צוגעלעגט אַ פּאַראַגראַף, אום צו זאָגען, אז זי מיינט ניט דער־מיט אַ פאָרוואורף פאַר דאָס, וואָס איז געטהאָן געוואָרען פון איהרע רעפּרעזענטאַנטען ביז היינט.

וואָס אנבעטרעפט דעם פעסט פון דעם העכסטען וועזען, וואָס איז געפייערט געוואָרען מיט א גרויסער צערעמאָניע דעם 8טען יוני, 1794, און וואָס ראָבעספּיער, פּאָזירענדיג אלס דער גרינדער פון א נייער שטאאט־רעליגיאָן, וועלכע האָט עס געזאָלט בעקעמפּפען דעם אטהעאיזם, האָט געהאלטען פון בעזאָנדערער וויכטיגקייט — דיזער פעסט איז געווען זעהר שעהן, אלס א טהעאטער־פאָרשטעלונג, אָבער ער האָט ניט ארויסגערופען קיין אָבקלאַנג אין די הערצער פון די מענשען. געפייערט ווי ער איז געווען אויף דעם וואונש פון דער קאָמיטע פון עפּפענטליכען וואוילזיין—באלד נאָך דעם, ווי שאָמעט און גאבעל זיינען הינ־געריכטעט געוואָרען פאר זייערע אנטי־רעליגיעזע מיינונגען און טאקי פון דיזער קאָמיטע — האָט דער פעסט צו שטארק געטראָ־גען דעם כאראקטער פון א בלוטיגען טריאומף פון דער יאקאָביני־שער רעגיערונג איבער די פּאָרטגעשריטענע געגנער צווישען פּאָלק און דער קאָמונע, אז דעם פּאָלק זאָל ער קענען זיין אנגענעהם. און דורך די עפענטליך־פיינדליכע שטעלונג פון איינינע מיט־גליעדער פון דער קאָנווענשען צו ראָבעספּיער אין דער צייט פון דעם פעסט גופא, איז ער געוואָרען דער פּאָרשפּיעל פון דעם 9טען טהערמידאָר — דער פּאָרשפּיעל פון דער גרויסער ענדע.

## דריי און זעכציגסטער קאַפּיטעל.

# די סעקציאָנען אונטערדריקט.

די שטעלונג פון די סעקציאָנען. — "פאָלקס־פעראַיינען". — די אָפּאָזיציע פון די יאַקאָבינער. — די שטעלונג פון ראָבעספּיער. — די סעקציאָנען ווערען גראַדענווייז בערויבט פון זייער מאַכט. — דער קאָנטראָל פון דער פּאָליציי. — רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס ווערען אונטערגעאָרדענט דער קאָמיטע פון עפפענטליכער זיכערהייט. — דער שטאַאַט שלינגט איין די סעקציאָנען. — די רעוואָלוציאָן פעראורטהיילט צום טוידט.

---

צו ענדע פון 1793 האָבען צוויי מעכטע געקעמפפט צווישען זיך. פון איין זייט זיינען געשטאַנען די צוויי קאָמיטעס פון עפפענטליכען וואוילזיין און עפפענטליכער זיכערהייט — וועלכע האָבען בעהערשט די קאָנווענשען; און פון דער אַנדערער זייט איז געשטאַנען די קאָממונע פון פּאַריז. דאָך די ווירקליכע קראַפט פון דער קאָממונע איז געוועזען ניט איהר העכסט־פּאָפּולערער מעיאָר, פּאַשע, אויך ניט אין דעם פּונקט אזוי פּאָפּולערען פּראָקוראָר איהרען, שאָמעט, און אויך ניט איהר דעפּוטאַט העבערט און אויך ניט אין איהר גענעראַל־ראַטה. דיזע מאַכט איהרע איז געוועזען אין די סעקציאָנען. און דערפאַר האָט די צענטראַלע רעגיערונג ניט אויפגעהערט צו ארבייטען, אום צו מאַכען אונטערטהעניג די סעקציאָנען צו איהר אויטאָריטעט.

נאָך דעם, ווי די קאָנווענשען האָט צוריק־געצויגען די „בעשטענדיגקייט" פון די סעקציאָנען פון פּאַריז; ד. ה.„ זייער רעכט צו רופען אַלגעמיינע פערזאַמלונגען אזוי אָפט, ווי זיי האָבען גע־

וואָלט, האָבען די סעקציאָנען אָנגעהויבען גרינדען „פאָלקס־פער־
איינען“, אָדער „סעקציאָן־פעראיינען“. אָבער אויף דיזע פער־
איינען האָבען די יאקאָבינער געקוקט מיט זעהר אונגינסטיגע
אויגען. און די יאקאָבינער זיינען איצט געוואָרען די „רעגיע־
רונגס־מענער“. דערפאר, ביין סוף פון 1793 און אין יאנואר,
1794 איז פיעל גערעדט געוואָרען אין יאקאָבינישען קלוב געגען
דיזע פעראיינען — נאָך מעהר דערפאר, ווייל די ראָיאליסטען
האָבען געמאכט אַ פעראייניגטע אנשטרענגונג אום אריינצודרינ־
גען אין דיזע פעראיינען און קריגען זיי אויף זייער זייט. „פון
דעם טוידטען גוף פון דער מאָנארכיע“, האָט געזאָגט סימאָנד,
איינער פון די יאקאָבינער, „איז ארויסגעקומען אַן אונענדליכע
צאָהל פון גיפטיגע אינזעקטען, וועלכע זיינען ניט נאריש גענוג
צו פרובירען איהם מאכען ווידער לעבעדיג, אָבער וועלכע גיבען
זיך די מיה פון דעסטוועגען צו פערלענגערען די קאָנוואולסיעס
פון דעם פאָליטישען קערפער.“ אין די פראָווינצען זיינען דיזע
„אינזעקטען“ געווען בעזאָנדערס ערפאָלגרייך. „אַ גרויסע צאָהל
פון „עמיגרירטע“, האָט פאָרטגעזעצט סימאָנד, „אדוואָקאטען, פי־
נאנסיסטען, אגענטען פון דעם אַלטען רעזשים“, האָבען פער־
פלייצט דאָס לאנד, האָבען אריינגעדרונגען אין די פאָלקס־פער־
איינען און זיינען געוואָרען זייערע פרעזידענטען און סעקרע־
טערע.

עס איז קלאָר, דאָס די פאָלקס־פעראיינען, וועלכע זיינען אין
פאריז געווען דיזעלבע סעקציאָנען נור אונטער אנדערע נעמען,
וואָלטען לייכט געקאָנט זיך „אויסרייניגען“ דורך די אויסשליסונג
פון זייער מיטע די פארמאסקירטע ראָיאליסטען, און דאן ווייַ־
טער אָנגעהן מיט דער ארבייט פון די סעקציאָנען. אָבער זייער
גאנצע טהעטיגקייט איז שטארק ניט געווען געפעלען די יאקאָבי־
נער, וועלכע זיינען געווען אייפערזיכטיג אויף דעם איינפלוס פון
די „נייע“, וועלכע האָבען „קאָנקורירט מיט זיי אין פאטרי־
אָטיזם“. „אויב מען זאָל זיי גלויבען“, האָט געזאָגט דער זעל־
בער סימאָנד, „זיינען די פאטריאָטען פון 1794 ניט מעהר, ווי
לאסט־טהיערע, וועלכע האָבען זיך איבערגעארבייט און האָבען

שוין פערלאָרען זייער גאַנצען כח און וועלכע דאַרפען געשלאכטעט ווערען, ווייל זיי קענען ניט מעהר האַלטען שריט מיט די אַלע נייעסען אין דעם פּאָליטישען לעבען פון דער רעוואָלוציע". און ער האָט ארויסגעוויזען די מורא פון די מיטעל־קלאַס־יאקאָבינער, ווען ער האָט גערעדט פון „אַ פּיערטער געזעצגעבענדער קערפּערשאַפּט", וועלכע דיזע ניי־אָנגעקומענע וואָלטען געוואָלט איינבערופען, אום צו געהן נאָך ווייטער, ווי די קאָנווענשען. „אונזערע גרעסטע שונאים", האָט צוגעלעגט זשינבאָן סט. אַנדרע, „זיינען צווישען אונז, זיי ווילען טראָגען די רעוואָלוציע ווייטער, ווי מיר." דאַן האָט דיופּארני גערעדט געגען אַלע סעקציאָן־פּעראיינען, און דעשאַמפּ האָט זיי גערופען „די קליינע וואנדייער".

וואָס ראָבעספּיער אנבעטרעפט, האָט ער זיך געאיילט ארויסצוברענגען זיין ליעבלינג־ארגומענט — אויסלענדישע אינטריגען. „מיין פערדאכט", האָט ער ערקלערט, „איז געוועזען שוין צו אמת, דאָס די היפּאָקריטישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען האָבען דאָרט די גאנצע שליטה. די פּרייסען, ענגלענדער און עסטרייכער ווילען מיט דיזע מיטלען פערניכטען די אויטאָריטעט פון קאָנווענשען און די פּאַטריאָטישע מאַכט פון דעם יאקאָבינישען קלוב.*)

די פיינדשאַפּט פון די יאקאָבינער געגען די פּאָלקס־פעראיינען איז, אַלזאָ, ניט געוועזען קיין אַנדער זאַך, ווי די פיינדשאַפּט געגען די סעקציאָנען אין פּאַריז און געגען אַלע עהנליכע אָרגאַניזאציאָנען אין די פּראָווינצען. און דיזע פיינדשאַפּט איז גע־

*) מאָמאַראָ, אַ מיטגליעד פון דעם קאָרדעליערען קלוב, האָט ריזיקירט צו מאַכען די בעמערקונג אויף דעם מיטינג פון די יאקאָבינער דעם 26טען דעצעמבער, 1793, דאָס די מיטגליעדער פון דעם קאָרדעליערען־קלוב האָבען אָפּט געצווייפעלט אין זייער רעכט צו שטערען די פּאָלקס־פעראיינען זיך גרינדען, ווייל „דאָס רעכט פון פערזאמלען זיך אין פּאָלקס־פעראיינען איז דאָך הייליג", האָט אויף דעם ראָבעספּיער קורץ געענטפערט: „אַלעס, וואָס עס פאָדערט דער עפפענטליכער וואוילזיין, איז געוויס גערעכט."

ווען דער אויסדרוק פון אַן עהנליכען געפיהל אין דער צענטראַל־רעגיערונג. דערפאר, אזוי גיך, ווי עס איז עטאַבלירט געוואָרען די רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג דורך דעם דעקרעט פון דעם 4טען דעצעמבער, 1793, איז דאָס רעכט אויסצואוועהלען פריעדענס־ריכטער און זייערע סעקרעטערע — אַ פּריווילעגיע, וואָס די סעקציאָנען האָבען געהאַט זייט 1789 — אוועקגענומען געוואָרען פון זיי. די ריכטער און זייערע סעקרעטערע זיינען פון דאַן אָן נאָמינירט געוואָרען פון דעם גענעראַל־ראטה פון דעם דעפּאַרטמענט. אַפילו דאָס רעכט פון די סעקציאָנען צו נאָמינירען זייערע אונטערשטיצונגס־קאָמיטעס און אליין אָרגאַניזירען די ארבייט פון העלפען די נויטבעדירפטיגע איז פון זיי צוגענומען געוואָרען אין 1793 און איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די קאָמיטעס פון עפפענטליכען וואוילזיין און עפפענטליכער זיכערהייט. דער פאָלקס־כאראקטער פון דער רעוואָלוציע האָט דורך דעם געקראַנגען אַ קלאַפּ אין זיין סאמע וואָרצעל.

אָבער מעהר ווי אין אלעם אנדערע זעהען זיך קלאָר און פול די אידעען פון דער יאקאָבינישער רעגיערונג אין דער קאָנצענטרירונג פון דער פּאָליציי־מאכט. מיר האָבען געזעהען די וויכטיגקייט פון די סעקציאנען, אין אלע טהיילען פון'ם לעבען פון פאריז, סיי אין מוניציפּאלער און סיי אין רעוואָלוציאָנערער הינזיכט; מיר ווייסען, וואָס זיי האָבען געטהאָן, אום צו פערזאָרגען פּאריז מיט נאהרונג, אום צוצושטעלען סאָלדאטען צו די ארמייען, אום צו בילדען, בעוואפּענען און אוועקשיקען פרייוויליגע רעגימענטען, אום צו אָרגאניזירען די ארבייט, אויפצופּאַסען אויף די אָרימע, און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. אָבער אַ חוץ דיזע טהעטיגקייטען האָבען די סעקציאָנען פון פאריז און די פּראָווינציעלע פאָלקס־פעראיינען אויך אויסגעפיהרט די ארבייט פון דער פּאָליציי. דאָס האָט זיך אָנגעהויבען אין פאריז פון דעם 14טען יולי, 1789, ווען די בירגער האָבען זיך אליין געבילדעט זייערע דיסטריקט־קאָמיטעס, אום איבערצונעהמען אויף זיך די פליכטען פון דער פּאָליציי. שפּעטער־צו האָט דער געזעץ פון דעם 6טען סעפּטעמבער זיי בעשטעטיגט אין דער אויספיהרונג

פון דיזע פליכטען און דעם פאָלגענדען אָקטאָבער האָט די מוני־ציפּאַליטעט פון פּאַריז — נאָך אַלץ אַ פּראָוויזאָרישע קערפּער־שאַפט צו יענער צייט, געבילדעט איהר געהיים־פּאָליציי אונטער דעם נאָמען „די זוך־קאָמיטע“. די מוניציפּאַלע רעגיערונג, וואָס האָט ארויסגעשפּראָצט פון דער רעוואָלוציע, האָט אויף אַזאַ אופן צוריק אין לעבען געבראכט די ערגסטע טראַדיציעס פון דער אַל־טער אָרדנונג.

נאָך דעם 10טען אויגוסט האָט די געזעצגעבענדע קערפּער־שאַפט בעשלאָסען, דאָס אַלע פּאָליציי־פּליכטען פון „עפּפּענטלי־כער זיכערהייט“ זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו די קאָמיטעס פון די דעפּאַרטמענטס, דיסטריקטען און מוניציפּאַליטעטען, און עס איז געגרינדעט געוואָרען אַן „אויפּפּאַסונג־קאָמיטע“ מיט איהרע אונטערגעאָרדענטע קאָמיטעס אין יעדער סעקציאָן. אָבער אַזוי ווי דער קאַמפּף צווישען די רעוואָלוציאָנערען און זייערע שונאים איז געוואָרען אַלץ שאַרפּער, זיינען דיזע קאָמיטעס געוועזען איבערגעלאָדען מיט ארבייט. און דעם 21טען מערץ, 1793, זיינען געגרינדעט געוואָרען נייע רעוואָלוציאָנערע קאָ־מיטעס, יעדע פון צוועלף מיטגליעדער, אין יעדער קאָממונע און אין יעדער סעקציאָן פון די קאָממונען פון די גרויסע שטעדט, וועלכע זיינען, ווי פּאַריז, צוטהיילט געוואָרען אין סעקציאָנען.

אויף אַזאַ אופן זיינען די סעקציאָנען, דורך די פּערמיטלונג פון זייערע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס, געוואָרען פּאָליציי־ביוראָס. אמת, די פליכטען פון דיזע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס זיינען געוועזען בעגרענצט בלויז אויפצופּאַסען אויף פּרעמדע. אָבער זיי האָבען באַלד ערוואָרבען אַזעלכע ברייטע רעכטע, ווי די פון דער געהיים־פּאָליציי אין מאָנאַרכישע לענדער. צו גלייכער צייט קען איינער זעהען, ווי די סעקציאָנען, וועלכע זיינען אין אָנ־פאַנג געוועזען די אָרגאַנען פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, זיינען ביסלעכווייז איינגעשלונגען געוואָרען פון דער פּאָליציי־טהעטיגקייט פון זייערע קאָמיטעס, און ווי די דיזע לעצטע, ווע־רענדיג אַלץ וועניגער און וועניגער מוניציפּאַלע קערפּערשאַפּ־טען. האָבען זיך אומגעוואַנדעלט אין איינפאַכע פּאָליציי־בעאַמ־

טע, אונטערגעאָרדענט דער צענטראַל־פּאָליציי, וועלכע איז פון איהר זייט געווען אונטערוואָרפען דער קאָמיטע פון עפּפענטליכער זיכערהייט.

די ביידע קאָמיטעס — פון עפּפענטליכען וואוילזיין און פון עפּפענטליכער זיכערהייט — האָבען אָבגעזונדערט אַלץ מעהר און מעהר די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס פון זייער קאָנקורענט, דער קאָממונע, וועלכע זיי האָבען אויף אזא אופן אָבגעשוואכט, און דיסציפּלינירענדיג זיי אין געהאָרכזאמקייט, האָבען זיי זיי אומגע־וואנדעלט אין א ווערקצייג פון שטאאט. ענדליך, אונטער דעם אויסרייד פון צו אונטערדריקען מיסברויכונגען, האָט די קאָנווענ־שען געמאכט פון זיי בעצאָהלטע בעאמטע; און צו גלייכער צייט האָט זי אונטערגעאָרדענט די 40 טויזענד רעוואָלוציאָנערע קאָ־מיטעס צו דער קאָמיטע פון עפּפענטליכער זיכערהייט, וועלכער זי האָט אויך געגעבען דאָס רעכט אויסצורייניגען זיי און זאָגאר צו נאָמינירען זייערע מיטגליעדער.

די שטרעבונג פון שטאאט צו צענטראַליזירען אַלעס אין זיינע אייגענע הענד, ווי די מאָנארכיע האָט עס געטהאָן אין דעם 17־טע יאהרהונדערט, און זיין אוועקנעהמען פון די פּאָלקס־אָר־גאניזאציאָנען אַזעלכע רעכטע, ווי די נאָמינירונג פון ריכטער און די אדמיניסטראציאָן פון הילפע און אונטערשטיצונגס־ארבייט, און זיי אונטעראָרדנען צו זיין ביוראָקראטיזם אין פּאָליציי־פראַ־גען — דאָס האָט געמיינט דער טוידט פון די סעקציאָנען און פון די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס.

נאָך דעם, ווי דיזע ענדערונגען זיינען געמאכט געוואָרען, זיינען די סעקציאָנען אין פּאריז און די פּאָלקס־פעראיינען אין די פּראָווינצען געווען ווירקליך טוידט. דער שטאאט האָט זיי איינגעשלונגען. און זייער טוידט איז אויך געווען דער טוידט פון דער רעוואָ־לוציע. זייט יאנואר, 1794, איז דאָס עפּפענטליכע לעבען אין פּאריז פערניכטעט געוואָרען, זאָגט מישלע. „די אַלגעמיי־נע פערזאמלונגען פון די סעקציאָנען זיינען געווען טוידט, און זייער גאַנצע מאכט איז איבערגעגאנגען צו זייערע רעוואָלוציאָ־

נערע קאָמיטעס, וועלכע, זייענדיג אליין ניט קיין אויסערוועהלטע קערפּערשאפטען, נור איינפאך גרופּען פון בעאַמטע, נאָמינירט פון די אויטאָריטעטען, האָבען אויך זיי ניט געהאַט אין זיך פיעל לעבען.

און איצט, ווען עס זאָל נור זיך פערגלוסטען דער רעגיע־רונג צו פערניכטען די קאָממונע פון פּאריז, האָט זי עס געקאָנט טהאָן, ניט מורא האָבענדיג, אז זי זאָל דערפאר געשטירצט ווערען. און דאָס האָט זי ווירקליך געטהאָן אין מערץ, 1794.

## פיער און זעכציגסטער קאפיטעל.

# דער קאַמפּף געגען די העבערטיסטען.

ראָבעספּיער זעהט פאָראויס דעם סוף פון דער רעוואָלוציע. — די אור־זאַכען דערפון. — העבערט, שאָמעט און די העבערטיסטען. — די וואקסענדע מאַכט פון די קאָמיטעס פון עפפענטליכען וואויל־זיין און עפפענטליכער זיכערהייט. — דער קאַמפּף פאר מאַכט. ראָבעספּיער און דאַנטאָן. — קאמיל דעמאלין. — ראָבעספּיער אַטאַקירט קלאָטץ. — דער צושטאַנד פון רעבעליאָן אין זיד־פראנקרייך. — דער פערזוך אויפצוהויבען די קאָנוועגשען געגען די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין. — פאבר ד׳עגלאַנטין און בורדאָן. — פאבר ד׳עגלאַנטין פאָדערט די פערהאַפטונג פון דריי העבערטיסטען. — די קאָרדעליערס זיינען אויף דער זייט פון די העבערטיסטען. — טולאָן ווערט צוריק גענומען. — די געשיכטע פון די רעפּובליקאַנישע ערפאָלגען. — די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין קריגט צוריק איהר אויטאָריטעט. — די פערהאַפטונג פון פאבר ד׳ענגלאַנטין. — פאלשע בעשול־דיגונגען געגען איהם. — ער ווערט הינגעריכטעט. — דער קאַמפּף צווישען די רעוואָלוציאָנערע פראקציאָנען האַלט אָן. — דער איינפלוס פון די פריימוירער־לאָדזשען אויף די רע־וואָלוציע.

---

שוין אין דעצעמבער, 1793, האָט ראָבעספּיער גערעדט פון דעם קומענדען סוף פון דער רעוואָלוציאָנערער רעפּובליק. — „לאָמיר זיין פאָרזיכטיג“ — האָט ער געזאָגט — „ווייל דער טוידט פון דעם פאטערלאַנד איז גאָר ניט ווייט.“ אויך איז ער

ניט געווען דער איינציגער, וועלכער האָט עס פאָראויסגעזעהען. רעמזעלבען גערדאנק טרעפט מען אָפט אויסגעדריקט אין די רעדען און די בריעף פון די רעוואָלוציאָנערען.

דער פאקט איז, דאָס א רעוואָלוציע, וואָס שטעלט זיך אָב אין מיטען וועג, איז זיכער צו ווערען בעזיעגט, און ביין סוף פון 1793 איז די לאגע געווען אזא, דאָס די רעוואָלוציע, פערהאַלטען אין איהר ענטוויקלונג, האָט זיך איצט אויסגעשעפט אין אינערליכע קעמפפע און אין אַן אנשטרענגונג, אזוי פרוכטלאָז, ווי אונפאָליטיש, צו פערניכטען איהרע שונאים, וועהרענד זי האָט אװעקגעשטעלט שומרים צו היטען זייער אייגענטהום.*)

דורך די סאַמע מאַכט פון די פּאַסירונגען האָט עס געטריבען פראנקרייך צו אַ נייער בעוועגונג, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען פון א קאָממוניסטישען גייסט. אָבער די רעוואָלוציע האָט עס דערלאָזען, אז „אַ שטאַרקע רעגיערונג“ זאָל זיך בעפעסטיגען, און דיזע רעגיערונג האָט פערניכטעט די עקסטרימע און

*) מישלע האָט דאָס זעהר גוט פערשטאַנען, ווען ער האָט געשריבען אייניגע שורות, פול מיט טרויער, אין וועלכע ער האָט געבראכט אין ערלאינערונג די ווערטער פון דופּאר: „אַקער טיעף“, און האָט געזאָגט, דאָס די רעוואָלוציע האָט געמוזט בעזיעגט ווערען. ווייל סיי די זשיראָנדיסטען און סיי די יאקאָבינער זיינען געווען פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען נור פערצייכענט „צוויי פערשיעדענע גראדען אויף דער זעלבער ליניע“. דער פּאָרטגעשריטענסטער צווישען זיי, סען־דזשאָסט, האָט ער צוגעלייגט, האָט זיך קיינמאָל ניט אטוואַזשעט צו אטאַקירען רעליגיאַן אָדער ערציהונג אָדער צו געהן צום אמת׳ען וואָרצעל פון די סאָציאלע פראגען; איינער קען שווער אויסמאַכען, וואָס פאַר אַן אַנזיכטען ער האָט געהאַט וועגען אייגענטהום. „די רעוואָלוציע“ — האָט מישלע געזאָגט — האָט אויף אזא אופן פערפעהלט אָנצונעהמען דעם כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזער און סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכער וואָלט איהר פעראייניגט אַון פערפעסטיגט מיט דעם, וואָס ער וואָלט איהר געגעבען אונטערשטיצונג, קראפט און מזיעפקייט.“

האָט פערשטאָפּט די מײלער פון די, װעלכע האָבען געהאַט דעם מוטה צו האָבען עהנליכע מײנונגען.

װאָס איז נוגע די העבערטיסטען, װעלכע זײנען געװען די הערשענדע מאַכט אין דעם קאָרדעליערען־קלוב און אין דער קאָמ־מונע און האָבען אױסגעפיהרט אַרײנצודרינגען דורך בושאָט, דעם קריעגס־מיניסטער, אין די עמטער פון זײן דעפּאַרטמענט. האָבען זײערע אידעען איבער רעגיערונג געפיהרט זײ אױף װעגען, װעלכע זײנען געװען זעהר װײט פון אַן עקאָנאָמישער רעװאָ־לוציע. עס איז אמת, דאָס העבערט האָט צײטענװײז אױסגע־דריקט קאָממוניסטישע אידעען אין זײן צײטונג, אָבער צו טער־ראָריזירען די שונאים פון דער רעװאָלוציע און צו פערכאַפּען די רעגיערונג דורך זײן פּאַרטײ — דאָס האָט איהם געשײנט צו זײן פיעל װיכטיגער, װי צו לײזען די פראַגען פון שפּײז, לאַנד און אָרגאַניזירטע אַרבײט. די קאָממונע פון 1871 האָט אױך פּראָ־דוצירט דיזען טיפּ רעװאָלוציאָנערען.

אַזױ װײט, װי עס איז נוגע שאָמעט, װאָלט ער מיט זײנע פאָלקס־סימפּאַטהיען און מיט זײן אַרט לעבען געקאָנט גערע־כענט װערען צװישען די קאָממוניסטען. אָבער ער איז געװען נאָהענט פערבונדען מיט דער פּאַרטײ פון די העבערטיסטען, און דיזע פּאַרטײ האָט ניט אָנגעהױבען צו זײן בעגײסטערט פאַר'ן קאָממוניזם. זײ האָבען קײנמאָל ניט פּרובירט אַרױסצורופען אַ מעכטיגע מאַניפעסטאַציאָן פון דעם פאָלק'ס ס אָ צ י א ל ע ן װ י ל ע ן. זײער אידעע איז געװען צו דערגרײכען די מאַכט מיט דער הילפע פון אַ נײער „אױסראַמונג" פון דער קאָנװענ־שען: פּטור צו װערען פון „די אױסגעריבענע, צובראָכענע גליעדער פון דער רעװאָלוציע", װי מאַמאָראָ פלעגט זאָגען, און צו צװינגען די קאָנװענשען זיך צו אונטערװאַרפען צו דער קאָממו־נע פון פּאַריז מיט דער הילפע פון אַ נײעם מאַי 31, אונטער־שטיצט דאָס מאָל דורך די מיליטערישע מאַכט פון דער „רעװאָ־לוציאָנערער אַרמײ." א ו ן ע ר ש ט ש פּ ע ט ע ר װ ע ־ ל ע ן ז י י ז ע ה ע ן, װ א ָ ס ע ס א י ז צ ו ט ה א ָ ן.

אין דעם אָבער האָבען די העבערטיסטען זיך פעררעכענט. זיי האָבען ניט בעגריפען, דאָס זיי האָבען געהאט געגען זיך צוויי ערנסטע מעכטע: א קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין, וועלכע איז אין דעם משך פון די לעצטע זעקס מאָנאטען געוואָרען א מאַכט אין דער רעגיערונג און האָט געוואונען די אלגעמיינע סימפּאטהיע פאר איהר אינטעליגענטע פיהרונג פון דער מלחמה; און א קאָמיטע פון עפפענטליכער זיכערהייט, וועלכע איז געוואָרען זעהר מעכטיג, ווייל זי האָט אריינגענומען אין איהרע הענד א ברייטע פאָליציי־סיסטעם, און האָט דערפאר געהאט די מאכט צו שיקען צו דער גיליאָטינע, וועמען זי האָט נור געוואָלט. א חוץ דעם, די העבערטיסטען האָבען אָנגעהויבען זייער קאמפף אויף א באָדען, וואו זיי האָבען געמוזט בעזיעגט ווערען, אויף דעם באָדען פון טעררארִיזם. דאָ האָבען זיי געמוזט זיך טרעפען מיט דער געגנערשאפט פון א גאנצער וועלט פון רעגיערונגס־בעאמטע, זאָגאר די יעניגע, וועלכע האָבען, ווי קאמבאָן, בעטראכט דעם טעררארִיזם, אַלס נויטווענדיג, אום צו פיהרען די מלחמה. טעררארִיזם איז אימער א וואפע פון דער רעגיערונג, און די רעגיערונג פון יענער צייט האָט אָנגעווענדעט די וואפע געגען זיי.

עס איז איבעריג איבערצודערצעהלען דאָ די אַלע אינטריגען פון די פערשיעדענע פארטייען, וועלכע האָבען געקעמפפט פאר מאכט אין דעם משך פון מאָנאַט דעצעמבער, 1793 און די ערשטע מאָנאטען פון 1794. גענוג וועט זיין צו זאָגען, דאָס פיער גרופפען אָדער פארטייען זיינען דאן געוועזען אויפ'ן פעלד: די ראָבעספיער־גרופפע, וועלכע איז בעשטאנען פון ראָבעספיער, סען־דזשאָסט, קוטהאָן און זייערע פריינד, די פארטיי פון „די אויסגעוועפטע"; פאָליטישענס, וועלכע האָבען זיך גרופפירט ארום דאנטאָן (פאבר ד'עגלאנטין, פעליפא, בורדאן, קאמיל דעמולין און אנדערע); די קאָמונע, וועלכע איז געוועזען אין איינפערשטענדניס מיט די העבערטיסטען; און ענדליך יענע מיטגליעדער פון דער קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין (ביללאָ־ווארען און קאָלאָ־ד'הערבאָ), וועלכע זיינען געוועזען בעקאנט, אַלס

טעררָאָריסטען, ארום וועלכע עס האָבען זיך גרופּפּירט מענשען, וועלכע האָבען ניט געוואָלט, אז די רעוואָלוציע זאָל אוועקלייגען איהרע וואפען, אָבער וועלכע האָבען אויך ניט געוואָלט, אז ראָבעספּיער, געגען וועמען זיי זיינען געווען אין געהיים דאגעגען, אָדער די קאָממונע און די העבערטיסטען זאָלען קריגען די אויבער־האנד.

דאַנטאָן איז אין די אויגען פון די רעוואָלוציאָנערען געווען איינער, וועלכער איז שוין געווען אין גאַנצען אויסגעוועפּט, אָבער זיי האָבען אין איהם געזעהען אַן אמת'ע סכנה, ווייל די זשירָאָנדיסטען זיינען געשטאַנען הינטער איהם, שטופּענדיג זיך צום פראָנט אונטער דעם מאַנטעל פון זיין גרויסער פּאָפּולאריטעט. ביין סוף נאָוועמבער אָבער האָבען מיר געזעהען ראָבעספּיער און דאַנטאָן מארשירענדיג האנד אין האַנד געגען די אנטירעליגיעזע בעוועגונג; און ווען עס איז געקומען דאַנטאָן'ס צייט צו אונטערוואַרפען זיך צו אַן עפּפענטליכען עקזאמען פון זיין לעבען פאר דעם יאקאָבינישען קלוב, וועלכער האָט דאַן געהאלטען אין „זיך אליין אויסראמען“, האָט ראָבעספּיער איהם ווידער אויסגעשטרעקט די האנד. ער האָט זאָגאר נאָך מעהר געטהאָן. ער האָט זיך אינדענטיפיצירט מיט דאַנטאָן.

פון דער אַנדערער זייט, ווען קאַמיל דעמולין, וועלכער, אלס זשורנאַליסט, האָט ארויסגעלאָזען דעם 5טען און 10טען דעצעמבער די צוויי ערשטע נומערען פון זיין צייטונג „קאָרדעליער“, אין וועלכער ער האָט אַטאַקירט העבערט און שאָמעט אויף דעם געמיינסטען שטייגער, און האָט אָנגעפאַנגען א קאמפּיין, אז מען זאָל אויפהערען פערפאָלגען די שונאים פון דער רעוואָלוציע, האָט ראָבעספּיער געלעזען ביידע נומערען, איידער זיי זיינען ערשינען, און האָט מסכים געווען צו זיי. אין דער צייט, ווען דעמולין איז געשטאַנען צום פערהער פאר דעם יאקאָבינישען קלוב, האָט ער אויך איהם פערטהיידיגט. דאָס האָט געמיינט, דאָס פאר דעם מאָמענט איז ער געווען פערטיג צו מאכען געוויסע קאָמפּראָמיסען מיט די דאַנטאָניסטען מיט דעם תנאי זיי זאָלען

איהם צוזאָגען צו אַטאַקירען די פּאַרטיי פון די לינקע — די העבערטיסטען.

דאָס האָבען זיי געטהאָן מיט פערגניגען און מיט פיעל בייזקייט דורך די פּען פון דעמולין און זיין צייטונג, דורך דעם אָרגאַן פון פעליפּפּא און אין דעם יאַקאָבינישען קלוב, וואו דער לעצטער האָט ביטער אטאקירט די אויפפיהרונג פון די העבערטיסטישע גענעראַלען אין דער וואנדיי. ראָבעספּיער האָט געווירקט אין דער זעלבער ריכטונג געגען אנאכארזיס קלאָץ, אַן איינפלוסרייכען העבערטיסט, וועמען די יאַקאָבינער האָבען אויסערוועהלט זאָגאַר אַלס פּרעזידענט אין יענעם מאָמענט, אַטאַקירענדיג איהם מיט אַ רעליגיעזען פאַנאַטיזם. ווען עס איז געקומען קלאָץ'ס רייהע פאַר אַ בירגערליכען פערהער פון זיין לעבען, האָט ראָבעספּיער געהאַלטען געגען איהם אַ רעדע, פול מיט גיפט, אין וועלכער ער האָט געשילדערט דיזען ריינעם אידעאַליסט און פערעהרער פון דער רעוואָלוציע, דיזען בעגייסטערטען פּראָפּאַגאַנדיסט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען פעראייניגונג פון אַלע סאַנקיולאָטען, אַלס פערעטהער, און דאָס אַלעס דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט געשעפטליכע בעציהונגען מיט די באַנקירען וואַנדעניווער, און האָט זיך אינטערעסירט מיט זיי, ווען זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרען, אַלס פערדעכטיגע. קלאָץ איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון קלוב דעם 12טען דעצעמבער, און אזוי איז ער געוואָרען אַן אָפּפער, וואָס איז געווען בעשטימט פאַר די גיליאָטינע. און ווירקליך, אין צוויי וואָכען אַרום איז ער אַרעסטירט געוואָרען.

צו דער זעלבער צייט האָט נאָך אָנגעהאַלטען דער אויפשטאַנד אין זיד־פראַנקרייך; און טולאָן איז פערבליבען אין די הענד פון די ענגלענדער. דערפאַר איז די קאָמיטע פון עפענטליכען וואוילזיין געווען בעשולדיגט אין אונפעהיגקייט, און עס האָבען זיך אַרומגעטראָגען קלאַנגען, דאָס זי האָט בדעה אָבצוגעבען זיד־פראַנקרייך צו דער געגען־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. עס זיינען געווען טעג, ווען די קאָמיטע איז שיער, שיער אומגעשטירצט געוואָרען, און געשיקט צו דער גיליאָטינע, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ זיעג סיי פאַר די זשיראָנדיסטען און סיי פאַר די

געמעסיגטע, דאָס הייסט, פאר די געגנער פון דער רעוואָלוציע.

די נשמה פון דעם קאמפיין, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען אין די פּאָליטישע קרייזען געגען די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין, איז געוועזען פאבר ד'ענגלאַנטין, איינער פון די געמעסיגטע ,אונטערשטיצט פון בורדאָן, א דאַנטאָניסט, און צוויישען דעם 12טען און 17טען דעצעמבער איז געמאכט געוואָרען א פערזוך אויפצוהויבען די קאָנווענשען געגען די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין און צו פעראורטהיילען איהר.

אָבער, כאָטש די דאַנטאָניסטען האָבען אינטריגירט געגען די ראָבעספּיעריסטען, האָבען ביידע פּארטייען געמאכט יד אחת, אום צו אטאקירען די העבערטיסטען. דעם 17טען דעצעמבער האָט פאבר ד'ענגלאַנטין געלעזען א רעפּאָרט פאר דער קאָנווענשען, פאָרדערענדיג די פערהאפטונג פון דריי העבערטיסטען: ראָנזין, דעם גענעראל פון דער „רעוואָלוציאָנערער ארמיי“ אין פּאריז; ווינסענט, דעם סעקרעטאר־גענעראל פון קריעגס־דעפּארטמענט, און מאיללאר, וועלכער האָט געפיהרט די פרויען צו ווערסאל דעם 5טען אָקטאָבער, 1789. דאָס איז געוועזען דער ערשטער פערזוך פון דער „פּארטיי פון רחמנות“ צו מאכען א שטאאטס־שטריך צו גונסטען פון די זשיראָנדיסטען און א מעהר געמעסיגטע רעגיערונג. אלע די, וועלכע האָבען געמאכט פערמעגענס אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, זיינען איצט געוועזען אין איילעניש, ווי מיר האָבען שוין ערקלערט, זיך צוריקצוקעהרען צו א צושטאנד פון „אָרדנונג“ און אום צו דערגרייכען דיזען ציעל, זיינען זיי געוועזען פערטיג אויפצואָפּפערען די רעפּובליק, אויב עס מוז אזוי זיין, און צו עטאבלירען א קאָנסטיטוציאָנעללע מאָנארכיע. פיעלע, ווי דאַנטאָן, זיינען געוואָרען ביטער ענטטוישט אין דער מענשהייט, און האָבען זיך געזאָגט: „עס איז צייט צו מאכען א סוף צו דעם אלעם“, וועהרענד אנדערע — און דיזע זיינען די געפעהרליכסטע פאר אלע רעוואָלוציאָנען — פערלירענדיג דעם גלויבען אין דער רעוואָלוציע, האָבען זיך פּאָרבערייטעט צו מאכען קאָמפּראָמיסען מיט דער רעאקציע, וועלכע זיי האָבען געזעהען אָנקומען.

די פערהאַפטונג פון די דריי העבערטיסטען וואָלט די קאָנוועגשען בעווילינט גאָר אָהן פיעל שוויריגקייטען, ווען זי וואָלט ניט מורא געהאַט ארויסצורופען אין זכרון פון עולם די פערהאַפטונג פון העבערט אין 1793. עס וואָלט דאַן געווען קלאָר, אז מען האַלט אין פאַרבעריייטען א שטאַאַטס־שטרייך צו גונסטען פון די זשיראָנדיסטען און פון דער רעאקציע. די ער־שיינונג פון דעם דריטען נומער פון דעמולין׳ס צייטונג, אין וועל־כען ער האָט—אונטער נעמען געבאָרגט פון דער רומישער געשיכ־טע — פערדאַמט די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, האָט גע־האָלפען ארונטערצורייסען די מאַסקע פון דער אינטריגע. אַלע געגנער פון דער רעוואָלוציע אין פאַריז האָבען אויפגעהויבען זיי־ערע קעפּ נאָך דעם, ווי זיי האָבען געלעזען דיזען נומער, און האָ־בען עפענטליך נביאות געזאָגט אויף דעם באַלדיגען סוף פון דער רעוואָלוציע.

דער קאָרדעליערען־קלוב האָט דאַן גלייך אויפגענומען דעם פאַל פון די העבערטיסטען, אָבער האָט ניט געפונען קיין אַנ־דער גרונד פאַר דעם צורוף צום פאָלק, ווי די נויטווענדיגקייט צו האַנדלען שטרענגער געגען די שונאים פון דער רעוואָלוציע. אויף פאַר זיי איז די רעוואָלוציע געווען דאָס זעלבע, וואָס טער־ראָריזם. זיי האָבען געטראָגען דעם קאָפּ פון שאַליע ארום פאַריז און האָבען אָנגעהויבען צוגרייטען דאָס פאָלק פאַר א נייעם מאַי־31־אויפשטאַנד, מיט דער אבזיכט אויסצופיהרען א נייע „רייניגונג“ פון דער קאָנוועגשען און די בעזייטיגונג פון איהרע „אַלטע און צובראָכענע צווייגען“. אָבער וואָס זיי האָבען גע־געמיינט צו טהאָן, דערגרייכענדיג די מאַכט, וואָס פאַר א ריכ־טונג זיי וועלען זעהען צו געבען דער רעוואָלוציע — וועגען דעם איז גאָר ניט געזאָגט געוואָרען.

איינמאָל האָט זיך דער קאַמפּף אָנגעפאַנגען אונטער אזעלכע אומשטענדען, איז עס געווען לייכט פאַר די קאָמיטע פון עפפענט־ליכען וואוילזיין צו ענטפערען אויף דעם קלאַפּ. זיי האָבען בשום אופן ניט פערוואָרפען דעם טעררעאָר, אלס א וואפפע פון דער רעגיערונג. און ווירקליך, דעם 25טען דעצעמבער האָט ראָבעס־

פיער פאַרגעלעזען זיין רעפּאָרט איבער די רעוואָלוציאָנערע רע־גיערונג, און אויב דער עצם פון דיזען רעפּאָרט איז געווען, דאָס עס איז נויטיג אויפצוהאַלטען דעם גלייכגעוויכט צווישען די צופיעל פאָרטגעשריטענע פּארטיי און די צופיעל געמעסיגטע, איז אָבער דער שלוס פון דיזען רעפּאָרט געווען: ט ו י ד ט צ ו ד י ש ו נ א י ם פ ו ן פ אָ ל ק. דעם נעכסטען טאָג האָט ער געפאָדערט אַ גרעסערע שנעליגקייט אין די אור־טהיילען פון דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאל.

ארום דיזעלבע צייט איז געוואָרען בעקאנט אין פּאריז (דעם 24טען דעצעמבער), אַז טולאָן איז צוריק אַוועקגענומען געוואָ־רען פון די ענגלישע, דאַן, אז די וואנדיי האָט געליטען אַ ני־דערלאַגע אין סאַוועניי; אַז די ארמיי פון רהיין האָט געהאַט אַ זיעג איבער'ן שונא, און דעם 1טען יאנואר, 1794, איז בעקאַנט געוואָרען, אז די דייטשע ארמיי איז צוריק אריבער איבער דעם רהיין.

אַ גאַנצע רייהע פון ענטשיידענדע זיעגע איז געוואונען גע־וואָרען, און זיי האָבען פאַרשטאַרקט די רעפּובליק. זיי האָבען אויך צוריק געבראַכט די אויטאָריטעט דער קאָמיטע פון עפענט־ליכען וואוילזיין. קאמיל דעמולין אין דעם 5טען נומער פון זיין צייטונג האָט זיך צוגעאיילט צו פערריכטען דאָס, וואָס ער האָט געשריבען אין זיינע פריהעריגע ארטיקלען, אָבער ער האָט נאָך אַלץ פאָרטגעזעצט צו אַטאַקירען די העבערטיסטען, וואָס דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז די דעבאַטען אין יאקאָבינישען קלוב האָבען זיך געענדיגט אין געשלעגערייען. דעם 10טען יאנואר האָ־בען די יאקאָבינער אָנגענומען אַ בעשלוס אויסצושליסען קאמיל דעמולין, און נור אַ דאַנק ראָבעספּיער'ס גרויסע פּאָפּולאריטעט, האָט דער קלוב ניט אויסגעפיהרט דיזען בעשלוס.

דעם 13טען יאנואר האָבען די קאָמיטעס בעשלאָסען צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ און אָנצוזאָגען אַ שרעק אין דעם לאַגער פון זייערע געגנער, בעפעהלענדיג די פערהאַפטונג פון פאבר ד'ענג־לאַנטין. דער אויסרייד איז געווען די בעשולדיגונג אין פעל־שונג, און עס איז עפפענטליך אנאָנסירט געוואָרען, דאָס די קאָ־

מיטע האָט ענטדעקט אַ גרויסע פערשווערונג, דער ציעל פון וועלכער איז געווען צו דיסקרעדיטירען די רעפּרעזענטאַנטען פון דער נאַציאָן.

איצט ווייס מען, אַז די בעשולדיגונג, וואָס האָט געדיענט אַלס אויסרייד פאר די פערהאַפטונג פון פאבר — דאָס ער האָט געפעלשט אַ דעקרעט פון דער קאָנווענשען צו גונסטען פון דער מעכטיגער אינדיען־קאָמפּאַניע — איז געווען פאַלש. דער דע־קרעט בנוגע דיזער קאָמפּאַניע, איז ווירקליך געפעלשט געוואָרען, אָבער גאָר פון דעלאָני, אויך אַ מיטגליעד פון דער קאָנווענשען. דער דאָקומענט עקזיסטירט נאָך אין די ארכיווען, און זייט מישלע האָט איהם אויסגעפונען, איז עס בעוויזען געוואָרען, אַז די פעלשונג איז געווען אין דעלאָני׳ס האַנדשריפט. אָבער אין דער צייט, ווען פאבר איז ארעסטירט געוואָרען, האָט דער אַנ־קלעגער פון דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל און פון דער קאָמיטע פון עפּפּענטליכער זיכערהייט ניט ערלויבט, אַז דער דאָקומענט זאָל פּראָדוצירט ווערען ניט פריהער און ניט וועהרענד דעם פּראָצעס, און פאבר איז געטוידטעט געוואָרען, אַלס פעלשער, פשוט דערפאר, ווייל די רעגיערונג האָט געוואָלט פּטור ווערען פון אַ געפעהרליכען שונא. ראָבעספּיער איז געווען גענוג פאָר־זיכטיג, זיך ניט אריינצומישען אין דעם.*)

*) די אנגעלעגענהייט איז געווען זעהר אַ פערפלאָנטערטע. די ראָיאַליסטען האָבען געהאַט אין זייער דיענסט אַ זעהר קלוגען מאַן, דעם באַראָן דע־באַץ, וועלכער האָט דורך זיין מוטה און בריה׳שקייט זיך צו ראַטעווען פון פערפאָלגונג, זיך ערוואָרבען כמעט אַ לעגענדאַ־רישע רעפּוטאַציע. דיזער באַראָן דע־באַץ, נאָכדעם, ווי ער האָט גע־ארבייט אַ לאַנגע צייט פאר דעם אַנטלויפען פון מאַריע אַנטואַנעט, האָט זיך אונטערנומען איינצורעדען געוויסע מיטגליעדער פון דער קאָנווענ־שען צו מאַכען גרויסע פערמעגענס, ווען זיי וועלען זיך אריינלאָזען אין ספּעקולאַציעס, און געלד פאר דעם וועט שוין פערזאָרגען אַ גע־וויסער גלה, עמפּאַניאַק. פאר דיזען צוועק האָט באַראָן דע־באַץ איינ־געלאַדען אין זיין הויז אין אַ געוויסען טאָג זשוליען (פון טולוז),

דריי מאָנאטען שפּעטער איז פאַבר ד'ענגלאַנטין הינגע־ריכטעט געוואָרען, ווי אויך שאבאָ, דעלאַני, דער אבבע ד'עס־פּאניאָן, און די צוויי ברידער פרעי, די עסטרייכישע באַנקירען.

אזוי איז אָנגעגאַנגען דער טוידטליכער קאמפּף צווישען די פערשיעדענע פראקציאָנען פון דער רעוואָלוציאָנערער פּארטיי, און איינער קען לייכט פערשטעהן, ווי אזוי די אריינדרינגונג פון דעם אויסלענדישען שונא און די שוידערליכקייטען פון דעם בירגער־קריעג אין די פּראָווינצען האָבען געמוזט אונפערמייד־ליך מאכען דיזען קאמפּף אַלץ געוואלדיגער און בלוטיגער. דאָך, נויטווענדיגער ווייזע שטעלט זיך א פראגע: וואָס האָט ניט דער־לאָזען, אז דער קאמפּף צווישען די פּארטייען זאָל אָננעהמען אזא בלוטיגען כאראקטער אין סאמע אָנפאַנג? ווי האָט עס פּאַ־סירט, אז מענשען, וועמעס פּאָליטישע אנזיכטען זיינען געווען

---

דעלאַני און באזיר (אַ דאַנטאָניסט). דער באַנקיר בענאָ, דע- פּאָעט לאהריפּ, די גרעפין ביופּאָרט (זשוליענס ליובאָוניצע) און שאבאָ (דער געוועזענער גלח, וועלכער האָט זייט דאן געהייראַט אַן עסטרייי־כישע דאמע, אַ שוועסטער פון דעם באַנקיר פרעי) זיינען אויך דאָרט געווען. און אַ חוץ דעם האָט דער באַראָן געמאַכט אַ פערזוך צו געווינען פאבר'ן פאר זיין פּלאַן, און דעלאַני איז ווירקליך געוואונען געוואָרען אויף דער זייט פון דער אינדישער קאָמפּ. דיזע קאָמפּאַניע איז אַטאַקירט געוואָרען אין דער קאָנווענשען, וועלכע האָט בעפוילען די באַלדיגע ליקווידירונג פון דער קאָמפּאַניע דורך אַ ספּעציעלע קאָמיטע. דער ווערטער־אויסדרוק פון דיזען דעקרעט האָט בעדארפט געשריבען ווערען פון דעלאַני, וועלכער האָט ווירקליך געשריבען אַ קאָפּיע פון דיזען דעקרעט, און דיזער דעקרעט איז אונטערשריבען געוואָרען פון פאבר, וועלכער האָט געמאַכט איניגע ענדערונגען מיט אַ בלייפעדער. אָבער אַנדערע, ענדערונגען צום פּאָרטהייל פון דער קאָמפּאַניע זיינען שפּעטער־צו געמאַכט געוואָרען מיט טינט פון דעלאַני אויף דער זעלבער קאָפּיע, און דיזע קאָפּיע, וועלכע איז קיינמאָל ניט פּאָרגעלייגט געוואָרען פאר דער קאָנווענשען, איז גע־מאַכט געוואָרען צו גילטען אלס דער דעקרעט גופא.

אזוי ווייט פערשיעדען, ווי די פון די זשיראָנדיסטען, פון דאַנ־טאָן, ראָבעספּיער און מאראט, זיינען געווען פעהיג צו האנדלען איינשטימיג געגען דעם קעניגליכען דעספּאָטיזם?

עס ווייזט זיך ארויס, אלס זעהר וואהרשיינליך, דאָס די אינטימע און ברידערליכע בעציהונגען, וועלכע האָבען עקזיס־טירט ביין אָנקומען פון דער רעוואָלוציע אין די פריימויערער־לאָדזשען אין פּאריז און די פּראָווינצען, צווישען די לייטענדע מענער פון דער צייט, האָבען געמוזט פיעל בייטראָגען צו דיזער אחדות אין דער ערשטער פּעריאָדע פון דער רעוואָלוציע. עס איז ווירקליך בעקאַנט דורך לואי בלאַן, הענרי מארטין און דורך דעם אויסגעצייכענטען מאָנאָגראַף פון פּראָפע־סאָר ערנסט ניס, דאָס כמעט אלע בעריהמטע רעוואָ־לוציאָנערען זיינען געווען פריימויערער. מיראבאָ, באַלי, דאַנ־טאָן, ראָבעספּיער, קאנדארסעט, בריססאָ, לאַלאנד און פיעלע אַנדערע זיינען געווען פריימויערערישע ברידער און דער הער־צאָג פון אָרלעאן איז געבליבען דער נאַציאָנאַלער גרענד־מאַס־טער פון די פריימויערער ביז דעם 13טען מאַי, 1793. פון דער אַנדערער זייט איז אויך בעקאַנט, דאָס ראָבעספּיער, מיראבאָ, לאָוואָאזיע און וואהרשיינליך פיעל מעהר האָבען געהערט צו די לאָדזשען פון די „איללומינאטען“, געגרינדעט פון ווייזהויפּט, וועמעס ציעל איז געווען „צו בעפרייען די נאַציאָנען פון דער טיראַניי פון די פּרינצען און פּריסטער“, און אלס אַן ערשטער שריט, צו בעפרייען די בויערען און די ארבייטער פון לייב־איי־גענשאַפט, געצוואונגענער ארבייט און פון צעכען.

עס איז גאַנץ זיכער, אום צו ציטירען פון ע. ניס, דאָס די פריימויערריי „דורך איהרע הומאַניטערע טענדענצען, איהר פעס־טען גלויבען אין די מענשליכע ווערדע, און דורך איהרע פּרינצי־פּען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט“, האָט שטאַרק געהאָלפען צו ערציהען די עפענטליכע מיינונג אין די נייע אידעען, און נאָך מעהר דערפאר, וויל א דאַנק איהר, זיי־נען אין יעדען טהייל פון פראנקרייך אָבגעהאלטען געוואָרען מי־טינגען, ביי וועלכע פּראָגרעסיווע אידעען זיינען ערקלערט און

אפלאָדירט געוואָרען, און וואָס איז געווען נאָך פיעל וויכטיגער, ווי מען דענקט געוועהנליך, די מענשען האָבען זיך אויסגעלערענט צו דיסקוטירען און צו שטימען. „די פעראייניגונג פון די דריי שטענדע אין יוני, 1789, און די בעוועגונג אין דער נאכט פון אויגוסט דעם 4טען זיינען העכסט־וואהרשיינליך פאָרבערייטעט געוואָרען אין די לאָדזשען פון די פריימויערער.“

דיזע פאָרבערייטענדע ארבייט האָט אויך געמוזט פעסטשטעלען פערזענליכע בעציהונגען און געוואוינהייטען פון גענענזייטיגער אכטונג צווישען די מענער פון טהאט, אונגעאכטעט אויף די אייביגע צו קליינע פארטיי־אינטערעסען, און האָט אזוי געמאכט מעגליך די רעוואָלוציאָנערען פון פערשיעדענע מיינונגען צו האנדלען מיט א געוויסער אייניגקייט גאנצע פיער יאָהר פאר די אָבשאפונג פון דעם קעניגליכען דעספּאָטיזם. עס איז געווען ערשט שפּעטער, צו ענדע פון דער רעוואָלוציע, ווען זייערע פערזענליכע פערהעלטניסע זיינען געווען אונטערוואָרפען די שווערסטע פּראָבען — בעזאָנדערס נאָך דעם, ווי די פריימויערער אליין האָבען זיך צוטהיילט צווישען זיך אין זייערע מיינונגען איבער דער פראגע פון קעניגטהום — אָט דאן ערשט זיינען יענע קייטען־גליעדער צובראָכען געוואָרען. און דאן האָבען די קעמפפע אָנגעהויבען צו זיין פון דעם ברוטאלען כאראקטער, וואָס זיי האָבען אָנגענומען פאר דעם פאלען פון די מאָנטאנארען.

## פינף און זעכציגסטער קאפּיטעל.

# די העבערטיסטען געשטירצט.—דאַנטאָן הינגעריכטעט

דער קאַמפּף צווישען די רעוואָלוציאָנערען און די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען. — ראָבעספּיער און די קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען. — דער טריאומף פון די העבערטיסטען. — סאָן־זשוסט'ס גרויסע רעדע. — ער פערטהיידיגט טערראָריזם. זיין אַטאַקע אויף די דאַנטאָניסטען. — די טהעטיגקייט פון די קארדעליערער. — פערהאַפטונג פון די העבערטיסטישע פיה־רער. — ווייטערע פערהאַפטונגען פון שאָמעט, פאשע, קלאָטץ און לעקלערק. — דער ערפאָלג פון דער רעגיערונג. — די הינריכ־טונג פון די העבערטיסטען און אנדערע. — די שמחה פון די ראָיאליסטען. — דער סוף פון קאַמפּף צווישען די קאָמיטעס און דער קאָממונע. — די קאָמיטעס פערהאַפטען דאנטאָן'ען, דעמולין, פעליפּפּא און לאקראָ. — זיי ווערען הינגעריכטעט. — דיווירקונג פון די הינריכטונגען אויף פאריז. — דער סוף פון דער רעוואָלוציע איז נאָהענט.

---

אַזוי איז אוועק דער ווינטער אין שטילע קעמפּפע צווי־שען די רעוואָלוציאָנערען און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען יעדען טאָג אויפגעהויבען זייערע קעפּ אלץ העכער און מוטהיגער.

אָנפאַנג פעברואר האָט ראָבעספּיער זיך געמאכט פאר דעם פאָרשטעהער פון אַ בעוועגונג געגען געוויסע קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען, וועלכע האָבען געהאַנדעלט, ווי קאריער אין נאַנטעס און פושע אין ליאָן, מיט אַ שרעקליכער רציחה געגען

די רעבעללירענדע שטעדט, און וועלכע האָבען קיין חילוק ניט געמאכט צווישען די, וועלכע האָבען אויפגעהעצט צו דעם אויפשטאנד און די מענשען פון פאָלק, וועלכע זיינען אין איהם אריינגעשלעפט געוואָרען.*) ער האָט געפאָרדערט, אז דיזע קאָמיסיאָנערען זאָלען צוריקגערופען ווערען, און ער האָט זיי געסטראַשעט מיט פערפאָלגונג, אָבער פון דיזער בעוועגונג איז גאָרניט געוואָרען. דעם 25סטען פעברואר איז קאַריער בעגנאַדיגט געוואָרען פון דער קאָנווענשען — און ווייל קאַריער איז אין דיזער היגזיכט געווען שולדיגער פון אלעמען, האָט עס, נאַטירליך, געמיינט, אז די פעהלער פון אלע אנדערע קאָמיסיאָנערען, וועלכע זיי זאָלען ניט זיין, ווערט זיי געשענקט. די העבערטיסטען האָבען טריאומפירט. ראָבעספּיער און קוטהאָן זיינען ביידע געווען קראנק און האָבען זיך ניט געלאָזט זעהען פאר איינינגע וואָכען.

אין דער זעלבער צייט האָט סאן־זשוסט, קומענדיג צוריק פון א בעזוך ביי די ארמייען, געהאַלטען פאר דער קאָנווענשען דעם 26־סטען פעברואר א גרויסע רעדע, וועלכע האָט געמאכט א שטאַרקען איינדרוק, און האָט נאָך מעהר פערפלאָנטערט די פערהעלטניסע. סאן־זשוסט, ווייט פון פערטהיידיגען מילדקייט, האָט ער גאָר אָנגענומען די טעררּאָריסטישע פּראָגראם פון די העבערטיסטען. ער, אויך, האָט געסטראַשעט די שונאים פון דער רעפּובליק — זאָגאָר נאָך שטאַרקער, ווי די העבערטיסטען האָבען עס ווען געטהאָן. ער האָט פערשפּראָכען צו צילעווען זיין קאמפּף אויף „די אויסגעוועפּטע פּאַרטיי“, און אלס אויף די נעכסטע קאנדידאַטען פאר די גיליאָטינע האָט ער אָנגעוויזען אויף די דאַנטאָניסטען — „די פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע רעדט אימער פון געהן מיט לאַנגזאַמע טריט, וועלכע נאַרט אָב אלע פּאַרטייען און וועלכע פּאָרבערייטעט די צוריקקעהרונג פון

---

*) עס איז בעוואוסט, דאָס דער יונגער זשוליען האָט געשריבען ראָבעספּיער׳ן גאַנץ אָפען וועגען די איבערטריבענע רציחות פון געוויסע קאָמיסיאָנערען, און בעזאָנדערס וועגען קאַריער.

דער רעאקציע; די פארטיי, וועלכע רעדט פון רחמנות, ווייל איהרע מיטגליעדער זיינען ניט געגוג טוגענדהאפט, אום צו קענען זיין שרעקליך. וויבאלד סאן־זשוסט איז געשטאנען אויף דעם באָדען פון רעפובליקאנישער עהרענהאפטיגקייט, האָט ער, נאטירליך, געקאָנט רעדען מיט גרויסער אויטאָריטעט, וועהרענד די העבערטיסטען, וועלכע—לכל הפחות אין זייערע ווערטער — האָבען געמאכט חוזק פון דיזער עהרענהאפטיגקייט, האָבען געגעבען זייערע שונאים די מעגליכקייט זיי צונויפצומישען מיט דער הורבע פראָפיט־מאכער, וועלכע האָבען געזועהען נור אין דער רעוואָלוציע א מיטעל פאר זייער אייגענע בערייכערונג. וואָס אנבעטרעפט די עקאָנאָמישע מיטלען, וועלכע סאן־זשוסט האָט פערטיידיגט אין זיין רעדע, האָט ער אָנגענומען, כאָטש גאנץ דונקעל, מאנכע פון די אידעען פון די גאנץ עקסטרימע. ער האָט זיך מודה געוועזן, דאָס ביז דאַןהאָט ער ניט געטראכט וועגען דיזע פראגען. „די מאכט פון די אומשטענדען", האָט ער געזאָגט, „פיהרט אונז אפשר צו שליסע, וועגען וועלכע מיר האָבען ניט געטראכט." אָבער איצט, אז ער טראכט שוין יא וועגען זיי, מיינט ער דאָך ניט צו שעדיגען די גרויסע פערמעגענס. ער איז נור געגען זיי, ווייל זיי זיינען אין די הענד פון די שונאים פון דער רעוואָלוציע. „די פערמעגענס פון די פאטריאָטען זיינען הייליג", זאָגט ער, „אָבער דאָס לאנד פון די קאָנספיראטאָרס דארף געהערען צו די אָרימע". דאָך דריקט ער אויס מאנכע אידעען וועגען לאנד־אייגענטהום. זיין אבזיכט איז, אז דאָס לאנד זאָל געהערען צו די, וועלכע קולטיווירען עס: זאָל דאָס לאנד אוועקגענומען ווערען פון די, וועלכע האָבען פאר צוואנציג אָדער פופציג יאָהר עס ניט קולטיווירט. ער וואָלט געגליכען צו זעהען א דעמאָקראטיע פון עהרליכע קליינע לאנד־אייגענטהימער, וועלכע זאָלען לעבען אין געמעסיגטען וואוילזיין; ער פערלאנגט, אז די מאיאָנטקעס פון די קאָנספיראטאָרס זאָלען קאָנפיסקירט ווערען און געגעבען ווערען צו די אָרימע. עס קען ניט זיין קיין פרייהייט, אזוי לאנג ווי עס זיינען דאָ בעטלער און אביונים, און אזוי לאנג, ווי די בירגערליכע (ער מיינט דאָ די

עקאָנאָמישע) פערהעלטניסע אין דער געזעלשאפט רופען ארויס פערלאַנגען וועלכע זיינען אַנטקעגען דער פעסטגעשטעלטער רעגיערונגס־פאָרם. „איך פאָדער אייך אויף“, זאָגט ער, „צו עטאַבלירען פרייהייט, אזוי לאַנג, ווי די אָרימע קענען אויפגערייצט ווערען געגען די נייע אָרדנונג, און איך פאָדער אייך אויף אָבצושאפען אָרימקייט, אזוי לאַנג ווי מיר האָבען עס ניט געמאכט מעגליך פאר יעדען צו האָבען לאַנד.... בעטלעריי מוז אָבגעשאפט ווערען דורך די צוטהיילונג פון די נאַציאָנאַלע גיטער צו די אָרימע.“ ער האָט אויך גערעדט פון א געוויסען סאָרט נאַציאָנאַלע פערזיכערונג; פון א נאַציאָנאַלער אינסטיטוציאָן, וועלכע איז געגרינדעט אום גוט צו מאַכען די אונגליקען, וואָס קענען טרעפען מיט דעם געזעלשאַפטליכען קערפער“. דיזע אינסטיטוציאָן דארף בענוצט ווערען, אום צו בעלוינען די טוגענד, אום גוט צו מאכען פערזענליכע אונגליקען און פאר ערציהונג.

און מיט דעם אלעם איז געווען צונויפגעמישט א גרויסע מאָס פון טערראָריזם. דאָס איז געווען דער העבערטיסטישער טערראָריזם, א ביסעל פארפארבט מיט סאָציאליזם. אָבער זיין סאָציאליזם האָט אין זיך ניט געהאַט גאָר ניט פעסטעס. ער איז בעשטאַנען מעהר פון שעהנע ווערטלאך, ווי פון געזעצגעבערישע פּלענער. עס איז קלאָר, דאָס דער ציעל פון סאַן־זשוסט איז געווען מעהר פון אלץ צו בעווייזען, ווי ער האָט אליין געזאָגט, „דאָס „דער בארג“ בלייבט נאָך אימער דער שפּיץ פון דער רעוואָלוציע“. ער וועט ניט ערלויבען אנדערע צו איבערשטייגען איהם. ער וועט היגריכטען די סאמע עקסטרימע און די העבערטיסטען, אָבער ער מעג בּאָרגען עטוואָס פון זיי.

א דאַנק דיזער רעדע, האָט סאַן־זשוסט ארויסגעקראָגען צוויי דעקרעטען פון דער קאָנווענשען. איינער איז געווען אַן ענטפער צו די, וועלכע האָבען פערלאַנגט מילדקייט, רחמנות. די קאָמיטע פון עפענטליכער זיכערהייט איז בעשענקט געוואָרען מיט דער מאכט צו בעפרייען „די פערהאַלטענע פאטריאָטען“. דער צווייטער דעקרעט איז געווען געמיינט צו געהן

פיעל ווייטער, ווי די העבערטיסטען האָבען עס געהאַט בדעה, און אין דער זעלבער צייט צו בערוהיגען די קויפער פון די נאַציאָנאַלע גיטער. די גיטער פון די פאַטריאָטען מוזען זיין הייליג. אָבער די גיטער פון די שונאים פון דער רעוואָלוציע דארפען קאָנ־פיסקירט ווערען פאר דעם נוצען פון דער רעפּובליק. וואָס אנ־בעטרעפט די שונאים גופא, דארפען זיי פארהאַלטען ווערען ביז דער פריעדען וועט געשלאָסען ווערען, און דאן ארויסגעוויזען ווע־רען. די, וועלכע האָבען געוואונשען צו זעהען די רעוואָלוציע מאַכען א שריט פאָרווערטס אין דער סאָציאַלער ריכטונג, זיינען אויף אזא אופן אָבגענארט געוואָרען. פון דיזער גאנצער דעבאַ־טע איז קיין זאך, אויסער ווערטער, ניט ארויסגעקומען.

דאַן האָבען די קאָרדעליערען בעשלאָסען צו האַנדלען. דעם 4טען מערץ האָבען זיי מיט א שווארצען טול פערדעקט דאָס ברעט, אויף וועלכען עס זיינען געוועזען אָנגעשריבען די מענשען־רעכטע וואָס איז געהאַנגען אין זייער קלוב. ווינסענט האָט גע־רעדט פון דער גיליאָטינע, און העבערט האָט גערעדט געגען אמאר, איינער פון דער קאָמיטע פון דער עפענטליכער זיכער־הייט, וועלכער האָט זיך געוואַקעלט צו שיקען איין־און־זעכציג זשיראָנדיסטען צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. אין גאַנץ דונקעלע פראַזען האָט ער געגעבען אָנצוהערעניש אויף ראָבעס־פּיער — ניט אַלס א שטערונג צו אן ערנסטער ענדערונג, אָבער אַלס פערטהיידיגער פון דעמולין. אויף אַזא אופן האָט עס גע־מיינט די אָנווענדונג געגען אַלע איבלען פון בלויז איין רפואה, פון טעררערריזם, קאַריער האָט זאָגאַר ארויסגערעדט זיך מיט דעם וואָרט „אויפשטאַנד“.

אָבער דאָס פאָלק פון פאַריז האָט זיך ניט געריהרט, און די קאָממונע האָט זיך ענטזאַגט צו הערען דעם צורוף פון די הע־בערטיסטישע מיטגליעדער. דאַן, וועהרענד דער נאַכט פון דעם 13טען מערץ זיינען ארעסטירט געוואָרען די העבערטיסטי־שע פיהרער: העבערט, מאָמאָרא, ווינסענט, דאַנזין, דוקראָקע און לאָמור. און די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין האָט דורך די הילפע פון בילאַד־ווארען פערשפרייט אַלערליי

רכילות וועגען זיי. זיי האָבען געמיינט, האָט ביללאָד דער־צעהלט, אויסצושלאַכטען אלע ראָיאַליסטען אין די געפענגניסע. זיי האָבען געהאַט בדעה צו פּלינדערען די רעגיערונגס־קאַססע; זיי האָבען פאַרגראָבען אין דער ערד נאַהרונגס־מיטלען, אום צו מאַכען פּאַריז שטאַרבען פון הונגער.

דעם 18טען מערץ איז ארעסטירט געוואָרען שאָמעט, דער פּראָקוראַטאָר פון דער קאָממונע, וועמען די קאָמיטע פון עפּפּענט־ליכען וואוילזיין האָט אראָבגעזעצט מיט א טאָג פריהער פון זיין אמט, און אויף זיין פּלאַץ אָנגעשטעלט סעליע. דער מעיאָר פּאַשע איז בערויבט געוואָרען פון זיין אמט דורך דיזעלבע קאָ־מיטע. אנאַכאַרזיס קלאָטץ איז שוין געוועזען ארעסטירט דעם 21סטען דעצעמבער — די אנקלאַגע איז געוועזען, דאָס ער האָט געוואָלט אויסגעפינען, אויב א געוויסע דאמע איז אויף דער ליסט פון די פערדעכטיגטע — לעקלערק, א פריינד פון שאַליע, וועלכער איז געקומען פון ליאָן און האָט געאַרבייט צוזאמען מיט דזשעק רו, איז געוועזען פערמישט אונטער דיזעלבע אנקלאַגע.

די רעגיערונג האָט טריאומפירט.

די אמת׳ע אורזאַכען פון דיזע פערהאַפטונגען צווישען דער פּאָרטגעשריטענער פּאַרטיי ווייסען מיר נאָך איצט ניט. האָבען זיי געמאַכט א פערשווערונג מיט דער אבזיכט צו פערכאַפּען די מאַכט מיט דער הילפע פון דער רעוואָלוציאָנערער ארמעע" פון ראָנזין? עס איז געוועזען מעגליך, אָבער ביז איצט ווייסען מיר ניט גאָר ניט בעשטימטעס וועגען דיזער אנגעלעגענהייט.

די העבערטיסטען זיינען געשיקט געוואָרען פאַר׳ן רעוואָלו־ציאָנערען טריבונאַל, און די קאָמיטעס האָבען געהאַט די גע־מיינהייט צו שיקען זיי אין איינעם מיט אמת׳ע פערברעכער. אין דער זעלבער קאָמפּאַניע זיינען געוועזען באַנקירען און דייטשע אַגענטען צוזאמען מיט מאָמאָרעק, וועלכער איז זייט 1790 גע־וועזען בעוואוסט פאַר זיינע קאָממוניסטישע אידעען, און וועל־כער האָט דער רעוואָלוציע אוועקגעגעבען אבסאָליוט אלעס, וואָס ער האָט געהאַט; צוזאמען מיט לעקלערק, דעם פריינד פון שאַליע, און אנאַכאַרזיס קלאָטץ, דעם „אָראַטאָר פון דער מענש־

הייט", וועלכער האָט שוין אין 1793 פּאָראויסגעזעהען די רע־פּובליק פון דער מענשהייט און געהאַט דעם מוטה צו רעדען דערפון.

דעם 24טען מערץ, נאָך א גאַנץ פאָרמעללען פּראָצעס, וועל־כער האָט געדויערט דריי טעג, זיינען זיי אלע הינגעריכטעט גע־וואָרען.

עס איז גרינג זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאר א פרייד דאָס איז געוועזען פאר די ראָיאַליסטען, מיט וועמען פּאַריז איז געוועזען איבערפילט. די גאַסען זיינען געוועזען געפּראָפּט מיט די „מאָס־קאַדינס" (אויסגעפּוצטע פראנטען)), וועלכע האָבען בעליידיגט די פּעראָורטהיילטע אָפּפער, ווענדענד מען האָט זיי געשלעפּט אויף מיסט־פוהרען צו דעם פּלאַס דע לאַ רעוואָלוסיאָן. די רייכע האָבען געצאָהלט משונה'דיגע פרייזען, אום צו האָבען זיץ־פּלעצער נאָהענט צו דער גיליאָטינע, אזוי דאָס זיי זאָלען קענען אין גאַנצען געניסען דעם טוידט פון די פּאָלקס־פריינד. „דער סקוועיר איז אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין א טהעאַטער", דער־צעהלט מישלע, „און רונד ארום איז געוועזען א מאַרק, וואו די לוסטיג־אָנגעקליידעטע מאַסען האָבען זיך געדרעהט צווישען די אויף־גיך־אויפגעשטעלטע קראָמען און געצעלטען". דאָס פּאָלק איז ניט ערשיענען יענעם טאָג. ער האָט געוואוסט, אז דאָס זיינען זיינע פריינד, וועלכע ווערען ערמאָרדעט.

שאָמעט איז גיליאָטינירט געוואָרען איניגע טעג שפּעטער (דעם 13טען אפּריל) צוזאַמען מיט גאָבעל, דעם בישאָף פון פּאַ־ריז, וועלכער האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט, אלס בישאָף. זיי זיינען ביידע אָנגעקלאָגט געוואָרען אין אפּיקורסות. די אלמנה פון דעמולין און פון העבערט זיינען געוועזען איינגעשלאָסען אין דיזעלבע קאָמפּאַניע. פּאַשע'ן האָט מען געשענקט דאָס לעבען, אָבער אויף זיין פּלאַץ, אלס מעיאָר, האָט מען אוועקגעזעצט פלעריאָ־לעסקאָ, אַן אונבעדייטענדען מענשען, און אויף דעם פּלאַץ פון דעם פּראָקוראָר שאָמעט איז פריהער אויסגעקליבען געוואָרען סעליע, און נאכער קלאָד פּאַיאַן, א מאַן, וואָס איז גע־וועזען איבערגעגעבען צו ראָבעספּיער, און וועלכער איז געוועזען

מעהר פעראינטערעסירט אין דעם רבש"ע, ווי אין דעם פאָלק פון פאריז.*)

די צוויי קאָמיטעס — די פון עפפענטליכער זיכערהייט און פון עפפענטליכען וואוילזיין — האָבען אויף אזא אופן געזיעגט איבער זייער געגנער, די קאָממונע. עס האָט זיך געענדיגט דער לאנגער קאמפף, וועלכען דיזער צענטער פון איניציאטיווע האָט אָנגעהאלטען זייט דעם 9טען אויגוסט, 1792, געגען די אָפי־ציעלע פאָרשטעהער פון דער רעוואָלוציאָן. די קאָמונע, וועלכע איז פאר נייניעהן מאָנאטען געוועזן ווי א שטראהל פאר דעם רעוואָלוציאָנערען פראנקרייך, האָט געהאלטען אין ווערען בלויז א טהייל פון דער שטאאט־מאשינעריע. נאָכדעם איז דער סוף שוין געוועזן קענטיג פאר אלע.**)

---

*) דער געזעץ פון דעם 4טען דעצעמבער, וועלכער האָט עטאַב־לירט „די רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג", האָט פערביטען די אויסער־וועהלטע פראָקוראָרען פון די קאָממונען מיט די „נאַציאָנאַלע אַגענ־טען, נאָמינירט פון דער „קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין". שאָמעט, ווערענדיג בעשטעטיגט אין זיינע טהעטיגקייטען, אלס פראָ־קוראָר, דורך די קאָמיטע, איז אויף אזא אופן געוואָרען א „נאַציאָנאַ־לער אגענט". דאַן, אין דעם טאָג, ווען די העבערטיסטען זיינען ארעסטירט געוואָרען (דעם 13טען מערץ), האָט די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין ארויסגעקראָגען פון דער קאָנווענשען אַ נייעם געזעץ, וועלכער האָט זיי ערלויבט ארונטערצוזעצען יענע בע־אַמטע, וואָס זיינען נור צייטווייליג אויסערוועהלט געוואָרען פון דער קאָממונע, פון וועמען זיי האָבען געוואָלט פטור ווערען. און אַ דאַנק דיזען געזעץ, האָט די קאָמיטע ארונטערגעזעצט דעם מעיאָר פאשע און אוועקגעזעצט לעסקא אויף זיין פלאץ.

**) מיט פאשע און שאָמעט זיינען פערשוואונדען געוואָרען די צוויי מענער, וועלכע האָבען אין די געדאַנקען פון פאָלק אם בעס־טען סימבאָליזירט די פאָלקס־רעוואָלוציע. ווען די דעלעגאטען זיינען געקומען נאָך פאַריז פון די פערשיעדענע דעפארטמענטס, אום צו ערקלערען, אז זיי נעהמען אָן די קאָנסטיטוציע, זיינען זיי

ווי עס איז, די ראָיאַליסטען האָבען אזוי ווייט טריאומפירט נאָך דיזע הינריכטונגען, דאָס די קאָמיטעס האָבען זיך געפיהלט איבערשטיגען פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען. איצט זיינען זיי עס געווען, וועלכע מען האָט געהייסען געהן אויף די גילאָטינע. דעמולין, וועמעס אויפפיהרונג אין דעם טאָג פון העבערט'ס הינריכטונג, איז געווען אזוי אבשטויסענד (ער אליין האָט דערצעהלט וועגען דעם) האָט ארויסגעגעבען א זיבעטע נומער פון זיין ציטונג, וואָס איז געווען געצילעוועט גענצליך געגען דעם רעוואָלוציאָנערען רעזשים. די ראָיאַליסטען האָבען זיך ארייגעלאָזען אין נאַרישע מאַניפעסטאַציאָנען פון פרייד און האָבען צוגערעדט דאַנטאָן'ען צו אטאַקירען די קאָמיטעס. די זשיראָנדיסטען, וועלכע האָבען זיך צוגערעקט מיט דעם מאַנטעל פון דאַנטאָן'ען, האָבען בעשלאָסען צו בענוצען זיך מיט דעם, וואָס די העבערטיסטען זיינען אָבגעראמט געוואָרען פון וועג און מאַכען א שטאַאטס־שטרייך — און דאָס וואָלט געמיינט די גילאָטינע פאַר ראָבעספיער, קוטהאָן, סען־זשוסט, ביללאָד־ווארען, קאָלאָ ד'הערבאָיס און די אלע לייטענדע מאָנטאַנאַרען. די קאָנטער־רעוואָלוציע וואָלט אויף אזא אופן שוין געקאָנט זיין זיעגרייך ארום דעם פריהלינג פון 1794, אָבער די קאָמיטעס האָבען בעשלאָסען צו דערלאַנגען א קלאַפּ „די רעכטע" און אויפאָפּפערען דאַנטאָן'ען.

אין דער נאַכט פון דעם 30טען מערץ איז פאַריז ערשטוינט געוואָרען, דערוויסענדיג זיך, אז דאַנטאָן, דעמולין, פעליפּפּאָ און

גענוען ערשטוינט צו געפינען פּאַריז גאַנץ דעמאָקראַטיש. דער מאַיאָר, „פּאַפּאַ פּאשא", איז געקומען פון לאַנד מיט אַ לעבעל ברויט אין קעשענע. שאָמעט, דער פּראָקוראָר פון דער קאָמונע, לעבט אין איין צימער מיט זיין פרוי, וועלכע פעררינכט זיינע אלטע קליידער. קומט אַריין, ענטפּערען זיי צו יעדען, ווער עס קלאַפּט אין זייער טיר, פּונקט ווי ביי מאַראַט. און אזוי צוגענגליך צו אלעמען זיינען געווען די אַלע אַנדערע. דיזע זיינען עס געווען די מענשען, וועלכע זיינען איצט אַוועקגענומען געוואָרען פון פאָלק.

לאקראַי זיינען ארעסטירט געוואָרען. האנדלענדיג לויט דעם רעפּאָרט פאר דער קאָנווענשען פון סאן־זשוסט (וועלכער איז געמאכט געוואָרען אייגענטליך אין זיין ערשטער פאָרמע פון ראָבעספּיער, און וועלכער איז נאָך פערבליבען ביז איצט) האָט די פערזאמלונג גלייך בעפוילען די אנקלאגע פון דאנטאָן און זיין פערהאפטונג.

די קאָמיטעס האָבען ווידער צוזאמענגעשטעלט א פער־שיעדענארטיגע קאָמפּאניע פון אָנגעקלאָגטע פאר דיזען פּראָצעס, אום צו פערטומלען די עפפענטליכע מיינונג. דאנטאָן צוזאמען מיט דעמולין, באזיר (וועמעס נאָמען מיר האָבען געזעהען, אלס בעזוכער פון באראָן דע באַץ), פאבר, בעשולדיגט אין פעלשונג, לאקראַי, בעשולדיגט אלס רויבער, שאבאָ, וועלכער האָט זיך מודה געווען, דאָס ער האָט ערהאלטען (האָטש ער האָט זיי אויסגעגע־בען) א הונדערט טויזענד פראנק פון די ראָיאליסטען פאר א גע־וויסען אונבעקאנטען צוועק, דעם פעלשער דעלאני, און דעם מעקלער פון דע באַץ'ס קאָנספּיראציע, זשוליען, (פון טולוז).

די רעדען פון די אָנגעקלאָגטע אויף דעם פּראָצעס זיינען אונטערדריקט געוואָרען. ווען די שטארקע פערטהיידיגונג פון דאנטאָן האָט געסטראשעט ארויסצורופען א פאָלקס־אויפשטאנד, האָבען די ריכטער ניט ערלויבט איהם אָדער אנדערע צו רעדען און האָבען ארויסגעגעבען זייער טוידט־אורטהייל.

דעם 5טען אפּריל זיינען זיי הינגעריכטעט געוואָרען.

מען קען גאנץ גוט פערשטעהן די ווירקונג אויף די בעפעל־קערונג פון פּאריז און אויף די רעוואָלוציאָנערען אין אלגעמיין דורך דעם פאלען פון דער רעוואָלוציאָנערער קאָממונע פון פּאריז און די הינריכטונג פון אזעלכע מענער, ווי לעקלערק, מאמארא, העבערט און קלאָץ, געפאָלגט פון דער הינריכטונג פון דאנטאָן און קאמיל דעמולין און ענדליך פון שאָמעט. דיזע הינריכטונ־גען זיינען בעטראכט געוואָרען אין פּאריז און אין דער פּראָווינץ, אלס דער סוף פון דער רעוואָלוציע. אין פּאָליטישע קרייזען האָט מען געוואוסט, אז דאנטאָן איז דער מיטעלפּונקט פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען; אָבער פאר פראנקרייך אין אלגעמיין איז ער

פערבליבען דער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז אימער געוועזן אין סאמע פראָנט פון אלע פאָלקס־בעוועגונגען. „אויב דיזע מענ־שען זיינען פעררעטהער, טו וועמען זאָלען מיר טרויען?“ האָבען די מענשען זיך געפרעגט. „אָבער זיינען זיי פעררעטהער?“ האָ־בען געפרעגט אנדערע, „איז עס ניט א זיכערער סמן, דאָס די רעוואָלוציע דערנעהענערט זיך צו איהר סוף?“

געוויס איז עס געוועזן א סמן. איינמאָל איז די ווייטערע בעוועגונג פון דער רעוואָלוציע צוריקגעהאַלטען געוואָרען; ווי־באלד עס איז געוועזן א מאכט, וועלכע האָט געקאָנט זאָגען: „ווייטער זאָלסטו ניט געהן“, און דאָס נאָך אין א מאָמענט, ווען די וויכטיגסטע פאָדערונגען פון פאָלק האָבען געזוכט אַן אויס־דרוק — איינמאָל האָט דיזע מאכט אויסגעפיהרט צו דערשטיקען יענע, וועלכע האָבען פרובירט צו פארמולירען די פאָדערונגען פון די מאסען, האָבען די אמת'ע רעוואָלוציאָנערען גאנץ גוט בעגריפען, אז דאָס איז ווירקליך די גסיסה פון דער רעוואָלוציאָן. זיי האָבען זיך ניט געלאָזט אָבנארען פון סען־זשוסט, וועלכער האָט זיי געזאָגט, אז אויך ער הויבט אָן צו דענקען, ווי יענע, ווע־מען ער האָט געשיקט אויף די גיליאָטינע. זיי האָבען פערשטאַ־נען, אז דאָס איז דער אָנהויב פון סוף.

און ווירקליך, דער זיעג פון די קאָמיטעס איבער די קאָמ־מונע איז געוועזן דער זיעג פון דער „אָרדנונג“, און אין דער צייט פון א רעוואָלוציע מיינט דער זיעג פון אָרדנונג די ענדע פון דער רעוואָלוציאָנערער פעריאָדע. עס קענען זיין נאָך איינינע קאָנ־ווולסיעס, אָבער די רעוואָלוציע איז געענדיגט.

און די מענשען, וועלכע האָבען געמאכט די רעוואָלוציע, האָבען ענדליך פערלאָרען דעם גאנצען אינטערעס אין איהר. זיי זיינען געשטאנען אָן א זייט, אום צו מאכען פלאץ פאר די „מאסקאדינס“.

## זעקס און זעכציגסטער קאפיטעל.

# ראָבעספּיער און זיין גרופּע.

**די שטעלונג און דער איינפלוס פון ראָבעספּיער. — די אורזאכען פון זיין מאַכט. — זיין עהרליכקייט. — זיין פאַנאַטיזם. — זיין אַנקלאַגע געגען פאַבר. — זיין כאַראַקטער און זיין טאַקטיק.**

---

ראָבעספּיער איז אָפט כאַראַקטעריזירט געוואָרען, אלס דיקטאַטאָר: זיינע שונאים אין דער קאָנווענשען האָבען איהם גערופען „דער טיראַן", און עס איז אמת, אז ווען די רעוואָלוציע האָט זיך גענעהערט צו איהר סוף, האָט ראָבעספּיער געהאַט אזא איינפלוס, דאָס סיי אין פראנקרייך און סיי אין אויסלאַנד האָט מען איהם בעטראכט, אלס די וויכטיגסטע פערזאָן אין דער רעפּובליק.

עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיג צו שילדערען ראָבעספּיער אלס דיקטאַטאָר, כאָטש זיכער פיעלע פון זיינע בעוואונדערער האָבען געוואָלט, אז ער זאָל עס ווערען.*) מיר ווייסען ווירקליך, אַז קאמבאָן האָט ארויסגעוויזען פיעל אָרגאניזאטאָרישע מאַכט אויף זיין ספּעציעלען געביעט, אין דער פינאַנס־קאָמיטע, און אז קארנאָ האָט געהאַט אַ גרויסע מאַכט אין די ענינים

---

*) די „היסטאָרישע נאָטיצען" פון באַדע מעגען זיך זיין פון אַ קליינעם ווערטה, אָבער סען־זשוסט'ס פּלאַן צו בעשטימען ראָבעספּיער אלס דיקטאַטאָר, אום צו רעטען די רעפּובליק (וועלכען באַדע דערמאָנט) איז פאר קיין פאַל ניט אונוואהרשיינליך. בואָנאָראָטי רעדט פון דעם, ווי פון א גוט־בעקאַנטען פאקט.

פון דער מלחמה, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ראָבעספּיער און סען־זשוסט זיינען שטאַרק אונצופריעדען געווען מיט זיי. אָבער די קאָמיטע פון דער עפפענטליכער זיכערהייט איז געווען צו־איי־פערזיכטיג אויף איהר מאכט אום ניט צו זיין געגען אַ דיקטאַטור, און, אַ חוץ דעם, מאנכע פון איהרע מיטגליעדער האָבען געהאַסט ראָבעספּיער׳ן. נאָך מעהר, אפילו ווען עס זיינען געווען אין דער קאָנווענשען אַ געוויסע צאָהל, וועלכע זיינען ווירקליך ניט געווען דאַגעגען ראָבעספּיער׳ס גרויסען איינפלוס, וואָלטען דיזע גאָר ניט גערן זיך אונטערוואָרפען דער דיקטאַטור פון אַ מאָנטאַ־נאַר, וואָס איז געווען אַזוי שטרענג אין זיינע פּרינציפּען. דאָך ראָבעספּיער׳ס מאכט איז ווירקליך געווען אַ געוואַלדיג־גרויסע. כמעט יעדער איינער פון זיינע שונאים, ווי אויך פון זיינע בע־וואונדערער, האָט געפיהלט, דאָס די פערשווינדונג פון זיין פּאַר־טיי פון דעם פּאָליטישען פעלד, וואָלט געמיינט, ווי עס האָט זיך נאָכהער ארויסגעוויזען, דער טריאומף פון דער רעאַקציע.

ווי אַזוי־זשע קען מען זיך ערקלערען די מאכט פון ראָבעס־פּיער און זיין גרופּע? פריהער פון אַלץ איז ראָבעספּיער געווען אַ גרונד־עהרליכער מענש צווישען אַ מאַסע מענשען, וועלכע זיי־נען לייכט געשטרויכעלט געוואָרען דורך דעם נסיון פון רייכטום און מאכט, און דאָס איז אַ זעהר וויכטיגער כאַראַקטער־צוג אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע. וועהרענד די מאַיאָריטעט פון די מיטעל־קלאַס־מענשען ארום איהם האָבען גענומען אַ חלק אין די נאַציאָנאַלע גיטער, ווען זיי זיינען געשטעלט געוואָרען צום פער־קויף, און האָבען אויך אַנטהייל גענומען אין אַלערליי ספּעקו־לאַציעס; וועהרענד טויזענדע יאַקאָבינער האָבען זיך פערזיכערט מיט רעגיערונגס־שטעלען, איז ראָבעספּיער געבליבען אַן עהרליכער ריכטער, שטענדיג דערמאָנענדיג זיי אָן די העכערע פּרינציפּען פון רעפּובליקאַניזם און סטראַשענדיג מיט גיליאָטינע די, וועלכע זיינען שוין געווען גאַר צו האַסטיג רייך צו ווערען.

אין אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט און געטהאָן אין דעם משך פון יענע פינף אונרוהיגע יאָהרען פון דער רעוואָלוציע, פיהלען מיר זאָגאר איצט, און זיינע צייט־גענאָסען האָבען עס אודאי נאָך

שטאַרקער געמוזט פיהלען, דאָס ער איז געווען איינער פון די ווניגע פאָליטיקער פון יענער צייט, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געצווייפעלט אין זייער רעוואָלוציאָנערען גלויבען, און אויך ניט אין דער ליעבע צו דער דעמאָקראַטישער רעפובליק. אין דיזען הינ־זיכט איז ראָבעספיער געווען א ווירקליכע קראַפט, און אויב די קאָממוניסטען וואָלטען געקענט ארויסשטעלען געגען איהם אנאנ־דער קראַפט, וועלכע וואָלט זיך געקענט אויסגלייכען מיט זיין איי־גענער אין דער שטאַרקייט פון ווילען און אינטעליגענץ, וואָלטען זיי גאָר אָהן שום ספק אויסגעפיהרט איבערצולאָזען א פיעל טיע־פערען איינדרוק פון זייערע אידעען אויף דער גרויסע רע־וואָלוציע.

דיזע מעלות אָבער, וועלכע אפילו זיינע שונאים אנערקענען אין ראָבעספיער, וואָלטען ניט געווען גענוגענד, אום צו ערקלע־רען די גרויסע מאַכט, וואָס איז געווען זיינע ביז צו ענדע פון דער רעוואָלוציע. דער פאַקט איז, זיין פאַנאַטיזם, וועלכער האָט גע־שטאַמט פון דער ריינקייט פון זיינע אבזיכטען, האָט איהם ניט געלאָזען צו ווערען קאָררופט אין דעם מיטען פון א ווייט־פער־שפרייטער קאָררופציאָן. צו דער זעלבער צייט האָט ער גע־שטרעבט פעסטצוגרינדען זיין אויטאָריטעט איבער די מענשליכע מוחות און אום דאָס אויסצופיהרען, איז ער געווען פערטיג, אויב נור נויטיג, אריבערצושפרייזען איבער די טוידטע קערפערס פון זיינע געגנער. אין דער ארבייט פון עטאַבלירען זיין אויטאָרי־טעט, איז ער מעכטיג אונטערשטיצט געוואָרען פון די אַלץ מעהר וואקסענדע מיטעלע קלאַסען אזוי גיך, ווי זיי האָבען אין איהם דערקאָנט דעם „גאָלדענעם מיטען“ — וואָס איז געווען פונקט אזוי ווייט פון די עקסטרימיסטען, ווי פון די געמעסיגטע — דעם מענ־שען, וועלכער האָט זיי אָנגעבאָטען די בעסטע ערבות געגען די „ווילדקייטען“ פון פאָלק.

די בורזשואזיע האָט געפיהלט, אז ער איז געווען א מענש, וועלכער דורך דעם רעספעקט, מיט וועלכען ער האָט בעגייסטערט דאָס פאָלק, דורך די געמעסיגטקייט פון זיינע שטרעבונגען און דורך זיין געלוסטען נאָך מאַכט, איז פונקט געווען דער ריכטיגער

מענש צו עטאבלירען א שטארקע רעגיערונג און מאכען אויף אזא אופן א סוף צו דער רעוואָלוציאָנערער פעריאָדע. אזוי לאנג, אלזאָ, ווי די מיטעלע קלאסען האָבען געהאט מורא פאר די פאָרטגעשריטענע פארטייען, אזוי לאנג האָבען זיי זיך צוריקגעהאלטען פון שטערען ראָבעספיער'ן אין זיין ארבייט צו עטאבלירען די אויטאָריטעט פון דער קאָמיטע פון עפענטליכען וואוילזיין און פון זיין גרופפע אין דער קאָנווענשען. אָבער, ווען ראָבעספיער האָט זיי שוין געגעבען זיין גאנצע הילפע צו פערניכטען יענע פארטייען, האָבען זיי נאכהער איהם אליין פערניכטעט, כדי די מיטעל־קלאס־זשיראָנדיסטען זאָלען קענען קריגען די מאכט אין דער קאָנווענשען, און דאן איז געקומען די רעאקציע פון דעם 9טען טהערמידאָר, ענטוויקעלט ביז איהר העכסטער מדרגה.

ראָבעספיער'ס פערשטאנד איז געווען וואונדערבאר צוגעפאסט צו דער ראָליע, וועלכע ער האָט בעדארפט שפיעלען. אום זיך צו איבערצייגען אין דעם, דארף איינער בלויז לעזען זיין ערשטען אבצוג פון דער בעשולדיגונג געגען פאבר ד'עגלאנטין און די שאבאָט־גרופפע, וועלכער איז געשריבען מיט ראָבעספיער'ס אייגענער האנד, און איז געפונען געוואָרען צווישען זיינע פאפירען נאָך דעם ניינטען טהערמידאָר. דיזער דאָקומענט כאראקטעריזירט דעם מאן בעסער, ווי א גאנצע מאסע ארגומענטען.

„צוויי קאָנקורירענדע חברותות האָבען זיך געקריגט, צו אונזער אלעמענס שאנדע, פאר א געוויסע לאנגע צייט. איינע פון זיי איז גענייגט צו מעסיגקייט, און די צווייטע צו איבערטרייבונגען, וועלכע פראקטיש ארבייטען געגען די רעוואָלוציע. איינע ערקלערט מלחמה געגען אלע ענערגישע פאטריאָטען און פערדיגט מילדקייט פאר פערשווערער, די אנדערע פערלוימדעט כיטרע די פערטהיידיגער פון פרייהייט און וואָלט פערניכטעט איינעם נאָך דעם אנדערען יעדען פאטריאָט, וואָס האָט אַ מאָל געמאכט א טעות, און בלייבט אין דער זעלבער צייט אבזיכטליך בלינד צו די קרימינעללע פערשווערונגען פון אונזערע העכסט־געפעהרליכע שונאים. איינע פרובירט צו מיסברויכען איהר קרעדיט, וואָס זי האָט זיך ערוואָרבען אין דער נאציאָנאלע־

קאָנוועגשען (די דאַנטאָן־פּארטיי) און די אנדערע מיסברויכט איהר איינפלוס, וואָס זי האָט אויף די פאָלקס־פעראיינען (די קאָ־מונע און די עקסטרימע). דער טריאומף פון יעדער פון דיזער פּארטיי וואָלט געווען גלייך געפעהרליך פאר די פרייהייט און די נאַציאָנאַלע אויטאָריטעט...״ און ראָבעספּיער דערצעהלט ווייטער, ווי אזוי דיזע צוויי פּארטייען האָבען אטאקירט די קאָמיטע פון עפּפּענטליכען וואוילזיין זייט זי האָט זיך געגרינדעט.

און נאָכדעם, ווי ער קלאָגט אָן פאבר אין מילדקייט, אום צו בעהאַלטען זיינע אייגענע פערברעכענס, לייגט ער צו: „דער מאָמענט איז אָהן שום ספק געווען זעהר גינסטיג צו פערדיגען א געמיינע און פייגע לעהרע, אפילו פאר גוט־מיינענדע מענשען, ווען אַלע פיינד פון פרייהייט האָבען געטהאָן דאָס מעגליכסטע אויף דער אנדערער זייט; ווען א פערקויפטע פילאָזאָפיע, פּראָסטיטואירט ביז צו טיראַניי, האָט פערנאכלעסיגט טהראָנען צו־ליעב אַלטארען, האָט ענטגעגענגעשטעלט רעליגיאָן געגען פאַ־טריאָטיזם, און האָט געמאכט די מאָראל צו ווידערשפּרעכען זיך זעלבסט, האָט פערמישט די זאך פון רעליגיאָן מיט די זאך פון דעספּאָטיזם, די קאטהאָליקען מיט די קאָנספּיראטאָרס, און האָט פּרובירט צו צווינגען דאָס פאָלק צו זעהען אין דער רעוואָלוציע ניט דעם טריאומף פון טוגענד, נור דעם טריאומף פון אטעאיזם — ניט דעם קוואַל פון גליק, נור די פערניכטונג פון מאָראל און רעליגיעזע אידעען.״

מיר קענען זעהען קלאָר פון דיזע ציטאַטען, דאָס אויב ראָ־בעספּיער האָט ניט ברייטקייט פון פערשטאַנד און די מוטהיגקייט פון גענאַנק, וועלכע זיינען נויטהיג פאר א פיהרער פון א פאר־טיי אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע, האָט ער אָבער בעזעסען אין פאָלקאָמענהייט די קונסט פון אויפרייצען א פערזאמלונג גע־גען דיזע אָדער יענע פערזאָן. יעדע פראַזע אין זיין בעשולדיגונג איז א פערגיפטעטער פייל, וואָס טרעפט אין ציל.

דער שלאגענדסטער פּונקט אין דעם אַלעם איז דער, וואָס ראָ־בעספּיער און זיינע פריינד האָבען ניט בעגריפען די ראָליע, וועלכע די געמעסיגטע האָבען געמאכט זיי צו שפּיעלען, ביז די

צייט איז געקומען, און זיי זיינען אליין אומגעשטירצט געוואָרען.
„עס איז דאָ אַ פּלאַן אויפצורייצען דאָס פאָלק גלייך צו מאַכען
אַלעס", שרייבט איהם זיין ברודער פון ליאָן. „אויב מען וועט
ניט זיין פּאָרזיכטיג, וועט אַלעס דיסאָרגאַניזירט ווערען". און
מאַקסימיליאַן ראָבעספּיער האָט ניט געקאָנט זעהען ווייטער, ווי
זיין ברודער. אין די אַנשטרענגונגען פון די פּאָרטגעשריטענע
פּאַרטייען האָט ער נור געזעהן אַטאַקען אויף די רעגיערונג, פון
וועלכער ער איז געוועזען אַ מיטגליעד.

ווי בריססאָ, האָט ער זיי בעשולדיגט, אַז זיי זיינען די ווערק־
צייג פון לאָנדאָנער און וויענער קאַבינעטען. די פערזוכען פון
די קאָממוניסטען זיינען פאַר איהם געוועזען בלויז רוהע־שטערונ־
גען. עס איז נויטיג געוועזען צו זיין פּאָרזיכטיג מיט זיי, צו פער־
ניכטען זיי מיט דער הילפע פון טעררער.

„וואָס זיינען די מיטלען צו ענדיגען דעם בירגער־קריעג?"
פרעגט ער אין איינער פון זיינע פערצייכנונגען. און ער ענט־
פערט: „צו בעשטראָפען די פעררעטהער און קאָנספּיראַטאָרס,
בעזאָנדערס די שולדיגע דעפּוטאַטען און אַדמיניסטראַטאָרס.

„צו שיקען פּאַטריאָטישע אַרמייען אונטער פּאַטריאָטישע
פיהרער צו אונטערדריקען די אַריסטאָקראַטען פון ליאָן, מאַרסעל,
טולאָן, דער וואַנדעי, דער זשורא, און יעדער אַנדער געגענד,
וואו די פאָהן פון אויפשטאַנד און ראָיאַליזם איז אויפגעוויקעלט
געוואָרען.

„און צו מאַכען אַ שרעקליכען ביישפּיעל פון דיזע אַלע לומ־
פּען, וועלכע האָבען פערגעוואַלדיגט די פרייהייט און פערגאָסען
די בלוט פון די פּאַטריאָטען."

עס איז ניט אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס רעדט, נור אַ מיטגליעד
פון אַ רעגיערונג, געברויכענדיג די שפּראַך פון אַלע רעגיערונגען.
אָט וואָרום די גאַנצע אַרבייט פון ראָבעספּיער פון זינט די
קאָממונע איז געפאַלען ביז דעם 9טען טהערמידאָר, איז געבליבען
פרוכטלאָז. זי האָט גאָר ניט געטהאָן, אום ניט צו שטערען דער
קומענדער קאַטאַסטראָפע, פערקעהרט, זי האָט געהאָלפען דערצו,
אַז זי זאָל קומען וואָס גיכער. זי האָט גאָר ניט געטהאָן, אום אָב־

צואווענדען די שווערדען, וועלכע זיינען געהיים געשארפט גע־
ווארען געגען די רעוואלוציע ; זי האט געטהאן אלעס, אום צו מא־
כען זייערע קלעפ טויטליך.

## זיעבען און זעכציגסטער קאפיטעל.

# דער טעראָר.

שריטע פון די קאָמיטעס צו פערגרעסערען זייער מאַכט. — די מלחמה מיט ענגלאַנד. — די לאַגע אין די פּראָווינצען. — דאָס פערברעכען פון בעדואין. — א ספּעציעלע קאָמיטע פון די ארעסטירטע בירגער. — ראָבעספּיער׳ס טערראָר־געזעץ. — די ווירקונג פון דעם געזעץ. — ראָבעספּיער׳ס ציעל. — די פערזוכע אויף זיין לעבען. — פערהאפטונגען און הינריכטונגען. — טערראָר. — דער האַס צו דער יאקאָבינישער רעגיערונג.

---

נאָך דער מפּלה פון זייערע שונאים, סיי פון די רעכטע און סיי פון די לינקע, זיינען די קאָמיטעס אָנגעגאַנגען מיט דער קאָנ־צענטרירונג פון מעהר און מעהר מאכט אין זייערע הענד. ביז צו יענער צייט זיינען געווען זעקס רעגיערונג־דעפּאַרטמענטס, וועלכע זיינען געווען אינדירעקט אונטערטהעניג צו דער קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין דורך די פערמיטלונג פון דער עק־זעקוטיוו קאָמיטע, וואָס איז בעשטאַנען פון זעקס מיניסטאָרען. דעם 1טען אפּריל זיינען די שטאַאַטס־דעפּארטמענטס אונטערדריקט געוואָרען, און זייערע פּלעצער זיינען פערנומען געוואָרען פון צוועלף עקזעקוטיוו קאָמיטעס, יעדע פון זיי אונטער דער אויפּפּאַ־סונג פון א סעקציאָן פון דער קאָמיטע. נאָך מעהר, די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין האָט געקראָגען דאָס רעכט צוריקצו־רופען אויף איהר אייגענער אויטאָריטעט די קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען. און ענדליך איז געווען בעשלאָסען, אז דער העכסטער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל זאָל זיצען אין פּאריז אונ־

טער דער השגחה פון די קאָמיטעס. די, וועלכע זיינען בּעשול־דיגט געוואָרען אין פערשווערונג ערגעץ־וואו אין פראנקרייך, האָבען בעדארפט געבראכט ווערען נאָך פּאריז צום פּראָצעס. צו דער זעלבער צייט זיינען אָנגענומען געוואָרען מיטלען, אום אויס־צוריינינגען פּאריז פון אלע געפעהרליכע עלעמענטען. אלע גאָבעל־לייט, ביי וועמען מען האָט צוגענומען זייערע מאיאָנטקעס און אלע אויסלענדער, וואָס האָבען געהערט צו די נאציאָנען, וועלכע האָבען געפיהרט מלחמה מיט פראנקרייך, מיט איינינע אונפער־מיידליכע אויסנאהמען, האָבען בעדארפט ארויסגעוויזען ווערען פון פּאריז.

די צווייטע גרויסע זאָרג פון דער רעגיערונג איז געווען די מלחמה. אין יאנואר, 1794, האָט מען נאָך אליין געהאָפּט, דאָס די אָפּפּאָזיציאָנס־פּארטיי אין ענגלישען פּארלאמענט, אונטערשטיצט פון א היבשער צאָהל מענשען אין לאָנדאָן און פון עטליכע איינ־פלוסרייכע מיטגליעדער פון דער הויז אָוו לאָרדס, וועט שטערען דעם פּריים־מיניסטער, פּיטט, פון אָנצוגעהן מיט דער מלחמה. דאנטאָן האָט אויך געמוזט גלויבען אין דעם — וואָס דאָס איז געווען איינער פון די פערברעכענס, פאר וועלכע מען האָט איהם אָנגעקלאָגט. אָבער פּיטט האָט געוואונען די מאיאָריטעט אויף זיין זייט געגען די „גאָטלאָזע נאציאָן", און זייט דאן האָבען ענגלאנד און פּרייסען, וועלכע איז געווען פערבונדען מיט ענגלאנד, ווייטער אָנגעפיהרט די מלחמה מיט זייער גאנצער ענערגיע. עס זיינען באלד געווען פּיער ארמייען, 315 טויזענד שטארק, פערזאמעלט אויף די גרענעצען פון פראנקרייך, געגען די פיער ארמייען פון דער רעפּובליק, וועלכע זיינען בלויז געווען 294 טויזענד. אָבער צו דיזער צייט זיינען שוין די ארמייען פון פראנקרייך געווען רעפּובליקאנישע ארמייען, דעמאָקראטיזירט, מיט טאקטיקען, וועלכע זיי האָבען אליין אויסגעארבייט, און עס האָט ניט לאנג געדויערט, און זיי האָבען געקראָגען די אויבער־האנד איבער די פעראייניגטע מעכטע.

דער שווארצעסטער פּונקט אָבער איז געווען אין די פער־העלטניסע, ווי זיי זיינען געווען אין די פּראָווינצען, בעזאָנדערס

אין זיד־פראנקרייך. די גענצליכע אויסראָטונג פון אלע געגען־רע־וואָלוציאָנערען, אי פון זייערע פיהרער און אי פון זייערע אונ־פעראנטוואָרטליכע נאָכפאָלגער, וואָס די יאקאָבינער און די קאָ־מיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען האָבען אויסגעפיהרט, ווען זייער פּארטיי האָט טריאומפירט, האָט ארויסגערופען אזא ביטע־רען האַס, אז איבעראל איז עס געוואָרען א מלחמה אויף טוידט און אויף לעבען. אום צו מאכען די לאַגע נאָך ערגער, איז ניט געווען קיינער, ניט אויפ'ן פּלאַץ און ניט אין פּאריז, וועלכער זאָל פּאָרשלאָגען אירגענד אַנדערע מיטלען אויסער די סאמע עקסטרי־מע פון אונטערדריקונג און אויסראָטונג. אָט איז איינער פון פיעלע פאקטען:

דער דעפּאַרטמענט פון וואקלאַז איז אימער געווען פול מיט ראָיאַליסטען און פּריסטער. און עס האָט פּאסירט, דאָס אין בע־דואין, אין איינעם פון די פערוואָרפענע דערפער, ביין פוס פון בארג וועגטאָ, וועלכער האָט קיינמאָל ניט אויפגעגעבען דעם אל־טען סדר פון לעבען, און וועלכער האָט זיך אויך ניט בעהאַלטען דערמיט, איז דער געזעץ סקאַנדאַליעז פערשוועכט געוואָרען. דעם ערשטען מאַי איז ארונטערגעהאקט געוואָרען דער בוים פון פריי־הייט, און די דעקרעטען פון דער קאָנוועגשען זיינען געטראָטען געוואָרען אין בלאָטע. סאָשע דער, לאָקאַלער מיליטערישער הויפּטמאַן, וועלכער איז קירצליך געוואָרען אַן אימפּעריאליסט, האָט געוואונשען צו מאכען א שרעקליכען ביישפּיעל פון דיזען דאָרף און האָט געפּאָדערט זיין גענצליכע פערניכטונג. מאַינע, דער קאָמיסיאָנער פון דער קאָנוועגשען, האָט זיך געקווייגקעלט און האָט זיך געווענדעט נאָך אינסטרוקציאָנען פון פּאריז, פון וואַנען עס איז געקומען דער בעפעהל: „בעשטראָף שטרענג". דאַן האָט סאָשע אונטערגעצונדען דעם דאָרף און 435 הייזער זיי־נען אומגעוואנדעלט געוואָרען אין חורבות. מיט אזא סיסטעם קען איינער לייכט פערשטעהן, אז עס איז ניט געבליבען גאָר קיין אַנדער ברירה, ווי צו בעשטראָפען שטרענג.

און אזוי איז דאָס טאַקי געוועזן. אין איייניגע טעג ארום, ווען עס איז אויסגעפונען געוואָרען, אז עס איז אונמעגליך ארי־

בערצושיקען אלע ארעסטירטע בירגער נאָך פּאריז, ווייל, ווי מאינע האָט שוין בעמערקט, עס וואָלט זיך געפאָדערט אַ גאנצע ארמיי אום דאָס אויסצופיהרען, האָט קוטהאָן פאָרגעשלאָגען אַ ספּעציעלע קאָמיססיע, אום פאַרטיג צו ווערען מיט זיי. דיזע קאָמיססיע האָט בעדארפט זיך בילדען פון פינף מיטגליעדער פון דער קאָנוועגשען, וועלכע זאָל האָבען איהר פּלאַץ אין אָראנזש און משפּט׳ן דאָרט די שונאים פון דער רעוואָלוציע. דיביידע קאָמיטעס האָבען זיך ערקלערט איינפערשטאַנען מיט דיזען פאָרשלאָג.*)

ראָבעספּיער האָט מיט זיין אייגענער האַנד אויסגעשריבען די אינסטרוקציאָנען פאַר דיזע קאָמיססיע, און דיזע אינסטרוקציאָנען האָבען באַלד געדיענט אַלס אַ מוסטער פאַר זיין טעררער-געזעץ.**)

אין איניגע טעג שפּעטער האָט ראָבעספּיער נאָך מעהר אויסגעבריים דיזע פּרינציפּען פאַר דער קאָנוועגשען, ערקלע-

*) דאָ פּאָלג איך נאָך דער געשיכטע, ווי זי ווערט דערצעהלט פון לואי בלאַן, וועמען קיינער וועט ניט בעשולדיגען אין פּיינדליכ-קייט צו דער ראָבעספּיער-גרופּפּע.

**) „די שונאים פון דער רעוואָלוציע" — האָט עס געהייסען אין דיזע אינסטרוקציאָנען — „זיינען די יעניגע, וועלכע האָבען מיט אירגענד וועלכע מיטלען און עס מאַכט ניט אויס, אונטער וואָס פאַר אַן אויסרייד, פּרובירט צו שטערען דעם גאַנג פון דער רעוואָ-לוציע און דער עטאַבלירונג פון דער רעפּובליק. די ריכטיגע שטראָף פאַר דיזען פערברעכען איז דער טויזט. די בעווייזע, וואָס זיינען נויטיג פאַר אַ פעראורטהיילונג, זיינען אלע מיטטהיילונגען, מאַכט ניט אויס פון וואָס פאַר א סאָרט, וועלכע קענען איבערצייגען אַ דענ-קענדען מענשען און א פריינד פון פרייהייט. דער וועגווייזער פאַר ארויסגעבען שטראָפען איז דער געוויסען פון ריכטער, וועלכער איז בעלויכטען דורך ליעבע פאַר גערעכטיגקייט און זיין פאַטער-לאַנד, און וועמעס ציעל עס איז דער עפפענטליכער וואוילזיין און די פערניכטונג פון דיזע שונאים פון פאַטערלאַנד".

רענדיג, דאָס ביז איצט זיינען זיי געווען צו מילד צו די שונאים פון פרייהייט, און דאָס איצט מוזען זיי געהן ווייטער פון די גע־ריכטליכע פאָרמען, און זיי פעראיינפאכען.*) און צוויי טעג נאָך דער פייערונג פון דעם העכסטען וועזען האָט ער פאָרגע־שלאָגען מיט דער איינוויליגונג פון זיינע קאָללעגען אין דער קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין, דעם בעריהמטען טעררא־ר־געזעץ פון דעם 10טען יוני, וואָס האָט געהאַט צו טהאָן מיט דער רעאָרגאניזירונג פון דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאל. לויט דיזען געזעץ, האָט דער טריבונאל געדראפט פארנאנדערגע־טהיילט ווערען אין סעקציאָנען, יעדע פון וועלכע זאָל בעשטעהן פון דריי ריכטער און ניין דזשורי־לייט. זיעבען פון זיי זיינען געווען גענוג, אום ארויסצוגעבען דעם אורטהייל. די כּללים פאר ארויסגעבען דעם פסק זיינען געווען די, וועלכע, ווי מיר האָבען נור וואָס געוויזען, זיינען געווען ענטהאלטען אין די אינסטרוק־ציאָנען צו דער קאָמיססיע אין אָראנדזש, אויסער, וואָס צווישען די פערברעכענס, פאר וועלכע עס קומט דער טוידט, איז אויך געווען איינגעשלאָסען דער פערברעכען פון פערשפרייטען פאַל־שע נייעס, וואָס קען צוטהיילען אָדער אויפרעגען דאָס פאָלק, וואָס קען אונטערגראָבען די מאָראל און פערדארבען דעם עפפענטליכען געוויסען.

עס איז קלאָר, דאָס דער פערפאסען פון אזא געזעץ האָט געמיינט אונטערצושרייבען דעם באַנקראָט פון דער רעוואָלוציאָ־

*) „זיי ווילען רעגיערען די רעוואָלוציע דורך אַדוואָקאַטישע דריידלאך. קאָנספּיראציעס געגען די רעפּובליק זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען סכסוכים צווישען פּריוואט־מענשען. טיראַניי טוידטעט און די פרייהייט בעט זיך! און דער געזעץ, וואָס איז געמאַכט פון די קאָנספּיראטאָרס, איז דער געזעץ, לויט וועלכען זיי דארפען גע׳משפּט ווערען!... די איינציגע אָבליי־גונג אין בעשטראָפען די שונאים פון פאטערלאַנד, דאַרף נור אזוי לאַנג געדויערען, ביז זיי ווערען אויסגעפונען. עס איז ניט אזוי אַ פראגע פון בעשטראָפען, ווי פון פערניכטען זיי.“

נערער רעגיערונג. דאָס האָט געמיינט צו טהאָן אונטער אַן אַנ־שטעל פון געזעצליכקייט דאָס, וואָס דאָס פאָלק פון פאריז האָט געטהאָן אין אַן אויפשטאַנד און אין אַ מאָמענט פון שרעק און פערצווייפלונג אין די סעפּטעמבער־טעג. און די ווירקונג פון די־זען טעררא־געזעץ איז געווען, דאָס ער האָט ארויסגעבראכט קלאָר די גאנצע קאָנטער־רעוואָלוציע אין זעקס וואָכען.

איז ראָבעספּיער׳ס צוועק מיט דיזען געזעץ געווען נור צו דערלאנגען אַ קלאַפּ יענע מיטגליעדער פון דער קאָנווענשען, וועמען ער האָט געהאלטען פאר העבסט־שעדליך, ווי מאַנכע הי־סטאָריקער מאטערען זיך עס צו בעווייזען? זיין צוריקציהען זיך פון די טהעטיגקייטען פון דער רעגיערונג נאָך דעם, ווי די דיס־קוסיאָנען אין דער קאָנווענשען האָבען בעוויזען, דאָס די פער־זאמלונג וועט זיך ניט לאָזען בלוטען פון דער קאָמיטע אָהן אַ פערטהיידיגונג פון איהרע מיטגליעדער, מאכט דיזע השערה מעהר אָדער ווענינער וואהרשיינליך. אָבער דער פעסטגע־שטעלטער פאקט, דאָס די אינסטרוקציאָנען צו דער קאָמיססיע אין אָראַנזש האָבען אויך געשטאמט פון ראָבעספּיער, ווארפט אין גאנצען אום דיזע טהעאָריע. עס איז מעהר וואהרשיינליך, דאָס ראָבעספּיער האָט איינפאך נאָכגעפאָלגט דעם שטראָם פון דעם מאָמענט, און דאָס ער, קוטהאָן און סען־זשוסט, אין איינ־פערשטענדניס מיט פיעלע אנדערע, איינשליסענדיג אויך גאמ־באָן, האָבען געוואָלט אויך געברויכען דעם טעררא, אלס אַן אלגעמיינע וואפפע פון קריעג־פיהרונג ווי אויך אלס אַ סטראשו־נאָק פאר מאַנכע מיטגליעדער פון דער קאָנווענשען. און ווירק־ליך, ניט דערמאָנענדיג העבערטען, האָבען זיי אלץ מעהר און מעהר זיך דערנעהערט צו דיזען געזעץ זייט די דעקרעטען פון מאי דעם 8טען און מאי דעם 28סטען. עס איז אויך וואהר־שיינליך, דאָס דער פערזוך פון לאדמיראל צו טוידטען קאָלאָ ד׳הערבאָיס און די זאָנדערבארע פאסירונג מיט סעסיל רענאָל האָבען געהאָלפען, אז דער געזעץ פון 10טען יוני זאָל אָנגענומען ווערען.

ענדע אפריל איז פאָרגעקומען אַ רייהע פון הינריכטונגען

אין פאריז, וועלכע האָט געמוזט ביז אַ הויכען גראד פארשטאר־קען דעם האס פון דער ראָיאליסטישער זייט. נאָך דער „הורבע“, וועלכע איז גיליאָטינירט געוואָרען דעם 13טען אפריל, צווישען וועלכע עס זיינען געווען שאָמעט, גאָבעל, לוסיל דעמולין, די אלמנה פון העבערט און פופצעהן אנדערע, האָבען זיי הינגעריכ־טעט ד׳עפרעמעסניל, לע שאפעליע, טהורעט, דעם אלטען מאל־שערב, דעם פערטהיידיגער פון לואי דעם זעכצעהנטען אין זיין פראָצעס,לאוואזיע, דעם גרויסען כעמיקער און גוטען רעפובלי־קאנער און די שוועסטער פון לואי דעם 16טען, מאדאם עליזא־בעט, וועלכער זיי האָבען געמעגט בעפרייען, ווי זיי האָבען עס געטהאָן מיט איהר פלימעניצע, און אָהן די מינדעסטע געפאהר פאר די רעפובליק.

די ראָיאליסטען זיינען געוואָרען שרעקליך אויפגעבראכט פון דעם און דעם 25סטען מאַי איז אַ געוויסער לאדמיראל, אַ בעאמטער, פופציג יאָהר אלט, אוועק צו דער קאָנווענשען מיט דער אבזיכט צו טוידטען ראָבעספיער. לאדמיראל איז אָבער איינגעשלאָפען וועהרענד א רעדע פון בארער, און ער האָט דורכדעם פערפעהלט צו טוידטען דעם „טיראן“. ער האָט דער־פאר געשאָסען אָנשטאָט ראָבעספיער׳ן, קאָלאָ ד׳הערבאיס, ווען ער איז ארויפגעשטיגען די טרעפ צו זיין וואוינונג. עס איז גע־קומען צו אַ קאמפף צווישען די צוויי מענער, אין וועלכען קאָלאָ האָט ארויסגעריסען די וואפע פון לאדמיראל.

אין דעם זעלבען טאָג איז א מיידעל פון צוואנציג יאָהר, סעסיל רענאָלט, די טאָכטער פון אַ ראָיאליסט, אריין אין דעם הויף פון דעם הויז, וואו ראָבעספיער האָט געוואוינט, און האָט פערלאנגט איהם צו זעהען. איהרע אבזיכטען זיינען געוואָרען פערדעכטיג, און מען האָט איהר ארעסטירט. צוויי קליינע מע־סערס זיינען געפונען געוואָרען אין איהרע קעשענעס און איהרע בערפלאָנטערטע ענטפערס זיינען אויסגעטייטשט געוואָרען, אַז זי האָט געמיינט צו ערמאָרדען ראָבעספיער. אויב עס איז אזוי גע־ווען, איז די גאנצע זאך געווען אַ זעהר קינדישע. אָבער דיזע

צוויי פערזוכען האָבען וואהרשיינליך געדיענט, אלס אן ארגו־מענט צו גונסטען פון דעם טעררֹאָר־געזעץ.

יעדענפאלס האָבען די קאָמיטעס זיך בענוצט מיט דיזע ביידע פעללע, אום צו ברענגען א וויטערע גרויסע הורבע פער־ברעכער פאר'ן געריכט. זיי האָבען ארעסטירט דעם פאָטער און דעם ברודער פון דער יונגער מיידעל און איינינע פערזאָנען, וועמעס גאנצער פערברעכען איז געווען דער, וואָס זיי האָבען געקאָנט לאדמיראל מעהר אָדער ווענינער. אין דיזער „הורבע" האָבען זיי שוין אויך ארייננעבראכט מאדאם סען־אמאראנט, וועלכע האָט געהאלטען א שפּיעל־הויז, צו וועלכען פיעלע זיינען צוגעצויגען געוואָרען דורך דער שעהנקייט פון איהר טאָכטער, מאדאם דע סארטין. אזוי ווי אין דיזעס הויז פלעגען קומען אלערליי סאָרטען מענשען, און צווישען .זיי אויך שאבאָ, דעפּיו און אויך דאנטאָן און א אינגערער ברודער פון ראָבעספּיער, האָט מען די גאנצע אנגעלעגענהייט פאָרגעשטעלט אלס א ראָיאליס־טישע קאָנספּיראציע, אין וועלכער מען האָט געוואָלט פערפלאָנ־טערען ראָבעספּיער'ן גופא. זיי האָבען אויך ארייננעשלעפּט דעם אלטען סאָמברעל, וועמען מאילאר האָט געדעטעט אין דער צייט פון די סעפּטעמבער־אויסשלאכטונגען, די אַקטריסע ברענד מעזאָן, א געליעבטע פון באראָן דע באַץ, סארטינאָ, „א ריטער פון שווערד" און צוזאמען מיט דיזע בעריהמטהייטען אן אָרימע קליינע נייטאָרין, זיעבצעהן יאָהר אלט, וואָס האָט געהייסען ניקאָל.

אונטער דעם נייעם טעררֹאָר־געזעץ איז דער פּראָצעס גע־ווען א זעהר שנעלער. דאָס מאָל איז די „הורבע" בעשטאנען פון פיער און פופציג פערזאָנען, וועלכע זיינען אלע געשיקט גע־וואָרען צו דער גיליאָטינע, און וועמעס הינריכטונג עס האָט גע־דויערט צוויי שטונדען. דאָס איז געווען דער ערשטער רעזול־טאט פון דעם נייעם געזעץ, וועלכען יעדער האָט גערופען „ראָבעספּיער'ס געזעץ", און וועלכער האָט מיט איין קלאַפּ גע־מאכט גאנץ פּאריז האסען די טעררֹאָריסטען.

איינער קען זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי עס האָבען גע־

פיהלט די, וועלכע זיינען ארעסטירט געוואָרען, אלס „פערדעכ־
טיגע“ און אריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגניס, ווען זיי
האָבען געהערט די בעדינגונגען פון דעם נייעם געזעץ און ווי ער
איז אַנגעווענדעט געוואָרען אין דעם פאַל פון די פיער און פופ־
ציג. מען האָט ערוואַרטעט אַן אַלגעמיינע אויסשלאַכטונג, אום
צו מאַכען ליידיג די געפענגניסע, ווי אין נאַנטעס און ליאָן, און
די ארעסטירטע האָבען געמאַכט פּאַרבערייטונגען זיך צו ווער־
רען. עס איז זאָגאַר וואהרשיינליך, אַז מען האָט געפּלאַנט אַן
אויפשטאַנד.*)

די צאָהל פון די אַנגעקלאָגטע, וואָס זיינען פּראָצעסירט גע־
וואָרען פאַר איינמאָל, האָט דערגרייכט הונדערט און פופציג,
וועלכע זיינען היינגעריכטעט געוואָרען אין דריי אבטהיילונגען.
פערברעכער און ראָיאַליסטען געהענדיג צו דער גיליאָטינע צו־
זאַמען.

עס איז נוצלאָז זיך אויפצוהאַלטען לאַנג ביי דיזע היגריכ־
טונגען. עס וועט זיין גענוג צו זאָגען, דאָס פון דעם 17טען
אַפּריל, 1793, דעם טאָג, ווען דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל
איז עטאַבלירט געוואָרען, ביז דעם 10טען יוני, 1794, האָט דער
טריבונאַל געשיקט צו דער גיליאָטינע אין פּאַריז 2607 פּערזאָ־
נען. אָבער נאָך דעם ווי דער נייער טעררא̈ר־געזעץ איז אָנגענו־
מען געוואָרען, אין דעם משך פון זעקס און פערציג טעג פון
10טען יוני ביז דעם 27סטען יולי, 1794 (דעם 9טען טהערמי־
דאָר) האָט דערזעלבער טריבונאַל געלאָזט טוידטען 1351
מענשען.

דאָס פאָלק אין פּאַריז האָט אָנגעכאַפּט אַן עקעל ביי דעם
אנבליק פון די פּראָצעסיעס, וואָס האָבען געפיהרט די פערא̈ור־
טהיילטע צום פוס פון דער גיליאָטינע. עס איז שוין מעהר ניט

---

*) נאָך אַ זוכונג, וואָס איז פאָרגענומען געוואָרען אין די גע־
פענגניסע, האָט מען געפונען געלד, אַ סומע פון 864 טויזענד פראַנק,
אויסער אלערליי גאָלד־ווארג, וואָס אלעס צוזאַמען האָט בעטראָפען
1,200000 פראַנק, וואָס עס האָבען געהאַט די ארעסטירטע.

געווען קיין פּלאַץ אויף די בית־עולם׳ס צו בעגראָבען די אָפּפער, און מעכטיגע פּראָטעסטען האָבען זיך געהערט יעדעס מאָל, ווען אַ נייער בית־עולם איז ערעפענט געוואָרען אין איינע פון די גאַ־סען. די סימפּאַטהיען פון די אַרבייטער זיינען איצט אומגע־ווענדעט געוואָרען צו די קרבנות פון דער גיליאָטינע, און דאָס מעהר דערפאַר, ווייל די, וועלכע זיינען געטווידטעט געוואָרען, האָבען געהערט מייסטענס צו די אָרימערע קלאַסען — די רייכע האָבען אָדער עמיגרירט אָדער זיך פּאַרבאַהאַלטען. אַלס אַ פאַקט, צווישען די 2750 גיליאָטינירטע פּערזאָנען, האָבען, לויט לואי בלאַן האָט אויסגעפונען, נור 656 געהערט צו די רייכערע קלאַסען. מען האָט זאָגאַר גערעדט, דאָס אין דער קאָמיטע פון דער עפפענטליכער זיכערהייט איז געווען אַ מיטגליעד אַ ראָיאַ־ליסט, אַן אגענט פון באַראָן דע באַטץ, וועלכער האָט פּער־לאַנגט וואָס מעהר די הינריכטונג פון איינפאַכע מענשען, און אַזוי מאַכען די רעפּובליק וואָס מעהר פערהאַסט פון פאָלק.

איין זאַך איז געוויס. יעדע נייע „הורבע“ פון דיזען סאָרט האָט אַלץ האַסטיגער געבראַכט דעם שטורץ פון דער יאַקאָביני־שער רעגיערונג. דער טעררער האָט אויפגעהערט צו טערראָרי־זירען, אַ זאַך, וועלכע די שטאַאַטס־מענער קענען ניט פערשטעהן.

אכט און זעכציגסטער קאַפּיטעל.

# דער ניינטער טהערמידאָר.—דער טריאומף פון דער רעאַקציע.

די אורזאכען פון ראָבעספּיער'ס אומשטורץ. — די שלעכטע רעזולטאַ־
טען פון די טראנספּערירונג פון לאַנד. — די רעפּובליקאנישע
ערפּאָלגען אין אויסלאַנד. — דער טערראָר האַלט אָן. — די
דאַנטאָניסטען, זשיראָנדיסטען און די מיטעל־פּארטיי פעראיוי־
ניגען זיך צו שטירצען ראָבעספּיער. — די אונבעליעבטהייט
פון דער קאָמיטע פון עפּפענטליכען וואוילזיין. — ראָבעס־
פּיער אַטאַקירט בארער און פושע. — זיין רעדע אין דער קאָנ־
ווענשען. — די ווירקונג פון זיין רעדע. — דער 9טער טהער־
מידאָר. — די פערהאַפטונג פון ראָבעספּיער און זיינע חברים.
די אנשטרענגונגען פון דער קאָממונע. — די פּאַרכאַפּונג פון
האָטעל דע־וויל. — די הינריכטונג פון ראָבעספּיער און די
טערראָריסטען. — דער סוף פון דער רעוואָלוציע. — די רע־
אַקציאָנערען געהען אָן מיט די הינריכטונגען. — דער פערזוך
פון די ארבייטער צו רעבעללירען. — די הינריכטונג פון דעם
לעצטען מאנטאנאר. — דער טריאומף פון די מיטעל־קלאַסען.
— די אויסשלאַכטונג פון די רעוואָלוציאָנערען. — נאָך דער
רעאקציע קומט דער דירעקטאָריום. — די לעצטע אנשטרענגונג
פון די רעוואָלוציאָנערען. — נאַפּאָלעאָן ערקלערט זיך אַלס
אימפּעראַטאָר.

---

אויב ראָבעספּיער האָט געהאַט פיעלע, וועלכע האָבען
איהם פערגעטערט, האָט ער אויך געהאַט כמעט אזוי פיעל

שונאים, וועלכע האָבען איהם טיעף פעראכטעט, און האָבען ניט אויסגעלאָזען קיין געלעגענהייט צו מאכען איהם פערהאַסט, ער־קלערענדיג איהם, אלס דעם שולדיגען אין די אלע שוידערליכ־קייטען פון דעם טעררָאר. אויך האָבען זיי ניט פערפעהלט צו מאכען איהם לעכערליך, צוזאמענפארענדיג איהם מיט די טהא־טען פון אַן אלטער משוגענער מיסטיקערין, קאטהערין טהעאָ, וועלכע האָט זיך גערופען די מוטער פון גאָט.

אָבער דאָך איז עס קלאָר, אז עס איז ניט געווען פערזענ־ליכע שנאה, וואָס האָט אומגעשטירצט ראָבעספיער׳ן. זיין סוף איז געווען אונפערמיידליך, ווייל ער האָט רעפּרעזענטירט אַ צו־שטאנד, וועלכער האָט דערגרייכט דעם פונקט פון צופאלען ווערען. נאָך דעם, ווי די רעוואָלוציע האָט דערגרייכט איהר העכסטע פאזע, וועלכע האָט אָנגעהאלטען ביז אויגוסט אָדער סעפּטעמבער, 1793, האָט זי אָנגעהויבען צו געהן צוריק און צוריק. זי האָט איצט דורכגעמאכט דעם יאקאָבינישען רעזשים, פון וועלכען ראָבעספיער איז געווען דער סאמע שטארקסטער אויסדרוק, און דאן האָט דיזער רעזשים געמוזט מאכען פלאַץ פאר די „מענער פון געזעץ און אָרדנונג“, וועלכע האָבען גע־דורשט צו מאכען אַ סוף צו דער אונרוהיגקייט פון דער רע־וואָלוציע און וועלכע האָבען נור געווארט אויף דעם מאָמענט, ווען זיי זאָלען אומשטירצען די טעררָאריסטען, און ניט ארויס־רופען קיין אויפשטאנד צוליעב דעם אין פאריז.

מיר קענען ניט איבערשעצען די אלע בייזע פאָלגען, וואָס זיי־נען ארויסגעקומען פון דעם פאקט, דאָס אין עקאָנאָמישע אַנגע־לעגענהייטען איז די רעוואָלוציע געווען באזירט אויף דעם פער־זענליכען געווינס. אַ רעוואָלוציע דארף נעהמען אין אנבע־טראכט דעם וואוילזיין פון אַ ל ל ע, אויב ניט, מוז זי זיכער דערשטיקט ווערען פון דיזעלביגע פערזאָנען, וועמען זי האָט רייך געמאכט אויף דעם חשבון פון דער נאציאָן. וואו נור אַן ענדערונג פון רייכטהום ווערט פעראורזאכט דורך אַ רעוואָלו־ציע, טאָר עס קיינמאָל ניט זיין צום גוטען פון א י י נ צ ע ל־נ ע, נור אימער צום גוטען פון די ג ע מ י י נ ד ע ן. אַז

דאָך גערארדע אין דיזען פונקט האָט די רעוואָלוציע געמאכט איהר פאטאלען טעות.

די גיטער, וועלכע זיינען אוועקגענומען געוואָרען פון דער קירכע און פון דעם אדעל, זיינען אוועקגעגעבען געוואָרען צו פריוואט־מענשען, וועהרענד זיי האָבען בעדארפט איבערגעגעבען ווערען צו די דערפער און שטעדט, ווייל זיי האָבען פריהער גע־הערט צום פאָלק, נור איינצעלנע מענשען האָבען זיי פערכאפּט אונטער דעם שוץ פון דער פעאָדאלער סיסטעם. עס איז קיינ־מאָל ניט געווען קיין קולטיווירטע לאנד, וואָס האָט פון אָנפאנג אָן געהערט צו דער קירכע אָדער צום אדעל. א חוץ אייניגע מאָנאכען־געמיינדען, האָבען ניט די פריצים און ניט די פּריס־טער ווען־עס־איז מיט זייערע אייגענע הענד בעארבייט אָן איינ־ציגען אקער לאנד. עס איז דאָס פאָלק, וועלכעס האָט אָבגעריי־ניגט יעדען אייל פון דעם קולטיווירטען לאנד. עס איז געווען דאָס פאָלק, וועלכעס האָט עס געמאכט צוגענגליך, בעוואוינבאר און וועלכעס האָט איהם געגעבען יעדען ווערטה, וואָס דאָס לאנד האָט געהאט, און צו איהם האָט דאָס לאנד בעדארפט צוריקגע־געבען ווערען.

אָבער, האנדלענדיג אין די אינטערעסען פון דעם מיטעל־קלאס־שטאאט, האָבען די גרינדונגס־און די געזעצגעבענדע פער־זאמלונגען, און זאָגאר אויך די קאָנוועגשען, אנערקענט די גע־זעצליכע פאָרדערונגען פון די פּריצים, די פריסטער אויף לאנד, וועלכע איז אין די פריהעריגע צייטען פערכאפּט געוואָ־רען פון דיזע זיילען פון דעם דאן וואקסענדען שטאאט, און זיי פערקויפט מייסטענס צו די מיטעל־קלאסען.

מען קען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאר א רייסעריי נאָך א טהייל פון דיזען רויב עס האָט שטאַטגעפונען, ווען די גיטער, וועמעס ווערטה עס האָט דערגרייכט פון צעהן ביז פופצעהן טויזענד מיליאָן פראנק, זיינען אָנגעבאָטען געוואָרען צום פערקויף אויף בעדינגונגען, וועלכע זיינען געווען העכסט גינסטיג פאר די קויפער, בעדינגונגען, וועלכע האָבען געקענט געמאכט ווערען נאָך פאָרטהיילהאפטער, ווען מען האָט נור געלעבט גוט מיט די

לאָקאַלע אויטאָריטעטען. אויף אזא אופן האָבען זיך געבילדעט „די שווארצע באַנדעס" אין די פּראָווינצען, געגען וועמען עס זייַנען געווען נוצלאָז אַלע אנשטרענגונגען פון די קאָמיסיאָנערען פון דער קאָנווענשען.

דער שעדליכער איינפלוס פון דיזע רויבער, פארשטאַרקט נאָך דורך די פּאַריזער בערזען־ספּעקולאַנטען און ארמיי־קאָנטראַקטאָרס, האָט זיך אויסגעשפּרייט ביז צו דער קאָנווענשען גופא, וואו די עהרליכע מענשען צווישען די מאַנטאַנארען האָבען זיך געפונען פּנים אל פּנים מיט מענשען, וועלכע האָבען געהאַט נור אין זינען רייך צו ווערען גרינג און שנעל, און געגען וועמען זיי זיינען געווען געגנצליך הילפלאָז. ווער איז יעצט געווען אין דער קאָנווענשען, וואָס זאָל זיי זיין דאגעגען? ווייבאַלד די עקסטרימע זיינען אויסגעשטיקט געוואָרען און די סעקציאָנען פון פּאַריז פּאַראַליזירט — איז ווער געבליבען אין דער קאָנווענשען אויסער דעם „זומפּ"?

דער זיעג פון פלערוס, דעם 26טען יוני (דעם 8טען מעסטידאָר) איבער די פעראייניגטע כחות פון עסטרייך און ענגלאַנד, — א זיעג, וועלכער האָט געענדיגט די מלחמה אין דער נאָרד פאר יענעם יאָהר — און די ערפאָלגען, וואָס די ארמייען פון דער רעפּובליק האָבען געהאַט אין די פּירינעער, אין די אַלפּען און אויף דעם רהיין, ווי אויך דער טראַנספּאָרט, וואָס איז געקומען אָנגעלאָדען מיט ווייץ פון אמעריקא — פאַר א פּרייז פון איינינע קריעגס־שיפען — דיזע ערפאָלגען זיינען געווען א מעכטיגער ארגומענט פאַר די געמעסיגטע, וועלכע האָבען אזוי געוואָלט די צוריקקעהרונג פון „אָרדנונג". „וואָס טויג", האָבען זיי געזאָגט, „א רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג איצט, אז דער קריעג איז שוין כמעט פאַראיבער? עס איז שוין צייט אומצוקעהרען זיך צו געזעצליכע פערהעלטניסע און צו מאַכען א סוף צו א רעגיערונג דורך רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס און פּאַטריאָטישע חברות אין די פּראָווינצען. עס איז צייט, עס זאָל ווערען צוריק אָרדנונג, און צו שליסען די רעוואָלוציאָנערע פּעריאָדע."

אָבער דער טעררָאר, וואָס איז פון אַלעמען צוגעשריבען

געוואָרען צו ראָבעספּיער, איז ניט אויף א האָר אָבגעשוואכט געוואָרען. ער איז אָנגעגאַנגען מיט זיין גאַנצען אימפּעט. דעם 21טען יוני האָט הערמאַן, א רעגיערונגס־בעאַמטער, א מענש, וואָס איז געווען שטאַרק צוגעבונדען צו ראָבעספּיער, אריינגע־שיקט אַן ערקלערונג צו דער קאָמיטע פון עפפענטליכען וואויל־זיין, פערלאַנגענדיג אַן ערלויבניס אויסצופאָרשען די פערשוועד־רונגען צווישען די ארעסטירטע, און געבענדיג א וואונק, אז עס וועט אפשר באַלד נויטיג זיין „אויסצוריינינגען" די געפענגניסע. ער איז אויטאָריזירט געוואָרען פון דער קאָמיטע צו מאַכען דיזע אויספאָרשונג, און גלייך האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס שיקען פון יענע שוידערליכע „הורבעס", פון יענע וועגען, פול מיט מענער און פרויען, צו דער גיליאָטינע, אַן אנבליק, וואָס איז געווען מעהר עקעלהאַפט פאר די פאַריזער, ווי די סעפּטעמבער־אויס־שלאַכטונגען. דיזע היגריכטונגען זיינען געווען דאָס מעהר פערהאַסט, ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו זיי וועלען זיך ענדיגען, און ווייל זיי זיינען אָנגעגאַנגען אין מיטען פון בעללער, קאָנצערטען און אנדערע שמחות, פעראַנשטאַלטעט פון דעם קלאַס, וואָס איז נור־וואָס רייך געוואָרען, און אין מיטען דעם שפּאָט־געלעכטער פון די ראָיאַליסטען, וועלכע זיינען געוואָרען מיט יעדען טאָג אַלץ חוצפה'דיגער.

יעדער איינער האָט געמוזט פיהלען, אז אזא צושטאַנד האָט ניט געקאָנט לאַנג דויערען, און די געמעסיגטע אין דער קאָנ־ווענשען האָבען זיך דערמיט בענוצט. די דאַנטאָניסטען, זשי־ראָנדיסטען און די מיטגליעדער פון „זומפּ" האָבען זיך פעראיי־ניגט און האָבען קאָנצענטרירט זייערע כחות אויף די אומוואר־פונג פון ראָבעספּיער, אלס דעם ערשטען פונקט, וואָס זיי מוזען געווינען. די לאַגע פון פּאריז האָט בעגינסטיגט זייער פּלאַן, ווייל די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין האָט געהאַט איהר ערפאָלג אין צוברעכען די סעקציאָנען — די אמת'ע מיטעל־פונקטען פון דער פאָלקס־בעוועגונג.

דעם 5טען טהערמידאָר (דעם 23סטען יולי) האָט דער גע־נעראַל־ראַטה פון דער קאָממונע, אין וועלכען פּאַיאַן, אַן אינטי־

מער פריינד פון ראָבעספיער, איז געווען איצט אלמעכטיג, האָט געטהאָן פיעל צו שעדיגען זיין פּאָפּולאַריטעט מיט דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ דעקרעט, וואָס איז געווען אבסאָליוט אונגערעכט געגען די ארבייטער. דער ראטה האָט בעפוילען אין די אלע אכט און פערציג סעקציאָנען די פּראָקלאמירונג פון דעם מאַקסימום, וועלכער האָט געדארפט פעסטשטעלען דעם גרענעץ פון דעם ארבייטער'ס וויידזשעס. ווי מיר האָבען געזעהען, האָט די קאָמיטע פון עפפענטליכען וואוילזיין זיך שוין געמאַכט שטארק אונבעליעבט ביי די סעקציאָנען מיט דעם, וואָס זי האָט פערניכטעט זייער אויטאָנאָמיע, און בעשטימענדיג די מיטגליעדער פאר אייניגע פון זייערע קאָמיטעס.

דער מאָמענט איז, אלזאָ, געווען גינסטיג פאר פּרובירען אַ שטאאט־שטרייך.

דעם 21טען מעססידאָר (דעם 9טען יולי) האָט ראָבעספּיער ענדליך בעשלאָסען אָנצופאנגען אַן אטאַקע אויף זיינע שונאים. מיט אכט טעג פריהער האָט ער זיך בעקלאָגט אין דעם יאקאָבינישען קלוב אויף דעם קריעג, וועלכער ווערט געפיהרט געגען איהם פערזענליך. איצט האָט ער דערצעהלט איינצעלהייטען, און האָט געגעבען אָנצוהערענישען געגען באַרער, דעמזעלבען באַרער, וועלכער איז ביז דאַן געווען דער געהאָרכזאמער ווערקצייג פון זיין פראַקציע, ווען נור מען האָט בעדארפט אויספיהרען אַ מוטהיגען שטרייך אין דער קאָנווענשען. צוויי טעג שפּעטער, ווידער אין יאקאָבינישען קלוב, האָט ער געמאַכט אַ דירעקטע אטאַקע אויף פושע פאר זיינע שווידערליכע טהאטען אין ליאָן, און האָט אויסגעפיהרט, אז מען זאָל איהם רופען זיך פערענטפערען פאר'ן קלוב.

ארום דעם 26טען מעססידאָר (דעם 14טען יולי) איז ערקלערט געוואָרען קריעג, ווייל פושע האָט זיך ענטזאגט צו ערשיינען פאר די יאקאָבינער. וואָס אנבעטרעפט דער אטאַקע אויף באַרער, האָט עס אויך געמיינט אַן אטאַקע אויף קאָלאָ ד'הערבאָיז און בילאָ־וואַרען, ווי אויך אויף די צוויי מעכטיגע מיטגליעדער פון דער קאָמיטע פון עפפענטליכער זיכערהייט,

וואדיע און וואוטאן, וועלכע האָבען אָפט גע'עצה'ט זיך מיט בארער, און האָבען מיט איהם מיטגעארבייט אין דער אנגעלעגענהייט פון די געפענגניס־פערשווערונגען.

אלזאָ, אלע יענע פון די לינקע, וועלכע האָבען זיך געפיהלט אין געפאהר — טאליען, בארער, וואדיע, וואוטאן, ביללאָ־וואָרען, קאָלאָ ד'הערבאָיז — האָבען זיך פעראייניגט געגען די דריי: ראָבעספיער, סען־זשוסט און קוטהאָן. די געמעסיגטע, אזעלכע, ווי בארראס, ראָווער, טהיראן, קורטא, בורדאן און די איבעריגע, וועלכע, וואָס זיי אנבעטרעפט, וואָלטען געוואָלט זעהען די מפלה פון דעם גאנצען „בארג“, איינגעשלאָסען קאָלאָ ד'הערבאָיז, ביללאָ־וואָרען, בארער, וואדיע און די אנדערע, האָבען אָהן צווייפעל זיך געזאָגט, אז דאָס בעסטע איז אָנצופאנגען צו אטאקירען די ראָבעספיער־גרופּע, ווייל, ווען דיזע וועט ווערען געשטירצט, וועט שוין זיין א לייכטע זאך די אלע איבעריגע בייצוקומען.

דער שטורם האָט אויסגעבראָכען אין דער קאָנווענשען דעם 8טען טהערמידאָר (דעם 26טען יולי, 1794). מען האָט עס געוויס ערווארטעט, ווייל דער זאל איז געווען געפּאקט. ראָבעספיער האָט אטאקירט די קאָמיטע פון דער אלגעמיינער זיכערהייט אין א זעהר גוט־פאָרבערייטעטער רעדע און האָט איהר בעשולדיגט אין א פערשווערונג געגען די קאָנווענשען. ער איז דאָ, האָט ער געזאָגט, אום צו בעשיצען די קאָנווענשען און זיך זעלבסט געגען פערלוימדונגען. ער האָט זיך אויך פערטהיידיגט געגען די בעשולדיגונג, דאָס ער האָט דיקטאטאָרישע נייגונגען, און ער האָט ניט געפּרובירט גאָר צו זיין מילד געגען זיינע געגנער, זאָגאר ניט געגען קאמבאָן, פון וועמען ער האָט גערעדט, ווי פון מאלארמע און ראמעל מיט ווערטער, געבאָרגט פון די „עקסטרימע“, אָנרופענדיג זיי „רעאקציאָנערען“, „אריסטאָקראטען“, „לומפּען“.

מען האָט איהם ערלויבט צו ענדיגען, ווייל די מענשען האָבען געוואָלט הערען, וואָס ער וועט אויספיהרען, און ווען ער האָט דאָס ענדליך ארויסגעבראכט, האָט מען געזעהן, אז דאָס,

וואָס ער פערלאַנגט, איז די פערשטאַרקערונג פון זיין אייגענער אויטאָריטעט און פון דער אויטאָריטעט פון זיין גרופּפּע. עס איז ניט געוועזן קיין נייער פונקט, קיין נייע פּראָגראַם אין זיין רעדע. עס איז נור געוועזן די פאָרדערונג פון א רעגיערונגס־מיטגליעד פאר מעהר מאכט, נאָך מעהר מאכט פאר דעם צוועק פון אונטערדריקונג.

„וואָס איז די רפואה פאר דאָס בייזע?" האָט ער געפרעגט צום שלום. „די בעשטראָפונג פון די פעררעטהער, א פאָלשטענ־דיגע איבערבויאונג פון דער קאָמיטע פון דער אַלגעמיינער זי־כערהייט, די רייניגונג פון דער קאָמיטע און איהר אונטערוואר־פונג צו דער קאָמיטע פון עפענטליכען וואוילזיין; און די איי־ניגקייט פון דער רעגיערונג אונטער דער אויטאָריטעט פון דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשען, וועלכע איז געוועזן דער צענטר און דער ריכטער."

מען האָט דאן פערשטאַנען, דאָס ער האָט זיך בעגרענצט מיט דער פאָרדערונג פון מעהר אויטאָריטעט פאר זיך און זיין גרופּע, אום איהר אָנצואווענדען געגען קאָלאָ און ביללאָ, טאַליען, באַרער, קאמבאָן און גארנאָ, וואודיע און וואולאַן. די פערשוועי־רער פון דער „רעכטער" האָבען געמוזט זיך דריקען די הענד פון פרייד. זיי האָבען נור בעדארפט לאָזען האַנדלען טאַליען, ביללאָ־וואָרען און די אנדערע מאָנטאַנארען.

אין אָווענד פון דעמזעלבען טאָג האָט דער יאַקאָבינישער קלוב מיט בעגייסטערונג אפּלאָדירט ראָבעספּיער'ס רעדע און האָט געמאַכט א שרעקליכע דעמאָנסטראַציע געגען קאָלאָ ד'הער־באָיז און ביללאָ־וואָרען. עס איז זאָגאר פאָרגעשלאָגען געוואָ־רען צו מארשירען געגען די ביידע קאָמיטעס. אָבער ווייטער, ווי רייד, איז עס ניט געגאַנגען. דער יאַקאָבינישער קלוב איז קיינמאָל ניט געוועזן א מיטעל־פּונקט פון טהאַטען.

וועהרענד דער נאַכט האָבען בורדאָן און טאַליען זיך פער־זיכערט מיט דער הילפע פון די קאָנווענשען־מיטגליעדער פון דער „רעכטער", און, ווי עס שיינט, האָבען זיי אויסגעארבייט א פּלאַן צו שטערען ראָבעספּיער און סען־זשוסט צו ריידען.

אויף מאָרגען, דעם 9טען טהערמידאָר, אזוי שנעל, ווי סען־זשוסט האָט זיך אויפגעהויבען צו לעזען זיין ערקלערונג — וועל־כע, אגב אורחא, איז געווען א גאַנץ געמעסיגטע, ווייל זי האָט נור געפאָדערט א רעוויזיע פון דער רעגיערונגס־פּראָצעדור — האָבען בילאָ־וואַרען און טאליען ניט געלאָזען איהם איהר פאָר־לעזען. זיי האָבען געפאָדערט די פערהאַפטונג פון דעם „טיראַן", מיינענדיג ראָבעספּיער'ן, און די געשרייען פון „ניעדער מיט דעם טיראַן!" האָבען אויפגעכאַפּט אַלע מיטגליעדער פון „זומפּ". ראָבעספּיער האָט געמאכט א פערזוך צו ריידען, אָבער אויך איהם האָט מען געשטערט. עס איז געגעבען געוואָרען א בעפעהל צו שטעלען איהם צום פּראָצעס צוזאמען מיט זיין ברו־דער, סען־זשוסט, קוטהאָן און לעבאָ, און זיי זיינען גלייך ארעס־טירט געוואָרען, און אוועקגענומען געוואָרען אין פערשיעדענע געפענגניסע.

אין דער זעלבער צייט האָט האנריאָ, דער הויפּט פון דער נאציאָנאל־גווארדיע, צוזאמען מיט צוויי לייטענאנטען און איי־ניגע זשאנדארען, גאלאָפּירט דורך די גאסען אין דער ריכטונג צו דער קאָנווענשען, ווען צוויי מיטגליעדער פון דער קאָנווענ־שען, זעהענדיג איהם פערבייגעהן אין דער רו סענט־האָנאָר, האָ־בען איהם געלאָזט ארעסטירען דורך זעקס פון דיזעלבע זשאַנ־דארען, וואָס זיינען געווען אונטער זיין קאָמאנדע.

דער גענעראל־ראַטה פון דער קאָמונע האָט זיך ניט פער־זאמעלט ביז זעקס א זייגער אין אָוונד. דאַן האָט ער ארויסגע־לאָזען אַן אויפרוף צום פאָלק צו ערהויבען זיך געגען באררער, קאָלאָ, בורדאָן און אמאר, און קאָפּפינהאל איז אוועקגעשיקט גע־וואָרען צו בעפרייען ראָבעספּיער און זיינע פריינד, וועלכע, ווי מען האָט געגלויבט, זיינען געווען ארעסטירט אין דער געביידע, וואו עס האָט זיך געפונען די קאָמיטע פון דער אלגעמיינער זי־כערהייט. אָבער קאָפּפינהאל האָט דאָרט געפונען בלויז האנריאָ, וועמען ער האָט בעפרייט. וואָס אנבעטרעפט ראָבעספּיער, איז ער צוערשט גענומען געוואָרען נאָך לוקסעמבורג־געפענגניס, אָבער די דאָרטיגע בעאמטע האָבען זיך ענטזאגט איהם צוצו־

נעהמען; און אַנשטאָט צו געהן גלייך צו דער קאָממונע און טהיילען זיין שיקזאַל מיט דער אויפשטאַנדס־פּארטיי, איז ער אוועק אין פּאַלים־סטיישען, און איז דאָרט פערבליבען, גאָר ניט טהוענדיג. סען־זשוסט און לעבאר, אזוי שנעל, ווי זיי זיינען פריי געוואָרען, זיינען אוועק צו דער קאָממונע, און קאַפּפינהאל, וויעדער אוועקגעשיקט פון ראטה צו זוכען ראָבעספּיער׳ן, האָט געמוזט איהם צווינגען צו געהן מיט איהם נאָך דעם האָטעל דע־וויל, וואוהין ער איז אָנגעקומען ארום א זייגער 8.

דער קאָממונע־ראטה האָט אָנגעהויבען מאכען פּאָרבערייטונגען פאר אַן אויפשטאנד, אָבער עס איז באלד געוואָרען קלאָר, דאָס די סעקציאָנען האָבען ניט בדעה צו מאכען אַן אויפשטאנד געגען די קאָנווענשען צו גונסטען פון די, וועלכע זיינען געוועזן שולדיג אין דער גיליאָטינירונג פון שאָמעט און העבערט, וועלכע האָבען געטוידטעט זשעק רו, ארויסגעוואָרפען פון אמט פּאשע און האָבען פערניכטעט די אויטאָנאָמיע פון די סעקציאָנען. נאָך מעהר, פּאריז האָט געמוזט פיהלען, אז די רעוואָלוציע שטארבט, און דאָס די מענער, פאר וועמען דער קאָממונע־ראטה האָט אפּעלירט צום פּאָלק צו מאכען אַן אויפשטאנד, רעפּרעזענטירען ניט מיט זיך די זאך פון פּאָלק.

ארום מיטען נאכט האָבען די סעקציאָנען נאָך אלץ ניט געגעבען קיין צייכען פון זיך. לואי בלאַן זאָגט, דאָס זיי זיינען געווען אין אַ צושטאנד פון א גרויסער מיינונגס־פערשיעדענהייט, זייערע בירגערליכע קאָמיטעס האָבען ניט געקאָנט קומען צו אַן איינפערשטענדניס מיט די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס און די גענעראל־פערזאמלונגען. די פערצעהן סעקציאָנען, וועלכע האָבען צוערשט געפאָלגט דער קאָממונע, האָבען גאָר ניט געטהאָן, וועהרענד אכטצעהן זיינען געווען דאגעגען, און פון דיזע זיינען זעקס געווען ניט ווייט פון האָטעל דע־וויל. די מענער פון דער זשעק־רו־סעקציאָן האָבען זאָגאר געבילדעט דעם ערשטען אָנפאנג פון איינעם פון די צוויי קאָלומנען, וועלכע האָבען מארשירט צום האָטעל דע־וויל אויף דעם בעפעהל פון דער קאָנווענשען.*)

*) די סעקציאָנען, זאָגט ערנסט מעלליע, האָבען ניט גענומען

אין דער זעלבער צייט האָט די קאָנוועגשען ערקלערט די
רעבעללען און די קאָמונע אויסער דעם געזעץ, און ווען דיזע ער־
קלערונג איז פאָרגעלעזען געוואָרען אין דעם פּלאַס דע לא גרעוו,
זיינען האַנריאָ׳ס סאָלדאַטען, וועלכע זיינען אוועקגעשטעלט גע־
וואָרען דאָרט מיט קיינע אינסטרוקציאָנען וואָס־עס־איז צו
טהאָן, אוועק איינער נאָך דעם אַנדערען. דער פּלאַץ איז געווען
גאַנץ פערלאָזען, ווען באַלד נאָך דעם האָט זיך אין האָטעל דע־

---

קיין איניציאַטיווע, נור זיי האָבען געהאָרכזאם געפאָלגט זייערע קאָ־
מיטעס, די מיטגליעדער פון וועלכע זיינען געווען אָבהענגיג פון די
קאָמיטעס פון עפפענטליכען וואוילזיין און פון עפענטליכער זיכער־
הייט." זיי איז ניט פערבליבען קיין ראָליע אין פּאָליטיק... מען האָט
זיי זאָגאַר פערבאָטען זיך צו רופען פּריימערי־פערזאמלונגען. דעם
9טען מאַי, 1794, האָט פּאַיאַן, דער נאַציאָנאַלער אַגענט פון דער
קאָממונע, וועלכער האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון שאָמעט, זיי גע־
וואָרענט דורך אַ בריעף, דאָס אונטער א רעוואָלוציאָנערער רעגיערונג
זיינען ניטאָ קיינע פּריימערי־פערזאמלונגען... דאָס האָט בעדיי־
טעט, אז זייער זעלבסטשטענדיגער האַנדלען מוז אין גאַנצען אויפהע־
רען. נאָך דעם, ווי מעליע רעכענט אויס די פערשיעדענע „אויסריי־
ניגונגען", צו וועלכע די סעקציאָנען האָבען זיך געמוזט אונטערוואר־
פען, אום צו געפינען חן אין די אויגן פון די יאקאָבינער, שליסט ער
מיט פאָלגענדע ווערטער: „מישלע איז געווען גערעכט, אלזאָ, ווען
ער האָט געזאָגט, דאָס ביי דיזער צייט זיינען די פערזאמלונגען פון די
סעקציאָנען געווען טוידט. די גאַנצע מאַכט איז אריבער צו די רע־
וואָלוציאָנערע קאָמיטעס, וועלכע, ווערענדיג אליין נאָמינירט פון דער
רעגיערונג, האָבען אויך ניט געהאַט פיעל לעבענס־קראפט."

דעם 9טען טהערמידאָר (און פאר דאָס האָט מעליע געפונען די
בעווייזע אין די ארכיוועו) אין כמעט אלע סעקציאָנען זיינען די רע־
וואָלוציאָנערע קאָמיטעס געווען פערזאמעלט אום צו ווארטען אויף די
בעפעהלע פון דער רעגיערונג. עס איז דארום ניטאָ זיך וואָס צו
וואונדערען, וואָס די סעקציאָנען האָבען ניט געטהאָן גאָר ניט געגען
די רעאקציאָנערען פון דעם 9טען טהערמידאָר.

וויל אריינגעריסען דער קאָלום פון די גראַוויליערס און ארסים. א יונגען זשאנדאר, וועלכער איז געווען דער ערשטער ביין אריינ־געהן אין צימער, אין וועלכען עס זיינען געווען ראָבעספּיער און זיינע פריינד, האָט אויסגעשאָסען פון א פּיסטאָלעט און צושמע־טערט ראָבעספּיער׳ס מאָרדע. דער האָטעל דע־וויל, דער סאמע צענטער פון קאמפּף, איז איינגענומען געוואָרען אָהן די מינדעס־טע פערטהיידיגונג. דאן האָט לעבאָ זיך געטוידטעט, דער יונ־גער ראָבעספּיער האָט פּרובירט זיך טוידטען דורך א שפּרונג פון פענסטער פון דריטען עטאזש; קאָפּפענהאל האָט א כאָפּ גע־טהאָן הענריאָ׳ן, ווערען ער האָט בעשולדיגט אין זייער מפּלה, און איהם ארויסגעשליידערט פון פענסטער; סען זשוסט און קוטהאָן האָבען זיך געלאָזט רוהיג ארעסטירען.

אויף מאָרגען פריה נאָך א בלויזע פאָרמאַליטעט פון פעסט־שטעלען, ווער זיי זיינען, זיינען זיי אלע הינגעריכטעט געוואָרען. זייער צאָהל איז געווען איין־און־צוואנציג. זיי זיינען געגאנגען צו זייער טוידט אין דעם פּלאַס דע לא רעוואָלוסיאָן דורך א לאנ־גען מארשרוט צווישען די בעליידיגונגען פון די אנטי־רעוואָלו־ציאָנערע מאסען. די אריסטאָקראטען פון פאריז, וועלכע האָבען זיך געאיילט צו געניסען דיזען אנבליק, זיינען געווען איצט נאָך מעהר יום טוב׳דיג געשטימט, ווי אין דעם טאָג, ווען די הע־בערטיסטען זיינען הינגעריכטעט געוואָרען. פענסטער זיינען פערדונגען געוואָרען פאר פאבעלהאפטע פּרייזען, און די דאמען, וועלכע זיינען געזעסען אין זיי, זיינען געווען געקליידעט, ווי צו א באָלל. די רעאקציע האָט טריאומפירט, די רעוואָלוציע האָט זיך געענדיגט.

---

דאָ וועלען אויך מיר זיך אָבשטעלען, ניט דערצעהלענדיג די איינצעלהייטען פון די אָרגיען אונטער דעם ווייסען טעררָאָר, וועלכער האָט זיך אָנגעפאנגען נאָך דעם טהערמידאָר, אָדער די איינצעלהייטען פון די צוויי פערזוכען פאר אן אויפשטאנד גע־גען דעם נייעם רעזשים.

די געגנער פון טעררָאָר, וועלכע האָבען אימער גערעדט

פון רחמנות, האָבען עס נור געוואָלט פאר זיך און זייערע פריינד. די ערשטע זאך, וואָס זיי האָבען געטהאָן, ווען זיי האָבען געקראָגען די מאכט איז געווען היגצוריכטען אלע אנהעננער פון די מאנטאנארען, וועמען זיי האָבען בעזיעגט. אין די דריי טעג, דעם 10טען, דעם 11טען און דעם 12טען טהערמידאָר, זיינען פאָרגעקומען הונדערט און דריי הינריכטונגען. מסירות האָבען זיך געשאָטען פון די מיטעל־קלאַסען, און די גיליאָטינע האָט געארבייט שווער — דאָס מאָל אויף דער זייט פון דער רעאקציע. אין דעם משך פון 10 מאָנאטען, נאָך דעם ניינטען טהערמידאָר, זיינען פעראורטהיילט געוואָרען צום טוידט אָדער פערהאפטעט געוואָרען דריי און זיעבציג מאָנטאָנארען, וועהרענד דריי און זיעבציג זשיראָנדיסטען זיינען צוריק אריין אין די קאָנוועגשען.

איצט איז געקומען די צייט פאר די ווירקליכע שטאאטלייט. דער מאקסימום־פרייז אויף די פערשיעדענע נויטוועגדיגקייטען איז שנעל אָבגעשאפט געוואָרען, וואָס דאָס האָט פעראורזאכט א געוואלדיגען קריזיס, וועהרענד וועלכען ספעקולאציאָן און שווינדעל האָבען דערגרייכט דעם העכסטען גראד. די מיטעל־קלאַסען האָבען געפייערט זייער גרויסען יום־טוב, ווי זיי האָבען דאָס געטהאָן נאָך א מאָל שפעטער אין יוני, 1848 און אין מאי, 1871. די צולאָזענע אריסטאָקראטיע האָט געהערשט איבער פאריז, וועהרענד די ארבייטער, זעהענדיג, דאָס די רעוואָלוציע איז בעזיעגט, זיינען זיך ווידער פערקראָכען אין זייערע חורבות, אום צו טראכטען וועגען די מעגליכקייט פון א נייעם אויפשטאנד.

זיי האָבען פרובירט צו מאכען אַן אויפשטאנד דעם 1טען אפריל, 1795, און נאָך א מאָל דעם 20טען מאי, פאָרדערענדיג ברויט און די קאָנסטיטוציע פון 1793. ביי דיזער געלעגענהייט האָבען די פאבורגען ארויסגעוויזען פיעל מוטה, אָבער די מיטעל־קלאַסען האָבען צייט געהאט צו אָרגאניזירען זייערע קרעפטען. דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאל איז אָבגעשאפט געוואָרען, אזוי, דאָס די לעצטע מאָנטאנארען — ראָממע, בורבאָט, דיוראָי, סוב־

ראנסי, גוזשאָן און דיוקסנאָי — זיינען פעראורטהיילט געוואָרען צום טוידט דורך א מיליטערישע קאָמיסיע און זיינען הינגעריכ־טעט געוואָרען.

פון דאן אָן זיינען די מיטעל־קלאסען פערבליבען די בעלי־בתים פון דער רעוואָלוציע און די ארונטערשטייגונג־פּאזע איז פאָרטגעזעצט געוואָרען — די רעאקציע איז באלד געוואָרען אָן אָפּען־ראָיאליסטישע. די ראָיאליסטישע סאָלדאטען האָבען זיך שוין ניט מעהר בעהאלטען מיט זייערע ראָיאליסטישע קאָלירען און האָבען מיסהאנדעלט אלע די, וועלכע זיינען געווען בעקאנט, אלס „טערראָריסטען", דאָס הייסט, אלע רעפּובליקאנער. עס זיינען פאָרגעקומען פערפאָלגונגען פון מאסען און פון איינצעל־נע. ווער עס האָט נור אויף וועלכען עס איז אופן געהאָלפען אין דער הינריכטונג פון קעניג אָדער אין זיין פערהאפטונג נאָך זיין אנטלויפען נאָך וואררען, ווער עס האָט נור אנטהייל גענומען אין דעם אָנפאל אויף די טיוליערי, איז ארויסגעגעבען געוואָרען צו די ראָיאליסטען, און דאָס לעבען איז פאר איהם געוואָרען אונערטרעגליך.

אין דער פּראָווינץ, בעזאָנדערס אין דער סויטה, האָבען „די געזעלשאפט פון יעזוס" און „די געזעלשאפט פון דער זון" און אנדערע ראָיאליסטישע אָרגאניזאציאָנען געבושעוועט אויף גאָר א גרויסען מאסשטאב. אין די געפענגניסע פון ליאָן, מאר־סעל און אין נאָך פיעלע אנדערע, האָבען זיי געטוידטעט אלע די, וועלכע האָבען גענומען אָן אנטייל אין דער פריהערדיגער רע־גיערונג. מיגנע זאָגט: כמעט יעדער פלאץ אין דער סויטה האָט געהאט זיין צווייטען סעפּטעמבער, און דאָס מיינט, פער־שטעהט זיך, זיין צווייטען ראָיאליסטישען סעפּטעמבער. א חוץ דיזע הורבע אויסשלאכטונגען, האָבען די מיטגליעדער פון די אויבען־אָנגערופענע געזעלשאפטען פון יעזוס און פון דער זון, געמאכט זייער מענשען־יאגד נאָך איינצעלנע. אין ליאָן, וואו זיי האָבען נור געפונען א רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט זיך גערעטעט פון זייערע הריגות, האָבען זיי איהם געטוידטעט און אריינגעוואָרפען דעם קערפּער אין די רהאָן, גאָר אָהן א פּרע־

טענזיע צו פּראָצעסירען איהם. עהנליכע מעשים זיינען פאָרגע־
קומען אין טאַראַסקאָן.

די רעאַקציע איז געוואַקסען ביז ענדליך די קאָנוועגשען
איז צוזאמענגעבראָכען דעם 4טען ברומער, 4טען יאָהר (אָקטאָ־
בער 26, 1795). דער דירעקטאָריום האָט פערנומען איהר פּלאַץ,
און האָט פּאַרבּרייטעט דעם וועג פאַר דעם קאָנסולאַט צוערשט
און דאַן פאַר די אימפּעריע. דער דירעקטאָריום — דאָס איז
געוועזען א שרעקליכע אָרגיע פון די מיטעל־קלאַסען, אין וועלכער
די פערמעגענס, וואָס זיינען ערוואָרבען געוואָרען אין דעם משך
פון דער רעוואָלוציע, און בעזאָנדערס אין דער צייט פון דער
טהערמידאָרישער רעאַקציע, זיינען פערשווענדעט געוואָרען אין
א לוקסוס, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין גרענעץ. ווייל,
אויב די רעוואָלוציע האָט געבראַכט אין צירקולאַציאָן אכט
מיליאַרדען פּאַפּיר־געלד, איז די טהערמידאָרישע רעאַקציע גע־
גאַנגען צעהן מאָל אזוי שנעל אין דיזער ריכטונג, ווייל זי האָט
ארויסגעלאָזען די ערשטוינענדע סומע פון דרייסיג מיליאַרדען
אין פּאַפּיר אין דעם משך פון פופצעהן מאָנאַטען. פון דעם קענען
מיר זיך משער זיין די גרויסקייט פון די פערמעגענס, וועלכע
זיינען געמאַכט געוואָרען פון די „געשעפטס־לייט“, א דאַנק יענע
שרעקליך אונגעהויערע מאַסע פון פּאַפּיר־געלד.

און ווידער א מאָל אין מאַי, 1796, האָבען די רעוואָלו־
ציאָנערע קאָממוניסטען, אונטער דער פיהרערשאַפט פון באַ־
בעף, פּרובירט צו מאַכען אַן אויפשטאַנד, מיט דער הילפע פון
זייער געהיימער געזעלשאַפט, אָבער זיי זיינען ארעסטירט גע־
וואָרען, איידער עס איז נאָך געווען אַלעס פאַרטיג. א פערזוך צו
מאַכען רעבעלירען די סאָלדאַטען אין גרענעל, אין סעפּטעמבער
9, 1796, איז ווידער דורכגעפאַלען. באַבעף און דארטה זיי־
נען פעראורטהיילט געוואָרען צום טוידט און האָבען בעגאַנגען
דאַן זעלבסטמאָרד. אָבער אויך די ראָיאַליסטען האָבען געהאַט
זייער דורכפאַל, דעם 4טען סעפּטעמבער, 1797, און דער די־
רעקטאָריום האָט אָנגעהאַלטען ביז דעם 18טען ברומער, 8טען
יאָהר, (נאָוועמבער 9, 1799).

אין יענעם טאָג האָט נאפּאָלעאָן אויסגעפיהרט זיין שטאאטס־שטרייך, און די נאציאָנאלע רעפּרעזענטאציאָן איז אין גאנצען פערניכטעט געוואָרען דורך דעם געוועזענעם סאנקיולאָט, וועלכער האָט געהאט די ארמיי אויף זיין זייט.

די מלחמה, וועלכע האָט געדויערט זיעבען יאָהר, איז אויף אזא אופן געקומען צו איהר לאָגישען שלום. דעם 18טען מאי, 1804, האָט נאפּאָלעאָן זיך פּראָקלאמירט, אלס אימפּעראטאָר, און דאן האָט ווידער אויסגעבראָכען דער קריעג, און אָנגעהאל־טען מיט קורצע אונטערברעכונגען ביז 1815.

שלוש קאפיטעל.

# וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט אויפגעטהאָן.

---

ווען מען זעהט, ווי דיזער שרעקליכער, דיזער מעכטיגער קאָנוועט צופאַלט אין די יאָהרען 1794 און 1795, ווי עס פער־שווינדעט די שטאָלצע, די קראַפטפולע רעפובליק, און פראַנק־רייך פאַלט וויעדער אונטער דעם יאָך פון אַ באָנאַפּאַרטע, מוז מען זיך שטעלען די פראַגע:

„וואָס פאַר אַ פעולה האָט מען פון דער רעוואָלוציאָן, אַז די נאַציאָן מוז וויעדער ווערען פערשקלאַפט?" און אַזוי האָבען טאַקי גע'טענה'ט אין דעם משך פון גאַנצען יאהרהונדערט די אַלע שרעקעדיגע און צופריעדענע, וועלכע האָבען מורא געהאַט פאַר דעם אויסברוך פון נייע רעוואָלוציאָנען.

דאָס גאַנצע בוך גיט אַן ענטפער אויף דיזע טענה. נור דער, וועלכער האָט געזעהען אין דיזער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציאָן בלויז אַן ענדערונג פון דער רעגיערונגס־סיסטעם; נור דער, וועלכער ווייס גאָר ניט פון איהר עקאָנאָמישער און ערציהערי־שער ווירקונג — נור אַזעלכע מענשען קענען שטעלען אַזאַ פראַגע.

דאָס פראַנקרייך, וועלכע מיר האָבען פאַר די אויגען אין די לעצטע טעג פון 18טען יאהרהונדערט, איז פאָרט ניט דאָס זעל־בע פראַנקרייך, וואָס איז געוועזען פאַר 1879. וואָלט דען דיזעס שרעקליך אָרימע לאַנד, אין וועלכע יעדען יאָהר אַ דריטעל פון דער בעפעלקערונג איז געשטאָרבען פון הונגער, געקאָנט גאָר אויסהאַלטען די אַלע נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, וועלכע זיינען גע־

קומען גלייך נאָך דער רעוואָלוציאָן, און ווען פראנקרייך האָט זיך געהאט צו וועהרען געגען גאנץ אייראָפּא, ווען ניט די רע־וואָלוציאָן ?

א נייעס פראנקרייך איז געבאָרען געוואָרען אין די יאָה־רען 1792, 1793. אמת, אין פיעלע טהיילען פון פראנקרייך הערשט נאָך די הונגער־נויט. עס זיינען נאָך דאָ גענוג פּלע־צער, וועלכע פּראָדוצירען ניט גענוג תבואה פאר די ערנעהרונג פון דער בעפעלקערונג, און דער קריעג, וואָס האלט אָן, נעהמט פאר זיך אלע טראַנספּאָרט־מיטעל, און דארום איז די הונגער־נויט שטארק. אָבער דורך פיעלע עדות ווערט בעוויזען, אז פראנקרייך איצט ברענגט ארויס פיעל מעהר לעבענס־מיטעל, ווי אין 1789.

קיינמאָל איז ניט אזוי ענערגיש געאקערט געוואָרען די ערד, זאָגט דער היסטאָריקער מישלע, ווי אין דעם יאָהר 1792, ווען דער בויער האָט געלאָזט געהען זיין אקער־אייזען איבער די פעלדער, וועלכע ער האָט צוגענומען פון די פּריצים, די קלויס־טערס און די קירכען! קיינמאָל איז אזוי פיעל לאנד ניט בעאר־בייט געוואָרען — אויך די ראָיאליסטישע היסטאָריקער גיבען צו — ווי אין די יאָהרען פון דער רעוואָלוציאָן. די ערשטע גוטע גערעטעניש אין יאָהר 1794 האָט געבראכט דעם וואָהלשטאנד פאר צוויי דריטעל פראנקרייך. געוויס מייסטענס אין די דער־פער; אין די שטעדט האָט עס נאָך אלץ געפעהלט אין לעבענס־מיטעל. אָבער ניט, ווייל עס זיינען ניט געווען אין פראנקרייך דיזע לעבענס־מיטעל, אָדער אפשר ווייל די סאנקיולאָטישע גע־מיינדע פערוואלטונגען האָבען ניט אָנגענומען קיינע מאסרעגלען פאר די ערנעהרונג פון די, וועלכע האָבען ניט געפונען קיין אר־בייט, נור פשוט דערפאר, ווייל די אלע לאסט־פערד, וועלכע זיי־נען ניט געברויכט געוואָרען פון בויער דירעקט אויפ'ן פעלד, האָט די רעגיערונג צוגענומען, אום צוצושטעלען פּראָוויאנט און מוניציאָן צו די 14 ארמעען — יעמאָלט זיינען נאָך ניט געווען קיינע אייזענבאהנען.

א נייעס פראנקרייך איז ענטשטאנען אין דיזע פיער יאָהר

פון רעוואָלוציאָן. **דער בויער האָט זיך אָנגעגעסען זאַט** — צום ערשטען מאָל זייט יאהרהונדערטע. ער האָט ווידער אויסגעגליכען זיין געבוקטען רוקען! ער האָט זיך אָטוואזשעט צו רעדען. מען דארף נור לייענען די אויספיהרליכע בעריכטען איבער דאָס צוריקקעהרען פון לודוויג דעם 16־טען, ווי ער איז אין יוני, 1791, געבראכט געוואָרען, אלס געפאנגענער פון ווארען נאָך פאריז, און זאָל מען זיך אליין פרעגען: האָט זאָ־וואָס געקאָנט מעגליך זיין אין 1789? האָט געקאָנט זיין דיזע אינטערעסע אין עפענטליכע אנגעלעגענהייטען, דיזע איבערגעבענהייט און דיזע אונאבהענגיגקייט פון אורטהיילען? א נייע נאַציאָן איז געבאָרען געוואָרען, פונקט ווי מיר זעהען אין דיזען אויגענבליק קומט אויף דער וועלט א נייע נאַציאָן אין רוסלאַנד און טערקיי.

און נור דורך דיזער ווידערגעבורט איז פראנקרייך געוועזען אין שטאַנד אויסצוהאַלטען די מלחמות פון דער רעפובליק און נאַפּאָלעאָן און צו טראָגען די פרינציפּען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן אין דער שווייץ, אין איטאַליען, שפּאַניען, בעלגיען, האָללאַנד, דייטשלאַנד, ביז אזש אין רוסלאַנד. און ווען דיזע מלחמות זיינען אלע פּאָראיבער—די מלחמות, וועלכע האָבען געפיהרט די פראנצויזישע ארמעען אין עגיפּטען און מאָסקווע — וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, דאָס אין דעם יאָהר 1815 מוז פראַנקרייך זיין א זעהר פעראָרימטע און פערוויסטעטע לאַנד; אָבער ניין! דאָס לאַנד איז אין א בליהענדען צושטאַנד. די דערפער ווייזען ארוים אזא ארבייטס־ענערגיע, דאָס פראנקרייך ווערט אין דעם משך פון אייניגע יאָהרען דאָס לאַנד פון די וואָהל־האַבענדע בויערען. און באלד געפינט מען אויס, דאָס כאָטש מען האָט פון דעם פאָלק אזוי פיעל בלוט אָבגעצאַפּט, כאָטש עס זיינען אַזוי פיעל מענשענלעבען צוגרונד געגאַנגען, דאָך איז פראנקרייך דורך זיין שאַפּפונגס־קראפט איצט דאָס רייכסטע לאַנד אין איירָאפּא. עס ציהט ניט זיינע עשירות פון אינדיען אָדער פון אויסלענדישען מסחור, נור פון זיין אייגענער ערד, פון זיין ליעבע צו דער ערד, פון זיין בריה'שקייט און זיין

פליסיגקייט. דורך דעם, וואָס די רייכטהימער זיינע זיינען פערטהיילט צווישען פיעלע, איז עס דאָס רייכסטע לאַנד, און נאָך רייכער איז עס אין דעם, וואָס די צוקונפט מוז איהם ברענגען.

דאָס איז די ווירקונג פון דער רעוואָלוציאָן. דער אויבער־פלעכליכער צוקוקער זעהט נור אין דעם נאַפּאָלעאָנישען פראַנק־רייך דאָס שטרעבען נאָך רוהם; קומט אָבער דער היסטאָריקער און זעהט, דאָס אפילו די מלחמות פיהרט פראַנקרייך נור מיט דעם צוועק צו פערזיכערען זיך מיט די פרוכטען פון דער רעוואָ־לוציאָן: צו בעהאַלטען ביי זיך דאָס לאַנד, וואָס מען האָט אָב־גענומען פון די פריצים, די פריסטער און די רייכע; די פריי־הייט, וועלכע מען האָט אויסגעקעמפּפט ביי דעם דעספּאָטיזמוס. ווען פראַנקרייך גיט אַוועק דעם לעצטען טראָפּען בלוט, איז עס נור דערפאַר, אז די דייטשען, די ענגלענדער און די רוסען זאָלען אויף זיי ניט ארויפצווינגען א לודוויק אַן 18טען; דאָס ווערט געטהאָן, אז די ראָיאַליסטישע עמיגראַנטען ביי זייער צוריק־קעהרען נאָך פראַנקרייך, זאָלען ניט קענען ביי זיי מעהר צוריק־נעהמען דאָס לאַנד, וועלכעס זיי האָבען פעט געמאַכט מיט זייער שוויים, און אויך ניט די פרייהייטען, פאַר וועלכע זיי האָבען פערגאָסען זייער בלוט. און דער קאַמפּף ווערט 23 יאָהר אַזוי גוט געפיהרט, דאָס פראַנקרייך, ווען מען צווינגט איהם שוין וויע־דער אָנצונעהמען די בורבאָנען, קען זיי שטעלען זיינע בעדינגונ־גען: די בורבאָנען מעגען הערשען, אָבער דאָס לאַנד בלייבט אין די הענד פון די, וועלכע האָבען עס צוגענומען פון די פריצים; אפילו דער ווייסער טערראָר פון די בורבאָנען האָט ניט די העזה דאָס אָנצוריהרען. דער אַלטער סדר קען ניט צו־ריקגעבראַכט ווערען אין לעבען.

דאָס איז געוועזען דער געווינס פון דער רעוואָלוציאָן.

אויף נאָך עטוואָס מוז אָנגעוויזען ווערען.

עס קומט א צייט אין דער געשיכטע פון די פעלקער, ווען דאָס גאַנצע לעבען מאַכט דורך א טיעפע ענדערונג. דער אב־סאָליוטער קעניגטהום און דער פעאָדאַליזמוס האָבען געמיינט

אונטערגעהן אין 1789. מען האָט זיי ניט געקאָנט מעהר אויפ־האַלטען. מען האָט זיי געמוזט אויפגעבען.

אָבער צוויי וועגען האָבען זיך דאַן געוויזען: די רעפאָרם אָדער די רעוואָלוציאָן.

עס איז דאָ אימער אַ מאָמענט, ווען די רעפאָרם איז נאָך מעגליך. האָט מען אָבער ניט בענוצט זיך מיט דיזען מאָמענט, האָט מען זיך איינגעשפּאַרט׳ט צו קעמפּפען געגען די נייע פאָרדע־רונגען פון לעבען; לאָזט מען עס קומען צו דעם, אז די בלוט זאָל זיך אָנהויבען גיסען איבער די גאַסען, ווי דאָס האָט פּאַסירט דעם 14טען יולי, 1789 — דאַן קומט די רעוואָלוציאָן. און איינ־מאָל איז דאָ די רעוואָלוציאָן, דאַן מוז זי זיך ענטוויקלען ביז איהרע לעצטע קאָנזעקווענצען, דאָס הייסט, ביז צו דעם פּונקט, וועלכען זי קען דערגרייכען, לויט דעם גייסט און דעם מאָמענט פון דער געשיכטע, ווען זי קומט פאָר.

ווען מיר בעצייכענען מיט אַ לאַנגען שטריך דעם לאַנגזא־מען פאָרטשריט פון אַן ענטוויקלונגס־פּעריאָדע, בעמערקען מיר ווי דיזער לאַנגער שטריך פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך געהט אַלץ הע־כער און העכער. אָבער דאַן קומט די רעוואָלוציאָן, און די ליניע שפּרינגט גאַנץ הויך. אין ענגלאַנד שטייגט זי ביז צו דער פּוריטאַנישער רעפּובליק פון קראָמוועל און אין פראַנקרייך ביז צו דער סאַנקיולאָטישער רעפּובליק פון 1893. אָבער דער פאָרטשריט קען זיך ניט האַלטען אויף אַזא הויכקייט. די כחות, וועלכע זיינען איהם פיינדליך, פעראייניגען זיך צווישען זיך, אום איהם אראָבצושליידערען פון זיין הויכקייט, און די רעפּוב־ליק, וועלכע האָט זיך פערקליבען אַזוי הויך, מוז פערשווינדען. די ליניע לאָזט זיך אראָב. עס קומט די רעאקציאָן. אין פּאָלי־טיק וועניגסטענס זינקט די ליניע פון פאָרטשריט זעהר טיעף. אָבער ביסלעכווייז הויבט זי זיך ווידער אָן צו הויבען, און ווען דער פריעדען איז ווידער דאָ — 1815 אין פראַנק־רייך, 1688 אין ענגלאַנד — געפינען זיך ביידע לענדער אויף אַ פּיעל העכערער שטופע, ווי פאר דער רעוואָלוציאָן.

די עוואָלוציאָן הויבט זיך ווידער אָן. אונזער ליניע

הויבט אָן וויעדער לאַנגזאַם צו שטייגען. אָבער דיזער שטייגען קומט שוין פּאָר אויף אַ פּיעל העכערען שטאַפּעל, ווי פאַר דעם שטורם; און כמעט אימער קומט פּאָר אויך דער שטייגען פּיעל שנעלער, ווי בעפאָר.

דאָס איז אַ געזעץ פון דעם מענשליכען פּאָרטשריט, ווי אויך דער פּאָרטשריט פון יעדען איינצעלנעם. די געשיכטע פון פראַנקרייך פון אונזער צייט, וועלכע מאַכט דורך די קאָמונע, אום צו קומען צו אַ דריטער רעפּובליק, איז וויעדער אַ בעשטע־טיגונג פון דיזען געזעץ.

די ארבייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן בעשטעהט ניט אין דעם אליין, וואָס זי האָט דערגרייכט און פעסט געהאַל־טען; נור איהר ארבייט איז אויך די פּרינציפּען, וועלכע זי האָט איבערגעלאָזען אלס אַ ירושה צום קומענדען יאָהרהונדערט, אויך די שטרעבונגען, וועלכע זי האָט איבערגעלאָזען דער צוקונפט.

אַ רעפאָרמע בלייבט אימער אַ קאָמפּראָמיס מיט דער פער־גאַנגענהייט; אָבער אַ פּאָרטשריט, וואָס ווערט אויסגעפיהרט דורך אַ רעוואָלוציאָן, איז שטענדיג אַ צוזאָג פאר נייע פּאָרט־שריטע. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן איז אַ רעזולטאַט פון אַ יאָהרהונדערט פון עוואָלוציאָן. און אין דער זעלבער צייט שטעלט זיך אויף אַ פּראָגראַם פון דער עוואָלוציאָן, וועל־כע מוז פּאָרקומען אין דעם משך פון גאַנצען 19טען יאהרהונ־דערט. עס איז אַ געזעץ פון דער געשיכטע, דאָס די פּעריאָדע פון הונדערט ביז הונדערט און דרייסיג יאָהר, וועלכע פערגעהט צווישען צוויי גרויסע רעוואָלוציאָנען, קריגט איהר שטעמפּעל אויפגעדריקט אויף זיך פון דער רעוואָלוציאָן, פון וועלכער זי האָט אָנגעפאַנגען איהר לעבען.

די פעלקער ווענדען אָן זייערע כחות צו פערווירקליכען די אידעאלען, וועלכע די לעצטע רעוואָלוציאָן האָט זיי איבערגעגע־בען, אלס ירושה. אלעס, וואָס די רעוואָלוציאָן אליין האָט ניט געקאָנט פערווירקליכען, אלע די גרויסע אידעען, אלע פּראָבען צום סאָציאלען אויפבוי, וועלכע האָבען זיך געוויזען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן, דאָס אלעס ווערט דער אינ־

האלט פון דער עוואָלוציאָן, וועלכע קומען נאָך דער רעוואָלוציאָן. עס קומען נור צו די אלע נייע אידעען, וועלכע די עוואָלוציאָן ברענגט ארוים פון זיך, ווען זי געהט פערווירקליכען די גע׳ירשה׳נטע פּראָגראם. דאַן ענטשטעהט אין אַנאַנדער נאַציאָן אַ נייע גרויסע רעוואָלוציאָן, און דיזע שטעלט וויעדער אויף די פּראָבלעמע פאר דעם פאָלגענדען יאהרהונדערט.

אזוי איז געווען ביז היינט דער גאַנג פון דער געשיכטע.

צוויי גרויסע זיעגע בעצייכענען אין דער ווירקליכקייט דעם יאהרהונדערט, וואָס איז אוועק זייט 1789 ביז 1793.ביידע האָבען זיי זייער אורשפּרונג אין דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן, וועלכע פון איהר זייט האָט אויפגענומען די ארבייט פון דער ענגלישער רעוואָלוציאָן, האָט איהר אויסגעברייטעט און רייכער געמאַכט און בעלעבט מיט דעם גאַנצען פּאָרטשריט, וועלכער איז געמאכט זייט די ענגלישע בורזשואזיע האָט אָבגעשניטען איהר קעניג זיין קאָפּ און האָט איבערגעגעבען די עפענטליכע מאכט צום פּארלאמענט. דיזע צוויי גרויסע זיעגע זיינען די אָבשאַפונג פון דער לייב־אייגענשאפט און די אָבשאַפונג פון דער אבסאָליוטער מאָנארכיע, און דורך זיי האָט דער אינדיווידואום דערגרייכט אזעלכע פּערזענליכע פרייהייטען, פון וועלכע דער לייב־אייגענער און דער אונטערטהאַן פון דער אבסאָליוטער מאָנארכיע האָבען גאָר ניט געוואגט צו חלום׳ען, און זיי האָבען אין דער זעלבער צייט געפיהרט צו ענטוויקלונג פון דער בורזשואזיע און קאפּיטאליזמוס.

זיי שטעלען מיט זיך פאָר די הויפּט־ארבייט פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען אין פראנקרייך אין 1789 און וועלכער האָט זיך אין משך פון דער צייט, וועלכע איז שוין הינטער אונז, פערברייטעט לאַנגזאַם איבער גאַנץ אייראָפּא.

די בעפרייאונגס־ארבייט, וועלכע די פראנצויזישע בויערן האָבען אָנגעהויבען אין 1789, איז פאָרטגעזעצט געוואָרען דורך די ארמייען פון די סאַנקיולאָטען אין שפּאַניען, איטאליען, אין דער שווייץ, אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. ליידער האָט

עס קוים דערגרייכט פוילען, און צו רוסלאנד איז עס גאָר ניט צו־
געקומען.

די ליבּ־אייגענשאפט וואָלט שוין געווען טוידט אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט, ווען די פראנצויזישע בורזשואזיע, וועלכע איז געקומען צו איהר הערשאפט, טרעטענ־דיג איבער די טוידטע קערפער פון די אנארכיסטען, פון די קאָרדעליערען און יאקאָבינער, וואָלט ניט געבראכט צו א שטיל־שטאנד דעם רעוואָלוציאָנערען אויפשוואונג, ווען זי וואָלט ניט צוריק אויפגעבויט די מאָנארכיע און ווען זי וואָלט ניט אויסגע־ליפערט פראנקרייך צו דעם קייזערליכען שארלאטאן, נאפּאָלעאָן דעם ערשטען. דער פריהעריגער סאנקיולאָטען־גענעראל האָט זיך אונטערגעאיילט צו לאָזען די אריסטאָקראטיע זיך ווידער איינפונדעווען. אָבער דער שטוים איז געגעבען געוואָרען, און די אינסטיטוציאָן פון לייב־אייגענשאפט האָט געקראָגען איהר טוידט־קלאפּ. ניט קוקענדיג אויף דעם מאָמענטאנעם זיעג פון דער רעאקציאָן, האָט מען די לייב־אייגענשאפט דאָך אָבגעשאפט אין שפּאניען און איטאליען. אין דייטשלאנד איז זי שוין אין 1811 שטארק בעשרענקט געוואָרען, און אין 1848 איז זי אין גאנצען פערשוואונדען געוואָרען. רוסלאנד האָט זיך געזעהען געצוואונגען צו בעפרייען איהרע לייב־אייגענע אין 1861, און די מלחמה פון 1878 האָט געמאכט א סוף צו דער לייב־אייגענ־שאפט אויף דעם באלקאנישען האלב־אינזעל.

דער צירקעל איז איצט געשלאָסען. דאָס רעכט פון דעם לענדלאָרד איבער די פערזאָן פון דעם בויער איז מעהר ניטאָ אין איירָאפּא.

די היסטאָריקער נעהמען צו ווייניג אין אָנבעטראכט דיזען פאקט. זיי זיינען אין גאנצען ארייננגעטאָן אין פּאָליטישע פרא־גען, און בעמערקען גאָר ניט די אָבשאפונג פון לייב־אייגענשאפט. און דאָך איז דאָס דער כאראקטעריסטישער צוג פון 19טען יאהרהונדערט. די קאָנקורענץ צווישען די נאציאָנען און די מלחמות, וועלכע זיינען ארויסגעקומען דערפון, די פּאָליטיק פון די גרויסמעכטע, מיט וועלכע מען בעשעפטיגט זיך אזוי פיעל —

דאָס אַלעס קומט ארוים פון דעם איין גרויסען פאַקט פון דער אָבשאַפונג פון דער לייב־אייגענשאַפט און פון דער ענטוויקלונג פון דעם לוין־סיסטעם, וואָס האָט פערנומען איהר פּלאַץ.

דער פראַנצויזישער בויער, וועלכער האָט מיט הונדערט יאָהר צוריק רעבעלירט געגען זיין העררה, וועלכער האָט איהם געצוואונגען צו שלאָגען אין טייך, כדי דאָס קוואקען פון די זשאַבעס זאָל איהם ניט שטערען אין זיין שלאָף, האָט דערמיט בעפרייט די בויערן פון גאַנץ איירָאָפּא. דערמיט וואָס ער האָט פערברענט די פּאַפּיערען, אין וועלכע זיין קנעכטשאַפט איז געווען פער'חתמ'עט — און ביי דער געלעגענהייט איז עס אָפט פּאָרגע־קומען, דאָס אויך די פריצישע שלעסער האָבען מיטגע־ברענט, און די בויערן האָבען גע'משפּט די פּריצים, וועלכע האָ־בען ניט געוואָלט אנערקענען זייערע מענשענרעכטע — דערמיט האָט ער בעפרייט גאַנץ איירָאָפּא פון דיזען פלוך פון לייבאיי־גענשאַפט.

און פונקט אַזוי האָט אויך די אָבשאַפונג פון דער אבסאָלו־טער קעניגליכער הערשאַפט געברויכט הונדערט יאָהר, ביז זי האָט דורכגערייזט גאַנץ איירָאָפּא. דאָס קעניגטהום פון גאָטעס גנאַדען, וואָס איז שוין אין ענגלאַנד אָנגעגריפען געוואָרען אין 1648, און איז בעזיעגט געוואָרען אין פראַנקרייך אין 1789, בע־שטעהט נאָך היינט צו טאָג בלויז אין רוסלאַנד. אפילו די קליינע באַלקאַן־שטאַאטען און אויך טערקיי האָבען איצט זייערע פּאַר־לאַמענטען. רוסלאַנד טרעט אויך אריין אין דיזען צירקעל.

אַזוי האָט אין דיזער הינזיכט די רעוואָלוציאָן פון 1789 ביז 1793 געטהאָן איהר ארבייט. איירָאָפּא האָט די גלייכהייט פאַר'ן געזעץ און די רעפּרעזענטאַטיוו־רעגיערונג כמעט אין אַלע איהרע קאָנסטיטוציאָנען. אין טהעאָריע, לכל הפחות, איז דאָס געזעץ גלייך פאַר אַלע, און אַלע האָבען דאָס רעכט מעהר אָדער וועניגער טהיילצונעהמען אין דער רעגיערונג.

דער אבסאָלוטער מאָנאַרך און דער לענדלאָרד — דער העררה פון דעם באָדען און פון דעם בויער אויף דעם גרונד פון זיין

געבורטס־רעכט — זיינען פערשוואונדען. דאָס בירגערטהום הערשט אין איירָאפּא.

אָבער צו גלייכער צייט האָט אונז די גרויסע רעוואָלוציאָן איבערגעלאָזען פּרינציפּען, וועמעס בעדייטונג איז ניט דער ערך גרעסער. די פּרינציפּען פון קאָמוניזמוס. מיר האָבען געזעהען, ווי די קאָמוניסטישע אידעע האָט אין דער גאנצער צייט פון דער רעוואָלוציאָן געוואָלט זיך דורכברעכען אַ וועג, און ווי נאָך דעם פאַל פון די קאָמוניסטען, זיינען פיעלע פראָבען, און מאַנכעס מאָל שטארק ווייט־געהענדע, געמאַכט געוואָרען אין דיזען זין. דער פוריעריזמוס שטאַמט דירעקט פון יענער בעוועגונג. באַבעף איז דירעקט דאָס קינד פון די אידעען, וועלכע האָבען בעגייס־טערט די מאַסען אין 1793. ער, בונאַררָאָטטי און סילווין מאַרשאַל האָבען ניט געטהאָן קיין אנדער זאך, ווי נור דאָס, וואָס זיי האָבען געבראַכט אין אַ סיסטעם אָדער אין אַ ליטעראַרישע פאָרם די אידעען פון יענער צייט. אָבער פון די געהיימע גע־זעלשאַפטען פון באַבעף און בונאַררָאָטטי קומען די געהיימע גע־זעלשאַפטען פון די „מאַטעריאַליסטישע קאָמוניסטען“, אין וועל־כער בלאַנקי און אַנדערע שפּינען זייערע פערשווערונגען אונטער דער בירגער־מאָנאַרכיע פון לואי פיליפּ. שפּעטער קומט ארויס פון זיי אין גאַנץ דירעקטער אָבשטאַמונג „די אינטערנאַציאָ־נאַלע“.

וואָס דעם סאָציאַליזמוס אַנבעטרעפט, ווייס מען איצט, אז דיזער וואָרט איז אָנגענומען געוואָרען אום אויסצומיידען צו רו־פען זיך „קאָמוניסט“ — וואָס איז געוועזען געפעהרליך אין אַ גע־וויסער צייט, ווייל די געהיימע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטען, וועלכע זיינען געוועזען געזעלשאַפטען פאַר ט ה א ט, זיינען פון דער בורזשואזיע שרעקליך פערפאָלגט געוואָרען.

אזוי ענטשטעהט אַ ניט אונטערבראָכענע פאָלגענרייהע פון דער בעוועגונג פון 1793 און באַבעף פון 1795 ביז צו דער אינ־טערנאַציאָנאַלע.

און פונקט אזוי פעסט שטעהט די אָבשטאַמונג פון די אידעען.

דער סאָציאַליזמוס פון אונזער צייט האָט אבסאָלוט גאָר ניט צו־

געגעבען צו די אידעען, וועלכע האָבען צירקולירט צווישען פראנצויזישען פאָלק פון 1789 ביז 1795, און וועלכע דאָס פראנ־צויזישע פאָלק האט געזוכט צו פערווירקליכען אין יאָהר 2 פון דער רעפובליק. דער סאָציאליזמוס פון אונזער צייט האָט נור דיזע אידעען סיסטעמאטיזירט און געפונען ארגומענטען פאר זיי אָדער דערמיט, וואָס ער האָט זיך בענוצט מיט די דעפיניציאָנען פון די בורזשואזע עקאָנאָמיסטען גופא געגען זיי אָדער ער האָט אין אלגעמיין אָנגעווענדעט די פאקטען פון דעם אינדוסטריעלען קאפיטאליזמוס אין דעם משך פון 19טען יאהרהונדערט.

אָבער איך ערלויב זיך צו בעהויפטען, דאָס דער קאָמוניז־מוס פון די צוויי ערשטע יאָהרען פון דער פראנצויזישער רעפוב־ליק, ווי אונבעשטימט ער איז געווען, און ווי ווייניג ער האָט זיך געשטיצט אויף ארגומענטען פון א וויסענשאפטליכען קאָליר, און ווי ווייניג געברויך ער האָט געמאכט פון דער פאלש־וויסענ־שאפטליכער שפּראך פון די בורזשואזע עקאָנאָמיסטען, דאָך האָט ער געזעהען קלערער, און זיין אונטערזוכונג האט אריינגעדרונגען פיעל טיעפער, ווי דער מאָדערנער סאָציאליזמוס. פריהער פון אלץ האָבען די שטאָלצע רעפּובליקאנער פון 1793 געהאט אין זינען דעם קאָמוניזמוס פון פערברויך — די קאָמוניזירונג און נאציאָנאליזירונג פון דעם פערברויך. דאָס איז געווען, וואָס זיי האָבען געוואָלט, ווען זיי האָבען אויפגעבויט אין יעדער געמיינדע זייערע תבואה־שפייכלער, ווען זיי האָבען אָנגעהויבען אַן אונ־טערזוכונג, אום אויסצוגעפינען און פעסטצושטעלען דעם אמת'ען ווערטה פון די לעבענס־בעדירפניסע פון דער ערשטער און צוויי־טער אָרדנונג, ווען זיי האָבען ראָבעספּיער'ן אריינגעלעגט אין מויל דאָס טיעפע וואָרט, דאָס נור מיט די לעבענס־מיטעל, וועלכע זיינען דאָ אין איבערפלוס, מעג מען האנדלען. דאָס נויט־ווענדיגע אָבער געהערט אלעמען.

דער קאָמוניזמוס פון 1793, וועלכער האָט דירעקט ארויס־געשטאמט פון די בעדירפניסע פון דעם שטורמדיגען לעבען פון דיזע יאָהרען, מיט זיין בעטאָנונג פון דעם רעכט פון אלע אויף לעבענס־מיטעל און אויף דעם גרונד און באָדען, אום זיי צו בע־

שאפען, זיין פערוואַרפען פון די רעכטע אויף גרונד־אייגענטהום איבער דעם, וואָס אַ פאַמיליע קען אַליין בעאַרבייטען, און זיין פערזוך צו קאָמוניזירען דעם האַנדעל — דיזער קאָמוניזמוס איז גענאַנגען געראַדע צום סאַמע וואָרצעל פיעל מעהר, ווי אַלע מי־נימום־פּראָגראַמען און זאָגאַר מאַקסימום־פּרינציפּען פון אונזער צייט.

יעדענפאַלס ווייס מען איצט, ווען מען ערפאָרשט די גרויסע רעוואָלוציאָן, דאָס זי איז דער קוואַל פון אַלע קאָמוניסטישע, אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע אנשויאונגען פון אונזער צייט. מיר האָבען אַלע שלעכט געקענט אונזער מוטער: אָבער מיר געפינען זי איצט ווידער, און מיר זעהען, וואָס מיר האָבען פון איהר צו לערנען.

די מענשהייט געהט ווייטער פון שטופע צו שטופע, און איהרע סטאַנציעס זיינען געווען זייט מעהרערע יאָהרהונדערטע בעצייכענט פון גרויסע רעוואָלוציאָנען. נאָך ענגלאַנד, וועלכע האָט געמאַכט איהר רעוואָלוציאָן אין 1648־1657 איז געקומען פראַנקרייך, און איצט איז אפשר געקומען די רייהע פון רוסלאַנד. יעדע גרויסע רעוואָלוציאָן האָט געהאַט עטוואָס אָריגינעלעס, עטוואָס בעזאָנדערעס פאַר זיך. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבעןביידע אָבגעשאַפט די אבסאָלוטע מאָנאַרכיע. אָבער ענגלאַנד האָט זיך דערביי מעהר בעשעפטיגט מיט די פערזענליכע רעכטע פונ'ם איינצעלנעם — בעזאָנדערס אין רעליגיעזע ענינים — ווי אויך מיט די לאָקאַלע רעכטע פון יעדער סעקטע און יעדער גע־מיינדע. פראַנקרייך האָט מעהר פון אַלץ אָנגעשטרענגט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף די באָדען־פראַגע און דערמיט געטראָ־פען דער פעאָדאַל־סיסטעם אין הארצען אריין. און האָט דערמיט אויך געטראָפען דעם גרויס־גרונד־בעזיץ און אריינגעוואָרפען אין דער וועלט דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַליזירונג פון לאַנד און דער סאָציאַליזירונג פון האַנדעל און די הויפּט־אינדוסטריען.

וועלכע נאַציאָן וועט נעהמען אויף זיך די אויפגאַבע צו מאַ־כען די נעכסטע גרויסע רעוואָלוציאָן? מען האָט פאַר אַן אויגענ־בליק געמענט גלויבען, אַז דאָס וועט זיין רוסלאַנד. וועט אָבער

רוסלאַנד מאַכען איהר רעוואָלוציאָן איבער אַ בלויזע איינשרענ־
קונג פון דער צאַרישער מאַכט, אָדער זי וועט אָנפאַסען רע־
וואָלוציאָנער די גרויסע גרונד־אייגענטהומס־פראַגע — ווי ווייט,
פרעגט זיך, וועט זי געהען? וועט זי אויסמיידען דעם פעהלער
פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און איבערגעבען
דעם פערגעזעלשאַפטעטען באָדען צו די, וועלכע וועלען איהם
בעאַרבייטען מיט די אייגענע הענד? מיר ווייסען עס ניט. ווער
עס וואָלט געוואָלט ענטפערען אויף דיזער פראַגע, דער וואָלט
געמוזט קענען זאָגען נביאות.

זיכער איז איין זאַך, וועלכע נאַציאָן עס מעג זיין, וועלכע
וועט אין אונזערע צייטען בעטרעטען דעם וועג פון רעוואָלוציאָן,
וועט זי ירש'ענען וואָס אונזערע פאָרגענגער אין פראַנקרייך האָ־
בען געשאַפען. די בלוט, וואָס איז דערביי פערגאָסען געוואָרען,
איז געפלאָסען פאר די מענשהייט. די ליידען, וועלכע זיי האָבען
דאָן דורכגעמאַכט, האָבען זיי איבערגעטראָגען פאר די גאַנצע
מענשהייט. זייערע קעמפפע, די אידעען, וועלכע זיי האָבען
אריינגעבראַכט אין די וועלט, דער צוזאַמענשטויס פון דיזע
אידעען — דאָס אַלעס איז די ירושה פון דער מענשהייט. דאָס
אַלעס האָט געבראַכט זיינע פרוכט, און וועט ברענגען נאָך אַנ־
דערע, נאָך שענערע, און וועט אונז פיהרען אַלץ ווייטער און ווייי־
טער אין דעם זין, וועלכען מיר געפינען אין די ווערטער פון דער
גרויסער רעוואָלוציאָן

פ ר י י ה י י ט, ג ל י י כ ה י י ט
א ו ן ב ר י ד ע ר ל י כ ק י י ט,

וועלכע לייכטען, ווי דער עמוד האש, וועלכען מיר מאַרשירען
אנטקעגען.